STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02502

VELT-GESHIKHTE

H. G. Wells

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ג. אועלס

וועלט-געשיכטע

פון ענגליש: שרה לערמאַן

ערשטע טייל (ביז קריסטוס)

פאַרלאַג מ. ירוחמזאָן
וואַרשע
1927

H, G. W E L S
Historja Świata
Część I (do Chrystusa)
Tłom. Sara Lerman

Wydaw. M. Jeruchemzon,
Warszawa, Miodowa 20

Druk. „GLORIA" Warszawa, Solna 9.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט			I—II
קאַפּיטל	1.	דער וועלט-שטח	3—6
„	2.	די עלטער פון דער וועלט	6—9
„	3.	דער אָנהייב פונם לעבן	10—13
„	4.	דער פיש-פעריאָד	14—18
„	5.	דער קוילן-זומפּן־פּעריאָד	19—24
„	6.	דער שרצים-פּעריאָד	24—29
„	7.	די ערשטע פייגל און די ערשטע זויג-חיות	29—34
„	8.	דער פעריאָד פון די זויג-חיות	34—39
„	9.	מאַלפּעס, אַפּן און אונטער־מענטשן	39—44
„	10.	דער נעאַנערטאַלער און דער ראָדעזיאַנער מענטש	45—50
„	11.	די ערשטע אמתע מענטשן	50—55
„	12.	דער פּרימיטיווער געדאַנק	55—61
„	13.	דער אָנהייב פון ערד-אַרבעט	61—66
„	14.	די פּרימיטיווע נעאָליטישע ציוויליזאַציעס	67—72
„	15.	סומיריע, אַלט־מצרים און די שריפט	72—77
„	16.	די פּרימיטיווע נאָמאַדישע פעלקער	77—82
„	17.	די ערשטע ים-פאָרנדיקע פעלקער	82—88
„	18.	מצרים, בבל און אשור	88—95
„	19.	די פּרימיטיווע אַריער	96—101
„	20.	די ערשטע בבלישע אימפּעריע און די אימפּעריע פון דאַריוס I	101—105

קאַפּיטל	21.	אַלטע יידישע געשיכטע	106—112
„	22.	כוהנים און נביאים ביי יידן	112—117
„	23.	די גריכן	117—123
„	24.	די גריכיש-פּערסישע מלחמות	124—128
„	25.	דער גלאַנץ-פּעריאָד אין גריכנלאַנד	129—133
„	26.	די מלוכה פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן	133—138
„	27.	דער מוזעאום און די ביבליאָטעק אין אַלעקסאַנדריע	138—144
„	28.	דאָס לעבן פון גאַוטאמאַ בודדאַ	145—151
„	29.	קעניג אַסאָקאַ	152—153
„	30.	קאָנפוציוס און לאַאָ-טסי	153—159
„	31.	רוים באַווייזט זיך אין דער געשיכטע	160—167
„	32.	רוים און קאַרטאַגע	167—172
„	33.	דער וווקס פון דער רוימישער אימפעריע	172—186
„	34.	צווישן רוים און כינע	186—192
„	35.	אַ פּשוטן מענטשס לעבן אין דער אַלטער רוימישער אימפעריע	192—200
„	36.	די רעליגיעזע אַנטוויקלונגען אין דער רוימישער אימפעריע	200—208

געווידמעט דעם אויפוואַקסנדיקן דור
די איבערזעצערין

פאָרוואָרט

געבנדיק דעם יידישן לעזער דאָס פאָרליגנדיקע בוך — דאָס אָריגינעלסטע בוך אויפן געביט פון דער געשיכטע, גע־שריבן אינם גייסט פון דער מאָדערנער צייט — האָפן מיר, אַז עס וועט פאַרנעמען אַ חשוב אָרט אין דער נייער יידישער ערנסטער ליטעראַטור.

דער יידישער באַוווסטזיניקער לעזער האָט זיך שוין לאַנג געגנויטיקט אין אַזאַ בוך, וויסנשאַפטלעך דערקלערט 1), וואָס זאָל אים באַקענען מיט די וויכטיקסטע געשעענישן, שטרעמונגען, באַוועגונגען, אַנטדעקונגען, דערפינדונגען און זייערע ווירקונגען און איינפלוסן אויף דער מענטשהייט. דאָס דאָזיקע בוך, וואָס אָטעמט מיט לעבן און וועקט צום קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן פאַר דער מענטשהייט, דאַרף זיך געפינען אויפן טיש פון יעדן באַוווסטזיניקן, אינטעליגענטן אַרבעטער.

וואָס ס׳איז שייך דער איבערזעצונג איז זי געמאַכט גע־וואָרן פונם אָ ר י ג י נ א ל און אָן שום ענדערונגען, פאַר די

---

1) שרייבנדיק דאָס דאָזיקע בוך, האָט דער מחבר זיך געווענדעט צו די גרעסטע אויטאָריטעטן און געלערנטע אויף יעדן געביט פון דער וויסנשאַפט און באַהאַוונטע אין יעדער עפּאָכע פון געשיכטע.

דערקלערונגען און באמערקונגען איז די איבערזעצערין פאראנט וואָרטלעך.

די איבערזעצערין

באמערקונג: רעדנדיק וועגן די יידן (קאפ. 22) שרייבט דער מחבר, אַז די יידן זענען געווען אַ באַרבאַריש פאָלק. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין אין דעם זין, וואָס זיי האָבן נאָך דעמאָלס גאָר נישט געהאַט געשאַפן פאַר דער ציוויליזאַציע.

קאַפּיטל 1.

דער וועלט-שטח.

די געשיכטע פון אונדזער וועלט איז האָך נישט אינגאַנצן פולקאָם באַוווסט. מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק האָבן מענטשן געקענט די געשיכטע פון עפּעס מער ווי 3.000 יאָר. וואָס ס'איז פּאָרגעקומען פריער פאַר יענער צייט האָט געהערט צו דער לעגענדע אָדער השערות. אַ גרויסער טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט האָט געגלויבט און געלערנט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פּלוצלונג, אין יאָר 4004 פאַר קריסטוס, הגם די אויטאָריטעטן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע מיינונגען בנוגע דעם, צי דאָס איז געשעען אין פרילינג אָדער אין האַרבסט פונם אויבנדערמאָנטן יאָר. די דאָזיקע פאַנטאַסטישע, געגוי אויסגערעכנטע מיסקאָנצעפּציע האָט זיך געשטיצט אויף דער צו-וווערטלעכער ביבל-אויסטייטשונג, און אויף די דערמיט פאַרבונדענע, גיכער גרונטלאָזע, טעאָלאָגישע סברות. די רעליגיעזע געלערנטע האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון די דאָזיקע מיינונגען, און בכלל איז איצט אָנגענומען, אַז די וועלט אויף וועלכער מיר לעבן, עקזיסטירט שוין, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, אַ גוואַלטיק לאַנגע צייט, אפשר זינט אומענדלעכע צייטן. נאַטירלעך קענען זיין טעותים אין די וואַרשיינלעכקייטן,

פונקט ווי אַ שטויב קען זיך אויסדאַכטן אַלס אומענדלעכע, ווען מיר שטעלן דאָרטן אַריין שפּיגלען אין יעדן ווינקל. אָבער די מיינונג, אַז די וועלט, אויף וועלכער מיר לעבן, עקזיסטירט נאָר 6000 אָדער 7000 יאָר. מעגן מיר האַלטן אַלס אַן אָפּגעוואָרפענע.

ווי ס׳איז היינט יעדן איינעם באַוווסט, איז די ערד אַ קיילעכדיקער באַל, פּאַמעראַנץ־פאָרמיק, לייכט צונויפגעדריקט און איר דיאַמעטער פאַרנעמט אַ שטח פון כמעט 12.800 קלמ. אַן ערך 2.500 יאָר צוריק האָט נאָר אַ באַגרענעצטע צאָל אינטעליגענטע מענטשן געוווסט, אַז די ערד איז קיילעכדיק. פריער האָט מען זיך משער געווען, אַז זי איז פלאַך, און ס׳האָבן זיך געהאַלטן פאַרשידענע מיינונגען, וועלכע זענען היינט אויס משונה־דיק, בנוגע איר שייכות צו דעם הימל, שטערן און די פּלאַנעטן. היינט ווייסן מיר, אַז זי דרייט זיך אַרום איר אַקס (וועלכער איז 38,4/10 קלמ. קלענער ווי דער עקוואַטאָריעלער דיאַמעטער). אין משך פון 24 שעה, און דאָס איז די סיבה פון טאָג־ און נאַכט־ענדערונגען. די דרייט זיך אַרום דער זון אין אַ לייכט אויסגעקרומטן און פּאַמעלעך זיך טוישנדיקן, אָוואַלן גאַנג אין משך פון אַ יאָר. איר ווייטקייט פון דער זון שוואַנקט צווישן 146,400,000 קלמ., אַלס די נאָענטסטע, און 151,000,000 קלמ. נעבן דער ערד דרייט זיך אַ קלענערער באַל, די לבנה, אויף אַ דורכשניטלעכער ווייטקייט פון 382,400 קלמ. אָבער די ערד און די לבנה זענען נישט די איינציקע קערפּער, וועלכע דרייען זיך אַרום דער זון. ס׳זענען נאָך פאַראַן די פּלאַנעטן מערקור און ווענוס אויף עווענטועלע ווייטקייטן פון 57.600.000 און 59.200.000 קלמ. ווייטער פון דעם ערד־קרייז, נישט רעכנדיק אַ מאַס פון צאָלרייכע קלענערע קערפּער, די פּלאַנעטאָאידן זענען פאַראַן: מאַרס, יופּיטער, סאַטורן, אוראַן און נעפּטון אויף די עווענטועלע ווייטקייטן פון 225.600.000, 772.800.000, 1.417.600.000, 2.851.200.000 און 2.868.800.000 קלמ. אַט די

דאָזיקע מיליאַרדן און מיליאָנען קלמ. איז זער שווער צו באַ-
גרייפן מיטן שכל. עס וועט פאַרן לייענער זיין פאַרשטענדלע-
כער, ווען מיר וועלן רעדוצירן די זון און די פלאַנעטן אויף אַ
מער באַגרייפבאַרן, קלענערן מאַסשטאַב. אויב מיר וועלן שיל-
דערן די ערד אַלס אַ קליינעם באַל, וואָס האַלט 1 צאָל אין
דיאַמעטער, וועט די זון זיין אַ גרויסער גלאָבוס, וואָס האַלט
9 פוס אין אומפאַנג און 369 פוס אין דער לענג, דאָס הייסט
אַן ערך 320 מעטער, 4 אָדער 5 מינוט גאַנג. די לבנה וועט
זיין אַ קליין אַרבעסל, $2^{1}/_{2}$ פוס ווייט פון דער וועלט. צווישן
דער ערד און דער זון וועלן זיין די 2 אינערלעכע פלאַנעטן
מערקור און ווענוס, אויף עווענטועלע ווייטקייטן פון 375 פוס
און 750 פוס פון דער זון. נעבן און אַרום די דאָזיקע קער-
פער וועט זיין אַ ליידיקער שטח ביז מ'קומט צו צום מאַרס,
175 פוס ווייטער פון דער ערד, יופיטער כמעט $1,^{6}/_{10}$ קלמ.
ווייטער, (דער דיאַמעטער — 1 פוס) סאַטורן, אַ ביסל קלענער,
$3,^{3}/_{10}$ קלמ. ווייטער, אוראַן $6,^{4}/_{10}$ קלמ. ווייטער און נעפטון
$9^{6}/_{10}$ ווייטער. דאַן איז גאָרנישט נישטאָ, אויסער קליינע אַטאָ-
מען און שטראָמענדיקע שטיקער דינע פאַרע אויף אַ מהלך פון
טויזנטער קלמ. דער נאָענטסטע שטערן וועט לויט דעם דאָזיקן
מאַסשטאַב, זיין 64,000 קלמ. ווייט פון דער ערד. די דאָזיקע
צאָלן וועלן אפשר געבן אַ באַגריף וועגן דעם גוואַלטיקן ליי-
דיקן שטח, אויף וועלכן ס'שפילט זיך אָפּ די לעבנס-דראַמע.
פון דעם גאַנצן גוואַלטיקן שטח ווייסן מיר זיכער, אַז דאָס
לעבן עקזיסטירט נאָר אויף דער ערד-אויבערפלאַך. דאָס לעבן
דערגרייכט נישט מער ווי $4,^{8}/_{10}$ קלמ. אונטער דער אויבער-
פלאַך, (פון די 1600 קלמ., וואָס טיילן אונדז אָפּ פונם צענטער
פון אונדזער גלאָבוס) און עס דערגרייכט נישט מער ווי 8 קלמ.
איבער דער אויבערפלאַך. ס'איז באַשיינפערלעך, אַז דער אומ-
באַגרענעצטער שטח איז ליידיק און לעבנסלאָז. די אינסטרו-
מענטן צו מעסטן די טיפסטע ערטער אין ים דערגייען נאָר ביז 8

קלמ. דער העכסטער פלי-רעקאָרד פון אַן אַעראָפּלאַן איז עפּעס מער ווי $6,{}^{4}/_{10}$ קלמ. מענטשן האָבן דערגרייכט אין באַלאָנען ביז $11,{}^{2}/_{10}$ קלמ. אָבער דערפאַר באַצאָלט מיט שרעקלעכע ליידן קיין שום פויגל קען נישט דערפליען ביז 8 קלמ. און קליינע פייגעלעך און אינזעקטן, וועלכע מ'האָט מיטגענומען אויף אַן אַעראָפּלאַן, זענען אַראָפּגעפאַלן פאַרחלשט פון אַ סך נידריקער הויך.

קאַפּיטל 2.

דער עלטער פון דער וועלט.

אין די לעצטע 50 יאָר האָבן די געלערנטע אַרויסגעזאָגט זייער שאַרפזיניקע און אינטערעסאַנטע סברות וועגן דעם עלטער און אָפּשטאַמונג פון דער ערד. מיר קענען אַפילו נישט פּרעטענדירן צו געבן אַ סך-הכל פון די דאָזיקע סברות, ווייל זיי וואָלטן אונדז פאַרפירט אין די העכסט-סובטעלע, מאַטעמאַטישע און פיזיקאַלישע באַטראַכטונגען דער אמת איז, אַז די פיזיקאַלישע און אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפטן זענען נאָך אויף אַזוי פיל נישט אַנטוויקלט, און זיי קאָנען נישט מער געבן ווי אַ דערקלערנד סברות-ווינרק. בכלל הערשט די טענדענץ אָפּצושאַצן דעם עלטער פון דער ערד אויף א וואָס לענגערע צייט. עס ווייזט היינט אויס צו זיין וואַרשיינלעך, אַז די ערד האָט עקזיסטירט זעלבסטשטענדיק אַלס אַ זיך דרייענדיקער פּלאַנעט, וואָס איז געפלויגן אַרום דער זון, מער ווי 2 מיליאַרד יאָר. מעגלעך, אַז נאָך לענגער, דאָס איז אַזאַ צייט-מאָס, וואָס דערדריקט אונדזער כוח-הדמיון. פריער פאַר יענעם פּעריאָד פון

באַזונדער עקזיסטענץ, זענען די זון, די ערד און די אַנדערע פּלאַנעטן, וואָס דרייען זיך אַרום דער זון, מסתמא געווען אַ גרויסער ווירוואַר פון צעגאָסענער מאַטעריע אינם שטח. דער טעלעסקאָפּ אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין פאַרשידענע הימל-טיילן באַלויכטנדע ספּיראַלע נעפּל-קערפּער, די ספּיראַלע נעפּלען, וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, דרייען זיך אַרום אַ צענטער. אַ סך אַסטראָנאָמען זענען זיך משער, אַז די זון און אירע פּלאַנעטן זענען אַמאָל געווען אַזעלכע ספּיראַלע קערפּער, און זייער שטאָף האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער היינטיקער פאָרם. די דאָזיקע קאָנצענטראַציע איז פאָרגעקומען אין משך פון מאַיעסטעטישע אייביקייטן ביז די ערד און איר לבנה זענען אין יענעם ווייטן עבר וועגן וועלכן מיר האָבן שוין אָנגעגעבן צאָלן, געוואָרן אונטערשיידבאַר. זיי האָבן זיך דענסמאָל געדרייט אַ סך שנעלער ווי היינט; זיי זענען געווען אויף אַ קלענערן מהלך פון דער זון: זיי האָבן זיך געדרייט אַרום דער זון אַ סך שנעלער, און זיי זענען, וואַרשיינלעך, געווען אָנגעגליט אָדער צעגאָסן אויף דער אויבערפלאַך. די זון אַן פאַר זיך איז געווען אַ סך אַ גרעסערער פלאַם אויפן הימל. ווען מיר וואָלטן געקענט צוריקגיין צו יענער אומענדלעכקייט פון דער צייט און אָנקוקן די ערד אין איר אור-געשיכטלעכער פאַזע, וואָלטן מיר, גיכער ווי אַ היינטצייטיקע סצענע, געזען אַ סצענע, וואָס איז גיכער ענלעך צום אינערן פון אַ שאַכט-אויוון אָדער צו די אויבערפלאַך פון אַ לאַווע, איידער זי קילט זיך אָפּ און ווערט פאַרהאַרטעוועט. קיין וואַסער וואָלט מען דאָרטן נישט געזען, ווייל דאָס גאַנצע וואַסער איז דאָרט געווען אַ העכסט-איבערגעקאָכטער דאַמף אין אַ שטורמישער אַטמאָספערע פון שוועבלדיקע און מעטאַלישע פאַרעס. אונטער דעם האָט געווירבלט און געזידט אַן אָקעאַן פון צעגאָסענע פעלזן סובסטאַנצן. איבער אַ הימל פון פייערדיקע וואָלקנס זענען געפלויגן די ליכט פון דער זיך איילנדער זון און לבנה, פונקט ווי דער הייסער אָטעם פונם פלאַם. פאַ-

מעלעך, שטופנווייז, ווען 1 מיליאָן יאָר האָט געפּאָלגט נאָכן צווייטן, האָט די פייערדיקע סצענע נאָכגעלאָזט פון איר אויסברעכנדער אָנגעגליטקייט. די פּאַרעס פונם הימל האָבן אַראָפּגערעגנט און זיי זענען געוואָרן וועניקער געדיכט אין דער הייך; גרויסע פּאַרקוילטע שטיקער האַרטווערנדיקע פעלזן האָבן זיך באוויזן אויף דער אויבערפלאַך פון דעם צעגאָסענעם ים און זיי זענען דאָרטן פארזונקען געוואָרן, כדי אנדערע קאפויר שווימענדע מאַסעס זאָלן פארנעמען זייער אָרט. די זון און די לבנה ווערנדיק יואָס אַמאָל מער דערווייטערט און קלענער, זענען דעמאָלס געלאָפן איבער דעם הימל מיט א פארקלענערטער שנעלקייט,

די לבנה איז דענסמאָל, אַ דאַנק איר קלענערער גרויס, שוין געוועזן אָפּגעקילט, אַ סך ווייט דערפון צו זיין אָנגעגליט, און זי האָט אָדער געשטערט, אָדער אָפּגעשפּיגלט די זון-ליכט אין אַ רייע לקויס אין פולע לבנות און אַזוי אַרום ווערט די ערד, נאָך אַ שרעקלעכער לאַנגזאַמקייט אין משך פון אַ גוואַלדיק לאַנגער צייט, וואַס אַמאָל מער ענלעך צו דער ערד אויף וועלכער מיר לעבן, און ענדלעך איז געקומען אַ צייט, ווען דער דאַמף איז זיך אָפּגעשטאַנען אין דער קילער לופט אַלס וואָלקן און אויף די פעלזן איז מיט רעש אַראָפּ דער ערשטער רעגן, אין פאַרלויף פון אומענדלעכע טויזנטע יאָרן האָט זיך די גרעסערע טייל פון דער ערד'ס וואַסערן אויסגעפּאַרעט זיך אין דער אַטמאָספערע, אָבער דעמאָלס זענען איבער די זיך קריסטאַליזירנדיקע פעלזן געלאָפן הייסע שטראָמען, וועלכע האָבן פאַרשלעפּט אין די שטייענדיקע טייכלעך און אָזערעס שטיקער פעלזן און דאָרטן אָנגעלייגט שיכטן. ענדלעך איז מסתמא דער גרייכט געוואָרן אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכן אַ מענטש האָט געקענט שטעלן אַ פוס אויף דער ערד, זיך אַרומקוקן און לעבן. ווען מיר וואָלטן דעמאָלס געקאָנט אָפּשטאַטן אַ וויזיט דער ערד, וואָלטן מיר געשטאַנען אויף גרויסע לאַווע-ענלעכע פעלזן-מאַסעס אונטער אַ שטורמישן הימל אָן אַ שפּור פון באָדן אָדער צייכן

פון לעבעדיקע צמחים. חייסע און העפטיקע ווינטן, וועלכע האָבן איבערגעשטיגן די פורכבארסטע „טאָרנאדאָס“, וואָס האָבן ווען-עס-איז געשטורעמט, און גוס-רעגנס פון וועלכע אונדזערע היינטיקע לינדערע געלאָסענערע ערד ווייסט גאָרנישט, וואָלטן אונדז באַפאַלן, דאָס וואַסער פון די אראָפּגעגאָסענע רעגנס וואָלט פאַר אונדז פאַרבייגעלאָפן, פאַרבלאָטיקט פון די שטיקער פעלזן, זיך צונויפגעטראָפן אין די שטראָמען וואָס האָבן ארורכגעשניטן טיפע בערג-קעלן און הוילע ווענן בעת זייער לויף און האָבן אָנגעלייגט זייערע שיכטן אין די אור-ימען. דורך די וואָלקן וואָלטן מיר געזען אַ גרויסע זון, וואָס האָט זיך אָנזעעוודיק באַוויגן איבערן הימל און בעת איר גאַנג, ווי אויך בעת דער לבנה'ס איז פאָרגעקומען אַ טעגלעכע ענדערונג פון ערדציטערניש און איבערפלאַך-אויפהייבעדץ. די לבנה, וואָס קוקט היינט כסדר אויף איין זייט צו דער ערד, האָט זיך דאַן געדרייט אָנזעעוודיק און געוויזן יעטע זייט, וועלכע זי באַהאַלט היינט אזוי אומברחמנותדיק. די ערד איז אַלט געוואָרן. איין מיליאָן יאָר האָט געפאָלגט נאָך דעם אַנדערן, דער טאָג איז גרעסער געוואָרן, די זון איז געוואָרן דערווייטערט און לינדערער, די לבנה האָט פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט; די אינטענסיוויטעט פונם רעגן און שטורם איז קלענער געוואָרן, דאָס וואַסער פון די ערשטע ימען האָט זיך פאַרמערט אין אריינגעשטראָמט אין דעם אָקעאַן לבוש, וועלכן אונדזער פלאַנעט טראָגט פון דעמאָלס אָן. אָבער ס'האָט נאָך אַלץ נישט עקזיסטירט קיין לעבן אויף דער ערד, די ימען זענען געווען לעבנסלאָז און די פעלזן — אומפרוכטבאַר.

קאפיטל 3.

דער אָנהייב פונם לעבן.

ווי באַקאַנט, שטאַמען די ידיעות, וואָס מיר האָבן וועגן דעם לעבן, וועלכעס איז בגעוען פריער, איידער די מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַרשרייבן די געשיכטע, פון די שפּורן און פון די פאַרשטיינערטע לעבעדיקע זאַכן, וועלכע מ׳געפינט אין די שיכטן-אָנגעלייגטע פעלזן. אין שאָלן, שיפּער, קאַלך און אַן זאַמד-פעלזן זענען אויפגעהיטן ביינער, מושלען, אָדערן, שטאַם-בוימער, פרוכטן, פוס-טריט, אויסקריצונגען א. ד. ג. צוזאַמען מיט די איינגעשרומפּטע סימנים פון די אור-אָפּלוסן און צופלוסן און די גריבער פון די אור-רעגנס. אַ דאַנק דער כסדר׳דיקער, פליסיקער אונטערזוכונג פון דעם פעלזן-חשבון איז צונויפגע-שטעלט געוואָרן די פאַרגאַנגענע געשיכטע פון דער ערד׳ס עקזיסטענץ. דאָס ווייסט היינט כמעט יעדער איינער. אָבער די פעלזן-שיכטן ליגן נישט אין אָרדנונג, איין שיכט אויף דער צווייטער; זיי זענען געוואָרן פאַרקנייטשט, איינגעבויגן, אָבגערוקט, אויסגעקרומט און אויגעמישט צוזאמען, פונקט ווי די בלעטער פון א ביבליאָטעק, וואָס איז עטלעכע מאָל דורכאַנאַנד צוריבט און פאַרברענט געוואָרן, און נאָר אַ דאַנק דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון דורות איז דער חשבון צונויפגעשטעלט און איבער-געלייענט געוואָרן. עס ווערט היינט אָפּגעשאצט, אַז דער דאָ-זיקער חשבון שטעלט מיט זיך פאַר אַ פעריאָד פון 1 מיליאַרד און 600 מיליאָן יאָר. די עלטסטע פעלזן פון דעם חשבון ווערן דורך די געאָלאָגן אָנגערופן אַזאָאישע*), ווייל זיי ווייזן נישט קיין שום שפּורן פונם לעבן. אין צפון-אַמעריקע ליגן אויפגע-דעקט גרויסע שטרעקעס פון די דאָזיקע פעלזן; זיי זענען

*) פון גריכיש: אַ — נישט, אָן; זאָאַ — לעבן — אָן לעבן.

אַזוי דיק און די געאָלאָגן האַלטן, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַ פעריאָד פון לכל הפחות די העלפט פון דעם 1 מיליאַרד 600 מיליאָן יאָר, וואָס זיי שרייבן צו דעם גאַנצן געאָלאָגישן חשבון.

זאָל מיר דערלויבט זיין איבערהזרן דעם טיף באַדייטנדן פאַקט: אַ העלפט פון דער גרויסער צווישנצייט, זינט די יבשה און ים זענען צום ערשטן מאָל געוואָרן אונטערשיידבאַר, האָט נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט קיין שום שפורן פונם לעבן. ס'זענען פאַראַן אין די דאָזיקע פעלזן איינגעשרומפענע ערטער און סימנים פון רעגנס, אַבער נישטאָ קיין צייכנס אָדער שפורן פון וואָסער עס איז לעבעדיקער זאַך.

ערשט דעמאָלס, ווען מיר קומען ווייטער צו צום חשבון, באַווייזן זיך און פאַרמערן זיך סימנים פונם פאַרגאַנגענעם לעבן. דער געשיכטלעכער פעריאָד, אין וועלכן מ'געפינט די שפורן פונם עבר, הייסט ביי די געאָלאָגן **דער נידריקער פּאַלעאָזאָאישע פעריאָד**[1]. די ערשטע אָנדייטונגען, אַז דאָס לעבן האָט זיך געגעבן אַ ריר, זענען שפורן פון פאַרהעלטניסמעסיק פשוטע און נידריקע ברואימלעך: די מושלען פון די קליינע מושלען-פישלעך, די שטאַם-בוימער און די בלומען-ענלעכע קעפּ פון זאָאָפיטן[2], ים-גרעזער און די שפורן און רעשט-לעך פון ים-ווערים און פון די שאַל-ברואימלעך. גאָר פרי באַווייזן זיך געוויסע ברואים, גיכער ענלעך צו די לייז-צמחים, קרי-כעדיקע ברואימלעך, וואָס האָבן זיך געקענט איינקנוילן אין באַלימס, פונקט ווי די לייז-צמחים טוען: די טרילאָביטן. אַביסל שפּעטער, אין אַ פּאָר מיליאָן יאָר אַרום, קומען אָן געוויסע ים-סקאָרפּיאָנען, מער רירעוודיקע און מעכטיקערע ברואים, וואָס די וועלט האָט פריער נישט געזען. קיין שום פון די דאָזיקע ברואים איז נישט געווען זער גרויס. צווישן די גרעסטע

---

1) פון גר: אור-אַלטער פעריאָד פונם לעבן.

2) זאָאָפיטן — פון גר: זאָאָן — חיה, פיטאָן-געוויקס.

זענען געווען געוויסע ים-סקאָרפּיאָנען, וואָס האָבן געהאַלטן 9 פוס אין דער לענג. ס'זענען נאָך נישט פאַראַן קיין שום סימנים פון יבשה-לעבן, צמחים אָדער חיות; ס'זענען נאָך נישט פאַראַן אין דעם טייל פון דעם געאָלאָגישן חשבון קיין פיש און נישט קיין חוט-השדרהדיקע חיות. דער עיקר זענען די אַלגע צמחים און ברואים, וואָס האָבן אונדז איבערגעלאָזט זייערע שפּורן פון דעם פּעריאָד פון דער ערדס געשיכטע, פון די פלאַכע און צווישן-שטראָם וואַסערן. אויב מיר וואָלטן היינט געוואָלט פאַרגלייכן די פלאָראַ [1] און פאַונא [2] פון די נידריקע פּאַלעאָזאָאישע פעלזן צו דער היינטיקער פלאָרא און פאַונא, וואָלטן מיר עס געטון אַמבעסטן, חוץ אין דער גרויס, ווען מיר וואָלטן גענומען אַ טראָפּן וואַסער פון אַ פעלזן-טייכל אָדער פון אַ שוימיקן ראָוו און דאָס אונטערגעזוכט מיט אַ מיקראָסקאָפּ. די קליינע שאָל-חיהלעך, די קליינע מושלען-פישלעך, די זאָאָפיטן און די וואַסער-צמחים, וועלכע מיר וואָלטן דאָרט געפונען, וואָלטן געוויזן אַ פולשטענדיק אויפפאַלנדע ענלעכקייט צו יענע אומגעלומפּערטערע, גרעסערע פּראָטאָטיפּן, וועלכע זענען אַמאָל געווען די קרוין פונם לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט. עס וועט אָבער גוט זיין צו געדענקען, אַז די נידריקע פּאַלעאָזאָאישע פעלזן גיבן נישט, וואַרשיינלעך, בכלל קיין פאָרשטייער פון די ערשטע אָנפאַנגען פונם לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט. כל זמן אַ באַשעפעניש האָט נישט קיין ביינער אָדער אַנדערע האַרטע טיילן, כל זמן עס האָט נישט קיין מושל, אָדער עס איז נישט גענוג שווער און גענוג גרויס, אַז עס זאָל קאָנען איבערלאָזן כאַראַקטעריסטישע פוס-צייכנס און סימנים אין דער בלאָטע, איז נישט וואַרשיינלעך, אַז עס זאָל נאָך זיך איבערלאָזן וואָסערע עס איז פאַרשטיינערטע שפּורן פון זיין עקזיסטענץ. היינט צו־טאָג

1) פלאָרא — צמחים פון אַ געגנט אָדער לאַנד.
2) פאַאונא — חיות פון אַ געגנט אָדער לאַנד.

זענען אויף דער וועלט פאראן הונדערטער טויזנטער מינים קליינע ווייך קערפערדיקע ברואים, און עס איז אומבאגרייפלעך, אז זיי זאלן נאך זיך קענען איבערלאזן וואסער עס איז שפור פאר די צוקונפטיקע געלאגן. אין די פארגאנגענע צייטן האבן מסתמא געלעבט מיליאנען מינים אזעלכע ברואים, געלעבט, פארמערט זיך, געבליט און אויסגעשטארבן, נישט איבערלאזנדיק נאך זיך קיין שום שפור. די וואסערן פון די ווארימע און פלאכע אזערעס און ימען פון דעם אזוי גערופענעם אזאאישן פעריאד, זענען מסתמא פול געווען מיט אן אומענדלעכער פארשידנארטיקייט פון נידריקע, גאלארעטע-ענלעכע, אנמושעלדיקע, אנביינערדיקע ברואים, און מיט א מענגע גרינע, שוימיקע צמחים, וואס האבן זיך אויסגעשפרייט איבער די זון-באליכטנדע צווישן שטראמיקע פעלזן און שטראנדן. דער פעלזן-חשבון איז נישט קיין פולקאמער באריכט פונם פארגאנגענעם לעבן, פונקט ווי די ביכער פון א באנק גיבן נישט קיין דין וחשבון וועגן יעדן איינעמס עקזיסטענץ אין דער שכנותשאפט. ערשט דעמאלס, ווען א מין גיט ארויס א מושעל, א נאגל, א שאל, אדער אדורך דעם קאלך אונטערגעהאלטן רערל (שטאם-בוים) לייגט ער עפעס אוועק פאר דער צוקונפט און ער באווייזט זיך אין דעם פעלזן-חשבון. אבער אין פעלזן, וואס זענען עלטער ווי יענע, וואס האבן פארשטיינערטע סימנים, געפינט מען טיילמאל גראפיט, און נישט צוזאמענבאהאפטענער קויל, און טייל אויטאריטעטן האלטן, אז דאס איז מסתמא אפגעטיילט געווארן פון די צוזאמענבאהאפטענע שטיקער דורך א לעבהאפטער טעטיקייט פון אומבאקאנטע לעבעדיקע ברואים.

קאַפּיטל 4.

דער פיש-פעריאָד.

אין יענע צייטן, ווען מ'האָט זיך משער געווען, אַז די וועלט עקזיסטירט נאָר עטלעכע טויזנט יאָר, האָט מען געהאַלטן, אַז די פאַרשידענע מינים צמחים און חיות זענען סטאַבילע און ענדגילטיקע; זיי זענען אַלע באַשאַפן געוואָרן פּונקט אַזוי ווי זיי זען היינט אויס, יעדער מין פאַר זיך. אָבער ווען מענטשן האָבן אָנגעהויבן אויפצודעקן און פאָרשן דעם פעלזן-חשבון האָט דער דאָזיקער גלויבן אָפּגעטרעטן זיין אָרט פאַר דעם חשד, אַז אַ סך מינים האָבן זיך פאַרענדערט און זיך פאַמעלעך אַנטוויקלט אין משך פון פעריאָדן, און דער חשד האָט זיך אַנטוויקלט אויף א גלויבן אין דעם וואָס מ'רופט אָן די אָרגאַנישע עוואָלוציע; אַ גלויבן, אַז אַלע מינים פונם לעבן אויף דער ערד, סיי חיות, סיי צמחים, שטאַמען אָפּ פון אַ פאַמעלעך-שטענדיקן פאַרענדערונגס-פּראָצעס פון זער פּשוטע אור-אַלטע לעבנס-פאָרמען געוויסע כמעט אָנגעשטאַלטיקע לעבעדיקע סובסטאַנצן, ווייט צוריק אין די אַזוי-גערופענע אַזאָאישע ימען. דער פּראָבלעם פון דער אָרגאַנישער עוואָלוציע, פּונקט ווי דער פּראָבלעם וועגן דער ערדס עלטער, איז אין די פאַרגאַנגענע צייטן געווען אַ טעמע פון אַ פאַרביסענער פּאָלעמיק. ס'איז געווען א צייט, ווען דער גלויבן אין אן אָרגאַנישער עוואָליוציע איז, גיכער צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות, געהאַלטן געוואָרן אַלס נישט אנטשפּרעכנד מיט די אמתע דאָקטרינען פון די קריסטלעכע, יידישע און מוזולמענישע (מחמדאנישע) רעליגיעס. יענע צייט איז שוין פאַרביי, און מענטשן פון די אמיינסטן אָרטאָדאָקסישע דאָקטרינען פון די אויבנדערמאָנטע רעליגיעס קענען היינט אָננעמען די ברייטערע אַנשויאונג וועגן דער געמיינזאַמער אָפּשטאַמונג פון אַלע לעבעדיקע ברואים. קיין שום לעבן האָט

זיך, ווייזט אויס, נישט באַוויזן פּלוצלונג אויף דער ערד. דאָס לעבן איז געוואַקסן און עס וואַקסט. יאָרן נאָך יאָרן, אין משך פון צייטן, ביי וועלכע אונדזער כּוח-הדמיון וואַקלט זיך, איז ס'לעבן אויסגעוואַקסן פון אַ בלויזער באַוועגונג פון דעם צווישן-שטראָמיקן שליים אין דער ריכטונג צו פרייהייט, מאַכט און זעלבסט-באַוווסטזיין. דאָס לעבן באַשטייט אויס אינדיווידואומען. די אינדיווידואומען זענען דעפיניטיווע זאַכן; זיי זענען נישט ענלעך צו די אַנגעשטאַלטיקע שטיקער און מאַסעס, נישט לעבעדיקע זאַכן נישט אַפילו צו די אומבאַגרעניצטע און באַוועגונגס-לאָזע קרישטאַלן; די אינדיווידואומען באַזיצן צוויי אייגנשאַפטן וואָס קיין שום טויטע זאַך פאַרמאָגט זיי נישט: זיי קענען אין זיך אַסימילירן אַנדערע זאַכן און מאַכן פון זיי אַ חלק פון זיך זעלבסט, און זיי קענען זיך רעפּראָדוצירן. זיי עסן און געבוירן. זיי קענען אַרויסגעבן פון זיך אַנדערע אינדיווידואומען ס'רוב ענלעכע צו זיך, אָבער שטענדיק אַ ביסל אַנדערש ווי זיי זעלבסט. ס'איז דאָ אַ ספּעציפישע און משפּחה-ענלעכקייט צווישן איין אינדיווידואום און זיין קינד, און ס'איז דאָ אַן אינדיווידועלער אונטערשיד צווישן יעדן פאָטער און יעדן קינד וואָס ער פּראָדוצירט, און דאָס איז ריכטיק בנוגע יעדן מין און יעדער פאַזע פונם לעבן. הייַנט זענען די געלערנטע נישט אומשטאַנד צו דערקלערן פאַרוואָס די קינדער זענען ענלעך און אַנדערש ווי זייערע עלטערן. היות אָבער, ווי מ'זעט, אַז די קינדער זענען גלייכצייטיק ענלעך און אַנדערש, איז עס גיכער אַ פּשוטער שכל ווי אַ וויסנשאַפטלעכע ידיעה, אַז אויב די באַדינגונגען, אין וועלכע אַ מין לעבט, ענדערן זיך, אונטערליגט אויך דער מין קעגנזייטיקע (קאָרעלאַטיווע) ענדערונגען. ווייל אין יעדן דור פון די מינים מוז זיין אַ געוויסע צאָל אינדיווידואומען, וועמענס אינדיווידועלע חילוקים מאַכן זיי בעסער צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען, אין וועלכער דער מין דאַרף לעבן, און ס'איז דאָ אַ געוויסע צאָל אינדיווידואומען, וועמענס

אינדיווידועלע חלוקים פאַרשווערט זיי גיכער דאָס לעבן. און בכלל וועט דער ערשטער סאָרט לעבן לענגער, געבוירן מער קינדער און זיך רעפּראָדוצירן שפּעדיקער ווי דער לעצטער סאָרט, און אַזוי אַרום וועט זיך, דור נאָך דור, ענדערן דער דורכשניטלעכער מין אין דער גינסטיקער ריכטונג. דער פּראָצעס, וועלכער הייסט נאַטירלעכער אָפּקלייב, איז נישט אויף אַזוי פיל אַ ווויסנשאַפטלעכע טעאָריע, ווי אַ נויטווענדיקער שלוס פון די פאַקטן פון רעפּראָדוקציע און אינדיווידועלע אונטערשידן ס'זענען מסתמא פאַראַן אַ סך קרעפטן וועגן וועלכע די וויסנשאַפט ווייסט נאָך נישט, אָדער איז נאָך נישט דעצידירט בנוגע זיי, וועלכע ווירקן צו פאַרענדערן, פאַרניכטן און אויפהיטן די מינים. אָבער דער מענטש, וועלכער קען אָפּלייקענען די ווירקונג פון דעם פּראָצעס פון נאַטירלעכן אָפּקלייב אויף דעם לעבן זינט דעם אָנפאַנג איז ענטוועדער אומוויסנד בנוגע די עלעמענטאַרע פאַקטן פונם לעבן, אָדער ער איז נישט פעאיק צו דענקען לאָגיש. א סך געלערנטע האָבן נאָכגעדענקט וועגן דעם ערשטן אָנהייב פונם לעבן און זייערע סברות זענען אָפט זער אינטערעסאַנט, אָבער ס'איז אַבסאָלוט נישט פאַראַן נישט קיין באַשטימטע ידיעה און נישט קיין איבערצייגנדע סברא, וועגן דעם אופן, ווי אַזוי ס'לעבן האָט זיך אָנגעהויבן.

אָבער כמעט אַלע אויטאָריטעטן זענען .מסכים אַז דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין א בלאָטע אָדער אין זאַמד אין די וואַרימע, זונבאַלויכטענע, פלאַכע, געזאַלצענע וואַסערן, און עס האָט זוך אויסגעשפּרייט איבער די שטראַנדן צו די צווישן שטראָמיקע געביטן און אַרויס אויף די אָפענע וואַסערן. יענע אורוועלט איז געווען אַ וועלט פון שטאַרקע אָפּ- און צו-פלוסן און שטראָמען. ס'האָט געמוזט פאָרקומען אן אומאויפהערלעכע פאַרניכטונג פון די אונדיווידואומען בשעת זיי זענען פאַרשלעפּט געוואָרן צו די שטראַנדן און דאָרטן פאַרטרוקנט געוואָרן, אָדער זיי זענען פאַרוואָרפן געוואָרן אין ים אַריין און דאָרטן אײַנגע-

זונקן געוואָרן, ווייט פון לופט און זון. די אור-באַדינגונגען זענען גינסטיק געווען פאר דער אַנטוויקלונג פון יעדער טענדענץ צו איינצוואָרצלען זיך און דערהאלטן זיך, פון יעדער טענדענץ צו בילדן אַן אויסערלעכע הויט און צודעק, כדי צו באַשיצן דעם שיפבראָך געליטענעם אינדיווידואום פון אַ באַלטיקער פאַרטרייבונג. גאָר פרי האָט יעדע טענדענץ צו אַ חוש-הטעם געטריבן דעם אינדיווידואום אין דער ריכטונג צו שפּייז, און דער חוש-הראיה האט אים צוגעהאָלפן אַרויסצורייסן זיך פון דער פינצטערניש פון די טיפע ימען און היילן, אָדער צוריק אַרויסצורייסן זיך פון דער אומגעוויינלעכער היץ פון די געפּערלעכע פלאַכע וואַסערן. ווארשיינלעך זענען די ערשטע מושלען און קערפּער-וואָפן פון די לעבעדיקע ברואים גלכער געווען שוץ מיטלען קעגן פאַרטריקענונג איידער קעגן פאַקטישע שונאים אָבער דער צאָן און דער נאָגל באַווייזן זיך פרי אין דער געשיכטע פון דער ערד. מיר האָבן שוין פאַרנאָטירט די גרויס פון די אור-וואַסער סקאָרפּיאָנען. אין משך פון לאַנגע צייטן זענען די דאָזיקע ברואים געווען די העכסטע הערשער פונם לעבן. דעמאָלס, אין דער אָפּטיילונג פון די פּאַלעאָזאָאישע פעלזן, וואָס הייסט סולירישע [1], וועלכע ווי אַ סך געאָלאָגן זעגען זיך היינט משער, איז אַלט פינף הונדערט מיליאָן יאָר, דערשיינט אבייער טיפּ ברואים, וואָס איז באַוואָפנט מיט אויגן, ציין און שווים-קראַפט פון א פולשטענדיק מעכטיקן ארט. דאָס זענען געווען די ערשטע באַקאַנטע רוקנביינערדיקע חיות די אור-פיש די ערשטע באַקאַנטע חוט-השדרה'דיקע ברואים. אין דער נעכסטער אָפּטיילונג פון די פעלזן, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען דעוואָנישע [2], פאַרמערן זיך זער די דאָזיקע פיש. זיי זענען אַזוי איבערוויגנד, אַז דער פעריאָד פון דעם פעלזן-חשבון ווערט

1) סילוריע, דרום-מזרח אויעלס.

2) דעוואָן, ענגלאַנד.

אָנגערופֿן דער פּעריאָד פֿון די פֿיש. פֿיש פֿון מינום, וואָס זענען היינט נישט בנמצא אויף דער וועלט, און פֿיש, וואָס זענען פֿאַר־וואַנדעט מיט די היינטיקע היי־פֿיש און אָסיעטרעס[3]), זענען געלאָפֿן אין די וואַסערן, געשפּרונגען אין דער לופֿטן, געשפּייזט זיך מיט די ים־גרעזער, געיאָגט און אויפֿגעפֿרעסן איינער דעם צווייטן, און צוגעגעבן די וועלט־וואַסערן אנייע לעבהאַפֿטיקייט.

קיינער פֿון זיי איז נישט געווען אויסערגעוויינלעך גרויס לויט אונדזערע היינטיקע מוסטערן. זער ווייניק פֿון זיי האָבן געהאַלטן מער ווי 2 אָדער 3 פֿוס אין דער לענג, אָבער ס׳זענען געווען אויסנאַם־פֿארמען, וואָס האָבן געהאַלטן 20 פֿוס אין דער לענג. פֿון דער געאָלאָגיע ווייסן מיר גאָרנישט וועגן די פֿאַר־פֿעטער פֿון די דאָזיקע פֿיש. ווי עס שיינט זענען זיי נישט געווען פֿאַרוואַנדעט מיט די פֿאָרמען, וואָס זענען געווען פֿריער פֿאַר זיי. די זאָאָלאָגן האָבן העכסט אינטערעסאַנטע אָנשויונגען וועגן זייערע פֿאַרפֿעטער, אָבער דאָס דרינגען זיי אַרויס פֿון דעם שטודיום וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון די אייער פֿון זייערע היינט־לעבעדיקע קרובים און פֿון אַנדערע קוועלן. קענטיק, אַז די פֿאַרפֿעטער פֿון די חוט־השדרה׳דיקע זענען געווען ווייך־קער־פּערדיקע און מעגלעך גאַנץ קליינע שווימענדיקע ברואים, ביי וועלכע ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צום צו ערשטן אַנטוויקלען האַרטע טיילן; ווי: ציין אַרום און נעבן זייערע מיילער. די ציין פֿון אים־הונט באַדעקן דעם אויבערשטן און אונטערשטן טייל פֿונם מויל און גייען איבער די ליפּ אַלס פֿלאַכע צאָן־ענלעכע שופּן, וואָס דעקן צו דעם גרעסטן טייל פֿון זיין קערפּער. אין דעם טייל פֿון דעם געאָלאָגישן חשבון, ווען ביי די פֿיש אַנטוויקלען זיך די צאָן־ענלעכע שופּן, שווימען זיי אַרויס פֿון דער באַהאַל־טענער פֿינצטערניש פֿונם עבר אויף דער ליכט, די ערשטע חוט־השדרה׳דיקע חיות, וועלכע מ׳זעט אין דעם חשבון.

---

1) jesiotr, גרויסע פֿיש פֿון וועלכע מ׳מאַכט קאַוויאַר.

קאפיטל 5.

דער קוילן־זומפן פעריאָד.

אין משך פון דעם פיש פעריאָד איז די יבשה באַשייני־פערלעך געווען אָן לעבן· שפּיציקע פעלזן און הויך — יבשות פון אומפרוכטבאַרע פעלזן זענען געלעגן אונטער דער זון און דעם רעגן. ס׳איז נישט געווען קיין אמת׳ע־יבשה — ווייל ס׳זענען נאָך נישט געווען די ערד־ווערים, וועלכע העלפן צו פאָרמירן דעם באָדן, און קיין שום צמחים, וועלכע זאָלן צעבּרעקלען די פעלזן־טיילן און בילדן אַ געוויקסיקן גרונט; ס׳איז נאָך נישט געווען קיין שפור פון מאָך און לישאַי. דאָס לעבן איז נאָך אַלץ געווען נאָר אינעם ים. אין דער וועלט פון די דאָזיקע אומפרוכטבאַרע פעלזן זענען פאָרגעקומען גרויסע קלימאַטישע ענדערונגען. די סיבות פון די קלימאַטישע ענדערונגען זענען געווען זער קאָמפּליצירטע און מ׳דאַרף זיי ערשט ריכטיק אָפּשאַצן. דאָס פאַרענדערטע געשטאַלט פון דער ערדס אָרביטע, דאָס שטופּנווייזע אַפּרוקן זיך פון די זיך דרייענדיקע פאָלס, ענדערונגען אין די קאָנטינענטנס געשטאַלטן, וואַרשיינלעך אַפילו שוואַנקונגען אין דער זון־וואַרעמקייט, האָבן זיך דעמאָלס פאַרשוואַכן אַריינצושליידערן גרויסע שטרעקעס פון דער ערדס אויבערפלאַך אין לאַנגע פעריאָדן פון קעלט און אייז, און נאָכהער ווידער, אין משך פון מיליאָנען יאָרן, פאַרשפּרייט אַ וואַרימען אָדער לינדן קלימאַט אויף אונדזער פּלאַנעט. אין דער געשיכטע פון דער וועלט זענען, ווי ס׳ווייזט אויס, געווען פּאַזעס פון גרויסע אינערלעכע אַקטיוויטעטן ווען אין לויף פון עטלעכע מיליאָן יאָר האָבן די אָנגעהויפטע פעלזן־מאַסעס זיך אויסגעבּראָכן אין אַ רייע ווולקאַנישע אויסבּרוכן און אויפהייבעכצן, רעאָרגאַניזירט די בערגער און די קאָנטינענטאַלע ריכט־ליניען פון דער ערד, פאַרגרעסערט די טיפקייט פונם ים און די הויך

פון די בערג און אומגעהויער פארגרעסערט די עקסטרעמקייטן פונם קלימאט. דאן האָבן געפאָלגט לאַנגע צייטן פון פארהעלטניסמעסיקער רואיקייט, ווען פראָסט, רעגן און טייך האָבן אראָפּגעשלעפט די הויכקייטן פון די בערג, און אָנגעטראָגן גרויסע מאַסעס מול, כדי אָנצופילן און אויפצוהייבן דעם ים-דעק און אויסשפרייטן די ימען, וואָס זענען געוואָרן פלאַכער און ברייטער, איבער וואָס מער און מער יבשה. אין דער געשיכטע פון דער וועלט זענען געווען צייטן פון „הויכע און טיפע" נידריקע און גלייכע" פעריאָדן. דער לייענער מוז זיך צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז די ערדס אויבערפלאַך איז, זינט איר שאָל האָט זיך פארהאַרטעוועט, כסדר אָפּגעקילט געוואָרן. נאָכדעם, ווי ס'איז דערגרייכט געוואָרן אַ גרויסע קעלט, האָט די אינגערלעכע טעמפעראַטור אויפגעהערט צו באאיינפלוסן די אויבערפלאַך באַדינגונגען. ס'זענען פאראַן שפורן פון פעריאָדן פון איבערפליסיקן אייז און שניי, פון „אייז פעריאָדן", ד. ה. אפילו אין אַזאַאישן פעריאַד, ערשטביים סוף פון פיש-פעריאַד, אין דעם פעריאָד פון פארשפרייטע פלאַכע ימען און לאַגונען 1), האָט זיך ס'לעבן דערפאָלגרייך אויסגעשפרייט פון די וואַסערן אַרויס אויף דער יבשה. ס'איז נישט קיין ספק, אַז די אורטיפּן פון די פאָרמען, וואָס הייבן איצט אָן צו דערשיינען אין גרויס שפע, האָבן זיך שוין געהאַט אנטוויקלט אויף אַ זעלטענעם און אומבאַקאַנטן אופן אין משך פון צענדליקע מיליאָנען יאָרן. אָבער איצט איז געקומען זייער שעת-הכושר. אין דער דאָזיקער יבשה אינוואַזיע זענען די צמחים, בלי ספק, פריער געווען, ווי די חיות-פאָרמען, אָבער די חיות האָבן וואַרשיינלעך זער פרי נאָכגעפאָלגט דער צמחים עמיגראַציע. דאָס ערשטע פראָבלעם, וואָס די צמחים האָבן געהאַט צו לייזן, איז געווען דאָס פאַרזאָרגן זיך מיט געוויסע אונטערהאַלטנדיקע האַרטע שטיץ-שטאָפן, כדי אויפצוהייבן די

---

1) א פלאַך שטייענדיק וואַסער וווהין ס'פליסט אריין ס'וואַסער פונם ים.

בלעטער-פאַרשפּרייטער צו דער זון-ליכט, ווייל ס'איז זוועקגענומען געוואָרן דאָס דערפרישנדע וואַסער ; דער צווייטער פּראָבלעם איז געווען די שוועריקייט צו באַקומען וואסער פון דעם זומפּיקן באָדן פאַר די געוועבן פון די צמרים, ווייל ס'וואַסער איז איצט נישט געווען נאָנט צו דער האַנט. די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען זענען געלייזט געוואָרן דורך דער אַנטוויקלונג פון הילצערנע געוועבן, וואָס האָבן אי אונטערגעהאַלטן די פלאַנץ, אי טעטיק געווען אלס וואַסער פירער פאַר די בלעטער. די פעלזן זענען געוואָרן פלוצלינג איבערגעפולט מיט אַ ריזיקער פארשידנארטיקייט פון הילצערנע זומפּיקע צמחים, אַ סך פון אַ גרויסער גרייס, זייער גרויסע מאָך-ביימער, פאַרנען ביימער ריזיקע פערדעקן 2) א. ד. גל. צוזאַמען מיט זיי איז פעריאָד נאָך פעריאד, אַרויסגעקראָכן פון וואַסער אַ גרויסע פאַרשידנאַרטיקייט פון חיות-פאָרמען. ס'זענען געווען 100 פיסיקע און 1000 פיסיקע ; דאָס זענען געווען די ערשטע פרימיטיווע אינזעקטן ; ס'זענען געווען ברואים, וואָס זענען געווען פאַרוואנדעט מיט די אור-אַלטע קעניגן-קרעבסן און ים-סקארפּיאָנען, וועלכע זענען געוואָרן די אור-שפּינען און ים-סקארפּיאָנען, און באַלד זענען אָנגעקומען די חוט-השדרהדיקע חיות. געוויסע אור־אינזעקטן זענען זייער גרויס. אין דעם פעריאָד זענען געווען דראַקאָנען-פליגן, וועמענס פליגלען האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף 29 צאָל. אויף פאַרשידענע אופנים האָבן זיך די נייע קלאַסן און דורות צוגעפּאַסט צו דער לופט-איינאָטעמונג. ביז דאַן האָבן אַלע חיות געאָטעמט לופט צולאָזן אין וואַסער, און דאָס דאַרפן אין אמתן נאָך היינט טון אַלע חיות. אָבער איצט האָט זיך דאָס חיות-קעניגרייך, אויף פארשידענע נוסחאות, דערוואָרבן די קראַפט צו פאַרזאָרגן זיך מיט אייגענער פייכטקייט. ווו עס האָט געדאַרפט. אַ מענטש מיט אַ פולשטענדיק טרוקענער לונג וואָלט היינט דערשטיקט געוואָרן ; זיין לונג אויבערפלאַך מוז זיין פייכט, כדי די

1) צמחים, ענלעכע צו אַ פערדס-עק.

לופט זאָל דורך איר אַריין אין זיין בלוט. די צופּאַסונג צו דער לופט-איינאָטעמונג באַשטייט אין אַלע פאַלן ענט-ווערער אין דער אַנטוויקלונג פון אַ צודעק צו די אַלטמאַ-דישע הויט-אויסוואוקסן, כדי אָפּצושטעלן דאָס אויסדאַמפן פון לופט, אָדער אין דער אַנטוויקלונג פון רערן אָדער אין אַנדערע נייע אָטעם-אָרגאַנען, וועלכע ליגן טיף אינם קערפּער און זיי ווערן באַפּייכט דורך אַ וואַסער-אַרויסגעבנדע עפענונג. די אַלטע הויט אויסוואוקסן, מיט וועלכע די פּאַרפעטער-פיש פון דער חוט-השדרה-דיקער קלאַס האָבן געאָטעמט, זענען נישט געווען צוגעפּאַסט צו אָטעמען אויף דער יבשה און אין דעם פאַל איז עס דער שווים-פּענכער פון די פיש געוואָרן אַ נייער, אינווייניק-זיצנדער אָטעם-אָרגאַן, די לונג. דער מין פון די חיות, וואָס זענען באַקאַנט אַלס אַמפיביעס 1), די היינטיקע זשאַבעס און יאַשטשור-קעס, הייבן אָן זייער לעבן אין וואַסער און זיי אָטעמען מיט דער הילף פון די הויט-אויסוואוקסן; און פּאַלגלעך נעמט די לונג (אַנטוויקלענדיק זיך אויף דעם זעלבן אופן, ווי דער שווים-פּענכער פון אַ סך פיש, אַלס אַ זאַק-אַרטיקער אויסוואוקס פון דער קעל), איבער די אָטעמונגס-פונקציע, די חיה קומט אַרויס אויף דער יבשה, די אויסוואוקסן ווערן ענטאַרט און זייערע עפע-נונגען פאַרשווינדן. (אַלע חוץ איין אויסוואוקס פון איין עפענונג וואָס ווערט דער דורכגאַנג פונם אויער און אויער-פייקל). די חיה קען איצט לעבן נאָר אויף דער לופט, אָבער זי מוז לכל-הפּחות צוריקגיין צום ברעג וואַסער, כדי צו לייגן אירע אייער און רעפּראָדוצירן איר מין. אַלע די לופט-אָטעמדיקע חוט-השדרהדיקע ברואים פון דעם פּעריאָד פון זומפּן און צמחים האָבן געהערט צו דער אַמפיביע קלאַס. זיי זענען כמעט אַלע געווען פאַרמען, וואָס זענען געווען פאַרוואַנדעט מיט די היינ-טיקע יאַשטשורקעס, און אַ טייל פון זיי האָבן דערגרייכט

---

1) זיי קענען לעבן אויף דער יבשה און אין וואַסער.

אַ באַדײַטנדע גרויס. אמת, זיי זענען געווען יבשה-חיות, אָבער זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געדאַרפט לעבן אין און נעבן פײַכטע און זומפּיקע ערטער, און אויך אַלע די גרויסע ביימער פון דעם פּעריאַד זענען געווען אַמפיביעס לויט זייערע געוווינהייטן. קיינער פון זיי האָט נאָך נישט אַנטוויקלט קיין פרוכט און זאמען פון אַזאַ סאָרט, וואָס זאָל קאָנען אַראָפּפאַלן אויף דער יבשה און זיך אַנטוויקלען נאָר מיט דער הילף פון אַזאַ פײַכטקייט, ווי די, וואָס טוי און רעגן האָבן געקאָנט געבן. זיי אַלע האָבן געדאַרפט, ווייזט אויס, אויסשפּרייטן זייערע זאמען ביז אין וואַסער אַרײַן, אויב זיי האָבן געוואָלט שפּראָצן. איינע פון די שענסטע אויפגאַבן פון דער שיינער וויסנשאַפט, די פאַרגלייכנדע אַנאַטאָמיע, איז נאָכצוגיין טריט בײַ טריט די קאָמפּליצירטע און וווּנדערבאַרע צופּאַסונגען פון די לעבעדיקע ברואים צו די נויטווענדיקייטן צו עקזיסטירן אויף דער לופט. אַלע לעבעדיקע ברואים, סיי צמחים, סיי חיות, זענען לכתחילה וואַסער-ברואים, צ. ב. אַלע די העכערע חוט-השדרהדיקע חיות, העכערע פון די פיש ביז איינשליסלעך דעם מענטש, גייען אַדורך אַ פאַזע אין זייער אַנטוויקלונג אין דעם איי, אָדער פאַרן געבורט, אין וועלכער זיי באַקומען הויט-אויסוווּקסן, וועלכע פאַרשווינדן איידער די קינדער קומען אַרויס. דאָס נאַקעטע, דורכן וואַסער-געוואַשענעם אויג פון די פיש, ווערט בײַ די העכערע פאָרמען געשיצט קעגן פאַרטריקענונג דורך די אויגן-ברעמען און דריזן, וועלכע גיבן אַרויס פײַכטקייט. די שוואַכערע קולות וויבראַציעס פון דער לופט האָבן נויטווענדיק געמאַכט דעם אויער-פּייקל. כמעט אין יעדן אָרגאַן פונם קערפּער קען מען אַנטדעקן ענלעכע מאָדיפיקאַציעס און צופּאַסונגען, ענלעכע געלאַטעטע ערטער, כדי אַנטקעגן צו קומען די לופט-באַדינגונגען.
דער דאָזיקער קוילן-זומפּן פּעריאָד, דער פּעריאָד פון די אַמפיביעס, איז געווען אַ פּעריאָד פונם לעבן אין די זומפּן, לאַגונען און אויף די נידריקע ברעגן פון די וואַסערן, אויף אַזוי

ווייט האָט זיך איצט ס'לעבן אויסגעשפּרייט. די בערגלעך און די הויכע יבשות זענען נאָך אַלץ געווען פולשטענדיק אומפּרוכטבאַר און לעבנסלאָז. אמת, ס'לעבן האָט זיך אייסגעלערנט איינצואָטעמען לופט, אָבער ס'האָט נאָך געהאַט זיינע וואָרצלען אין די היימישע וואַסערן. עס האָט נאָך געמוזט צוריקקערן זיך צום וואַסער, כדי רעפּראָדוצירן זיין מין.

קאַפּיטל 6.

דער שרצים-פּעריאָד.

נאָך דעם שפּעדיקן לעבן פון דעם קוילן־זומפּן־פּעריאָד האָט געפאָלגט אַ גרויסער ציקל פון טרוקענע און שווערע פּעריאָדן. אין דעם פּעלזן־חשבון ווערן זיי רעפּרעזענטירט דורך די דיקע שיכטן זאַמד־פּעלזן א. ד. ג. וווּ מ'געפינט פאַרהעלטניש־מעסיק ווייניק פאַרשטיינערטע שפּורן. די טעמפּעראַטור פון דער וועלט האָט שטאַרק געשוואַנקט און ס'זענען געווען לאַנגע פּעריאָדן פון אייז־קעלטן. איבער גרויסע געביטן פון אַמאָליקער שפע פון זומפּיקע צמחים, וואָס זענען איצט פאַרשווונדן, און באַדעקט מיט די דאָזיקע נייערע שיכטן, האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון צוזאַמענדריקונג און פון מינעראַליזאַציע, וועלכער האָט געגעבן דער וועלט דעם גרעסטן טייל פון די הייניקע קוילן־שאַכטן. נאָר אין משך פון ענדערונגס־פּעריאָדן אונטערליגט דאָס לעבן ס'רוב שנעלע מאָדיפיקאַציעס און בשעת די שווערע צייטן לערנט ער זיך אויס די העכסט־נוצלעכסטע לעקציעס. ווען די באַדינגונגען קערן זיך צוריק אין דער ריכטונג צו וואַרימקייט און צו פייכטקייט געפינען מיר שוין

אַ נייע ריי פֿאָרמען פֿון צמחים און חיות. אין דעם חשבון גע־
פֿינען מיר די רעשטלעך פֿון חוט־השדרהדיקע חיות, וואָס האָבן
געלייגט אייער, וועלכע, אַנשטאַט אויסצוזיצן זשאַבעלעך, וואָס
האָבן אַ געוויסע צייט געדאַרפֿט לעבן אין וואַסער, האָבן פֿאָרט־
געזעצט זייער אַנטוויקלונג, איידער זיי האָבן זיך אויסגעבריט,
צו אַ פֿאַזע, וואָס איז כמעט געווען ענלעך צו דער פֿאָרם פֿון
אַ דערוואַקסענעם, אַזוי, אַז די קינדער האָבן געקענט לעבן אין
דער לופֿט פֿון דעם ערשטן מאָמענט אָן פֿון אַן אומאָפּהענגיקער
עקזיסטענץ. די הויט אויסוווּקסן זענען אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן,
און זייערע עפֿענונגען האָבן זיך נאָר באַוויזן אין דער
עמבריאָנישער 1) פֿאַזע. די בייע ברואים אין אַ זשאַבע־
פֿאַזע זענען געווען די שרצים. גלייכצייטיק איז פֿאָר־
געקומען די אַנטוויקלונג פֿון די זאמען־טראָגנדיקע ביי־
מער, וועלכע האָבן געקענט פֿאַרשפּרייטן זייער זאמען אומאָפּ־
הענגיק פֿון זומפּ אָדער אָזערע. ס'זענען דעמאָלס געווען פֿאַל־
מען ענלעכע ציקאַדעס און אַ סך טראָפּישע שישקע־ביימער, הגם
ס'זענען נאָך נישט געווען קיין בליענדיקע צמחים און
נישט קיין גרעזער, ס'זענען געווען אַ סך פֿאַרנען. און ס'איז
אויך געווען אַ גרויסע פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון אינזעקטן, ס'זענען
געווען זשוקן, הגם ס'האָבן ערשט געדאַרפֿט אָנקומען די בינען
און די זומער־פֿייגעלעך. אָבער אין די לאַנגע שטרענגע פּער־
יאָדן זענען נעלייגט געוואָרן די פֿונדאַמענטאַלע פֿאָרמען פֿון אַ
נייער ווירקלעכער יבשה פֿאַונא און פֿלאָרע. דאָס נייע יבשה־
לעבן האָט נאָר געדאַרפֿט גינסטיקע באַדינגונגען, כּדי עס זאָל
בליען און הערשן. פּעריאָדן נאָך פּעריאָדן, נאָך אַ סך שוואַנ־
קונגען, איז געקומען די לינדערונג. די נאָך אַלץ נישט אויס־
גערעכנטע באַוועגונגען פֿון דער ערדס שאָל, די ענדערונגען

1) עמבריאָ — די ערשטע אַנטוויקלונגס־פֿאַזע פֿון אַ לעבעדיק־וועזן אָדער
פֿלאַנץ.

פון איר ארביטע, די פאַרגרעסערונג און פאַרקלענערונג פון דער קעגנזייטיקער נייגונג פון דער ארביטע און די פאָלס האָבן צו־זאַמען געווירקט, כדי צו שאַפן אַ גרויסע רייע פון ווייט אויס־געשפרייטע וואַרימע באַדינגונגען. דער פעריאָד האָט צוזאַמען געדויערט (אַזוי איז מען זיך היינט משער) ביז 200 מיליאָן יאָר ער הייסט מעזאָזאָאישער 1) פעריאָד, כדי אונטערצושיידן אים פון דעם גאַנץ גרעסערן פאַלעאזאָאישן פעריאָד און אזאָאישן פעריאָד, בייזאַמען 1400 מיליאָן יאָר, וואָס זענען פריער פאַר אים, און פון דעם קאַינאָזאָאישן אָדער ניי־לעבן פעריאָד, וואָס איז צווישן זיין סוף און דער היינטיקער צייט; דער פעריאָד הייסט אויך דער שרצים־פעריאָד צוליב דער שטוינענדער איבער־געוויכט און דער פאַרשידנאַרטיקייט פון דער דאָזיקער לעבנס־פאָרם. ער האָט זיך געענדיקט אַן ערך 80 מיליאָן יאָר צוריק היינט זענען אויף דער וועלט דאָ פאַרהעלטניסמעסיק ווינציק מינים פון די שרצים און זייער איינטיילונג איז זער באַגרעניצט אמת, זיי זענען מער פאַרשידנאַרטיקער, ווי די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון דער אמפיביער קלאַס, וועלכע האָט אַמאָל, אין דעם קוילן־זומפן פעריאָד, באַהערשט די וועלט מיר האָבן נאָך די שלאַנגען, די שנעק, די שילדקרעט, די אליגאַטאָרן, קראָקאָ־דילן און די יאַשטשורקעס. אַלע, אָן אויסנאַם, זענען זיי ברואים, וואָס דאַרפן האָבן די וואַרעמקייט אַ גאַנץ יאָר. זיי קענען נישט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער קעלט, און עס איז וואַר־שיינלעך, אַז די שרצים־ברואים פון דעם מעזאָזאָאישן פעריאָד האָבן געליטן פון די זעלבע באַגרענצונגען. דאָס איז געווען אספעקטן־פאַונאַ, וואָס האָט געלעבט אין אספעקטן־פלארא. אָבער די וועלט האָט לכל הפחות דערגרייכט אַן אמתע יבשה פאַונא און פלאָראַ, אַלס אונטערשיד צו יענער בלאָטע־ און זומפּ־פאַונא און פלאָראַ פון די פריערדיקע ערשטע צייטן פונם לעבן אויף

1) מיטל־לעבן.

דער ערד אַלע די מינים שרצים, וועלכע מיר קענען היינט, זענען דעמאָלס מער שפּעדיק רעפּרעזענטירט געוואָרן, גרויסע שנעק און שילדקרעט, אומגעוויינלעך גרויסע קראָקאָדילן און אַ סך שלאַנגען און יאַשטשורקעס, אָבער אַלס אַ צוגאָב איז נאָך געווען אַ וווּנדערבאַרע סעריע חיות, וועלכע זענען איצט לגמרי נישט בנמצא אויף דער ערד. ס'איז געווען אַ ריזיקע פאַר-שידנאַרטיקייט פון ברואים מיטן נאָמען דינאָזאַורוס 1). איבער די נידריקע געביטן פון דער וועלט האָבן זיך אויסגעשפּרייט די צמחים, ווי: ראָרן, פּאַרנען א. ד. ג. דערנערנדיק זיך מיט די גרעזער איז אָנגעקומען אַ מענגע גראָז-עסנדיקע שרצים, וועלכע האָבן זיך פאַרגרעסערט אין זייער גרויס, ווען דער מע-זאָזאָאישער פּעריאָד האָט זיך דערהויבן צו זיין קולמינאַציע-פּונקט. אַ טייל פון די דאָזיקע ברואים האָבן מיט זייער גרויס איבערגעשטיגן אַנדערע יבשה חיות, וואָס האָבן ווען עס איז געלעבט, זיי זענען געווען אַזוי גרויס, ווי די וואַלפישן. דער „דיפּלאָדאָקוס קאַרנעדזשי״ צ. ב. האָט געהאַלטן 84 פוס פון פּיסק ביז צום עק; דער גיגאַנטאָזאַורוס איז אַפילו געווען גרעסער: ער האָט געהאַלטן 100 פוס. דערנערנדיק זיך מיט די אומגעהויערס האָט עקזיסטירט אַ מענגע פלייש עסנדיקע די-נאָזאַורוס פון אַן אַנטשפּרעכנדער גרויס. איינער פון זיי, דער טיראַנאָזאַורוס, ווערט אין אַ סך ביכער באַשריבן און געמאָלט אַלס דאָס לעצטע וואָרט פון די שרצים-שרעקן. בשעת די דאָ-זיקע גרויסע ברואים האָבן זיך געפּאַשעט און געשפּייזט צווישן די בלעטער און די אייביק-גרינע דזשונגלעס פון דעם מעזאָזאָאישן פּעריאָד, האָט אַן אַנדער איצט-אויסגעשטאָרבענער שבט פון די שרצים, מיט אַ פלעדערמויז-ענלעכע אַנטוויקלונג פון זיינע פאָ-דערשטע גלידער, געיאָגט אינזעקטן און איינער דעם צווייטן, לכתחילה געשפּרונגען, אַראָפּגעלאָזט זיך און באַלד געפלויגן

1) אַ שרעקלעכע יאַשטשורקע, 80 פוס די לענג.

צווישן די בלעטער און די צווייגן פון די וואַלד־ביימער. דאָס זענען געווען די פּטעראָדאַקטילן. דאָס זענען געווען די ערשטע פליענדיקע ברואים מיט רוקן־ביינער; זיי באַצייכנען אַ נייע דערגרייכונג פון דער וואַקסנדער מאַכט פון דעם חוט־השדרה־דיקן לעבן. חוץ דעם זענען נאָך געוויסע שרצים צוריקגעגאַנגען צו די ים־וואַסערן. דריי גרופּעס ריזיקע שווימענדיקע ברואים האָבן אָקופּירט דעם ים פון וועלכן ס'זענען אָנגעקומען זייערע פּערפּעטער: די מעזאָזאורוסן די פּלעזיאָזאורוסן און די איכטיאָזאורוסן, אַ טייל פון זיי האָט זיך ווידער, לויט דער פּראָפּאָרציע, דערנענטערט צו דער גרויס פון אונדזערע היינטיקע וואַלפישן. די איכטיאָזאורוסן זענען, ווייזט אויס, געווען אין ים־לעבעדיקע ברואים, אָבער די פּלעזיאָזאורוסן זענען געווען אַ טיפּ חיה, וואָס האָט נישט היינט קיין קרובהשע פאָרם. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן און גרויסן קערפּער מיט רודערס, וואָס זענען צוגעפּאַסט ענטוועדער צו שווימען, אָדער צו קריכן איבער די בלאָטעס, אָדער לענג אויס דעם דעק פון די פלאַכע וואַסערן. זיין פאַרהעלטניסמעסיק קליינער קאָפּ איז געשטאַנען אויף אַן אומגעהייער גרויסן שלאַנג־אַרטיקן האַלדז, וואָס האָט אינגאַנצן איבערגעשטיגן דעם שוואַנס האַלדז. ער איז ענטוועדער געשווימען אונטערן וואַסער און געזוכט שפּייז און זיך דערנערט אַזוי ווי דער שוואַן, אָדער ער האָט געלויערט אונטערן וואַסער און געכאַפּט די דורכגייענדיקע פיש אָדער חיות. אָט אַזוי האָט אויסגעזען דאָס איבערוויגנדע יבשה לעבן אין דעם גאַנצן מעזאָזאָאישן פּעריאָד. לויט אונדזערע מענטשלעכע באַגריפן איז עס געווען אַ פאָרשריט לגבי דעם, וואָס איז געווען פריער. עס האָט פּראָדוצירט יבשה־חיות גרעסערע אין גרויס, קלאַס, מאַכט און אַקטיוויטעט, מער „לעבעדיקער”, ווי מענטשן זאָגן, ווי דאָס, וואָס די וועלט האָט פריער געזען. אין די ימען איז נישט געווען אַ גרויסע שפּע פון נייע לעבנס־פאָרמען. אַ גוואַלטיק גרויסע פאַרשידנאַרטיקייט פון גייער ענלעכע ברואים מיט קע־

מערלעך-ארטיקע מושלען, ס׳רוב איינגעקנוילט, די אמאָניטן, האָבן זיך באַוויזן אין די פלאַכע ימען. זיי האָבן געהאַט פאַר- גייערס אין די פּאַלעאזאאישע ימען, אָבער איצט איז געקומען זייער גלאַנץ-צייט. היינט איז פון זיי נישט געבליבן קיין זכר זייער נאָענטסטער קרוב איז דער פערל נאאוטיליוס, אן איינ- וווינער פון די טראָפּישע וואַסערן, און אַ נייער און מער פרוכט- באַרער טיפּ פיש מיט לייכטערע, פיינערע שופּן, ווי די טעלער- צנלעכע און ציין ענלעכע צודעקונגען, וואָס זענען ביז דעמאָלס געווען איבערוויגנד, איז געוואָרן און איז זינט דעמאָלס געבליבן הערשער אין די ימען און טייכן.

קאַפּיטל 7.

די ערשטע פייגל און די ערשטע זויג חיות.

אין עטלעכע קאַפּיטלען האָבן מיר געגעבן אַ בילד פון די שפּעדיקע צמחים און פון די מענגע שרצים פון יענעם ערשטן גרויסן זומער פונם לעבן, פון דעם מעזאזאאישן פּעריאָד. אָבער בשעת די דינאזאורוסן האָבן באַהערשט די הייסע וועל- דער און די בלאָטיקע פליינען און די פּטעראָדאַקטילן האָבן אָנ- געפילט די וועלדער מיט זייער פלאַטערן און, מעגלעך, מיט זייערע געוואַלטן, ווען זיי האָבן געיאָגט דאָס זשומענדיקע אינ- זעקטן לעבן פון די נאָך אַלץ בלומענלאָזע קוסטעס אוןביימער, האָבן געוויסע, ווייניקער באַדייטנדע און ווייניקער שפּעדיקע פאָרמען ביי דער גרעניץ פון דעם שפּעדיקן לעבן זיך דערוואָרבן געוויסע קרעפטן און זיך אויסגעלערנט געוויסע לעקציעס פון אויסדויער קראַפט, וועלכע זענען געוואָרן זייער וויכטיק פאַר זייער ראַסע, ווען ס׳האָט ענדלעך אָנגעהויבן צו צאַנקען די

שמייכלענדע גרויסמוטיקייט פון דער זון און פון דער ערד אַ גרופּע מינים און דורות שפּרינגענדיקע שרצים, קליינע ברואים פון דעם דינאזאורוס טיפּ, זענען, ווייזט אויס, דורך קאָנקורענץ און פאַרפאָלגונג פון זייערע שונאים געשטופּט געוואָרן צו דער ברירה פון אונטערגאַנג אָדער צופּאַסונג צו די קעלטערע באַדינגונגען פון די העכערע בערגלעך אָדער פון ים. ביי די דאָזיקע אומגליקלעכע שבטים האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייער טיפּ שופּן; שופּן, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן אין פעדער-ענלעכע פאָרמען און זיי האָבן זיך באַלד אָפּגעצווייגט אלס דער רויער אָנהויב פון די פעדערן. די דאָזיקע פעדער-ענלעכע שופּן זענען געלעגן איינער אויף דעם צווייטן און געבילדעט א היץ-באַהאַלטענעם צודעק, אַ מער ווירקזאַמער, ווי די שרצישע צודעקן, וואָס האָבן ביז דאַן עקזיסטירט. אַזוי אַרום האָבן זיי דערמעגלעכט די אינוואַזיע פון די קעלטערע געביטן, וואָס זענען געווען אומבאַוווינט. מעגלעך, אַז איינצייטיק מיט די ענדערונגען האָט זיך ביי די ברואים אַנטוויקלט אַ גרעסערע זאָרג פאַר זייערע אייער. ס'רוב שרצים זענען באַשיינפּערלעך זאָרגלאָז וועגן זייערע אייער, וועלכע ווערן איבערגעלאָזט פאַר דער זון און פאַר דער צייט, אַז זיי זאָלן זיי אויסזיצן. אָבער אַטייל פון די וואַריאַציעס פון דעם נייעם צווייג פונם לעבנס-בוים האָבן זיך דערוואָרבן די געוווינהייט צו היטן זייערע אייער און אָנוואַרימען זיי מיט דער וואַרימקייט פון זייער קערפּער. צוזאַמען מיט די צופּאַסונגען צו דער קעלט זענען פאָרגעקומען אַנדערע אינערלעכע מאָדיפיקאַציעס, וואָס האָבן געמאַכט פון די דאָזיקע ברואים, די פּרימיטיווע פייגל, וואַרים-בלוטיק און אומאָפּהענגיק פון זון-באַד. די גאָר ערשטע פייגל זענען ווייזט אויס, געווען ים-פייגל, וואָס האָבן זיך געשפּייזט מיט פיש, און זייערע פאָדערשטע אברים זענען נישט געווען קיין פליגל, נאָר גיכער רודער, לויט דעם פינגווין 1) טיפּ. יענער אויסטערלישער פרי-

1) אַ וואַסער פויגל וואָס קען נישט פליען.

מיטיווער פויגל, דער ניי-זעלענדישער קיווי, האָט זייער פּשוטע
פעדערן, און נישט ער פליט, און, ווי ס'ווייזט אויס, שטאַמט
ער נישט אָפּ פון פליענדיקע פאַרפעטער. אין דער אַנטוויק-
לונג פון די פייגל באַווייזן זיך די פעדערן פריִער פאַר די
פליגל. אָבער קוים האָט זיך די פעדער אַנטוויקלט, האָט
די מעגלעכקייט לייכט אויסצושפּרייטן די פעדערן אומ-
פאַרמיידלעך דערפירט צו דעם פליגל. פון די פאַר-
שטיינערטע איבערלייבעכצן ווייסן מיר פון איין פויגל לכל
הפחות, וועלכער האָט געהאַט שרצישע ציין און אַ לאַנגן
שרצישן עק, אָבער ער האָט אויך געהאַט אַן אמתן פויגלשן
פליגל און ער איז געוויס געפלויגן און פאַרנומען אַ באַזונדער
אָרט צווישן די פּטעראָדאַקטילן פון דער מעזאָזאָאישער צייט.
דאָך זענען די פייגל נישט געווען פאַרשידנאַרטיק און נישט
שפעדיקע אין די מעזאָזאָאישע צייטן. אויב אַ מענטש וואָלט
געקענט צוריקגיין אין אַ טיפּיש מעזאָזאָאיש לאַנד אַריין, וואָלט
ער געמעגט אָפּגיין טעג און נישט זען אָדער הערן פון אַזאַ
זאַך ווי אַ פויגל, הגם ער וואָלט געזען צווישן די בלעטער און
ראָרן אַ גרויסע שפע פּטעראָדאַקטילן און אינזעקטן. און נאָך
אַ זאַך וואָלט ער וואַרשיינלעך קיינמאָל נישט געזען — דאָס
איז קיין שום שפּור פון אַ זויג-חיה. וואַרשיינלעך, אַז די
ערשטע זויג-חיות האָבן עקזיסטירט מיליאָנען יאָרן פריִער פאַר
יענער זאַך, וואָס מ'האָט געקענט אָנרופן פויגל, אָבער זיי זע-
בען לחלוטין געווען צו קליין, אומבאַקאַנט און ווייט, אַז מ'זאָל
אויף זיי לייגן אַכט. די אור-זויג-חיות, פּונקט, ווי די אור-פייגל
זענען געווען ברואים, וואָס זענען דורך קאָנקורענץ און פאַר-
פאָלגונגען געשטויסן געוואָרן צו אַ שווער לעבן און צופּאַסונג
צו דער קעלט. אויך ביי זיי זענען די שופּן געוואָרן פעדער-
ענלעך און זיך אַנטוויקלט אַלס אַ היץ-באַהאַלטענעם צודעק; זיי
זענען אויך אונטערגעלעגן מאָדיפיקאַציעס, ענלעכע לויטן מין,
הגם פאַרשידענע לויטן פּרט, כדי צו ווערן וואַרים-בלוטיק און

אומאָפּהענגיק פון זון-באָד. אנשטאט פעדערן האָט זיך ביי זיי אנטוויקלט האָר, און אנשטאט צו היטן און אויסצוהיצן זייערע אייער, האָבן זיי זיי געוואָרימט און געהיצט, איבערלאָזנדיק זיי אין קערפּער, ביז זיי זענען געוואָרן כמעט רייף. ס׳רוב פון זיי זענען געוואָרן וויוויפּאַריער 1) און זיי ברענגען אויף דער וועלט זייערע קינדער לעבעדיקערהייט. און אפילו שוין נאָכדעם ווי זייערע קינדער זענען געבוירן, האָבן זיי געהאָט די טענדענץ ווייטער אָנצוהאַלטן אַ שוץ און דערנערונגס-אסאָסאַציע מיט זיי. ס׳רוב, אָבער נישט אַלע זויג-חיות, האָבן היינט זויג-ברוסטן און זיי זויגן זייערע קינדער. עס לעבן נאָך היינט צוויי זויג-חיות, וועלכע לייגן אייער און וועלכע האָבן נישט קיין אמתע זויג-ברוסטן, הגם זיי דערנערן זייערע קינדער דורך אַ שפּייז-עפּענונג, וואָס איז אונטער דער הויט; דאָס זענען דער ענטע-שנאָבלדיקער פּלאַטיפּוס און די עכינדא. די עכינדא לייגט האַרטע אייער און דאַן לייגט זי זיי אַריין אין אַ טאָרבע, וואָס געפינט זיך אונטערן בויך און אַזוי אַרום טראָגט זי זיי אַרום, וואַרימענדיק און היטנדיק זיי ביז זיי זיצן זיך אויס. אָבער פּונקט ווי אַ באַזוכער פון דער מעזאָזאָאישער וועלט וואָלט געטעגט טעג און וואָכן זוכן אַ פויגל, אַזוי אויך, כל זמן ער וואָלט נישט געוווּסט אויף זיכער וווּהין צו גיין און צו זוכן, וואָלט ער געמעגט בחנם זוכן, וואָסערע עס איז שפּורן פון אַ זויג-חיה. אי פייגל, אי זויג-חיות, וואָלטן אין יענע צייטן ויך אויסגעוויזן אַלס עקסצענטרישע, צווייטראַנגיקע און אומבאַדייטנדע ברואים. דער שרצים-פּעריאָד, אַזוי איז מען זיך היינט משער, האָט געדויערט 80 מיליאָן יאָר.

ווען אַ כמעט מענטשלעך אינטעליגענט וועזן וואָלט זיך צוגעקוקט צו יענער וועלט דורך דער גאַנצער אומבאַגרייפבאַרער צייט-דויער, ווי זיכער, ווי אייביק, וואָלט זיך אים אויסגעוויזן

1) חיות וואָס געבאָרן לעבעדיקע קינדער.

די זון — שיין און די שפע, ווי זיכער דער ווילשטאנד פון די
דינאַזאַווריסן און די שפע פון די פליצנדיקע יאַשטשורקעס
אָבער דעמאָלס האָבן דער מיסטישער ריטם און די אָנגעהויפּ-
טע כוחות פון דעם וועלט-אַל אָנגעהויבן אויסדרייען זיך קעגן
יענע כמעט-אייביקע סטאַביליטעט. יענער לויף נאָך לעבנס-מזל
האָט זיך פאַרענדיקט. במשך פון פעריאָדן מיריאַדן יאָרן
נאָך מיריאַדן, בלי-ספק מיט הפסקות און צוריקגענג, איז פאָרגע-
קומען אַן ענדערונג אין דער ריכטונג צו שווערע און עקסטרע-
מע באַדינגונגען, גרויסע ענדערונגען פון דער אָבערפלאַך און
גרויסע צוריק איינטיילונגען פון בערג און ים׳ען. פון דער ירידה-
צייט פון דעם לאַנגען מעזאָזאָאישן פעריאָד פון ווילשטאַנד גע-
פינען מיר אין דעם פעלזן-חשבון איין זאַך, וואָס איז זער באַ-
דייטנד פאַר די כסדרדיקע אָנהאַלטנדיקע ענדערונגען פון די באַ-
דינגונגען, — דאָס איז די שטאַרקע שוואַנקונג פון די לעבנס-
פאָרמען און די דערשיינונג פון נייע און פרעמדע מינים. אונ-
טער דער וואַקסענדער דראָונג פון אונטערגאַנג ווייזן די עלטע-
רע קלאַסן און דורות אַרויס זייער העכסטע פעאיקייט צו וואַר-
יאַציע און צופּאַסונג. די אַמאָניטן צ. ב. שטעלן אַרויס אין
דעם לעצטן בלעטל פון דעם מעזאָזאָאישן קאַפּיטל אַ מענגע
פאַנטאַסטישע פאָרמען. אין איינגעאָרדנטע באַדינגונגען איז נישט
פאַראַן קיין דערמוטיקונג צו נייהייטן: זיי אַנטוויקלען זיך נישט,
זיי ווערן אונטערדריקט. דאָס, וואָס איז געווען אַמבעסטן צוצו-
פּאַסן איז שוין אָנגענומען געוואָרן.

אין די נייע באַדינגונגען איז עס דער פשוטער טיפּ, וועל-
כער ליידט, און די נייהייט, וועלכע קען האָבן אַ בעסערן שאַנס
איבערצולעבן און זיך איינאָרדנען...

אין דעם פעלזן-חשבון קומט איצט אַן איבעררייס, וועל-
כער רעפּרעזענטירט אפשר אַ פּאָר מיליאָן יאָר. ס׳הענגט נאָך
דאָ אַ שלייער אפילו איבער די ריכט-ליניען פון דער געשיכטע
פונם לעבן. ווען ער ווערט אויפגעדעקט, איז דער שרצים-

פעריאָד ביים סוף; די דינאָזאורוסן, די פלעזיאָזאורוסן און איכ־טיאָזאורוסן, די פטעראָדאקטילן, די אומצאָליקע דורות און מינים אַמאָניטן זענען פולשטענדיק פאַרשוואונדן. טראָץ זייער שטוינענ־דער פאַרשידנאַרטיקייט זענען זיי אויסגעשטאָרבן און נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט קיין שום יורשים. די קעלט האָט זיי דער־הרגעט. זייערע אַלע ענדגילטיקע וואַריאַצעס זענען נישט געווען געענוגנט; זיי האָבן קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן אויף באַדינגונ־גען, וואָס זאָלן זיין גינסטיק פאַרן איבערלעבן. די וועלט איז אַדורך אַ פּאַזע פון עקסטרעמע באַדינגונגען, וואָס זענען געווען איבער זייערע אויסדויער־כּוחות; ס'איז פאָרגעקומען אַ פּאַמעלעכע און פולקאָמע שחיטה אונם מעזאָזאָאישן לעבן, און מיר געפינען איצט אַ נייע סצענע, אַ נייע און שווערערע פלאָרע, אַ נייע און שווערערע פאַאונאַ באַהערשן די וועלט. עס איז נאָך אַלץ אַ קאַלטע און פאַראַרימטע סצענע מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן דער נייער באַנד פון דעם לעבנס־בוך. די ציקאַדעס און די טראָפּישע שישקע־ביימער האָבן ס'רוב אָפּגעטרעטן זייערע ערטער צו די בליענדע צמחים און קוסטעס און אַזעלכע ביימער, וואָס פאַרשפּרייטן זייערע בלעטער, כּדי אויסצומיידן פאַרניכטונג דורך די ווינטער־שנייען, און ווו ס'איז פריער געווען אַ שפע פון שרצים, האָט זייער אָרט פאַרנומען אַ פאַר־גרעסערטע פאַרשידנאַרטיקייט פון פייגל און זויג־חיות.

קאַפּיטל 8.

דער פעריאָד פון די זויג־חיות.

דער אָנהייב פון דעם נעכסטן גרויסן פעריאָד פונם לעבן אויף דער ערד, דער קאַינאָזאָאישער פעריאָד, איז געווען אַ

פעריאָד פון איבערפלאַך אויפהייבעכץ און פון עקסטרעמער
וואולקאנישער טעטיקייט. דעמאָלס איז עס געווען, ווען די רי-
זיקע מאַסעס פון די אַלפּן, הימאַלאַיען און די רוקן-ביינער פון
די ראָקיס און די אנדן 1) האָבן זיך אַרויפגערוקט, און ס'האָבן
זיך באַוויזן די רויע ריכטליניען פון אונדזערע היינטיקע ימען
און קאָנטינענטן. די וועלט-מאַפּע הייבט אָן, צום ערשטן מאָל,
ארויסווייזן אַ נישט-קלאָרע ענלעכקייט צו דער היינטיקער מאַפּע
עס ווערט הייגט אָפּגעשאַצט, אַז פון דעם אָנהייב פונם קאינאָ-
זאאישן פעריאָד ביז צו דער היינטיקער צייט זענען פאַרלאָפן
צווישן 40 און 80 מיליאָן יאָר. גאָר אין אָנהייב פון דעם דאָ-
זיקן פעריאָד איז דער וועלט-קלימאט געווען זער אַ שאַרפער.
ס'איז אין אַלגעמיין געוואָרן וואַרימער ביז עס איז דערגרייכט
געוואָרן אַ נייע פאַזע פון אַ גרויסער שפע, נאָך וועלכער די
באַדינגונגען זענען ווידער געוואָרן שווערע און די ערד איז
אַדורך א רייע עקסטרעמע קאַלטע ציקלען, די אייז-פעריאָדן,
פון וועלכע זי הייבט זיך איצט באשיינפערלעך אויף, אָבער מיר
ווייסן נישט אין אַ גענויגנטער מאָס די סיבות פון די היינטיקע
קלימאטישע ענדערונגען, כּדי פאָרויסצוזאָגן די מעגלעכע שוואַנ-
קונגען פון זייערע באַדינגונגען, מעגלעך, אַז מיר דערנענטערן
זיך צו א פארגרעסערטע זון ליכט אָדער מיר פאַלן אריין אין
א צווייטן אייז פעריאָד; מעגלעך אַז ס'וועלן זיך פאַרגרעסערן
אָדער פארקלענערן די וואולקאַנישע טעטיקייטן און דאָס אויפהיי-
בעכץ פון די בערג-מאַסעס; מיר ווייסן דאָס נישט; עס פעלט
אונדז גענוגנטע ידיעות. אין אָנהייב פון דעם דאָזיקן פעריאָד באַווייזן
זיך די גרעזער; צום ערשטן מאָל איז פאראַן פאַשע אויף דער
וועלט; און צוזאַמען מיט דער פולער אַנטוויקלונג פון דעם
אמאָל אומבאַדייטנדן טיפּ פון זויג-חיות באַווייזט זיך אַ געוויסע
צאָל אינטערעסאַנטע גראָז-עסנדיקע חיות און פלייש-עסנדיקע
טיפּן, וועלכע פרעסן אויף די ערשטע. לכתחילה האָבן די אור-
זויג-חיות, דאַכט זיך, נאָר אין עטלעכע אייגנשאַפטן זיך אונ-

1) אין אמעריקע

טערגעשיידט פון די גראָז-עסנדיקע און די פלייש-עסנדיקע שרצים, וועלכע האָבן מיט צייטן צוריק געבליט און נאָכהער פארשווונדן געוואָרן פון דער ערד. אַ נישט אויפמערקזאַמער באַאָבאַכטער וואָלט זיך משער געווען, אַז אין דעם צווייטן לאַנגן פעריאָד פון ווארעמקייט און שפע, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן, האָט די נאַטור נאָר בלויז איבערגעחזרט דעם ערשטן מיט גראָז-עסנדיקע און פלייש-עסנדיקע זויג-חיות פאַראַלעל צו די גראָז-עסנדיקע און די פלייש-עסנדיקע דינאזאורוסן, און מיט פייגל אָנשטאָט פטעראדאקטילן א. א. וו. אָבער דאָס וואָלט געווען אַ פולשטענדיק איבערפלעכלעכער פאַרגלייך. די פאַרשידנאַרטיקייט פון דעם וועלט-אל איז אומענדלעך און אומאויפהערלעך. עס פראָגרעסירט אייביק; די געשיכטע חזרט זיך קיינמאָל נישט איבער און קיין שום פאַרגלייכן זענען נישט גענוי ריכטיק. די אונטערשידן צווישן דעם לעבן פון דעם מעזאזאאישן און דעם קאינאזאאישן פעריאָד זענען אַ סך טיפער פון די ענלעכקייטן. דער פונדאַמענטאַלסטער פון אַלע אונטערשידן ליגט אין דעם גייסטיקן לעבן פון די דאָזיקע צוויי פעריאָדן. עס באַשטייט דער עיקר אין דעם ווייטער אָנהאַלטנדיקן קאָנטאַקט צווישן די עלטערן און די קינדער. און דאס אונטערשיידט די זויג-חיות, און אין אַ קלענערער מדרגה די פייגל, פון דעם שרצים-לעבן.

מיט זער ווינציק אויסנאַמען פאַרלאָזט דער שרץ זיינע אייער, אַז זיי זאָלן זיך אַליין אויסבריען. דער יונגער שרץ האָט נישט קיין שום אָנונג, ווער זיינע עלטערן זענען; זיין גייסטיק לעבן, אַלס אַזעלכעס, הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט זיינע אייגענע דערפאַרונגען. ער קען טאָלערירן די עקזיסטענץ פון זיינע חברים אָבער ער האָט נישט קיין באַציונגען מיט זיי, ער אַמט קיינמאָל נישט נאָך, ער לערנט זיך קיינמאָל נישט אָפּ פון זיי, ער איז נישט פעיק צו אַן אָפּגערעדטער אַקציע צוזאַמען מיט זיי. זיין לעבן איז דאָס לעבן פון אַן איזאָלירטן

אינדיווידואום אָבער צוזאַמען מיטן זויגן פון די קינדער און זייער אויפפּאַסן, וואָס דאָס זענען געווען בולטע אייגנשאַפטן פון די נייע ראַסעס פון די זויג-חיות און פייגל, איז אַנטשטאַנען די מעגלעכקייט פון אָפּלערנען זיך דורך נאָכאַמונג, באַציונגען, וואָרנענדיקע געשרייען און אַנדערע אָפּגערעדטע אַקציעס פון די קעגנזייטיקן קאָנטראָל און באַלערונג. אַן אָפּלערן-פּעאיקער לעבנס-טיפּ איז געקומען אויף דער וועלט. די אור-זויג-חיות פון דעם קאַינאָזאישן פּעריאָד שטייען אַביסל העכער לויט דער גרויס פונם געהירן, ווי די מער טעטיקע פלייש-עסנדיקע דינאָזאַוורוסן, אָבער ווען מיר לייענען ווייטער דעם פעלזן-חשבון ביז צו די מאָדערנע צייטן, געפונען מיר אין יעדן שבט און ראַסע פון די זויג-חיות א כסדר'דיקע אַלגעמיינע פאַרגרעסערונג פון דער גרויס פונם געהירן. צ.ב. אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק פריער פאַזע זען מיר, דאָס באַווייזן זיך פון נאָז-האָרן ענלעכע חיות. ס'איז פאַראַן א חיה, דער טיטאַנאָטעריום, וועלכע האָט געלעבט אין דער פריסטער אָפּטיילונג פון דעם פּעריאָד. זי איז וואַרשיינלעך לויט אירע געוווינהייטן און באַדערפענישן זער ענלעך געווען צו אַ מאָדערנעם נאָז-האָרן. אָבער די גרויס פון איר געהירן איז אַפילו נישט געווען קיין צענטל פון איר איבערגעבליבענעם נאָכפאָלגער. די ערשטע זויג-חיות האָבן זיך וואַרשיינלעך אָפּגעשיידט פון זייערע קינדער באַלד ווי דאָס זויגן האָט זיך פאַרענדיקט, אָבער קוים איז שוין אַמאָל געווען די פעיקייט פאַר אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג, זענען די נוצן פון ווייטער אָנהאַלטן די אַסאָסאַציע זער גרויס; און באַלד געפונען מיר א צאָל מינים זויג-חיות, וועלכע ווייזן אַרויס דעם אָנהייב פון אַן אמת געזעלשאַפטלעך לעבן, און זיי האַלטן זיך בייזאַמען אין סטאַדעס, גרופּעס און טשערדעס, היטנדיק איינעם דעם אנדערן; נאָכצמענדיק איינער דעם אַנדערן, נעמענדיק וואָרנונגען פון דעם אַנדערנ'ס מעשים און געשרייען. דאָס איז אַזעלכעס. וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען פריער ביי די חוט-השדרה'דיקע

חיות. מ'קען בלי ספק טרעפן שרצים און פיש אין גרופּע־און פּאַרטיעס. זיי זענען אויסנעבריט געוואָרן אין גרויסע קוואַנטומס און ענלעכע באַדינגונגען האָבן זיי געהאַלטן בייזאַמען אָבער אין דעם פאַל, ביי די געזעלשאַפטלעכע אין סטאַדעס לעבעדיקע חיות, אַנטשטייט די אַסאָציאַציע נישט בלויז פון אַ געמיינזאַמקייט פון אויסערלעכע קרעפטן, עס ווערט אָנגעהאַלטן פון אַן אינערלעכן איינפלוס. זיי זענען נישט נאָר בלויז ענלעך איינער צום אַנדערן און דעריבער געפונען זיי זיך אין איין צייט אויף איין אָרט; זיי ליבן איינער דעם אַנדערן און דעריבער האַלטן זיי זיך בייזאמען. דער אונטערשיד צווישן דער שרצים־וועלט און דער וועלט פון אונדזערע מענטשלעכע באַגריפן איז אַזעלכער, וואָס אונדזערע געפילן קענען, דוכט זיך, נישט באַ־גרייפן. מיר קענען נישט באַגרייפן די שנעלע נישט קאָמפּלי־צירטע נויטווענדיקייט פון אַ שרץ'ס אינסטינקטיווע מאָטיוון, זיינע אַפּעטיטן, מורא'ס און שנאות. אין זייער פּשוטקייט קענען מיר זיי נישט פאַרשטיין, ווייל אַלע אונדזערע מאָטיוון זענען אויסגערעכנטע פועל־יוצא'ס און נישט קיין פּשוטע נויטווענדיקייטן. אָבער די זויג־חיות און פייגל פאַרמאָגן זעלבסט־באַהערשונג און איינזען פאַר אַנדערע אינדיווידואומען. אַ געזעלשאַפטלעכן אַפּעל. אַ זעלבסט־קאָנטראָל, ד. ה. אויף אַ נידריקער מדרגה, לויט אונדזערער אייגענעם נוסח. אַלס פועל־יוצא דערפון קענען מיר אָנקניפּן באַציונגען מיט כמעט אַלע זייערע מינים. ווען זיי ליידן גיבן זיי אַרויס געשרייען און מאַכן באַוועגונגען, וואָס דערוועקן אונדזערע געפילן. מיר קענען פון זיי מאַכן פאַר־שטענדלעכע ליבלינגע, מיט אַ קעגנזייטער אַנערקענונג. מ'קען זיי צוגעוויינען צו אַ זעלבסט־באַהערשונג לגבי אונדז, פאַרהיימישן זיי און לערנען. דער אומגעוויינלעכער וווקס פונם געהירן, וואָס דאָס איז דער צענטראַלער פאַקט פון די קאינאָזאָאישע צייטן. באַצייכנט אַ נייע באַציונג און קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון די אינדיווידו־אומען. דאָס זאגט אָן די אַנטוויקלונג פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן,

וועגן וועלכע מיר וועלן באַלד שמועסן. ווען דער קאַינאזאָישער פעריאָד איז זיך געגאַנגען ווייטער איז די ענלעכקייט פון זיין פלאָרא און פאַונא געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער צו דער פלאָרא און פאַונא פון אונדזער היינטיקער וועלט. די ריזיקע אומגעלומפערטע אואינטאַטערעס און טיטאַנאָטערעס, ריזיקע אומגעלומפערטע בחמות, נישט ענלעכע צו קיין שום לעבעדיקע בריאה, זענען פארשוונדן. דאַקעגן האָבן זיך אַ רייע פאָרמען דורך אַ כסדר'דיקער אַנטוויקלונג פון די גראָטעסקע און אומגעלומפערטע פארגייערס, דערפירט צו די זשיראַפן, קעמלען, פערד, העלפאַנטן, הירשן, הינט, לייבן און טיגריסן פון דער היינטיקער וועלט. באַזונדערס איז אין דעם פעלזן-חשבון לייענבאַר די עוואָליוציע פון פערד. מיר פארמאָגן אַ פולקאָמע סעריע פון פאָרמען, אָנהייבנדיק ביי אַ קליינעם טאַפיר 1) ענלעכן פארפאָטער פון דעם אָנהייב פון דעם פעריאָד. ווייטער איז מיט אַ געוויסער גענויאיקייט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן די אַנטוויקלונג-מדרגות פון די לאַמעס 2) און די קעמלען.

קאַפּיטל 9.

מאַלפּעס, אַפּן [3] און אונטער-מענטשן.

די נאַטור-פאָרשער צוטיילן די זויג-חיות אויף אַ געוויסע צאָל קלאַסן. בראש פון זיי שטייט די קלאַס פרימאַטן 4), וועלכע

---

1) גראָב-הויטיקע און קורצהאַלדזיקע חיה.

2) אַמעריקאַנער קעמל.

3) מאַלפּעס אָן עק.

4) ערשטע מדרגה.

שליסט איין די לעמורן 1), מאלפעס, אפן און מענטשן. די דאָ-
דיקע קלאַסיפיקאַציע האָט זיך לכתחילה באזירט אויף אַנאַטאָ-
מישע ענלעכקייטן און נישט אין אַכט גענומען די גייסטיקע
אייגנשאַפטן. די פארגאַנגענע געשיכטע פון די פרימאטן איז
זער שווער צו אַנטציפערן אין דעם חשבון. זיי זענען ס'רוב
חיות, וואָס לעבן אין וועלדער, ווי די לעמורן און מאַלפעס,
אָדער אין נאַקעטע פעלזן, ווי די בייבונען 3). זיי ווערן זעלטן
דערטרונקען און באַדעקט דורך די שיכטן, זיי זענען ס'רוב נישט
פון קיין סך גאַטונגען, און דעריבער פיגורירן זיי נישט אַזוי
פול אין די פאַרשטיינערטע איבערבלייבעכצן ווי די פארפעטער
פון די פערד, קעמלען א. א. וו. אָבער מיר ווייסן, אַז גאָר
פרי אין דעם קאינאזאאישן פעריאָד, ד. ה. אַן ערך עטלעכע
פערציק מיליאָן יאָר צוריק, האָבן זיך באַוויזן פרימיטיווע מאַל-
פעס און לעמור-ענלעכע ברואים, אָרעמער לויטן געהירן און
נישט אַזוי ספעציאַליזירט ווי זייערע שפעטערדיקע נאָכפאָלגער.
דער גרויסער וועלט-זומער פון דעם מיטעל קאינאזאאישן פער-
יאָד האָט זיך ענדלעך דערנענטערט צו זיין סוף. ער האָט גע-
דאַרפט נאָכטון דעם ביישפיל פון יענע צוויי גרויסע זומערס
פון דער געשיכטע פונם לעבן, דעם זומער פון די קוילן-זומפן
און דעם גרויסן זומער פון דעם שרצים-פעריאָד. ווידער האָט
די ערד געשפרייזט צו אַן אייז פעריאָד. די וועלט איז אָפ-
געקילט געוואָרן, אַ געווויסע צייט איז געווען לינדער, און ווי-
דער זיך אָפגעקילט. בשעת דעם וואַרימען עבר האָבן זיך צווישן
די שפעטדיקע אונטערטראָפישע צמחים געוואַלגערט די היפפא-
טאַמען 4) און אַ גרויזאַמער טיגריס מיט שווערד-ענלעכע נעגל,
דער שווערד-צאָניקער טיגריס, האָט זיך געיאָגט נאָך זיין רויב

1) וואַלד-מאַלפעס.

2) גרויסע מאַלפעס מיט גרויסע פנימער, עקציינער ווי אַ הונט, גרויסע ליפן און אַ קורצער עק.

4) טייך-פערד.

װאָרט װוּ ס׳שפּאַצירן הײַנט די זשורנאַליסטן פֿון דער פליט-
סטריט 1) דעמאָלס זענען אָנגעקומען קאַלטע און נאָך קעלטערע
פּעריאָדן. ס׳איז פֿאָרגעקומען אַ גרױסע אָפּשװאַכונג און אױס-
שטאַרבונג פֿון די מינים. איבער דער סצענע גײען אַדורך
דער װאָליקער נאָז-האָרן, אַ ריזיקער װאָליקער קוזין פֿון העל-
פֿאַנט, דער אַרקטישער פּיזשאַמע-אָקס 2) און דער רעניפֿער.
נאָכהער, יאָרהונדערט בײַ יאָרהונדערט, איז דער אַרקטישער
אײַז-צודעק, דער װינטער-טױט פֿון דעם גרױסן אײַז-פּעריאָד,
צוגעקראָכן צו דרום. אין ענגלאַנד איז ער צוגעקומען כמעט
ביז צו דער טעמזע, אין אַמעריקע ביז צום טײַך אָהײַאָ. ס׳זע-
נען געװען װאַרימע הפסקות אין משך פֿון אַ פּאָר טױזנט יאָר
און נאָכהער צוריקטריטן צו ביטערע קעלטן. די געאָלאָגן רעדן
װעגן די װינטערדיקע פּאַוזעס אַלס דעם ערשטן, צװײטן, דריטן
און פֿערטן אײַז-פּעריאָד, און װעגן די הפסקות אַלס צװישן-אײַז
פּעריאָדן. מיר לעבן הײַנט אין אַ װעלט, װאָס איז פֿאַראָרימט
געװאָרן און לײַדט נאָך פֿון יענעם שרעקלעכן װינטער. דער
ערשטער אײַז-פּעריאָד האָט זיך אָנגעהױבן 600 טױזנט יאָר צו-
ריק; דער פֿערטער אײַז פּעריאָד האָט דערגרײכט זײַן ביטער-
ניש עטלעכע 50 טױזנט יאָר צוריק. און בשעת די שנײען
פֿון דעם אַלװעלטלעכן װינטער האָבן געלעבט די ערשטע
מענטשן ענלעכע ברואים אױף דער װעלט. אין מיטן פֿון דעם
קאַינאַזאַאישן פּעריאָד האָבן זיך באַװיזן פֿאַרשידנאַרטיקע אַפּן
מיט כמעט מענטשלעכע אַטריבוטן אין זײערע קין באַקן און
פֿוס בײנער, אָבער ערשט דעמאָלס, װען מיר דערנענטערן זיך
צו די אײַז פּעריאָדן, געפֿינען מיר שפּורן פֿון ברואים װעגן
װעלכע מ׳קען רעדן אַלס „כמעט מענטשלעכע”, די שפּורן זענען
נישט קײן בײנער, נאָר געצײַג. אין אײראָפּע געפֿינען מיר

1) אַ גאַס אין לאָנדאָן װוּ ס׳געפֿינען זיך אַ סך רעדאַקציעס.
2) אָנהאָרנדיקער הירש.

אין די שיכטן פון דעם פעריאָד, אַלט צווישן אַ האַלבן און אַ מיליאָן יאָר, קיזלשטיינער און שטיינער וואָס זע־נען קענטיק ברונה ארומגעהאַקט געוואָרן דורך געוויסע הענ־טיקע ברואים, וואָס האָבן געוואָלט קלאַפּן, קראַצן, אָדער קעמפן מיט דעם שאַרפן שפּיץ. די זאַכן הייסן „עאָליטן" (אור־שטיינער) אין איראָפּע זענען נישט פאַראַן, נישט קיין ביינער און נישט קיין אַנדערע רעשטלעך פון די ברואים, וועלכע האָבן געמאַכט די זאַכן, נאָר ס׳זענען דאָ די זאַכן אַליין. לויט אַלע זיכערקייטן, וואָס מיר פאַרמאָגן, האָט עס געמוזט זיין לחלוטין אַ נישט־מענטשלעך וועזן, נאָר אַן אינטעליגענטע מאַלפּע. אָבער נעבן טריניל (אין יאַווע) אין די אָנגעהויפטע זאַכן פון דעם פער־יאָד, האָט מען געפונען אַ שטיקל פון אַ שאַרבן און פאַרשידענע ציין און ביינער פון אַ מין אַפּע־מענטש, וואָס האָט אַ געהירן־שיידל, וואָס איז גרעסער ווי יענע פון די היינט לעבעדיקע אַפּעס, און וועלכע זענען. דוכט זיך, געגאַנגען גלייך. דאָס וועזן הייסט היינט דער גייענדיקער אַפּע־מענטש Pithecantropus ercetus און דאָס קליינע טעצל מיט זיינע ביינער איז די איינציקע שטיצע פאַר אונדזער כוח־הדמיון, כדי זיך פאַרצושטעלן די שע־פער פון די עאָליטן. ערשט ווען מיר קומען צו די זאַמדן, וואָס זענען אַלט כמעט 1/4 מיליאָן יאָר, געפונען מיר אַנדערע טיילן פון אן אונטער־מענטשלעך וועזן. אָבער דאָרטן איז פאַראַן אשפע געצייג. און לייענענדיק ווייטער דעם חשבון פאַרבעסערן זיי זיך וואָס אמאָל מער אין זייערע אייגנשאַפטן. זיי זענען שיין נישט מער אומגעלומפּערטע עאָליטן: זיי זענען איצט גע־שטאַלטיקע אינסטרומענטן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מיט אַ באַטייטענדן געלענק. און זיי זענען אַ סך גרעסער ווי דאָס ענלעכע גע־צייג, וואָס מענטשן האָבן נאָכהער געמאַכט. ווייטער, אין אַ זאַמד־גרוב ביי היידלבערג, באַווייזט זיך אַן איינציקער כמעט מענטשלעכער קין־באַק־ביין, אָן אומגעלומפּערטע קין־ביין, אַבסאָ־לוט אָן אַ קין, אַ סך שווערער ווי אַן אמת מענטשלעכער קין־

באַק-ציין און שמעלער, אַזוי אז עס איז נישט ווארשיינלעך, אַז דער דאָזיקער בריאהס צונג זאָל זיך האָבן געקענט באַוועגן, כּדי צו קענען ריכטיק רעדן. לויט דער קראַפט פון דעם קין-באַק-ביין קענען זיך די געלערנטע משער, אַז דאָס ווען האָט געמוזט זיין אַ שווער, כמעט מענטשלעך אומגעהויער, מעגלעך מיט ריזיקע איברים אין הענט, מעגלעך מיט אַ דיקער שיכט האָר, און זיי רופן אים אָן „היידלבערגער מענטש". דער דאָזיקער קין-באַק-ביין, מיין איך, איז איינער פון די זאַכן, וועלכע פייניקן אַמייסטן די טענטשלעכע נייגיריקייט, אים צו זען הייסט קוקן דורך אַ דעפעקטיוון שפּיגל אויף דעם עבר און כאַפּן אַמטושטש'-דיקן און טאַנטאַליזירענדן 1) בליק אויף דעם ווען, וועלכעס שפּרייזט אין דער קאַלטער וויסטעניש, קלעטערט אין דער הויך כּדי אויסצומיידן דעם שווערד-צאָניקן טיגריס און קוקט זיך צו צו דעם וואליקן נאָז-האָרן אין די וועלדער און נאכהער, נאָך איידער מיר קענען דורכשטודירן דאָס שרעקלעכע ווען, פאַר-שווינדט עס, אָבער דער באָדן איז שפּע'דיק אָנגעוואָרפן מיט דער אומצערשטערבארער געציינ, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט פאַר זיין געברויך. נאָך מער פאסצינירנד רעטזעלהאַפּט זענען די רעשטלעך פון אַ באַשעפעניש, וועלכע מ'האָט געפונען אין פּילטדאַון סוסעק, (ענגלאַנד) אין אַ שיכט, וואָס דייט אָן אויף אַ צייט צווישן 100 טויזנט און 150 טויזנט יאָר צוריק, הגם אַ טייל אויטאָריטעטן וואָלטן געוואָלט איבעררוקן די אייגנאַרטיקע רעשטלעך אויף אַ צייט, וואָס איז פריער פאַר דעם היידלבערגער קין-באַק-ביין. דאָ זענען פאראַן די רעשטלעך פון אַ דיקן אונ-טער-מענטשלעכן שאַרבן אַ סך גרעסער ווי די פון די עקזיס-

1) טאנטאלוס (פון דער גריכישער לעגענדע), וועלכער איז געשטאַנען אין וואַסער ביז צום קין איבערן קאָפּ זענען געהאָנגען צווייגן פול מיט פרוכטן. ווען ער האָט געוואָלט עסן זענען זיי אָפּגעשפּרונגען, ווען ער האָט געוואָלט טרינקען איז דאָס וואַסער אַנטלאָפן.

טערענרע אַפּן, און אַ שימפּאַנזע ענלעך קין-באַק-ביין, וואָס געהערט, מעגלעך יאָ אָדער נישט, צו איר, און חוץ דעם, אַ פּלעדערמויז ענלעך שטיק פון אַ העלפאנט ביין, קענטיק זאָרגפעלטיק אויסגעאַרבעט און דורך וועלכן ס'איז אַדורכגעבויעט געוואָרן אַ לאָך. ס'איז אויך דאָ אהיפּט (דוך) ביין פון אַ הירש מיטשניטן ענלעך צו אַ קאַרבירט שטעקעלע. דאָס איז אַלץ, וואָס פאַר אַ מין חיה איז געווען דאָס באַשעפעניש, וועלכעס איז געזעסן און אויסגעבויערט לעכער אין ביינער? די וויסנשאַפטס מענער האָבן איר אָנגערופן Ecantkropus דער אור-מענטש. ער שטייט אינגאַנצן באַזונדער פון זיינע קרובים; אַ גאַנץ אנדער באַשעפעניש לגבי דעם היידלבערגער, אָדער וועלכער עס איז היינט לעבעדיקער אַפּע. קיין אַנדערער שפּור ענלעך צו אים איז נישט פאַראַן, אָבער די זאַמדן און שיכטן, אָנהייבנדיק פון 100 טויזנט יאָר אָן, ווערן וואָס אמאָל רייכער מיט געצייג פון קיזלשטיין און ענלעכע שטיינער און די אינסטרומענטן זענען שוין נישט מער די רויע „עאָליטן” די אַרכעאָלאָגן זענען איצט אומשטאנד אונטערצושיידן שאָב-כלים, עגבערס, מעסערס, פייל שטיינער, וואַרפשטיינער און הענט-העקלעך...

מיר דערנענטערן זיך צום מענטש. אין דעם נאָענטסטן קאַפּיטל וועלן מיר באַשרייבן דעם אויסטערלישסטן פון די אַלע פאַרלויפערס פון דער מענטשהייט, די נעאַנדערטאַלער די מענטשן, וועלכע זענען כמעט געווען, אָבער דאָך נישט אינגאַנצן, אמתע מענטשן. נאָר עס וועט אפשר בעסער זיין דאָ פעסטצושטעלן פולשטענדיק קלאָר, אַז קיין שום געלערנטער איז זיך נישט משער, אַז עמיצער פון די באַשעפענישן, סיי דער היידלבערגער, סיי דער עאָאַנטראָפּוס, זאָל זיין די פאָרפעטער פון די הייגטיקע מענטשן. זיי זענען, אַמנאָענטסטן קרובהשע פאָרמען.

ק אַ פּ י ט ל 10

דער נעאַנדערטאַלער און דער ראַדעזיאַנער מענטש

אַן ערך 50—60 יאָר צוריק, פאַר דעם קולמינאַציע פונקט פון דעם 4־טן אייז־פעריאָד, האָט אויף דער ערד געלעבט אַ באַשעפעניש, וואָס איז געווען אַזוי ענלעך צו אַ מענטש, אַז ערשט נישט לאַנג האָט מען געהאַלטן, אַז זיינע רעשטלעך זענען פולשטענדיקע מענטשלעכע. מיר האָבן פון אים שאַרבנס, ביינער און אַן אָנגעהויפטע זאַמלונג פון גרויסע אינסטרומענטן, וואָס עס האָט געמאַכט און באַנוצט. עס האָט געמאַכט פייער. עס האָט זיך באַשיצט פון דער קעלט אין היילן. עס האָט וואַרשיינלעך אויף אַ רויען אופן באַאַרבעט פעל און דאָס געטראָגן. עס איז געווען רעכט־הענטיק, פונקט ווי דער מענטש. אָבער דאָ קומען די ענטבאלאָגן און זאָגן אונדז, אַז די דאָזיקע באַשעפענישן זענען נישט געווען קיין ווירקלעכע מענטשן. זיי זענען געווען פון אַן אַנדער מין פון זעלבן שורש. זיי האָבן געהאַט שווערע אַרויסשטאַרצנדע קין באַקן, זייער נידריקע שטערנס און גרויסע ברעם־לייסטן איבער די אויגן. זייערע מיטל־פינגער זענען נישט געווען אין אַ קעגנאיבערדיקער פּאָזיציע אַזוי ווי די מענטשנס פינגער; זייערע העלדזער זענען געשטאַנען אויף אַזאַ אופן, אַז זיי האָבן נישט געקענט אויסדרייען זייערע קעפּ און קוקן אַרויף צום הימל. זיי זענען וואַרשיינלעך געגאַנגען מיט די קעפּ אַראָפּ, געקוקט אַראָפּ און פאָרווערטס. זייערע קינלאָזע ביינער דערמאָנען אין דעם היידעלבערגער קינבאַק ביין און זענען באַשטימט נישט ענלעך צו די מענטשלעכע קינבאַק ביינער און אין די ציין זענען געווען גרויסע אונטערשידן אין פאַרגלייך מיט די מענטשלעכע. זייערע באַקן־ציינער זענען לויטן געבוי געווען מער קאָמפּליצירט ווי אונדזערע, מער קאָמפּליצירטע און

נישט קלענער, און האָבן נישט געהאַט די לאַנגע שפּיצן פון אונדזערע באַקן־ציינער; אויך האָבן די דאָזיקע כמעט-מענטשן נישט געהאַט די באַשטימטע הונט-ציינער (עק-ציינער) פון אַ פשוט מענטשלעך וועזן. די גרויס פון זייערע שאַרבנס איז געווען גרעסער פון הינטן און נידריקער פון פאָרנט, ווי דער מענטשלעכער געהירן. זייערע אינטעלעקטועלע פעיקייטן זענען געווען פון אַ פאַרשידענער מדרגה. זיי זענען נישט געווען די פאַרפעטער פון דער מענטשלעכער ראַסע. גייסטיק און פיזיש זענען זיי געשטאַנען אויף אַן אַנדערער מדרגה ווי דער מענטש.

צווישן אַנדערע ערטער האָט מען אין נעאַנדערטאַל (דייטשלאַנד) געפונען שאַרבנס און ביינער פון די דאָזיקע אויסגעשטאָרבענע מינים מענטשן, און צוליב דעם הייסן די אויסטערלישע פּראָטאָ-מענטשן נעאַנדערטאַלער. זיי האָבן געמוזט עקזיסטירן אין אייראָפּע אין משך פון הונדערטער און אפשר טויזנטער יאָרן. אין יענער צייט זענען דער קלימאַט און געאָגראַפיע געווען גאַנץ אַנדערש ווי היינט. אייראָפּע צ. ב. איז באַדעקט געווען מיט אייז, וואָס האָט דערגרייכט אין דרום ביז צו דער טעמזע און אַריין אין צענטראַל-דייטשלאַנד און רוסלאַנד; ס'איז נאָך נישט געווען דער קאַנאַל, וואָס טיילט אָפּ ענגלאַנד פון פראַנקרייך; דער מיטללענדישער ים און דער רויטער ים זענען געווען גרויסע טאָלן, מעגלעך מיט אַ קייט פון אָזערעס אין זייערע טיפערע ערטער, און אַ גרויסער אינלענדישער ים האָט זיך אויסגעשפּרייט פון דעם היינטיקן שוואַרצן ים אַרויס איבער רוסלאַנד און אַוועק ווייט קיין צענטראַל־אַזיע. שפּאַניען און די איבעריקע אייראָפּעישע לענדער, וואָס זענען פאַקטיש נישט געווען אונטער דעם אייז, זענען באַשטאַנען פון קאַלטע הויך־לענדער מיט אַ שווערערן קלימאַט, ווי לאַבראַדאָר (אמעריקע) און ערשט, ווען מ'האָט דערגרייכט צפון-אַפריקע, האָט מען געטראָפן אַ מיטלמעסיקן קלימאַט איבער די קאַלטע סטעפּעס פון

דרום־רוסלאַנד מיט זייערע קנאַפּע אַרקטישע צמחים זענען אַרומגעלאָפן אַזעלכע שווערע ברואים, ווי: דער וואָליקער מאַמאָנט, דער וואָליקער נאָזהאָרן, גרויסע אָקסן און רעניפערן, וועלכע זענען בלי ספק, אין פרילינג געגאַנגען צו צפון נאָך די צמחים, און אין האַרבסט צו דרום. אָט אַזוי האָט אויסגעזען די סצענע איבער וועלכער עס האָט געוואַנדערט דער נעאַנדערטאַלער, וועלכער האָט געזאַמלט פאַר זיך אַזאַ נאַרונגס־שטאָף, וואָס ער האָט געקענט באַקומען פון דעם קליינעם געווילד, פרוכטן, יאַגדעס און וואָרצלען.

מעגלעך, אַז ער איז הויפּטזעכלעך געווען אַ וועגעטעריאַנער, וואָס האָט געקייט צווייגן און וואָרצלען. זיינע גלייך אַנטוויקלטע ציין דייטן אָן אויף אַ הויפּטזעכלעך וועגעטעריאַנישער דיעטע. אָבער אין זיינע הייל'ן געפינען מיר לאַנגע מאַרך־ביינער פון גרויסע חיות און זיי (די ביינער) זענען צעהאַקט, כדי אַרויסצונעמען פון דאָרטן דעם מאַרך־זאַפט. זיין וואָפן האָט אים מן־הסתם נישט געברענגט קיין גרויס נוצן אין אַן אָפענעם קאָנפליקט, אָבער מ'איז זיך משער, אַז ער האָט אַטאַקירט די חיות ביי די שווערע טייך־איבערגענג מיט שפּיזן און ער האָט אפילו געגראָבן פאַל־גריבער פאַר זיי. מעגלעך, אַז ער איז נאָכגעגאַנגען די סטאַדעס און אויפגעפרעסן די טויטע, וועלכע זענען געהרגעט געוואָרן אין קאַמף, און מעגלעך, אַז ער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ שאַקאַל ביי דעם שווערד־צאָניקן טיגריס, וועלכער איז נאָך איבערגעבליבן אין זיינע צייטן. מעגלעך, אַז אין די ביטערע צייטן פון די אייז־פּעריאָדן האָט זיך דאָס דאָזיקע באַשעפעניש, נאָך לאַנגע יאָרן פון וועגעטעריאַנישער צופּאַסונג, גענומען צו אַטאַקירן די חיות. מיר קענען זיך נישט פאָרשטעלן ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען דער נעאַנדערטאַלער מענטש. ער האָט געמוזט זיין, אין אמתן, אַ זער האָריקער און לגמרי נישט מענטשנעלעך. ס'איז אפילו אַ ספק, צי ער איז געגאַנגען גלייך. ער האָט סתמא באַנוצט זיינע קנעכלען, כדי זיך אויפצושטעלן.

פֿאַרשיינלעך איז ער אַרומגעגאַנגען אַליין אָדער אין קליינע משפּחה-גרופּעס. לויטן געבוי פֿון זיין קינבאַק דרינגט מען, אַז ער האָט נישט געקענט רעדן, לויט ווי מיר פֿאַרשטייען דאָס. אין משך פֿון טויזנטער יאָרן זענען די נעאַנדערטאַלער געווען די העכסטע בּרואים, וועלכע די אייראָפּעישע יבשה האָט ווען עס איז געזען; און נאַכהער אַן ערך 35—30 טויזנט יאָר צוריק, ווען דער קלימאַט איז געוואָרן וואַרימער, האָט אין דעם נעאַנדערטאַלערס וועלט אַריינגעשטראָמט פֿון דרום אַ ראַסע פֿון קרובֿהשע וועזנס, אינטעליגענטערע, מער וויסנדיקע, רעדעוודיקע, וואָס האָבן זיך צוזאַמען קעגנזייטיק געהאָלפֿן. זיי האָבן פֿאַרטריבן די נעאַנדערטאַלער פֿון זייערע היילן און איינגעזעסענע ערטער; זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך דערזעלבער שפּייז; זיי האָבן פֿאַרשיינלעך מלחמה געהאַלטן מיט זייערע פֿורכטבאַרע פֿאָרלויפֿער און זיי אויסגעהרגעט. די נייע אָנקומער פֿון דרום אָדער מזרח — ווייל היינט ווייסן מיר נישט פֿון וועלכער געגנט זיי האָבן אָפּגעשטאַמט — וועלכע האָבן ענדלעך אינגאַנצן פֿאַרניכטעט די נעאַנדערטאַלער, זענען געווען וועזנס פֿון אונדזער אייגן בּלוט און פֿלייש, די ערשטע אמתע מענטשן. זייערע געהירן שיידלען, מיטעלע פֿינגער, העלדזער און ציין זענען אַנאַטאָמיש געווען די זעלבע ווי אונדזערע. אין אַ הייל ביי קראָמאַניאָן און אין אַן אַנדערער, ביי גרימאַלדי1) האָט מען געפֿונען אַ סכום סקעלעטן, די ערשטע אמתע מענטשלעכע רעשטלעך אויף וויפֿל מ׳ווייסט. אָט אַזוי אַרום באַווייזט זיך אונדזער ראַסע אין דעם פֿעלזן-חשבון און עס הייבט זיך אָן די געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. אין יענע צייטן איז די וועלט ענלעך געוואָרן צו אונדזער היינטיקער, הגם דער קלימאַט איז נאָך געווען אַ שאַרפֿער. די אייזבערג פֿון דעם אייז־פּעריאָד זענען אָפּגעטרעטן פֿון אייראָפּע; די רעניפֿערן פֿון פֿראַנקרייך און שפּאַניען

1) ביידע אין שפּאַניע.

האָבן באַלד אָפּגעטרעטן זייערע ערטער די סטאַדעס פּערד. ווען דאָס גראָז האָט זיך פאַרמערט אין די סטעפּעס, און דער מאָמענט איז וואָס אַמאָל געוואָרן זעלטענער אין דרום-אייראָפּע און ענדלעך זענען זיי איינגאַנצן אָפּגעטרעטן צו צפון... מיר ווייסן נישט פּינקטלעך עס האָבן אָפּגעשטאַמט די ערשטע אמתע מענטשן. נאָר אין זומער 1921 האָט מען אין בראָקן היל אין דרום-אַפריקע (ראָדעזיאַ) געפונען אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטן שאַרבן צוזאַמען מיט שטיקלעך פון א סקעלעט, וועלכע זענען, דוכט זיך, די רעשטלעך פון אַ דריטן סאָרט מענטש, וואָס שטייט לויט זיינע אייגנשאַפטן צווישן דעם נעאַנדערטאַלער און דעם אמתן מענטש. דאָס געהירן-שיידל דייט אָן א געהירן, וואָס איז גרעסער פון פאָרנט און קלענער פון הינטן, ווי דעם געאַנדערטאַלערס. און דער שאַרבן איז געשטאַנען גלייך אויף דעם רוקנביין אויף אַ גאַנץ מענטשלעכן אופן. אויך די ציין און די ביינער זענען פולשטענדיק ענלעכע. אָבער דאָס פּנים מיט אויסערגעוויינלעכע ברעמען-לייסטן און אַ לייסט לענג אויס דער מיט פון שאַרבן האָט געמוזט זיין אַפּן-ענלעך. דאָס וועזן איז, אַזוי צו זאָגן, געווען אַן אמתער מענטש מיט אַן אַפּן-ענלעך, נעאַנדערטאַלער פּנים. דער דאָזיקער ראָדעזיאַנער מענטש איז קענטיק נאָך נענטער צו די אמתע מענטשן ווי דער נעאַנדערטאַלער. דער ראָדעזיאַנער שאַרבן איז וואַרשיינלעך נאָר דער צווייטער פון דער לאַנגער רייע צוקונפטיקע מציאות פון די אונטער-מענטשלעכע מינים, וואָס האָבן געלעבט אין דער גרויסער צווישנצייט, צווישן דעם אָנהייב פון די אייז-פּעריאָדן און דער דערשיינונג פון זייער געמיינזאַמען יורש, און אפשר אויסראָטער, דעם אמתן מענטש. דער ראָדעזיאַנער שאַרבן אַן פּאַר זיך מעג נישט זיין איבעריק אַלט. ביז צו דער צייט פון דערשיינען פון אונדזער בוך 1) איז נאָך נישט געווען קיין גענויע

1) דערשינען אין ענגליש אין מיטן 1923.

באַשטימונג וועגן זיין וואַרשיינלעכן עלטער. ס׳איז מעגלעך, אַז דאָס דאָזיקע אונטער-מענטשלעכע וועזן האָט זיך דערהאַלטן אין דרום-אַפריקע ביז די נייעסטע צייטן.

קאַפּיטל 11

די ערשטע אמתע מענטשן

די עלטסטע סימנים און שפּורן, וואָס זענען היינט באַקאַנט דער וויסנשאַפט, פון אַ מענטשהייט, וועלכע איז אומבאַשטרייטבאַר קרובה׳ש צו אונדז, האָט מען געפונען אין מערב אייראָפּע, באַזונדערס אין פראַנקרייך און אין שפּאַניע. אין די דאָזיקע לענדער האָט מען אַנטדעקט ביינער, וואָפן, אויסקריצונגען אויף ביינער און פעלזן, אויסגעשניצטע שטיקער ביינער, בילדער אין היילן און אויף די אָבערפלאַכס פון פעלזן, און זיי דאַטירן זיך, ווי מ׳איז זיך משער, פון אַ 30 טויזנט יאָר צוריק אָדער מער. שפּאַניע איז היינט דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט אינם באַזיץ פון די ערשטע רעשטלעך פון אונדזערע אמתע מענטשלעכע פאָרפעטער. נאַטירליך זענען די איצטיקע קאָלעקציעס נאָר די בלויזע אָנהייבן פון די אָנגעהויפטע זאַכן, וועלכע מיר האָפן צו געפונען אין דער צוקונפט, ווען ס׳וועלן זיין גענוג פאָרשער, וואָס וועלן גרונטלעך אויספאָרשן אַלע מעגלעכע קוועלן, ווען אַנדערע לענדער פון דעך וועלט, וועלכע זענען איצט נישט צוגענגלעך פאַר די אַרכעאָלאָגן, וועלן אויספירלעך אויסגעפאָרשט ווערן. די גרעסערע טייל פון אַפריקע און אַזיע איז נאָך קיינמאָל נישט באַטרעטן געוואָרן דורך אַ געניטן באַאָבאַכטער, וואָס זאָל זיין פאַראינטערעסירט אין די דאָזיקע זאַכן און וואָס זאָל האָבן די

פרייהייט צו פאָרשן, און מיר מוזן דעריבער זיין זער פאָרזיכטיק און נישט אַרויסציען אַ שלוס, אַז די אור אמתע מענטשן זענען בולט געווען באַווינער פון מערב אייראָפּע אָדער אַז זיי האָבן זיך דאָרט צום ערשטן באַוויזן. מעגלעך, אַז אין אַזיע אָדער אין אפריקע, אָדער אונטער דעם ים ליגן היינט פאַרזונקען רייכערע און עלטערע שיכטן פון אמתע מענטשלעכע רעשטלעך ווי די יענע, וואָס זענען פאַראַן אויף דער ליכטיקער שיין. איך שרייב אין אַזיע אָדער אין אַפריקע, און איך דערמאַן נישט אַמעריקע, ווייל חוץ איין צאָן האָט מען דאָרט גאָרנישט נישט געפונען פון די העכערע פרימאַטן, סיי פון די גרויסע אַפּן, סיי פון אונטערמענטשלעכע נעאַנדערטאַלער אָדער פון די אור אמתע מענטשן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג פונם לעבן האָט געמוזט זיין פולשטענדיק אויסשליסלעך אין דער אַלטער וועלט, און ערשט קענטיק ביים סוף פון אַלטן שטיין פעריאָד האָבן זיך מענטשן אויסגעטרעטן אוועג קיין אַמעריקע דורך דער יבשה-פאַריי ניקונג, וואָס איז היינט איבערגעריסן דורך דעם בערינג ים-פּאַס. די דאָזיקע ערשטע אמתע מענטשן פון אייראָפּע פון וועלכע מיר ווייסן האָבן, ווייזט אויס, שוין געהערט צו איינער אָדער דער אַנדערער פון די לכל הפחות צוויי זער בולטע ראַסעס. איינע פון די ראַסעס איז ווירקלעך געווען פון זער אַ הויכן טיפּ; זי איז געווען א הויכע און מיט גרויסע געהירן. אַ געפונענער פרויען-שאַרבן איבערשטייגט לויט זיין גרויס א היינטיקן דורכ-שניטלעכן מענטשנ׳ס שאַרבן. איין מענלעכער סקעלעט איז איבער זעקס פוס די הויך. דער פיזישער טיפּ דערמאַנט אָן דעם צפון-אַמעריקאַנער אינדיער. די דאָזיקע מענטשן הייסן קראָמאַניאָנער, ווייל מ׳האָט דאָרטן געפונען די ערשטע סקעלעטן. זיי זענען געווען ווילדע, אָבער ווילדע פון א העכערער קלאַס. די צווייטע ראַסע, די ראַסע פון די רעשטלעך פון דער גרימאַלדי הייל, איז בולט געווען שוואַרצלעך לויט אירע אייגנשאַפטן. אירע נאָענטסטע היינט לעבעדיקע קרובים זענען די בושמענען און האָטנטאָטן פון

דרום אַפריקע. עס איז אינטערעסאַנט צו זען, אַז שוין גאָר ביים אָנהייב פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז שוין די מענטשהייט געווען צו טיילט ראַסן-אַרטיק אויף לכל הפחות צוויי הויפּט וואַריאַציעס; און עס לאָקן אונדז אַזעלכע אומבאַגרינדעטע השערות, אַז די ערשטע ראַסע איז וואַרשיינלעך געווען גיכער ברוינלעך ווי שוואַרץ, און זי איז געקומען פון מזרח אָדער צפון, און אַז די לעצטע איז גיכער געווען שוואַרצלעך ווי ברוין און זי איז געקומען פון עקוואַטאָריעלן דרום. און די דאָזיקע ווילדע פון אפשר 40 טויזנט יאָר צוריק זענען געווען אויף אַזוי פיל מענטשלעך, אַז זיי האָבן אַדורכגעלעכערט מושלען, כּדי צומאַכן האַלדזבענדער, זיך געמאָלט, אויסגעשניצט בילדער פון שטיינער און ביינער, אויסגעקריצט פיגורן אויף פעלזן און ביינער, געמאָלט גראָבע אָבער אָפט זייער געלונגענע בילדער פון חיות א.ד.ג. אויף די גלאַטיקע ווענט פון די היילן און אויף די אנציענדע אָבערפלאַכן פון די פעלזן. זיי האָבן געמאַכט אַ סך פאַרשידנ-אַרטיקע אינסטרומענטן, אַ סך קלענערע לויטן מאַסשטאַב און שענערע ווי די, וואָס די נעאַנדערטאַלער. אין די מוזעומס האָבן מיר סכומים פון זייערע אינסטרומענטן, זייערע סטאַטועטקעס, זייערע פעלזן-בילדער א.ד.ג. די ערשטע פון די דאָזיקע מענטשן זענען געווען יעגער, זייער הויפּט ציל איז געווען דאָס ווילדע פערד, דאָס קליינע באַבערדלט פערדל פון יענער צייט. זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען, ווען ער איז געגאַנגען נאָך פּאַשע. זיי זענען אויך נאָכגעגאַנגען דעם ביזאָן. זיי האָבן געקענט דעם מאַמאַנט ווייל זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזט פּאָרטרעפלעכע געלונגענע בילדער פון יענער חיה. אז מ׳זאָל אורטיילן לויט אַ גיכער, צוויי דייטיק בילד, האָבן זיי אים פאַרנאַרט און דערהרגעט. זיי זענען געגאַנגען אויף יאַגד מיט שפּיזן און וואַרפשטיינער. ס׳ווייזט נישט אויס, אַז זיי האָבן געזאָלט האָבן דעם פעלזן-בויגן, און ס׳איז אַפילו צווייפלהאַפט צי זיי האָבן געוווסט צו צוימען די חיות. זיי האָבן נישט געהאַט קיין הונט. ס׳איז דאָ אַן אויס-

געשניצטער פערדן קאָפּ און איין אָדער צוויי בילדער, וואָס דייטן אָן אַ באַזאָטלט פערד מיט אַן אַרומגעפלאָכטענעם לעדער אָדער צוים. אָבער די קליינע פערד פון יענער צייט אין געגנט האָבן נישט געקענט דערטראָגן אַ מענטש, און אויב דאָס פערד איז פאַרהיימיש געוואָרן איז עס באַנוצט געוואָרן אַלס אַ שלעפּ-פערד. עס איז אַ ספק און עס איז נישט וואַרשיינלעך, אַז זיי האָבן געזאָלט וויסן פון דעם, גיכער נישט נאַטירלעכן, געברויך פון דער חיות מילך אַלס שפּייז. ווי ס'ווייזט אויס, האָבן זיי נישט אויפגעשטעלט קיין געביידעס, הגם זיי האָבן געקענט האָבן געצעלטן פון פעל, און הגם זיי האָבן געמאַכט ליימענע פיגורן האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט דערהויבן צו דער טעפּעריי אויס-אַרבעטונג. היות זיי האָבן נישט געהאַט קיין קאָך געשיר האָט זייער קאָך קונסט געמוזט זיין אַ רויע אָדער גאָרנישט עקזיסטירט. זיי האָבן גאָרנישט געוווסט וועגן ערדאַרבעט און גאָרנישט וועגן קאָרב-פלעכטעריי אָדער געוועבטע קליידער. חוץ זייערע מלבושים פון פעל אָדער פוטער זענען זיי געווען נאַקעטע געמאָלטע הילדע.

די ערשטע באַקאַנטע מענטשן זענען געגאַנגען אויף יאַגד אין די אָפענע אייראָפּעאישע סטעפּעס מעגלעך אין משך פון 10.000 יאָר, פאַמעלעך זיך גערוקט און געטוישט די ערטער פאַר אַ קלימאַט-ענדערונג. אייראָפּע איז, יאָרהונדערט ביי יאָר-הונדערט, געוואָרן לינדער און פייכטער. די רעניפערן זענען אָפּגעטרעטן צו צפון און מזרח, און ס'זענען זיי נאָכגעגאַנגען די ביזאָנען און פערד. די סטעפּעס האָבן אָפּגעטרעטן זייערע ערטער די וועלדער, און די רויטע הירשן האָבן פאַרנומען ס'אָרט פון פערד און ביזאָן. צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון גע-ברויך האָבן זיך געענדערט די אינסטרומענטן. טייך- און אָזערע-פישעריי הייבן אָן צו קריגן אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן מענטש און ס'פאַרמערן זיך שיינע אינסטרומענטן פון ביין. „די ביינערנע נאָדלען פון יענער צייט — זאָגט דעמאָרטילע — שטייען

אַ סך העכער ווי יענע שפּעטערדיקע, אַפילו היסטאָרישע צייטן ביז צום רענעסאַנס. די רוימער צ. ב. האָבן קיינמאָל נישט געהאַט נאָדלען, וואָס זאָלן זיך קענען פאַרגלייכן מיט יענע פון דער דאָזיקער עפּאָכע". אַן ערך 12—15 טויזנט יאָר צוריק האָט אַרייגעשטראָמט קיין דרום שפּאַניע אַ ניי פאָלק, וואָס האָט איבערגעלאָזט פון זיך מערקווירדיקע צייכנונגען אויף די אָפענע אויבערפלאַכן פון די פעלזן. דאָס זענען געווען די אַזיליאַנער (זיי הייסן אַזוי צוליב דער הייל אין מאַ ד'אַזיל) זיי האָבן געהאַט דעם פיילן-בויגן. ס'ווייזט אויס, אַז זיי האָבן געטראָגן פעדערנע היטלען; זיי האָבן אויך רעדוצירט זייערע צייכנונגען צו אַ מין סימבאָליזם — אַ מענטש צ. ב. איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דורך אַ ווערטיקאַלן שטריך מיט 2 אָדער 3 האָריזאָנטאַלע שטריכן — וואָס דייט אָן דאָס טאָגן פון דער שריפט-אידייע. קעגן איבער די יאַגד-בילדער זענען אָפט פאַראַן צייכנס ענלעכע צו קאָרבירטע שטעקעלעך. איין צייכנונג ווייזט ווי 2 מענער רויכערן אויס אַ בינשטאָק. דאָס זענען די לעצטע פון די מענטשן, וועלכע מ'רופט אָן פּאַלעאָליטישע (אַלט שטיין פּעריאָד), ווייל זיי האָבן געהאַט נאָר אַרומגעהאַקטע אינסטרומענטן. אַן ערך 10—12 טויזנט יאָר צוריק האָט אין אייראָפּע אָנגעהויבן טאָגן אַ נייער אַרט לעבן.

מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט נישט נאָר אַרומהאַקן, נאָר אויך פּאָלירן און שלייפן שטיינערנע געצייג און זיי האָבן אָנגעהויבן ערד-אַרבעט. דער נעאָליטישער פּעריאָד (ניי-שטיין פּעריאָד) האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכנען, אַז וועניקער ווי הונדערט יאָר צוריק האָט אין אַ ווייטער וועלט-טייל, אין טאַסמאַניע, (אַויסטראַליע) נאָך געלעבט אַ ראַסע פון מענטשלעכע וועזנס, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה פון פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג, ווי די אור-ראַסעס פון דער מענטשהייט, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע שפּורן אין אייראָפּע. דאָס דאָזיקע טאַסמאַניש פאָלק איז

מיט יאָרן צוריק דורך די געאָגראַפישע ענדערונגען אָפּגעשניטן געוואָרן פון די רעשט ראַסעס, אָנרעגונג און פאַרפּולקאָמונג. ס'ווייזט אויס, אַז זיי זענען גיכער דעגענערירט געוואָרן, ווי אַנט־וויקלט. אין דער צייט, ווען די אייראָפּעישע פאָרשער האָבן זיי אַנטדעקט, האָבן זיי געפירט אַ נידריקן לעבנס-שטייגער זיך געשפייזט מיט שאָלן-פישלעך און קליינער געווילד. זיי האָבן נישט געהאַט קיין ווינונגען, נאָר ערטער, וווּ זיי זענען געזעסן איינגעקורטשעט. זיי זענען געווען אמתע מענטשן פון אונדזערע מינים, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין געלענק אין דער רעכטער האַנט און נישט די אַרטיסטישע פעיקייטן פון די ערשטע אמתע מענטשן.

קאַפּיטל 12

דער פּרימיטיווער געדאַנק

און איצט וועלן מיר זיך דערלויבן אַריינצולאָזן זיך אין אַ זער אינטערעסאַנטער באַטראַכטונג: ווי האָט זיך געשפּירט דער מענטש אין יענע אור-צייטן פון דער מענטשלעכער דער־פאַרונג? ווי און וואָס האָבן די מענטשן געטראַכט אין יענע ווייטע צייטן פון יאַגד און וואַנדערונג, 40000 יאָר צוריק, איי־דער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון זריעה און שניט? יענע צייטן זענען געווען אַ סך פריער איידער מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַרשרייבן די געשיכטע, און מיר זענען אינגאַנצן אויסגעשטעלט אויף דער אַרויסדרינגונג און השערות-ווערק אַלס תשובות אויף אונדזערע שאלות. די קוועלן, צו וועלכע די געלערנטע האָבן זיך געווענדעט אין זייערע פאַרזוכן צוריק אויפצו-

שטעלן יענעם פרימיטיוון גייסטיקן צושטאַנד, זענען זער פאַר־שידנאַרטיקע. ערשט נישט לאַנג האָט די פסיכאָ־אַנאַליטישע וויסנשאַפט (וועלכע אַנאַליזירט דעם אופן, ווי אַזוי די עגאָיסטישע און ליידנשאַפטלעכע אימפּולסן פון אַ קינד ווערן באַגרענעצט, אונטערדריקט, מאָדיפיצירט און פאַרטרעטן, כדי זיי צוצופּאַסן צו די באַדערפענישן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן), ווייזט אויס, באַדייטנד באַלויכטן די געשיכטע פון דער פרימיטיווער געזעל־שאַפט; אין אַנדערע פרוכטבאַרע קוועלע פון אָנדייטונגען איז געווען דער שטודיום פון די אידייען און מנהגים פון די היינט לעבעדיקע ווילדע מענטשן. ווייטער איז פאַראַן אַ מין פאַר־שטיינערטע גייסטיקייט אין דעם פאָלקלאָר און אין די טיף איינ־געוואָרצלטע נישט ראַציאָנעלע אַבערגלויבנס און פאַרורטיילן, וואָס האָבן זיך נאָך דערהאַלטן ביי די מאָדערנע ציוויליזירטע פעלקער. און ענדלעך האָבן מיר, ווען מיר דערנענטערן זיך זיך צו אונדזער אייגענער צייט, אין די צאָלרייכע בילדער, סטאַטועס, אויסשניצונגען, סימבאָלן א. ד. גל. וואָס אַמאָל קלאָ־רערע אָנדייטונגען וועגן דעם, וואָס דער מענטש האָט געהאַלטן פאַר אינטערעסאַנט און וויכטיק פאַרצושטעלן און צו באַריכטן. דער פרימיטיווער מענטש האָט וואָרשיינלעך געדענקט פונקט ווי אַ קינד, ד. ה. אין אַ רייע אימאַגינאַציע בילדער. ער האָט דער־וועקט אין זיך בילדער, אָדער אין זיין געדאַנק האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט בילדער, און זיינע מעשים זענען געווען אין הסכם מיט די עמאָציעס, וואָס זיי האָבן אין אים אַרויסגערופן. אַזוי טוט נאָך היינט אַ קינד אָדער אַ נישט געבילדעטער מענטש. דאָס סיסטעמאַטישע דענקען איז קענטיק אַ פאַרהעלטניסמעסיק שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג.

עס האָט נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָל אין מענטש־לעכן לעבן ביז די לעצטע 3 טויזנט יאָר. און אפילו היינט זענען די, וואָס קאָנטראָלירן אין אמתן און אָרדנען זייערע גע־דאַנקען, נאָר אַ קליינע מינדערהייט פון די מענטשהייט. דער

גרעסטע טייל פון דער וועלט לעבט נאָך היינט מיט לײדנשאַפט און אימאַגינאַציע. װאַרשײנלעך זענען די עלטסטע מענטשלעכע געזעלשאַפטן אין די אָנהייב-פאַזעס פון דער אמתער מענטשלע-כער געשיכטע געווען קליינע פאַמיליען-גרופּעס. פּונקט ווי די סטאַדעס און טשערעדעס פון די ערשטע זויג־חיות זענען אַנט-שטאַנען פון פאַמיליעס, וועלכע זענען געבליבן צוזאַמען און זיך פאַרמערט, אַזוי זענען װאַרשײנלעך אַנטשטאַנען די ערשטע שבטים, אָבער איידער דאָס האָט געקענט געשען, האָט קודם כּל געמוזט באַגרענעצט ווערן דער פּרימיטיווער עגאָיזם פון דעם יחיד. די מורא פאַרן פאָטער און דער רעספּעקט פאַר דער מוטער האָבן געמוזט אָנגעהאַלטן ווערן אויך ביי דעם יוגנטלעכן, און די נאַטירלעכע קנאה פון דעם זקן פון דער גרופּע לגבי די אויפוואַקסנדע יוגנטלעכע זכרים האָט געמוזט געמילדערט ווערן. די מוטער דאַקעגן איז געווען די נאַטירלעכע עצה-גע-בערין און באַשיצערין פון די יונגע קינדער. דאָס מענטשלעכע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז פון איין זייט אַנטשטאַנען פון דער רעאַקציע צווישן דעם רויען אינסטינקט פון די יונגע, וואָס וועלן אַוועקגיין און זיך אָפּטיילן, ווען זיי וואַקסן אויף, און פון דער צווייטער זייט, פון די געפאַרן און היזקות פון דער סעפּעראַציע. אַן אַנטראָפּאָלאָגישער שרייבער מיט אַ גרויסער אינטעליגענץ י. י. אַטקינסאָן, האָט אין זיין בוך „אור געזעץ" געוויזן אויף וויפל מ'קען צושרייבן דעם געוויינלעכן געזעץ פון די ווילדע, דעם טאַבו, וואָס איז אַזאַ מערקווירדיקער פאַקט אינם שבטישן לעבן, אַלס אַ גייסטיקע באַרעכטיקונג פון די נויטווענדיקייטן פון דער פּרימיטיווער מענטשלעכער חיה צו דער אַנטוויקלונג פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן; די שפּעטערדיקע ווערק פון די פּסיכאָ-אַנאַליטיקער האָבן אַ סך אויפגעטון, כּדי צו באַשטעטיקן זיין אינטערפּרעטאַציע וועגן די דאָזיקע מעגלעכקייטן.

אַ סך פאָרשער ווילן, אַז מיר זאָלן גלייבן, אַז רעספּעקט און מורא פאַרן זקן און די עמאָציאָנעלע רעאַקציע פון די פּרי-

מיטיווע ווילדע צו די עלטערע באַשיצנדיקע פרויען, פאַרגרוזמאַט אין חלומות און באַרייכערט דורך אַ פאַנטאַסטישער גייסטיקער פאָרשטעלונג, האָבן נעבילדעט א גרויסע טייל פון די התחלות פון דער פרימיטיווער רעליגיע און פון די קאָנצעפּציע וועגן געטער און געטינס. צוזאַמענגעבונדען מיטן רעספּעקט פאַר מעכטיקע אָדער ארויסהעלפגדיקע פערזענלעכקייטן איז געווען די מורא און עקזאלטאציע פון אזעלכע פערזענלעכקייטן נאָך זייער טויט, א דאַנק זייער ווידער דערשיינען אין חלומות. ס'איז געווען לייכט צו גלויבן, אַז זיי זענען אין אמתען נישט געשטאָרבן. נאָר זיי זענען אויף אַפאַנטאַסטישן אופן אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ ווייטקייט פון א גרעסערער מאכט. די חלומות, אימאַגינאַציעס און מורא'ס פון אַ קינד זענען אַ סך לעבהאַפטער און רעאַלער ווי אַ מאָדערנעם יוגנטלעכנס. און דער פרימיטיווער מענטש האָט שטענדיק געהאַט אין זיך עפּעס קינדישעס. ער איז אויך געווען נענטער צו די חיות און ער האָט זיך געקענט משער זיין, אַז זיי האָבן מאָטיוון און רעאַקציעס, פונקט ווי ער. ער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן אַז ס'זענען דאָ חיות העלפערס, חיות-שונאים און חיות-געטער. מדאַרף זיך אַליין פאָרשטעלן, אַז מ'איז אַ קליין קינד, כדי צו באַגרייפן ווי וויכטיק באַדייטנד, פיינטלעך אָדער פריינטלעך סהאָבן אויסגעזען פאַר די מענטשן פון דעם אַלטן שטיין-פעריאָד די אויסטערלישע געשטאַלטן פון פעלזן, שטיקער העלצער, אויסנאַם-ביימער א. ד. ג. און ווי חלום און פאַנטאַזיע האָבן געשאפן מעשיות און לעגענדעס וועגן די זאכן אין וועלכע מהאָט געגלויבט, ווען מהאָט זיי דערציילט. א טייל מעשיות זענען געווען גענוג נוצלעך, אַז מזאָל זיי געדענקען און ווידער דערציילן. די פרויען האָבן זיי דערציילט די קינדער און אַזוי אַרום געשאפן א טראַדיציע. נאָך היינט טראַכטן זיך אויס די קינדער, וואָס האָבן אַ רייכע פאַנטאַזיע, לאַנגע מעשיות אין וועלכע עס פיגורירן אַלס העלדן געוויסע באַליבטע ליאַלקעס חיה, אָדער געוויסע פאַנטאַסטישע האַלב-מענטשלעכע וועזנס, און

דער פּרימיטיווער מענטש האָט וואַרשיינלעך געטון דאָס זעלבע— מיט אַ סך שטאַרקערער נייגונג צו גלייבן, אַז זיין העלד איז אַ רעאַלער. ווייל די גאָר ערשטע אמתע מענטשן פון וועלכע מיר ווייסן זענען וואַרשיינלעך געווען פולשטענדיק רעדעוודיקע וועזנס. אין דער הינזיכט האָבן זיי זיך אונטערגעשיידט פון די נעאַנדערטאַלער און געהאַט אַן איבערגעוויכט איבער זיי. דער נעאַנדערטאַלער איז מסתמא געווען אַ שטום וועזן. נאַטירלעך איז די פּרימיטיווע מענטשלעכע שפּראַך געווען וואַרשיינלעך אַ זער קנאַפּע זאַמלונג פון נעמען, און ער האָט זיך געמוזט אַרויסהעלפן מיט זשעסטן און צייכנס. ס'איז נישט פאַראַן קיין שום מין ווילדע וואָס זאָלן שטיין אַזוי נידריק, אַז זיי זאָלן נישט האָבן אַמין ווויסנשאַפט וועגן סיבה און ווירקונג. אָבער דער פּרימיטיווער מענטש איז נישט געווען איבריק קריטיש אין זיינע אַסאָציאַציעס וועגן סיבה און ווירקונג. ער האָט זער לייכט פאַרייניקט די ווירקונג מיט אַ פולשטענדיק פאַלשער זאַך אַלס סיבה. ער האָט געזאָגט; דו טוסט דאָס אין יענץ, וועט געשעען דאָס און יענץ. דו גיסט אַ קינד אַ גיפטיקע יאַגדע וועט עס שטאַרבן. דו עסט אויף ס'האַרץ פון אַ העלדישן שונא ווערסטו ווערן שטאַרק. דאָ האָבן מיר צוויי ביישפּילן פון סיבה און ווירקונג אַסאָציאַציעס איינע אַ ריכטיקע, די צווייטע אַ פאַלשע. דער סיסטעם פון סיבה און ווירקונג אין דעם געדאַנק פון ווילדן ווערט אָנגערופן פעטיש; אָבער פעטיש איז פשוט אַ ווילדע וויסנשאַפט. מיט דעם, וואָס זי איז לחלוטין נישט סיסטעמאַטיש, נישט קריטיש און דעריבער אָפט פאַלש, שיידט זי זיך אונטער פון דער מאָדערנער. אין אַ סך פאַלן איז נישט שווער צונויפּצובינדן סיבה און ווירקונג, אין אַ סך אַנדערע זענען בטעותדיקע אידייען זער שנעל קאָריגירט געוואָרן דורך דער דערפאַרונג; אָבער סזענען געווען אַ גרויסע רייע פון פועל־יוצאס, וואָס זענען געווען זער וויכטיק פאַר דעם פּרימיטיוון מענטש, אין וועלכע ער האָט עקשנותדיק געזוכט די סיבה און געפונען דערקלערונגען,

וועלכע זענען געווען פֿאַלש, אָבער נישט גענוג פֿאַלש, אָדער
נישט אַזוי באַשיינפּערלעך, אַז מזאָל זיי קענען אויסגעפֿונען.
ס'איז פֿאַר אים געווען זער וויכטיק, אַז געווילד זאָל זיין בשפע,
אָדער אַז פֿיש זאָלן זיין אַ סך און מזאָל זיי קענען לייכט פֿאַנגען
און ס'איז נישט קיין ספק. ער האָט פּרובירט און געגלויבט
אין אַ סך כשוף, סימנים, השבעות, כדי צו באַשטימען די
ווּנטשנסווערטע רעזולטאַטן. ווייטער האָבן אים שטאַרק אינטע-
רעסירט קראַנקהייטן און דער טויט. צופֿעליק האָבן זיך אַריינ-
געגנבעט אנשטעקנדע קראַנקהייטן אין לאַנד אַריין און מענטשן
זענען אויסגעשטאָרבן. צופֿעליק זענען מענטשן קראַנק געוואָרן,
געשטאָרבן, אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן אָן א קענטיקער סיבה.
דאָס האָט אויך געמוזט געבן דעם איבעראיילטן, עמאָציאָנעלן
געדאַנק פֿון ווילדן מענטש אַ סך פֿיבערהאַפֿטע איבונג. חלומות
און פֿאַנטאַסטישע אָנדייטונגען האָבן אים געהייסן דאָס צו
באַשולדיקן, אָדער אַפּעלירן צו יענעם מענטש, חיה אָדער זאַך
נאָך הילף. ער האָט געהאַט די נייגונג פֿון אַ קינד צו שרעק.
און פּאַניק. גאָר פֿרי האָבן זיך ביי דעם קליינעם מענטשלעכן
שבט עלטערע, געלאַסענערע, וואָס האָבן געהאַט די זעלבע
מוראס און אימאַגינאַציעס, וואָס זענען געווען אַ ביסל שטאַרקער
ווי אַנדערע, מסתּם פֿאַרזיכערט פֿאַר זיך דאָס רעכט אַ עצה צו
געבן, פֿאַרצושרייבן רפֿואות און צו באַפֿעלן. ד אָ ס, האָבן זיי
דערקלערט, איז נישט גינסטיק, י ע נ ץ — נויטווענדיק, ד אָ ס
איז אַ גוטער סימן, י ע נ ץ — אַ שלעכטער. דער עקספּערט
אין פֿעטיש, דער מעדיצינער איז געווען דער ערשטער כּוהן. ער
האָט געמוסרט, ער האָט פּותר חלום געווען, געוואָרנט, אויסגע-
פֿירט דעם קאָמפּליצירטן האָקוס-פּאָקוס, וואָס האָט געברענגט
מזל אָדער אויסגעמיטן אומגליק. די פּרימיטיווע רעליגיע איז
נישט אויף אַזוי פֿיל געווען דאָס, וואָס מיר רופֿן היינט אָן רע-
ליגיע, נאָר פּראַקטיק און דאָס מקיים זיין די מצוות, און דער

אור-כהן האָט אין אמתן דיקטירט דאָס. וואָס איז געווען אַן אומבאַגרינדעטע פרימיטיווע, פראַקטישע וויסנשאַפט.

קאַפּיטל 13.

דער אנהייב פון ערד-אַרבעט.

מיר זענען נאָך אַלץ זער אומוויסנד בנוגע די התחלות פון ערד-אַרבעט און פון ישוב אויף דער וועלט, הגם אין די לעצטע 50 יאָר האָט מען א סך געפאָרשט און שטודירט וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען. אַלץ וואָס מיר קענען מיט זיכערקייט זאָגן איז, אַז אַמאָל, אַן ערך 12—15 טויזנט יאָר פ. ק. בשעת די אזיליאַנער זענען געווען אין דרום-שפּאַניע, און בשעת די רעשטלעך פון די אור-יעגערס האָבן געשטראָמט קיין צפון און מזרח, ערגעץ אין צפון-אַפריקע אָדער מערב אַזיע, אָדער אין יענעם גרויסן מיטללענדישן טאָל, וועלכער איז היינט פאַרזונקען אונטער דעם זעלבן ים, זענען געווען פעלקער, וועלכע האָבן, יאָרן ביי יאָרן, אויסגעאַרבעט צוויי וויכטיקע פארן לעבן זאכן: זיי האָבן אָנגעהויבן באַאַרבעטן די ערד און זיי האָבן פארהיימישט די חיות. זיי האָבן, חוץ די אַרומגעהאַקטע אינסטרומענטן פון זייערע פארגייער, די יעגער, אָנגעהויבן צו מאַכן געצייג פון פּאָלירטע שטייגער. זיי האָבן אַנטדעקט די מעגלעכקייט פון קאָרב-פלעכטעריי און גראָבע געוועבטע טעקסטילן פון די צמחים פעדים, און זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן אַ גראָבן סאָרט טעפּ. זיי זענען אַריין אין אַ נייער פּאַזע פון דער מענטשלעכער קולטור, די נעאָליטישע פּאַזע (ניי שטיין פּעריאָד) אַלס אונטערשיד פון דער פּאַלעאָליטישער פּאַזע (אַלט

שטיין פעריאָד) פון די קרא-מאניאנער, גרימאַלדיער, אזיליאַנער א. ד. ג. 1) פאמעלעך האָבן זיך די נעאָליטישע פעלקער פאַרשפרייט איבער די וואַרימע וועלט-טיילן און די קונסטן, וועלכע זיי האָבן באַהערשט די צמחים און חיות, וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן, האָבן זיך דורך נאָכאַמונג און אָנגעמונג נאָך מער פאַרשפרייט, ווי די פעלקער אַליין. אַן ערך 10,000 יאָר פ. ק. איז ס'רוב פון דער מענטשהייט געשטאַנען אויף אַ נעאָליטישער מדרגה. און איצט וועט זיך דאָס אַקערן די ערד, דאָס זייען זאמען, דאָס שניידן דעם שניט, דאָס דרעשן און מאָלן, זיך דאכטן אַלס העכסט באַשיינפערלעך שכל'דיקע טריט פאַר דעם מאָדערנעם געדאַנק, פונקט ווי עס איז אַ פאַרשטענדלעכע זאך פאַר אים, אַז די ערד איז קיילעכדיק. וואָס האָט איר אַנדערש געקענט טון? וועלן זיך לייט פרעגן. ווי האָט געקענט זיין אַנדערש? אָבער פאַר דעם פרימיטיוון מענטש פון פאַר 20.000 יאָר צוריק זענען די סיסטעמען פון אַרבעט און געדאַנק, וואָס זענען, דאכט זיך, היינט אַזוי קלאָר און באַשיינפערלעך פאַר אונדז, לגמרי נישט געווען קלאָר. אויפן וועג צו אַ דערפאָלגרייכער פראַקטיק האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ מענגע פרוּוון און מיסקאָנצעפּציעס מיט פאַנטאַסטישע און נישט נויטיקע אַנטוויקלונגען, פאַלשע אינטערפּעטאַציעס אויף יעדן שריט און טריט. ערגעץ אין אַ מיטללענדישן געגנט איז געוואַקסן ווילדער ווייץ; און דער מענטש האָט זיך מסתמא אויסגעלערנט צו צורייבן און נאָכהער צומאָלן די קערנדלעך אויף שפּייז, נאָך פריער איידער ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זייען. ער האָט געשניטן איידער ער האָט געזייט. און עס איז מערקווירדיק,

1) דעם טערמין פּאַלעאָליטיש ווערט אויך באַנוצט, כדי צו באַצייכנען די נעאָנדערטאַלער און אַפילו די עאָליטיזע אינסטרומענטן. דער פּאַרמענטשלעכער פּעריאָד הייסט „אַלטער פּאַלעאָליטישער” דער פּעריאָד פון אמת'ע מענטשן וואָס באַנוצן ערשט פּאַלירטע שטיינער, הייסט נייער פּאַלעאָליטישער.

אַז איבער דער גארער וועלט, ווו מ׳זייעט און מ׳שניידט, זענען נאָך דאָ די שפּורן פון אַ שטאַרקער פּרימיטיווער אסאַציאַציע פון דער זריעה־אידייע מיט דער אידייע וועגן אַ בלוטיקן קרבן און לכתחילה אַ קרבן פון אַ מענטשלעך וועזן. דער שטודיום פון דער אָריגינעלער פאַרפלאָנטערניש פון די דאָזיקע צוויי זאַכן איז אַ העכסט־אָנציענדער פאַר דעם נייגעריקן געדאַנק; דער פאַראינטערעסירטער לעזער קען עס געפינען אין דער פולער אַנטוויקלונג אין סיר י. ג. פרעזערס מאָנומענטאַלן ווערק „דער גאָלדענער צווייג". דאָס איז געווען אַ פאַרפלאָנטערניש, דאָס מוזן מיר געדענקען, אין דעם קינדישן, טרוימערישן, לעגענדע־שאַפנדן, פּרימיטיוון מוח; קיין שום שכל׳דיקער פּראָצעס קען דאָס נישט דערקלערן. אָבער אין יענער וועלט פון פאַר 12 ביז 20 טויזנט יאָר צוריק האָבן, ווייזט אויס, די נעאָליטישע פעלקער מקריב געווען אַ מענטשלעך קרבן, ווען ס׳איז געקומען די זריעה־צייט. און דאָס איז נישט געווען אַ קרבן פון אַ געמיינעם מענטש אָדער פון אַן אויסוואורף; דאָס איז געוויינלעך געווען אַ קרבן פון אַן אויסדערוויילטן יוגנטלעכן אָדער פריילן, עפּטערס א יוגנטלעכער, וועמען מ׳האָט באַהאַנדלט מיט אַ טיפן יראת־הכבוד און אַפילו פאַרערט ביז צום מאָמענט פון זיין שחיטה. ער איז געווען אַ מין גאָט־קעניג, וואָס איז זיך מקריב. אַלע פּרטים פון דער שחיטה זענען געוואָרן אריטואַל, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די אַלטע, באַהאַוונטע מענער און איז סאַנקציאָנירט געוואָרן דורך דעם פילמאָליקן געברויך אין משך פון יאָרן. לכתחילה האָבן די פּרימיטיווע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ רויען באַגריף וועגן די צייטן פון יאָר, געמוזט האָבן גרויסע שוועריקייטן ביים באַשטימען ווען ס׳איז דער גינסטיקער מאָמענט פאַר דער זריעה און דעם קרבן. ס׳זענען פאַראַן געוויסע סיבות זיך משער צו זיין, אַז ס׳איז געווען אַ פריע פּאַזע אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג, ווען די מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין אנונג פון

יאָר. די ערשטע כראָנאָלאָגיע איז געווען אין לבנה-חדשים;
מ׳איז זיך משער, אז די יאָרן פון די ביבלישע פּאַטריאַרכן 1)
זענען אין אמתן לבנה חדשים און דער בבלישער קאַלענדאַר
ווייזט בולטע שפּורן פון אַ פּאַרזוך צו רעכענען די זריעה-צייט
נאָך 13 לבנה חדשים. דער איינפלוס פון דעם לבנה-חשבון דער-
גרייכט ביז אונדזערע היינטיקע צייטן. אויב די געוווינהייט
האָט נישט פּאַרטעמפּט אונדזער חוש פון דער דאָזיקער אויס-
טערלישקייט וואָלטן מיר עס געהאַלטן אַלס זייער מערקווירדיק
אין אמתן דאָס, וואָס די קריסטלעכע קירכע פּייערט נישט דעם
יאָרצייט פון דער קרייציקונג און תחית-המתים פון יעזוס אין די
אַנטשפּרעכנדע „יאָרצייטן״ נאָר אין דאַטעס, וואָס ענדערן זיך
יעדעס יאָר לויט די לבנה-פּאַזעס. מ׳דאַרף צווייפלען צי די
ערשטע ערד-אַרבעטער האָבן אָבסערווירט די שטערן. עס איז
מער וואַרשיינלעך, אַז די שטערן זענען לכתחילה אָבסערווירט
געוואָרן דורך די וואַנדערנדיקע פּאַסטוכער, וועלכע האָבן אין זיי
געפונען באַקוועמע צייכנס פאַר זייער ריכטונג. אָבער קוים איז זייער
נוצן און באַשטימען די סעזאָנען באַגריפן געוואָרן, איז זייער
באַדייטונג פאַר די אַרבעטער געוואָרן זער גרויס. דער זריעה-
קרבן איז פּאַרייניקט געוואָרן מיט דער דרום- אָדער צפון-ריכ-
טונג פון אַ באַדייטנדן שטערן. אַ לעגענדע און פּאַרערונג פון
יענעם שטערן איז פאַר דעם פרימיטיוון מענטש געווען כמעט
אַן אומפּאַרמיידלעכע קאָנזעקווענץ. עס איז לייכט צו זען פון
דעם ווי וויכטיק עס איז געוואָרן אין יענער אור-נעאָליטישער
וועלט דער מענטש פון וויסן און דערפאַרונג, דער מענטש,
וואָס האָט געוווּסט ווען בלוט-קרבן און שטערן. די מורא פאַר
אומריינקייט און פּאָלוציע, די מעטאָדן פון רייניקונגען, וואָס
זענען פּאָרגעשריבן געוואָרן, זענען געווען אַ צווייטע מאַכט-
קוועלע פּאַר די באַהאַוונטע מענער און פרויען. ווייל ס׳זענען

1) ס׳פּאַרשטייט זיך פון די ערשטע פּאַטריאַרכן ביז אברהם.

שוין דעמאָלס געווען מכשפים און מכשפות, כוהנים און כוהנות. דער אור-כוהן איז אין דער ווירקלעכקייט נישט געווען אויף אַזוי פיל אַ רעליגיעזער מענטש, ווי אַ מענטש פון נוצלעכע וויסנ-שאַפטן. זיין וויסנשאַפט איז אין אַלגעמיין געווען עמפּיריש און אָפט שלעכט; ער האָט זי מיט גרויס קנאה באַהאַלטן אין גע-היים פאַר דעם רוב מענטשן, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז זיין אור-פונקציע איז געווען די וויסנשאַפט, און אַז זיין אור-עבודה איז געווען אַ פּראַקטישע. 12—15 טויזנט יאָר צוריק האָבן זיך די נעאָליטישע מענטשלעכע קבוצים מיט זייער קלאַס און טראַדיציע פון כוהנים און כוהנות, קולטיווירטע פעלדער, אַנט-וויקלטע דערפער און מיט מויערן-אַרומגערינגלטע שטעט, פאַר-שפּרייט איבער די וואַרימע און גוט-באַוואַסערטע טיילן פון דער אַלטער וועלט. פעריאָד ביי פעריאָד איז אָנגעגאַנגען אַ שטראָם און ענדערונג פון אידייען צווישן די דאָזיקע קבוצים. עליאָט סמיט און ריווערס באַנוצן דעם טערמין „העליאָליטישע קולטור" פאַר דער קולטור פון די ערשטע ערד-אַרבעטנדיקע פעלקער. „הע-ליאָליטיש" (זון און שטיין) איז אפשר נישט דאָס בעסטע מעג-לעכע וואָרט, וואָס מ'דאַרף דאָ באַנוצן, אָבער כל זמן די גע-לערנטע גיבן אונדז נישט קיין בעסער וואָרט, וועלן מיר עס דאַרפן באַנוצן. אָפּשטאַמענדיק פון ערגעץ אין מיטללענדישן און מערב-אַזיאַטישן געביט, האָט זי זיך, פעריאָד ביי פעריאָד, פאַר-שפּרייט צו מזרח און פון אינזל צו אינזל ביזן פּאַסיפיק, ביז זי האָט אַפילו מסתמא דערגרייכט אַמעריקע און זיך אויסגע-מישט מיט דעם פּרימיטיוון לעבנס-שטייגער פון די מאָנגאָלישע עמיגראַנטן, וואָס זענען געקומען פון צפון. וווהין ס'זענען גע-גאַנגען די ברוינלעכע פעלקער מיט זייער העליאָליטישער קול-טור האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען אַלע אָדער ס'רוב פון אַ געוויסער גרופּע אייגנאַרטיקע אידייען און מנהגים. אַ טייל פון

זיי זענען אַזעלכע משונהדיקע אידייען, אַז מ׳דאַרף זיך ווענדן צו עקספּערטן אין גייסטיקע ענינים נאָך אַ דערקלערונג.

זיי האָבן געמאַכט פּיראַמידעס און גרויסע האַלן, אויפגע־שטעלט גרויסע צירקלען פון ריזיקע שטיינער, אפשר כדי צו פאַרלייכטערן די כהנים די אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַציע; זיי האָבן געמאַכט מומיעס פון אַ טייל אָדער פון אַלע זייערע מתים; זיי האָבן זיך טאַטואירט און מלה געוועזן; זיי האָבן געהאַט דעם אַלטן מנהג, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „קוואַדע" צו שיקן דעם טאַטן אין בעט אַריין און זיך אָפּרוען, ווען ס׳איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד און זיי האָבן געהאַט אַלס אַ מזלדיקן סימבאָל דעם גוט באַקאַנטן סוואַסטיקא 1). אויב מיר וואָלטן געמאַכט אַ מאַפּע פון דער וועלט מיט פּינטעלעך, וואָס זאָלן אָנווייזן ווי ווייט די דאָזיקע גרופּן־מנהגים האָבן איבערגעלאָזט זייערע שפּורן, וואָלטן מיר געמאַכט אַ פּאַס לענג אויס די מיטלמעסיקע און אונטער־טראָפּישע ברעגן פון דער וועלט, פון סטאָנהינדזש (ענג־לאַנד) און שפּאַניען קווער איבער דער וועלט ביז מעקסיקע און פּערו. אָבער די פּינטעלעך וועלן נישט ווייזן אויף דעם טייל אַפריקע, וואָס איז אונטערן עקוואַטאָר, צפון־צענטראַל אייראָפּע און צפון־אַזיע; דאָרטן האָבן געלעבט ראַסעס, וועלכע האָבן זיך פּאַקטיש אַנטוויקלט אויף אַן אומאָפּהענגיקן אופן.

1) אַ סימבאָל אין אַ געשטאַלט פון אַ גריכישן קרייץ.

קאפיטל 14

די פרימיטיווע נעאָליטישע ציוויליזאַציעס.

אַן ערך 10,000 י. פ. ק. איז די וועלט געאָגראַפיע לויט אירע הויפּטליניען געווען ענלעך צו דער היינטיקער. ס'איז וואַרשיינלעך, אַז אין יענער צייט איז איינגעשלונגען געווארן יענע גרויסע באַריערע איבער דעם גיבראַלטאר-פּאַס, וואָס האָט ביז דעמאָלס פאַרהאַלטן די אָקעאַן-וואַסערן פון דעם מיטללענדישן טאָל, און דער מיטללענדישער ים איז געווען אים, וואָס איז געפלאָסן אין די זעלבע ברעגן ליניעס ווי היינט. דער קאַספּישער ים איז וואַרשיינלעך געווען נאָך גרעסער ווי היינט און ער האָט זיך מסתמא אַריינגעגאָסן אין דעם שוואַרצן ים ביז די קאַווקאַזער בערג. אַרום דעם גרויסן צענטראַל אַזיאַטישן ים זענען געווען פרוכטבאַרע און באַוווינטע לענדער, וואָס זענען היינט סטעפּעס און מדבריות. בכלל איז דעמאָלס געווען אַ פייכטערע און פרוכטבאַרערע וועלט. אייראָפּעאיש רוסלאַנד איז דעמאָלס מער געווען אַ לאַנד פון זומפּן און אָזערעס, און ס'איז דעמאָלס מתחמא געווען אַ יבשה-פאַרייניקונג צווישן אַזיע און אַמעריקע דורכן בערינג-פּאַס. אין יענער צייט איז שוין מעגלעך געווען אונטערצושיידן די הויפּט ראַסישע אָפּטיילונגען פון דער מענטשהייט אַזוי ווי מיר ווייסן דאָס היינט. איבער די וואַרימע מיטלמעסיקע געגנטן פון יענער, גיכער וואַרעמער און בעסער באַוואלדעטער, וועלט און לענג אויס די ברעגן, האָבן זיך פאַרשפּרייט די ברוינלעכע פעלקער פון דער העליאָליטישער קולטור, די פאָרטרעטער פון דער הויפּט-מאַסע פון די היינטיקע באַוווינער פון דער מיטללענדישער וועלט, פון די בערבערן, מצרים און פון אַ סך פעלקער פון דרום און מזרח אַזיע. די דאָזיקע גרויסע ראַסע האָט נאַטירלעך געהאַט אַ געוויסע צאָל וואַריאַציעס. די איבעריער אָדער די מיטללענדישע אָדער

„טונקל-העלע" ראַסעס פון אַטלאַנטישן און מיטללענדישן ברעג, די „כאַמיטישע פעלקער, וואָס שליסן איין די בערבערן אין מצרים, די דראַווידן, אַ טונקל אינדיש פאָלק, אַ מענגע מזרח-אינדישע פעלקער, אַ סך פּאָלינעזישע ראַסעס און די מאַאָריס, וועלכע זענען אפּטיילונגען פון פאַרשידענעם ווערט פון דער גרויסער הויפּט-מאַסע פון דער מענטשהייט. אירע מערב-וואַריאַציעס זענען ווייסער ווי די מזרח'דיקע. אין די וועלדער פון צענטראַל-און צפון-אייראָפּע האָט אָנגעהויבן צו ווערן אונטערשיידבאַר אַ בלאָנדע וואַריאַציע פון מענטשן מיט בלאָע אויגן, אַ צווייג פון דער הויפּט-מאַסע פון די ברוינלעכע פעלקער, אַ וואַריאַציע, וועגן וועלכער אַ סך פעלקער רעדן איצט אַלס נאָרדישע ראַ-סע. אין די מער אָפענע געגנטן פון צפון-מזרח-אַזיע איז געוועזן אַן אנדערע דיפערענצירונג פון דער ברוינלעכער מענטשהייט אין דער ריכטונג פון אַ טיפּ מיט קרומערע אויגן, הויכע באַקן-ביינער, אַ געלבלעכער הויט און זייער גלייכע, שוואַרצע האָר — די מאָנגאָלישע פעלקער. אין דרום-אַפריקע, אויסטראַליע און אַ סך טראָפּישע אינזלען אין דרום-אַזיע זענען געוועזן די רעשטלעך פון די אור-נעגרישע פעלקער. די צענטראַלע טיילן פון אַפריקע זענען שוין געוועזן אַ געגנט פון אַ ראַסישע אונטערגעמיש. כמעט אַלע קאָלירטע ראַסעס פון דעם היינטיקן אַפריקע, זעגען, דוכט זיך, אַ געמיש פון די ברוינלעכע צפון-פעלקער מיט אַ נעגרישן אונטערעלעמענט. מיר דאַרפן געדענקען, אַז אַלע מענטשלעכע ראַסעס קענען זיך פריי אויסמישן און אַז זיי סעפּאַרירן זיך, מישן זיך אויס און פאַראייניקן זיך ווידער, פונקט ווי דאָס טוען די וואָלקנס. די מענטשלעכע ראַסעס פאַרצווייגן זיך נישט ווי די ביימער, וועמענס צווייגן ס'טרעפן זיך קיינמאָל נישט ווי-דער צונויף. דאָס דאַרפן מיר שטענדיק האָבן אין זכרון: דאָס צוריק אויסמישן זיך פון די ראַסעס ביי יעדער גע-לעגנהייט. דאָס וועט אונדז פאַרשפּאָרן אַ סך גרויזאַמע אַנטוישונגען און פאַרורטיילן. די מענטשן ווילן באַנוצן דאָס

וואָרט ראַסע אויף דעם פּרייסטן אופן און שטיצן דערויף זייערע
לייכטזיניקע פּאַראַלגעמיינערונגען. זיי רעדן פון אַ „בריטישער“
ראַסע אָדער פון אַן „אייראָפּעישער ראַסע“. אָבער כמעט אַלע
אייראָפּעישע נאַציעס זענען פאַרפלאָנטערטע געמישן פון ברוינ-
לעכע, טונקל-העלע, ווייסע און מאָנגאָלישע עלעמענטן. דאָס איז
געווען בשעת דער נעאָליטישער פאַזע פון דער מענטשלעכער
אַנטוויקלונג, ווען פעלקער פון מאָנגאָלישער אָפּשטאַמונג האָבן
צום ערשטן מאָל זיך אויסגעטרעטן אַ וועג קיין אַמעריקע. זיי
זענען קענטיק געקומען דורך דעם בערינג-פּאַס און זיך אויסגע-
שפּרייט צו דרום. זיי האָבן געטראָפן דעם קאַריבו, דעם אַמע-
ריקאַנישן רעניפער אין צפון, און גרויסע סטאַדעס ביזאָנעס אין
דרום. ווען זיי האָבן דערגרייכט דרום אַמעריקע האָבן נאָך דאָרטן
געלעבט די גליפּטאָדאָנען, ריזיקע אַרמאַדילאָס [1] און דער מע-
גאַטעריום, אַן אומגעהויער, אומגעלומפּערטער פוילענצער, וואָס
איז געווען הויך ווי אַ העלפאַנט. זיי האָבן ווארשיינלעך אויסגעראָטן
די לעצטע חיה, וועלכע, ווי גרויס זי איז געווען, אַזוי הילפלאָז איז זי גע-
ווען. די גרעסערע טייל פון די דאָזיקע אַמעריקאַנישע שבטים
האָבן זיך קיינמאָל נישט אויפגעהויבן איבער דער מדרגה פון
אַ יאַגד — וואַנדערנדיק נעאָליטיש לעבן. זיי האָבן קיינמאָל נישט
אַנטדעקט דעם נוצן פון אייזן און זייער הויפּט מעטאַל-באַזיץ
איז געווען דאָס היימישע גאָלד און קופּער. אָבער אין מעק-
סיקע, יוקאַטאַן און פּערו זענען די באַדינגונגען געווען גינסטיק
פאַר אַן איינגעאָרדנטע קולטיווירונג, און דאָ זענען אַן ערך
1000 י. פ. ק. אַנטשטאַנען זייער אינטערעסאַנטע ציוויליזאַציעס
פון אַ פּאַראַלעלן, אָבער פאַרשידענעם, טיפּ פון דער אַלטער וועלט'ס
ציוויליזאַציעס. פּונקט ווי די אַסך עלטערע פּרימיטיווע ציווילי-
זאַציעס פון דער אַלטער וועלט האָבן די דאָזיקע קיבוצים אַרויס-
געוויזן אַ גרויסע אַנטוויקלונג פון מענטשלעכע קרבנות בשעת

1) אַנטאַגאָניקע, געפּאַנצערטע, פּיר-פיסיקע.

דער זריעה און שניט; אָבער בשעת אין דער אַלטער וועלט, וואו מיט וועלן עס שפּעטער זען, זענען די ערשטע אידייען ענדלעך געוואָרן געמילדערט, קאָמפּליצירט און פאַרטרעטן דורך אַנדערע, האָבן זיי זיך אין אַמעריקע אַנטוויקלט און זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ הויכער מדרגה פון אינטענסיוויטעט. די דאָזיקע אַמעריקאנישע ציוויליזירטע לענדער זענען דער עיקר געווען דורך כהנים-רעגירטע רעליגיעזע לענדער; זייערע מלחמה-הויפּטן און רעגירער זענען אונטערגעלעגן אַ שטרענגן רעזשים פון געזעץ און סימנים. די דאָזיקע כוהנים האָבן דערהויבן די אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט צו אַ הויכער מדרגה פון גענויאיקייט. זיי האָבן בעסער געקענט ס'יאָר ווי די בבל'ער, פון וועלכע מיר וועלן באַלד שמועסן. אין יוקאַטאַן האָבן זיי געהאַט אַ מין שריפט, די מאַיאַ-שריפט, פון זער אַן אייגנאַרטיקן און אויסגעאַרבעטן כאַראַקטער. אויף וויפיל ס'איז געווען מעגלעך זי צו אַנטציפערן, ווייסט מען, אַז מ'האָט זי הויפּטזעכלעך באַנוצט כדי אָפּצוהיטן די גענויע און קאָמפּליצירטע קאַלענדאַרן, פון וועלכע די כהנים האָבן געשעפּט זייערע ידיעות. די קונסט פון דער מאַיאַ-ציוויליזאציע האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע-פונקט אַן ערך 800 — 700 י. נ. ק. די סקולפּטור-ווערק פון די דאָזיקע פעלקער דערשטוינט דעם מאָדערנעם צושויער מיט זייער פּלאַסטישער קראַפט און אָפטער שיינקייט און צוטומלט אים מיט דער גראָטעסקישקייט און אַ מין קראַנקהאַפטער אַבוועגציאָנעלקייט און פאַרפּלאָנטערקייט אין זאַכן, וואָס זענען אויסער די גרענעצן פון זייער אידייען-קרייז. אין דער אַלטער וועלט איז נישט דאָ קיין ענלעכע זאַך. דער נאָענטסטער פאַרגלייך, און דאָס אַ ווייטער, געפינט זיך אין די אור-אַלטע אינדישע אויסשניצונגען. אומעטום זענען דאָ געוועבטע פעדערן און שלאַנגען, וואָס פעדעמען זיך פון אינעווייניק און אויסווייניק. אַסך מאַיאַ אויפשריפטן זענען מער ווי אַנדערע אַלטוועלטליכע ווערק ענלעך צו אַ געוויסן מין אויסגעאַרבעטע צייכנונגען פון די לונאַטיקער אין די אייראָפּעאישע משוגעים

הייזער. עס זעט אויס גלייך ווי דער מאַיאַ געדאַנק האָט
זיך אַנטוויקלט אויף אַנדערע ליניעס ווי דער אַלט-וועלטלעכער
געדאַנק, האָט געהאַט אַן אַנדערע מאָס פאַר זיינע אידייען און
איז לויט די אַלט-וועלטלעכע באַגריפן לחלוטין נישט געווען אַ
ראַציאָנעלער. דער צוזאַמענהאַנג פון די דאָזיקע אַבאָרינינדע
אַמעריקאַנישע ציוויליזאַציעס מיט דער מיינונג וועגן אַלגע-
מיינער גייסטיקער אַפּוויכונג שטיצט זיך אויף זייער אויסערגע-
וויינלעכער נייגונג צו פאַרגיסן מענטשלעך בלוט. באַזונדערס איז
די מעקסיקאַנישע ציוויליזאַציע אַדורכגעווייקט פון בלוט. זי האָט
מקריב געווען טויזנטער מענטשלעכע קרבנות יערלעך. דאָס
אויפשניידן די לעבעדיקע קרבנות, דאָס אַרויסרייסן דאָס נאָך
צאַפּלדיקע האַרץ איז געווען אַן אַקט, וואָס האָט באַהערשט די
געדאַנקען און דאָס לעבן פון דער משונהדיקער פּריסטערשאַפט.
דאָס עפנטלעכע לעבן, די נאַציאָנאַלע ימים-טובים — אַלץ האָט
זיך געדרייט אַרום דעם דאָזיקן פאַנטאַסטישן, שוידערלעכן אַקט.
דאָס געוויינלעכע לעבן פון דעם פּשוטן פאָלק איז אין די דאָ-
זיקע קיבוצים געווען זייער ענלעך צו דעם געוויינלעכן לעבן פון
וואָסער עס איז באַרבאַריש פּויערים-פאָלק. זייער טעפּעריי, וועב-
עריי און פאַרבעריי זענען געווען זייער גוט. די מאַיאַ שריפט
איז נישט בלויז אויסגעקריצט געוואָרן אויף שטיין, נאָר אויך גע-
שריבן און געמאָלט געוואָרן אויף פעל א. ד. גל. די אייראָ-
פּעישע און אַמעריקאַנישע מוזעומס פאַרמאָגן אַ סך רעטולהאַפטע
מאַיאַ אויפשריפטן, פון וועלכע מ'האָט ביז היינט, חוץ די דאַ-
טעס, זייער ווייניק אַנטציפערט. אין פּערו זענען געווען התחלות
פון אַן ענלעכער שריפט, אָבער זי איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן
דורך אַ מעטאָד אָפּצוהיטן די באַריכטן מיט דער הילף פון געקניפּ-
טע שטריקלעך. אַן ענלעכער מעטאָד פון שטריקלעך-זכרונות
איז באַנוצט געוואָרן אין כינע מיט טויזנטער יאָרן צוריק. פאַר
4–5000 י. פ. ק., ד. ה. 3–4 טויזנט יאָר פריער זענען אין
דער אַלטער וועלט געווען פּרימיטיווע ציוויליזאַציעס, וואָס זענען

ענלעך געווען צו די דאָזיקע אַמעריקאַנישע ציוויליזאַציעס; ציוויליזאַציעס, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף אַ טעמפּל, געהאַט אַ גרויסע צאָל בלוטיקע קרבנות און אַן אינטענסיווע אַסטראָנאָמישע פּריסטערשאַפט. אָבער אין דער אַלטער וועלט האָבן די פּרימיטיווע ציוויליזאַציעס באַאײַנפלוסט אײנע די צווייטע און זיך אַנטוויקלט אין דער ריכטונג צו אונדזערע הײַנטיקע באַדינגונגען. אין אַמעריקע זענען די פּרימיטיווע ציוויליזאַציעס קײנמאָל נישט אַריבער ווײַטער פֿון דער פּרימיטיווער פּאַזע. יעדע איז געווען אַ באַזונדערע וועלט פֿאַר זיך. מעקסיקע, דוכט זיך, האָט ווינציק אָדער גאָרנישט געוווּסט פֿון פּערו, ביז די אײראָפּעער זענען געקומען קײן אַמעריקע. דער קאַרטאָפֿל, וואָס איז געווען דער הויפּט־שפּײַז־פּראָדוקט אין פּערו, איז געווען אומבאַקאַנט אין מעקסיקע. אין משך פֿון יאָרן האָבן געלעבט די פֿעלקער, באַוווּנדערט זײערע געטער, מקריב געווען קרבנות און געשטאָרבן. די מאַיאַ קונסט האָט זיך דערהויבן צו דער גרעסטער מדרגה פֿון דעקאָראַטיווער שײנקייט. די מענטשן האָבן געפֿירט ליבעס און די שבטים — מלחמות. אומגערעטעניש און שפֿע, מגפֿות און געזונטהײט זענען געקומען אײנער נאָכן צווייטן. די כּהנים האָבן אויסגעאַרבעט זײער קאַלענדאַר און זײער ריטואַל אין משך פֿון אַ סך יאָרהונדערטער, אָבער געמאַכט ווינציק פֿאָרשריט אויף אַנדערע געביטן.

קאַפּיטל 15

סומיריע, אַלט־מצרים און די שריפֿט

די אַלטע וועלט איז אַ ברייטערע, פֿאַרשידנאַרטיקערע סצענע ווי די נײַע. אַן ערך 6–7000 י. פֿ. ק. האָבן זיך אין פֿאַרשידענע פֿרוכטבאַרע געגנטן פֿון אַזיע און אינעם נילוס־טאָל

באַוויזן כמעט-ציוויליזירטע קבוצים, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ כמעט-פּערוויאַבישער מדרגה. אין יענער צייט זענען צפון-פּערסיע, מערב טורקעסטאַן און דרום-אַראַביע געווען פּרוכטבאַרער ווי היינט, און ס'זענען דאָ שפּורן פון זייער אַלטע קבוצים אין די דאָזיקע געגנטן. דאָך איז עס אין אונטערשטן מעסאָפּאָטאַמיע (ארם-נהרים) און אין מצרים, ווו ס'באַווייזן זיך צום ערשטן שטעט, טעמפּלען, סיסטעמאַטישע באַוואַסערונג און רמזים פון אַ סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַ פּשוט באַרבאַריש דערפל-שטאָט. אין יענע צייטן זענען דער עפראַט (פּרת) און טיגריס (חידקל) געפלאָסן אין באַזונדערע אויספלוסן אין פּערסישן גאָלף אריין, און אין יענעם לאַנד, צווישן די ביידע טייכן, האָבן די סומירער אויפגעשטעלט זייערע ערשטע שטעט. אַן ערך אין יענער צייט, ווייל די כראָנאָלאָגיע איז נאָך נישט גענוי, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע געשיכטע פון מצרים. די סומירער זענען, ווייזט אויס, געווען אַ ברוינלעך פאָלק מיט גרויסע נעזער. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַ מין שריפט, וועלכע איז אַנטציפערט געוואָרן און זייער שפּראַך איז היינט באַקאַנט. זיי האָבן אַנטדעקט דעם נוצן פון בראָנז און זיי האָבן אויפגעשטעלט גרויסע טורם-ענלעכע טעמפּלען פון און-געטריקנטע ציגל. אין דעם דאָזיקן לאַנד איז דאָ זייער אַ פיינער ליים; זיי האָבן זיך באַנוצט דערמיט צו שרייבן דערויף, און אַזוי אַרום האָבן זיך זייערע אויפשריפטן אויפגעהיטן פאַר אונדז. זיי האָבן געהאַט פיך, שעפסן, ציגן און אייזלען, אָבער נישט קיין פערד. זיי האָבן געקעמפט צו פוס, אין נאָנטע רייען, געטראָגן שפּיזן און פּאַנצערס פון פעל. זייערע מלבושים זענען געווען פון וואָל און זיי האָבן זיך געגאָלט די קעפ. יעדע סומירישע שטאָט איז, ווייזט אויס, הויפּטזעכלעך געווען אַן אומאָפּהענגיקער שטאַט מיט אַן אייגענעם גאָט און אייגענע כהנים, אָבער טיילמאָל האָט איין שטאַט געהאַט די איבערהערשאַפט איבער אַנדערע און אַרויסגעשלעפּט שטייער פון זייער באַפעל-

קערונג. אַ זייער אַלטע אויפשריפט ביי נופיר באַריכטעט וועגן דער אימפּעריע, די ערשטע באַקאַנטע אימפּעריע, פון דער סע־מיטישער שטאָט ערעך (ארך) איר גאָט און איר כהן — קעניג האָבן געמאָנט אנערקענונג פון דעם פּערסישן גאָלף ביז צום רויטן ים. לכתחילה איז די שריפט געווען אַ פאַרקירצטער מעטאָד פון די בילדער־באַריכטן. אפילו פאַר די נעאָליטישע צייטן האָבן מענטשן שוין אָנגעהויבן צו שרייבן. די אזיליאַנישע פעלזן־בילדער, פון וועלכע מיר האָבן שוין גערעדט, ווייזן דעם אָנהייב פון דעם פּראָצעס. אַ סך פון זיי באַריכטן וועגן יאַגד און עקספּעדיציעס, און אין דעם רוב פון זיי זענען די מענטשלעכע פיגורן אָפּגעמאָלט געוויינלעך. אָבער אין אַ טייל בילדער האָט דער מאָלער נישט געוואָלט זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ, ווי צ. ב. מיט אַ קאָפּ און איברים; ער האָט אָנגעדייטעט מענטשן מיט איין ווערטיקאַלן און איין אָדער צוויי איבערשטריכן. פון דעם ביז צו אַ קאָנווענציאָנעל קאָנדענסירט בילדער־שריפט איז געווען אַ לייכטער איבערגאַנג. אין סומיריע, ווו מ'האָט געשריבן מיט אַ שטעקעלע אויף ליים, זענען די שטריכן פון די כאַראַקטערן שנעל געוואָרן נישט דערקענבאַר, נישט ענלעך צו די זאַכן, וועלכע זיי האָבן פאָרגעשטעלט, אָבער אין מצרים, ווו די מענטשן האָבן געמאָלט אויף ווענט און אויף שטיקלעך פּאַפּירוס־ראָר (דאָס ערשטע פּאַפּיר), איז די ענלעכקייט צו די נאָכגעמאַכטע זאַכן גע־בליבן. חייל די הילצערנע שטעקעלעך, מיט וועלכע מ'האָט זיך באַנוצט, האָבן געמאַכט נעגל־אַרטיקע צייכנס, ווערט די סומירישע שריפט אָנגערופן נעגל־שריפט. אַ וויכטיקער שריט פאָרווערטס צו דער שריפט איז געמאַכט געוואָרן, ווען מ'האָט אָנגעהויבן באַנוצן די בילדער, וואָס האָבן נישט בלויז אָנגעדייטעט די פאָר־געשטעלטע זאַכן, נאָר אויך זאַכן ענלעכע צו זיי. אין די רעבוסן, וואָס זענען אַזוי באַליבט ביי די קינדער פון אַן אגטשפּרעכנדו עלטער, ווערט עס נאָך היינט געטון.

די סומירישע שפּראַך איז באַשטאַנען פון אָנגעזאַמלטע זילבן, גיכער ענלעך צו די היינטיקע אַמעריקאַניש-אינדיאַנישע שפּראַכן, און די דאָזיקע שריפט האָט זיך זער גוט געפּאַסט צו דעם זעלבן מעטאָד פון די געשריבענע ווערטער, וואָס דרוקן אויס אידייען, וועלכע מ׳קען נישט איבערגעבן דירעקט דורך בילדער. די מצרישע שריפט איז אונטערגעלעגן פּאַראַלעלע אַנטוויקלונגען. שפּעטער, ווען פרעמדע פעלקער מיט ווענִיקער-דייטלעכע זילבן-מעטאָדן אין זייער שפּראַך האָבן זיך געדאַרפט אויסלערנען און באַנוצן די בילדער-אויפשריפטן, האָבן זיי געמוזט מאַכן יענע ווייטערדיקע מאָדיפיקאַציעס און פאַרײנפאַכונגען, וואָס האָבן זיך לסוף אַנטוויקלט אַלס די אַלפאַבעטישע שריפט. אַלע די אמתע אַלפאַבעטן פון דער שפּעטערדיקער וועלט שטאַמען אָפּ פון אַגע-מיש פון דער סומירישער נעגל-שריפט און פון די מצרישע הע-ראָגליפן (כּוהנים שריפט). שפּעטער האָט זיך אין כינע אַנטוויקלט אַ קאָנווענציאָנעלע בילדער-שריפט, אָבער דאָרטן האָט זי קיינ-מאָל נישט דערגרייכט צו דער אַלפאַבעטישער מדרגה. די דער-פינדונג פון דער שריפט איז זער וויכטיק געווען פאַר דער אנטוויקלונג פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן. זי האָט באַקאַנט געמאכט וועגן אָפּמאַכן, געזעצן און באַפעלן. זי האָט דערמעגלעכט דעם וווּקס פון גרעסערע שטאַטן אין די אַלטע שטעט-שטאַטן; זי האָט דערמעגלעכט אַ כּסדר׳דיק היסטאָריש באַוווסטזיין. דער באַפעל פון קעניג אָדער כהן האָט געקענט גיין ווייטער איבער דער גרעניץ פון זיין בליק און קול און געקאָנט איבערלעבן זיין טויט. עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכנען, אַז אין אלטן סומיריע האָט מען אַ סך באַנוצט די זיגל. אַ קעניג, אָדער אַן אַדעליקער, אָדער אַ סוחר האָט געהאַט זיין זיגל, אָפט זער אַרטיסטיש אויסגעשניצט, און געלייגט דערויף זיין חתימה. ווען ער האָט געוואָלט אויטאָריזירן וואָסער עס איז ליים דאָקומענט. אַזוי נאָענט איז די ציוויליזאַציע געווען צו דער דרוק-קונסט 6000 יאָר צוריק. נאָכהער איז דאָס ליים אויסגעטרוקנט געוואָרן, האַרט געוואָרן און געוואָרן פּערמאַנענט. ווייל דער לעזער מוז געדענקען, אַז אין דעם לאַנד פון מעסאָפּאָטאַמיע זענען, זינט אַלטע צייטן,

די בריוו-באריכטן און חשבונות געשריבן געוואָרן אויף פאַר-העלטניסמעסיק אומצעשטערבאַרע ציגל. דעם פאַקט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן רייכטום פון צוריקגעוווּנענע ידיעות. בראָנז, קופער, גאָלד, זילבער און, אַלס אַ טייערע זעלטנהייט, מעטעאָריש אייזן, זענען אין גאָר פריע צייטן באַקאַנט געווען אי אין סומיריע, אי אין מצרים. דאָס טעגלעכע לעבן איז אין די ערשטע יבשה-שטעט פון דער אַלטער וועלט מן הסתם ענלעך געווען אין דיביידע לענדער. חוץ די אייזלען און די פיך אין די גאַסן, האָט עס געמוזט ענלעך זיין צו דעם לעבן פון די מאיא שטעט אַ פּאָר טויזנט יאָר שפּעטער. ס'רוב מענטשן זענען אין שלום צייט געווען באַשעפטיקט מיט באַוואַסערונג און ערד-אַרבעט — חוץ אין די רעליגיעזע ימים-טובים. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט און עס נישט געדאַרפט. זייער קליינעם צופעליקן האַנדל האָבן זיי געפירט אין נאַטור. די פרינצן און הערשער, וועלכע האָבן אַליין געהאַט אַ געוויסן באַזיץ, האָבן באַנוצט גאָלדענע און זילבערנע שטאַבעס, און טייערע שטיינער אין פאַל פון אַ צופעליקער טראַנזאַקציע. דער טעמפּל האָט באַהערשט דאָס לעבן. אין סומיריע איז ער געווען אַ גרויסער טורעם-טעמפּל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דאַך, פון וועלכן מ'האָט אָבסערווירט די שטערן. אין מצרים איז ער געווען אַמאַסיווע געביידע מיט אַן איין און איינציקן פאַרטער-שטאָק. אין סומיריע איז דער כהן-הערשער געווען דער גרעס-טער, דער גלענצענדסטער פון אַלע וועזנס; אין מצרים איז אָבער געווען איינער, וואָס איז געשטאַנען העכער, ווי די כהנים; ער איז געווען די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דעם הויפּט גאָט פון לאַנד, דער פרעה, דער גאָט-קעניג. אין יענע צייטן זענען אויף דער וועלט פאָרגעקומען ווינציק ענדערונגען; די מענטשנ'ס צייטן זענען געווען זוניקע, אַרבעטזאַמע און קאָנווענצ-יאָנעל. אין לאַנד אַריין זענען געקומען ווינציק פרעמדע, און אויב זיי זענען געקומען האָבן זיי זיך נישט געשפירט באַקוועם. דער כהן האָט אָנגעפירט מיטן לעבן אין הסכם מיט די אוראַל-טע דינים, אָבסערווירט די שטערן, כדי צו וויסן די צייט פון

ריעה אָנגעצײכנט די סמנים פון די קרבנות און פותר חלום געווען. די מענטשן האָבן געאַרבעט, געליבט און געשטאָרבן, נישט אומגליקלעך, פאַרגעסן דעם ווילדן עבר פון זײער ראַסע און זיך נישט געזאָרגט וועגן דער צוקונפט. טײלמאָל איז דער הערשער געווען אגנבעדיקער. אַזעלכער איז געווען פעפי II, וואָס האָט רעגירט אין מצרים 90 יאָר. טײלמאָל איז ער געווען אַמביציעז און גענומען די מענטשן-קינדער צו די זעלנער, געשיקט זײ מלחמה האַלטן און צו רויבן די שכנישע שטעט-שטאַטן, אָדער זײ געצוווּנגען צו בויען גרויסע געביידעס. אַזעלכע זענען געווען כעאָפּס, כעפרען און מיסערינוס, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט יענע ריזיקע קברים-הויפנס, די פּיראַמידעס אין גיזע. די גרעסטע פון זײ איז 450 פיס הויך און דער וואג פון אירע שטײנער איז 4,838,000 טאָן. דאָס אַלץ האָט מען געבראַכט אין שיפלעך אויפן נילוס און ס'איז אויסגעלאָדן געוואָרן אויפן אָרט, הויפּטזעכלעך דורך מענטשלעכע מוסקולן. דאָס אויפשטעלן פון די דאָזיקע פּיראַמידעס האָט מסתמא מער דערשעפּט מצרים, ווי אַ גרויסע מלחמה.

קאַפּיטל 16

די פּרימיטיווע נאָמאַדישע פעלקער.

אָבער נישט נאָר אין מעסאָפּאָטאַמיע און אינם נילוסטאָל האָבן זיך מענטשן באַזעצט, כדי צו קולטיווירן די ערד און גרינדן שטעט-מלוכות אין די יאָרהונדערטע צווישן 6 און 3 טויזנט י. פ. ק. ווו ס'זענען נאָר געווען מעגלעכקייטן פון באַוואַסערונגען און אַכסדרדיקער, אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, שפּייז-

זאַפּאַס האָבן מענטשן געטוישט די נישט זיכערקייטן און שוועריקייטן פון דער יאַגד און וואַנדערונג אויף די געוווינהייט פונם ישוב. אין אויבערשטן טיגריס האָט אַ פאָלק, די אשורער, געגרינדעט שטעט. אין די טיילן פון קליין-אַזיע און אויף די מיטללענדישע ברעגן און אינזלען האָבן זיך קליינע קבוצים דערהויבען צו אַ ציוויליזאַציע-צושטאַנד. מעגלעך, אַז אין גינסטיקע דערצו געגנטן אין אינדיע און אין כינע האָט זיך פאַראַלעל אַנטוויקלט דאָס מענטשלעכע לעבן. אין אַסך אייראָפּעישע טיילן, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט פיש-רייכע אָזערעס, האָבן זיך שוין פון לאַנגע צייטן באַזעצט קליינע מענטשלעכע קבוצים אין וווינונגען, וואָס זענען געבויט געווען אויף סלופּעס, וואָס זענען געשטאַנען איבערן וואַסער, און זיי האָבן דערגענצט זייער ערד-אַרבעט מיט פישעריי און יאַגד. אָבער אין אַסך געגנטן פון דער אַלטער וועלט איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט פאַר אַזעלכע ישובים. דער באָדן איז געווען אַ צו-האַרטער, צו געדיכט באַוואַלדעט אָדער צו טרוקן, אָדער די סעזאָנען זענען נישט געווען זיכער פאַר דער מענטשהייט, וואָס האָט געהאַט די געצייג און די וויסנשאַפט פון יענער צייט, כדי זיך איינצוואָרצלען. ווייל כדי צו גרינדן ישובים אין די באַדינגונגען פון די פרימיטיווע ציוויליזאַציעס, האָבן די מענטשן געדאַרפט האָבן אַ שטענדיקן וואַסער זאַפּאַס, וואַרימקייט און זון-שיין. ווו ס'זענען נישט געווען די דאָזיקע זאַכן, האָט דער מענטש געקאָנט לעבן נאָר פאָריבערגייענד, אַלס אַ יעגער, וועלכער גיט נאָך דעם געווילד, אַלס אַ פּאַסטוך, וועלכער גיט נאָך דעם סעזאָן-גראָז, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַזעצן. דער איבערגאַנג פון יעגער-לעבן צום פּאַסטוכער-לעבן האָט געמוזט פאָרקומען זער לאַנגזאַם. פון דעם נאָכגיין די סטאַדעס פון דער ווילדער פיקאַדער (אין אַזיע) ווילדער פערד יענע מענטשן מן הסתם געקומען צו דער אייגנטומאידייע, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זיי אָפּצושליסן אין טאָלן,

האָבן פאַר זיי מלחמה געהאַלטן מיט וועלף, ווילדע הינט און אַנדערע רויב־חיות. און אַזוי אַרום, בשעת די פּרימיטיווע ציוויליזאַציעס פון די ערד־אַרבעטער האָבן זיך הויפּטזעכלעך אַנטוויקלט אין די גרויסע טייך־טאָלן, האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַן אַנדערער לעבנס־שטייגער, דאָס נאָמאַדישע לעבן, אַ לעבן פון כּסדרדיקער באַוועגונג הין און צוריק, פון ווינטער פּאַשע צו זומער פּאַשע. די נאָמאַדישע פעלקער זענען בכלל געווען שטאַרקער, ווי די ערד־אַרבעטנדיקע.

זיי זענען נישט געווען אַזוי פּרוכטבאַר און צאָלרייך; זיי האָבן נישט געהאַט קיין שטענדיקע טעמפּלען און נישט קיין הויך־אָרגאַניזירטע פּריסטערשאַפט; זיי האָבן נישט געהאַט קיין סך געצייג; אָבער דער לעזער דאַרף זיך נישט משער זיין, אַז צוליב דעם איז זייער לעבן געווען אַ ווייניקער אַנטוויקלטער לעבנס־שטייגער. אין אַ סך הינזיכטן איז דאָס פרייע לעבן געווען אַ פולקאָמער לעבן, ווי די ערד־אַרבעטערס. דער אינדיווידואום איז מער געווען אָנגעוויזן אויף זיין כּוח, נישט ווי דער יחיד אין דער מאַסע. דער אָנפירער איז געווען וויכטיקער; דער מעדיצינער אפשר ווייניקער. באַוועגנדיק זיך איבער גרויסע לאַנד־שטרעקעס, האָט זיך דער נאָמאַד ערוואָרבן אַ ברייטערע לעבנס־אַנשויאונג. ער איז געקומען אין באַציונגען מיט די גרענעצן פון דעם אָדער יענעם איינגעאָרדנטן לאַנד. ער איז געווינט געוואָרן צו זען פרעמדע פּנימער. ער האָט געדאַרפט פּלאַנעווען און אונטערהאַנדלען וועגן פּאַשע מיט די קאָנקורירנדיקע שבטים. ער האָט מער געוווּסט פון די מינעראַלן, ווי דאָס פאָלק, וואָס איז געגאַנגען מיטן אַקער, ווייל ער איז געגאַנגען איבער בערג־פּאַסן און פעלזיקע ערטער. ער האָט געמוזט זיין אַ בעסערער מעטאַלאָוויעץ. מעגלעך, אַז בראָנז, און מער וואַרשיינלעך, שמעלץ־אייזן זענען נאָמאַדישע אַנטדעקונגען. אַ סך פון די עלטסטע כּלים פון אייזן, וואָס מ'האָט אַרויסגענומען פון ערד, האָט מען געפונען אין צענטראַל־אייראָפּע, זייער ווייט פון די

אור-ציוויליזאציעס. דאקעגן האָבן די איינגעזעסענע פעלקער גע-
האט זייערע טעקסטילן, טעפעריי און געמאַכט אַ סך וווּנטשנס-
ווערטע זאַכן. ווען עס האָבן זיך דיפערענצירט די צוויי
לעבנס-שטייגערס, די ערד-אַרבעטנדע און די נאָמאַדישע,
איז געוואָרן אוממעגלעך, אז עס זאָל זיך נישט אַנטוויקלען אין אַ
געוויסער מאָס רויבעריי און האַנדל. באַזונדערס אין סומיריע,
ווו ס'איז געווען אי מדבריות, אי סעזאָן-לאַנד, האָט עס געמוזט
זיין א געוויינלעכע זאַך צו לאָזן די נאָמאַדן לאַגערן נאָענט ביי
די קולטיווירטע פעלדער, און זיי האָבן געהאַנדלט, גענב'עט
און אפשר אויך פאַרראָכטן כלים, פונקט ווי די ציגיינערס טוען
היינט (אָבער הינער האָבן זיי נישט גענב'עט, ווייל די שטוב-
פויגל — אורשפּרינגלעך אַן אינדישער דזשונגל-פויגל — איז ערשט
פראַהיימישט געוואָרן דורכן מענטש אן ערך 1000 יאָר פ. ק.).
זיי האָבן געברענגט טייערע שטיינער און אויסאַרבעטונגען פון
מעטאל און לעדער. אויב זיי זענען געווען יעגער, האָבן זיי
געברענגט פעל. דערפאַר האָבן זיי באַקומען טעפעריי-אויסאַרבע-
טונגען, קרעלן און גלאָז, מלבושים און ענלעכע אויסגעאַרבעטע
זאַכן. דריי הויפט-געגנטן און דריי הויפט-מינים פון
דיקע און נישט אינגאנצן איינגעאָרדנטע פעלקער זענען געווען
אין יענע צייט פון די ערשטע ציוויליזאציעס אין סומיריע און
אין אַלטן מצרים: 1) ווייט אין די אייראָפּעישע וועלדער האָבן
געוווינט די נאָרדישע פעלקער, יעגער און פאַסטוכער, א נידע-
ריקע ראַסע. 1500 י. פ. ק. האָבן די פרימיטיווע ציוויליזאַציעס
געוווּסט זייער ווייניק וועגן זיי; 2) ווייט אין די מזרח-אַזיאַ-
טישע סטעפּעס האָבן פאַרשידענע מאָנגאָלישע שבטים, די הונישע
פעלקער, פאַרהיימישט ס'פערד און ס'האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט
דער ברייט-פאַרשפּרייטער מנהג פון סעזאָן-באַוועגונגען צווישן
זייערע זומערדיקע און ווינטערדיקע לאַגערס. מעגלעך, אַז די
נאָרדישע און מאָנגאָלישע פעלקער זענען נאָך געווען אָפּגעטיילט
אייגער פון צווייטן דורך די רוסישע זומפּן און דעם גרויסן

קאַספּישן ים פון יענער צייט, ווייל דער גרעסטער טייל פון דע־מאָלטיקן רוסלאַנד איז געווען זומפּיק און מיט אָזערעס. 3) אין די סירישע און אַראַבישע וויסטעניש, וואָס זענען דעמאָלס גע־וואָרן טרוקענער, האָבן שבטים פון טונקל־העלע אָדער ברוינלעכע פעלקער, די סעמיטישע שבטים, געטריבן סטאַדעס שאָף, ציגן און אייזלען פון איין פּאַשע צו דער צווייטער. די דאָזיקע סע־מיטישע פּאַסטוכער און געוויסע מער נעגרישע פעלקער פון דרום־פּערסיע, די עלאַמיטן, זענען געווען די ערשטע נאָמאַדן, וועלכע זענען געקומען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די אור־ציוויליזאַציעס; זיי זענען געקומען אַלס הענדלער און אַלס אַנ־פאַלער. ענדלעך זענען ביי זיי אויפגעקומען אַנפירער מיט דרייסטערע אימאַגינאַציעס און זיי זענען געוואָרן דעראָבערער. אַן ערך 2750 י. פ. ק. האָט אַ גרויסער סעמיטישער אָנפירער סאַרגאָן I, דעראָבערט ס׳גאַנצע סומירישע לאַנד און ער איז גע־וואָרן הערשער פון דער גאַנצער וועלט פון דעם פּערסישן גאָלף ביז צום מיטללענדישן ים. ער איז געווען אַן אומגעבילדעטער באַרבאַר און זיין פאָלק, די אַקאַדיער, האָט זיך אויסגעלערנט די סומירישע שריפט און אָנגענומען די סומירישע שפּראַך אַלס די שפּראַך פון די באַאַמטע און געלערנטע. די אימפּעריע, וועלכע ער האָט געגרינדעט, איז זיך צעפאַלן אין 200 יאָר אַרום, און נאָך אַן עלאַמיטישער פאַרפלייצונג האָט אַ ניי סעמי־טיש פאָלק, די אַמאָריטן (אמורים), ביסלעכווייז באַפעסטיקט זיין הערשאַפט אין סומיריע. זיי האָבן געמאַכט אַלס זייער הויפּט־שטאָט בבל, וועלכע איז ביז דאַן געווען אַ קליינע שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טייך, און זייער אימפּעריע הייסט די ערשטע בבלישע אימפּעריע. זי איז קאָנסאָלידירט געוואָרן דורך דעם גרויסן קעניג כאמוראַבי (2100 י. פ. ק.), וואָס האָט גע־שאַפן דעם ערשטן געזעץ־קאָדעקס, וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע. דער שמאָלער נילוס־טאָל ליגט נישט אַזוי אָפן פאַר דער נאָמאַדישער אינוואַזיע, אַזוי ווי מעסאָפּאָטאַמיע, אָבער אין

כאמוראבי'ס צייטן האָבן סעמיטן דערפּאָלגרייך אָקופּירט מצרים און ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייע דינאַסטיע פון פּרעה'ס, די „היקסאָס" אָדער פּאַסטוכער-קעניגן, וועלכע האָבן רעגירט איי־ניקע הונדערט יאָר. די דאָזיקע סעמיטישע זיגער האָבן זיך קיינמאָל נישט אַסימילירט מיט די מצריים; מ'האָט אויף זיי שטענדיק געקוקט מיט שנאה, אַלס אויסלענדער און באַרבאַרן. ענדלעך האָט אַ פאָלקס-אויפשטאַנד זיי אַרויסגעטריבן (אַן ערך 1600 י. פ. ק.). אָבער אין סומיריע האָבן זיך די סעמיטן באַ־זעצט אויף פעסט; די צוויי ראַסעס האָבן זיך אַסימילירט און די בבלישע אימפּעריע איז געוואָרן סעמיטיש לויט דער שפּראַך און כאַראַקטער.

קאַפּיטל 17

די ערשטע ים־פאָרנדע פעלקער.

די עלסטע שיפלעך און שיפן האָט מען געמוזט אָנהייבן באַנוצן 25-30 טויזנט יאָר צוריק. דער מענטש האָט וואַרשיינ־לעך גערודערט אין וואַסער מיט אַ הילצערנעם דראָנג אָדער מיט פעַנכערס וואָס זאָלן אים אונטערשטיצן, אַמשפּעטסטנס בשעת די התחלות פון דעם נעאָליטישן פּעריאָד. אין מצרים און אין סומיריע זענען פון די געשיכטלעכע צייטן אָן באַנוצט געוואָרן געפלאָכטענע שיפלעך מיט פעל און זיי זענען געווען נישט דורכנעצבאַר. אַזעלכע שיפלעך באַנוצט מען דאָרט נאָך היינט. נאָך היינט באַנוצט מען אַזעלכע שיפלעך אין אירלאַנד און אין אועלס און אין אַלאַסקאַ פאָרט מען נאָך היינט אַריבער דעם בערינג-פּאַס אויף שיפלעך פון פאָקעפעל. ווען די דאָזיקע

אינסטרומענטן האָבן זיך פאַרבעסערט האָט נאָך געפאָלגט דער הוילער דראָנג. דאָס בויען שיפלעך און נאכהער שיפן איז געקומען מיט אנאַטירלעכן המשך. מעגלעך, אַז די לעגענדע וועגן נח'ס תבה דערמאַנט אונדז אַ געוויסן אַלטן אויפטו אין שיפ-געבוי, פונקט ווי די געשיכטע וועגן מבול, וועלכע איז אַזוי ווייט פאַרשפרייט ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט, איז מסתמא די טראַדיציע וועגן דעם אויסגוס פון דעם מיטללענדישן באַסיין. אויפן רויטן ים זענען געשווימען שיפן נאָך פריער איידער מ'האָט אויפגעשטעלט די פיראַמידעס, אַון אַן ערך 7000 י.פ.ק, זענען שוין געשווימען שיפן אויפן מיטללענדישן ים און דעם פערסישן גאָלף. דאָס זענען ס'רוב געווען פישער-שיפלעך, אָבער טייל זענען שוין געווען האנדלס-און פיראַטן-שיפן, ווייל וויסנדיק דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן דער מענטשהייט, מעגן מיר גאַנץ זיכער זיך משער זיין, אַז די ערשטע מאַטראָזן האָבן גערויבט, ווו זיי האָבן געקענט און געהאַנדלט, ווו זיי האָבן געדאַרפט. די ימען, אויף וועלכע די ערשטע שיפן האָבן זיך געוואַגט אַרויסצושווימען, זענען געווען אינלענדישע ימען, ווו דער ווינט האָט גינסטיק געבלאָזן און זיי זענען אין משך פון גאַנצע טעג געווען רויק, און אַזוי אַרום האָט זיך די שיפעריי, חוץ אַלס הילפס-מיטל, נישט אַנטוויקלט. ערשט אין די לעצטע 400 יאָר האָט זיך אַנטוויקלט די גוט-איינגעאָרדנטע, ים-פאָרנדיקע זעגל-שיף. די שיפן פון דער אַלטער וועלט זענען דער עיקר געווען רודער-שיפן, וועלכע האָבן זיך געטוליעט צום ברעג און ביים ערשטן סימן פון אַ שלעכט וועטער זענען זיי אַריין אין האָפן. ווען די שיפן זענען אויסגעוואַקסן אַלס גרויסע גאַלערן האָבן זיי גורם געווען אַ נאָכפראַגע פון מלחמה געפאַנגענע אַלס גאַלערן-שקלאַפן. מיר האָבן שוין געשילדערט, ווי די סעמיטישע פעלקער האָבן זיך באַוויזן אין סומירישע און אַראַבישע געגנטן אַלס וואַנדערער און נאָמאַדן, און ווי אַזוי זיי האָבן דעראָבערט סומיריע און געגרינדעט צום ערשטן די אַקאַדישע און נאָכהער די ערשטע

בבלישע אימפּעריע. אין מערב האָבן זיך די זעלבע סעמיטישע פעלקער געגומען צום ים. זיי האָבן געגרינדעט אַ נעץ פון האַפן-שטעט לענג אויס די מזרח-ברעגן פון דעם מיטללענדישן ים; די הויפּט-שטעט זענען געווען צור און צידון; אין די צייטן, ווען כאמוראבי האָט געהערשט אין בבל, האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן מיטללענדישן באַסיין אַלס הענדלער וואנדערער און קאָלאָניזאטאָרן. די ים-סעמיטן האָבן געהייסן פעניקיער (כנענים). זיי האָבן זיך הויפּטזעכלעך באַזעצט אין שפּאַניען, אָפּשטויסנדיק די אַלטע איבעריש-באַסקישע באַפעלקערונג און דורך דעם גיבראַלטער-פּאַס אַרויסגעשיקט ים-עקספּעדיציעס; זיי האָבן געגרינדעט קאָלאָניעס אויפן צפון-אפריקאַנישן ברעג. וועגן קאַרטאַגע, איינע פון די פעניקישע שטעט, וועלן מיר שפּעטער דערציילן אויספירלעכער. אָבער די פעניקער זענען נישט געווען דאָס ערשטע פאָלק, וועלכעס האָט געהאַט גאַלערן אין די מיטללענדישע וואַסערן. אויף די אינזלען און ברעגן פון יענעם ים זענען שוין געשטאַנען אַ רייע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן געהערט צו אַ ראַסע אָדער ראַסעס, וועלכע זענען קענטיק, לויט דער שפּראַך און אָפּשטאַמונג, געווען קרובה'ש מיט די באַסקן פון מערב און מיט די בערבערן און מצריים פון דרום: די עגעאישע פעלקער. די דאָזיקע פעלקער דאַרף מען נישט אויסמישן מיט די גריכן, וועלכע באַווייזן זיך אין דער געשיכטע אַסך שפּעטער. זיי זענען געווען פאָרגריכן, זיי האָבן אָבער געהאַט שטעט אין גריכנלאַנד און קליין אַזיע, צום ביישפּיל מיסינע און טראָיע און זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן און אַ בליענדן ישוב אין קנאסאָס (אין קרעטע). ערשט אין די לעצטע פופציק יאָר האָבן אונדז די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען באַקאַנט געמאַכט מיט דער ציוויליזאַציע פון די עגעאישע פעלקער. קנאסאס איז גרונטלעך אויסגעפאָרשט געוואָרן; צום גליק איז אויף איר אָרט נישט געשטאַנען קיין איבריק גרויסע שטאָט, וואָס זאָל צעשטערן אירע

רואינען, און אַזוי אַרום איז זי די הויפּט אינפֿאָרמאַציע קוועלע
וועגן דער אַמאָל כמעט פֿאַרגעסענער ציוויליזאַציע. די געשיכטע
פֿון קנאסאס דערגרייכט אַזש ביז צו דער געשיכטע פֿון מצרים;
די דאָזיקע צוויי לענדער האָבן אַן ערך 4000 י. פּ. ק. געפֿירט
אַ טעטיקן ים־האַנדל. אַן ערך 2500 י. פּ. ק., ד. ה. אין די
צייטן צווישן סאַרגאָן I און כאַמוראַבי, איז די קרעטישע ציווי־
ליזאַציע געשטאַנען אויף איר העכסטער מדרגה. קנאסאס איז
נישט אויף אַזוי פֿיל געווען אַ שטאָט, ווי אַ פּאַלאַץ פֿאַרן קרע־
טישן מאָנאַרך און זיין פֿאָלק. זי איז אפֿילו נישט געווען באַ־
פֿעסטיקט. ערשט שפּעטער, ווען די פֿעניקער זענען געוואָרן
שטאַרק, און ווען פֿון צפֿון זענען אָנגעקומען די גריכן, אַ נייער
און מער פֿורכטבאַרער פּיראַטישער שבט, איז זי געוואָרן באַ־
פֿעסטיקט. דער מאָנאַרך האָט געהייסן מינאָס, פּונקט ווי דער
מצרישער האָט געהייסן פּרעה. ער האָט געהאַלטן זיין שטאַט
אין אַ פּאַלאַץ, וואָס איז באַזאָרגט געווען מיט לויפֿעדיק וואַסער,
באַדע צימערן און ענלעכע באַקוועמלעכקייטן, וועלכע מיר גע־
פֿונען נישט אין קיין שום איבערבלייבעכצן פֿון די אַנדערע
אַלטע מלוכות. דאָרטן האָט ער געגעבן גרויסע בעלער און שוי־
שפּילן. ס'איז דאָרט פֿאָרגעקומען דער אָקסן־קאַמף, מערקווירדיק
ענלעך צו דעם היינטיקן אָקסן־קאַמף אין שפּאַניע; ס'איז אפֿילו
געווען אַן ענלעכקייט אין די מלבושים פֿון די אָקסן־קעמפֿער;
און ס'איז דאָרט אויך פֿאָרגעקומען גימנאַסטישע שוי־שפּילן. די פֿרויען
קליידער זענען געווען מערקווירדיק מאָדערנע לויט זייערע
פֿאַסצנער. זיי האָבן געטראָגן קאָרסעטן און קליידער מיט
פֿאַלבאַנעס. די טעפּעריי, טעקסטיל אויסאַרבעטונגען, סקולפּ־
טור־ווערק, מאָלעריי, יובילעריי, העלפֿאַנטביין־אויסאַרבעטונגען,
מעטאַל און מאָזאַאיק פֿון די דאָזיקע קרעטן זענען אָפֿט געווען
שטוינענד שיין. זיי האָבן אויך געהאַט א מין שריפֿט, אָבער
מ'דאַרף זי ערשט צו אַנטציפֿערן. דאָס גליקלעכע, זוניקע און
ציוויליזירט לעבן האָט געדויערט עטלעכע צענדליקע יאָרהונדער־

טער. אַן ערך 2000 י. פ. ק. האָבן קנאָסאָס און בבל געהאַט אַ סך ציוויליזירטע און קאָמפּאָרט־האָבנדע מענטשן, וועלכע האָבן וואַרשיינלעך געפירט אַ זייער אַנגענעמען לעבן. זיי האָבן גע־האַט שוי־ שפּילן און רעליגיעזע ימים־טובים; זיי האָבן געהאַט שטיב־שקלאַפן, וואָס האָבן זיי באַדינט און אינדוסטריעלע שקלאַפן, פון וועלכע זיי האָבן געצויגן פּראָפיטן. דאָס לעבן אין קנאָסאָס איז פאַר דעם מין מענטש מסתמא געווען זייער זיכער, מיט זון־ליכט און אַרומגערינגלט פון בלאָען ים. מצרים האָט, נאַטירלעך, אין יענע צייטן פון דער הערשאַפט פון אירע האַלב־באַרבאַרישע פּאַסטוכער־קעניגן, געמוזט אויסזען ווי אַ צעפאַלן לאַנד, און אויב עמיצער אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק האָט ער געמוזט באַמערקן, ווי די סעמיטישע פעלקער זענען, דוכט זיך, געווען אומעטום. באַהערשט מצרים, באַהערשט דאָס ווייטע בבל, געגרינדעט נינוה אויף דעם אויבערשטן טיגריס, געשווימען אין מערב ביז צו הערקולעס׳ פילאָרן (גיבראַלטאַר ים־פּאַס) און געגרינדעט זייערע קאָלאָניעס ביי יענע ווייטע ברעגן. אין קנאָסאָס זענען געווען געוויסע נייגעריקע מוחות, ווייל שפּעטער האָבן די גריכן דער־ציילט לעגענדעס וועגן אַ געוויסן גענייטן קרעטישן קונסט־אַרבע־טער, דע דאַלוס, וואָס האָט געפּרובט צו מאַכן אַ מין פליענ־דיקע מאַשין, מעגלעך אַ שווים־מאַשין, וואָס האָט זיך צוזאַ־מענגעבראָכן און אַריינגעפאַלן אין ים אַריין. עס איז אינטע־רעסאַנט צו באַמערקן געוויסע אונטערשידן און געוויסע ענלעכ־קייטן צווישן דעם לעבן אין קנאסאס און אונדזער אייגענעם לעבן. ביי דעם קרעטישן הער פון 2500 י. פ. ק. איז אייזן געווען אַ זעלטענער מעטאַל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל און איז גיכער געווען אַ משונהדיקע זאַך ווי אַ נוצלעכע, ווייל ס׳איז נאָך אַלץ באַקאַנט געווען נאָר דאָס מעטעאָריש אייזן, דאָס פּשוטע אייזן האָט מען נאָך נישט געהאַט אַרויסגענומען פון זיין ארץ. פאַרגלייכט דאָס מיט אונדזערע מאָדערנע זאַך־לאַגע, ווו ס׳הערשט אומעטום אייזן. דאָס פערד ווידער, וואָלט

ביי אים געווען אַ לעגענדאַר באַשעפעניש, אַ מין איבער-אייזל
וואָס האָט געלעבט אין די קאַלטע צפון-לענדער, ווייט איבער
דעם שוואַרצן ים. די ציוויליזאַציע האָט ביי אים עקזיסטירט
הויפּטזעכלעך אין עגעאישן גריכנלאַנד און אין קליין-אַזיע, ווו
ס'האָבן געלעבט די לידיער, קאַריאַנער און טראָיאַנער, און וואַר-
שיינלעך גערעדט שפּראַכן, וואָס זענען געווען ענלעך צו זייַנע.
אין שפּאַניע און אין צפון-אַפריקע האָבן געוווינט פעניקיער און
עגעיער, אָבער דאָס זענען געווען זייער ווייטע געגנטן פאַר זייַן
אומאַגינאַציע. איטאַליע איז נאָך געווען אַ וויסט לאַנד, באַדעקט
מיט געדיכטע וועלדער; די ברוין-הויטיקע עטרוסקער זענען נאָך
נישט געהאַט אַהין אָנגעקומען פון קליין אַזיע. און מעגלעך,
אַז איינמאָל איז אַ קרעטישער הער געגאַנגען צום האַפן און גע-
זען אַ געפאַנגענעם, וועלכער האָט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַם-
קייט, ווייל ער האָט געהאַט זייער שיינע געזיכטס-ציגן און
בלאָע אויגן. אפשר האָט אונדזער קרעטער געפּרווט צו רעדן
מיט אים, אָבער יענער האָט אים געענטפערט אין אַן אומפאַר-
שטענדלעכן זשאַרגאָן. דאָס ווען איז געקומען פון ערגעץ ווייט
פון דעם שוואַרצן ים, און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איז אַ
פולשטענדיק פינצטערער באַרבאַר. אָבער אין דער ווירקלעכקייט
איז ער געווען א מענטש פון אַן אַרישן שבט, פון אַ ראַסע
און קולטור, וועגן וועלכע, מיר וועלן באַלד האָבן אַ סך צו דער-
ציילן, און דער משונה'דיקער זשאַרגאָן, אויף וועלכן ער האָט גע-
רעדט האָט זיך דיפערענצירט אַלס סאַנסקריט, פּערסיש, גרי-
כיש, לאַטיין, דייטש, ענגליש און ס'רוב פון די הויפּט-שפּראַכן
פון דער וועלט. אָט אַזוי האָט אויסגעזען קנאָסאָס אין איר
העכסטער מדרגה, אינטעליגענט, אונטערנעמונגס-פעאיק, ליכטיק
און גליקלעך. אָבער אַן ערך 1400 פ.ק. איז געקומען דער סוף,
מעגלעך גאָר אומגעריכט, צו איר ווילשטאַנד. דער פּאַלאַץ פון
די מאָניסן איז צושטערט געוואָרן, און זיינע רואינען זענען פון

דעמאָלס אָן ביז היינט נישט צוריק אויפגעבויט און נישט באַ־וואוינט געוואָרן.

מיר ווייסן נישט, ווי אַזוי ס׳איז געשען דאָס אומגליק. די אויסגראַבער האָבן באַמערקט סימנים פון רויב און פייער. מ׳האָט אָבער אויך געפונען שפורן פון אַ פאַרניכטענדער ערד־ציטערניש. די נאַטור אַליין האָט געמוזט פאַרניכטן קנאָסאָס, אָדער די גריכן האָבן פאַרענדיקט דאָס, וואָס די ערדציטערניש האָט אָנגעהויבן.

קאַפּיטל 18

מצרים, בבל און אשור.

די מצרים האָבן זיך קיינמאָל נישט פרייוויליק אונטערגע־וואָרפן דער מאַכט פון זייערע סעמיטישע פּאַסטוכער־קעניגן, און אָן ערך 1600 י. פ. ק. האָט אַ קרעפּטיקע פּאַטריאָטישע באַ־וועגונג אַרויסגעטריבן די פרעמדע. ס׳פאָלגט דעמאָלס אַ נייע פּאַזע אָדער אויפלעבונג פון מצרים, אַ פעריאָד, וועלכן די עגיפּ־טאָלאָגן רופן אָן „די נייע אימפעריע״. מצרים, וואָס איז פאַר דער היקסאָסישער אינוואַזיע נישט געווען קאָנסאָלידירט, איז איצט געוואָרן אַ פאַראייניקט לאַנד. די אונטערדריקונגס־פּאַזע און דער אויפשטאַנד האָבן איר איבערגעלאָזט אַ מיליטערישן גייסט. די פרעה׳ס זענען געוואָרן אַגרעסיווע דעראָבערער. זיי האָבן זיך איצט דערוואָרבן דאָס מלחמה־פערד און מלחמה־וואָגן, וואָס די היקסאָס האָבן מיט זיך געבראַכט. אין דער צייט פון טאָטמעס III און אַמענאָפיס II האָט מצרים פאַרשפּרייט איר מאַכט אין אַזיע אַזש ביז דעם עפראַט. מיר קומען איצט צו צו אַ 1000־יעריקן געראַנגל צווישן די אַמאָל פולשטענדיק אָפּגעזונדערטע ציוויליזאַ־

ציעס פון מעסאָפּאָטאַמיע און נילוס. לכתחילה האָט מצרים גע־
האַט די איבערגעוויכט. די גרויסע דינאַסטיעס, די 17־טע, וועלכע
שליסט איין טאָטמעס III, אַמענאָפּיס III און IV, און אַ גרויסע
קעניגין האטאסו און די 19־טע, ווען רעמסס II, וועלכער האָט
רעגירט 67 יאָר, און איז, ווי טייל זענען זיך משער, דער
פּרעה פון משה, האָבן דערפירט מצרים צו אַ הויכער וועלטשטאַנד
מדרגה. אין מיטן זענען געווען צייטן פון דערשלאַגנקייט, אַ סי־
רישע דעראָבערונג און שפּעטער אַן עטיאָפּישע דעראָבערונג פון
דרום. אין מעסאָפּאָטאַמיע האָט געהערשט בבל, נאָכדעם האָבן
די כיטיער (חתים) און די דאמאסקער סיריער זיך דערהויבן צו
אַ צייטווייליקער איבערהערשאַפט; איין מאָל האָבן די סיריער
דעראָבערט מצרים; דאָס מזל פון די נינוה׳שע אשור׳ער האָט
זיך געהויבן און געפאַלן; טיילמאָל איז נינוה געווען אַ באַזיגטע
שטאָט; טיילמאָל האָבן די אשורער געהערשט אין בבל און אָנ־
געפאַלן אויף מצרים. מיר האָבן דאָ א צו־באַגרענעצט אָרט
און מיר קענען דאָ נישט דערציילן דעם אָנקום און אַוועקגאנג
פון די מצרישע אַרמייען און פון די פאַרשידענע סעמיטישע
מלוכות פון קליין־אזיע, סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע. די אַרמייען
זענען דאַן געווען באַוואָרנט מיט ריזיקע מאַסעס פון מלחמה־
וועגן, ווייל ס׳פערד — וואָס איז נאָך אַלץ באַנוצט געוואָרן אין
דער מלחמה און בשעת פייערלעכקייטן — האָט זיך אין יענער
צייט פאַרשפּרייט פון צענטראַל־אַזיען אַרויס אין די אַלטע ציווי־
ליזאַציעס. אין דעם טונקעלן שיין פון יענער ווייטער צייט באַ־
ווייזן זיך גרויסע דעראָבערער, ווי: טושראטטא, קעניג פון מי־
טאנני, וועלכער האָט איינגענומען נינוה, טיגלאַט פּילעסער
(תיגלאַת פּלאסר) I פון אשור, וועלכער האָט באזיגט בבל. צוגע־
לעך איז אשור געוואָרן די גרעסטע מיליטערישע מאכט פון
יענער צייט. אין 745 י. פ. ק. האָט טיגלאַט פּילעסער III דע־
ראָבערט בבל און געגרינדעט די נייע אַשורישע אימפּעריע. פון
צפון האָט די ציוויליזאַציע באַקומען אייזן. די כיטיער, די פאַר־

נייער פֿון די אַרמענער, האָבן עס געהאַט די ערשטע און איבערגעגעבן די אַשורער דעם נוצן דערפֿון, און אַן אשור'שער אוזורפּאַטאָר, סאַרגאָן II, האָט דערמיט באַוואָפֿנט זיינע זעלנער. אַשור איז געווען די ערשטע מאַכט, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט די דאָקטרין פֿון בלוט און אייזן. סאַרגאָנס זון, סאַנכעריוו, (סנחריב), האָט געפֿירט אַן אַרמיי ביז צו די גרעניצן פֿון מצרים, ער איז אָבער געשלאָגן געוואָרן נישט מיליטעריש, נאָר דורך אַ מגיפֿה. סאַנכעריוו'ס אייניקל, אַסורבאַניפּאַל (וועלכער איז באַקאַנט אין דער געשיכטע מיט זיין גריכישן נאָמען סאַרדאַנאַפּאַלוס) האָט אין 670 י. פ. ק. פֿאַקטיש באַזיגט מצרים, וואָס איז שוין געווען אַ באַזיגט לאַנד אונטער אַן עטיאָפּישער דינאַסטיע. סאַרדאַנאַפּאַלוס האָט פּשוט פֿאַרטרעטן איין דעראָבער מיט אַ צווייטן.

אויב עמיצער וואָלט געהאַט אַ סעריע פּאָליטישע מאַפּעס פֿון דעם דאָזיקן גאַנגן געשיכטלעכן פּעריאָד, אַ צווישנצייט פֿון 1000 יאָר, וואָלטן מיר געזען ווי מצרים שפּרייט זיך אויס און קנוילט זיך איין, פּונקט ווי אַן אָטאָם אונטער דעם מיסקראָסקאָפּ, און מיר וואָלטן געזען ווי פֿאַרשידענע סעמיטישע שטאַטן פֿון די בבֿל'ער, אַשורער, כיטיער און סיריער קומען אָן און גייען אַוועק, פֿאַרשלונגען איינער דעם צווייטן און וואַרפֿן פֿון זיך אַרויס איינער דעם צווייטן. צו מערב פֿון קליין אַזיע וואָלטן געווען קליינע עגעאישע שטאַטן, ווי לידיע מיט דער הויפּט-שטאָט סאַרדיס און קאַריע. אָבער נאָך 1200 י. פּ. ק. און אפֿשר פֿריער, וואָלט זיך אויף דער מאַפּע פֿון דער אַלטער וועלט באַוויזן אַ נייע רייע נעמען פֿון צפֿון-מזרח און פֿון צפֿון-מערב. דאָס זענען געווען די נעמען פֿון געוויסע באַרבאַרישע שבֿטים, באַוואָפֿנט מיט אייזערן געווער, באַנוצנדיק פֿערד-וועגן, און זיי זענען געווען אַ גרויסע פּלאָג פֿאַר די עגעאישע און סעמיטישע ציוויליזאַציעס פֿון די צפֿון-גרעניצן. זיי אַלע האָבן גערעדט וואַריאַנטן פֿון דער אַריאַבישער שפּראַך, וואָס האָט אַמאָל

געמוזט זיין אן אייגהייטלעכע שפראך. ארום די צפון-מזרח געגנטן פון דעם שווארצן און קאספישן ים זענען אנגעקומען די מדיער (מדי) און פערסער. אין דער געשיכטע האט מען זיי אויסגעמישט מיט די סקיטן און סארמאטן. פון צפון-מזרח אדער צפון-מערב זענען אנגעקומען די ארמענער, פון צפון-מערב פון דער ים-באריערע זענען דורך דעם באלקאנישן האלב-אינדזל געקומען די קימערן, פריגן און די העלענישע שבטים, וועלכע הייסן היינט גריכן. די דאזיקע אריער, סיי די מזרחדיקע, סיי די מערבדיקע, זענען געווען אנפאלער, רויבער און געראבירט שטעט. זיי זענען אלע געווען פארוואנדטע און ענלעכע צו זיך פעלקער, קרעפטיקע פאסטוכער, וועלכע האבן זיך גענומען צו רויבעריי. אין מזרח זענען זיי נאך געווען גרעניץ-באווינער און אנפאלער, אבער אין מערב האבן זיי איינגענומען שטעט און פון דארטן פארטריבן די ציוויליזירטע עגעאישע באפעלקערונג. די עגעאישע פעלקער זענען געווען אזוי געדריקט, אז זיי האבן זיך געמוזט זוכן נייע היימען און לענדער אויסער דער ארישער ספערע. טייל האבן געזוכט א ישוב אין דער נילוס-דעלטא, אבער זיי זענען אפגעשטויסן געווארן דורך די מצריים; טייל, די עטרוסקער, זענען, ווייזט אויס, אפגעשווימען פון קליין-אזיע, כדי צו גרינדן א שטאט אין די באוועלדעטע וויסטעגישן פון מיטל-איטאליע; טייל האבן אויפגעשטעלט שטעט אויף די דרום-מזרח ברעגן פון דעם מיטללענדישן ים און זענען שפעטער געווארן דאס פאלק, וואס איז באקאנט אין דער געשיכטע אלס פלשתים. וועגן די אריער, וואס באוויין זיך אויף אזא בארבארישן אופן אויף דער סצענע פון די אלטע ציוויליזאציעס, וועלן מיר רעדן אויספירלעכער אין א שפעטערדיק קאפיטל. דא שילדערן מיר נאר די גאנצע באוועגונג און עמיגראציע אין מיטן די געביטן פון די אלטע ציוויליזאציעס; די באוועגונג און עמיגראציע זענען אנטשטאנען צוליב דעם שטופנוויזן און כסדרדיקן פאררוקן זיך פון די אַרישע בארבארן ארויס פון די

צפון-וועלדער און וויסטעס צווישן 1600 און 600 י. פ. ק. און אין אַ פאָלגנדיק קאַפּיטל וועלן מיר אויך מוזן דערציילן וועגן אַ קליין סעמיטיש פאָלק, וואָס האָט באַוווינט די בערג אינטער די פעניקישע און פלשתים'שע ברעגן, די העברעער, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו ווערן וויכטיק אין דער וועלט ביים סוף פון יענעם פעריאָד, זיי האָבן געשאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאר דער נאָכפאָלגנדיקער געשיכטע, אַ זאַמלונג ביכער, געשיכטעס, פאָעמעס, ביכער פון חכמה און נבואה, די העברעאישע ביבל. אין מעסאָפּאָטאמיע און אין מצרים האָט דאָס אָנקומען פון די אריער נישט גורם געווען קיין פונדאמענטאַלע שנויים ביז נאָך 600 י.פ.ק. דאָס אַנטלויפן פון די עגעיער פאַר די גריכן און אפילו די צערשטערונג פון קנאָסאָס האָט געמוזט ווינציק באַאומרואיקן די בירגער פון בבל און מצרים. אין די וויגל-שטאטן פון דער ציוויליזאַציע זענען אָנגעקומען דינאַסטיעס און אוועק, אָבער דער הויפּט-גרונט פון מענטשלעכן לעבן איז זיך געגאַנגען ווייטער, מיט אַ פּאַמעלעכדיקער פאַרגרעסערונג אין ראַפינירטקייט און קאָמפּליצירקייט אין משך פון יאָרן. אין מצרים זענען צו די אָנגעהויפטע מאָנומענטן פון די עלטערע צייטן — די פּיראַמידעס זענען שוין דעמאָלט געווען אין זייער דריטן יאָרטויזנט און מ'האָט זיי, פּונקט ווי היינט, געוויזן די באַזוכער — צוגעגעבן געוואָרן נייע און פּרעכטיקע געביידעס, באַזונדערס אין די צייטן פון די 17-ע און די 19-ע דינאַסטיעס. די גרויסע טעמפּלען אין קארנאַק און לוקסאָר שטאַמען פון יענער צייט. אַלע די הויפּט מאָנומענטן פון נינוה, די גרויסע טעמפּלען, די באַפליגלטע אָקסן מיט מענטשלעכע קעפּ, די רעליעפן פון קעניגן, וועגן און לייבן געיעג, זענען געשאַפן געוואָרן אין די יאָרהונדערטע צווישן 1000 און 600 פ.ק. און דער פעריאָד של ס.ז אויך אין דאָס רוב פון דער בבלישער פּראכט. אי פון מעסאָפּאָטאָמיע, אי פון מצרים האָבן מיר אַסך עפענטלעכע באַריכטן, האַנדלס-חשבונות, געשיכטעס, פּאָעזיע און

פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ. מיר ווייסן, אַז אין אַזעלכע שטעט־ווי בבל און אין דער מצרישער טעבעס, איז דאָס לעבן ביי די ווילשטאַנד־האָבנדע און איינפלוסרייכע מענטשן געווען כמעט אַזוי ראַפינירט און לוקסוסאַרטיק, ווי דאָס לעבן פון די היינטיקע קאַמפאָרט, און ווילשטאַנד־האָבנדע מענטשן. אַזעלכע מענטשן האָבן געלעבט לויט אַ סדר און אַ צערעמאָניאַל אין שיינע און פּרעכטיק אויסמעבלירטע און דעקאָרירטע הייזער, געגאַנגען אָנגעטון אין רייך — דעקאָרירטע מלבושים און שיינע צירונג; זיי האָבן געהאַט בעלער און ימים־טובים, געווילט איינער דעם צווייטן מיט מוזיק און דאַנסינג, זענען באַדינט געוואָרן דורך הויך־אויסטרענירטע דינער, און צו זייער דינסט זענען געשטאַנען דאָקטוירים און דענטיסטן. זיי זענען נישט געפאָרן קיין סך און נישט צו ווייט, אָבער אויספלוגן אויף שיפלעך זענען געווען אַ געוויינלעך זומער פאַרגעניגן אי אויפן נילוס, אי אויפן עפראַט. דאָס אייזל איז געווען די לאַסט־חיה. דאָס פערד איז נאָך אַלץ באַנוצט געוואָרן צו מלחמה־וועגן און אין פאַלן פון שטאַט־ענינים. דאָס מויל־אייזל איז נאָך אַלץ געווען אַ נייעס, און דאָס קעמל, הגם מ'האָט עס געקענט אין מעסאָפּאָטאַמיע, איז נאָך נישט געבראַכט געוואָרן קיין מצרים. ס'זענען אויך געווען ווינציק כלים פון אייזן; קופער און בראָנז זענען געבליבן די הערשנדע מעטאַלן.

ס'זענען שוין באַקאַנט געווען פיינע לייוונט און בייוול אויסאַרבעטונגען, ווי אויך וואָלענע. אָבער ס'איז נאָך נישט געווען קיין זייד. גלאָז איז שוין געווען באַקאַנט און איז געווען שיין געפאַרבט, אָבער גלעזערנע זאַכן זענען געוויינלעך געווען קליין. ס'איז נאָך נישט געווען קיין קלאָר גלאָז און מ'האָט עס נאָך נישט באַנוצט צו אָפּטישע צוועקן. מענטשן האָבן געהאַט גאָלדענע שטיקלעך אין זייערע ציין, אָבער נישט געטראָגן קיין ברילן אויף די נעזער. איין משונהדיקער קאָנטראַסט צווישן דעם לעבן אין דעם אַלטן טעבעס אָדער בבל און דעם

מאָדערנעם לעבן איז געווען די אָבוועזנהייט פון געמינצט געלט. דאָס רוב איז דער האַנדל געפירט געוואָרן אין נאַטור. בבל איז פינאַנציעל געשטאַנען העכער ווי מצרים. גאָלד און זילבער זענען באַנוצט געוואָרן אַלס אויסטויש־מיטלען און זיי זענען געהאַלטן געוואָרן אין שטאַבעס; ס'זענען געווען באַנקירער, פריער פאַרן מינצן, וואָס האָבן גע'חתמ'עט זייערע נעמען און געוויגן די שטיקלעך פון טייערן מעטאַל. אַ סוחר אָדער אַ רייזנדער האָט אָוועקגעטראָגן צום פאַרקויפן די טייערע שטיינער, כּדי צו באַצאָלן פאַר די נויטווענדיקע זאַכן. ס'רוב משרתים און אַרבעטער זענען געווען קנעכט, וועמען מ'האָט נישט געצאָלט קיין געלט, נאָר אין נאַטור. ווען ס'איז אויפגעקומען ס'געלט, האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון שקלאַפעריי. אַ מאָדערנעם באַזוכער וואָלט אין די קרוין־שטעט פון דער אַלטער וועלט געפעלט צוויי וויכטיקע דיעטע־אַרטיקלען: דאָרטן זענען נישט געווען קיין הינער און נישט קיין אייער. אַ פראַנצויזישער קוכער וואָלט געהאַט ווייניק נחת אין בבל. די דאָזיקע זאַכן זענען געקומען ערגעץ פון מזרח — אין דיצ ייטן פון דער לעצטער אשור'שער אימפעריע. די רעליגיע, פונקט ווי אַנדערע זאַכן, איז אונטערגעלעגן אַ גרויסער ראַפינירקייט. מענטשלעכע קרבנות צ. ב. זענען שוין לאַנג פאַרשוואונדן. חיות אָדער ברויט־פיגורן האָבן פאַרטרעטן דעם קרבן. (אָבער די פעניקער, באַזונדערס די בירגער פון קאַרטאַגע, זייער גרעסטע קאָלאָניע אין אַפריקע, זענען אין שפּעטערדיקע צייטן באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי שעכטן מענטשלעכע וועזנס) א'ן די אַלטע צייטן, ווען ס'איז געשטאָרבן אַ גרויסער מענטש, איז געווען אַ מנהג מקריב צו זיין זיינע ווייבער און שקלאַפן און צוברעכן אויף זיין קבר זיין שפּיז און פיילן־בויגן, כּדי ער זאָל נישט גיין אין דער גייסטערוועלט אַריין אומבאַוואָפנט און אָן באַדינער. אין מצרים איז פון דער דאָזיקער פינצטערער טראַדיציע געבליבן דער אָנגענעמער מנהג צו באַגראָבן מיטן טויטן קליינע מאָדעלן פון הויז, געוועלב,

דינער און פיך — מאָדעלן, וואָס גיבן אונדז היינט דעם לעבע-
דיקסטן באַגריף וועגן דעם זיכערן און קולטיווירטן לעבן פון
אַלטן פאָלק, פון 3000 יאָר צוריק און מער. אַזוי האָט אויס-
געזען די אַלטע וועלט, איידער די אריער זענען אָנגעקומען פון
די צפון-וועלדער און פליינען. אין אינדיע און אין כינע זענען
פאָרגעקומען פאַראַלעלע אַנטוויקלונגען. אין די גרויסע טאָלן
פון די ביידע געגנטן זענען אויפגעוואַקסן אַגריקולטורישע שטעט-
מלוכות פון ברוינלעכע פעלקער, אָבער אין אינדיע זענען זיי,
ווייזט אויס, נישט געגאַנגען פאָרווערטס, אָדער זיך פאַראייניקט
אַזוי שנעל ווי די שטעט-שטאַטן פון מעסאָפּאָטאַמיען אָדער מצרים.
זיי זענען בענטער געווען צו דער מדרגה פון די אַלטע סומי-
ריער, אָדער צו דער אַמעריקאַנישער מאַיא-ציוויליזאַציע. די כי-
נעזישע געשיכטע דאַרף נאָך מאָדערניזירט ווערן דורך די כינע-
זישע געלערנטע און אָפּגערייניקט ווערן פון דעם גרויסן לעגענ-
דאַרישן שטאָף. וואַרשיינלעך איז כינע אין יענער צייט געווען
פאָרגעשריטענער ווי אינדיע. אייניצייטיק מיט דער 17-טער די-
נאַסטיע אין מצרים, איז אין כינע געווען אַ קייזערלעכע די-
נאַסטיע, די שאַנג-דינאַסטיע, כּוהנים־אימפּעראַטאָרן איבער א
לויז-פאַרבינדעטער אימפּעריע פון אונטערגעאָרדנטע קעניגן. די
הויפּט-אויפגאַבע פון די ערשטע אימפּעראַטאָרן איז געווען דאָס
מקריב זיין די סעזאָן-קרבנות. פון דער צייט פון דער שאנג-
דינאַסטיע עקזיסטירן שיינע בראָנזענע כּלים, און זייער שיינקייט
און זייער גענויטע אויסאַרבעטונג צווינגען אונדז צו אנערקענען,
אז אַ סך הונדערטער יאָרן פון ציוויליזאַציע האָבן געמוזט אָפּ-
לויפן פאַר דער דאָזיקער אויסאַרבעטונג.

קאפיטל 19

די פרימיטיווע אַריער

4 טויזנט יאָר צוריק, ד. ה. אַן ערך 2000 י. פ. ק׳ זע־נען צענטראַל־ און דרום־מזרח־אייראָפּע און צענטראַל־אַזיע וואָר־שיינלעך געווען וואַרימער, פייכטער און בעסער באַוועלדעט ווי היינט. אין די דאָזיקע געגנטן האָט געוואַנדערט אַ גרופּע שבטים, הויפּטזעכלעך פון דער שיינער און בלאָ־אויגיקער נאָרדישער ראַסע; זיי זענען געווען אין אַזאַ געננג נאָענטער באַציונג איי־נער מיטן צווייטן, אַז זיי האָבן גערעדט וואַריאַציעס פון איין געמיינזאַמער שפּראַך, אָנהייבנדיק פון ריין ביז צום קאַספּישן ים. אין יענער צייט זענען זיי, מן הסתם, נישט געווען קיין צאָלרייך פאָלק, און די בבל׳ער, וועמען כאַמוראַבי האָט געגעבן געזעצן, האָבן גאָרנישט געוווסט וועגן זייער עקזיסטענץ, און אַפילו דאָס שוין דעמאָלס אַלטע און קולטורווירטע מצרים, וואָס האָט אין יענע צייטן פאַרזוכט צום ערשטן מאָל דעם ביטערן טעם פון אַ פרעמדער דעראָבערונג, האָט נישט געוווסט וועגן זיי. די דאָזיקע נאָרדישע פעלקער איז, אין אמתן, באַשערט געווען צו שפּילן זער אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער וועלט־געשיכטע. זיי זענען געווען אַ פאָלק, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיטן אַרומצוימען זייער ערד און אויסהאַקן די וועלדער; לכתחילה האָבן זיי נישט געהאַט קיין פערד, נאָר פיך; בשעת דער וואַנ־דערונג האָבן זיי אַרויפגעלייגט זייערע געצעלטן און אַנדערע געצייג אויף די פרימיטיווע אָקסן־וועגעלעך; ווען זיי האָבן זיך באַזעצט ערגעץ אויף אַ געוויסער צייט, האָבן זיי מסתמא גע־מאַכט הייזלעך פון געפלאָכטענע צווייגלעך און שליים. זייערע וויכטיקע מתים האָבן זיי פאַרברענט; זיי האָבן נישט באַ־גראָבן מיט צערעמאָניעס, אַזוי ווי די ברוינלעכע פעלקער האָבן עס געטון. דאָס אש פון זייערע גרויסע אָנפירער האָבן זיי גע־

אין אורנעס אריין און דאַן אַרום דעם געמאַכט אַ גרויסן רונדיקן וואַל. די דאָזיקע וואַלן זענען די „רונדיקע בערגלעך", וועלכע מ'געפינט אין גאַנץ צפון-אייראָפּע. די ברוינלעכע פעל-קער, זייערע פאָרגייער, האָבן נישט פאַרברענט זייערע טויטע, נאָר זיי באַגראָבן אין אַ זיצנדיקער פּאָזע, אין לאַנגע גריבער די „לאַנגע בערגלעך".

די אַריער האָבן געאַקערט מיט אָקסן און קולטיווירט דעם שניט פון ווייץ, אָבער צוליב דעם האָבן זיי זיך נישט באַזעצט; זיי האָבן געשניטן און געגאַנגען ווייטער. זיי האָבן געהאַט בראָנז און אַן ערך 1500 פ.ק. האָבן זיי באַקומען אייזן. זיי זענען, מן הסתם געווען די אַנטדעקער פון דער אייזן-שמעלצונג. אַן ערך אין יענער צייט האָבן זיי אויך באַקומען דאָס פערד, וועלכעס זיי האָבן לכתחילה באַנוצט נאָר צו משאות. זייער געזעלשאַפטלעך לעבן האָט זיך נישט גרופּירט אַרום דעם טעמפּל, ווי די מער איינגעזעסענע פעלקער אַרום דעם מיטללענדישן ים, און זייערע הויפּט מענער זענען גיכער געווען אָנפירער, ווי כוהנים. זיי האָבן גיכער געהאַט אַן אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, ווי אַ געטלעכע און קעניגלעכע. פון גאָר אַלטע צייטן אָן האָבן זיי אונטערגעשיידט געוויסע אַדעליקע און אָנפירנ-דיקע פאַמיליעס. זיי זענען געווען אַוואַקאַליש פאָלק. בשעת זייערע וואַנדערונגען האָבן זיי זיך צעשטרייעט מיט ימים-טובים, זיי האָבן דעמאָלס אַ סך געשכורט און אַ ספּעציעלער סאָרט מענטשן, די טרובאַדורן, האָבן געזונגען און רעציטירט. ביז זיי זענען נישט געקומען אין באַרירונג מיט דער ציוויליזאַציע, האָבן זיי נישט געהאַט קיין שריפט, און די זכרונות פון די טרובאַדורן זענען געווען זייער לעבעדיקע ליטעראַטור. דאָס באַנוצן זיך מיט דער רעציטירטער שפּראַך אַלס אַפּאַרוויילונגס-מיטל האָט אַ סך צוגעהאָלפן צו מאַכן פון איר אַ פיינעם און אַ שיינעם אינס-טרומענט פון אויסדרוק, און אַן ספק, דאַרף מען צו דעם אומ-שטאַנד טיילווייז צו שרייבן די נאָכפאָלגנדיקע איבערגעוויכט פון

די אָפּשטאַמענדיקע שפּראַכן. יעדעס אַריש פאָלק האָט געהאַט זיין לעגענדאַרישע געשיכטע, קריסטאַליזירט אין טרובאַ-דורישע רעצוטאַציעס, עפּישע לידער, „זאַגעס" און „וועדעס", ווי מ'האָט זיי פאַרשידן אָנגערופן. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די דאָזיקע פעלקער האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם הויז-געזינד פון זייערע אָנפירנדע מענער.

דעם אָנפירערס הויז, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט אויף אַ געוויסע צייט, איז אָפט געווען אַ זער גערוימיקע הילצערנע גע-ביידע. ס'זענען, אָן ספק, דאָרט געווען שטאַלן פאַר סטאַדעס און פאַרמעס; אָבער ביים רוב אַרישע פעלקער איז דאָס הויז געווען דער הויפּט-צענטער, יעדער איינער איז דאָרטן אַהינגע-קומען וויילן זיך און הערן די טרובאַדורן און אָנטייל נעמען אין די שפּילערייען און דיסקוסיעס. אַרום זענען געווען קי-און פערד-שטאַלן. דער אָנפירער און זיין הויז-געזינד, זענען געשלאָפן אויף אַ פּאָדיום אָדער אויף אַ הויכער גאַלעריע; די פּשוטע מענטשן זענען געשלאָפן ווו עס איז, אַזוי ווי עס פירט זיך היינט אין דעם אינדישן הויז-געזינד. חוץ וואָפן, אָר-נאַמענטן, געצייג און ענלעכע זאַכן, האָט ביי דעם שבט עקזיס-טירט אַ מין פּאַטריאַרכאַלישער קאָמוניזם. דעם אָנפירער האָט אין אינטערעס פון דעם קבוץ געהערט די פיך און פּאַשע לאַנד; דער וואַלד און די טייכן זענען געווען פריי פאַר יעדן. אָט אַזעלכע מנהגים האָבן געהאַט די פעלקער, וועלכע האָבן זיך פאַרגרעסערט און פאַרמערט אין די גרויסע געביטן פון צענט-ראַל-אייראָפּע און מערב-צענטראַל-אַזיע, בעת דעם וווקס פון דער גרויסער ציוויליזאַציע אין מעסעפּאָטאַמיע און נילוס, און וועלכע האָבן אין 2-טן יאָרטויזנט פ. ק. אומעטום אָנגעגריפן די העליאָ-ליטישע פעלקער. זיי זענען געקומען קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד און שפּאַניען. זיי האָבן זיך גערוקט צו מערב אין צוויי כוואַ-ליעס. די ערשטע פון די פעלקער, וועלכע זענען געווען באַ-וואָפנט מיט בראָנזענע וואָפן, האָבן דערגרייכט ענגלאַנד און

אירלאַנד. זיי האָבן אויסגעראַטן אָדער אונטעריאָכט יענץ פֿאָלק, וועלכעס האָט געשאַפֿן די גרויסע שטיינערנע מאָנומענטן אין קאַרנאַק, אין ברעטאַן, און אין סטאָנהינדזש און אַ וועבערי אין ענגלאַנד. זיי האָבן דערגרייכט אירלאַנד, און זיי ווערן אָנגערופֿן די „גאָידעלישע קעלטן". די צווייטע כוואַליע פֿון אַ נאָנט קרובֿ'ש פֿאָלק, מעגלעך אויסגעמישט מיט אַנדערע ראַסן עלעמענטן, האָט מיט זיך געברענגט אייזן קיין ענגלאַנד, און זיי זענען אונטער דעם נאָמען „בריטישע קעלטן". פֿון זיי שטאַמט אָפּ די וועלט-שפּראַך. קרובֿ'שע קעלטישע פֿעלקער האָבן זיך גערוקט צו דרום קיין שפּאַניע, און זיי זענען געקומען אין באַרירונג נישט בלויז מיט די העליאָליטישע באַסקישע פֿעלקער, וועלכע האָבן נאָך אַלץ אָקופּירט דאָס לאַנד, נאָר אויך מיט די סעמיטישע פֿעניקישע קאָלאָניעס פֿון די ים-ברעגן. אַ נאָנט-פֿאַרוואַנדטע סעריע שבֿטים, די איטאַליענער, האָבן זיך אויסגעטרעטן אַ וועג אין די נאָך ווילדע און באַוואַלדעטע איטאַליענישע האַלבאינזלען. נישט שטענדיק האָבן זיי געזיגט. אין דעם 8-טן יאָרהונדערט פּ. ק. באַווייזט זיך אין דער געשיכטע רוים, אַ האַנדלס-שטאָט אויפֿן טייך טיבער, וואָס איז באַוווינט געוועזן דורך אַרישע לאַטיינער, אָבער אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די עסטרוסקישע אַדל-לייט און קעניגן. אויף דער צווייטער עקסטרעמער גרעניץ פֿון דער אַרישער ספֿערע איז פֿאָרגעקומען אַן ענלעכער פּראָגרעס פֿון ענלעכע שבֿטים אין דער דרום-ריכטונג. נאָך לאַנג פֿאַר 1000 יאָר פּ. ק. זענען דורך די מערבֿ-פּאַסן אָנגעקומען קיין צפֿון-אינדיע אַרישע פֿעלקער, וועלכע האָבן גערעדט סאַנסקריטיש. זיי האָבן געהאַט באַציונגען מיט אַן אורשפּרינגלעכער ברונעטער ציוויליזאַציע, די דראַווידיאַנישע ציוויליזאַציע, און זיך אַ סך אָפּגעלערנט פֿון איר. אַנדערע אַרישע שבֿטים האָבן זיך, ווייזט אויס, פֿאַרשפּרייט איבער די בערג-מאַסן פֿון צענטראַל-אַזיע, ווייט צו מזרח פֿון דער היינטיקער ספֿערע פֿון די דאָזיקע פֿעלקער. אין מזרח-טורקעסטאַן זענען נאָך היינט

דאָ שײנע, בלאָ-אױגיקע נאָרדישע שבטים, אָבער הײנט רעדן זײ מאנגאָלישע שפּראַכן. פאַר 4000 י. פּ. ק. זענען דורך די ארמענער פאַרפלײצט און פאַראַרישט געװאָרן די אַלטע כיטיער, װאָס האָבן געלעבט צװישן דעם שװאַרצן און קאַספּישן ים, און די בבל'ער און אַשור'ער האָבן שױן געװוּסט פון אַ נײעם און פאָרכטבאַרן קעמפנדן באַרבאַריזם אױף די צפון-מזרח גרעניצן. אַ גרופּע שבטים, פון װעלכע די אָנפירנדע זענען סקיטן, מדיער און פּערסער.

אָבער נאָר דורך דעם באַלקאַן האַלב-אינזל האָבן די אַרישע שבטים געמאַכט זײער ערשטן שװערן אָנגריף אין האַרץ פון דער אַלטער װעלטס-ציװיליזאַציע. שױן אַ סך יאָרהונדערטער פאַר 1000 י. פּ. ק. זענען זײ אָנגעקומען אין דער דרום-ריכטונג און אַריבער קײן קלײן-אַזיע. צום ערשטן איז געקומען אַ גרופּע שבטים, פון װעלכע די באַדײטנדסטע זענען געװען די פריגן, און נאָכדעם האָבן נאָכגעפאָלגט די עאָלישע, יאָנישע און דאָרישע גריכן. אַן ערך 1000 י. פּ. ק. האָבן זײ אָפּגעמעקט די אַלטע עגעאישע ציװיליזאַציע, סײ אױף דער גריכישער יבשה, סײ אין גרעסטן טײל פון די גריכישע אינזלען. די שטעט מיסינע און טירינס זענען אָפּגעמעקט געװאָרן און קנאָסאָס איז כמעט װי פאַרגעסן געװאָרן. פאַר 1000 י. פּ. ק. האָבן זיך די גריכן גענומען צום ים, זײ האָבן זיך באַזעצט אין קרעטע און אין ראָדעס, געגרינדעט קאָלאָני'עס אין סיציליע און אין דרום-איטאַליע, לױטן נוסח פון די פעניקישע האַנדלס-שטעט, װאָס זענען געװען אױסגעשפּרײט לענג אױס די מיטללענדישע ברעגן.

און אַזױ איז עס געװען, אַז בשעת טיגלאַט פּילעסער III און סאַרגאָן II און סאַרדאַנאַפּאַלוס האָבן געהערשט אין אַשור און מלחמה געהאַלטן מיט בבל, סיריע און מצרים, האָבן זיך די אַרישע פעלקער אין איטאַליע. גריכנלאַנד און צפון-פּערסיע אױסגעלערנט די מעטאָדן פון ציװיליזאַציע און זײ צוגעפּאַסט צו זײערע אײגענע צװעקן. דער טעמאַט פון דער געשיכטע פון

9-טן י. ה. פ. ק. און ווייטער אין משך פון 6 הונדערט יאָר איז די געשיכטע, ווי אַזוי די דאָזיקע אַרישע פעלקער זענען אויפגעוואַקסן צו מאַכט און אונטערנעמונג, און ווי אַזוי זיי האָבן צום סוף פאַרקנעכטעט די גאַנצע אַלטע וועלט, די סעמיטישע, עגיפּטישע אין די מצרישע. פאָרמעל זענען די אַרישע פעלקער געווען פולשטענדיקע זיגער; אָבער דער קאַמף פון די אַרישע, סעמיטישע און מצרישע אידייען און מעטאָדן האָט געדויערט לאַנג נאָך דעם ווי דער סצעפּטער איז געווען ביי די אַריער אין די הענט. דאָס איז אין אמתן אַ קאַמף, וואָס געדויערט אין מעך פון דער רעשט געשיכטע, און אין אַ געוויסער הינזיכט געדויערט ער נאָך היינט.

קאַפּיטל 20

די לעצטע בבלישע אימפּעריע און די אימפּעריע פון דאַריוס I.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז אַשור אין די צייטן פון טיגלאַט פּילעסער III און דעם אוזורפּאַטאָר סאַרגאָן II, געוואָרן א גרויסע מיליטערישע מאַכט. סאַרגאָן איז נישט געווען דער אמתער נאָמען פון דעם דאָזיקן מענטש; ער האָט אים אָנגענומען, כּדי צו חנפענען די באַזיגטע בבלער, דערמאַנענדיק זיי דעם אור-אַלטן גרינדער פון דער אקאַדישער אימפּעריע, סאַרגאָן I 2000 י. פאַר אים. בבל, הגם זי איז געווען אַ באַזיגטע שטאָט, האָט געהאַט אַ גרויסע באַפעלקערונג און האָט געהאַט אַ גרעסערע באַדייטונג ווי נינוה, און מ'האָט זיך געדאַרפט באַגיין מיט דרך-ארץ מיט איר גרויסן גאָט בעל-מאַרדוך, אירע כּוהנים און

הענדלער. אין 8-טן יאָרהונדערט פ. ק. געפינען מיר זיך אין מעסאָפּאָטאַמיע אַ סך ווייט פון יענע באַרבאַרישע צייטן, ווען דאָס איינגעמען אַ שטאָט האָט באַדייט רויב און שחיטה. די זיגער האָבן זיך באַמיט צו באַרואיקן און געווינען פאַר זיך די באַזיגטע. גאָך סאַרגאָנען האָט די אַשורשע מלוכה עקזיסטירט אַנדערהאַלבן יאָרהונדערט, און, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, האָט אסור-באַניפּאַל, וויי נגיגסטנס, באַהערשט דאָס אונטערשטע מצרים. אָבער אַשורס מאַכט און אייניקייט איז שנעל אונטערגעגאַנגען. אונטער דעם פּרעה סאַמעטיכוס I האָט מצרים נאָך אַן אָנשטרענגונג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך, און נעכא (נכו) II האָט פאַרזוכט אַ דעראָבערונגס-קריג אין סיריע. אין יענער צייט האָט אַשור זיך געראַנגלט מיט געגנטערע שונאים און זי האָט געקענט שטעלן אַ שוואַכן ווידערשטאַנד. נינוה איז איינגענומען געוואָרן אין 606 י. פ. ק. — איצט קומען מיר צו צו דער געגויער צייטרעכנונג — דורך אַ סעמיטיש פאָלק, די כאַלדעיער, פון דרום-מזרח מעסאָפּאָטאַמיע, וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט די אַרישע מדיער און פערסער פון צפון-מזרח. ס׳איז פאָרגעקומען אַ צוטיילונג פון דעם אַשורשן רויב. אין צפון איז געגרינדעט געוואָרן אַ מדישע אימפּעריע אונטער סיאַקסאַרעס. זי האָט אין זיך איינגעשלאָסן נינוה און די הויפּטשטאָט איז געווען עקבאַטאַנע. אין מזרח האָט די דאָזיקע אימפּעריע זיך געצויגן ביז צו דער אינדישער גרעניץ. אין דרום פון דער אימפּעריע איז, אין פאָרם פון אַ האַלב-לבנה קרייז, געגרינדעט געוואָרן אַ נייע כאַלדעאישע אימפּעריע, די צווייטע בבלישע אימפּעריע, וועלכע האָט זיך אונטער דער הערשאַפט פון נבוכדנצר דעם גרויסן (דער נבוכדנצר פון דער ביבל), דערהויבן צו אַ גרויסער מדרגה פון רייכטום און מאַכט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די לעצטע גרויסע צייטן, די גרעסטע פון אַלע, פאַר בבל. אַ געוויסע צייט האָבן די דאָזיקע צוויי אימפּעריעס געלעבט בשלום, און נבוכדנצר׳ס טאָכטער האָט חתונה געהאַט

מיט סיאַקסאַרעסן. דערווייל האָט נעכאָ II אָפּגעהאַלטן זיינע לייכטע נצחונות אין סיריע. אין דער שלאַכט ביי מעגידאָ (מגידו) אין 608 פ. ק. האָט ער דערלאַנגט א מפּלה און דערהרגעט דעם קעניג יאשיהו פון יהודה, אַ קליין לאַנד וועגן וועלכן מיר וועלן באַלד שמועסן, און ער האָט זיך צוגערוקט צום עפראַט, אָבער דאָרט געטראָפן נישט אַצעראַפּאַלען אַשור, נאָר אַן אויפלעבנדיק בבל. די כאַלדעריע האָבן געהאַנדלט זער ענערגיש. נעכאָ איז צושלאָגן געוואָרן און צוריקגעטריבן געוואָרן קיין מצרים, און דער בבלישער פּראָנט האָט זיך צוגערוקט צו דער אַלטער עגיפּטישער גרעניץ. די צווייטע בבלשע אימפּעריע האָט געבליט זיכער פון 606 ביז 539 פ.ק. זי האָט אַזוי לאַנג געבליט, כּל זמן זי האָט געלעבט אין שלום מיט דער שטאַרקערער, קרעפּטיקערער צפון-מלוכה פון די מדיער. אין משך פון די 67 יאָר האָט נישט בלויז ס'לעבן, נאָר אויך לערע, געבליט אין דער אַלטער שטאָט; אַפילו אונטער די אַשורשע מאָנאַרכן, און באַזונדערס אונטער סאַרדאַנאַפּאַלוס, איז בבל געווען די סצענע פון אַ גרויסער אינטעלעקטועלער אַקטיוויטעט. סאַרדאַנאַפּאַלוס, הגם אַן אַשורער, איז אינגאַנצן געוואָרן פאַרבבלישט. ער האָט געשאַפן א ביבליאָטעק, נישט פון פּאַפּיר, נאָר פון ליימענע טאָוולען, וועלכע מהאָט באַנוצט אין מעסאָפּאָטאַמיע צום שרייבן זינט די עלסטע סומערישע צייטן. זיין קאָלעקציע איז אויפגעגראָבן געוואָרן און זי איז אפשר דער טייערסטער אוצר פון היסטאָרישן מאַטעריאַל אין דער וועלט. דער לעצטער פון דער כאַלדעאישער דינאַסטיע פון די בבלישע מאָנאַרכן, נאַבאָנידוס, האָט אַפילו געהאַט שטאַרקע ליטעראַרישע פעיקייטן. ער האָט געהאַט דעם פּראָטעקטאָראַט איבער די אַלטערטום-פאָרשער. און ווען זיינע פאָרשער האָבן אויסגעפונען די דאַטע פון סאַרגאָן I טראָן אויפשטייגונג, האָט ער פאַראייביקט דעם דאָזיקן פאַקט אין אויפשריפטן אָבער אין דער אימפּעריע האָבן זיך באַוויזן אַ סך סימנים פון סעפּאַראַציע און ער האָט זיך באַמיט זי צו צענטראַליזירן דורכן

ברענגן אַ געווּיסע צאָל לאָקאַלע געטער קיין בבל און וואָרט פאַר זיי אויפגעשטעלט טעמפּלען. דאָס דאָזיקע מיטל איז שפּע־טער דע פאָלגרייך אָנגעווענדעט געוואָרן דורך די רוימער. אָבער אין בבל האָט ער דערוועקט די קנאה פון דער מעכטי־קער פּריסטערשאַפט פון בעל־מאַרדוק, דעם הויפּט־גאָט פון די בבלער. זיי האָבן געזוכט אַן אַנדער מעגלעך קעגנווירט קעגן נאַבאַנידוסן און דאָס האָבן זיי געפונען אין כורשן דעם פערס דער הערשער פון דער שכנותדיקער מדישער אימפּעריע. כורש האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצייכנט מיט זיין נצחון איבער קרעזוסן, דעם רייכן קעניג פון לידיע אין מזרח קליין־אַזיע. כורש איז אַרויס קעגן בבל, ס'איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט אונ־טער די שטאָט־מויערן און די טויערן פון דער שטאָט האָבן זיך פאַר אים געעפנט (528 י. פ. ק.) זיינע זעלנער זענען אַריין אין שטאָט אָן קאַמף. די ביבל דערציילט, אַז ווען דער קרוינ־פּרינץ בעל שעצר, נאַבאַנידוס זון, האָט זיך געלאָזט ווויל גיין, האָט זיך אויף דער וואַנט באַוויזן אַ האַנט און מיט פייערדיקע אותיות אָנגעשריבן די מיסטישע ווערטער: „מנה, מנה, תקל ופרסין”, וועלכע דער נביא דניאל, וועמען ער האָט גערופן צו דערקלערן דאָס רעטעניש, האָט אויסגעטייטשט „אַז גאָט האָט געציילט די טעג פון דיין מלוכה און מאַכט אַ סוף פון איר; דו ביסט געווויגן געוואָרן אויף דער וואָגשאָל און עס פעלט דיר די וואָג און דיין קעניגרייך ווערט אַוועקגעגעבן צו די מדיער און פערסער. מעגלעך, אַז די כוהנים פון בעל מארדוק האָבן עפּעס געוווּסט וועגן דער אויפשריפט אויף דער וואַנט. יענע נאַכט איז בעלשעצר דערהרגעט געוואָרן, אַזוי דערציילט די ביבל, נאַבאַנידוס איז געפאַנגען געוואָרן און דאָס איינגעמען פון דער שטאָט איז פאָרגעקומען אַזוי רואיק, אַז די עבודה צו בעל־מארדוקן איז פאָרגעקומען אָן איבעררייס. אַזוי אַרום זענען פאַרייניקט געוואָרן די בבלשע און די מדישע אימפּעריעס. כורשס זון, קאַמביזעס, האָט אונטער יאָכט מצרים. ער איז

משוגע געוואָרן און איז צופעליק דערהרגעט געוואָרן, און נאָך אים האָט אָר געפּאָלגט דאריוס דער מדיער, דאַריוס I (דריוש) היסטאספּעס זון, איינער פון כורשס הויפּט-ראַטגעבער. די פּערסישע אימפּעריע פון דאריוס I, די ערשטע פון די נייע אַרישע אימפּעריעס אין די ערטער פון די אַלטע ציוויליזאַציעס, איז געווען די גרעסטע אימפּעריע, וואָס די וועלט האָט ביז אַהער געזען. זי האָט אין זיך איינגעשלאָסן גאַנץ קליין אַזיע און סיריע, אַלע אַלטע אַשורשע און בבלשע מלוכות, מצרים, די קאַווקאַזישע און קאַספּישע געגנטן, מדי, פּערסיע, און אין אינדיע האָט זי זיך אויסגעשפּרייט אַזש ביז צום טייך הינדוס. אַזאַ אימפּעריע איז געווען מעגלעך, ווייל אויף דער וועלט זענען שוין געווען דאָס פערד און רייטער, דער וואָגן און שאָסיי; ביז אַהער זענען דאָס אייזל און דער אָקס, און דאָס קעמל אין דער מדבר, געווען די שנעלסטע טראַנספּאָרט מיטלען. גרויסע אַרטעריע-שאָסייען זענען געשאַפן געוואָרן דורך די פּערסישע הערשער, כדי צוזאַמען צו האַלטן זייער נייע אימפּעריע, און פּאָסט-פערד האָבן שטענדיק געוואַרט אויף די קעניגלעכע שלוחים אָדער רייזנדע, וואָס האָבן געהאַט אַן אָפיציעלע דער-לויבניש. ווייטער האָט די וועלט אָנגעהויבן באַנוצן געמינצטע געלט, וואָס האָט אַ סך פאַרלייכטערט דעם האַנדל און באַציונגען, אָבער בבל איז שוין מער נישט געווען די הויפּט-שטאָט פון דער ריזיקער אימפּעריע. אין לויף פון דער צייט האָט די פּריסטערשאַפט פון בעל-מארדוק גאָרנישט געוווּנען דורך איר פאַראַט. בבל, הגם נאָך אַלץ אַ וויכטיקע שטאָט, איז איצט געווען אין אַ ירידה-צושטאַנד, און די גרויסע שטעט פון דער נייער אימפּעריע זענען געווען: פּערסעפּאָליס, סוזאַ (שושן) און עקבאַטאַנאַ. שושן איז געווען די הויפּט-שטאָט. נינוה איז שוין געווען אַ פאַרלאָזענע שטאָט און איז פאַרזונקען געוואָרן אונטער רואינען.

קאַפּיטל 21

אַלטע יידישע געשיכטע

און איצט קענען מיר דערציילן וועגן די העברעער, אַ סעמיטיש פאָלק, וועלכע זענען נישט געווען אַזוי וויכטיק אין זייער אייגענער צייט, ווי מיט זייער איינפלוס אויף דער שפּעטערדיקער וועלט געשיכטע. זיי האָבן זיך באַזעצט אין יודעא (יהודה) אַ לאַנגע צייט פאַר 1000 י. פ. ק. און נאָך דער צייט איז זייער הויפּט-שטאָט געווען ירושלים. זייער געשיכטע איז פאַרבונדן מיט דער פון די גרויסע מלוכות, וואָס זענען געווען פון זייערעביידע זייטן, מצרים פון דרום און די זיך טוישנדיקע אימפּעריעס פון סיריע, אַשור און בבל פון צפון. זייער לאַנד איז אומפאַרמיידלעך געווען אַ דורכגאַנגס-שאָסיי צווישן די לעצטע מלוכות און מצרים. זייער באַדייטונג אין דער וועלט איז צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן געשאַפן אַ געשריבענע ליטעראַטור, אַ וועלט-געשיכטע, אַ זאַמלונג פון געזעצן, כראָניקעס, פּסאַלמען (תהילים), ביכער פון חכמה, פּאָעזיע, דיכטונג, און פּאָליטישע אויסערונגען, און זי איז ענדלעך געוואָרן דאָס, וואָס די קריסטן רופן אָן אַלטער טעסטאַמענט, די העברעאישע ביבל. די דאָזיקע ליטעראַטור באַווייזט זיך אין 4-טן אָדער 5-טן יאָרהונדערט פ. ק. וואַרשיינלעך איז זי צונויפגעשטעלט געוואָרן אין בבל.

מיר האָבן שוין דערציילט, ווי פּרעה נעראָ II האָט, בעת אַשור האָט געקעמפט פאַר איר עקזיסטענץ מיט די מדיער, פּערסער און כאַלדעיער, אָקופּירט די אַשורשע אימפּעריע. יאשיה דער קעניג פון יהודה, האָט זיך אָקעגן געשטעלט, ער האָט באַקומען אַ מפּלה און איז געהרגעט געוואָרן ביי מעגידאָ (608 פ. ק.) יהודה איז געוואָרן מצרים׳ס וואַסאַל, און ווען נבוכדנצר דער גרויסער, דער נייער כאַלדעאישער קעניג אין

בבל, האָט צוריקגעשטופּט נעכאָן קיין מצרים, האָט ער געפּרוווט צו באַהערשן יהודה דורכן אַרויפזעצן מאַנעקין-קעניגן אויפן ירושלימער טראָן. דער דאָזיקער עקספּערימענט איז אַדורכ-געפאַלן: דאָס פאָלק האָט אויסגעשאָכטן די בבלישע באַאַמטע; דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן איינאַנצן אונטערצוברעכן די קליינע מלוכה, וואָס האָט שוין לאַנג אויפגעשפּילט מצרים קעגן דער צפון-אימפּעריע. ירושלים איז צוראַבירט און פאַרברענט געוואָרן, און דאָס איבעריקע פאָלק איז געפאַנגען געוואָרן קיין בבל. דאָרטן זענען זיי געבליבן ביז כורש האָט איינגענומען בבל. ער האָט זיי צונויפגעזאַמלט און זיי צוריקגעשיקט, אַז זיי זאָלן ווידער באַזעצן זייער לאַנד און אויפבויען די מויערן און דעם טעמפּל אין ירושלים. פריער פאַר יענער צייט זענען די יידן, ווייזט אויס, נישט געווען אַ זער ציוויליזירט אָדער פאַראייניקט פאָלק. וואַרשיינלעך האָט נאָר אַ קליינע טייל פון זיי געקענט לייענען אָדער שרייבן. אין זייער אייגענער געשיכטע הערט מען נישט, אַז מ'האָט געזאָלט לייענען זייערע עלטסטע ביבל-ביכער; ס'ערשטע מאָל ווערט דערמאָנט וועגן אַ בוך אין קעניג יאשיה'ס צייטן. גלות בבל האָט זיי ציוויליזירט און קאָנסאָלידירט. זיי זענען צוריקגעקומען מיט אַ באַוווסטזיין וועגן זייער ליטעראַטור, אַ שטאַרקן זעלבסט באַוווסטזיין געפיל און אַלס אַ פּאָליטיש פאָלק. זייער ביבל איז אין יענער צייט, ווייזט אויס, באַשטאַנען נאָר פון דעם חומש, ד. ה. די ערשטע פינף ביכער פון דעם אַלטן טעסטאַמענט, וועלכן מיר קענען היינט.

חוץ דעם זענען נאָך געווען אַנדערע, איינצעלנע ביכער, צ. ב. די כראָניקעס (דברי הימים), די פּסאַלמען, משלי און אַנ-דערע, וועלכע זענען שפּעטער איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער היינטיקער העבּרעאישער ביבל. די דערציילונגען וועגן דער וועלט-באַשאַפונג, אדם און חוה, און דער מבול, מיט וועלכע די ביבל הייבט זיך אָן, טרעפט זיך צונויף מיט ענלעכע בבלישע לעגענדעס; זיי זענען, ווייזט אויס, געווען אַ טייל פון אַ גע-

מיינזאַמען גלויבן פון אַלע סעמיטישע פעלקער. אַזוי האָבן אויך די געשיכטעס וועגן משה און שמשון סומירישע און בבלישע פּאַראַלעלן. אָבער מיט דער געשיכטע פון אברהם און ווייטער, הייבט זיך אָן דאָס מער ספּעציפישע פון דער יידישער ראַסע. אברהם האָט מסתמא געלעבט אין כאַמוראַבּיס צייטן. ער איז געווען אַ פּאַטריאַרכאַלער סעמיטישער נאָמאַד. דער לייענער מוז זיך יעצט ווענדן צום ספר בראשית, ווי עס ווערט געשילדערט זיינע וואַנדערונגען, די געשיכטעס פון זיינע קינדער און אייניקלעך און ווי אַזוי זיי זענען געוואָרן קנעכט אין לאַנד מצרים. ער האָט געוואַנדערט אין כנען און דער גאָט פון אברהם — אַזוי דערציילט די ביבלישע געשיכטע — האָט אים און זיינע קינדער צוגעזאָגט דאָס שיינענדיקע לאַנד פון בליענדע שטעט. נאָך אַ לאַנגער צייט פון אויפהאַלטן זיך אין מצרים, און נאָך אַ פופציק-יעריקער וואַנדערונג אין דער מדבר אונטער משה'ס אָנפירערשאַפט, זענען אברהמס קינדער אויסגעוואַקסן אַלס אַן אַרמיי פון 12 שבטים, וועלכע האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד כנען פון דעם אַראַבישן מדבר אָן ביז צו מזרח. דאָס האָבן זיי מסתמא געטון אָן ערך צווישן 1600 און 1300 פ. ק. פון יענער צייט זענען נישט פאַראַן קיין שום מצרישע באַריכטן וועגן משה און כנען, וואָס זאָלן אַרויסהעלפן דער געשיכטע. אָבער יעדנפאַלס איז זיי נישט געלונגען צו דעראָבערן מער ווי די בערגיקע הונטערטיילן פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד.

די ברעגן זענען איצט נישט געווען אין די כנענים'ס הענד, נאָר ביי די ניי-אָנגעקומענע עגעאישע פעלקער, די פלשתים; זייערע שטעט עזה, גת, אשדוד, אשקלון און יאַפאָ האָבן דערפאָלגרייך אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון די העברעער. אין משך פון אַ סך דורות זענען אברהמס קינדער געבליבן אַן אומבאַקאַנט פאָלק אין דעם בערגיקן הונטערלאַנד און זיי זענען אומאויפהערלעך געווען פאַרוויקלט אין קאַמפן מיט די פלשתים און מיט די קרובהשע שבטים אַרום זיי, די מאָאַביטן (מואב)

מעדיאַניטן (מדינים) א. א. אין ספר יהושע וועט דער לעזער געפינען אַ באַריכט וועגן זייערע קאַמפן און מפלות אין משך פון דעם פעריאָד, ווייל ס'רוב איז דאָס אַ באַריכט פון מפלות און דורכפאַלן, דערציילט אָפנהערציק. אין גרעסטן טייל פון דעם פעריאָד זענען די העברעער רעגירט געוואָרן, אויף וויפל ס'איז ביי זיי געווען וואָסערע עס איז רעגירונגס-פאָרם, דורך כוהנים-שופטים, וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן דורך די זקנים, אָבער אַן ערך נאָנט פאַר 1000 י. פ. ק. האָבן זיי זיך אויסגעקליבן אַ קעניג, שאול, וואָס זאָל זיי פירן אין דער שלאַכט. אָבער שאולס אָנפירערשאַפט איז נישט געווען בעסער ווי די שופטימס; ער איז אומגעקומען ביי דער שלאַכט אויפן באַרג גלבוע פון דעם האָגל פלשתימשע פיילן; זיין באַוואָפנונג איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אינעם טעמפל פון דער פלשתימשער ווענוס, און זיין קערפער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף די מויערן פון דער שטאָט בית-שאָן. זיין נאָכפאָלגער, דוד, איז געווען מער דערפאָלגרייך און אַ גרעסערער פאָליטיקער. מיט דודן האָט אָנגעהויבן צו טאָגן דער איינציקער ווילשטאַנד-פעריאָד, וועלכן דאָס העברעער פאָלק האָט ווען עס איז געהאַט. ער האָט זיך געשטיצט אויף דעם נאָנטן בונד מיט דער פעניקישער שטאָט צור, וועמענס קעניג, חירום, איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסער אינטעליגענץ און אונטערנעמונגס-גייסט. ער האָט זיך געוואָלט פאַרזיכערן אַ האַנדלס-וועג צום רויטן ים דורך דעם בערגיקן העברעער-לאַנד. געוויינלעך איז דער פעניקישער האַנדל געגאַנגען צום רויטן ים דורך מצרים, אָבער אין יענער צייט איז מצרים געווען אין אַ שטאַרק דעזאָרגאַניזירטן צושטאַנד; ס'זענען, מעגלעך, אויך געווען אַנדערע שטערונגען אויף דעם דאָזיקן וועג. יעדנפאַלס האָט חירום אונטערגעהאַלטן זייער נאָנטע באַציונגען אי מיט דודן, אי מיט זיין זון שלמה. אונטער חירומס אויפזיכט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די מויערן, פאַלאַץ און דער טעמפל אין ירושלים, און דערפאַר האָט חירום געמעגט בויען און

אַרויסלאָזן שיפן אויפן רויטן ים. דורך ירושלים איז אַדורכגע־גאַנגען אַ זייער באַדייטנדער האַנדל אין דער ריכטונג צו צפון און דרום. שלמה האָט דערגרייכט אַ וווילשטאַנד און פּראַכט, וואָס זענען אומפאַרגלייכלעך אין דער דערפאַרונג פון זיין פאָלק. ער האָט אפילו חתונה געהאַט מיט אַ פּרעה'ס א טאָכטער.

אָבער עס וועט גוט זיין צו געדענקן די פּראָפּאָרציע פון די זאַכן. ביי דעם קולמינאַציע פּונקט פון זיין רום איז שלמה נישט מעהר געווען ווי אַ קליינער אונטערגעוואָרפענער קעניג אין אַ קליינער שטאָט. זיין מאַכט איז געווען אַזאַ צייט־ווייליקע, אַז אַ פּאָר יאָר נאָך זיין טויט האָט שישק, דער ערש־טער פּרעה פון דער 22־טער דינאַסטיע, איינגענומען ירושלים און צוגערויבט דעם גרעסטן טייל ווערטפולע זאַכן. דער באַ־ריכט וועגן שלמה'ס פּראַכט, ווי עס שילדערן די ביכער מלכים און דברי־הימים, ווערט אָפּגעפרעגט דורך אַ סך קריטיקער; זיי זאָגן, אַז אַ סך איז געוואָרן צוגעגעבן און מגזם געוואָרן דורך דעם פּאַטריאָטישן שטאָלץ פון די שפּעטערדיקע שרייבער. אָבער ווען מ'לייענט אויפמערקזאַם דעם ביבלישן באַריכט, איז ער נישט אַזוי דערדריקנד, ווי ס'דאַכט זיך אויפן ערשטן בליק. שלמה'ס טעמפּל, אויב מרעכנט אויס זיין מאָס, וואָלט אַריין אין אַ קליין שטעטלש שולעכל, און זיינע 1400 וועגן הערן אויף צו מאַכן אן איינדרוק, ווען מיר הערן געוויר פון אַן אשורשן מאנומענט, אַז זיין נאָכפאָלגער אחאב האָט געשיקט צו דער אשורשער אַרמיי אַ קאָנטיגענט פון 2000 וועגן.

עס איז אויך זער קלאָר פון דער ביבלישער דערציילונג, אַז שלמה האָט זיך רואינירט דורך זיין קאָמפּאָרט, און ער האָט באַלאַסטעט זיין פאָלק מיט צופיל שטייערן און אַ סך אַרבעט. נאָך זיין טויט האָט זיך דער צפון טייל פון זיין מלוכה אפּגע־ריסן פון ירושלים און געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה פון ישראל. ירושלים איז געבליבן די הויפּט־שטאָט פון יהודה. דער וווילשטאַנד פון העברעער־פאָלק איז געווען אַ קורצדויערנ־

דער. חירום איז געשטאָרבן און צור'ס אונטערשטיצונג האָט שוין נישט געהאָלפן ירושלים. מצרים איז ווידער געוואָרן שטאַרק. די געשיכטע פון די קעניגן פון יהודה און ישראל איז אַ געשיכטע פון קליינע מלוכות צווישן סיריע, נאָכהער אַשור און שפּעטער בבל פון צפון, און מצרים פון דרום. עס איז אַ דערציילונג וועגן אומגליקן און ישועות, וואָס האָבן נאָר אָפּגעלייגט די אומגליקן. עס איז אַ דערציילונג וועגן באַרבאַרישע קעניגן, וואָס האָבן רעגירט איבער אַ באַרבאַריש פאָלק. אין 721 פ.ק. איז די ישראלשע מלוכה פאַרשלעפּט געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט אַריין דורך די אשורער, און דאָס ישראלישע פאָלק איז אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן פאַר דער געשיכטע. יהודה האָט ווייטער געקעמפט ביז 604 פ.ק. ווען זי האָט, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, געטיילט דעם גורל פון ישראל. אין דער ביבלישער געשיכטע וועגן די העברעער, אָנהייבנדיק פון די צייטן פון די שופטים, זענען מעגלעך דאָ פרטים, וועלכע מ'קען קריטיקירן, אָבער אַלס גאַנצעס איז עס באַשיינפּערלעך אַן אמתע געשיכטע, וועלכע איז אין הסכם מיט דעם, וואָס מיר האָבן זיך דערוויסט פון די אויסגראָבונגען אין מצרים, אשור און בבל אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אין בבל האָבן די העברעער צונויפגעשטעלט זייער געשיכטע און אַנטוויקלט זייער טראַדיציע. דאָס פאָלק, וועלכעס איז צוריקגעקומען קיין ירושלים אויף כורש'ס באַפעל, איז לויטן גייסט און וויסן געווען גאָר אַן אַנדער פאָלק, ווי יענץ וואָס איז געגאַנגען אין גלות אַריין. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ציוויליזאַציע. אין דער אַנטוויקלונג פון זייער אייגנאַרטיקן כאַראַקטער האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל געוויסע מענטשן, אַ נייער סאָרט מענטשן, די נביאים, אויף וועלכע מיר מוזן איצט לענקען אונדזער אויפמערקזאַמקייט. די נביאים באַצייכענען די דערשיינונג פון נייע און מערקווירדיקע

כוחות אין דער כסדרדיקער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

קאפיטל 22

כוהנים און נביאים ביי יידן.

די מפלות פון אשור און בבל זענען נאר געווען די ערשטע פון א רייע אומגליקן, וועלכע ס'האבן שפעטער געליטן די סעמיטישע פעלקער. אין 7-טן י. ה. פ. ק. האט זיך געדאכט, אז די גאנצע ציוויליזירטע וועלט וועט באהערשט ווערן דורך די סעמיטישע הערשער. זיי האבן באהערשט די גרויסע אשורישע מלוכה און באזיגט מצרים; אשור, בבל, סיריע, אלע זענען זיי געווען סעמיטיש, גערעדט שפראכן, וואס זענען געווען קעגנזייטיק פארשטענדלעך. דער וועלט-האנדל איז געווען אין סעמיטישע הענט. צור, צידון, די גרויסע מוטער-שטעט פון דעם פעניקישן ברעג, האבן פון זיך ארויסגעגעבן קאלאניעס אין שפאניע, סיציליע און אין אפריקע, און זיי זענען צום סוף שטארק אויסגעוואקסן. קארטאגע, געגרינדעט פאר 800 י. פ. ק. האט זיך דערהויבן צו מער ווי א מיליאניקער באפעלקערונג. א געוויסע צייט איז זי געווען די גרעסטע שטאט אויף דער וועלט. אירע שיפן זענען געשווימען קיין ענגלאנד און אריין אין אטלאנטיק. זיי האבן, מעגלעך, דערגרייכט מאדערא. מיר האבן שוין פארצייכנט, ווי חירום האט מיטגעארבעט מיט שלמה געבויט שיפן אויפן רויטן ים פארן אראבישן, און אפשר אויך פאר דעם אינדישן האנדל. אין די צייטן פון פרעה נעכא איז א פעניקישע עקספעדיציע ארומגעשווומען גאנץ אפריקע. אין

יענע צייטן זענען נאָך די אַרישע פעלקער געווען באַרבאַרן; נאָר די גריכן האָבן אָנגעהויבן צו שאַפן אַ נייע ציוויליזאַציע אויף די רואינען פון יענער, וועלכע זיי האָבן פאַרניכטעט, און די מדיער אין צענטראַל אַזיע זענען געוואָרן „פורכטבאַר״, ווי פ׳רופט זיי אָן אַן אשורישע אויפשריפט. אין 800 י. פ. ק. האָט קיינער נישט געקענט נביאות זאָגן, אַז פאַרן 3-טן י. ה. פ. ק. וועט דורך די אַריש-רעדנדיקע פעלקער אָפּגעמעקט ווערן יעדער שפּור פון דער סעמיטישער הערשאַפט, און אַז אומעטום וועלן די סעמיטן זיין פאַרקנעכטעט, וואַסאַלן אָדער צעזייט און צעשפּרייט. אומעטום, חוץ אין די צפון-אַראַבישע וויסטעס, וווּ די בעדואינער האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי דעם נאָמאַדישן לעבנס-שטייגער, דעם אַלטן לעבנס-שטייגער פון די סעמיטן, איידער סאַרגאָן I און די אַקאַדיער זענען אַרויס צו דעראָבערן סומיריע; נאָר די אַראַבישע בעדואינער זענען קיינמאָל נישט באַזיגט געוואָרן דורך די אַרישע הערשער. פון די אַלע ציוויליזירטע סעמיטן, וועלכע זענען צושלאָגן און באַזיגט געוואָרן אין די פינף וויכטיקע יאָרהונדערטער, האָט זיך נאָר איין קליין פאָלק, די יידן, געהאַלטן צוזאַמען, זיך געקלאַמערט אָן זייגע אַלטע טראַדיציעס. כורש האָט זיי צוריקגעשיקט קיין ירושלים אויפצובויען די שטאָט. זיי זענען אומשטאַנד געווען דאָס צו טון, ווייל זיי האָבן שוין געהאַט זייער ליטעראַטור, די ביבל, וועלכע זיי האָבן צונויפגעשטעלט אין בבל. עס איז נישט אויף אַזוי פיל די יידן, וועלכע האָבן געשאַפן די ביבל, ווי די ביבל, וואָס האָט געשאַפן די יידן. דורך דער ביבל זענען אַדורכגעגאַנגען געוויסע אידייען, גאָר אַנדערע אידייען, ווי די פון די אַרומיקע פעלקער, זער אָנרעגנדע און דויערהאַפטיקע אידייען, ביי וועלכע עס איז זיי באַשערט געווען צו האַלטן זיך אין משך פון 25 י. ה. פון נויט, צרות און אונטערדריקונג.

די הויפּט יידישע אידייע איז געווען, אַז זייער גאָט איז אומזעבאַר און ווייט, אַן אומזעבאַרער גאָט אין אַ

טעמפל, וואָס איז נישט געשאַפן געוואָרן דורך מענטשלעכע הענט, דער גאָט פון דער גערעכטיקייט פון דער גאַ־רער וועלט. אַלע אַנדערע פעלקער האָבן געהאַט נאַ־ציאָנאַלע געטער, פאַרקערפּערטע אין בילדער, וואָס האָבן גע־ווינט אין טעמפּל. אויב דאָס בילד איז צעשמעטערט געוואָרן, דער טעמפּל — צעראַבירט, איז דער גאָט באַלד אָפּגעשטאָרבן. אָבער דאָס איז געווען אַ נייע אידייע, דער גאָט פון די יידן, וועלכער איז אין די הימלען, העכער איבער כּוהנים און קרבּנות. און דער גאָט פון אבֿרהם, אַזוי האָבן די יידן געגלייבט, האָט זיי אויסגעקליבן אַלס זיין אייגנאַרטיק פאָלק, כּדי צוריק אויפצו־בויען ירושלים און מאַכן פון איר די הויפּט־שטאָט פון גערעכ־טיקייט אויף דער וועלט. זיי זענען געווען אַ פאָלק, וואָס איז געווען עקזאַלטירט מיט דעם גלויבן אין אַ געמיינזאַמען גורל. מיט דעם דאָזיקן גלויבן זענען זיי געווען אָנגעזאַפּט, ווען זיי זענען נאָכן גלות בבל צוריקגעקומען קיין ירושלים. איז עס אַ אַ וווּנדער, וואָס אין די צייטן פון מפּלות און אונטעריאָכונג זענען א סך בבלער, סיריער א. א. און שפּעטער פעניקיער, וועלכע האָבן פּאַקטיש גערעדט די זעלבע שפּראַך און געהאַט אומצאָליקע געמיינזאַמע געוווינהייטן, מנהגים און טראַדיציעס, באַצויבערט געוואָרן פון דעם גייסטיקן קולט און זיך באַמיט צו האָבן אַ חלק אין דעם קיבוץ און אין זיינע צוזאָגן? נאָך דער מפּלה פון צור, צידון, קאַרטאַגע און די שפּאַניש־פעניקישע שטעט, פאַרשווונדן פלוצלינג די פעניקיער פון דער געשיכטע; און אַזוי אומגעריכט געפינען מיר יידישע קבוצים נישט בלויז אין ירושלים, נאָר אויך אין שפּאַניע, אַפריקע, מצרים, אַראַביע, מזרח, ווו נאָר די פעניקער האָבן געשטעלט אַ פוס. זיי אַלע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען דורך דער ביבל און דורך דעם לייענען איר. ירושלים איז פון אָנהייב אָן נאָר געווען זייער אָפיציעלע הויפּט־שטאָט; זייער אמתע שטאָט איז געווען דאָס בוך פון ביכער. דאָס איז געווען אַ טייל פון די קערנדלעך,

וואָס זענען פֿאַרזייכנט געוואָרן נאָך פֿריער, איידער די סומירייער און מצריים האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרטײַטשן זייערע היעראָגליפֿן אויף דער שריפֿט. די יידן זענען געווען אַ נייע דערשיינונג: אַ פֿאָלק אָן אַ קעניג און אין גיכן אָן אַ טעמפּל (ווייל ווי מיר וועלן דערציילן שפּעטער, איז ירושלים צושטערט געוואָרן אין 70 י. נ. ק.) און זיי האָבן זיך צוזאַמענגעהאַלטן און קאָנסאָלידירט געוואָרן פֿון פֿאַרשידנאַרטיקע ראַסישע עלעמענטן דורך קיין שום זאַך, נאָר דורך דער קראַפֿט פֿונם געשריבענעם וואָרט; און די דאָזיקע גייסטיקע אחדות פֿון די יידן איז נישט פֿאָרויסגעפּלאַנעוועט געוואָרן, נישט פֿאָרויסגעזעזן געוואָרן און נישט געשאַפֿן געוואָרן דורך די כּוהנים, אָדער מלוכה-מענער. נישט בלויז אַ נייער סאָרט געמיינדע, נאָר אויך אַ נייער מין מענטש באַווייזט זיך אין דער געשיכטע צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פֿון די יידן. אין שלמה'ס צייטן האָט עס אויסגעזען, אַז די העברעער וועלן פּונקט אַזאַ קליין פֿאָלק, ווי די אַנדערע קליינע פֿעלקער פֿון יענער צייט, גרופּירנדיק זיך אַרום דעם הויף און טעמפּל, רעגירט דורך דער חכמה פֿון די כּוהנים און געפֿירט פֿון דעם קעניגס אַמביציע. אָבער שוין דעמאָלס, דער לייענער קען דאָס געוויר ווערן פֿון דער ביבל, האָט מען באַשייפּערלעך געזען די דערשיינונג פֿון דעם נייעם מין מענטש, דעם נביא, פֿון וועלכן מיר רעדן. ווען ס'האָבן זיך פֿאַרמערט די צרות ביי די צושפּליטערטע יידן, האָט זיך פֿאַרגרעסערט די באַדייטונג פֿון די נביאים. ווער זענען געווען די נביאים? זיי זענען געווען מענטשן פֿון פֿאַרשידענער אָפּשטאַמונג. דער נביא יחזקאל איז געווען פֿון דער כּוהנים-קאַסטע און דער נביא עמוס איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ ציגן-פֿעל מאַנטל פֿון אַ פּאַסטוך, אָבער זיי האָבן אין זיך געהאַט געמיינזאַמעס מיט דעם, וואָס זיי האָבן אָנערקענט נאָר דעם גאָט פֿון יושר, און וואָס זיי האָבן גערעדט דירעקט צום פֿאָלק. זיי זענען געקומען אָן אַ

דערלויבניש אָדער הייליקונג. „און איצט איז צו מיר געקומען גאָטס וואָרט" — דאָס איז געווען זייער נוסח.

זיי זענען געווען שטארק פּאָליטיש. זיי האָבן געוואָרנט דאָס פֿאָלק פֿאַר מצרים „יענעם צובראָכענעם ראָר", אָדער פֿאַר אַשור אָדער בבל; זיי האָבן דעמאַסקירט די פֿוילקייט פֿון דער כּוהנישער קלאַס, אָדער די עקלהאַפֿטע עבֿרות פֿון דעם קעניג. אַ טייל נביאים האָבן געלענקט זייער אויפֿמערקזאַמקייט אויף די פּראָבלעמען, וועלכע מיר וואָלטן היינט אָנגערופֿן „סאָציאַלע רעפֿאָרם": „די רייכע צעמאָלן די פּנימער פֿון די אָרעמע", דער לוקסוס האָט אויפֿגעפֿרעסן די קינדערס ברויט; די רייכע האָבן זיך באַפֿריינדעט מיט די אויסלענדער און אמען נאָך זייער לוקסוס און עבֿרות; דאָס האָט פֿיינט יהוה, דער גאָט פֿון אבֿרהם, וועלכער וועט זיכער באַשטראָפֿן דאָס לאַנד. די דאָזיקע דונערנדע שטראָפֿרייד זענען פֿאַרשריבן, אָפּגעהיטן און שטודירט געוואָרן. זיי זענען געגאַנגען, ווו די יידן זענען געגאַנגען, און אומעטום האָבן זיי פֿאַרשפּרייט אַ נייעם רעליגיעזן גייסט. זיי האָבן אויפֿגעהויבן דעם פּשוטן מענטשן איבער דעם כּוהן און טעמפּל, איבער הויף און קעניג, און אים צונויפֿגעפֿירט פּנים אל פּנים מיט דער הערשאַפֿט פֿון יושר. אין דעם באַשטייט זייער העכסטע באַדייטונג פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. אין די גרויסאַרטיקע אויסערונגען פֿון ישעיה האָט זיך דאָס נבֿואהשע קול דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פֿון אַ פּראַכטפֿולער פּאָראויסזען, וועלכעס זאָגט אָן די פֿאַראייניקונג פֿון דער גאַנצער וועלט אין שלום אונטער איין גאָט. דאָס איז דער קולמינאַציע פּונקט פֿון דער יידישער נבֿואה. נישט אַלע נביאים האָבן אַזוי גערעדט, און דער אינטעליגענטער ביבל־לעזער וועט אין זיי געפֿינען אַ סך שׂנאה, אַ סך פֿאָרורטיילן און אַ סך זאַכן, וואָס וועלן אים דערמאָנען יענעם שלעכטן שטאָף, — די היינטיקע פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור. דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם, זענען עס די העברעאישע נביאים פֿונם

פּעריאָד, פּאַר און אַן ערך, פון גלות-בבל, וועלכע באַצייכענען די דערשיינונג פון אַ נייער קראַפט אין דער וועלט, די קראַפט פון דעם אינדיווידועלן מאָראַלישן אַפּעל, דער אַפּעל צו דעם פרייען באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט קעגן די פעטישע קרבנות און דער קנעכטישער לאָיאַליטעט, וואָס האָבן ביז אַהער געצוימט און געהעמעוועט די מענטשהייט.

קאַפּיטל 23

די גריכן

אָבער דעמאָלס, ווען נאָך שלמה (וועלכער האָט וואַרשיינלעך געהערשט אַן ערך 960 פ. ק.) האָבן די צוטיילטע מלוכות ישראל און יהודה געליטן פאַרניכטונג און געפאַנגענשאַפט, און בשעת דאָס יידישע פאָלק האָט אין גלות-בבל אַנטוויקלט זיינע טראַדיציעס, איז אַנטשטאַנען די גריכישע טראַדיציע, אַ צווייטע גרויסע קראַפט, וואָס האָט באַהערשט דעם מענטשלעכן געדאַנק. בעת די העברעאישע נביאים האָבן געשאַפן אַ נייעם באַגריף פון אַ דירעקטער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צווישן פאָלק און אַן אייביקן, אוניווערסאַלן גאָט פון יושר, האָבן די גריכישע פילאָזאָפן געאיבט דעם מענטשלעכן געדאַנק אין אַ נייעם מעטאָד און גייסט פון אינטעלעקטועלער דערפאָרונג. די גריכישע שבטים זענען, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, געווען אַ צווייג פון דעם אַריש-רעדנדיקן שטאַם-בוים. זיי האָבן זיך באַוויזן אין די עגעאישע שטעט און אינזלען אַ פּאָר הונדערט יאָר פאַר 1000 י. פ. ק. זיי האָבן זיך וואַרשיינלעך געהאַט גערוקט אין דער דרום-ריכטונג, נאָך פריער איידער דער פרעה טאָטמעס האָט

זיך געיאָגט נאָך זיינע ערשטע העלפאַנטן, ווייטער פון דעם באַזיגטן עפּראָט אין יענע צייטן זענען שוין געווען העלפאַנטן אין מעסאָפּאָטאַמיע און לייבן אין גריכנלאַנד. ס'איז מעגלעך, אַז אַ גריכישער אָנפאַל האָט פאַרברענט קנאָסאָס, אָבער ס'זענען נישט דאָ קיין שום גריכישע לעגענדעס וועגן אזאַ נצחון, הגם ס'זענען פאַראַן מעשיות וועגן מינאָס, זיין פּאַלאַץ (דער לאַבירינט) און וועגן דער געניטקייט פון די קרעטישע קונסט-אַרבעטער. פונקט ווי ס'רוב אריער האָבן די גריכן געהאט זינגער און רעציטירער, וועמענס פאָרשטעלונגען זענען געווען אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער פאַראייניקונגס-פונקט. זיי האָבן איבערגעלאָזט צוויי גרויסע עפּישע פּאָעמען פון די באַרבאַרישע צייטן פון זייער פאָלק. די ערשטע, די איליאַדע, דערציילט ווי אַזוי אַ ליגע פון גריכישע שבטים האָט באַלאַגערט, איינגענומען און באַרויבט די שטאָט טראָיאַ אין קליין-אַזיע; די צווייטע, די אָדיסייע, איז אַ לאַנגע געשיכטע פול מיט אויסטערלעשע געשעענישן און זי דערציילט ווי אַזוי דער קלוגער קאַפּיטאַן אָדיסעוס איז אַהיימגעקומען פון טראָיאַ. די דאָזיקע פּאָעמען זענען אָנגעשריבן געוואָרן אַן ערך דעם 8-טן אָדער 7-טן י. ה. פ. ק. ווען די גריכן האָבן זיך אויסגעלערנט דעם אַלף-בית פון זייערע מער ציוויליזירטע שכנים, אָבער מ'איז זיך משער, אַז די עפּאָפּייעס זענען אַ סך עלטער. אין פריערדיקע צייטן האָט מען געהאלטן, אַז זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן דורך אַ בלינדן טרובאַדור, האָמער, וועלכער, ווי מ'האָט זיך משער געווען, האָט זיי פאַרפאַסט, פונקט ווי מילטאָן 1) האָט פאַרפאַסט דעם „פאַרלוירענעם גן-עדן". צי ס'איז ווירקלעך געווען אזאַ פּאָעט, צי ער האָט פאַרפאַסט אָדער נאָר איבערגעשריבן און פאַרפיינערט די דאָזיקע עפּאָפּייעס, און נאָך אַזעלכע שאלות זענען אַ גינסטיקער מחלוקה-באָדן פאַר די ערודיטן. די מחלוקה דאַרף דאַ

1) דער גרעסטער ענגלישער עפּישער דיכטער 74—1608.

אונדז ניט אינטערעסירן. וואָס אונדז אינטערעסירט פֿון אונ־דזער שטאַנדפּונקט איז דער פֿאַקט, אַז די גריכן האָבן שוין אין 8-טן י.ה.פ.ק. געהאַט זייערע פּאָמען, וועלכע זענען געווען אַ געמיינזאַם אייגנטום און אַ פֿאַראייניקונגס־פּונקט צווישן זייערע פֿאַרשידענע שבטים און געגעבן זיי אַ באַגריף וועגן געמיינזאַמקייט לגבי די אויסער־לעכע באַרבאַרן. זיי זענען געווען אַ גרופּע קרובשע פֿעלקער, וועלכע זענען פֿאַרייניקט געווען מיטן גערעדטן און שפּעטער מיטן געשריבענעם וואָרט, און זיי האָבן געהאַט געמיינזאַמע אי־דעאַלן וועגן העלדנמוט און אויפֿפֿירונג. די עפּישע פּאָעמען שטעלן פֿאַר די גריכן אַלס אַ באַרבאַריש פֿאָלק אָן אייזן, אָן שריפֿט און אָן שטעט. זיי האָבן לכתחילה, ווייזט אויס, גע־וווינט אין אָפֿענע דערפֿלעך אַרום די הייזער פֿון זייערע אָנפֿי־רער, ווייט פֿון די רואינען פֿון די עגעאישע שטעט, וואָס זיי האָבן צושטערט. דעמאָלס האָבן זיי אָנגעהויבן צו שטעלן מוי־ערן אַרום זייערע שטינט און פֿון די דאָזיקע פֿעלקער האָבן זיי איבערגענומען די אידייע וועגן אַ טעמפּל. מ׳האָט געשריבן, אַז די שטעט פֿון די פּרימיטיווע ציוויליזאַציעס זענען אויפֿגע־וואַקסן אַרום דעם מזבח פֿון אַ געוויסן שבט׳שן גאָט, און נאָכ־הער האָט מען אויפֿגעשטעלט די מויער; אין די גריכישע שטעט זענען די מויערן געווען פֿריער פֿאַר דעם טעמפּל. זיי האָבן אָנגעהויבן צו האַנדלען און געגרינדעט קאָלאָניעס. אָן ערך אין 7-טן י.ה.פ.ק. איז אין די טאָלן און אויף די גריכישע אינזלען אויפֿגעוואַקסן אַ נייע סעריע שטעט, און ס׳זענען פֿאַרגעסן גע־וואָרן די עגעאישע שטעט און ציוויליזאַציע, וועלכע זענען גע־ווען פֿאַר זיי; די הויפּט שטעט זענען געווען אַטען, ספּאַרטע, קאָרינט, טעבעס, סאַמאָס און מילעטוס. ס׳זענען שוין געווען גריכישע ישובים לענג אויס דעם ברעג פֿון שוואַרצן ים, אין איטאַליע און אין סיציליע. דער פֿאָדערשטער און הונטערשטער טייל פֿון איטאַליע האָבן געהייסן „גרויס גריכנלאַנד“. מאַרסייל איז געווען אַ גריכישע שטאָט, וועלכע איז געשטאַנען אויפֿן אָרט

פון אַן אַלטער פעניקישער קאָלאָניע. די לענדער, וועלכע זע-
נען גרויסע פליינען אָדער האָבן גרויסע טייכן אַלס הויפּט-
טראַנספּאָרט מיטל, ווי עפראַט אָדער נילוס, האָבן אַ טענדענץ
צו פאַרייניקן זיך אונטער אַ געמיינזאַמער רעגירונג. די שטעט
פון מצרים און סומיריע צ, ב. האָבן געהאַט די זעלבע רעגי-
רונג-סיסטעם, אָבער די גריכישע פעלקער זענען געווען צוטיילט
צווישן אינזלען און בערג-טאָלן, און דאָרט האָט די טענדענץ
אָנגענומען אַן אַנדערע ריכטונג. ווען די גריכן באַווייזן זיך
אין דער געשיכטע, זענען זיי צוטיילט אויף אַ געוויסער צאָל
קליינע שטאַטן, וועלכע האָבן נישט ארויסגעוויזן קיין שום סימן
פון אַחדות. זיי זענען אַפילו פאַרשידן לויט דער ראַסע. טייל
זענען באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון בירגער פון דעם אָדער יע-
נעם גריכישן שבט: יאָנישע, עאָלישע אָדער דאָרישע; טייל האָבן
געהאַט אַ געמישטע באַפעלקערונג פון גריכן און אָפּשטאַמענדיקע
פון דעם פאַר-גריכישן „מיטללענדישן" פאָלק; טייל האָבן געהאַט
אַ נישט-געמישטע פרייע גריכישע באַפעלקערונג, וואָס האָט גע-
הערשט איבער אַ פאַרשקלאַפטער, באַזיגטער באַפעלקערונג, ווי
די „העלאָטן" אין ספּאַרטע. אין טייל זענען די אַלטע אָנפירנ-
דיקע ארישע פאַמיליעס געוואָרן אַן אָפּגעזונדערטע אַריסטאָקראַ-
טיע; אין טייל איז געווען אַ דעמאָקראַטיע פון אַלע ארישע
בירגער; אין טייל זענען געווען געוויילטע אָדער אַפילו יורשים-
קעניגן, אין טייל זענען געווען אוזורפּאַטאָרן אָדער טיראַנען.
און די זעלבע געאָגראַפישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן צוטיילט
די גריכישע שטאַטן און זיי געמאַכט פאַרשידנאַרטיק, האָבן זיי
אויך געמאַכט קליין. די גרעסטע שטאַטן זענען געווען קלענער,
ווי אַ סך ענגלישע קרייזן, און ס'איז אַפילו אַ ספק צי די באַ-
פעלקערונג פון איינער פון זייערע שטעט איז ווען עס איז אי-
בערגעשטיגן 1/3 מיליאָן. ווינציק שטעט האָבן דערגרייכט די
צאָל פון 50.000. ס'זענען ביי זיי געווען האַנדלס-און סימ-
פּאַטיע-אוניעס, אָבער נישט קיין אַחדות. ווען דער האַנדל האָט

זיך פאַרגרעסערט, האָבן די שטאָטן געשלאָסן אַליאַנסן און ליגעס, און קלײנע שטעט האָבן זיך געשטעלט אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פֿון גרויסע. דאָך איז גאַנץ גריכנלאַנד, אַ דאַנק צוויי זאַכן, געווען פֿאַרייניקט אין אַ געוויסער געמיינזאַמקייט פֿון געפֿיל: דאָס זענען געווען די עפּישע לידער און דער מנהג צונעמען אַן אָנטייל יעדעס פֿירטע יאָר אין די אַטלעטישע וועט-שפּילן אויף דעם אָלימפּ.1) דאָס האָט אָבער נישט געשטערט מלחמות און קאָנפֿליקטן, אָבער עס האָט ביי זיי אַ ביסל געמילדערט די באַרבאַרישקייט פֿון דער מלחמה, און אַ וואָפֿנשטילשטאַנד האָט געשיצט אַלע פּאַרנדיקע צו און פֿון די שפּילן. מיט דער צייט האָט זיך אַנטוויקלט דער סענטימענט פֿון אַ געמיינזאַמער ירושה און ס׳האָט זיך פֿאַרמערט די צאָל שטעט, וועלכע האָבן אַנטייל גענומען אין די אָלימפּישע שפּילן, ביז ס׳איז ענדלעך דערלויבט געוואָרן דער אַנטייל נישט בלויז פֿון די גריכן, נאָר אויך פֿון ריוואַלן פֿון די נאָענטע קרובהשע לענדער עפּירוס און מאַקעדאָניע פֿון צפֿון. די באַדייטונג און דער האַנדל פֿון די גריכישע שטעט זענען געוואָקסן, און אין 7-טן און 6-טן י. ה. פּ. ק. האָט זיך כסדר געהויבן די קוואַליטעט פֿון זייער ציוויליזאַציע. זייער געזעלשאַפֿטלעך לעבן האָט זיך אין אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים אונטערגעשיידט פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון די עגעאישע און טייך-טאָלן ציוויליזאַציעס. זיי האָבן געהאַט פּראַכטפֿולע טעמפּלען, אָבער די פּריסטערשאַפֿט איז נישט געווען אַ גרויסע טראַדיציאָנעלע קערפּערשאַפֿט, ווי זי איז עס געווען אין די שטעט פֿון דער עלטערער וועלט, דער רעזערוואַר פֿון אַלע וויסנשאַפֿטן, דער מאַגאַזין פֿון אידייען. זיי האָבן געהאַט אָנפֿירער און אדעליקע משפּחות, אָבער נישט קיין כּלומרשט געטלעכע מאָנאַרכן, וואָס זענען אַרומגערינגלט פֿון אַ ראַפֿינירט-אָרגאַניזירטן הויף. זייער אָרגאַניזאַציע איז גיכער געווען אַן אַריסטאָקראַטישע מיט אָנ-

1) א באַרג.

פירנדיקע משפחות, וועלכע האָבן געהאַלטן איינע די אַנדערע אין דער צוים. אפילו זייערע אַזוי גערופענע „דעמאָקראַטיעס" זענען געווען אריסטאָקראַטיש; יעדער בירגער האָט אנטייל גענומען אין די עפנטלעכע פונקציעס און איז געקומען אויף דער בירגער-פאַרזאַמלונג לויט דעמאָקראַטישע געזעצן, אָבער נישט יעדער איינער איז געווען אַ בירגער. די גריכישע דעמאָקראַטיעס זענען נישט געווען ענלעך צו אונדזערע מאָדערנע „דעמאָקראַטיעס", אין וועלכע יעדער איינער האָט אַ שטימע. אַ סך גריכישע דעמאָקראַטיעס האָבן געהאט אַ פּאָר הונדערט. אָדער אַ פּאָר טויזנט בירגער, און אַ סך טויזנטער שקלאַפן, באַפרייטע קנעכט א.א.וו. וואָס האָבן נישט גענומען קיין אַנטייל אינם עפנטלעכן לעבן. דאָס עפנטלעכע לעבן אין גריכנלאַנד איז ס'רוב געווען אין דער מאַכט פון אַ גרופּע באַזיצנדיקע מענטשן. זייערע קעניגן און זייערע טיראַנען זענען געווען מענטשן, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן בראש פון אנדערע אָדער האָבן פאַרכאַפּט די אָנפירערשאַפט; זיי זענען נישט געווען כלומרשט געטלעכע איבער-מענטשן, ווי די פּרעה'ס, מינאָס אָדער די מאָנאַרכן פון מעסאָפּאָטאַמיע. סיי דער געדאַנק, סיי די רעגירונגס-פאָרם האָבן אין די גריכישע באַדינגונגען דעריבער געהאַט אַזאַ פרייהייט, פון וועלכער זיי האָבן נישט געוווּסט אין קיין שום לאַנד פון די עלטערע ציוויליזאַציעס. די גריכן האָבן געבראַכט אין די שטעט אַריין דעם אינדיווידואַליזם, די פּערזענלעכע איניציאַטיווע פון דעם וואַנדערדיקן לעבן פון די צפון-באַוואַלדעטע לענדער. זיי זענען געווען די ערשטע באַדייטנדיקע רעפּובליקאַנער אין דער געשיכטע. ווען זיי הייבן זיך אויף פון דעם צושטאַנד פון באַרבאַרישן מלחמה-לעבן, זעען מיר, ווי אַ נייע זאַך ווערט אָנזעעווודיק אין זייער אינטעלעקטועלן לעבן. מיר געפינען ביי זיי מענטשן, וואָס זענען נישט קיין פּריסטער, וועלכע זוכן און פאַרשרייבן ידיעות, פאָרשן די סודות פון לעבן און דאַזיין, אויף אַן אופן, וואָס איז ביז דעמאָלס געווען די העכסטע פּריווילעגיע פון דער פּריסטערשאַפט, אָדער די איטלע פאַרוויילונג פון די

קעניגן. שוין אין זעקסטן י. ה. פ. ק. — מעגלעך ווען ישעיה [1]
האָט נביאות געזאָגט אין בבל — געפינען מיר אַזעלכע מענטשן,
ווי טהאַלעס און אַנאַקסימאַנדער אין מילעטוס און הערַאקליט אין
עפעזוס, וועלכע זענען געווען, ווי מ׳וואָלט זיי היינט אָנגערופן,
זעלבסטשטענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט
דורכדרינגנדיקע פראַגן וועגן דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן,
זיך געפרעגט וועגן אירע אמתע אייגנשאַפטן, פונוואַנען זי איז
אנטשטאַנען, וואָס וועט זיין איר גורל, און זיי האָבן זיך אָפּגע-
זאָגט פון אַלע פאַרטיקע און אויסמיידנדיקע תשובות. וועגן דעם
דאָזיקן אָפּפרעגן זיך פון דעם גריכישן געדאַנק וועגן דער נאַ-
טור וועלן מיר מער דערציילן אַביסל שפּעטער. די דאָזיקע גרי-
כישע פאָרשער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו ווערן באַמערקנס-
ווערט אין דעם 6-טן י. ה. פ. ק., זענען די ערשטע פילאָזאָפן,
די ערשטע „ליבהאָבער פון חכמה" אין דער וועלט. און עס מעג
דאָ פאַרציילנט ווערן, וואָס פאַר אַ וויכטיק יאָרהונדערט דער 6-טער
י. ה. פ. ק. איז געווען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.
ווייל נישט בלויז די גריכישע פילאָזאָפן האָבן אָנגעהויבן זוכן
קלאָרע באַגריפן וועגן דער וועלט און דאָס אָרט, וואָס דער
מענטש פאַרנעמט אין איר, און ישעיה האָט דערהויבן די יידישע
נבואה צו איר דערהאבנסטער מדרגה, נאָר, ווי מיר וועלן דער-
ציילן שפּעטער, אויך גאוטאמא בודדא האָט שוין דעמאָלס געפּרעדיקט
זיין לערע אין אינדיע, און קאָנפוציוס און לאַאָ-טסי — אין
כינע. פון אַטן ביזן פּאַסיפיק איז דער מענטשלעכער געדאַנק
געווען אין באַוועגונג.

1) דער צווייטער.

קאפיטל 24

די גריכיש - פערסישע מלחמות.

בעת די גריכן זענען אין די שטעט פון גריכנלאנד, דרום איטאליע און קליין-אזיע געווען באשעפטיקט מיט פרייע אינטעלעקטועלע פארשונגען, און בעת די לעצטע העברעאישע נביאים האבן אין בבל און ירושלים געשאפן א נייעם באוווסטזיין פאר דער מענטשהייט, האבן צוויי אונטערנעמונגס-פעאיקע ארישע פעלקער, די מדיער און פערסער, באצווינגען די ציוויליזאציע פון דער אנטיקער וועלט און געשאפן א גרויסע אימפעריע, די פערסישע אימפעריע, וועלכע איז לויט איר פארנעם געווען א סך גרעסער, ווי וואסער עס איז אנדערע אימפעריע, וואס די וועלט האט ביז דעמאלס געזען. כורש האט אנעקסירט פאר דער פערסישער הערשאפט בבל און די רייכע און אנטיקע לידישע ציוויליזאציע; די פעניקישע שטעט פון לעוואנט 1) און אלע גריכישע שטעט אין קליין-אזיע זענען געווארן וואסאלן; קאמביזעס האט אונטערגעיאכט מצרים און דאריוס I, דער מדיער, דער דריטער פון די פערסישע רעגירער (521 פ. ק.), איז געווען דער מאנארך, ווי ס'האט זיך געדאכטן, פון דער גאנצער וועלט. זיינע קוריערן זענען געלאפן מיט זיינע דעקרעטן פון די דארדאנעלן ביז צום הינדוס און פון אויבערשטן מצרים ביז צענטראל-אזיע. אמת, די גריכן אין אייראפע, איטאליע, קארטאגע, סיציליע און די שפאניש-פעניקישע קאלאניעס זענען נישט געווען אונטער דעם פערסישן שלום. זיי האבן אים אבער רעספעקטירט, און דאס איינציקע פאלק, וועלכעס האט אים ערנסט באאומרואיקט, איז געווען דאס סקיטישע פאלק, די אלטע פעטערהארדעס פון די נארדישע פעלקער אין דרום און צענטראל-

---

1) מזרח, די ברעגן פון מיטללענדישן מזרח.

אַזיע, וועלכעס איז אָנגעפאַלן אויף די צפון- און צפון-מזרח גרעניצן. נאַטירלעך איז די באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער גרויסער פערסישער אימפעריע נישט געווען אַ פערסישע. די פערסער זענען נאָר געווען די קליינע זיגרייכע מינדערהייט אין דער דאָזיקער ריזיקער אימפעריע. די רעשט באַפעלקערונג איז געווען די זעלבע, וואָס איז געווען פון אומדענקבאַרע צייטן, איידער די פערסיער זענען געקומען, נאָר פערסיש איז געוואָרן די אַדמיניסטראַטיווע שפּראַך. דער האַנדל און די פינאַנסן זענען נאָך ס׳רוב געווען סעמיטיש; צור און צידון, פונקט ווי אין די אַלטע צייטן, זענען געווען גרויסע מיטללענדישע האַפן-שטעט, און סעמיטישע שיפן זענען געשווימען אויף די ימען. אָבער אַ סך פון די דאָזיקע סעמיטישע סוחרים און געשעפטס-לייט האָבן, בעת זייער רייזן פון איין אָרט צום צווייטן, געפונען אַ סימפּאַטישע און אַנטשפּרעכנדע געמיינזאַמע געשיכטע אין דער העברעאישער טראַדיציע און אין די הייליקע שריפטן. אַ נייער עלעמענט, וועלכער האָט זיך שנעל אַנטוויקלט אין דער דאָזיקער אימפעריע, זענען געווען די גריכן. די גריכן זענען געוואָרן אויפן ים ערנסטע קאָנקורענטן פון די סעמיטן, און זייער נישט געבונדענע און שטאַרקע אינטעליגענץ האָט פון זיי געמאַכט נוצלעכע און פּאָרורטייל-לאָזע באַאַמטע. איבער די סקיטן האָט דאַריוס I אָקופּירט אייראָפּע. ער האָט געוואָלט דערגרייכן דרום רוסלאַנד, די היימאַט פון דעם סקיטישן רייטער. מיט אַ גרויסער אַרמייע איז ער אַריבער דעם באָספּאָר און דורך בולגאַריע מאַרשירט צום דונאַי, וועלכן ער איז אַריבער מיט דער הילף פון אַ בריק, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט פון שיפלעך, און זיך גערוקט ווייט צו צפון. די אַרמייע האָט שרעקלעך געליטן. זי איז הויפּט-זעכלעך באַשטאַנען פון פוסגייערס און די סקיטישע רייטער זענען געריטן אַרום איר, אָפּגעשניטן אירע זאַפּאַסן, דערהרג׳עט די פאַרבלאָנדזשעטע; און ס׳איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו אַן ענטשיידענער שלאַכט. דאַריוס איז געצוווּנגען געוואָרן צו אַרומ-

לאָזן צוריקסריט. אליין איז ער צוריק קיין שושן, אָבער ער האָט איבערגעלאָזט אן ארמיי אין טראַקיע און מאקעדאניע; מאקעדאניע האָט זיך אונטערגעגעבן דאריוסן; נאָך דער מפּלה האָבן די גריכישע שטעט אין אזיע זיך צובונטעוועט, און די איירא‌פּעאישע גריכן זענען אריינגעצויגן געוואָרן אינם קאַמף. דאריוס האָט דעמאָלס באַשלאָסן אונטערצוואָרפן די אייראָפּעאישע גריכן. האָבנדיק צו זיין דינסט דעם פעניקישן פלאָט, איז ער אומשטאַנד געווען אונטערצודריקן איין אינדזל נאָך דער צווייטער, און ענדלעך האָט ער אין 490 פ.ק. געמאַכט א הויפּט-אנגריף אויף אַטן. פון די האַפן פון קליין אזיע און פון די מזרח-מיטללענדישע ברעגן איז אָפּגעשווימען א גרויסע ארמאַדע; די דאָזיקע עקספּעדיציע האָט ארויסגעזעצט איר מיליטער נעבן מאַ-ראַטאָן, צו צפון פון אַטן. דאָרטן איז פאָרגעקומען א שלאַכט און זיי האָבן געליטן א באַדייטנדע מפּלה. אין דער צייט איז געשען אן אויסערגעוויינלעכע זאַך. ספּארטע איז געווען אַטנס פאַרביסנסטער קאָנקורענט, אָבער איצט האָט אַטן אַפּעלירט צו ספּארטע. זי האָט ארויסגעשיקט א העראָלד, א שנעל-לויפער, צו די ספּארטער און זיי געבעטן נישט דערלאָזן, אַז די גריכן זאָלן ווערן שקלאַפן ביי די באַרבאַרן. דער לויפער (דער פּראָ-טאָטיפּ פון אלע „מאראַטאָן" לויפערס) האט אין ווינציקער ווי 2 טעג אדורגעמאַכט א שטרעקע פון 160 קל. אין א צעשטערט לאַנד. די ספּארטער האָבן אָפּגעענטפערט שנעל און גרויסמוטיק; אָבער ווען די ספּארטישע קרעפטן זענען אין דריי טעג אַרום אָנגעקומען קיין אַטן, האָבן זיי שוין גאָרנישט נישט געהאַט צו טון, נאָר צו באַקוקן דאָס שלאַכט פעלד און די קערפּער פון די געפאַלענע פערסישע זעלנער. דער פערסישער פלאָט איז צוריק אוועק קיין אזיע. אָט אזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער פערסישער אנגריף אויף גריכנלאַנד.

דער צווייטער איז געווען א מער איינדרוקספולער. באלד נאָך דער ידיעה וועגן דער מפּלה ביי מאַראַטאָן, איז דאַריוס

געשטאָרבן, און זיין זון קסערקסעס (אחשורוש), זיין נאָכפאָלגער, האָט אין משך פון 4 יאָר צוגעגרייט אַן אַרמיי, כדי צו צעשמעטערן גריכנלאַנד. אַ געוויסע צייט האָט דער שרעק פאַרייניקט אַלע גריכן. קסערקסעס אַרמיי איז זיכער געווען די גרעסטע, וואָס מהאָט ביז דעמאָלס צונויפגעשטעלט, אין דער וועלט. דאָס איז געווען אַ ריזיקער קבוץ פון קעגנזעצלעכע עלעמענטן. אין 480 י.פ.ק. איז זי אַריבער די דאַרדאַנעלן מיט דער הילף פון שיפלעך; און בעת זי האָט זיך גערוקט פאָרווערטס, לענג אויס דעם ברעג, האָט זיך גלייכצייטיק גערוקט אַ געמישטער פלאָט, וואָס האָט געפירט לעבנסמיטל. ביים שמאָלן פאַס פון טערמאָפילי האָט אַ קליינע גרופּע פון 1400 מאַן, אונטער דעם ספּאַרטער׳ס לעאָנידאַס אָנפירונג, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער ריזיקער מאַסע, און נאָך אַ קאַמף פון אומדערגרייכבאַרן העראָאיזם איז די קליינע גרופּע פולשטענדיק אומגעקומען. אַלע זענען אויסגעהרג׳עט געוואָרן, אָבער די פאַרלוסטן, וואָס זיי האָבן גורם געווען די פערסער, זענען געווען אויסערגעוויינלעכע, און די פערסישע אַרמיי האָט זיך אין אַ באַשיידענער שטימונג געלאָזט קיין טעבעס און אַטן. טעבעס האָט זיך אונטערגעגעבן און געשלאָסן אַן אָפּמאַך. די אַטענער האָבן פאַרלאָזט זייער שטאָט און זי איז פאַרברענט געוואָרן. ס׳האָט זיך געדאָכטן, אַז גריכנלאַנד איז אין די הענט פון דעם זיגער, אָבער ווידער איז געקומען נצחון, טראָץ דער נישט גלייכער צאָל און טראָץ אַלע דערוואַרטונגען. דער גריכישער פלאָט, הגם אַפילו נישט קיין דריטל פון דעם פערסישן, איז אין דעם אויסגוס פון סאַלאַמיס אָנגעפאַלן אויף דעם פערסישן און אים פאַרניכטעט. קסערקסעס און זיין ריזיקע אַרמייע זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייערע לעבנסמיטל זאַפּאַסן, און ער האָט פאַרלוירן דעם מוט; מיט אַ העלפט אַרמייע איז ער אָפּגעטרעטן קיין אַזיע, און די רעשט האָט געליטן אַ מפּלה ביי פּלאַטעא (479 פ.ק.), בעת די גריכן האָבן פאַרפאָלגט די רעשטלעך פון דעם פערסישן פלאָט און

פאַרניכטעט ביי מיקאַלע, אין קליין אַזיע. די פּערסישע געפאַר איז פאַריבער. ס׳רוב גריכישע שטעט אין אַזיע זענען פריי גע־וואָרן. דאָס אַלץ ווערט דערציילט אויספירלעך און זער בילד־לעך אין דער ערשטער געשריבענער היסטאָריע, די היסטאָריע פון העראָדאָט. ער איז געבוירן געוואָרן אַן ערך אין 480 י.פ.ק. אין דער יאָנישער שטאָט האַליקאַרנאַסוס, אין קליין אזיע. זוכנ־דיק גענויע פּרטים פאַר זיין היסטאָריע, האָט ער באַזוכט בבל און מצרים. פון מיקאַלע אָן איז פּערסיע אַרייגגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון דינאַסטישע קאָנפליקטן. אין 465 י. פ. ק. איז קסערקסעס דערמאָרדעט געוואָרן. אין מצרים, סיריע, און אין מדי זענען אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן איבערגעריסן דעם קורץ־דויערנדיקן רעזשים פון יענער מעכטיקער אימפּעריע.

הערֿאדאט׳ס געשיכטע באַטאָנט די שוואַכקייט פון פּערסיע. די דאָזיקע היסטאָריע איז אין דער ווירקלעכקייט דאָס, וואָס מיר וואָלטן היינט אָנגערופן פּראָפּאַגאַנדע — פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ פאַראייניקט גריכנלאַנד כדי צו באַזיגן פּערסיע. הערֿאָדאט הייסט איינעם אַ העלד, אַריסטאַגאָראַס, גיין צו די ספּאַרטער מיט א מאַפּע פון דער דענצמאָל באַקאַנטער וועלט און זאָגן צו זיי: „די דאָזיקע באַרבאַרן זענען נישט העלדיש אין קאַמף. איר דאַקעגן האָט איצט דערגרייכט די העכסטע בּעניטקייט אין קריגס־פירונג... קיין שום אַנדערע נאַציע אין דער וועלט האָט נישט דאָס, וואָס זיי האָבן: גאָלד, זילבער, בראָנז, געהאָפטענע מלבושים, חיות און שקלאַפן. דאָס אַלץ וואָלט איר געקענט האָבן, אויב איר וואָלט געוואָלט".

קאפיטל 25

דער גלאַנץ-פּעריאָד אין גריכנלאַנד.

דער אנדערהאַלבן יאָרהונדערט נאָך דער פּערסישער מפּלה איז געווען איינער פון די פּרעכטיקסטע צייטן פון דער גריכישער ציוויליזאַציע. אמת, גריכנלאַנד איז געווען צושפּליטערט צוליב דעם פאַרצווייפלטן קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אַטען, ספּאַרטאַ און אַנדערע שטאַטן (די פּעלאָפּאָנעזישע מלחמה פון 431 ביז 404 פ. ק.), וועגן דער העגעמאָניע, און די מעקאַדאָניער זענען אין 338 י. פ. ק. פּאַקטיש געוואָרן די הערשער פון גריכנלאַנד; דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם, האָבן אין דער דאָזיקער צייט דער געדאַנק און די שעפערישע און אַרטיסטישע אימפּולסן פון די גריכן זיך דערהויבן צו אַזעלכע מדרגות, אַז זייערע דערגרייכונגען לייכטן דער מענטשהייט אין אַלע צייטן. דער הויפּט און צענטער פון דער דאָזיקער גייסטיקער אַקטיוויטעט איז געווען אַטען. העכער דרייסיק יאָר (פון 466 ביז 428 י. פ. ק.), האָט אין אַטען רעגירט אַ גרויסער און שטאַרקער ליבעראַלער גייסט, פּעריקלעס, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אויפצובויען די שטאָט פון די רואינען, צו וועלכע די פּערסער האָבן זי דערפירט. די שיינע רואינען, וועלכע פאַרהערלעכן נאָך היינט אַטען, זענען ס'רוב די איבערבלייבענישן פון זיינע גרויסע אָנשטרענגונגען. אָבער נישט בלויז מאַטעריעל האָט ער אויפגעבויט אַטען, ער האָט זי אויך אויפגעבויט אינטעלעקטועל. אַרום אים האָבן זיך גרופּירט נישט בלויז ארכיטעקטן און סקולפּטאָרן, נאָר אויך פּאָעטן, דראַמאַטורגן, פילאָזאָפן און לערער. הערראָדאָט איז געקומען קיין אַטען און דאָרט רעציטירט זיין היסטאָריע. (438 פ. ק.) אַנאַקסאַגאָראַס איז געקומען מיט די התחלות פון אַ וויסנשאַפטלעכער באַשרייבונג פון דער זון און די שטערן. עסכיל, סאָפאָקלעס און עוריפּיד,

אייַנער נאָכן צווייטן, האָבן דערהויבן די גריכישע דראַמע צו די העכסטע מדרגות פון שיינקייט און דערהאַבנקייט. דער אימפּעט, וועלכן פּעריקלעס האָט געגעבן דעם אינטעלעקטועלן לעבן פון אַטען, האָט ווייטער געלעבט נאָך זיין טויט, טראָץ דעם פאַקט, וואָס דער שלום איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב דער פּעלאָפּאָנעזישער מלחמה, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער און פאַרוויסטנדיקער קאַמף וועגן דער איבערהערשאַפט. אין אמתן, ווייזט אויס, האָט דער פאַרוואָלקנטער פּאָליטישער הימל גיכער דערמוטיקט איידער אנטמוטיקט די מענטשנס געדאַנקען. שוין מיט אַ צייט פריער פאַר פּעריקלעסן האָט די אייגנאַרטיקע פרייהייט פון די גריכישע אינסטיטוציעס צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג דער געניטקייט אין דעבאַטירן. אַ באַשלוס האָט זיך נישט געווענדעט אין דעם קעניג אָדער כּוהן, נאָר אין דער פאַרזאַמלונג פונם פאָלק אָדער פון די אָנפירנדיקע מענער. באַרעדעוודיקייט און אַ גוטע אַרגומענטאַציע זענען געוואָרן זייער ווינטשנסווערטע פאַרפאָלקאָמונגען, און ס'איז אַנטשטאַנען אַ שול פון לערער, די סאָפיסטן, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען צו איבן די יונגעלייט אין די דאָזיקע קונסטן. אָבער אָן שטאָף קען מען נישט דעבאַטירן, און מיט דער אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך האָט אויך נאָר געפאָלגט די וויסנשאַפט. די טעטיקייט און די קאָנקורענץ פון די סאָפיסטן האָבן, נאַטירלעך, מיט זיך מיטגעברענגט אַ גרונטלעכע אויספאָרשונג פון סטיל, פון מעטאָדן פון דענקען און פון דער ריכטיקייט פון די אַרגומענטן. נאָך פּעריקלעס'עס טויט האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוצייכענען אַ געוויסער סאָקראַטעס, אַ פּעאיקער און פאַרניכטנדער קריטיקער פון פאַלשע אַרגומענטן — און אַ גרויסער טייל פון דער סאָפיסטישער לערע איז באַשטאַנען פון פאַלשע אַרגומענטן. אַרום סאָקראַטעסן האָט זיך גרופּירט אַ חברה פון פיינע יונגעלייט. סאָקראַטעס איז צום סוף פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, ווייל ער האָט באַאומרויִקט די מענטשנס געדאַנקען. (399 פ. ק.) לויט דעם בכבודיקן

מנהג פון אַטען פון יענער צייט, איז ער פאַראורטיילט געוואָרן אויסצוטרינקען אַ גיפטיקן געטראַנק אין זיין אייגענעם הויז אין קרייז פון זיינע פריינט; אָבער טראָץ זיין פאַראורטיילונג זענען די מענטשנס געדאַנקען ווייטער באַאומרואיקט געוואָרן.

זיינע יונגע לייט האָבן פאָרטגעזעצט זיין לערע. צווישן זיי האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט פּלאַטאָ, (פון 427 ביז 377 פ. ק.) וועלכער האָט באַלד אָנגעהויבן לערנען זיין פילאָזאָפיע אין וועלדל פון דער „אַקאַדעמיע". זיין לערע צוטיילט זיך אויף צוויי הויפּט-חלקים: די פאָרשונג פון די יסודות און מעטאָדן פונם מענטשלעכן דענקען און די פאָרשונג פון די פּאָליטישע אינסטיטוציעס. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן אַן אוטאָפּיע, ד. ה. אַ פּלאַן פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז אַנדערש און בעסער ווי די עקזיסטירנדיקע. דאָס ווייזט אַ פריער נישט געוועזענע דרייסטקייט פונם מענטשלעכן געדאַנק, וועלכער האָט ביז דעמאָלס אָנגענומען אַלע סאָציאַלע טראַדיציעס און מנהגים אָן שום טענה ומענה. פּלאַטאָ האָט אָפן געזאָגט צו דער מענטשהייט: „דער גרעסטער טייל פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע צרות, פון וועלכע איר לייַדט, זענען אונטער אייער קאָנטראָל. האָט נאָר חשק און מוט זיי צו פאַררעכטן. איר קענט לעבן אויף אַן אַנדערן און קלוגערן אופן, אויב איר וואָלט זיך געוואָלט באַטראַכטן און דאָס פאַרווירקלעכן. איר זענט נישט באַוווסטזיניק אין אייערע אייגענע כוחות". דאָס איז אַ הויך-געוואַגטע לערע, וועלכע דאַרף נאָך איינגעזאַפּט ווערן אין דעם געמיינזאַמען באַוווסטזיין פון אונדזער מענטשהייט. איינס פון זיינע ערשטע ווערק איז געווען „די רעפּובליק", אַ פאַנטאַזיע וועגן אַ קאָמוניסטישער אַריסטאָקראַטיע; זיין לעצט נישט-פאַרענדיקט ווערק איז געווען „די געזעצן", אַ פּראָיעקט צו רעגולירן אַן אַנדערן, ענלעכן, אוטאָפּישן שטאַט. נאָך פּלאַטאָס טויט איז די קריטיק פון די מעטאָדן פון דענקען און פון רעגירן פאָרטגעזעצט געוואָרן דורך אַריסטאָטעלעסן, זיין תלמיד, וועלכער האָט

געלערנט אין „ליצעאום". אַריסטאָטעלעס האָט געשטאַמט פון דער מאַקעדאָנישער שטאָט סטאַגיריא, און זיין פאָטער איז געווען הויף-דאָקטאָר ביים מאַקעדאָנישן קעניג.

אַ געוויסע צייט האָט ער געלערנט מיט אַלעקסאַנדערן, דעם קעניגס זון, וועמען ס'איז באַשערט געווען צו דערגרייכן אַ סך גרויסע זאַכן, וועגן וועלכע מיר וועלן באַלד דערציילן. אַריסטאָטעלעס ווערק וועגן די מעטאָדן פון דענקען האָבן דער־הויבן די ווויסנשאַפט פון דער לאָגיק צו אַ מדרגה, אויף וועל־כער זי איז געבליבן אין משך פון 15 יאָרהונדערט אָדער מער, ביז די מיטלאַלטערלעכע געלערנטע האָבן ווידער זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט די אַלע פּראָבלעמען. ער האָט נישט גע־שריבן קיין אוטאָפּיעס. איידער דער מענטש וועט אין אמתן קענען קאָנטראָלירן זיין גורל, ווי פּלאַטאָ האָט געלערנט, האָט אַריסטאָטעלעס פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף באַזיצן מער וויסנשאַפט, א סך גענויערע וויסנשאַפט, ווי ער באַזיצט. און אָט אַזוי אַרום האָט אַריסטאָטעלעס אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש קלויבן ידיעות, וועלכע מיר רופן היינט אָן וויסנשאפט. ער האָט אַרויסגעשיקט פאָר־שער, אַז זיי זאָלן זאַמלען פאַקטן. ער איז געווען דער פאָטער פון דער נאַטור-וויסנשאַפט. ער איז אויך געווען דער גרינדער פון דער פּאָליטישער וויסנשאַפט. זיינע סטודענטן אין ליצעאום האָבן געפאָרשט און פאַרגלייכט די קאָנסטיטוציעס פון פאַרשי־דענע 158 שטאַטן... אין 4-טן י. ה. פ. ק. געפינען מיר דאָ מענטשן, וועלכע זענען פאַקטיש „מאָדערנע דענקער". די קינדישע, פאַנטאַסטישע מעטאָדן פון דעם פּרימיטיוון געדאַנק האָבן אָפּגעטרעטן זייער אָרט פאַר דעם דיסציפּלינירטן און קרי־טישן אָנגריף אויף די לעבנס-פּראָבלעמען; ס'איז אָפּגעטרעטן אין דער זייט דער פאַרכשופטער און העסלעכער סימבאָליזם, די פאַנטאַזיעס וועגן געטער און געטער — אומגעהויערן און אַלע די טאַבוס, שרעקן און באַגרענצונגען, וועלכע האָבן ביז דעמאָלס געשטערט ־אָס דענקען; ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס

פרייע, געניטע און סיסטעמאַטישע דענקען. דער פרישער און בישט געהעמטעוועטער געדאַנק פון די נייע אָנקומערס פון די צפון-וועלדער האָט זיך אַריינגעריסן אין די סודות פונם טעמפּל און דאָרטן אַריינגעלאָזט ליכטיקייט.

קאַפּיטל 26

די מלוכה פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן.

פון 341 י. אָן ביז 404 פ. ק. האָט די פּעלאָפּאָנעזישע מלחמה פאַרוויסט גריכנלאַנד. דערווייל האָט דאָס קרובהשע לאַנד מאַקעדאָניע לאַנגזאַם דערהויבן זיך צו מאַכט און ציוויליזאַציע. די מאַקעדאָניער האָבן גערעדט אַ שפּראַך, וואָס איז שטאַרק נאָענט געווען צו דער גריכישער, און ביי עטלעכע געלעגנהייטן האָבן מאקעדאָנישע קאָנקורענטן גענומען אַנטייל אין די אָלימפּישע שפּילן. אין 359 י. פ. ק. איז פיליפּ, אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן און אַמביציע, געוואָרן קעניג פון דעם דאָזיקן קליינעם לאַנד. פאַר דעם איז פיליפּ געווען אַ זאַקלאַדניק אין גריכנלאַנד; ער האָט באַקומען אַ גרונטלעכע גריכישע דערציונג און ער האָט וואַרשיינלעך געוווסט פון הערעדאָטס אידייען — וועלכע זענען אַנטוויקלט געוואָרן דורך דעט פילאָזאָף איזאָקראַטעס — וועגן דער מעגלעכער דעראָבערונג פון אַזיע דורך אַ קאָנסאָלידירט גריכנלאַנד. קודם כל האָט ער זיך גענומען פאַרגרעסערן און אָרגאַניזירן זיין אייגענע מלוכה און צו רעאָרגאַניזירן זיין אַרמייע. זינט 1000 י. זענען דער אַטאַקירנדיקער רייטוואָגן און די נאָענט-קעמפנדע אינפאַנטעריע געווען אַן אַנטשיידענער פאַקטאָר אין דער שלאַכט. רייטער האָבן אויך גע-

קעמפט, אָבער אַלס נישט רעגולערע מאַסע, אינדיווידועל און אָן דיסציפּלין. פיליפּ האָט אויסגעלערנט זייַן אינפאַנטעריע קעמפן אין נאָענטע קאָמפּאַקטע מאַסן. דער מאַקעדאָנישער פלאַנק און ער האָט געאיבט זיינע רייטער, די ריטער אָדער חברים, אַז זיי זאָלן קעמפן אין אַ פאָרמאַציע און אַזוי אַרום האָט ער דערפונדן די קאַוואַלעריע. די הויפּט-באַוועגונג אין זיינע שלאַכטן און אין זיין זונס (אַלעקסאַנדער) איז געווען דער קאַוואַלעריסטישער אָנגריף. דער פלאַנק האָט געהאַלטן דעם שונא פון פאָרנט, בשעת די קאַוואַלעריע האָט אַוועקגעיאָגט דעם שונא׳ס פערד און פאַרפלייצט דער פלאַנק און דעם טיל פון דער אינפאַנטעריע.

די רייט-וועגן זענען געוואָרן אומפּעאיק צום קאַמף, ווייל די שיסער האָבן אויסגעשאָסן די פערד. מיט זיין נייער אַרמיי האָט פיליפּ דורך טעסאַליע פאַרשפּרייט זיינע גרעניצן ביז גריכנלאַנד. נאָך דער שלאַכט ביי קעראָניאַ (338 פ. ק.), ווו ער האָט געקעמפט קעגן אַטען און אירע פאַרבינדעטע, איז גאַנץ גריכנלאַנד געלעגן ביי זיינע פיס. ענדלעך האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט ווערן הערֲאָדאָט׳ס פאַנטאַזיע. אַ קאָנגרעס פון אַלע גריכישע שטאַטן האָט נאָמינירט פיליפּן אַלס דעם הויפּט-גענעראַל פון אַ גריכיש-מאַקעדאָנישער קאָנפעדעראַציע קעגן פּערסיע, און אין 336 פ. ק. איז זיין פאָדערשטע גוואַרדיע אַריין קיין אַזיע, כדי צו פאַרווירקלעכן די פון פריער דורכגעטראַכטע אונטערנעמונג. ער איז איר אָבער קיינמאָל נישט נאָכגעגאַנגען. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן; מ׳האַלט, אַז דאָס איז געטון געוואָרן מיט דער קעניגין אָלימפּיאַס, אַלעקסאַנדערס מוטער, ווילן. זי איז געוואָרן אייפערזיכטיק, ווייל פיליפּ האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער פרוי.

אָבער פיליפּ האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט זיין זונס דערציונג. ער האָט נישט בלויז געהאַלטן פאַר אים אַלס לערער אַריסטאָטעלעסן, דעם גרעסטן פילאָזאָף אין דער וועלט, נאָר ער האָט אים איבערגעגעבן זיינע אידייען און אים אויפגעצוווּנגען מיליטערישע דערפאַרונג. ביי קעראָניאַ האָט אַלעקסאַנדער,

וועלכער איז דעמאָלס אַלט געווען 18 יאָר, אָנגעפירט מיט דער קאַוואַלעריע. און דעריבער איז עס מעגלעך געווען פאַר דעם יונגן מאַן, וועלכער איז אַלט געווען 20 יאָר בשעת ער איז געוואָרן קעניג, באַלד איבערצונעמען זיין פאָטערס אויפגאַבע און גיין דערפאָלגרייך פאָרווערטס אין דער פערסישער אונטערנעמונג. אין 334 פ. ק. — ווייל ס'האָט געדאַרפט דויערן צוויי יאָר דאָס באַפעסטיקן און איינאָרדנען זיין שטעלונג אין מעקאַדאַניע און גריכנלאַנד — איז ער אַריין קיין אַזיע, צוקלאַפט נישט קיין סך גרעסערע פערסישע אַרמיי אין דער שלאַכט ביי גראַניקוס און האָט איינגענומען אייניקע שטעט אין קליין אַזיע. ער האָט זיך געהאַלטן לענג-אויס דעם ים-ברעג. ער האָט געמוזט אונטערדריקן און איבערלאָזן אַ גאַרניזאָן אין אַלע ברעג-שטעט בעת ער האָט זיך פאָרויסגערוקט, ווייל די פערסער האָבן געהאַט די השגחה איבער דעם פלאָט פון צור און צידון און אַזוי אַרום באַהערשט דעם ים. וואָלט ער איבערגעלאָזט אַ פיינטלעכן האפן אין זיין „טיל", וואָלטן די פערסער געקענט אַרויסזעצן מיליטער כדי אָנצופאַלן אויף די קאָמוניקאַציע-וועגן און אים אָפשניידן דעם וועג. ביי יסוס (333 פ. ק.) האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ גרויסער צונויפגעשטיקעוועטער אַרמיי, וואָס איז געווען אונטער דאַריוס III אָנפירונג, און ער האָט זי צעשמעטערט. פונקט ווי קסערקסעס אַרמיי, וועלכע איז אנדערהאַלבן יאָרהונדערט פריער אַריבער די דאַרדאַנעלן, איז די דאָזיקע אַרמיי געווען אַ לויזע אָנזאַמלונג פון קאָנטיגענטן און זי איז נאָך דערצו געהעמעט געווען דורך דער מענגע הויף באַאַמטע, דאַריוס הארעם און אַ סך מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען מיטן „אָבאָז". צידון האָט זיך אונטערגעגעבן אַלעקסאַנדערן, אָבער צור האָט געשטעלט אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד. ענדלעך איז די דאָזיקע גרויסע שטאָט גענומען געוואָרן מיט שטורם, זי איז צורויבט און פאַרניכטעט געוואָרן. אויך עזה איז געשטורמט געוואָרן, און ביים סוף פון 332 פ. ק. איז דער זיגער אַריין

קיין מצרים און איבערגענומען די מאַכט, וועלכע איז דעמאָלס געווען ביי די פערסער. ביי אַלעקסאַנדרעטאַ און אַלעקסאַנדריע אין מצרים האָט ער געבויט גרויסע שטעט, וואָס האָבן געהאַט אַ צוטריט פון דער יבשה און אַזוי אַרום איז זיי אוממעגלעך געווען צו בונטעווען זיך. דאָרטן אַהין האָט זיך איצט געווענדעט דער האַנדל פון די פעניקישע שטעט. די פעניקיער פון דעם מערב מיטללענדישן ברעג פאַרשווינדן פלוצלונג פון דער געשיכטע — און באַלד באַווייזן זיך די יידן אין אַלעקסאַנדריע און אין די אַנדערע האַנדלס־שטעט, וואָס אַלעקסאַנדער האָט אויפגעבויט. אין יאָר 331 פ. ק. האָט אַלעקסאַנדער אַרויס מאַרשירט פון מצרים אויף בבל, פונקט ווי ס'האָבן געטון פריער פאַר אים טאַטמעס, רעמסס און נעכאָ. אָבער ער איז געגאַנגען דורך צוה. ביי ארבעלא נעבן די רוּאינען פון נינוה, וועלכע איז שוין דעמאָלס געווען אַ פאַרגעסענע שטאָט, האָט ער געטראָפן דאַריוסן און דאָרטן איז פאָרגעקומען די אַנטשיידענע שלאַכט פון דער דאָזיקער מלחמה. דער אָנגריף פון די פערסישע רייטוואָגן איז אָדורכגעפאַלן, אַ מאַקעדאָנישער קאַוואַלעריע אנגריף האָט צעשפּליטערט די גרויסע צונויפגעזאַמלטע אַרמייע, און די פאַלאַנגע האָט פאַרפולקאָמט דעם נצחון. דאַריוס איז אָפגעטרעטן. ער האָט שוין נישט מער געפּרוּווט צו שטעלן אַווידערשטאַנד דעם אָקופּאַנט, נאָר אַנטלאָפן קיין צפון, אין דעם לאַנד פון די מדיער. אַלעקסאַנדער האָט ווייטער מאַרשירט קיין בבל, וואָס איז נאָך דעמאָלס געווען אַ בליענדע און אַ באַדייטנדע שטאָט, און פון דאָרטן איז ער געגאַנגען קיין סוזא און פּערסעפּאָליס. דאָרטן האָט ער נאָך אַ שכורן באַל פאַרברענט דעם פּאַלאַץ פון דאַריוסן, דעם קעניג פון די קעניגן. פון דאָרטן איז ער אין א מיליטערישן פּאַראַד אַ דורך צענטראַל־אַזיע, און איז דערגאַנגען ביז צו די ווייטסטע גרעניצן פון דער פערסישער אימפּעריע. לכתחילה איז ער געגאַנגען קיין צפון. דאַריוס איז פאַרפאָלגט געוואָרן און פאַרטאָגס האָט מען

אים געכאַפּט אַ גוסדיקן אין זיין רייטוואַגן; זיינע אייגענע מענטשן האָבן אים דערמאָרדעט. ער האָט נאָך געלעבט, ווען די גריכישע פאַרפאָסטן האָבן אים דעריאָגט. ווען אַלעקסאַנדער איז געקומען, איז ער שוין געווען טויט. אַלעקסאַנדער האָט אַרומגעקרייזט דעם קאַספּישן ים, ער איז אַרויף אויף די בערג פון מערב טורקעסטאַן, דורך העראַט (געגרינדעט געוואָרן דורך אים) און קאַבול אין דעם קיבער פּאַס איז ער אַריין קיין אינדיע.ביים טייך אינדוס האָט ער געהאַט אַ גרויסע שלאַכט מיט אַן אינדישן קעניג פּאָרוס, און דאָרטן האָבן די מאַקעדאָניער צום ערשטן מאָל געטראָפן די העלפאַנטן און זיי צוקלאַפּט. ענדלעך האָט אַלעקסאַנדער אויפגעבויט שיפן, געשווימען ביז צום אויספלוס פון אינדוס, און דורך דעם בעלודזשיסטאַן-בערג האָט ער צוריקמאַרשירט. און אין 324 פ.ק. איז ער, נאָך אַ 6-יעריקער אַבוועזנהייט, אָנגעקומען קיין סוזא. ער האָט זיך דעמאָלס געגרייט צו קאָנסאָלידירן און אָרגאַניזירן די ריזיקע אימפּעריע, וועלכע ער האָט דעראָבערט. ער האָט זיך באַמיט אריבערצוציען אויף זיין זייט זיינע נייע אונטערטאַנעד. ער האָט זיך אָנגעטון די מלבושים און די דריי-קרוין פון אַ פּערסישן מאָנאַרך, און דאָס האָט דערוועקט די אייפערזיכט פון זיינע מאַקעדאָנישע קאָמאַנדירן. ער האָט פון זיי געליטן אַ סך צרות. ער האָט אַראַנזשירט אַ רייע חתונות צווישן די מעקאַדאָנישע אָפיצירן און די בבלשע און פּערסישע פרויען, די חתונה פון מזרח מיטן מערב". ער האָט נישט דערלעבט צו פאַרווירקלעכן די קאָנסאָלידאַציע, וועלכע ער האָט געפּלאַנעוועט. נאָך אשכורער הוליאנקע אין בבל האָט ער געקריגן ס'קדחות און ער איז געשטאָרבן אין 323 פ.ק. באַלד דערנאָך איז די ריזיקע אימפּעריע זיך צופאַלן. איינער פון זיינע גענעראַלן, סעלייקוס, איז געבליבן הערשער פון דעם גרעסטן טייל פון דער אַלטער פּערסישער אימפּעריע, פון דעם אינדוס ביז עפעזוס; אַן אַנדערער פּטאָלאמיי האָט פאַרכאַפּט מצרים און אַנטיגאָנוס האָט זיך באַ-

מעכטיקט מאקעדאניע. די רעשט פון דער אימפעריע איז גע-
בליבן ניט סטאביליזירט; זי איז געווען אונטער אַ זיך — טוי-
שנדער קאָנטראָל פון לאָקאַלע אוואַנטוריסטן. פון צפון האָבן
זיך אָנגעהויבן באַרבאַרישע אָנפאַלן, וועלכע זענען געוואַקסן אין
פאַרנעם און אינטענסיוויטעט. ענדלעך, ווי מיר וועלן עס דער-
ציילן, איז פון מערב אָנגעקומען א נייע מאַכט, די רוימישע
רעפובליק, וועלכע האָט אונטעריאָכט איין געביט נאָכן צווייטן
און זיי צונויפגענגעהאַלטן אין אַ נייער און מער דויערהאַפטיקער
אימפעריע.

קאַפּיטל 27

דער מוזעאום און די ביבליאָטעק אין אַלעקסאַנדריע.

נאָך פאַר אַלעקסאַנדערס צייטן האָבן זיך די גריכן פאַר-
שפרייט איבער דעם גרעסטן טייל פון דער פערסישער אימ-
פעריע אַלס סוחרים, באַאמטע, געדונגענע זעלנער און ארטיסטן.
אין די דינאַסטישע מחלוקת, וואָס זענען פֿאָרגעקומען נאָך קסער-
קסעס טויט, האָט גענומען אן אַנטייל אַ באַנדע פון 10.000
געדונגענע גריכישע זעלנער אונטער קסענאָפֿאָנס אָנפירונג. זייער
צוריקקום פון בבל אין אַזיאַטישן גריכנלאַנד אריין ווערט באַשריבן אין
זיין „ריקטריט פון די 10000", איינע פון די ערשטע היסטאָריעס,
וואָס זענען ווען עס איז געשריבן געוואָרן דורך אַ גענעראַל-קאָ-
מאַנדיר. אָבער אַלעקסאַנדערס דעראָבערונגען און די צוטיי-
לונג פון זיין קורצדויערנדיקער אימפעריע צווישן זיינע אונטער-
געאָרדנטע גענעראַלן האָבן אַ סך צוגעהאָלפן, אַז די אַנטיקע
וועלט זאָל אין זיך איינזאַפּן די גריכישע שפּראַך, מנהגים און

קולטור. די שפּורן פון דער דאָזיקער גריכישער פאַרשפּרייטונג קען מען געפינען ווייט אין צענטראַל-אַזיע און אין צפון-מערב אינדיע. זיי האָבן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אינדישער קונסט. אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער האָט אַטען איינגעהאַלטן איר פּרעסטיזש אַלס אַ קולטור- און קונסט-צענטער; אירע שולן האָבן אין דער ווירקלעכקייט עקזיסטירט ביז 529 נ. ק., ד. ה. כמעט 1000 יאָר. אָבער די אָנפירערשאַפט פון דער אינטעלעקטועלער אַקטיוויטעט אין דער וועלט איז באַלד אַריבער דורך דעם מיטללענדישן ים קיין אַלעקסאַנדריע, די נייע האַנדלס-שטאָט, וועלכע אַלעקסאַנדער האָט געגרינדעט. דאָרטן איז דער מאַקעדאָנישער גענעראַל פּטאָלאָמיי געוואָרן אַ פּרעה, און דער הויף האָט גערעדט גריכיש. ער איז געווען אַלעקסאַנדערס אינטימער פריינט, איידער ער (אַלעקסאַנדער) איז געוואָרן אַ קעניג, און ער איז געווען שטאַרק אָנגעזאַפּט מיט אַריסטאָטעלעס אידייען. מיט גרויס ענערגיע און פעיִקייט האָט ער זיך גענומען צו אָרגאַניזירן די וויסנשאַפט און פאָרשונג. ער האָט אויך אָנגעשריבן די געשיכטע פון אַלעקסאַנדערס קאַמפּאַניעס, אָבער, צום אומגליק, איז זי פאַרלוירן געוואָרן. שוין אַלעקסאַנדער האָט באַשטימט באַדייטנדע סומען צו פינאַנסירן אַריסטאָטעלעס פאָרשונגען, אָבער פּטאָלאָמיי I איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט באַשטימט אַ פּערמאַנענטע געלט-שטיצע אויף וויסנשאַפטלעכע צוועקן. אין אַלעקסאַנדריע האָט ער געגרינדעט אַן אינסטיטוציע, וואָס איז לכתחילה געווידמעט געווען די מוזעס, דער מוזעאום אין אַלעקסאַנדריע.

אין משך פון צוויי-דריי דורות איז אין אַלעקסאַנדריע געשאַפן געוואָרן אויסערגעוויינלעכע וויסנשאַפטלעכע ווערק. עוקליד, עראַטאָסטענעס, וועלכע האָבן אויסגעמאָסטן די גרויס פון דער ערד און זיי האָבן געהאַט אַ טעות אין 80 קל. בנוגע איר דיאַמעטער, אַפּאָלאָניוס, וועלכער האָט געשריבן וועגן די קאָ-

נישע סעקציעס,1) היפפאַרכוס, וועלכער האָט געמאַכט דעם ערשטן
קאַטאַלאָג און מאַפּע פון די שטערן, הערא, וועלכער האָט פּראָ-
יעקטירט די ערשטע דאַמף-מאַשין, זיי זענען די גרעסערע שטערן
פון אַן אויסערגעוויינלעכע קאָנסטעלאַציע פון וויסנשאַפטלעכע
פּיאָנערן. אַרכימעדעס איז געקומען פון סיראַקוז קיין אַלעק-
סאַנדריע שטודירן און ער האָט אָפט קאָרעספּאָנדירט מיטן מו-
זעאום. העראפילוס איז געווען איינער פון די גרעסטע גריכישע
אַנאַטאָמען, און מ׳זאָגט, אַז ער האָט שוין פּראַקטיצירט דאָס
פאַלמעסן. אין משך פון אַ דור אָדער עפּעס מער, בשעת דער
הערשאַפט פון פּטאָלאָמיי I און II, האָבן אין אַלעקסאַנדריע די
וויסנשאַפט און אַנטדעקונגען דערגרייכט אַ גלאַנץ, וועלכן די
וועלט האָט נישט געזען ביזן 16-טן י. ה. נ. ק. אָבער ס׳איז
נישט געווען קיין המשך. ס׳האָבן געמוזט זיין אייניקע סיבות
פון דער דאָזיקער ירידה. די הויפּט-סיבה איז געווען דער פאַקט,
וואָס דער מוזעאום איז געווען אַ „קעניגלעכע” אינסטיטוציע
און אַלע פּראָפעסאָרן און מיטגלידער זענען נאָמינירט געוואָרן
דורך פּרעה און ער האָט זיי געצאָלט פּענסיע. דאָס איז גע-
ווען גאַנץ גוט, ווען פּרעה איז געווען פּטאלאמיי I, אַריסטאָטע-
לעסעס תּלמיד און פריינט. אָבער מיט דער צייט, ווען די פּטא-
לאמייאישע דינאַסטיע, וועלכע האָט ווייטער געהערשט, איז פאַר-
מיצרישט געוואָרן, זענען זיי אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם איינ-
פלוס פון די מצרישע כּוהנים און מצרישע רעליגיעזע באַווע-
גונגען; זיי האָבן אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך מיט די
געשאַפענע ווערק און זייער קאָנטראָל האָט אינגאַנצן דערדריקט
דעם פאָרשונגס-גייסט. נאָך די ערשטע הונדערט טעטיקע יאָרן
האָט דער מוזעאום געשאַפן ווייניק גוטע ווערק. פּטאלאמיי I
האָט זיך נישט בלויז באַמיט צו אָרגאַניזירן אין אַ העכסט מאָ-
דערנעם גייסט די פאָרשונג פון נייע וויסנשאַפטן, נאָר אויך זיך

1) אַ טייל אין דער געאָמעטריע.

באַמיט צו גרינדן אַן ענציקלאָפעדישן מאַגאַזין פון חכמה אין דער אַלעקסאַנדריער ביבליאָטעק.

זי איז נישט בלויז געווען אַ מאַגאַזין, נאָר אויך אַן אינסטיטוציע, וועלכע האָט איבערגעשריבן און פאַרקויפט ביכער. אַ גרויסע מחנה קאָפירער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און פאַרמערט קאָפיעס פון די ביכער. דאָ האָבן מיר אַלזאָ די התחלה פון דעם אינטעלעקטועלן פראָצעס, אין וועלכן מיר לעבן היינט; דאָ האָבן מיר דאָס סיסטעמאַטישע זאַמלען און צוטיילונג פון וויסן. די גרינדונג פון דעם דאָזיקן מוזעאום און ביבליאָטעק באַצייכנט איינע פון די גרעסטע עפאָכעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דאָס איז דער אמתער אָנהייב פון דער מאָדערנער געשיכטע. סיי די פאָרשונג-, סיי די פאַרשפרייטונגס-אַרבעט זענען ווייטער פאָרטגעזעצט געוואָרן אין שווערע באַדינגונגען. איינער פון די דאָזיקע באַדינגונגען איז געווען דער גרויסער סאָציאַלער חלל, וואָס האָט אָפגעזונדערט דעם פילאָזאָף, וואָס איז געווען אַ דזשענטעלמען, פון דעם סוחר און האַנטווערקער. אין יענע צייט איז שוין געווען אַ סך גלאָז- און מעטאַל-אַרבעטער, אָבער זיי זענען נישט געשטאַנען אין אַ גייסטיקן קאָנטאַקט מיט די דענקער. דער גלאָז-אַרבעטער האָט אויסגעאַרבעט די שענסטע פאַרביקע קרעלן, פלאַקאָנען א. א. וו. אָבער קיינמאָל נישט אויסגעאַרבעט פלאָרענטינע פלעשלעך אָדער דורכזיכטיק גלאָז. דאָס ריינע גלאָז האָט זיי, דאַכט זיך, נישט אינטערעסירט. דער מעטאַל-אַרבעטער האָט אויסגעאַרבעט וואָפן און צירונג, אָבער קיינמאָל נישט אַ כעמישע וואָג. דער פילאָזאָף האָט זיך שטאָלץ פילאָזאָפירט וועגן אַטאָמען און וועגן דער נאַטור פון די זאַכן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין פראַקטישן זין פאַר עמאַליע, פאַרבן, פילטרען א. א. וו. די מאַטעריעלע זאַכן האָבן אים נישט אינטערעסירט. דעריבער האָט אַלעקסאַנדריע אין דער קורצער גינסטיקער צייט נישט געשאַפן קיין מיקראָסקאָפן און נישט קיין כעמישע אינסטרומענטן. און הגם העראָ האָט דער-

פונדן אַ דאַמף-מאַשין, איז זי אָבער קיינמאָל נישט באַנוצט גע-
וואָרן צו פּלומפּן אָדער באַוועגן אַ שיפל, אָדער צו וואָסערע
עס איז אַנדערע נוצלעכע זאַכן. אויסער אין דער מעדיצין איז
די וויסנשאַפט זייער ווינציק באַנוצט געוואָרן אויף אַ
פּראַקטישן אופן, און דער פּראָגרעס פון דער וויסנשאַפט
איז נישט דערמוטיקט און נישט אָנגעהאַלטן געוואָרן דורך דער
פאַראינטערעסירונג און אָנרעגונג פון די פּראַקטישע אָנווענדונגען.
ס'איז דעריבער נישט געווען קיין זאַך, וועלכע זאָל איינהאַלטן
די אָנגעהויבענע ווערק, נאָכדעם ווי די אינטעלעקטועלע בייגע-
ריקייט פון פּטאָלאָמיי I און II האָט אויפגעהערט. די אַנטדע-
קונגען פון דעם מוזעאום זענען פאַרשריבן געוואָרן אין אומבאַ-
קאַנטע מאַנוסקריפּטן און האָבן, ביז דער אויפלעבונג פון דער
וויסנשאַפטלעכער בייגעריקייט אין דער רענעסאַנס-צייט, קיינמאָל
נישט דערגרייכט צו דעם רוב פון דער מענטשהייט. אויך אין
דער ביכער-פּראָדוקציע האָט די ביבליאָטעק נישט איינגעפירט
קיין שום פאַרבעסערונגען. יענע אַנטיקע וועלט האָט נישט גע-
האַט דאָס פּאַפּיר, וועלכעס ווערט אויסגעאַרבעט פון דער ווייַ-
כער מאַסע שמאַטעס אין אַ באַשטימטער גרויס. דאָס פּאַפּיר
איז אַ כינעזישע דערפינדונג און ערשט אין 9-טן י. ה. נ. ק.
האָט עס דערגרייכט די מערב-וועלט. די איינציקע שטאָפן אויף
ביכער זענען געווען פּאַרמעט און שטיקלעך פּאַפּירוס-ראָר, וואָס
זענען צוזאַמענגעבונדן געוואָרן ביי זייער ראַנד. די דאָזיקע
שטיקלעך זענען געהאַלטן געוואָרן אויף שטעקעלעך, וועלכע ס'איז
זייער נישט באַקוועם געווען צו דרייען אַהין און צוריק, כדי צו
לעזן און ציטירן די דאָזיקע זאַכן האָבן געשטערט דער
אַנטוויקלונג פון די געבלעטערטע און געדרוקטע ביכער. דאָס
דרוקן אן פּאַר זיך איז, דאַכט זיך, באַקאַנט געווען אין דער
וועלט נאָך אין דעם אלט-שטיין-פּעריאָד; אין דעם אַנטיקן סו-
מיריע זענען שוין געווען זיגלען; אָבער אָן אַ סך פּאַפּיר האָבן
די געדרוקטע ביכער געבראַנגט ווייניק נוצן; זייער אַנטוויקלונג

איז שפּעטער, מסתמא, געשטערט געוואָרן דורך די אַרבעטער-
פאַריינען פון די באַשעפטיקטע איבערשרייבער. אַלעקסאַנדריע
האָט פּראָדוצירט אַ סך ביכער, אָבער נישט קיין בילדער. זי
האָט קיינמאָל נישט, חוץ צווישן די רייכע און איינפלוסרייכע
קלאַסן, פאַרשפּרייט די וויסנשאַפט צווישן דער באַפעלקערונג פון
דער אַנטיקער וועלט. אָט אזוי איז עס געווען, וואָס דער
גלאַנץ פון דער אינטעלעקטועלער אונטערנעמונג האָט קיינמאָל
נישט דערגרייכט מער ווי צו אַ קליינעם קרייז מענטשן, וואָס
האָבן געהאַט באַציונגען מיט דער גרופּע פילאָזאָפן, וועלכע האָבן
זיך גרופּירט אַרום די ערשטע צוויי פּטאָלאָמייס. דאָס איז גע-
ווען ענלעך צו א ליכט פון אַ פינצטערן לאַמטערן, וואָס איז
פאַרמאַכט פאַר דער וועלט. אינעווייניק מעג זיין אַ בלענדענדע
ליכטיקייט, אָבער דאָך זעט מען זי נישט. די רעשט וועלט
האָט זיך ווייטער געלעבט אויפן אַלטן שטייגער און נישט גע-
ווּסט, אַז ס'איז פאַרזייעט געוואָרן דער זאמען פון דער וויסנ-
שאַפט, וואָס וועט זי אַמאָל רעוואָלוציאָניזירן. דערווייל איז
אַפילו אַלעקסאַנדריע געווען פאַרזונקען אין דער פינצטערניש
פונם רעליגיעזן פאַנאַטיזם. אין משך פון טויזנט יאָר פון פינצ-
טערניש איז געלעגן באַהאַלטן דער זאָמען, וועלכן אַריסטאָטעלעס
האָט פאַרזייעט. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו
דירן און צו שפּראָצן. אין פאַרלויף פון איייניקע יאָרהונדער-
טער האָט זיך פון אים אַנטוויקלט יענער ווייט-פאַרשפּרייטנדיקער
וווּקס פון וויסנשאַפט און ליכטיקע אידייען, וועלכע ענדערן היינט
דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן. אָבער אַלעקסאַנדריע איז נישט
געווען דער איינציקער צענטער פון דער גריכישער אינטעלעקטו-
עלער אַקטיוויטעט אין דעם 3-טן י. ה. פ. ק. ס'זענען געווען
נאָך אַנדערע שטעט, וואָס האָבן אין די צעשפּליטערטע טיילן
פון אַלעקסאַנדערס קורץ-דויערנדיקער אימפּעריע, אַרויסגעוויזן אַ
פּראַכטפולע אינטעלעקטועל לעבן. ס'איז צ. ב. געווען די גרי-
כישע שטאָט סיראַקוז אין סיציליע, ווו ס'האָבן געבליט די וויסנ-

שאַפט און דער געדאַנק אין משך פון 2 י. ה. אין קליין-אַזיע איז געווען די שטאָט פערגאַמום, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק. אָבער די דאָזיקע פּרעכטיקע העלעניסטישע וועלט איז איצט געפּלאָגט געוואָרן פון אַ צפון-אינוואַזיע. נייע נאָרדישע באַרבאַרן, די גאַלן, זענען געגאַנגען לענג אויס די טריט, אין וועלכע ס׳זענען אַמאָל געגאַנגען די פאָרפעטער פון די גריכן, פריגיער און די מאַקעדאָניער. זיי האָבן אויסגעפּירט אָנפאַלן, געראַבעט און אַלץ חרוב געמאַכט. באַלד נאָך די גאַלן איז פון איטאַליען אָנגעקומען אַ ניי זיגרייך פאָלק, די רוימער, וועלכעס האָט ביסלעכווייז אונטערגעיאָכט די גאַנצע מערב-העלפט פון דער ריזיקער אימפּעריע פון דאַריוס און אַלעקסאַנדער.

זיי זענען געווען אַ פּעאיק, אָבער נישט קיין אימאַגינאַציע פאָלק, וואָס האָט גיכער באַפאָרצוגט געזעץ און פּראָפיט, איידער וויסנשאַפט און קונסט. חוץ דעם זענען פון צענטראַל-אַזיע אָנגעקומען נייע אָקופּאַנטן, וועלכע האָבן צעשמעטערט און אונטערגעיאָכט די סעלייקידישע אימפּעריע און ווידער אָפּגעשניטן די מערב־וועלט פון אינדיע. דאָס זענען געווען די פּאַרטער, מחנות רייטער-שיסער, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די גריכיש-פּערסישע אימפּעריע פון פּערסעפּאָליס און סוזאַ פון דעם 3-טן י. ה. פ. ק. אויף דעם זעלבן אופן, ווי די מדי׳ער און פּערסער האָבן באַהאַנדלט יענע מלוכה אין דעם 7-טן און 6-טן י. ה. פ. ק. און פון צפון-מזרח זענען אָנגעקומען אַנדערע נאָמאַדישע פעלקער, וואָס זענען נישט געווען שיין, נישט נאָרדישע, וועלכע האָבן נישט גערעדט אַרישע שפּראַכן, נאָר זיי זענען געווען געל־הויטיקע, שוואַרץ-האָריקע און גערעדט מאָנגאָליש. פון די לעצטע פעלקער וועלן מיר שמועסן אין אַ ווייטערדיק קאַפּיטל.

קאפיטל 28

דאָס לעבן פון גאַוטאמאַ בודדאַ

אָבער איצט מוזן מיר צוריקגיין מיט 300 י. צו אונדזער געשיכטע און דערציילן וועגן א גרויסן לערער, וועלכער האָט כמעט רעוואָליוציאָניזירט דעם רעליגעזן געדאַנק און געפיל פון גאַנץ אַזיע. דאָס איז געווען גאוטאמא בודדא, וועלכער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים אין בענארעס, אינדיע, אין דער זעלבער צייט, ווען ישעיה האָט אין בבל נביאות געזאָגט פאַר די יידן, און העראַקליט האָט אין עפעזוס פאָרטגעזעצט די ספעקולאַטיווע פאָרשונגען וועגן דער נאַטור פון די זאכן. די דאַזיקע מענטשן האָבן געלעבט אויף דער וועלט אין איין צייט,

לעך געווען דער מערקווירדיקסטער אין דער גאַנצער געשיכטע. אומעטום — ווי מיר וועלן שפעטער דערציילן, איז דאָס זעלבע פאָרגעקומען אויך אין כינע — האָט דער מענטשלעכער געדאַנק ארויסגעוויזן אַ נייע דרייסטקייט. אומעטום האָבן די מענטשן זיך אויפגעכאַפט פון די טראַדיציעס וועגן קעניגן, כוהנים, בלוטיקע קרבנות און זיך געפרעגט די העכסט-דורכדרינגענדיקע שאלות. עס זעט אויס גלייך ווי די מענטשהייט האָט דערגרייכט צו דער יוגנט-פאַזע נאָך אַ קינדהייט פון 20,000 יאָר.

די אַלטע געשיכטע פון אינדיע איז נאָך אַלץ נישט באַקאַנט. אַמאָל, מעגלעך אַן ערך 2000 י.פ.ק, איז אין אינדיע אָנגעקומען פון צפון-מערב, אין איינער אָדער עטלעכע אינוואַזיעס, אן אריש רעדנדיק פאָלק, און עס איז אומשטאַנד געווען צו פאַרשפרייטן זיין שפראַך און טראדיציעס איבער דעם גרעסטן טייל פון צפון אינדיע. זיין אייגנאַרטיקער וואַריאַנט פון דער ארישער שפראַך איז געווען די סאַנסקריט שפראַך. די דאָזיקע ארישער האָבן דאָרטן געטראָפן אַ ברונעט פאָלק, וועלכעס האָט

געהאַט אַ מער אַנטוויקלטע ציוויליזאַציע און אַ ווייניקער שטאַרקן חשק צו באַזיצן דאָס לאַנד פון דעם אינדוס און גאַנגעס. אָבער ווי סוויזט אויס, האָבן זיך די אַריער נישט אַזוי פריי אַסימילירט מיט זייערע פאָרגייערס, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די גריכן און די פערסער. זיי זענען געבליבן אָפּגעזונדערט. ווען דער עבר פון אינדיע באַווייזט זיך אין אַ טונקלען ליכט פאַר דעם געשיכטע-שרייבער, איז די אינדישע געזעלשאַפט שוין צוטיילט אויף עטלעכע שיכטן מיט אַן אומבאַשטימטער צאָל אונטער-אָפּטיילונגען, וועלכע עסן נישט צוזאַמען, זענען זיך נישט משדך און האָבן נישט קיין שום באַציונגען צווישן זיך. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער געשיכטע געדויערט די קלאַסיפיקאַציע פון די קאַסטעס.

דער דאָזיקער אומשטאַנד אונטערשיידט דאָס אינדישע פאָלק פון די פשוטע, פריי-אַסימילירנדיקע צווישן זיך אייראָפּעאישע און מאָנגאָלישע קבוצים; דאָס איז אין אמתן אַ קיבוץ פון קבוצים.

סידדהאַטטא גאַוטאַמאַ איז געווען אַ זון פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, וועלכע האָט געהערשט אין אַ קליינעם קרייז אויף די הימאַלאַאישע שפּוצים. צו 19 י. האָט ער חתונה געהאַט מיט זיינס אַ שיינער קוזינע. ער איז געגאַנגען אויף יאַגד, זיך געוויילט און זיך אַרומגעשפּאַצירט אין זיין זוניקער וועלט פון גערטנער, וועלדלעך און באַוואַסערטע רייזפעלדער. און אין מיטן פון דעם דאָזיקן אַרט לעבן האָט ער אָנגעהויבן צו פילן אַ גרויסע אומצופרידנקייט. דאָס איז געווען דאָס אומגליק פון אַן איידעלן געהירן, וועלכער זוכט באַשעפטיקונג. ער האָט געפילט, אַז דער אַרט לעבן, וואָס ער פירט, איז נישט דאָס ווירקלעכע לעבן, נאָר אַ יום-טוב — אַ יום-טוב, וואָס געדויערט שוין צו לאַנג. די געדאַנקען וועגן קראַנקהייטן און שטערבלעכקייט, נישט זיכערקייט און נישט צופרידנשטעלונג פון אַלע גליקן האָבן אָנגעהויבן פּלאָגן גאַוטאַמאַס מוח. ווען ער

איז געווען אין אַזאַ שטימונג, האָט ער זיך געטראָפן מיט איי־נעם פון יענע וואַנדערנדע אסקעטן, וועלכע האָבן שוין עקזיס־טירט אין אַ גרויסער צאָל אין אינדיע. די דאָזיקע מענטשן האָבן געלעבט לויט שטרענגע כּללים און פאַרברענגט אַ סך צייט אין נאָכדענקען און אין רעליגיעזע כּוחים. מ'האָט זיך משער געווען, אַז זיי זוכן אַ טיפערן זין אין לעבן. גאַוטאַמאַן האָט באַהערשט אַ גוואַלטיקער חשק צו טון ווי די דאָזיקע אסקעטן. די געשיכטע דערציילט, אַז בעת ער האָט אַזוי געטראַכט וועגן זיין פּלאַן איז צו אים אָנגעקומען אַ בשורה, אַז זיין פרוי האָט אים געבוירן זיין ערשטן זון. גאַוטאַמאַ האָט דאַן געזאָגט: „דאָס איז אַ צווייטער בונד, וועלכן מ'דאַרף צערייסן". ער איז צוריקגעגאַנגען אין שטעטל אַריין, ווו ער איז אויפגענומען גע־וואָרן מיט שמחה פון זיינע קאַסטע־חברים. לכּבוד דעם געבורט פון דעם דאָזיקן נייען בונד איז פאַרגעקומען אַ באַל אין אַ נאַטש־טאַנץ.1) ביינאַכט האָט זיך גאַוטאַמאַ אויפגעכאַפּט און א גרויסער גייסטיקער אויפרעגונג „פונקט ווי א מענטש, וועמען מ'האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זיין הויז ברענט".

ער האָט באַשלאָסן תיכּף צו פאַרלאָזן זיין גליקלעך, ציל־לאָז לעבן. ער איז שטיל צוגעגאַנגען צו דער שוועל פון זיין פרויס צימער און ביי דעם שיין פון אַ קליין אייל־לעמפּעלע האָט ער געזען, ווי זי שלאָפט רואיק, אַרומגערינגעלט פון בלו־מען, און זיין קליינער זון ליגט אין אירע אָרעמס. ער האָט דערשפּירט אַ שטאַרקן חשק צו נעמען דאָס קינד און עס צו־דריקן צו זיך צום ערשטן און צום לעצטן מאָל, איידער ער גייט אַוועק, אָבער די מורא, אז ער זאָל נישט אויפוועקן זיין פרוי, האָט אים געשטערט דאָס צו טון, און ענדלעך האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַרויס אויף דער ליכטיקער אינדישער לבנה־שיין, אַרויף אויפן פערד און געריטן אין די וועלט אַריין. אַ

---

1) אינדישער באַלעט־טאַנץ

נאַנצע נאַכט איז ער געריטן, און אין דער פרי איז ער שוין געווען אויסער דער גרעניץ פון זיין קאַסטע-געביט און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ זאַמדיקן טייך. דאָרטן האָט ער מיט דער שווערד אָפּגעשניטן זיינע הערלעכע לאָקן, אראָפּגענומען דאָס צירונג פון זיך און דאָס אַלץ צוזאַמען מיטן פערד און שווערד אָפּגעשיקט אַהיים. גייענדיק ווייטער האָט ער געטראָפן אַן אָפּגעריסענעם מענטש, מיט וועלכן ער האָט זיך געטוישט מיט די מלבושים, און זייענדיק איצט פריי פון אַלע וועלטלעכע דאגות האָט ער געקענט פאַרווירקלעכן זיין דורשט נאָך חכמה. ער איז אַוועק קיין דרום צו אַ פּרושים-ישוב, וואָס איז געווען אויף אַ שפּיץ פון די ווינדהייא בערג. דאָרטן האָט אין היילן געלעבט אַ געוויסע צאָל חכמים. זיי זענען געגאַנגען אין שטאָט אַריין נאָך פּשוטע לעבנסמיטל, און דאָרטן האָבן זיי זיך מונד-לעך געטיילט מיט זייערע ידיעות מיט די מענטשן, וואָס זענען געקומען צו זיי. גאוטאמא איז געוואָרן אַבקי אין אַלע מעטאַ-פיזישע לערעס פון זיין צייט. זיין חריפער מוח איז אָבער נישט באַפרידיקט געוואָרן פון די לייזונגען, וואָס ער האָט באַ-קומען. דער אינדישער געדאַנק איז שטענדיק געווען געניייגט צו גלויבן, אַז מאַכט און וויסן קען מען דערווערבן דורך עקס-טרעמער פּרישות, פאַסטן, שלאָפלאָזיקייט, זעלבסטפּייניקונגען, און די דאָזיקע מיטלען האָט גאוטאמא איצט פּראַקטיצירט. מיט 5 תלמידים-חברים איז ער אַוועק אין די דזשונגל. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט תעניתים און שרעקלעכע ענויים. זיין שם איז פאַרשפּרייט געוואָרן „פּונקט ווי דער קול פון אַ גרויסן גלאָק, וואָס הענגט אויף דעם באַלדאַכין אין הימל". אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט געבראַכט דעם אמת.

איין מאָל, ווען ער האָט שפּאַצירט אַהין און צוריק און זיך אָנגעשטרענגט צו דענקען טראָץ זיין אָפּגעשוואַכטן צושטאַנד, איז ער געפאַלן אין חלשות. ווען ער איז געזונט געוואָרן, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן דער אַבסורד פון די דאָזיקע האַלב-מאַגישע

מיטלען צו חכמה. זיינע חברים האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, דערהרנדיק, אַז ער וויל פשוט עסן, און אַז ער וויל שוין מער נישט פאָרטזעצן זיינע ענויים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָסער אמת דער מענטש וויל נישט דערגרייכן, קען ער דאָס דערגרייכן אמבעסטן מיט דער הילף פון אַ געזונטן קערפּער און אַ גע-שפּייזטן מוח. אַזאַ באַגריף איז אין יענער צייט לגמרי פרעמד געווען דעם געדאנק פון דעם לאַנד זיינע תלמידים האָבן אים פאַרלאָזט און זיי זענען אין אַמעלאַנכאַלישער שטימונג אַוועק קיין בענארעס. גאוטאמא האָט געוואנדערט אַליין,

ווען דער געדאַנק קעמפט מיט אַ רגויס און קאָמפּליצירט פּראָבלעם, מאַכט ער פאַמעלעך פאָרשריט, וויסנדיק גאַנץ קנאַפּ פון די געווינסן וואָס ער האָט שוין, ביז גאָר אומגעריכט ווערט אים ליכטיק אין די אויגן און ער הויבט אָן צו באַגרייפן זיין נצחון. אַזוי איז עס אויך געווען דער פאַל מיט גאוטאמא. איינמאָל, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן אונטער אַ גרויסן בוים נעבן אַ טייך, איז אים אָנגעקומען דער קלאָרער געדאַנק. ס'האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער קוקט אויפן לעבן מיט קלאָרע, אָפענע אויגן. ס'ווערט דערציילט, אַז אַ גאַנצן טאג און א גאנצע נאַכט איז ער געזעסן פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבן און געגאנגען זיך טיילן מיט זיינע געדאַנקען מיט דער וועלט. ער איז געגאַנגען קיין בענארעס, דאָרטן האָט ער אויפגעזוכט זיינע תלמידים און זיי צוריקגעוואונען פאַר זיין נייער לערע. אין דעם קעניגלעכן הירשן-פאַרק אין בענאַרעס האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט ביידלעך און דאָרטן גע-גרינדעט אַמין שול, וווהין ס'זענען געקומען די, וואָס האָבן גע-דורשט נאָך חכמה. דער הויפּט-פּונקט פון זיין לערע איז גע-ווען זיין אייגענע קשיה פון די צייטן, ווען ער איז געווען אַ גליקלעכער יונגער מענטש, „פאַרוואָס בין איך נישט פולקאָם גליקלעך?". דאָס איז געווען אַן אינטראָספּעקטיווע1) פראַגע.

1. אריינדרונגען אין זיך אליין.

די דאָזיקע פראַגע איז לויט איר איכות געווען גאַנץ פאַר־שידן פון דער אויפריכטיקער און זעלבסט פאַרגעסנדער, אויסער־לעכער בייגעריקייט, מיט וועלכער טהאַלעס און העראַקליט האָבן אַטאַקירט די פּראָבלעמען פון דעם וועלט־אַל, אָדער פון דעם זעלבסט־פאַרגעסנדן עול פונם מאָראַלישן „מוז", וואָס די גרעסטע נביאים האָבן אויפגעצוווגגען דעם העברעאישן געדאַנק. דער אינדישער חכם האָט נישט פאַרגעסן דעם „איך", ער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דעם „איך" און זיך באַמיט אים צו פאַר־ניכטן. אַלע צרות קומען פון דעם, האָט ער געלערנט, וואָס דער אינדיווידואום האָט גיריקע ווונטשן; ביז וואַנען דער מענטש וועט נישט מנצח זיין זיין פערזענלעכע שטרעבונג, אַזוי לאַנג איז זיין לעבן אַ צרה׳דיק, און זיין סוף אַ טרויעריקער. ס׳זענען פאַראַן דריי הויפּט פאָרמען פון וועלכע עס שטאַמט די תאווה צום לעבן און זיי זענען אַלע שלעכטע. די ערשטע איז די תאווה פון אַפּעטיט, גיריקייט און אַלע אַנדערע זינלעכע זאַכן. די צווייטע איז די תאווה פון אַ פערזענלעכער און עגאָאיסטישער אומשטערבלעכקייט. די דריטע איז די שטרעבונג צו פערזענ־לעכע דערפאָלגן, וועלטלעכקייט, קאַרגשאַפט א.ד.ג. די דאָזיקע פאָרמען פון תאווה דאַרפן באַזיגט ווערן, כדי צו ראַטעווען זיך פון די אומגליקן און עגמת־נפשן פונם לעבן; ווען זיי וועלן זיין באַזיגט, ווען דער „איך" וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן, דאַן ווערט דערגרייכט די נשמה־רו, נירוואַנע, דאָס העכסטע גוטס.

דאָס איז געווען דער הויפּט־יסוד פון זיין לערע, ווירקלעך אַ זער סובטעלע און מעטאַפיזישע לערע, וועלכע ס׳איז נישט אַזוי לייכט צו פאַרשטיין אַזוי ווי דער גריכישער באַפעל צו זען און צו וויסן אָן מורא און ריכטיק און ווי דער העברעאישער געבאָט מורא צו האָבן פאַר גאָט און פאַרווירקלעכן דעם יושר־דאָס איז געווען אַ לערע, וועלכע איז אַפילו נישט געווען פאַר־שטענדלעך פאַר גאוטאַמאַס נאָנטסטע תלמידים, און ס׳איז נישט קיין וווּנדער, וואָס באַלד ווי ס׳האָט אויפגעהערט זיין פערזענ־

לעכער איינפלוס איז די לערע געוואָרן פאַרדאָרבן און פאַרגרעבט.

אין יענער צייט איז אין אינדיע געווען פאַרשפרייט דער גלויבן, אַז נאָך אַ לאַנגער הפסקה איז די חכמה אַראָפּגעקומען אויף דער ערד און זיך פאַרקערפּערט אין אַ געוויסן אויסדערוויילטן מענטש, וועלכער איז באַקאַנט געוואָרן אַלס אַ בודדא 1).

גאוטאמ׳ס תלמידים האָבן דערקלערט, אַז ער איז געווען אַ בודדא, דער לעצטער פון אַלע בודדאס, הגם ס׳איז נישטאָ קיין ראיה, אַז ער האָט אַליין געזאָלט אָננעמען דעם טיטל. באַלד נאָך זיין טויט האָט זיך אַרום זיין פּערזאָן אָנגעהויבן וועבן אַ רייע פאַנטאַסטישע לעגענדעס. דאָס מענטשלעכע האַרץ באַפּאָרצוגט שטענדיק וואונדערלעכע מעשיות איידער די מאָראַלישע אָנשטרענגונג, און גאוטאמא בודדא איז געוואָרן אַ זער וואונדערלעכע פּערזענלעכקייט. דאָך איז פאַר דער וועלט געבליבן אַ באַדייטנדער געווינס. אויב נירוואַנאַ איז געווען צו הויך און סובטעל פאַר דעם רוב מענטשנס אימאַגינאַציעס, אויב דער לעגענדע-שאַפנדיקער אימפּולס פון דער מענטשהייט איז שטאַרקער געווען ווי די פּשוטע פאַקטן פון גאוטאמא׳ס לעבן, האָבן זיי לכל הפּחות עפּעס געקענט באַגרייפן פון דעם, וואָס גאוטאמא האָט אָנגערופן דעם אַכט-ערליי וועג, דער אַרישער אָדער דער איידלער לעבנס-שטייגער. דאָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַן אויפפאָדערונג צום גייסטיקן יושר, אָרנטלעכע צילן און שפּראַך, אָרנטלעכע אויפפירונג און אַ יושרדיק לעבן. דאָס איז געווען אַ דערמוטיקונג פון דעם באַוווסטזיין און אַן אַפּעל צו זעלבסט-פאַרגעסנדיקע צילן.

1. פון סאַנסקריט: אַ חכם.

קאפיטל 29.

קעניג אסאָקא

אין משך פון א פּאָר דורות נאָך גאוטאמא׳ס טויט האָט די דאָזיקע הויכע און איידעלע בודיסטישע לערע, די ערשטע קלאָרע לערע, אַז דאָס העכסטע גוטס פאַרן מענטש איז אונטער-צודריקן זיין „איך", געמאַכט פאַרהעלטניסמעסיק ווינציק פאָר-שריט אויף דער וועלט. דאַן האָט זי דעראָבערט דעם גע-דאַנק פון איינעם פון די גרעסטע מאָנאַרכן, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געווען. מיר האָבן שוין דערמאַנט, ווי אַלעקסאַנ-דער דער גרויסער איז געקומען קיין אינדיע און מלחמה גע-האַלטן מיט דעם קעניג פּאָרוס ביים אינדוס. די גריכישע היס-טאָריקער דערציילן, אַז אַ געוויסער טשאַנדראגופּטא מאוריא איז געקומען צו אַלעקסאַנדערן אין לאַגער אריין און זיך באַמיט אים איבערצורעדן, אַז ער זאָל גיין ווייטער ביז דעם גאַנגעס און דעראָבערן גאַנץ אינדיע.

אַלעקסאַנדער האָט דאָס נישט געקאָנט טון, ווייל די מאַ-קעדאָניער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער אין דער פאַר זיי אומבאַקאַנטער וועלט, אָבער שפּעטער (321 פ.ק.) האָט זיך טשאַנדראגופּטא פאַרזיכערט די מיטאַרבעט פון פאַרשידענע בערג-שבטים און ער האָט פאַרווירקלעכט זיין טרוים אָן דער גריכישער הילף. ער האָט געגרינדעט אַ מלוכה אין צפון-אינדיע און באַלד (303 פ. ק.) איז ער אומשטאַנד געווען צו אַטאַקירן סעלוי-קוס I אין פּונדזשאַב און אָפּגעמעקט דעם לעצטן שפּור פון דער גריכישער מאַכט אין אינדיע. זיין זון האָט נאָך מער פאַר-גרעסערט די דאָזיקע נייע מלוכה, און זיין אייניקל אסאָקא, דער מאָנאַרך פון וועמען מיר שמועסן איצט, איז אין 264 פ.ק. גע-וואָרן הערשער פון אַפגאַניסטאַן ביז מאַדראַס. לכתחילה איז אסאָקא געניייגט געווען נאָכצוטון זיין פאָטער׳ס און זיידע׳ס

ביישפּילן און פאַרענדיקן די דעראָבערונג פון דער אינדישער האַלב אינזל. ער האָט אקופּירט קאַלינגא, (255 פ.ק.) א לאַנד אויפן מזרח-ברעג פון מאדראס; ער איז געווען דערפּאָלגרייך אין זיינע מיליטערישע אָפּעראַציעס און — דער איינציקער צווישן אַלע דעראָבערער — ס'האָט אים אַזוי אָנגעהויבן צו עקלען פון די מלחמה-גרויזאַמקייטן און שרעקן, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו פירן מלחמות. ער האָט שוין מער נישט געוואָלט מלחמה האַלטן. ער האָט אָנגענומען די פרידלעכע בודדיסטישע דאָקטרינען און דערקלערט, אַז פון היינט אָן וועלן זיינע דעראָבערונגען זיין די דעראָבערונגען פון דער רעליגיע. זיין הערשאַפט, וועלכע האָט געדויערט 28 יאָר, איז געווען איינע פון די ליכטיקסטע אונטערליודן אין דער טרויעריקער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ער האָט אָרגאַניזירט גרויסע אויסגראָבונגען פאר ברונעמס און געפלאַנצט ביימער פאַר אשאטן. ער האָט געגרינדעט שפּיטעלער, עפנטלעכע גערטנער און גערטנער, וווּ ס'זאָלן וואקסן מעדיצינישע גרעזער. ער האָט געשאַפן א מיניסטעריום, וועלכעס זאָל זאָרגן פאר די אורבאַוווינער און פאַר די אונטעריאָכטע ראסעס פון אינדיע. ער האָט געזאָרגט פאַר דער זרויען דערציונג,

ער האָט אַ סך געשטיצט די בודדיסטישע לער-אינסטיטוציעס און זיך באַמיט זיי צו דערמוטיקן צו א בעסערער און אַן ענערגישער קריטיק פון זייער אָנגעזאַמעלטער אייגענער ליטעראַטור, וויל אין משך פון דער צייט האָבן זיך אין דער ריינער און פשוטער לערע פון דעם גרויסן אינדישן מייסטער אָנגעזאַמלט אַ סך פאַרגרייזטע און אַבערגלויבישע הוספות. ער האָט אַרויסגעשיקט מיסיאָנערן קיין קאשמיר, פּערסיע, ציילאָן און אַלעקסאַנדריע. אָט אַזעלכע, איז געווען אסאָקא, דער גרעסטער פון די קעניגן. ער איז געשטאַנען אסך העכער פאַר זיין צייט. ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין יורש אָדער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ווייטער פירן זיין ווערק, און הונדערט יאָר

נאָך זיין טויט זענען די גרויסע צייטן פון זיין הערשאַפט גע-וואָרן אַ הערלעכער זכר אין אַ דערשיטערט און אַ צערפאַלן אינדיע. די כוהנישע קאַסטע פון די בראַמינען, די העכסטע און די פּריווילעגירטסטע קאַסטע אין דעם אינדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז שטענדיק געווען קעגן בודדא׳ס פרייער און אָפענער לערע, שטופנווייז האָבן זיי אונטערגעגראָבן דעם בודדיסטישן איינפלוס אויף דעם לאנד. די אַלטע העסלעכע געטער, די אומצאָליקע קולטן פון הינדואיזם, האָבן צוריק געקריגן די השפעה. די קאַסטעס זענען געוואָרן מער באַגרעניצט און קאָמפּליצירט. אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער האָבן דער בראַמאַניזם און בודדיזם געבליט האַנט ביי האַנט, נאָכהער איז דער בודדיזם ביס-לעכווייז אַרונטערגעפאַלן און בראַמאַניזם האָט אים פאַרטראָטן אין אַ מענגע פאָרמען. אָבער אויסער די אינדישע גרעניצן און די קאַסטע געביטן האָט זיך דער בודדיזם פאַרשפּרייט און ער האָט פאַר זיך געווינען כינע, סיאַם, בורמא און יאַפּאַן. לענדער ווו ער פאַרנעמט נאָך היינט דעם אויבנאָן.

קאַפּיטל 30.

קאָנפוציוס און לאַאָ-טסי.

איצט האָבן מיר נאָך צו דערציילן וועגן צוויי אַנדערע גרויסע מענער, קאָנפוציוס און לאַאָ-טסי, וועלכע האָבן געלעבט אין יענעם וווּנדערבאַרן י. ה., דער6-ער י.ה.פ.ק. ווען ס׳האָט זיך אָנ-געהויבן די יוגנטלעכע פאזע פון דער מענטשהייט. ביז אהער האָבן מיר גאַנץ קנאַפּ גערעדט וועגן דער עלטסטער כינעזישער געשיכטע. היינט איז נאָך די דאָזיקע עלטסטע געשיכטע לגמרי

אומבאקאנט און מיר ווארטן אויף כינעזישע פארשער און ארכעאלאגן פון דעם נייעם כינע, וואס שטייט איצט אויף, אז זיי זאלן אזוי גרונטלעך באארבעטן זייער פארגאנגענע געשיכטע, פונקט אזוי ווי די אייראפעאישע פארגאנגענהייט איז באארבעט געווארן אין דעם לעצטן יארהונדערט. שוין מיט א סך צייטן צוריק איז די ערשטע פרימיטיווע כינעזישע צוויליזאציע אנטשטאנען פון דער אוראלטער העליאליטישער קולטור אין די גרויסע טייך-טאלן. זיי האבן, פונקט ווי מצרים און סומיריע, געהאט די זעלבע הויפט-שטריכן פון יענער קולטור, און זיי האבן זיך גרופירט ארום די טעמפלען, אין וועלכע די כוהנים און די כוהנים-קעניגן האבן מקריב געווען זייערע בלוטיקע קרבנות לכבוד דעם יום טוב פון זריעה און שניט. דאס לעבן האט אין יענע שטעט געמוזט ענלעך זיין צו דעם לעבן אין מצרים און סומיריע פון פאר 6–7000 י. צוריק און זייער ענלעך צו דעם מאיא-לעבן פון צענטראל-אמעריקע פון פאר 1000 יאר צוריק. אויב ס'זענען דארט געווען מענטשלעכע קרבנות, האבן זיי שוין לאנג אפגעטרעטן זייער ארט פאר די חיות-קרבנות, נאך פריער ווי פארן פרימארגן פון דער געשיכטע.

נאך א סך פריער ווי פאר 1000 י. פ. ק. האט זיך דארט אנטוויקלט א מין בילדער-שריפט. און פונקט אזוי ווי די פרימיטיווע אייראפעאישע און מערב-אזיאטישע ציוויליזאציעס זענען געווען פארוויקלט אין קאנפליקטן מיט די נאמאדן פון דעם מדבר און פון צפון, אזוי האט אויך די פרימיטיווע כינעזישע ציוויליזאציע געהאט א גרויסע כמארע נאמאדישע פעלקער ביי אירע צפון-גרעניצן. דאס זענען געווען שבטים, וואס זענען געווען קרובים לויט דער שפראך און לעבנסשטייגער, פון וועלכע די געשיכטע רעדט כסדר אלס די הונען, מאנגאלן, טערקן און טאטארן. זיי טוישן זיך, טיילן זיך אפ, פאראייניקן זיך, פונקט ווי די נארדישע פעלקער אין צפון-אייראפע און אין צענטראל-אזיע האבן זיך געטוישט, גיכער

אין נאָמען ווי אין כאַראַקטער. די דאָזיקע מאָנגאָלישע נאָמאַדן האָבן פריער ווי די נאָרדישע פעלקער געהאַט פערד, און ס'איז מעגלעך, אַז אין די געגנטן פון די אַלטאַי בערג האָבן זיי נאָך 1000 י. פ. ק. געמאַכט אַ זעלבסטשטענדיקע אַנטדעקונג פון אייזן. און פונקט ווי עס איז געווען דער פאַל אין מערב, אַזוי אויך האָבן די דאָזיקע מזרח-נאָמאַדן דערגרייכט אַ מין פּאָליטישע אחדות און געוואָרן דעראָבערער און הערשער און אויפלעבער פון דעם אָדער יענעם איינגעאָרדנטן ציוויליזירטן געגנט. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די עלטסטע כינעזישע ציוויליזאַציע איז נישט געווען אַ מאָנגאָלישע, פונקט ווי די ערשטע אייראָפּעאישע און מערב-אַזיאַטישע ציוויליזאַציעס זענען נישט געווען נאָרדישע אָדער סעמיטישע. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די ערשטע כינעזישע ציוויליזאציע איז געווען אַ ברונעטע און פון טיילן פון דער ערשטער מצרישער, סומירישער און דראווידיאַנישער ציוויליזאַציע, און אַז, דאַן ווען עס הייבט זיך אָן די ערשטע פאַרשריבענע געשיכטע פון כינע, זענען שוין דאָרט געווען דעראָבערונגען און אונטערגעמישן.

אלענפאַלס געפינען מיר, אַז אין אַן ערך 1750 י. פ. ק. איז שוין אין כינע געווען אַ ריזיקע צאָל קליינע מלוכהלעך און שטעט-שטאַטן, וועלכע האָבן אנערקענט אַ לויזע אונטערטעניקייט און געצאָלט פיל-ווייניק רעגולער, אַ באַשטימטן פעאָדאַלן מס דעם גרויסן כוהן-קייסער, „דעם הימלישן זון". די „שאנג"-דינאַסטיע האָט זיך אויסגעלאָזט אין 1125 פ. ק. איר אָרט האָט פאַרנומען אַ „טשאו"-דינאַסטיע, וועלכע האָט געהאַלטן כינע אין אַ שוואַכער פאַראייניקונג ביז אַסאקאַ'ס צייטן אין אינדיע און פּטאָלאָמייס אין מצרים. אין משך פון דעם לאַנגן „טשאו"-פעריאָד איז כינע צעבראָקלט געוואָרן. ס'זענען אָנגעקומען הונישע פעלקער און געגרינדעט פירשטנטומס; די לאָקאַלע הערשער האָבן אויפגעהערט צו צאָלן דעם מס און געוואָרן זעלבסטשטענדיק. אַ כינעזישער אויטאָריטעט דערציילט, אַז אין 6-טן י. ה. פ. ק

זענען אין כינע געווען 5 אָדער 6 טויזנט פּאַקטיש אומאָפּהענ־ גיקע שטאַטן. דאָס איז געווען, ווי די כינעזער רופן דאָס אָן אין זייערע געשיכטעס, „דער פּעריאָד פון אומאָרדנונג". אָבער אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע אינטע־ לעקטועלע טעטיקייט און ס'האָבן עקזיסטירט אַ סך לאָקאַלע צענטערס פון אַ קינסטלערישע און קולטורעלע לעבן. ווען מיר וועלן וויסן מער וועגן דער כינעזישער היסטאָריע, וועלן מיר זען, אז כינע האָט געהאַט איר מילעטוס און איר אַטען, איר פּער־ גאַמום און איר מאַקעדאָניע. אָבער דערווייל מוזן מיר זיין נישט פּינקטלעך און דערציילן בקיצור וועגן דעם דאָזיקן פּעריאָד פון דעם כינעזישן קאַפּיטל, פּשוט דערפאַר, ווייל מיר האָבן נישט קיין גענוגנטע ידיעות, כדי צונויפצושטעלן אַ צוזאַמענגעפּאַסטע און קאָנזעקווענטע דערציילונג. און פּונקט ווי אין צעשפּלי־ טערטן גריכנלאַנד זענען געווען פילאָזאָפן, און ביי דעם צע־ שמעטערטן און געפאַנגענעם יודנטום — נביאים, אזוי אויך זענען אין דעם אָרדנונגסלאָזן כינע געווען אין יענער צייט פילאָזאָפן און לערער.

אין די אַלע פאַלן האָבן די נישטזיכערקייט און נישט באַשטימקייט, ווייזט אויס, דערמוטיקט דעם בעסערן סאָרט גע־ דאַנק.

קאָנפוציוס האָט געשטאַמט פון אן אַריסטאָקראַטישער פאַ־ מיליע, וואָס האָט פאַרנומען אַ געוויסע אָפיציעל־וויכטיקע פּאָ־ זיציע אין דעם קליינע שטאַט לו. דאָ, אין אַ שטימונג ענ־ לעך צום גריכישן אימפּולס, האָט ער געגרינדעט אַ מין אַקאַ־ דעמיע פאַר פאָרשונג און פאַר דער לערע פון חכמה. די רעכט־ לאָזיקייט און די אומאָרדנונג פון כינע האָבן אים טיף געקרענקט. ס'האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט דער אידעאַל וועגן אַ בעסערער הערשאַפט און אַ בעסער לעבן; ער איז געפאָרן פון איין שטאַט צום צווייטן, זוכנדיק אַ הערשער, וועלכער זאָל פאַרווירקלעכן זיינע געזעצגעבערישע און דערציערישע אידייען. ער האָט קיינ־

מאָל נישט געפונען אַזאַ הערשער; ער האָט געפונען אַ הער־
שער, אָבער די הויף־אינטריגעס האָבן אונטערגעגראָבן זיין השפעה,
און ענדלעך צונישט געמאַכט זיינע רעפאָרם־פּראָיעקטן. עס איז
אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אַנדערהאַלבן הונדערט יאָר
שפּעטער האָט דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָ אויך געזוכט אַ
הערשער, און אַ געוויסע צייט איז ער געווען בעל־יועץ ביי דעם
טיראַן דיאָניזאָס, וואָס האָט געהערשט אין סיראַקוז, סיציליע.

קאָנפוציוס איז געשטאָרבן אַן אַנטוישטער. „קיין שום אינ־
טעליגענטער הערשער", אַזוי האָט ער געזאָגט, „איז נישט אויפ־
געשטאַנען, וואָס זאָל מיך צונעמען אַלס זיין לערער, און איך
בין שוין קרוב למיתה". אָבער זיין לערע האָט געהאַט מער
וויטאַליטעט, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיינע ירידה־
און האָפענונגס לאָזע־יאָרן, און זי האָט געהאַט אַ גרויסע בילדנ־
דיקע השפעה אויפן כינעזישן פאָלק. זי איז געוואָרן איינע פון
די דריי לערעס, ווי די כינעזער רופן זי אָן; די אַנדערע צוויי
זענען די לערעס פון בודדאַ און לאַאָ־טסי.

דער הויפּט־יסוד פון זיין לערע איז דער דרך פון דעם
אידעאַלן אָדער אַריסטאָקראַטישן מענטש. אים האָט אינטערעסירט
די פּערזענלעכע אויפפירונג, פּונקט ווי גאַוטאַמאַן האָט אינטע־
רעסירט דער רו פון זעלבסט־פאַרגעסונג, די גריכן — די אויסער־
לעכע וויסנשאַפטן, און די יידן — די גערעכטיקייט. מער פון
אַלע גרויסע לערער האָט אים פאַראינטערעסירט דאָס עפנטלעכע
לעבן. ס'האָבן אים שטאַרק אינטערעסירט די מהומות און צרות
פון דער וועלט, און ער האָט געוואָלט פאַראיידלען די מענטשן,
כדי צו שאַפן אַ דערהאַבענע וועלט. ער האָט געוואָלט רעגולירן
דאָס אויפפירן זיך ביז צו דער עקסטער גרעניץ און צו שאַפן
געזונטע כללים פאַר יעדן צופאַל אין לעבן. אַ העפלעכער, גע־
זעלשאַפטלעכער הער, גיכער אַ שטרענג־זיך־זעלבסט־באַהערש־
דיקער, איז געווען זיין אידעאַל, וועלכער האָט זיך שוין אַנט־
וויקלט אין צפון־כינע און וועלכן ער האָט געגעבן אַ פאָרמאַ־

נענטע פאָרם. די לערע פון לאַאָ-טסי, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען אויפזעער פון דער קעניגלעכער ביבליאָטעק פון דער טשאו-דינאַסטיע, איז געווען מיסטישער, פאַרנעפּלטער און אויסמיידנדיקער, ווי קאָנפוציוס. ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער גע־פּרעדיקט אַ סטאָאישע גלייכגילטיקייט צו די פּאַרגעניגנס און מאכט פון דער וועלט און אַ צוריקקער צו א נישט-רעאַלן פּשוטן לעבן פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט איבערגעלאָזט שריפטן, זייער קורצע לויט זייער סטיל און זייער נישט קלאָרע. ער האָט געשריבן אין רעטענישן. נאָך זיין טויט איז זיין לערע, פּונקט ווי גאוטאמא בודדאַ'ס, פאַרגרייזט געוואָרן און פאַרטושט געוואָרן דורך לעגענדעס אין זי איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט העכסט-קאָמפּליצירטע און אויסערגעוויינלעכע דינים און אַבער־גלויבטע אידייען. אין כינע, פּונקט ווי אין אינדיע, האָבן די אור-אַלטע אידייען פון די מאַגישע און העסלעכע לעגענדעס פון דעם קינדישן עבר פון דער מענטשהייט געקעמפט קעגן דעם נייעם געדאַנק פון דער וועלט און עס איז זיי געלונגען אַרויפ־צולייגן אויף אים גראָטעסקע, נישט ראַציאָנעלע און אוראַלטע דינים. ביידע, סיי בודדיזם, סיי טאַאָיזם (וועלכער איז זיך אַליין מיחס צו לאַאָ-טסי), ווי מ'געפינט זיי היינט אין כינע, רעליגיעס פון מאָנאַכן, טעמפּלען, כוהנים און קרבנות, זענען, אויב נישט לויטן גייסט, אָבער לויט דער אוראַלטער פאָרם, ענלעך צו די קרבנות-ברענגענדיקע רעליגיעס פון דעם אור-אַלטן סומיריע און מצרים. אָבער די לערע פון קאָנפוציוס איז נישט אַזוי פאַר־שאָטנט געוואָרן, ווייל זי איז געווען באַגרעניצט, פּשוט און אויפ־ריכטיק און ס'איז נישט געווען קיין אָרט פאַר אַזעלכע פאַרקרי־פּעלטקייטן. צפון-כינע, דאָס כינע פון דעם הוואַ-האָ טייך, איז לויטן גייסט און געדאַנק געוואָרן קאָנפוציש; דרום-כינע, דאָס יאַנגטסו-קיאַנג כינע, איז געוואָרן טאַאָיסטיש. פון יענע צייטן אָן האָבן זיך אין כינע אָנגעהויבן באַמערקן די שפּורן פון אַ קאָנפליקט צווישן די דאָזיקע צוויי גייסטער, דעם גייסט פון

צפון און דעם פון דרום, צווישן (אין שפעטערע צייטן) פעקין און נאנקין, צווישן דעם אָפיציעל-געשטימטן, ערלעכן און קאָנסערוואַטיוון צפון, און דעם סקעפּטישן, אַרטיסטישן, אומבאַשטימטן און עקספּערימענטאַלן דרום. די צעטיילונג פון כינע פון דעם „מהומה-פּעריאָד“ איז אין 6טן יאָרהונדערט פ. ק. דערגאַנגען צו דער ערגסטער מדרגה. די טשאו-דינאַסטיע איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט און דיסקרעדיטירט, אַז לאַאָ-טסי האָט פאַרלאָזן דעם אומגליקלעכן הויף און זיך אָפּגערוקט אין פּריוואַטן לעבן. דריי אונטערטעניקע מלוכות האָבן אין יענע צייטן באַהערשט די לאַגע אין כינע: טסי און טסין אין צפון און טשו, וואָס איז געווען אַן אַגרעסיווע מיליטערישע מאַכט, אין דעם יאַנגטסי-טאָל.

צום סוף האָבן טסי און טסין געשלאָסן אַ בונד, אונטערגעיאָכט טשו און איר אָנגעוואָרפן אַן אַלגעמיינעם טראַקטאַט וועגן אַנטוואָפנונג און שלום אין פּעקין. טסין האָט געקריגן די איבערמאַכט. שפּעטער, אין אַסאָקאַס צייטן אין אינדיע, האָט דער טסין-מאָנאַרך פאַרכאַפּט די קרבנות-כלים פון דעם טשאו קייסער און איבערגענומען די פונקציעס פון מקריב זיין. זיין זון, שי-הוואַנג טי (קעניג אין 246 פ. ק., קייסער אין 220 פ. ק.), ווערט אין די כינעזישע כראָניקעס אָנגערופן „דער ערשטער אוניווערסאַלער קייסער“. אַ סך גליקלעכער ווי אַלעקסאַנדער, האָט שי-הוואַנג-טי רעגירט אַלס קעניג און קייסער. זיין ענערגישע הערשאַפט באַצייכנט דעם אָנהייב פון אַ נייער ערא פון אחדות און ווילשטאַנד פונם כינעזישן פאָלק. ער האָט ענערגיש געקעמפט מיט די הוננישע אָקופּאַנטן פון די צפון-וויסטעס, און ער האָט, אָנגעהויבן דאָס ריזיקע ווערק, די גרויסע כינעזישע מויער, כדי צו מאַכן אַ סוף צו זייערע אָנפאַלן.

קאפיטל 31

רוים באווייזט זיך אין דער געשיכטע.

דער לייענער וועט באמערקן אן אלגעמיינע ענלעכקייט אין דער געשיכטע פון די דאזיקע אלע ציוויליזאציעס, טראץ דער פאקטישער סעפאראציע, וואס איז פארורזאכט געווארן דורך די גרויסע באריערעס פון דער אינדישער צפון-מערב-גרעניץ און פון די גרויסע בערג-מאסעס פון צענטראל-אזיע אין וויטן אינדיע. צום ערשטן האט זיך די העליאליטישע קולטור אין משך פון טויזנטער יארן פארשפרייט איבער אלע ווארימע און פרוכטבארע טייך-טאלן פון דער אלטער וועלט און אנטוויקלט א טעמפל-סיסטעם און כוהנים-הערשער ארום אירע טראדיציאנעלע קרבנות.

ס'איז באשיינפערלעך, אז אירע ערשטע גרינדער זענען שטענדיק געווען יענע ברונעטע פעלקער, פון וועלכע מיר האבן גערעדט אלס די צענטראלע ראסע פון דער מענטשהייט. נאכהער זענען אנגעקומען די נאמאדן פון די געגנטן פון דעם סעזאן-גראז און סעזאן-וואנדערונג און ארויפגעלייגט אויף דער פרימיטיווער ציוויליזאציע זייער אייגענעם סטעמפל און אפט אויך זייער שפראך. זיי האבן זיי אונטערגעיאכט און אגגערעגט געווארן צו נייע אנטוויקלונגען, און אויף איין ארט אויסגעפירט איין זאך, און אויף אן אנדער — א צווייטע. אין מעסאפאטאמיע זענען עס געווען די עלאמיטן און נאכהער די סעמיטן און צום סוף די נארדישע מדיער, די פערסער און די גריכן, וועלכע האבן באזארגט דעם פערמענט; אין די געגנטן פון די עגעאישע פעלקער האבן עס געטון די גריכן; אין אינדיע — די אריש-רעדנדיקע פעלקער; אין מצרים, אין דער שטארק-אינטענסיווער כוהנישער ציוויליזאציע, איז געווען א קלענערער צופלוס פון דעראבערער. אין כינע האבן געזיגט די הונען, וועלכע זענען

נאָכדעם אַסימילירט געוואָרן און נאָך זיי זענען אָנגעקומען נייע הונען. כינע איז פאַרמאָנגאָלישט געוואָרן, פונקט ווי גריכנלאַנד און צפון-אינדיע זענען פאַראַרישט געוואָרן און מעסאָפאָטאַמיע איז געוואָרן סעמיטיש און אַריש. אומעטום האָבן די נאָמאַדן אַ סך פאַרניכטעט, אָבער אומעטום האָבן זיי געבראַכט אַ נייעם גייסט פון פרייער פאָרשונג און מאָראַלישער באַנייאונג. זיי האָבן אָפּגעפרעגט די גלויבנס פון אומדענקבאַרע צייטן. זיי האָבן אַריינגעלאָזט די ליכטיקע שיין אין די טעמפלען. זיי האָבן געהאַט קעניגן, וועלכע זענען נישט געווען נישט קיין געטער און נישט קיין כּוהנים, נאָר פּשוטע פירער פון די הויפּטן און זייערע חברים. אין די יאָרהונדערטער נאָך דעם 6-טן י. ה. פ. ק. זען מיר אומעטום אַ גרויסן צוזאַמענברוך פון די אוראַלטע טראַדיציעס און עס האָט אויפגעוואַכט אַ נייער גייסט פון מאָ־ראַלישער און אינטעלעקטועלער פאָרשונג, אַ גייסט, וועלכער קען זיך קיינמאָל נישט איינגאַנצן באַרויקן אין דער גרויסער פּראָ־גרעסיווער באַוועגונג פון דער מענטשהייט.

מיר געפינען, אַז שרייבן און לייענען ווערן געמיינזאַמע פון צוגענגלעכע פאַרפּולקאָמונגען ביי דער הערשנדיקער און פּראָספּערירנדיקער מינדערהייט; זיי זענען שוין מער נישט געווען די אייפערזיכטיק-געהיטענע סודות פון די כּוהנים. מ׳רייזט שוין מער און מיט דער הילף פונם פערד און די שאָסייען ווערט דער טראַנספּאָרט גרעסער. דאָס געמינצטע געלט איז געווען אַ ניי און לייכט מיטל צו פאַרלייכטערן דעם האַנדל.

איצט וועלן מיר זיך דערלויבן אָפּצוציען אונדזער אויפמערק־זאַמקייט פון דעם עקסטן מזרח פון דער אַלטער וועלט, כינע, און זיך אויסדרייען צום מערב-טייל פון דעם מיטללענדישן ים. דאָ דאַרפן מיר פאַרצייכענען דאָס באַווייזן זיך פון אַ שטאָט, רוים, וועלכער ס׳איז אין אמתן ענדלעך באַשערט געווען צו שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע. ביז אַהער האָבן מיר ווייניק גערעדט אין אונדזער געשיכטע וועגן

איטאַליע. פאַר 1000 י. פ. ק. איז זי געווען אַ לאַנד פון בערג
און וועלדער און איז געוואָרן שיטער באַפעלקערט. אַריש-רעדנ-
דיקע שבטים האָבן אָנגעגריפן דעם דאָזיקן האַלב־אינזל און
דאָרטן געגרינדעט שטעט און שטעטלעך; דער דרום-שפּיץ און
געווען באַזעצט פון גריכישע ישובים. די הערלעכע רואינען איז
פאַעסטום האָבן ביז היינט אויפגעהיטן עפּעס פון דער איידלקייט
און פּראַכט פון די דאָזיקע עלטסטע גריכישע ישובים. אין דעם
צענטראַלן טייל האָבן זיך באַזעצט די עטרוסקער, אַ נישט-אַריש
פאָלק, וואַרשיינלעך קרובים מיט די עגעאישע פעלקער. זיי האָבן
איבערגעדרייט דעם געוויינלעכן פּראָצעס און פאַרקנעכטעט פאַר-
שידענע אַרישע שבטים. ווען רוים באַווייזט זיך אינם שיין פון
דער געשיכטע, איז זי אַ קליינע האַנדלשטאָט אויף דעם זאַמ-
דיקן טיבער - ברעג און זי האָט אַ לאַטיין-רעדנדיקע באַפעלקע-
רונג, וואָס איז רעגירט געוואָרן דורך עטרוסקישע קעניגן. די
אַלטע כראָנאָלאָגיעס גיבן אָן 753 פ. ק. אַלס די דאַטע פון דער
גרינדונג פון רוים, מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער ווי די
גרויסע פעניקישע שטאָט קאַרטאַגע און 23 יאָר נאָך דער ערש־
טער אָלימפּיאַדע. אָבער אין דעם רוימישן פאָרום האָט מען
אויסגעגראָבן עטרוסקישע קברים פון אַ פיל עלטערער דאַטע ווי
753 פ. ק. אין דעם מיט רויטע אותיות פאַרשריבענעם יאָרהונ-
דערט, דער 6-טער י. ה. פ. ק. זענען פאַרטריבן געוואָרן די
עטרוסקישע קעניגן (510 פ. ק.) און רוים איז געוואָרן אַן אַריס-
טאָקראַטישע רעפּובליק מיט אַ הערשנדיקער קלאַס פון „פּאַ־
טריצישע" פאַמיליעס, וועלכע האָבן געהערשט איבער דער גע-
מיינדע פון „פּלעבעיער". זי איז געווען ענלעך צו אַ סך אַריס-
טאָקראַטישע גריכישע רעפּובליקן, מיט דעם איינעם אונטערשיד,
וואָס זי האָט גערעדט לאַטיין. אין משך פון אַ פּאָר הונדערט
יאָר איז די אינערלעכע געשיכטע פון רוים אַ געשיכטע פון אַ
לאַנגן און אַן עקשנותדיקן קאַמף מצד די פּלעבעיער פאַר פריי־
הייט און פאַר דעם אַנטייל אין דער הערשאַפט. ס'וואָלט נישט

שווער געהען צו געפונען אַ פּאַראַלעלן קאָנפליקט אין גריכנ־לאַנד, און די גריכן וואָלטן אים אָנגערופן „דער קאָנפליקט צווישן דער אַריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע". ענדלעך האָבן די פּלעבעיער צעשטערט דעם גרעסטן טייל פון די אַפּשליסנדיקע באַריערס פון די אַלטע פאַמיליעס און אויסגעקעמפט אַ גלייכן אנטייל אינם עפנטלעכן לעבן. זיי האָבן פאַרניכטעט די אַלטע אָפּגעזונדערקייט און זיי האָבן געמאַכט אַלס מעגלעך און אָנגענומ־באַר פאַר רוים, אַז זי זאָל פאַרשפּרייטן איר בירגערשאַפט דורך דעם אָנשלוס פון וואָס אַמאָל מער „פרעמדע". דען בשעת דוים האָט געקעמפט ביי זיך אין דער היים, האָט זי אויך פאַר־שפּרייט איר מאַכט אין אויסלאַנד. די פאַרשפּרייטונג פון דער רוימישער מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אין 5־טן י. ה. פ. ק.

ביז יענער צייט האָבן זיי געפירט מלחמה, ס׳רוב דער־פאָלגלאָז, מיט די עטרוסקער. אַ פאָר מייל פון רוים איז גע־ווען אַן עטרוסקישע פעסטונג וועאיאי, וועלכע די רוימער האָבן קיינמאָל נישט געקענט איינגעמען. אָבער אין 474 פ. ק. איז די עטרוסקער געשעען אַ גרויס אומגליק: די גריכן פון סיראַ־קוז האָבן פאַרניכטעט זייער פלאָט. אין דער זעלבער צייט איז פון צפון אָנגעפאַלן אויף זיי אַ נייע כוואַליע נאָרדישע אָקו־פאַנטן, די גאַלן. זייענדיק אין דער קלעם, צווישן רוים און די גאַלן, זענען זיי געפאַלן און פאַרשוווּנדן פון דער געשיכטע. די רוימער האָבן גענומען וועאיאי. די גאַלן זענען אַריין קיין רוים, צוראַבירט די שטאָט (390 פ. ק.), אָבער דעם קאַפּיטאָל 1) האָבן זיי נישט געקענט נעמען. אַ געפּרוּווטער נאַכט־אָנפאַל איז פאַרראַטן געוואָרן דורך געשרייען פון גענדז. ענדלעך האָבן די רוימער זיך אויסגעקויפט פון זייערע הענט און יענע זענען צוריק אַוועקגעגאַנגען קיין צפון־איטאַליע. דער גאַלישער אָנפאַל האָט, ווייזט אויס, נישט אָפּגעשוואַכט, נאָר גיכער פאַרשטאַרקט רוים.

1) דער טעמפּל צום גאָט יופּיטער אויפן בערגל קאַפּיטאָלינוס.

די רוימער האָבן באַזיגט די עטרוסקער און זיי אַסימילירט, און זיי האָבן פאַרשפּרייט זייער מאַכט איבער גאַנץ צענטראַל־איטאַליע פון ארנא אַן ביז נעאַפּאַל. דאָס האָבן זיי דערגרייכט אין משך פון אַ פּאָר יאָר פאַר 300 פ. ק. זייער איטאַליענישע דעראָבערונג איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט, ווען פיליפּ האָט פאַרשטאַרקט זיין מאַכט אין מאַקעדאָניע און אין גריכנלאַנד און ווען אַלעקסאַנדער האָט געמאַכט זיין איבעראַשנדיקן מאַרש קיין מצרים און אינדיע. א דאַנק דעם צוזאַמענברוך פון אַלעקסאַנדערס אימפּעריע זענען די רוימער געוואָרן אַ באַמערקונגסווערט פאָלק אין דער ציוויליזירטער וועלט, וואָס איז געווען ביי זייער מזרח־גרעניץ. ביי דער צפון־גרעניץ זענען געווען די גאַלן; צו צפון פון זיי זענען געווען די גריכישע ישובים פון גרויס גריכנלאַנד. ד. ה. סיציליע און דאָס פאָדערשטע און אונטערשטע איטאַליע.

די גאַלן זענען געווען אַ קרעפּטיק, קריגעריש פאָלק און די רוימער האָבן געהיטן זייער גרעניץ מיט דער הילף פון אַ רייע פעסטונגען און באַפעסטיקטע ישובים. די גריכישע שטעט אין דרום, מיט זייער הויפּט־שטאָט טאָרענטום (היינט טאַראַנטאָ) און סיראַקוז אין סיציליע האָבן נישט אויף אַזוי פיל געדראָט, ווי געשראָקן די רוימער. זיי האָבן געזוכט הילף קעגן די דאָזיקע נייע דעראָבערער. מיר האָבן שוין דערציילט, ווי אַלעקסאַנדערס אימפּעריע איז צעבראָקלט און צעטיילט געוואָרן צווישן זיינע גענעראַלן און חברים. צווישן זיי איז געווען אַלעקסאַנדערס אַ קרוב, פּירוס, וועלכער האָט זיך איינגעאָרדנט אין עפּירוס, וואָס איז קעגנאיבער דעם אַדריאַטישן ים, קעגנאיבער דעם אונטערשטן איטאַליע. ער האָט געהאַט אַן אַמביציע צו ווערן דער פיליפּ פון גרויס־גריכנלאַנד און ווערן דער פּראָטעקטאָר און הויפּט־גענעראַל פון טאָרענטום, סיראַקוז און פון דער רעשט פון יענעם וועלט־טייל. ער האָט געהאַט דאָס, וואָס האָט דעמאָלס בעהייסן אַ ווירקזאַמע מאָדערנע אַרמיי; ער האָט געהאַט אַן

אינפאנטעריע פאַלאַנג, די טעסאלישע קאַוואַלעריע, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַזאַ הויך, ווי די אָריגינעלע מאַקעדאָנישע, און 20 מלחמה-העלפאַנטן; ער האָט אָקופּירט איטאַליע און אין צוויי באַדייטנדע שלאַכטן, העראַקלעא (280 פ. ק.) און אַאוסקולום, (279 פ. ק.) צעשלאָגן די רוימער, און אָפּשטויסנדיק זיי צו צפון, האָט ער זיך גענומען אונטערצוואָכן סיציליע. אָבער דאָ האָט ער שוין געהאַט צו טון מיט אַ מער פורכטבאַרן שונא, ווי ס'זענען דאַן געווען די רוימער: די פעניקישע האַנדלס-שטאָט קאַרטאַגע, וועלכע איז דאַן וואַרשיינלעך געווען די גרעסטע וועלט-שטאָט. סיציליע איז געווען צו-נאָנט צו קאַרטאַגע, אַז זי זאָל דערלאָזן דאָרטן אויפוואַקסן אַ נייעם אַלעקסאַנדער. זי האָט גוט געדענקט דעם סוף, וואָס איר מוטער-שטאָט צור האָט געהאַט א האַלבן יאָרהונדערט פריער. זי האָט דעריבער אַרויסגעשיקט אַ פלאָט, כדי צו דערמוטיקן אָדער צווינגען רוים, אַז זי זאָל ווייטער קעמפן, און זי האָט אָפּגעשניטן פּירוסנס מעבר-לים-קאָמוניקאַציע. פּירוס איז אויפסניי אַטאַקירט געוואָרן דורך די רוימער און אין דער אַטאַקע, וואָס ער האָט געמאַכט אויף די רוימער ביי בענעווענטום, צווישן נעאַפּאָל און רוים, האָט ער געליטן אַ שרעקלעכע מפלה. פלוצלינג האָט ער באַקומען ידיעות, וואָס האָבן אים געצוווּנגען אַהיים צו גיין קיין עפּירוס. די גאַלן זענען אָנגעפאַלן פון דרום-זייט, אָבער דאָס מאָל זענען זיי נישט אַריין קיין איטאַליע. די רוימישע גרעניץ, וואָס איז געווען באַפעסטיקט און געהיטן, איז פאַר זיי געוואָרן צו פורכטבאַר. זיי זענען דורך איללירא (דאָס היינטיקע סערביע און אַלבאַניע) אַריין קיין מאַקעדאָניע און עפּירוס. אָפּגעשטויסן דורך די רוימער, באַדראָט ביים ים דורך די קאַרטאַגער און אין דער היים דורך די גאַלן, האָט פּירוס זיך אָפּגעזאָגט פון זיין דעראָבערונגס-פאַנטאַזיע און אַהיים געגאַנגען. (275 פ. ק.) רוים האָט דערווייל אויסגעשפּרייט איר מאַכט ביז צו די ים-פּאַסן פון מעסינא. אויף דער סיצילישער זייט פון די דאָזיקע

ים-פּאַסן איז געשטאַנען די גריכישע שטאָט מעסינאַ. און גאָר אינגיכן איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן דורך אַ באַנדע פּיראַטן. די קאַרטאַגער, וועלכע זענען פּאַקטיש שוין געווען די אויבערהער-שער פון סיציליע און סיראַקוז'ס פאַרבינדעטע, האָבן אונטער-דריקט די דאָזיקע פּיראַטן (270 פּ. ק.) און דאָרטן אַריינגעזעצט אַ קאַרטאַגישן גאַרניזאָן. די פּיראַטן האָבן אַפּעלירט צו רוים און זי האָט אויסגעהערט זייער אָנקלאַגע. און אַזוי אַרום האָט זיך די גרויסע האַנדלס-מאַכט פון קאַרטאַגע און דאָס נייע זיג-רייך פאָלק, די רוימער, געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַנטאַגאַ-ניזם ביי דעם ים-פּאַס פון מעסינאַ.

קאַפּיטל 32

רוים און קאַרטאַגע

אין יאָר 264 פּ. ק. האָטן זיך אָנגעהויבן דער גרויסער קאַמף, די פּונישע[1] מלחמה צווישן רוים און קאַרטאַגע. אין יענעם יאָר האָט אַסאָקאַ אָנגעהויבן צו רעגירן אין בעהאַר, שי-הוואַנג-טי איז נאָך דאַן געווען אַ קליין קינד, דער מוזעאום אין אַלעקסאַנ-דריע האָט נאָך געשאַפן גוטע וויסנשאַפטלעכע ווערק און די באַרבאַרישע גאַלן זענען איצט געווען אין קליין-אַזיע און אַרויס-געצויגן מס פון פּערגאַמום. די פאַרשידענע וועלט-געגנטן זענען נאָך געווען אָפּגעטיילט דורך אומבאַזיגבאַרע שטרעקעס, און וואַר-שיינלעך האָט די רעשט וועלט געהאַט פאַרנעפּלטע און ווייטע ידיעות וועגן דעם קאַמף אויף לעבן און טויט, וואָס האָט גע-

1) די רוימער האָבן גערופן די קאַרטאַגער Punica

דויערט אנדערהאלבן יארהונדערט אין שפאניע, איטאליע, צפון-אפריקע און דעם מערב-מיטללענדישן געביט, צווישן דער לעצטער פעסטונג פון דער סעמיטישער מאכט און רוים, דעם נייעם אנקומער פון צווישן די אריש-רעדנדיקע פעלקער. יענע מלחמה האט איבערגעלאזט אירע שפורן אין דעם אויסגאנג, וועלכער באוועגט נאך היינט די וועלט. רוים האט טריומפירט איבער קארטאגע, אבער די קאנקורענץ צווישן דעם אריער און סעמיט איז שפעטער אויפגעשווימען אין דעם קאנפליקט צווישן גוי און ייד. אונדזער געשיכטע קומט איצט צו צו געשעענישן, וועמענס קאנזעקווענצן און פארקריפלטע טראדיציעס אנטהאלטן נאך אין זיך א פארשלעפטע און גוסדיקע וויטאליטעט און איבן אויס א קאמפליצירטן און צומישנדיקן איינפלוס אויף די קאנפליקטן און קעגנזאצן פון דער היינטיקער צייט. אין 264 פ. ק. האט זיך אנגעהויבן די ערשטע פונישע מלחמה איבער די מעסינישע פיראטן. זי האט זיך אנטוויקלט אלס קאמף פאר דעם באזיץ פון גאנץ סיציליע, חוץ די געביטן פון דעם גריכישן קעניג פון סיראקוז. אין אנהייב האבן די קארטאגער געהאט די איבערוואג איפן ים. זיי האבן געהאט גרויסע שיפן פון דאן אן אומדערהערטן פארנעם, 5 רודער-רייעס און א ריזיקן טאראן. אין דער שלאכט ביי סאלאמיס, 200 יאר פריער, האבן די הויפט קריגס-שיפן געהאט נאר 3-רייאיקע רודער-בענק.

אבער די רוימער, הגם זיי האבן געהאט ווינציק דערפארונג איפן ים, האבן זיך מיט אן אויסערגעוויינלעכער ענערגיע גענומען איבערצושטייגן די קארטאגער. דעם נייעם פלאט, וואס זיי האבן געשאפן, האבן זיי באזעצט מיט גריכישע מאטראזן און זיי האבן דערפונדן קלאמערס און האקעס, וועלכע זאלן פארטרעטן די העכערע ים-קונסט פון דעם שונא. ווען די קארטאגער האבן געוואלט אנגרייפן און פארניכטן די רוימישע רודערס, זענען זיי ארומגענומען געווארן דורך די קלאמערס און ארומגערינגלט געווארן דורך די מענגע רוימער, ביי מילע

260 פ. ק.) און ביי עקנאָמוס (256 פ. ק.) האָבן די קאַרטאַגער געליטן שווערע מפּלות. זיי האָבן אָפּגעשטויסן אַ רוימישן דע-סאַנט נעבן קאַרטאַגע, אָבער זיי זענען שטאַרק צושלאָגן געוואָרן ביי פּאַלערמאָ, ווו זיי האָבן פאַרלאָרן 104 העלפאַנטן, וועלכע האָבן באַשיינט די טריומף-פּראָצעסיע דורך פאָרום 1). אָבער נאָכהער האָבן די רוימער געליטן צוויי מפּלות און דאַן זענען זיי ווידער געקומען צו די כּוחות. די לעצטע קאַרטאַגישע ים-קרעפטן האָבן געליטן אַ מפּלה דורך דער לעצטער רוימישער אָנשטרענגונג אין דער שלאַכט ביי די עגעאישע אינזלען (241 פ. ק.) און זיי האָבן געבעטן שלום. גאַנץ סיציליע, חוץ די געביטן פון דעם סיראַקוזישן קעניג היערא, איז איינגעגלידערט געוואָרן צו רוים. 22 יאָר האָט געדויערט דער שלום. ביידע, סיי די רוימער, סיי די קאַרטאַגער, האָבן געהאַט גענוג דאגות ביי זיך אין דער היים. די גאַלן האָבן זיך ווידער באַוויזן אין דרום-איטאַליע און באַדראָט די רוימער — וועלכע האָבן אין פּאַנישן שרעק מקריב געווען מענטש-לעכע קרבנות צו די געטער, אָבער זיי זענען צע-קלאַפּט געוואָרן ביי טאַלאַמאָן. רוים האָט זיך צוגערוקט צו די אַלפּן און אפילו פאַרשפּרייט זיך אַראָפּ צום אַדריאַטישן ברעג צו איללוריאַ.

קאַרטאַגע האָט געליטן פון היימישע אויפשטאַנדן און פון אַ רעוואָלוציע אין קאָרסיקאַ און אין סאַרדיניע, און געהאַט אַ סך ווינציקער אויפלעבונגס-קראַפט. ענדלעך, אַן אַקט פון אומ-דערלאָזבאַרער אַגרעסיע, האָט רוים געכאַפּט און אַנעקסירט די צוויי אויפשטענדיקע אינזלען. צו יענער צייט איז צפון-שפּאַניע ביזן טייך עבראָ געווען קאַרטאַגיש. און דער דאָזיקער גרעניץ האָבן די רוימער איינגעשלאָסן די קאַרטאַגער. דאָס איבערגיין דעם עבראָ איז דורך די רוימער באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מלחמה

1) מארק פלאַץ אין רוים.

אָקט. ענדלעך, אין 218 פ. ק., זענען די קאַרטאַגער, פּראָוואָ־צירט דורך נייע רוימישע אָנפאַלן, אַריבער דעם טייך אונטער דער אָנפירונג פונם יונגן גענעראַל האַניבאַל, איינער פון די גלענצנדסטע קאָמאַנדירן אין דער געשיכטע. איבער די אַלפּן האָט ער אַריינמאַרשירט מיט זיין אַרמיי קיין איטאַליע, אויפגע־העצט די גאַלן קעגן רוים און געפירט די צווייטע פּונישע מלחמה אויפן איטאַליענישן באָדן אין משך פון 15 יאָר. ביי דער אָזערע טראַסימירע און ביי קאַנע האָבן די רוימער דורך אים גע־ליטן שרעקלעכע מפּלות. אין משך פון אַלע זיינע איטאַליענישע קאַמפּאַניעס האָט קיין שום רוימישע אַרמיי זיך נישט געקענט אים אַנטקעגנשטעלן און געליטן מפּלות. אָבער אַ רוימישע אַרמיי האָט זיך אַרויסגעזעצט אין מאַרסייל און אים אָפּגעשניטן פון שפּאַניע; ער האָט אויך נישט געהאַט קיין באַלאַגערונגס־טאַבאָר און נישט געקענט איינעמען רוים. צום סוף זענען די קאַרטאַגער, באַדראָט פון דעם נומידישן אויפשטאַנד אין זייער היים, געצוווּנגען געווען צו פאַרטיידיקן זייער אייגענע שטאָט אין אַפריקע. אַ רוימישע אַרמיי איז אַריין קיין אפריקע און האַניבאַל האָט אין דער שלאַכט ביי צאַמאַ (202 פ. ק.) באַקומען זיין ערשטע מפּלה פון די הענט פון סציפּיאָ אַפריקאַנוס דעם עלטערן.

קאַרטאַגע האָט קאַפּיטולירט; זי האָט אָפּגעגעבן שפּאַניע און איר קריגס־פלאָט, באַצאָלט אַ ריזיקע קאָנטריבוציע און מסכים געווען איבערצוגעבן האַניבאַלן אין די הענט פון די רוימישע נקמה־נעמער. אָבער האַניבאַל איז אַנטלאָפן קיין אַזיע, ווּ ער האָט זיך אין אַ צייט אַרום, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל נישט אַריינפאַלן צו זיינע אומבארחמנותדיקע שונאים, געסמט און גע־שטאָרבן. 56 יאָר האָט געדויערט דער שלום צווישן רוים און דער איינגעשרומפּטער קאַרטאַגע. דערווייל האָט רוים פאַר־שפּרייט איר מאַכט איבער דעם צובראָקלטן און אָרדנונגס־לאָזן גריכנלאַנד, אָקופּירט קליין אַזיע און ביי מאַגנעזיא,

נ[illegible]א, אין לידיע, האָט זי צעשלאָגן דעם סעלייקישן קעניג אַנטיוכוס III. פון מצרים, נאָך אַלץ אונטער דער פּטאָלאָמייאישער דינאַסטיע, פון פּערגאַמום און פון די קליינע שטאַטן פון קליין-אַזיע האָט זי געמאַכט „פאַרבונדעטע", אָדער ווי מיר וואָלטן עס היינט אָנגערופן, „פּראָטעקטאָראַט שטאַטן". דערווייל האָט קאַרטאַגע, הגם אונטערגעיאָכט און אָפּגעשוואַכט, ביסלעכווייז צוריקגעוווּנען עפּעס פון איר פריערדיקן ווילשטאַנד. איר אויפלעב האָט דערוועקט ביי רוים שנאה און חשד. צוליב אַ קליינלעכער און קינסטלעך אויפגעבלאָזענער מחלוקה, איז זי באַפאַלן געוואָרן פון רוים (149 פ. ק.); זי האָט געשטעלט אַן עקשנותדיקן און פאַרביסענעם ווידערשטאַנד, אויסגעהאַלטן אַ לאַנג-דויערנדיקע באַלאַגערונג און איז געשטורעמט געוואָרן (145 פ. ק). דער קאַמף אין די גאַסן, אָדער די שחיטה, האָט געדויערט 6 טעג; דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך בלוט-באָד, און ווען די ציטאַדעל האָט קאַפּיטולירט איז פון אַ פערטל מיליאָן איינוווינער געבליבן 50 טויזנט. זיי זענען פאַרקויפט געוואָרן אַלס שקלאַפן און די שטאָט איז פאַרברענט און גרונטלעך חרוב געוואָרן.

די שוואַרצע רואינען זענען פאַרזייעט און פאַראַקערט געוואָרן — אַ מין צערעמאָניאַלע אָפּמעקונג. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די דריטע פונישע מלחמה. פון אַלע סעמיטישע שטאַטן און שטעט, וועלכע האָבן געבליט פינף הונדערט יאָר פריער, איז נאָר א קליין לאַנד געבליבן פריי און איז רעגירט געוואָרן פון אייגענע הערשער. דאָס איז געווען יודעאַ, וועלכע האָט זיך באַפרייט פון די סעלייקידן און ס'האָבן דאָרט געהערשט די מאַקאַבעאישע פירשטן. אין יענער צייט איז די ביבל שוין געווען כמעט פערטיק און ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די אייגנאַרטיקע יידישע טראַדיציעס, וועלכע מיר קענען היינט. עס איז געווען נאַטירלעך, וואָס די קאַרטאַגער, פעניקער און די קרובהשע פעלקער, וועלכע זענען געווען צעזייעט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, האָבן געפונען א פאַראייניקונגס-פונקט אין זייער

פאַקטיש-ענלעכער שפּראַך און אין דער דאָזיקער ליטעראַטור פון האָפנונג און דערמוטיקונג. זיי זענען נאָך אין אַ גרויסער מאָס געווען די סוחרים און באַנקירער פון דער וועלט. די סע-מיטישע וועלט איז גיכער אונטערגעגאַנגען ווי פאַרטרעטן גע-וואָרן. ירושלים, וועלכע איז שטענדיק געווען דער סימבאָל פון יודאאיזם, איז איינגענומען געוואָרן דורך די רוימער אין 65 פ. ק. און נאָך פאַרשידענע שנויים פון כלומרשטער אומאָפּהענגיקייט און רעוואָלוציעס איז זי דורך זיי באַלאַגערט געוואָרן אין 70 נ. ק. און איינגענומען געוואָרן נאָך אַ האַרטנעקיקן קאַמף. דער בית-המקדש איז צושטערט געוואָרן. אַ שפּעטערדיקע רעוואָלוציע אין 132 נ. ק. האָט פאַרפולקאָמט דעם חורבן, און דאָס היינטיקע ירושלים איז אויפגעבויט געוואָרן אונטער דער רוימישער השגחה אויפן אָרט פון בית-המקדש איז געשטאַנען אַ טעמפּל צו דעם רוימישן גאָט יופּיטער קאַפּיטאָלינוס און די יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו וווינען אין דער שטאָט.

קאַפּיטל 33

דער וווּקס פון דער רוימישער אימפּעריע

די דאָזיקע נייע רוימישע מאַכט, וועלכע האָט באַהערשט די מערב-וועלט אין דעם 2-טן און 1-טן י. ה. פ. ק. איז אין אַ סך הינזיכטן געווען אַנדערש ווי יענע גרויסע אימפּעריעס, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט געהערשט אין דער ציוויליזירטער וועלט. זי איז לכתחילה נישט געווען קיין מאָנאַרכיע און זי איז נישט געווען די שאַפונג פון אַ גרויסן דעראָבערער. זי איז אין אמתן נישט געווען די ערשטע רעפּובליקאַנישע אימפּעריע; אַסך

האָט באַהערשט אַ גרופּע „פאַרבונדעטע" און אָפּהענגיקע שטאַטן אין פּעריקלעסעס צייטן, און קאַרטאַגע, בעת זי האָט אָנגעהויבן איר פאַטאַלן קאַמף מיט רוים, האָט געהערשט איבער סאַרדיניע, קאָרסיקאַ, מאַראָקאָ, אַלזשיר, טוניס, דעם גרעסטן טייל שפּאַניע און סיציליע. אָבער רוים איז געווען די ערשטע רעפּובליקאַנישע אימפּעריע, וועלכע האָט אויסגעמיטן אונטערגאַנג און ווייטער זיך אַנטוויקלט. דער צענטער פון דעם נייעם סיסטעם איז געווען ווייט צו מערב פון די עלטערע צענטערס פון דער אימפּעריע, בעת אין מצרים און אין מעסאָפּאָטאַמיע איז ער געווען אין די טייך-טאָלן. די מערב-פּאָזיציע האָט דערמעגלעכט רוים אַריינצוברענגען אין דער ציוויליזאַציע נייע געגנטן און פעלקער. די רוימישע מאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט ביז מאַראָקאָ און שפּאַניע און זי איז באַלד אומשטאַנד געווען צו רוקן זיך אין דער צפון-מערב-ריכטונג איבער פראַנקרייך און בעלגיע קיין ענגלאַנד, און אין דער צפון-מזרח-ריכטונג קיין אונגאַרן און דרום-רוסלאַנד. דאַקעגן איז זי נישט אומשטאַנד געווען זיך צו האַלטן אין צענטראַל-אַזיע אָדער אין פּערסיע, ווייל זיי זענען געווען צו ווייט פון די אַדמיניסטראַטיווע צענטערס. זי האָט דעריבער אין זיך איינגעשלאָסן גרויסע מאַסעס פון נייע נאָרדישע, אַריש-רעדנדיקע פעלקער. באַלד האָט זי איינגעשלאָסן אין זיך כמעט די גאַנצע גריכישע באַפעלקערונג פון דער וועלט, און איר אייגענע באַפעלקערונג איז געווען ווייניקער כאַמיטיש און סעמיטיש, ווי אין די פריערדיקע אימפּעריעס. אין משך פון אַ פּאָר הונדערט יאָר איז די רוימישע אימפּעריע נישט געגאַנגען אין אירע פאָרגייערס שאַבלאָנעם נוסח, וועלכער האָט איינגעשלונגען פּערסיע און גריכנלאַנד, און זי האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון דער דאָזיקער צייט. אין משך פון אַ דור אָדער עפּעס מער זענען די הערשער פון די מדיער און פּערסער פולשטענדיק פאַרבבּלישט געוואָרן; זיי האָבן איבערגענומען די דריי-קרוין פון דעם קעניג פון די קעניגן און

די טעמפלען און פריסטערשאַפט פון זיינע געטער; אַלעקסאַנדער און זיינע נאָכפאָלגער זענען געגאַנגען אין דעם זעלבן לייכטן אַסימילאַציע-וועג; די סעלייקישע מאָנאַרכן האָבן געהאט דעם זעלבן הויף און די אַדמיניסטראַטיווע מעטאָדן פון נבוכדנצאר; די פטאָלאָמייער זענען געוואָרן פרעה׳ס און אײנגאַנצן פאַרמצרישט. זיי האָבן זיך אַסימילירט, פונקט ווי די סעמיטישע דעראָבערער פון סומיריע. אָבער די רוימער האָבן געהערשט אין זייער אייגענער שטאָט און א פּאָר הונדערט יאָר זיך געהאַלטן זייערע אייגענע געזעצן. דאָס אײנציקע פאָלק, וועלכעס האָט פארן 2-טן אָדער 3-טן י. ה. נ. ק. געהאַט אויף זיי אַ גרויסע גייסטיקע השפעה, זענען געווען די קרובהש-ענלעכע גריכן. און אַזוי אַרום איז די רוימישע אימפּעריע אין גרונט געווען דער ערשטער פּרוּוו צו הערשן איבער אַ גרויסן באַזיץ אויף הויפּטזעכלעך אַרישע ריכטליניען. אין דער הינזיכט איז דאָס געווען אַ נייער מאָדעל אין דער געשיכטע, אַ נייע פאַרשפּרייטע אַרישע רעפּובליק. דער אַלטער מאָדעל פון אַ פּערזענלעכן דעראָבערער, וועלכער הערשט איבער אַ הויפּט-שטאָט, וואָס איז אויפגעוואַקסן אַרום דעם טעמפּל פון אַ שניט-גאָט, האָט נישט געקענט אָנגעווענדט ווערן לגבי איר. די רוימער האָבן געהאַט געטער און טעמפּלען, אָבער פונקט ווי די גריכישע געטער, זענען זייערע געווען כּלומרשט אומשטערבלעכע מענטשן, געטלעכע פּאַטריציער. די רוימער האָבן אויך מקריב געווען בלוט-קרבנות און אין אַ נויט-צייט האָבן זיי אַפילו מקריב געווען מענטשלעכע קרבנות. דאָס האָבן זיי זיך געקענט אָפּלערנען פון זייערע פינסטערע עטרוסקישע לערער. אָבער ערשט א לאַנגע צייט נאָכדעם ווי רוים איז געשטאַנען ביים זעניט פון איר מאַכט, האָבן דער כּהן און טעמפּל נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָל אין איר געשיכטע.

די רוימישע אימפּעריע איז געווען אַ נישט פאַרויסגעפּלאַנטער וווּקס; דאָס רוימישע פאָלק האָט אומגעריכט געהאַט צו טון מיט אַ ריזיקן אַדמיניסטראַטיוון עקספּערימענט. מ׳קען נישט

זאָגן, אַז ער איז געווען אַ געלונגענער. זייער אימפּעריע איז
זיך ענדלעך איינגאַנצן צעפאַלן. אין יעדן יאָרהונדערט
האָט זי זיך שטאַרק געענדערט אין דער פאָרם און אין
דער מעטאָדע. אין משך פון אַ הונדערט יאָר האָט זי
זיך מער געענדערט, ווי בענגאַל אָדער מעסאָפּאָטאַמיע, אָדער
מצרים אין טויזנט יאָר. זי האָט זיך שטענדיק געענדערט. זי
האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט וואָסערע עס איז סטאַביליטעט.
אין אַ געוויסער הינזיכט איז דער עקספּערימענט נישט געלונגען
און געבליבן נישט פאַרענדיקט, און דאָס היינטיקע אייראָפּע און
אַמעריקע אַרבעטן איבער די פּראָבלעמען פון אַ וועלט-פאַרשפּריי-
טערטע שטאַט-מאַכט, מיט וועלכע די רוימער זענען שוין געווען
פאַרנומען. דער פאָרשער פון דער געשיכטע דאַרף אין זינען
האָבן די זייער גרויסע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען
אין משך פון דעם גאַנצן פּעריאָד פון דער רוימישער הער-
שאַפט, נישט בלויז אויפן פּאָליטישן, נאָר אויך אויפן סאָציאַלן און
מאָראַלישן געביט. ס'הערשט אַ צו שטאַרקע טענדענץ ביי די מענטשן,
אַז די רוימישע הערשאַפט איז געווען אַ פאַרענדיקטע און סטאַבילע,
פעסטע, פולקאָמע און אַנטשיידענע. אין מאַקוליי'ס[1] „לידער
פון אַלטן רוים" זענען S. P. Q. R.[2] דער עלטערער קאַטאָ,
די סציפּיאָס, יוליוס צעזאַר, דיאָקלעציאַן, קאָנסטאַנטין דער גרוי-
סער, טריומפצוגן, אָראַטאָרישע קונסט, גלאַדיאַטאָרישער קאַמפן
און קריסטלעכע מאַרטירער, אויסגעמישט אין אַ בילד אַלס עפּעס
הויכעס, שטרענגעס און ערהאַבענעס. די פּרטים פון דעם דאָ-
זיקן בילד דאַרפן אויפגעפּלאָנטערט ווערן. זיי זענען געזאַמעלט
געוואָרן פון פאַרשידענע פונקטן פון אַ פאַרענדערונגס פּראָצעס,
וואָס איז געווען טיפער, ווי דער, וועלכער אונטערשיידט דאָס

1) אַן ענגלישער היסטאָריקער (1800--59)
2) — Senatus Populusqus Rormanus דער סענאַט און פאָלק פון
רוים.

לאָנדאָן. פון דעם היינטיקן לאָנדאָן פון ווילהעלם דעם זיגער 1) די עקספּאַנסיע פון רוים קענען מיר גאַנץ באַקוועם צוטיילן אויף פיר פּאַזעס. די ערשטע פּאַזע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער צוראַבירונג פון רוים דורך די גאָטן אין 390 פ. ק. און זי האָט געדויערט ביז צום סוף פון דער ערשטער פּונישע מלחמה (240 פ. ק.) די דאָזיקע פּאַזע קען הייסן די פּאַזע פון דער „אַסימילירנדעקער רעפּובליק”. זי איז, מעגלעך, געווען די שענסטע, העכסט-כאַראַקטעריסטישע פּאַזע אין דער רוימישער געשיכטע. דער לאַנגיעריקער קאַמף צווישן די פּאַטריציער און פּלעבעער האָט זיך דערנענטערט צום סוף, די עטרוסקישע סכנה איז פּאַריבער. קיינער איז נישט געווען איבעריק רייך אָדער צו אָרים, און ס׳רובמענטשן זענען געווען גלייכצייטיק ... ס׳רובמענטשן זענען געווען געזעלשאַפטלעך געשטימט. די רעפּובליק פון דער דאָזיקער פּאַזע איז ענלעך געווען צו דער דרום-אַפריקאַנישער בורן-רעפּובליק פון פאַרן 1900 יאָר אָדער צו די צפון שטאַטן פון דער דער אַמעריקאַנישער אוניע פון די יאָרן צווישן 1800 און 1850 — זי איז געווען אַ רעפּובליק פון פרייע פּאַרמערס. אין אָנהייב פון דער דאָזיקער פּאַזע איז רוים געווען אַ קליינער שטאַט, וואָס האָט פאַרנומען קוים 32 קוו. קילאָמעטער. זי האָט געקעמפט מיט די קרעפטיקע און קרובה׳שע שכנותדיקע שטאַטן. זי האָט זיי נישט געוואָלט פאַרניכטן, נאָר פאַראייניקן זיך מיט זיי. די יאָרהונדערטער פון בירגער-קאַמפן האָבן אויסגעלערנט דאָס פאָלק איינצוגיין אויף קאָמפּראָמיסן און קאָנצעסיעס. אַ טייל באַזיגטע שטעט זענען אינגאַנצן ראָמאַניזירט געוואָרן און געהאַט שטים-רעכט אין דער פאַרוואַלטונג; טייל זענען געוואָרן זעלבסטשטענדיק און געהאַט דאָס רעכט צו האַנדלען און חתונה האָבן אין רוים; גאַרניזאָנען פון פולבארעכטיקטע בירגער זענען אַריינגעזעצט געוואָרן אין די סטראַטעגישע פּונקטן און ס׳זענען געגרינדעט געוואָרן פּאַר-

1) ווילהעלם פון נאָרמאַנדיע׳ דעראָבערט ענגלאַנד אין 1066

שידענע פריווילעגירטע קאָלאָניעס צווישן די נאָרוואָס באַזיגטע
פעלקער. מ׳האָט געמאַכט גרויסע שאָסייען. די אומפאַרמייד-
לעכע קאָנזעקווענץ פון אזאַ פּאָליטיק איז געווען די שנעלע
לאַטייניזאציע פון גאנץ איטאַליע. אין 89 פ. ק. זענען אַלע
פרייע איינוווינער פון איטאַליע געוואָרן בירגער פון דער שטאָט
רוים. פאָרמעל איז די גאַנצע רוימישע אימפעריע צום סוף גע-
וואָרן אַ זיך פאַרשפרייטנדיקע שטאָט. אין 212 נ. ק. האָט יע-
דער פרייער מענטש אויף דעם גאַנצן שטח פון דער אימפעריע
באַקומען בירגערשאַפט; ער האָט געהאַט דאָס רעכט, אויב ער
איז אומשטאַנד געווען דאָרט אַהינצוגיין, צו שטימען אין דער
שטאָט-פאַרזאַמלונג אין רוים. די דאָזיקע פאַרשפרייטונג פון
בירגערשאַפט אויף די געהאָרכזאַמע שטעט און גאַנצע לענ-
דער איז געווען דאָס בולטע מיטל פון דער רוימישער עקספּאַנסיע.
עס איז איבערגעדרייט געוואָרן דער אַלטער פראָצעס פון דעראָ-
בערונג און אַסימילאַציע פון די זיגער. לויט דער רוימישער
מעטאָד האָבן די זיגער אַסימילירט די באַזיגטע. אָבער נאָך
דער ערשטער פונישער מלחמה און דער אַנעקסיע פון סיציליע,
איז, הגם דער אַלטער אַסימילאַציע-פּראָצעס איז זיך ווייטער גע-
גאַנגען, אַנטשטאַנען נעבן אים אַן אַנדערער פּראָצעס. סיציליע
צ. ב. איז באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ רויב פון דעם זיגער. זי
איז דערקלערט געוואָרן אַלס „פאַרמעג” פון דעם רוימישן פאָלק.
איר רייכער באָדן און אַרבעטזאַמע באַפעלקערונג זענען עקס-
פּלאָאַטירט געוואָרן, כּדי רייך צו מאַכן רוים. די פּאַטריציער
און די מער איינפלוסרייכע פּלעבעיער האָבן זיך פאַרזיכערט דעם
הויפּט-טייל פון דעם דאָזיקן רייכטום. די מלחמה האָט אויך
אריינגעבּרענגט אַ גרויסן סכום פון שקלאַפן. פאַר דער ערשטער
פונישער מלחמה איז די באַפעלקערונג פון דער רעפּובליק,
מייסטנס באַשטאַנען פון בירגערס פּאַרמער. זייער פּריווילעגיע
און פליכט איז געווען די מיליטער-דינסט. ווען זיי זענען גע-
ווען אין דער אַקטיווער דינסט, זענען זייערע פּאַרמעס אַריינגע-

פּאַלן אין חובות און ס'איז אויפגעוואַקסן אַ נייע, גרויס-מאַסשטאַביקע שקלאַפן-אַגריקולטור; ווען זיי זענען אַהיימגעקומען, האָבן זיי געדאַרפט אויסצושטיין די קאָנקורענץ פון דער סיציליאַנישער אויף שקלאַפן-אַרבעט געשטיצטע פּראָדוקציע און פון די נייע שטאַנדן פון דער היים. די צייטן האָבן זיך געענדערט. די רעפּובליק האָט געטוישט איר אויסזען. נישט בלויז סיציליע אַליין איז געווען אין רוימס מאַכט, נאָר אויך דער פּשוטער מענטש איז געווען אין די הענט ביי די רייכע קרעדיטאָרן און קאָנקורענטן. רוים איז אַריין אין דער צווייטער פאַזע, די רעפּובליק פון די אַוואַנטורעס-זוכנדיקע רייכע לייט. צוויי הונדערט יאָר האָבן די רוימישע זעלנער-פּאַרמער געקעמפט פאַר פרייהייט און פאַר דעם אַנטייל אין דער פאַרוואַלטונג פון זייער שטאָט; הונדערטער יאָר האָבן זיי גענאָסן פון זייערע פּריווילעגיעס.

די ערשטע פּונישע מלחמה האָט זיי פאַרניכטעט און זיי באַרויבט פון דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט דעראָבערט. די ווערט פון זייערע וואַל-פּריווילעגיעס איז אויך אַוועק מיטן רויך.

אין דער רוימישער רעפּובליק זענען געווען צוויי רעגירנדיקע קערפּערשאַפטן. די ערשטע און די וויכטיקסטע איז געווען דער סענאַט. לכתחילה איז דאָס געווען אַ קערפּערשאַפט פון פּאַטריציער און נאָכהער פון אַלע פּראָמינענטע מענער פון אַלע קלאַסן. דער סענאַט איז אין אָנהייב צונויפגערופן געוואָרן דורך געוויסע מעכטיקע אָפיציעלע לייט, די קאָנסולן און צענזאָרן. פּונקט ווי דאָס ענגלישע לאָרדן-הויז, איז ער געווען אַ קיבוץ פון גרויסע ערד-באַזיצער, פּראָמינענטע פּאָליטיקער, גרויסע געשעפטס-לייט א. ד. גל. ער איז גיכער ענלעך געווען צום ענגלישן לאָרדן-הויז, איידער צום אַמעריקאַנישן סענאַט. אין משך פון דריי הונדערט יאָר, פון די פּונישע מלחמות אָן, איז ער געווען דער צענטער פונעם פּאָליטישן געדאַנק און ציל. די צווייטע קערפּערשאַפט איז געווען די פאָלקס-פאַרזאַמלונג פון אַלע בירגער פון רוים. דאָס איז מעגלעך געווען, ווען רוים איז געווען

אַ קליינער שטאָט פון 32 קוו. קלמ. אָבער ווען די רוימישע
בירגערשאַפט האָט זיך פאַרשפרייט איבער די גרעניצן פון אי-
טאַליע, איז אַזאַ פאָלקס-פאַרזאמלונג געוואָרן אַן אוממעגלעכע
זאַך. איר צונויפרופונג, וואָס איז פּראָקלאמירט געוואָרן דורך דעם
בלאָזן פון אַ האָרן פון קאַפּיטאָל אַראָפּ און פון די שטאָט-
מויערן, איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַן אָרט פאַר די פּאָלי-
טישע אונטערגעקויפטע און פאַר דער פּסולת פון דער
שטאָט. אין 4-טן י. ה. פ. ק. האָט די פאָלקס-פאַרזאַמלונג
אויסגעאיבט אַ באַדייטנדע קאָנטראָל אויפן סענאַט און זי איז
געווען אַ קאָמפּעטענטע רעפּרעזענטאַנץ פון דעם פּראָסטן
מענטשנס פאָדערונגען און רעכט. ביים סוף פון די פּונישע
מלחמות איז זי געווען אַן אימפּאָטענטע רעליקוויע פון א באַ-
זיגטער פאָלקס קאָנטראָל. די גרויסע לייט האָבן נישט געהאט
איבער זיך קיין פּאַקטישע, לעגאַלע קאָנטראָל. ס'איז אין רוים
נישט געווען אַזאַ זאַך, וואָס זאָל קענען אָנגערופן ווערן רעפּ-
רעזאַנטיווע רעגירונג. ס'האָט נישט קיינעם אַפילו געחלומט צו
קלויבן דעלעגאַטן, וועלכע זאָלן רעפּרעזענטירן דעם ווילן פון
די בירגער. דאָס איז אַ זער וויכטיקער פונקט, וועלכן דער
פאָרשער דאַרף באַגרייפן. די פאָלקס פאַרזאַמלונג איז קיינמאָל
נישט געווען דער עקוויוואַלענט פון דעם אַמעריקאַנישן „רעפּ-
רעזענטאַנץ הויז" אָדער פון דעם ענגלישן „הויז פון די געמיינ-
דעס" (פּאַרלאַמענט). אין דער טעאָריע איז זי באַשטאַנען
פון אַלע בירגער, אָבער אין דער פּראַקטיק האָט זי אינגאַנצן
אויפגעהערט צו האָבן אַ באַדייטונג. דער פּשוטער בירגער פון
דער רוימישער אימפּעריע האָט זיך נאָך דער צווייטער פּוני-
שער מלחמה דעריבער געפונען אין אַ זער שלעכטער לאַגע;
ער איז פאַראָרימט געוואָרן, אָפט געהאַט פאַרלאָרן זיין פאַרם, אי-
בער די שקלאַפן איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּראָ-
פיט געבנדיקער פּראָדוקציע און ס'איז אים נישט געבליבן קיין
פּאָליטישע מאַכט, כדי צו פאַרבעסערן זיין לאַגע. די איינציקע

מעטאָדן פון פאָלקס-אויסדרוק, וואָס עס האָט אַ פאָלק, וועלכעס באַזיצט נישט קיין פּאָליטישע אויסדרוק-פאָרמען, זענען דער סטרייק און די רעוואָלוציע. די געשיכטע פון 2-טן און 1-ן י. ה. פ. ק., אויף וויפל ס'איז שייך דער אינערלעכער פּאָליטיק, איז די געשיכטע פון אַ פּרוכטלאָזן רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד. דער פאַרנעם פון אונזער בוך דערלויבט אונז נישט צו דערציילן וועגן די פאַרוויקלטע קאַמפן פון יענער צייט, וועגן די פרוּוון צו פאַרניכטן דעם ערד-באַזיץ און זי צוריקצוגעבן דעם פרייען פאַרמער, און וועגן די פּראָיעקטן אָפּצושאַפן, טיילווייז אָדער אינגאַנצן, די חובות. ס'זענען פאָרגעקומען רעוואָלוציעס און בירגער-קריגן. אין 73 פ. ק. האָבן זיך פאַרגרעסערט די דאגות פון רוים איבער דעם גרויסן אויפשטאַנד פון די שקלאַפן אונטער ספּאַרטאַק'ס אָנפירונג. זיי האָבן געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג, ווייל צווישן זיי זענען געווען די געאיבטע קעמפער פון גלאַדיאַטאָרישע שוישפּילן. צוויי יאָר צייט האָט ספּאַרטאַקוס אויסגעהאַלטן אין וועזוויוס קראַטער; אין יענער צייט האָט זיך געדוכט, אַז דער וועזוויוס איז אַן אויסגעלאָשענער ווולקאַן. ענדלעך איז דער אויפשטאַנד דורכגעפאַלן און ער איז אונטערדריקט געוואָרן מיט אַ משוגענער אכזריות. לענג אויס דעם אַפּיע-שאָסיי, דער גרויסער שאָסיי צו דרום פון רוים, זענען געהאָנגען געוואָרן 6000 געפאַנגענע ספּאַרטאַקיסטן. (71 פ. ק.) דאָס פּראָסטע פאָלק האָט זיך קיינמאָל נישט אַנטקעגנגעשטעלט די קרעפטן, וועלכע האָבן עס פאַרקנעכטעט און דעגראַדירט. אָבער די גרויסע לייט, וועלכע האָבן עס באַזיגט, האָבן שוין בעת זיין מפּלה צוגעגרייט אַ נייע מאַכט, די מאַכט פון דער אַרמיי, וועלכע האָט באַהערשט אי זיי, אי דאָס פאָלק.

פון דער צווייטער פונישער מלחמה אָן איז די רוימישע אַרמיי באַשטאַנען פון פרייע פאַרמערס, וועלכע האָבן לויט זייערע אייגנשאַפטן מאַרשירט צו פוס אָדער געריטן צו דער שלאַכט. דאָס איז געווען אַ זייער גוטע אַרמיי פאַר מלחמות, וואָס זענען

פֿאָרגעקומען נאָנט, אָבער נישט געטויגט צו גיין איבער דער גרעניץ און געדולדיק אויסהאַלטן לאַנגע קאַמפּאַניעס.

און וואָס מער ס'האָט זיך פֿארגרעסערט די צאָל פֿון די שקלאַפֿן און פֿון דעם ערד-באַזיץ, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן דער רעזערוו פֿון די פֿרייהייט-געשטימטע קעמפֿנדע פֿאַרמער אַ פֿאָלקס-אָנפֿירער מאַריוס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם פֿאַקטאָר. נאָך דעם זיג איבער דער קאַרטאַגישער ציוויליזאַציע איז אין צפֿון אַפֿריקע אויפֿגעקומען דאָס האַלב באַרבאַרישע קעניגרייך נומידיע. רוים איז פֿאַרוויקלט געוואָרן אין אַ קאָנפֿליקט מיט יוגורטאַ, דער קעניג פֿון דער דאָזיקער מלוכה, און עס איז איר געווען אויסערגעוויינלעך שווער אים צו באַזיגן. אין אַ פּאַזע פֿון פֿאָלקס-אויפֿרעגונג איז מאַריוס געוואָרן קאָנסול, כּדי צו פֿאַרענדיקן די דיסקרעדיטערנדע מלחמה. דאָס האָט ער פֿאַרווירקלעכט מיט דער הילף פֿון געצאָלטע זעלנער, וועלכע ער האָט ענערגיש אויסגעבילדעט. יוגורטאַ איז אין קייטן געבראַכט געוואָרן קיין רוים (106 פֿ. ק.); אָבער ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער טערמין פֿון מאַריוס קאָנסולשאַפֿט, האָט ער מיט דער הילף פֿון זיינע נייע געשאַפֿענע לעגיאָנען אומלעגאַל זיך געהאַלטן ביי דער מאַכט. אין רוים איז נישט געווען קיין שום כּוח, וואָס זאָל אים איינהאַלטן. מיט מאַריוסן האָט זיך אָנגעהויבן די דריטע פּאַזע אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער רוימישער מאַכט: די רעפּובליק פֿון די מיליטערישע קאָמאַנדירן. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד, אין וועלכן די אָנפֿירער פֿון די געצאָלטע לעגיאָנען האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער הערשאַפֿט אין דער וועלט. קעגן מאַריוסן איז אַרויסגעטרעטן דער אַריסטאָקראַט סוללאַ, וועלכער האָט געדינט אונטער זיין אָנפֿירונג אין אַפֿריקע.

יעדער פֿון זיי האָט לויט דער רייע אויסגעשאָכטן זיינע פּאָליטישע קעגנערס. טויזנטע מענטשן זענען פֿאַרטריבן געוואָרן אָדער געקעפּט געוואָרן און זייער ערד באַזיץ איז פֿאַר-

קויפט געוואָרן; נאָך דער בלוטיקער קאָנקורענץ פון זיי ביידע און נאָך די שרעקן פון דעם ספּאַרטאַקוס אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַוזע, אין וועלכער לוקולוס און פּאַמפּיי דער גרויסער, קראַסוס און יוליוס צעזאַר זענען געווען די באַהערשער פון די אַרמייען און באַהערשט די לאַגע. קראַסוס האָט צעשלאָגן ספּאַרטאַקוסן. לוקולוס האָט דעראָבערט קליין-אַזיע און אַריינגעדרונגען אין אַרמעניע; מיט אַ גרויס רייכטום האָט ער זיך אָפּגערוקט אינם פּריוואַטן לעבן. קראַסוס, וועלכער האָט זיך גערוקט ווייטער, האָט אָקופּירט פּערסיע, אָבער די פּאַרטער האָבן צעשלאָגן זיין אַרמיי און ער איז דערהרגעט געוואָרן. נאָך אַ לאַנגן קאַמף איז פּאַמפּיי באַזיגט געוואָרן פון יוליוס צעזאַרן (48 פ. ק.) און דערמאָרדעט געוואָרן אין מצרים; אַזוי אַרום איז יוליוס צעזאַר געבליבן דער איינציקער הערשער פון דער רוימישער וועלט.

דאָס געשטאַלט פון יוליוס צעזאַר האָט, נישט אין אַן ערך לויט דער פּראָפּאָרציע פון זיינע פאַרדינסטן און אמתער באַדייטונג, באַוועגט די מענטשלעכע אימאַגינאַציע. ער איז געוואָרן אַ לעגענדע און אַ סימבאָל. פאַר אונדז איז ער הויפּטזעכלעך וויכטיק אַלס די באַצייכנונג פון דעם איבערגאַנג פון דער פּאַזע פון די מיליטערישע דערפאַרונגען צו דעם אָנהייב פון דער פּירטער פּאַזע אין דער רוימישער עקספּאַנסיע — דאָס ערשטע קייסערטום. ווייל, טראָץ די טיפסטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דערשיטערונגען, טראָץ דעם בירגער-קריג און דער סאָציאַלער דעגענעראַציע, האָט די רוימישע מלוכה אין משך פון דער גאַנצער דאָזיקער צייט און ווייטער, ביז אַן ערך 100 י. נ. ק. פאַרשפּרייט אירע גרעניצן. בשעת די ספּקדיקע פּאַזעס פון דער פּונישער מלחמה איז געווען אַ געוויסער אַראָפּפאַל, און דאַן, פאַר מאַריוסעס קאָנסטרוקציע פון דער אַרמיי, אַ קענטיקער כוחות-פאַרלוסט. דער ספּאַרטאַקוס אויפשטאַנד באַצייכנט אַ דריטע פּאַזע. יוליוס צעזאַר האָט זיך באַרימט

געמאַכט אַלס מיליטערישער אָנפירער אין גאַליע, דאָס היינטיקע
פראַנקרייך און בעלגיע. (די הויפּט־שבטים, וואָס האָבן באַווינט
דאָס לאַנד, האָבן געהערט צו די זעלבע קעלטישע פעלקער,
ווי די גאַלן, וואָס האָבן אַ געוויסע צייט אָקופּירט צפון־איטאַליע
און וועלכע האָבן שפּעטער זיך אַריינגעריסן קיין קליין־אַזיע און
זיך באַזעצט אַלס די גאַלאַטיאַנער). צעזאַר האָט אָפּגעשטויסן
אַ גערמאַנישע אינוואַזיע פון גאַליע און אַנעקסירט דאָס גאַנצע
לאַנד פאַר רוים און ער איז צוויי מאָל אַריבער דעם דאָוועה־
פּאַס און אַריין קיין בריטאַניע (55 און 54 פ. ק), ווו ער האָט
אָבער נישט געמאַכט קיין פּערמאַנענטע דעראָבערונג. אין דער
זעלבער צייט האָט פּאָמפּיי קאָנסאָלידירט די רוימישע דעראָבע־
רונגען, וועלכע האָבן אין מזרח דערגרייכט ביז צום קאַספּישן
ים. אין יענער צייט, אינמיטן פון דעם 1־טן י. ה. פ. ק., איז
דער רוימישער סענאַט אָפיציעל נאָך געווען דער צענטר פון
דער רוימישער רעגירונג; ער האָט נאָמינירט קאָנסולן און אַנ־
דערע באַאַמטע, געגעבן באַפולמעכטיקונגען א. ד. גל. און אַ
גרופּע פּאָליטיקער, צווישן וועלכע ס'האָט זיך באַזונדערס אויסגע־
צייכנט ציצעראָ, האָט געקעמפט פאַר די גרויסע טראַדיציעס פון
דעם רעפּובליקאַנישן רוים און פאַר דעם רעספּעקט פאַר די גע־
זעצן. אָבער צוזאַמען מיט דער פאַרניכטונג פון די פרייע
פאַרמער איז אין איטאַליע פאַרשוווּנדן געוואָרן דער גייסט פון
דער בירגערשאַפט. זי איז איצט געווען אַ לאַנד פון שקלאַפן
און פאַראָרימטע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פאַר־
שטענדעניש פאַר פרייהייט און האָבן זי נישט געוואָלט.

אונטער די רעפּובליקאַנישע פירער איז גאָרנישט געשטאַ־
נען, אין דער צייט, ווען אונטער די גרויסע אַוואַנטוריסטן,
וועלכע זיי האָבן געוואָלט קאָנטראָלירן און פאַר וועלכע זיי
האָבן מורא געהאַט, זענען געשטאַנען די לעגיאָנען. איבער דעם
קאָפּ פונם סענאַט האָבן קראַסוס, פּאָמפּיי און צעזאַר צעטיילט
צווישן זיך די הערשאַפט איבער דער אימפּעריע (דער ערשטער

טריומווירא̇ט). ווען קראסוס איז בא̇לד דערנא̇ך דערהרגעט גע-
ווא̇רן דורך די פּארטער, אין דעם ווייטן קארהע, הא̇בן זיך
פּא̇מפּיי און צעזא̇ר צעקריגט. פּא̇מפּיי הא̇ט זיך געשטעלט אויף
דער זייט פון די רעפּובליקאנער און ס'זענען א̇נגענומען געווא̇רן
געזעצן צו משפּטן צעזא̇רן פא̇רן עובר זיין ס'געזעץ און פא̇ר
זיין אומגעהא̇רזא̇מקייט לגבי די דעקרעטן פונם סענא̇ט. עס
איז געווען א̇ געזעץ, וואס הא̇ט פא̇רבא̇טן א גענעראל א̇רויסצו-
פירן די זעלנער אויסער די גרעניצן פון זיין פולמא̇כט און די
גרעניץ צווישן צעזא̇רס פולמא̇כט און איטא̇ליע איז געווען דער
טייך רוביקא̇ן. אין 49 פ. ק. איז ער א̇ריבער דעם רוביקא̇ן,
זא̇גנדיק: „דער ביין איז געווא̇רפן” און מא̇רשירט אויף רוים
און פּא̇מפּיי. אין רוים איז געווען א̇ מנהג, אין די צייטן פון
מיליטערישער נויטווענדיקייט, אויסצוויילן א̇ „דיקטא̇טא̇ר”, וואס
הא̇ט פא̇קטיש געהא̇ט אומבא̇גרעניצטע פולמא̇כטן. נא̇כן א̇רא̇פּ-
ווא̇רפן פּא̇מפּייען איז צעזא̇ר געווא̇רן דיקטא̇טא̇ר, לכתחילה אויף
צען יא̇ר און נא̇כהער (45 פ. ק.) אויף זיין גא̇נץ לעבן. פא̇ק-
טיש איז ער געווא̇רן דער לעבנסלענגלעכער מא̇נא̇רך פון דער
אימפּעריע. מ'הא̇ט א̇נגעהויבן צו רעדן וועגן א̇ קעניג, א̇ ווא̇רט,
פא̇ר וועלכן ס'הא̇ט רוים געעקלט, זינט דער פא̇רטרייבונג פון
די עטרוסקער מיט 500 יא̇ר צוריק. צעזא̇ר הא̇ט זיך א̇פּגעזא̇גט
צו ווערן קעניג, נא̇ר ער הא̇ט א̇נגענומען דעם סצעפּטער און
קרוין.

נא̇ך פּא̇מפּייס מפּלה איז צעזא̇ר א̇וועק קיין מצרים און
דא̇רט געפירט א̇ ליבע מיט קלעא̇פּא̇טרע, די געטין-קעניגין פון
מצרים, די לעצטע פון די פּטא̇לא̇מייער. פון דא̇רטן הא̇ט ער
געברענגט קיין רוים די מצרישע̇ אידייע פון א̇ גא̇ט-קעניג. ווי
ס'ווייזט אויס, הא̇ט זי אים גוט פא̇רדרייט דעם קא̇פּ. זיין
סטא̇טוע איז א̇ריינגעשטעלט געווא̇רן אין א̇ טעמפּל, מיט דער
אויפשריפט „דעם אומבא̇זיגבא̇רן גא̇ט”. דער גוסדיקער רוימי-
שער רעפּובליקא̇ניזם הא̇ט אויפגעפלא̇קערט אין א̇ לעצטן פרא̇-

טעסט און צעזאר איז דערשטאָכן געוואָרן אין סענאט ביי די פיס פון דער סטאטוע פון זיין דערמאָרדעטן ריוואַל פּאָמפּיי דער גרויסער. נאָכהער האָבן געפאָלגט אנדערע 13 יאָר פון קאָנפליקט צווישן אַמביציעזע פּערזענלעכקייטן. ס'איז געווען אַ צווייטער טריומווירא‏ַט פון לעפּידוס, מארק אנטאָני און אָקטאַוויאַן צעזאַר, יוליוס צעזארס אַ שוועסטערקינד. אָקטאַוויאַן האָט, פּונקט ווי זיין פֿעטער, געגומען די אָרימערע מערב-פּראָווינצן פון וואַנען עס זענען רעקרוטירט געוואָרן די בעסטע לעגיאָנען. אין 31 פ. ק. האָט ער צוקלאַפּט מארק אנטאָני, זיין איינציקער ערנסטער ריוואַל, אין דער ים-שלאַכט ביי אקטיום, און ער איז געוואָרן דער איינציקער באַהערשער פון דער רוימישער וועלט. אָבער אָקטאַוויאַן איז געווען אַ גאַנץ אנדערער מענטש, ווי יוליוס צעזאַר. ער האָט נישט געהאַט די נארישע תאווה צו ווערן אַ גאָט אָדער קעניג. ער האָט צוריקגעשטעלט די פרייהייט פון סענאַט און פון רוימישן פאָלק. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן דיקטאַטאָר. דער דאַנקבאַרער סענאט האָט אים דערפאַר געגעבן די ווירקלעכע אנשטאט די פאָרמעלע מאַכט. מ'האָט אים נישט גערופן קעניג, נאָר „פּרינצעפּס" 1) און „אויגוסטוס" 2) ער איז געוואָרן אויגוסטוס צעזאַר, דער ערשטער פון די רוימישער קיסרים (27 פ. ק. — 14 נ. ק.).

זיין נאָכפאָלגער איז געווען טיבעריוס צעזאַר (14—37 נ. ק.) און נאָך אים זענען געווען: קאַליגולאַ, קלאַודיוס, נעראָ א. א. וו. ביז טראַיאַן (98 נ. ק.), האדריאַן (117 נ. ק.), אַנטאָנינוס פּיוס (138 נ. ק.) און מאַרקוס אויר‏עליוס (161—180 נ. ק.). זיי זענען אַלע געווען לגעיאָניסטישע קיסרים. די זעלנער האָבן זיי אויסגעקליבן אַלס קיסרים און אַטייל זענען דורך די זעלבע זעלנער צראָפּגעוואָרפן געוואָרן. ביסלעכווייז פאַרשווינדט דער סענאַט פון

1) דער ראש

2) דערהאַבענער, מאַיעסטעטישער.

דער רוימישער געשיכטע און זיין אָרט פארנעמט דער קיסר און די אַדמיניסטראַטיווע באַאמטע. די גרעניצן פון דער אימפּעריע זענען איצט דערגאַנגען צו דער עקסטער ווייטקייט. דער גרעס-טער טייל פון בריטאַניע איז איינגעגלידערט געוואָרן אין איר; טראַנסילוואַניע איז אַנעקסירט געוואָרן אַלס די פּראָווינץ דאַציע; טראַיאַן איז אריבער דעם עפראַט. האדריאן האָט געהאַט אַן אידייע, וואָס דערמאַנט אונדז אָן די געשעענישן אין דעם אַנ-דערן עק פון דער אַלטער וועלט: פונקט ווי שי-הוואַנג-טי האָט ער אויפגעשטעלט מויערן קעגן די צפון-באַרבאַרן; איינע דורך בריטאַניע און אפּאַליסאַדע, צווישן דעם ריין און דעם דונאַי. ער האָט פאַרלאָזט אַ טייל פון טראַיאַגס איינגענומענע געביטן. די עקספּאַנסיע פון דער רוימישער אימפּעריע האָט זיך פאַר-ענדיקט.

קאַפּיטל 34

צווישן רוים און כינע.

דער ערשטער און צווייטער י. ה. פ. ק. באַצייכענען אַ נייע פאַזע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. מעסאָפּאָ-טאַמיע און דאָס מזרח-מיטללענדישע געביט זענען שוין נישט מער דער צענטער פון די געשעענישן. ביידע, סיי מעסאָפּאָ-טאַמיע, סיי מצרים, זענען נאָך געווען פּרוכטבאַר, באַפעלקערט און פּראָספּערירט, אָבער זיי זענען שוין נישט מער געווען די הערשנדע געביטן פון דער וועלט. די מאכט איז אַריבער צום מערב און מזרח. צוויי גרויסע אימפּעריעס, די נייע רוימישע

אימפעריע און די אויפוואַכנדע כינעזישע אימפעריע, האָבן באַ-
הערשט די וועלט.

רוים האָט פאַרשפרייט איר מאַכט ביזן עפראַט, זי איז אָבער קיינמאָל נישט אומשטאַנד געווען צו גיין ווייטער פון יענער גרענעץ. עס איז פאַר איר געווען צו ווייט. ווייטער פון עפראַט זענען די פריערדיקע פערסישע און אינדישע באַזיצן פון די סעלייקידן ארונטערגעפאַלן אונטער נייע הערשער. כינע, איצט אונטער דער האַן-דינאַסטיע, וואָס האָט נאָך שי-הוואַנג-טיס טויט פאַרטרעטן די טסין-דינאַסטיע, האָט פאַרשפרייט איר מאַכט איבער טיבעט און איבער די הויכע פאַמיר-בערג-פאַסן, אריין קיין מערב-טורקעסטאַן. אָבער דאָ האָט אויך זי דערגרייכט איר עקסטרעם. עס איז שוין געווען צו ווייט. אין יענער צייט איז כינע געווען די גרעסטע אַמבעסטן-אָרגאַניזירטע און די העכסט-ציוויליזירטע פאָליטישע סיסטעם אין דער וועלט. לויטן שטח און באַפעלקערונג האָט זי איבערגעשטיגן די רוימישע אימפעריע אין די צייטן פון איר זעניט.

אין יענע צייטן איז מעגלעך געווען די עקזיסטענץ פון די צוויי ריזיקע סיסטעמען אין דער זעלבער וועלט און אין דער זעלבער צייט, פולשטענדיק נישט וויסנדיק איינע פון דער צווייטער. די קאָמוניקאַציע-מיטלען, סיי דורכן ים, סיי דורך דער יבשה, זענען נאָך נישט געווען אויף אַזוי פיל גענוג אַנטוויקלט און אָרגאַניזירט, אַז עס זאָל קענען קומען צו א דירעקטן צוזאַמענשטויס צווישן זיי. דאָך האָבן זיי באַאיינפלוסט איינע די צווייטע אויף אַ זייער מערקווירדיקן אופן און זייער השפעה אויפן גורל פון צענטראַל-אַזיע און אינדיע, די געביטן, וואָס זענען געלעגן צווישן זיי, איז געווען אַ טיפע. אַ טיילווייזער האַנדל האָט זיך צ. ב. אַדורכגעשמוגלט מיט דער הילף פון קעמל-קאַראַוואַנען דורך פערסיע און מיט שיפן דורך אינדיע און דעם רויטן ים. אין 66 נ. ק. זענען רוימישע זעלנער אונטער

פּאַמפּייס פּירונג געגאַנגען אין אַלעקסאַנדער דעם גרויסנס טריט און מאַרשירט ביז די מזרח-ברעגן פונם קאַספּישן ים.

אין 102 נ. ק. האָט אַ כינעזישע מיליטערישע עקספּע-דיציע אונטער פּאַן טשאַוס אָנפירונג דערגרייכט דעם קאַספּישן ים און אַרויסגעשיקט שליחים געוואָר ווערן וועגן דער רוימי-שער מאַכט. אָבער ס'האָבן נאָך געדאַרפט אַוועקגיין אַ סך יאָרהונדערטער ביז באַשטימטע ידיעות און דירעקטע באַציונגען זאָלן פאַרייניקן די גרויסע פּאַראַלעלע וועלטן פון אייראָפּע און מזרח-אַזיע. צו צפון פון די דאָזיקע צוויי גרויסע אימפּעריעס זענען געווען ווילדע מדבריות. דייטשלאַנד איז דעמאָלס באַ-שטאַנען הויפּטזעכלעך פון באַוואַלדעטע געביטן; די וועלדער האָבן זיך געצויגן ווייט אריין קיין רוסלאַנד און זיי זענען גע-ווען די היים פון דעם ריזיקן זובר, אַ ביק, וואָס איז געווען כמעט אַזוי גרויס ווי אַ העלפאַנט. צו צפון פון דער גרויסער בערג-מאַסע פון אַזיע האָט זיך געצויגן אַ גרופּע מדבריות, סטעפּעס און נאָך זיי וועלדער און פאַרפרוירענע יבשות. אין דעם צו דער מזרח-ריכטונג ליגנדיקן ווינקל פון דעם העכערן טייל אַזיע איז געווען דער גרויסער מאַנדזשורישער דרייעק; גרויסע טיילן פון די דאָזיקע געביטן, וואָס האָבן זיך געצויגן צווישן דרום-רוסלאַנד און טורקעסטאַן אַריין קיין מאַנדזשוריע, זענען געווען און זענען געגנטן פון אויסנאַמלעכער קלימאַטישער נישט זיכערהייט. דאָס פאַלן פון די רעגנס האָט זיך שטאַרק גע-ענדערט אין משך פון אַ פּאָר יאָרהונדערט. דאָס זענען פאַר-רעטערישע לענדער פאַרן מענטש. יאָרן וועלן זיי אַרויסגעבן פּאַשע און ערד-פּרוכטן, און נאָכהער קומט אַ ירידה פון דער פייכטקייט און אַ רייע אַכזריותדיקע טרוקענישן. די מערב-טייל פון דעם דאָזיקן באַרבאַרישן צפון, אָנהייבנדיק פון די דייטשע וועלדער ביז דרום-רוסלאַנד און טורקעסטאַן, און פון גאָטלאַנד ביז צו די אַלפּן, איז די אָפּשטאַמונגס-געגנט פון די נאָרדישע פעל-קער און פון דער אַרישער שפּראַך. די מזרח סטעפּעס און די

מאָנגאָלישע מדבריות זענען געווען די אָפּשטאַמונגס-געגנטן פון די הונישע, אָדער מאָנגאָלישע, אָדער טאָטערישע, אָדער טער-קישע פעלקער.

די דאָזיקע פעלקער זענען געווען קרוביש לויט דער שפּראַך, ראַסע און לעבנס-שטייגער. און פּונקט ווי די נאָר-דישע פעלקער האָבן, ווייזט אויס, שטענדיק פאַרפלייצט זייערע אייגענע גרעניצן און זיך גערוקט צו דרום אויף די זיך אַנט-וויקלנדיקע ציוויליזאַציעס פון מעסאָפּאָטאַמיע און דעם מיטל-לענדישן ברעג, אַזוי האָבן די הונישע שבטים אַרויסגעשיקט זיי-ער איבערפלוס אַלס וואַנדערער, אָנפאַלער און דעראָבערער אין די באַזעצטע כינעזישע געביטן. שפּע'דיקע פעריאָדן אינם צפון האָבן באַטייט אַ פאַרגרעסערונג פון דער דאָרטיקער באַפעל-קערונג; אַ מאַנגל אין גראָז, אַן עפּידעמיע צווישן דער פיך האָבן געטריבן די הונגעריקע קריגס-שבטים קיין דרום. אַ געוויסע צייט זענען אויף דער וועלט גלייכצייטיק געווען צוויי שטאַרק-טעטיקע אימפּעריעס, וואָס זענען פעיק געווען איינצוהאַלטן די באַרבאַרן און אַפילו אַרויסגערוקט פאָרווערטס די גרעניצן פון דעם אימפּערישן שלום. דער שטויס פון דער צפון כינע-זישער האַן-אימפּעריע אַריין קיין מאָנגאָליע איז געווען אַ שטאַר-קער און דויערהאַפטיקער. די כינעזישע באַפעלקערונג האָט גע-שטראָמט איבער דער באַריערע פון דער גרויסער מויער. נאָך די אימפּערישע גרעניץ-היטערס זענען געקומען די כינעזישע פאַרמער מיט פערד און אַקעראייזן, פאַראַקערט דאָס גראָזיקע לאַנד און אָפּגעשלאָסן די ווינטער פּאַשע. די הונען זענען באַפאַלן און אויסגעהרגעט די קאָלאָניסטן, אָבער די כינעזישע שטראָף עקספּעדיציעס זענען געווען אַ האַרטער ביסן פאַר זיי. די נאָמאַדן זענען געשטעלט געוואָרן פאַר דער ברירה: אָדער זיך באַזעצן און נעמען זיך צום אַקעראייזן און ווערן כינעזישע שטייער-צאָלערס, אָדער אָפּטרעטן און זוכן נייע זומער פּאַשעס. טייל האָבן אויסגעקליבן דאָס ערשטע און זענען אַסימילירט גע-

וואָרן. אַנדערע האָבן געשטראָמט אין צפון-מזרח ריכטונג און אין דער מזרח-ריכטונג איבער די בערג-פּאַסן און אַריין קיין מערב טורקעסטאַן. דער דאָזיקער מערב-ריכטונג-שטראָם פון די מאָנגאָלישע רייטער האָט געדויערט פון 200 פ.ק. אָן און ווייטער. ער האָט גורם געווען אַרוק צו דער מערב-ריכטונג אויף די אַרישע שבטים, און יענע ווידער האָבן געדרוקט די רוימישע גרעניצן און גרייט געווען זיך אַדורכצורייסן דאָרט, ווו ס'איז קענטיק געווען אַ שוואכע זייט. די פּאַרטער, וואָס זענען באַשיינפּערלעך געווען אַ סקיטיש פאָלק מיט אַ מאָנגאָלישן אונטערגעמיש, זענען אין 1-טן י.ה.פ.ק. צוגעקומען צום עפּראַט. זיי האָבן געקעמפט קעגן פּאמפּיי דעם גרויסן בשעת זיין מזרח-אָנפאַל. זיי האָבן דערהרגעט קראַסוסן. אין פּערסיע האָבן זיי אויפן אָרט פון דער סעלייקישער מאָנאַרכיע אַרויפגעזעצט אַ דינאַסטיע פון פּאַרטישע קעניגן, די אַרסאַסידישע דינאַסטיע. אָבער אַ צייט איז פאַר די הונגעריקע נאָמאַדן די ליניע פון שוואַכסטן ווידערשטאַנד געלעגן נישט אין מערב און נישט אין מזרח, נאָר דורך צענטראַל אַזיע און דאַן אין דער דרום-מזרח ריכטונג דורך דעם קיבער פּאַס אין אינדיע. אינדיע איז עס געווען, וואָס האָט אין די יאָרהונדערטער פון דער רוימישער און כינעזישער הערשאַפט אויפגענומען דעם מאָנגאָלישן שטראָם. אַ רייע אָנפאַלער-דעראָבערער האָבן דורך דעם פּונדזשאַב פאַרפלייצט די גרויסע פליינען, גערויבט זיי און פאַרניכטעט. אַסאָקאַס אימפּעריע איז צוזאַמען געבראָכן געוואָרן און אַ געווויסע צייט נאָך דעם איז די אינדישע געשיכטע אַ פאַרנעפּלטע. אַ געוויסע קושאַן דינאַסטיע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די „אינדיער-סקיטן" — איינס פון די אָנפאַלענדיקע פעלקער — האָט אַ צייט געהערשט איבער צפון-אינדיע און איינגעפירט אַ געוויסע אָרדענונג. די דאָזיקע אינוואַזיעס האָבן געדויערט עטלעכע הונדערט יאָר.

אין גרעסטן טייל פון 5-טן י. ה. נ. ק. האָט אינדיע גע־ליטן פון די „עפטאַליטן", אָדער ווייסע הונען, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט מס אויף די קלײנע אינדישע פירשטן און טראַ־ריזירט אינדיע. יעדן זומער האָבן די דאָזיקע עפטאַליטן גע־פּאַשעט אין מערב-טורקעסטאַן, און יעדן הארבסט זענען זיי אָנ־געקומען דורך די בערג-פּאַסן און טעראָריזירט אינדיע.

אין 2-טן יאָרהונדערט האָט זיך געטראָפן אַ גרויס אומגליק מיט דער רוימישער און כינעזישער אימפּעריע, און דאָס האָט וואַרשײַנלעך ביי ביידע אָפּגעשוואַכט די ווידערשטאַנדס-קראַפט קעגן דעם באַרבאַרישן דרוק. דאָס איז געווען אַ מגפה פון אַ ביישפּיללאָזער פאַרביסנקייט. אין כינע האט זי געווילדעוועט עלף יאָר און שטאַרק דעזאָרגאַניזירט די סאָציאַלע געשטאַלטונג. די האַן-דינאַסטיע איז צעפאַלן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער צוטיילונגס- און מהומה-פּעריאָד, נאָך וועלכן כינע איז רעכט גע־קומען צו זיך ערשט אין 7-טן י. ה. נ. ק., ווען ס'איז אויפגע־קומען די גרויסע טאַנג-דינאַסטיע.

דורך אַזיע איז די דאָזיקע מגפה אַריין קיין אייראָפּע. אין דער רוימישער אימפּעריע האָט זי געווילדעוועט פון 164 נ. ק. ביז 180. זי האָט באַשײַנפּערלעך אויף אַ זייער ערנסטן אופן אָפּגעשוואַכט די רוימישע אימפּעריש-געביידע. נאָך דעם הייבן מיר אָן צו הערן וועגן אַן אַנטפּלעקערונג אין די רוימישע פּראָווינצן, און ס'באַמערקט זיך אַן אָפּגעשוואַכטקייט אין דער קראַפט און ווירקזאַמקייט פון איר מאַכט. יעדנפאַלס זען מיר איצט, ווי די גרעניצן זענען שוין נישט מער אומדורכדרינגבאַר, נאָר זיי לאָזן נאָך אַביסל אויף איין אָרט און דאַן אויף אַ אַנדערן. אַ ניי נאָרדיש פאָלק, די גאָטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון גאָטלאַנד און שוועדן, האָט דורך רוסלאַנד אַריינגעוואַנדערט ביז דער וואָלגאַ-געגנט און די ברעגן פון שוואַרצן ים און זיך גענומען צו פּיראַטעריי. ביים סוף פון 2-טן י. ה. האָבן זיי מסתמא אָנגעהויבן שפּירן דעם מערב־ריכטונג-דראַנג פון די הונען.

אין 247 זענען זיי אַריבער דעם דונאַי אין אַ גרויסן אָנפאַל אויף דער יבשה און אין א שלאַכט אין דעם לאַנד, וואָס הייסט היינט סערביע, האָבן זיי צעקלאַפּט און דערהרגעט דעם קיסר דעציוס. אין 236 האָט אַן אַנדער גערמאַניש פאָלק, די פראַנקן, אַדורכגעבראָכן די גרעניץ פון אונטערשטן ריין, און די אַלעמאַנען האָבן פאַר־פלייצט עלזאס. די לעגיאָנען אין גאַליע האָבן אָפּגעשלאָגן די אָנפאַלער, אָבער די גאָטן פון דעם באַלקאַנישן האַלב־אינדזל זענען ווידער אַמאָל אָנגעפאַלן. די פּראָווינץ דאַציע פאַרשווינדט אינגאַנצן פון דער רוימישער געשיכטע. רוימס שטאָלץ און האפערדיקייט איז אָפּגעקילט געוואָרן. אין 270—275 איז רוים, וועלכע איז געווען אַן אָפענע און זיכערע שטאָט אין משך פון 300 יאָר, פאַרפעסטיקט געוואָרן דורך דעם קיסר אַאורעליאַן.

קאַפּיטל 35

אַ פשוטו מענטשס לעבן אין דער אַלטער רוימישער אימפעריע.

איידער מיר גייען דערציילן, ווי אַזוי ס'איז דעזאָרגאַניזירט און צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן די רוימישע אימפעריע, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן אין די 2 י. ה. פ. ק., און וועלכע האָט געבליט אין שלום און זיכערהייט פון אויגוסטוס צעזאַרס צייטן אָן אין פאַרלויף פון 2 י. ה., וועט עס רעכט זיין צו שענקען אַביסל אויפמערקזאַמקייט דעם לעבן פון דעם פשוטן פאָלק אין דער דאָזיקער גרויסער מדינה. אונדזער געשיכטע איז איצט צו־געקומען צו 2000 יאָר פאַר אונדזער צייט.

און דאָס לעבן פון די ציוויליזירטע מענטשן, סיי אונטערן

רוימישן שלום, סיי אונטער דעם פון דער האַן-דינאַסטיע, הייבט אָן וואָס אַמאָל מער ווערן ענלעך צו דעם לעבן פון זייערע היינטיקע ציוויליזירטע נאָכפאָלגער.

אין דער מערב-וועלט איז דאַן דעמאָלס דאָס געמינצטע געלט געווען אין אַלגעמיינעם אומגאַנג. אויסער דער פריסטערלעכער וועלט זענען שוין געווען אַ סך מענטשן פון זעלבסשטענדיקע מיטלען, און זיי זענען נישט געווען נישט קיין רעגירונגס-באַאַמטע און נישט קיין פריסטער; מענטשן האָבן גערייזט פרייער ווי אין פריערדיקע צייטן, און ס'זענען געווען שאָסייען און איינפאָר הייזער. אין פארגלייך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט די צייטן פאַר 500 י. פ.ק. איז דאָס לעבן געווען אַ סך פרייער. פאַר יענער צייט זענען די מענטשן געווען צוגעבונדן צו אַ קרייז אָדער לאַנד, געווען געבונדן דורך דער טראַדיציע און געלעבט מיט זער באַגרעניצטע באַגריפן; נאָר די נאָמאַדן האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט.

אָבער ס'הייסט נישט אַז זיי, סיי דער רוימישער שלום און סיי דער פון דער האַן-דינאַסטיע, האָבן באַטייט אַן איינהייטלעכע ציוויליזאַציע צושטאַנד אין די גרויסע געביטן, וועלכע זיי האָבן קאָנטראָלירט. ס'זענען געווען גרויסע לאָקאַלע אונטערשידן, גרויסע קאָנטראַסטן און נישט גלייכהייטן אין דעם קולטורעלן מצב צווישן איין קרייז און צווייטן, פונקט ווי היינט אונטער דעם בריטישן שלום אין אינדיע. די רוימישע גאַרניזאָנען זענען געווען צעוואָרפן איבער דעם דאָזיקן גרויסן שטח, און זיי האָבן געדינט די רוימישע געטער און גערעדט לאַטיין; אָבער ווו ס'זענען פאַר דעם אַנקום פון די רוימער געווען שטעט און שטעטלעך, האָבן זיי ווייטער, אמת אונטערגעיאָכט, געפירט זייערע אייגענע ענינים און אַ געוויסע צייט וועניקסטענס געדינט זייערע אייגענע געטער און אין זייער אייגענעם נוסח. איבער גריכנלאַנד, קליין אַזיע, מצרים און דעם העללעניזירטן מזרח האָט די לאַטיינישע שפּראַך קיינמאָל נישט געהערשט; דאָרטן האָט

אומבאַזיגבאַר געהערשט די גריכישע שפּראַך. שאול פון טאַר־סוס, דער שפּעטערדיקער אַפּאָסטאַל פּאַול, איז געווען אַ ייד און אַ רוימישער בירגער; ער האָט אָבער גערעדט און געשריבן גריכיש, נישט העברעאיש. אַפילו אין הויף פון דער פּאַרטישער דינאַסטיע, וועלכע האָט אַראָפּגעוואָרפן די סעלייקודן אין פּערסיע, איז גריכיש געווען אין דער מאָדע. אין געוויסע טיילן פון שפּאַניע און אין צפון־אַפריקע האָט זיך אַ לאַנגע צייט, טראָץ דער פאַרניכטונג פון קאַרטאַגע, געהאַלטן די קאַרטאַגישע שפּראַך אַזאַ שטאָט ווי סעוויל, וועלכע איז געווען אַ בליענדע שטאָט אַ סך פריער איידער מ'האָט נאָך געהערט דעם נאָמען רוים, האָט זיך געהאַלטן ביי איר סעמיטישע געטין און אין משך פון אַ ס. דורות זיך באַנוצט איר סעמיטישע שפּראַך, טראָץ דעם פאַקטן וואָס אין איטאַליקאַ, אַ פּאָר מייל ווייט פון איר, האָט זיך גע־פונען אַ קאָלאָניע פון רוימישע וועטעראַנען. סעפּטימוס סעווע־רוס, קיסר פון 193-211 נ. ק. האָט גערעדט קאַרטאַגיש אַלס זיין מוטער שפּראַך; ער האָט זיך שפּעטער אויסגעלערנט לאַטיין אַלס אַ פרעמדע שפּראַך; עס ווערט אויך דערמאָנט, אַז זיין שוועס־טער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט לאַטיין און איר רוימיש הויזגעזינט האָט זיך באַנוצט מיט דער פּונישער שפּראַך. אָבער אַזעלכע לענדער, ווי גאַליע און בריטאַניע און אויך די פּראָווינצן, ווי דאַציע (היינטיקע רומעניע) און פּאַנאָניע, (אונגאַרן, דרום פון דונאַי) וווּ ס'זענען פריער נישט געווען קיין גרויסע שטעט, טעמפּלען און קולטורן, האָט די רוימישע אימפּעריע יאָ לאַטייניזירט. זי האָט זיי די ערשטע ציוויליזירט. זי האָט געבויט שטעט און שטעטלעך, וווּ לאַטיין איז באַלד פון אָנהייב אָן געוואָרן די הערשנדע שפּראַך, און וווּ מ'האָט גע־דינט צו די רוימישע געטער און ס'זענען אָנגענומען גע־וואָרן די רוימישע מנהגים און נוסחאות. די רומענישע, איטאַליענישע, פראַנצויזישע און שפּאַנישע שפּראַכן, אַלע וואַריאַציעס און מאָדיפיקאַציעס פון לאַטיין, דערמאָנען אונדז־

אין דער אויסשפּרייטונג פון דער לאַטייניש שפּראַך און מנהגים. אויך צפון-מערב אַפריקע איז ענדלעך לאַטייניזירט געוואָרן. מצרים, גריכנלאַנד און די רעשט פון דער אימפּעריע צו מזרח צו זענען קיינמאָל נישט לאַטייניזירט געוואָרן. זיי זענען געבליבן גריכיש און מצריש לויט דעם גייסט און דער קולטור. און אפילו אין רוים איז גריכיש געלערנט געוואָרן דורך די געבילדעטע מענטשן אַלס די שפּראַך פון אַ דזשענטלמען און די גריכישע ליטעראַטור און לערע זענען באַפאָרצוגט געוואָרן פאַר דער לאַטייניש.

אין דער דאָזיקער אויסגעמישטער אימפּעריע זענען די אַרבעטס- און געשעפטס-אופנים נאַטירלעך אויך געווען זייער פאַרשידנאַרטיקע. די הויפּט-אינדוסטריע פון דער איינגעאָרדנטער וועלט איז הויפּטזעכלעך געווען ערד-אַרבעט. מיר האָבן שוין דערציילט, ווי נאָך די פּונישע מלחמות זענען די קרעפטיקע פרייע פאַרמערס, וועלכע זענען געווען דער רוקן-ביין פון דער עלטסטער רוימישער רעפּובליק, פאַרטרעטן געוואָרן דורך די שקלאַפן. וואָס האָבן באַאַרבעט די ערד. די גריכישע וועלט האָט געהאַט פאַרשידנאַרטיקע מעטאָדן פון קולטיווירונג, אָנהייבנדיק פון דעם אַרקאַדישן סיסטעם, לויט וועלכן יעדער פרייער בירגער האָט אַליין באַאַרבעט די ערד, און ענדיקנדיק ביי דעם ספּאַרטישן, לויט וועלכן ס'איז געווען אַ חרפּה צו אַרבעטן און ווו די ערד איז באַאַרבעט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער שקלאַפן-קלאַס, די העליאָטן.

אָבער דאָס איז איצט שוין געווען אַלטע געשיכטע און איבער דעם גרעסטן טייל פון דער העלעניזירטער וועלט האָט זיך פאַרשפּרייט דער ערד-באַזיק-סיסטעם און די מאַסן-שקלאַפן-אַרבעט. די אַגריקולטורישע שקלאַפן זענען געווען ענטוועדער געפאַנגענע, וועלכע האָבן גערעדט פאַרשידענע שפּראַכן און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען איינער דעם צווייטן, אָדער — געבוירענע שקלאַפן; זיי זענען נישט געווען סאָלידאַריש, אַז זיי

זאָלן קענען אַנטקעגנשטעלן זיך דער אונטערדריקונג; זיי האָבן נישט געהאַט קיין טראַדיציעס וועגן רעכט, נישט קיין לערע, ווייל זיי האָבן נישט געקענט לייענען און שרייבן. הגם זיי האָבן שפּעטער געבילדעט די מערהייט פון דער לאַנד-באַפעלקערונג, האָבן זיי קיינמאָל נישט געמאַכט קיין געלונגענעם אויפשטאַנד. דער ספּאַרטאַקוס-אויפשטאַנד אין 1-טן י. ה. פ. ק. איז געווען דער אויפשטאַנד פון די ספּעציעלע שקלאַפן, וועלכע זענען געאיבט געוואָרן פאַר דעם גלאַדיאַטאָרישן קאַמף. די ערד-אַרבעטער אין דעם איטאַליע פון די לעצטע צייטן פון דער רעפּובליק און פון דעם ערשטן קיסרטום האָבן געליטן שרעקלעכע באַליידיקונגען; ביינאַכט זענען זיי צוגעשמידט געוואָרן, כדי נישט דערלאָזן דאָס אַנטלויפן, אָדער מ'האָט זיי אָפּגעשוירן א האַלבן קאָפּ, כדי עס צו פאַרשווערן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פרויען. זייערע באַלעבאַטים האָבן געמעגט זיי באַליידיקן, צוקאַלעטשען און דערהרגענען. א באַלעבאָס האָט געמעגט פאַרקויפן זיין שקלאַף, אַז ער זאָל קעמפן מיט די ווילדע חיות אויף דער אַרענע. אויב א שקלאַף האָט דערהרגעט זיין באַלעבאָס, זענען אַלע שקלאַפן פון זיין הויז, נישט בלויז דער מערדער אַליין, געקרייציקט געוואָרן. אין א טייל גריכישע געגנטן, באַזונדערס אין אַטען, איז דער גורל פון די שקלאַפן נישט געווען אַזאַ שרעקלעכער, אָבער דאָך איז ער געווען א שענדלעכער. פאַר דער דאָזיקער באַפעלקערונג זענען די באַרבארישע אָקופּאַנטן, וועלכע האָבן אַדורכגעבראָכן די פאַרטיידיקונגס-ליניע פון די לעגיאָנען, געקומען נישט אַלס שונאים, נאָר אַלס באַפרייער. די שקלאַפן-סיסטעם האָט זיך פאַרשפּרייט אין גרעסטן טייל פון די אינדוסטריעס און אין יעדער מין אַרבעט, וואָס קען אויסגעפירט ווערן דורך גרופּעס. גרובן און מעטאַלורגישע, אַרבעט דאָס רודערן מיט דער שיף, שאָסיי-אַרבעט און גרויסע בוי-אַרבעט — דאָס זענען הויפּטזעכלעך געווען שקלאַפן-באַשעפטיקונגען. אויך כמעט די גאַנצע הויזלעכע דינסט

איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די שקלאַפן. אין די שטעט און אויפן דאָרף זענען געווען אָרעמע פרייע מענטשן און באַפרייטע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט פאר זיך אָדער פאַר שכירות. זיי זענען געווען האַנטווערקער, אויפזעער א. א. וו. אַרבעטער פון א נייער געלט געצאָלטער קלאַס, וועלכע האָט קאָנקורירט מיט די שקלאַפן-אַרבעטער. אָבער מיר ווייסן נישט וואָסערע פּראָפּאָרציע פון דער גאַנצער באַפעלקערונג זיי האָבן אויסגעמאַכט. זי האָט זיך וואַרשיינלעך שטארק אונטערגעשיידט אין פאַרשידענע ערטער און אין פאַרשידענע פּעריאָדן. חוץ דעם זענען אויך געווען פאַרשידענע מאָדיפיקאַציעס פון שקלאַפעריי, אָנהייבנדיק פון דעם שקלאַף, וואָס איז צוגעשמידט געוואָרן ביינאַכט און איז מיט בייטשן געטריבן געוואָרן אין דער פאָרם אַריין אָדער אין דער שטיינהאַקעריי און ענדיקנדיק ביי דעם שקלאַף, וועמענס באַלעבאָס האָט איינגעפינען, אַז ס'איז פאַר אים גינסטיקער, אַז דער שקלאַף זאָל באַאַרבעטן זיין אייגן שטיקל ערד, אָדער אַרבעטן זיין פאַך און האָבן אַ ווייב, פונקט ווי אַ פרייער מענטש מיט דעם באַדינג, אַז יענער זאָל אים באַצאָלן אַ געוויסע פאַרגיטיקונג. ס'זענען אויך געווען באַוואָפנטע שקלאַפן. אין אָנהייב פון דעם פּעריאָד פון די פונישע מלחמות, אין 264 פ. ק. האָט אין רוים אויפגעלעבט דער עטרוסקישער ספּאָרט — צו צווינגען די שקלאַפן צו קעמפן פאַר זייער לעבן.

ער איז גיך אַריין אין דער מאָדע, און באַלד האָט יעדער גרויסער רוימישער רייכער מאַן געהאַלטן אַ סוויטע גלאַדיאַטאָרן, וועלכע האָבן טיילמאָל געקעמפט אויף דער אַרענע. אָבער זייער אמתע אויפגאַבע איז געווען צו פאַרטיידיקן זייערע אַוואַנטורעס. ס'זענען אויך געווען געלערנטע שקלאַפן. די ע אָבערונגען פון דער שפּעטערדיקער רוימישער אימפּעריע זענען געווען די הויך-ציוויליזירטע גריכישע, צפון-אַפריקאַנישע און קליין-אַזיאַטישע שטעט, און זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך הויך-געבילדעטע

געפאַנגענע. אין אַן אינטעליגענטער רוימישער פאַמיליע האָט מען צו די קינדער געהאַלטן אַ לערער אַ שקלאַף. אַ רייכער מאַן האָט געהאַלטן אַ גריכישן שקלאַף אַלס אַ ביבליאָטעקאַר, סעקרעטאַר און געלערנטן. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם פּאָעט, פּונקט ווי ער האָט געהאַט אַ דרעסירטן הונט. אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון שקלאַפעריי האָבן זיך אַנטוויקלט די טראַדיציעס פון דער פּחדנותדיקער, צו-פאַרזיכטיקער און קריגערישער, מאָדערנער, ליטעראַרישער געלערנטקייט און קריטיק. ס׳זענען געווען אונטערנעמער, וואָס האָבן געקויפט יינגלעך-שקלאַפן, זיי אויסגעבילדעט און פאַרקויפט. מ׳האָט געאיבט שקלאַפן אַלס ביכער-קאָפּירער, יוּווילירן און אַנדערע אומצאָליקע אינטעליגענטע פאַכן.

אָבער אין משך פון 400 יאָר, וואָס זענען אַדורך צווישן די ערשטע צייטן פון די דעראָבערונגען פון דער רעפּובליק פון די רייכע ביז די צייטן פונם צוזאַמענברוך נאָך דער גרויסער מגפה, זענען פאָרגעקומען באַדייטנדע ענדערונגען אין דער לאַגע פון די שקלאַפן. אין 2-טן י.ה.פ.ק. איז געווען אַ שפע אין קריגס-געפאַנגענע, די מנהגים יענע געווען גראָבע און ברוטאַלע; דער שקלאַף האָט נישט געהאַט קיין שום רעכט און ס׳איז קוים פאַראַן אַ גוואַלדטאַט, וועלכע דער לעזער קען זיך פאָרשטעלן, וואָס איז נישט אָנגעווענדעט געוואָרן אין יענע צייטן לגבי די שקלאַפן.

אָבער שוין אין 1-טן י.ה.ב.ק. איז געווען אַ בולטע פאַרבעסערונג אין דער באַציונג פון דער רוימישער ציוויליזאַציע צו דער שקלאַפעריי. ערשטנס זענען שוין נישט געווען קיין סך קריגס-געפאַנגענע, און די שקלאַפן זענען טייער געוואָרן. די שקלאַפן-אייגנטימער האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דער פּראָפיט און די באַקוועמלעכקייט, וואָס זיי האָבן פון די שקלאַפן, פאַרגרעסערן זיך צוזאַמען מיט דער זעלבסטווירדע פון די דאָזיקע אומגליקלעכע. אָבער אויך די מאָראַלישע שטימע פון דער

געזעלשאַפט האָט דערוואַקסט און ס'האָט אָנגעהויבן צו ווירקן אַ בעפיל פון גערעכטיקייט. די העכסטע גייסטיקייט פון גריכנלאַנד האָט געמילדערט די רוימישע שטרענגקייט. ס'איז באַגרעניצט געוואָרן די אכזריות. אַ באַלעבאָס האָט שוין נישט געטאָרט פאַר־קויפן זיין שקלאַף אַז ער זאָל קעמפן מיט די ווילדע חיות; אַ שקלאַף האָט באַקומען דאָס רעכט צו באַקומען אַן אייגנטום און דאָס האָט געהייסן Peculium ד. ה. רעכט איבערצוגעבן זיינע קינדער זיין אייגנטום; מ'האָט די קנעכט געצאָלט שכירות, כדי זיי דערמוטיקן און אָנרעגן און ס'איז אָנערקענט געוואָרן, אין אַ געוויסער פאָרם, די חתונה פון אַ שקלאַף.

זייער פיל פאָרמען פון דער אַגריקולטור טויגן נישט פאַר גרופּן־אַרבעטער, אָדער פאָדערן אַזעלכע נאָר אין געוויסע יאָר־ציטן. אין די געגנטן, וווּ ס'האָבן געהערשט אַזעלכע באַדינ־גונגען, איז דער שקלאַף אינגיכן געוואָרן אַ לייב־קנעכט און האָט אָראָפּגעגעבן זיין באַלעבאָס אַ טייל פון זיין פּראָדוקציע, אָדער געאַרבעט פאַר אים אין געוויסע יאָר־ציטן.

ווען מיר הייבן אָן צו באַגרייפן, אַז די דאָזיקע לאַטיינ־און גריכיש־רעדנדיקע רוימישע אימפּעריע, איז דער עיקר געווען אַ שקלאַפן־שטאַט און ווי קליין ס'איז געווען די מינדערהייט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ וואָסערע עס איז זעלבסטווירדע אָדער פרייהייט אין זייער לעבן — דאַן האָבן מיר דעם שליסל צו איר ירידה און צוזאַמענברוך. ס'איז דאָרטן געווען ווייניק פון דעם, וואָס מיר רופן אָן פאַמיליע לעבן; ס'זענען געווען ווייניק הייזער, וווּ מ'האָט געפירט אַ ניכטער לעבן, וווּ ס'איז געווען אַקטיווער געדאַנק און שטודיום; ס'זענען געווען ווייניק נידעריקע מיטעלע שולן און זיי זענען געווען ווייט איינע פון דער אַנדערער.

ס'איז אין ערגעץ נישט געווען קיין פרייער ווילן און קיין פרייער געדאַנק. די גראַנדיעזע שאָסייען, די רואינען פון די פּרעכטיקע געביידעס, די טראַדיציע פון געזעץ און מאַכט, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט צום שטיינען פון די נאָכקומענדיקע

דורות, דאַרפן נישט פאַרהוילן פון אונדז, אַז איר גאַנצע אויסער-לעכע פראַכט איז געבויט געווען אויף זיך קרייצנדיקע ווילנס, פאַרגליווערטן פאַרשטאַנד און אויף פאַרקריפּלטע און קרומפּירטע פאַרלאַנגען. אפילו די מינדערהייט, וואָס האָט געהערשט איבער דער דאָזיקער גרויסער מדינה פון פאַרקנעכטונג, באַגרענצונג און געצווונגענער אַרבעט, איז אינערלעך געווען נישט רואיק און אומגליקלעך; קונסט און ליטעראַטור, וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, וועלכע זענען די פרוכטן פון פרייע און גליקלעכע גייסטער, זענען פאַרוועלקט געוואָרן אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע. ס'איז דאָרט געווען אַ סך נאָכגעאַמטקייט און אימיטאַציע, אַ שפע פון אַרטיסטישע האַנטווערקער, אַ סך שקלאַפישע פעדאַנטעריע ביי די קריכערישע געלערנטע, אָבער די גאַנצע רוימישע אימפעריע האָט אין די 400 יאָר גאָרנישט געשאַפן, וואָס זאָל אָפּרוקן אין דער זייט די דרייסטע און איידעלע אינטעלעקטועלע טעטיקייטן פון דער פאַרהעלטניסמעסיק קליינער שטאָט אַטען אין איר איינ-ציקן יאָרהונדערט פון גרויסקייט.

אונטער דעם רוימישן סצעפּטער האָט זיך אָנגעהויבן אַטענס ירידה. דאָס זעלבע איז געשען מיט דער וויסנשאַפט אין אַלע-קסאַנדריע. דער מענטשלעכער גייסט, האָט זיך געדוכטן, האָט זיך אַין יענער צייט געפונען אין אַ ירידה-צושטאַנד.

קאַפּיטל 36

די רעליגיעזע אַנטוויקלונגען אין דער רוימישער אימפעריע

די מענטשלעכע נשמה אין יענער לאַטייניש-גריכישער אימפעריע פון די ערשטע צוויי יאָרהונדערטער פון דער קריסט-

לעכער ערא איז געווען א פאַרצער'טע און אַנטוישטע. ס'האָט געהערשט צוואַנג און אכזריות; ס'האָט געהערשט שטאָלצקייט און לוקסוס, נאָר ווינציק ערע; ווינציק פרייד אָדער שטאַנדהאַפטיק גליק. די אומגליקלעכע זענען געווען פאַראַכטעט און פאַרוואָרלאָזט; די גליקלעכע זענען געווען נישט זיכער און פיבערהאפט גיריק צו פאַרוויילונגען. אין אַ גרויסער צאָל שטעט האָט זיך דאָס לעבן קאָנצענטרירט אַרום די בלוטגיריקע אויפרעגונגען פון דער ארענע, ווו ס'האָבן געקעמפט מענטשן מיט חיות און מ'האָט זיי געפייניקט און געמאָרדעט. די אמפיטעאטערס זענען דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון די רוימישע רואינען. דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען אין דער דאָזיקער ריכטונג. די אומרויִקייט פון דער מענטשלעכער נשמה האָט זיך אויסגעדרוקט אין טיפע רעליגיעזע ברויזונגען. זינט די ארישע האָרדעס האָבן צום ערשטן מאָל זיך אַריינגעריסן אין די אַלטע ציוויליזאַציעס, איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך אַ גרויסע צופאַסונג אָדער אונטערגאַנג פון די אַלטע טעמפל-געטער און פריסטערשאַפט.

אין משך פון הונדערטער דורות האָבן די אַגריקולטורישע פעלקער פון די ברונעטע ציוויליזאַציעס צוגעפאַסט זייער לעבן און געדאַנקען צו דעם טעמפל לעבן. דאָס מקיים זיין די מצוות, די מורא פאַר אָפּשאַפן די רוטינעס, קרבנות און מיסטעריעס, האָבן באַהערשט זייערע געדאַנקען. זייערע געטער ווייזן זיך אונדז אויס העסלעך און נישט לאָגיש, ווייל מיר געהערן צו אַ פאַרארישטער וועלט, אָבער פאַר די דאָזיקע אַלטע פעלקער איז די גאָטהייט געווען די אוממיטלבאַרע איבערצייגונג און לעבעדיקייט פון זאַכן געזעענע אין אַן אָנגעשטרענגטן חלום. אין סומיריע אָדער אין אלטן מצרים האָט די דעראָבערונג פון איין שטאָט-שטאַט דורך אַן אַנדערער באַטייט די ענדערונג אָדער נאָמען-טויש פון די געטער אָדער געטינס, אָבער נישט אָנגערירט דעם געשטאַלט און גייסט פון דער גאָטעס-דינסט. ס'איז נישט געווען קיין שום שנוי אין זייער הויפט-אינהאַלט. די גע-

שטאַלטן פון דעם חלום האָבן זיך געטוישט, אָבער דער חלום האָט ווייטער געדויערט און איז געבליבן דער זעלבער. און די ערשטע סעמיטישע דעראָבערער זענען געווען גענוג קרוביש לויטן גייסט צו די סומיריער, אַז זיי זאָלן קענען איבערנעמען די רעליגיע פון דער מעספּאָטאַמישער ציוויליזאַציע, וועלכע זיי האָבן אונטערגעיאַכט, אָן שום טיפערע שנוים. מצרים איז אין אמתן קיינמאָל נישט אונטערגעיאָכט געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ רעליגעזער רעוואָלוציע. אונטער די פּטאָלאמייס און אונטער די צעזאַרן זענען אירע טעמפּלען, מזבחות און פּריסטערשאַפט אין גרונט געבליבן מצריש. כל זמן די דעראָבערונגען זענען פאָרגעקומען צווישן פעלקער פון ענלעכע סאָציאַלע און רעליגעזע געוווינהייטן, איז עס מעגלעך געווען אויסצומיידן אַ צוזאַמענשטויס צווישן די געטער פון איין טעמפּל און געגנט מיט אַן אַנדערן, דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם גרופּירונג-אָדער אַסימילאַציע-פּראָצעס. אויב צוויי געטער זענען געווען ענלעך אין כאַראַקטער, זענען זיי אידענטיפיצירט געוואָרן. אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס געווען דער זעלבער גאָט אונטער אַן אַנדערן נאָמען, די זעלבע כוהנים און פאָלק. די צונויפגיסונג פון געטער הייסט טעאָקראַטיע, און די צייט פון די גרויסע דעראָבערונגען און די 1000 י.פ.ק. איז געווען די צייט פון דער טעאָקראַטיע. אין גרויסע געביטן זענען די לאָקאַלע געטער פאַרטרעטן געוואָרן, אָדער גיכער איינגעשלונגען געוואָרן, דורך אַ געמיינזאַמען גאָט. און אַזוי אַרום, ווען די לעצטע העבּרעאישע נביאים אין בבל האָבן פּראָקלאַמירט דעם איינציקן גאָט פון יושר אויף דער גאַנצער וועלט, זענען די מענטשנס געדאַנקן געווען פולשטענדיק צוגעגרייט צו יענער אידיי. אָבער אָפט זענען געטער געווען צו פיל נישט ענלעך צווישן זיך, אז עס זאָל קענען פאָרקומען אַזאַ אַסימילאַציע, און דאַן זענען זיי גרופּירט געוואָרן אין אַ געוויסער מעגלעכער קרובהשאַפט. אַ פרויען-גאָט — און די עגעאישע וועלט פון פאַרן אנקום פון די גריכן

איז געווען איבערגעגעבן די מוטער-געטער — האָט חתונה געהאַט מיט אַ מענטשלעכן גאָט, און אַ חיה-גאָט אָדער אַ שטערן-גאָט איז פֿאַרמענטשלעכט געוואָרן, און די געשטאַלט פֿון אַ חיה אָדער אַסטראָנאָמישן קערפּער, שלאַנג אָדער די זון אָדער די שטערן, זענען געוואָרן אַ סימבאָל אָדער אָרנאַמענט. אָדער דער גאָט פֿון אַ באַזיגט פֿאָלק איז געוואָרן אַ פֿאַרביסענער קעגנער פֿון די זיגרייכער געטער. די געשיכטע פֿון דער טעאָלאָגיע איז פֿול מיט אַזעלכע צופּאַסונגען, קאָמפּראָמיסן און ראַציאָנאַליזירונג פֿון די אַמאָליקע לאָקאַלע געטער.

ווען מצרים האָט זיך פֿון די שטעט-שטאַטן אַנטוויקלט אַלס איין פֿאַראייניקטע קעניגרייך, איז דאָרט פֿאָרגעקומען אַ גרויסע טעאָקראַטיע. דער הויפּט-גאָט איז, אַזוי צו זאָגן, געווען אָזיריס, אַ שניט-קרבנות-גאָט, וועמענס ערדישע פֿאַרקערפּערונג, אַזוי האָט מען געהאַלטן, איז פּרעה. אָזיריס איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ סך מאָל געשטאָרבענער און נאָכהער אַ תּחית-המתים-אויפֿגעשטאַנענער. ער איז נישט בלויז געווען די זריעה און דער שניט, נאָר אויך אין דער נאַטירלעכער אויסשפּרייטונג פֿון דעם געדאַנק, דער סימבאָל פֿון דער מענטשלעכער אומשטערבלעכקייט. צווישן זיינע סימבאָלן איז געווען דער ברייט-באַפֿליגלטער סקאַראַבעוס-זשוק, וועלכער באַגראָבט זיינע אייער, כּדי ווידער אויפֿצושטיין, און אויך די שייַנענדיקע זון, וועלכע גייט אונטער, כּדי ווידער אויפֿצוגיין. שפּעטער איז ער אידענטיפֿיצירט געוואָרן מיט דעם הייליקן ביק אַפּיס. אויף אַ גלייכער מדרגה ווי ער איז געשטאַנען די געטין איזיס. זי איז אויך געווען די געטין האַטאָר, אַקי-געטין, די האַלב-לבנה און דער שטערן פֿון ים. אָזיריס שטאַרבט און זי געבאָרט אַ קינד, האָרוס, וועלכעס איז אויך אַ שפּאַרבער-גאָט און דער מאָרגן-שטערן, און עס וואַקסט אויף, כּדי ווידער צו ווערן אַן אָזיריס. די פֿאַראַנענע בילדער פֿון איזיס שטעלן פֿאָר, ווי זי טראָגט איר קינד האָרוס אין די אָרעמס, שטייענדיק אויף דער האַלב-לבֿנה.

דאָס זענען נישט קיין לאָגישע צוזאַמענהאַנגען, נאָר זיי זענען אויסגעטראַכט געוואָרן דורך דעם מענטשלעכן מוח, איידער עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָס רעגלמעסיקע און סיסטעמאַטישע דענקען, און זיי האָבן געהאַט אַ חלום-ענלעכע צונויפבינדונג. חוץ די דרייער גרופּע זענען געווען אַנדערע און פּינצטערע מצרישע געטער, שלעכטע געטער, דער הונט-קעפּיקער אַנוּבּיס, די שווארצע נאַכט א. ד. גל. איינשלינגער, רייצער, שונאים פון גאָט און מענטש.

יעדע רעליגיעזע סיסטעם פּאַסט זיך צו אין משך פון דער צייט צו דער שטימונג פון דער מענטשלעכער נשמה, און ס'קען נישט זיין קיין ספק, אַז דורך די דאָזיקע נישט לאָגישע און אפילו אומריינע סימבאָלן זענען די מצרים אומשטאַנד געווען אויסצודריקן פאַר זיך וועגן, פאַר אַן אָריגינעלער פרומקייט און טרייסט. דער אומשטערבלעכקייט-פאַרלאַנג האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דעם מצרישן מוח און דאָס רעליגיעזע מצרישע לעבן האָט זיך געדרייט אַרום דעם דאָזיקן פאַרלאַנג. די מצרישע רעליגיע איז געווען אַ רעליגיע פון אומשטערבלעכקייט, ווי קיין שום אַנדערע רעליגיע איז דאָס קיינמאָל נישט געווען. ווען מצרים איז אַרונטערגעפאַלן אונטער פרעמדע דעראָבערער און אירע געטער האָבן אויפגעהערט צו האָבן וואָסער עס איז פּאָליטישע באַדייטונג, האָט זיך די דאָזיקע שטרעבונג צו אַ קאָמפּענסאַציע-לעבן נאָכן טויט נאָך מער פאַרשטאַרקט. נאָך דער גריכישער דעראָבערונג איז די נייע שטאָט אַלעקסאַנדריע געוואָרן דער צענטער פון מצרישן רעליגיעזן לעבן, און אין אמתן פונם רעליגיעזן לעבן פון דער גריכישער וועלט. פּטאָלאָמיי I האָט אויפגעשטעלט אַ גרויסן טעמפּל, דער סעראַפּעאום, ווו ס'איז פאַרערט געוואָרן אַ מין „דריי-איינִיקייט-גאָט". דאָס זענען געווען סעראַפּיס (וועלכער איז געווען אזיריס אפּיס אונטער אַ נייעם נאָמען) איזיס און האָרוס. מ'האָט זיי נישט באַטראַכט אַלס באַזונדערע געטער, נאָר אַלס די דריי געשטאַלטן פון איין גאָט,

און סעראפּיס איז אידענטיפיצירט געוואָרן מיטן גריכישן זעאוס, רוימישן יופּיטער און דעם פּערסישן זון־גאָט. דער דאָזיקער גלויבנס־קולט האָט זיך פאַרשפּרייט אומעטום, ווו ס'האָט געהערשט דער גריכישער איינפלוס, אפילו אין צפון-אינדיע און אין מערב-כינע.

די אומשטערבלעכקייט־אידיי, די אומשטערבלעכקייט פון קאָמפּענסאַציע און טרייסט, איז גיריק אויפגענומען געוואָרן דורך א וועלט, אין וועלכער דאָס פּשוטע לעבן איז געווען האָפנונגסלאָז אומגליקלעך. סעראַפּיס איז אָנגערופן געוואָרן אַלס „דער רעטער פון נשמות".

„נאָכן טויט — אזוי האָבן געזונגען די הימנען פון יענער צייט — זענען מיר נאָך אונטער זיין השגחה".

איזיס האָט צוגעצויגן א סך פאַרערער. אירע בילדער זענען געשטאַנען אין אירע טעמפּלען אַלס די הימל-קעניגין, וואָס טראָגט איר קינד האָרוס אין אירע אָרעמס. מ'האָט פאַר איר געצונדן ליכט, מ'האָט צו איר מנדר געווען נדרים, געגאָלטע כּוהנים, וואָס האָבן אָנגענומען דעם צעליבאַט, האָבן איר באַדינט. דאָס אויפשטיין פון דער רוימישער אימפּעריע האָט געעפנט די מערב-וועלט פאַר דעם דאָזיקן זיך צוואַקסנדיקן קולט. די טעמפּלען פון סעראַפּיס־איזיס, די רעליגיעזע געזאַנגען פון די כּוהנים און די האָפנונג פון אַן אומשטערבלעך לעבן זענען מיטגעגאַנגען מיט די רוימישע פענער קיין שאָטלאַנד און האָלאַנד. אָבער די סעראפּיס-איזיס רעליגיע האָט געהאַט א סך ריוואַלן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען דער מיטראַאיזם. דאָס איז געווען אַ רעליגיע פון פּערסישער אָפּשטאַמונג און זי האָט זיך גרופּירט אַרום היינט-פאַרגעסענע מיסטעריעס וועגן מיטראָסן, וועלכער איז מקריב אַ הייליקן און חסדפולן ביק. דאָ האָבן מיר, דוכט זיך, עפּעס מער אור-אַלטעס, ווי די קאָמפּליצירטע און סאָפיסטישע סעראפּיס־איזיס רעליגיע. מיר ווערן פאַרטראָגן דירעקט צו די בלוט-קרבנות פון דער העליאָליטישער

פאַזע אין דער מענטשלעכער קולטור. אויף די מיטראַאישע מאָנומענטן בלוטיקט שטראָמיק דער ביק פון אַ ווונד אין דער זייט, און פון דעם בלוט שפּראָצט אַרויס אַ ניי לעבן.

דער מיטראַאיסטישער ברען-ברענגער האָט זיך פאַקטיש געבאָדן אינם בלוט פון דעם געאָפּפערטן ביק. באַלט אין אָנהייב פון דער צערעמאָניע איז ער אַרונטער געגאַנגען אונטער דעם מזבח, אויף וועלכן ס'איז געקוילעט געוואָרן דער ביק, און אַזוי אַרום האָט דאָס בלוט פאַקטיש אַראָפּגערונען אויף אים. די דאָזיקע ביידע רעליגיעס,—און דאָס איז ריכטיק בנוגע אַנדערע צאָלרייכע פּאַראַלעלע קולטן, וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך דער אָנהענגערשאַפט פון די קנעכט—זענען געווען פּערזענלעכע רעליגיעס. זיי האָבן געצילט צו דער פּערזענלעכער רעטונג און פּערזענלעכער אומשטערבלעכקייט. די עלטערע רעליגיעס זענען נישט געווען פּערזענלעכע; זיי זענען געווען געזעלשאַפטלעכע. דער אַלטער נוסח פון דער גאָטהייט איז קודם כּל געווען דער גאָט אָדער געטין פון דער שטאָט אָדער שטאַט און ערשט דער נאָך פונם יחיד. די קרבנות זענען געווען אַן עפנטלעכע און נישט פּריוואַטע פונקציע. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט די קאָלעקטיווע פּראַקטישע נויטן פון דער וועלט. אָבער די גריכן און נאכהער די רוימער האָבן אַרויסגעשטויסן די רעליגיע פון דער פּאָליטיק. אָנגעפירט פון דער מצרישער טראַדיציע, האָט זיך די רעליגיע אָפּגערוקט אין אַן אַנדער וועלט אַריין. די נייע פּריוואַטע אומשטערבלעכקייט רעליגיעס האָבן גענומען דאָס האַרץ און געפיל פון די אַלטע שטאַט-רעליגיעס, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי נישט פאַרנומען זייער אָרט. אַ טיפּישע שטאָט אין דער צייט פון די ערשטע רוימישע קיסרים האָט געהאַט טעמפּלען פאַר אַלע מינים געטער. ס'האָט דאָרט געקענט זיין אַ טעמפּל צו יופּיטער פון דעם קאַפּיטאָל, דער גרויסער רוימישער גאָט און ס'איז וואַרשיינלעך אויך געווען אַ טעמפּל צו דעם הערשנדן קיסר; ווייל פון די פרעהס האָבן זיך די קיסאַרס

אויסגעפֿלערנט צו ווערן געטער, אין אַזעלכע טעמפּלען איז פֿאָרגעקומען אַ קאַלטע מלוכיש — פּאָליטישע גאָטעסדינסט; מ'איז דאָרטן אַהין געקומען, עפּעס מקריב געווען און פֿאַרברענט אַביסל ווייַרויך, כּדי אַרויסצווייַזן לאָיאַליטעט. אָבער אין איזיס' טעמפּל אַריין, די ליבע הימלס־קעניגין, איז מען געגאַנגען מיט די פּערזענלעכע דאגות, נאָך ראַט און הילף. ס'זענען אויך געווען לאָקאַלע און עקסצענטרישע געטער. סעוויל צ.ב., האָט אַ לאַנגע צייַט זיך געהאַלטן ביי דער פֿאַרערונג פֿון דער אַלטער קאַרטאַגישער ווענוס. אין אַהייל אָדער אין אַן אונטערערדישן טעמפּל איז זיכער אויך געווען אַן אַלטאַר צו מיטראַסן, צו וועלכן ס'האָבן געדינט די לעגיאָניסטן און שקלאַפֿן. און וואַרשייַנלעך איז דאָרט אויך געווען אַ סינאַגאָגע, וווּ די יידן האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט און געלעזן זייער ביבל און זיך געהאַלטן ביי זייער גלויבן אין דעם אומזעבאַרן גאָט פֿון דער גאַנצער וועלט. טיילמאָל איז צוליב דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פֿון דער מלוכה־רעליגיע אויסגעבראָכן אַ קאָנפֿליקט מיט די יידן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זייער גאָט איז אַן אייפֿערזיכטיקער גאָט, וואָס קען נישט טאָלערירן די געצנדינערייַ, און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַנטייל צו נעמען אין די עפֿנטלעכע קרבנות צו דעם צעזאַר. זיי האָבן אַפֿילו נישט געוואָלט סאַלוטירן, צוליב מורא פֿאַר געצנדינערייַ, די רוימישע פֿענער.

אין מזרח זענען, אַ סך פֿריִער פֿאַר בודאס צייַטן, געווען פּרושים, מענער און פֿרויען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון סרוב לעבנס־פֿאַרגעניגנס, אָפּגעוואָרפֿן די חתונה און דאָס אייגנטום־רעכט און געזוכט גייסטיקע קרעפֿטן, אַ רעטונג פֿון די דאגות און נויט פֿון דער וועלט אין אַבסטינענץ, פּייַניקונגען און איינזאַמקייט. בודאַ האָט זיך אַקעגן געשטעלט קעגן די אַסקעטישע עקסטראַוואַגאַנציעס, אָבער אַ סך פֿון זייַנע תּלמידים האָבן געפֿירט אַ שטרענג מאָנאַכיש לעבן. געהיימע גריכישע קולטן האָבן פּראַקטיצירט ענלעכע זאַכן, זאָגאַר זעלבסט־פּייַניקונג. אויך ביי

די יידישע קבוצים אין יודעא און אַלעקסאַנדריע באַווייזט ויך אין דעם 1-טן י. ה. פ. ק. דער אַסקעטיזם. גאַנצע קבוצים האָבן פאַרלאָזט די וועלט און זיך אָפּגעגעבן מיט פרישות און מיסטישע באַטראַכטונגען. אַזעלכע איז געווען די סעקטע פון די אַסייער. (אסיים) דורך דער גאַנצער צייט פון דעם 1־טן און 2-טן י. ה. נ. ק. האָט אומעטום געהערשט אַזעלכע אָפּנייגונגען צום לעבן, אַן אַלגעמיינער זוך נאָך „אַ דערלייזונג" פון די צייט-צרות. ס'איז פארלוירן געגאַנגען דער אַלטער באגריף וועגן אַ פעסטער אָרדנונג, דער אַלטער צוטרוי צו די כוהנים און טעמפּל, צום געזעץ און מנהג.

אינמיטן פון דער הערשנדיקער שקלאפעריי, אכזריות, מורא, אַנגסט, אויסבּרענגעריי, גרויסאַרטיקייט און פיבערהאַפטע פאַר־שכּורונג, איז זיך געגאַנגען די דאָזיקע עפּידעמיע פון זעלבסט־עקל און גייסטיקער אומזיכערקייט, דער גוססדיקער זוך נאָך רו, אַפילו פאַרן פרייז פון פאַרלייקענונג און פרייוויליקע ליידן. אָט דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז דער סעראַפּעום זאָל פול ווערן מיט וויינענדיקע בעלי־תשובה און געברענגט די נעאָפּיטן צו דער פינצטערער און בלוטיקער מיטראַאיסטישער הייל.

סוף פונם ערשטן טייל

ה. ג. אועלס

וועלט-געשיכטע

פון ענגליש: שרה לערמאַן

צווייטע טייל (ביז 1923 י.)

פאַרלאַג מ. ירוחמזאָן
וואַרשע 1927

געווידמעט דעם אויפוואַקסנדיקן דור
די איבערזעצערין

H. G. WELLS.
Historja Świata
Tłum: Sara Lerman.
Część druga (Do 1923)

Wydaw. M. Jeruchemzon
Warszawa Miodowa 20

Druk. „GLORIA" Warszawa, Solna 9.

א י נ ה אַ ל ט :

קאַפּיטל 1.	יעזוסעס לערע.	3—11
„ 2.	די אַנטוויקלונג פון דאָקטרינערען קריסטיאַניזם.	11—15
„ 3.	די באַרבאַרן צוטיילן די אימפעריע אויף מזרח און מערב	16—21
„ 4.	די הונען און דער סוף פון דער מערב-אימפעריע	21—28
„ 5.	די ביצאַנצישע און סאַססאַנדישע אימ-פעריעס	28—33
„ 6.	די סואי און טאַנג דינאַסטיע אין כינע	34—36
„ 7.	מאַכמעד און איסלאַם	36—41
„ 8.	די גראַנדיעזע אַראַבישע צייטן	41—45
„ 9.	די אַנטוויקלונג פונם לאַטיינישן (קאַטוילישן) קריסטנטום	45—55
„ 10.	די קרייצצוגן און דער פעריאָד פון פויפסט-לעכער הערשאַפט	55—67
„ 11.	די אָפּאָזיציאָנעלע הערשער און דער גרויסער סכיזם	67—78
„ 12.	די מאָנגאָלישע דעראָבערונגען	78—84
„ 13.	דער אינטעלעקטועלער אויפלעב פון די אייראָפּעער	84—95
„ 14.	די רעפאָרמאַציע פון דער לאַטיינישער קירך	95—100

קאַפּיטל 15. קיסר קאַרל V — 101–112

״ 16. דער פּעריאָד פון פּאָליטישע עקספּע-
רימענטן, גרויסע מאָנאַרכיעס, פּאַרלאַמענטן
און רעפּובליקאַניזם אין אייראָפּע — 112–126

17. די נייע מלוכות פון די אייראָפּעער
אין אַזיע און מעבר לים — 126–132

״ 18. די אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט-מלחמה — 132–139

״ 91. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די
רעסטאַווראַציע פון דער מאָנאַרכיע
אין פראַנקרייך — 139–150

״ 20. דער אומרואיקער שלום אין אייראָפּע
נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה — 150–156

״ 21. די אַנטוויקלונג פון דער מאַטעריעלער
וויסנשאַפט — 156–168

״ 22. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע — 168–174

״ 23. די אַנטוויקלונג פון די מאָדערנע פּאָ-
ליטישע און סאָציאַלע אידייען — 174–189

״ 24. די עקספּאַנסיע פון די פאַרייניקטע שטאַטן — 190–200

״ 25. דייטשלאַנד שטייט אויף צו באַהערשן
אייראָפּע — 200–202

״ 26. די נייע מערב־לים אימפּעריעס פון
דאַמפשיף און אייזנבאַנען — 203–210

״ 27. די אייראָפּעאישע אגרעסיע אין אַזיע
און יאַפּאַנס אויפוואַך — 210–217

״ 28. די בריטישע אימפּעריע אין 1914 — 217–220

״ 29. דער באַוואָפנונג-פּעריאָד אין אייראָפּע
און די גרויסע מלחמה — 220–226

״ 30. די רעוואָלוציע און הונגער אין רוסלאַנד — 227–233

״ 31. די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעקאָנס-
טרוקציע פון דער וועלט — 234–242

קאַפּיטל 1

יעזוס'עס לערע

אין די צייטן פון אויגוסט צעזאַר, דער ערשטער אימפּע־ראטאָר, איז עס געבאָרן געוואָרן אין יודעאַ יעזוס, וועלכער איז דער משיח פון קריסטנטום. נאָך זיין נאָמען איז אויפגעשטאַנען אַ רעליגיע, וועלכער ס'איז באַשערט געווען צו ווערן די אָפיציעלע רעליגיע פון דער גאנצער רוימישער אימפּעריע.

איצט וועט עס בכלל זיין באַקוועמער, ווען מיר וועלן אָפּטיילן די געשיכטע פון דער טעאָלאָגיע און זיי באַטראַכטן באַזונדער.

אַ גרויסע פּראָפּאָרציע פון דער קריסטלעכער וועלט גלייבט, אַז יעזוס איז געווען די פאַרקערפּערונג פון גאָט פון דער גאַנצער וועלט, וועלכן ס'האָבן צום ערשטן אָנערקענט די יידן.

דער היסטאָריקער, אויב ער וויל בלייבן היסטאָריקער, קען נישט אָפּלייקענען און קען נישט אָננעמען די דאַזיקע אויסטיי־טשונג. מאַטעריאַליסטיש גערעדט איז יעזוס דערשינען אין דער געשטאלט פון אַ מענטש און אַזעלכן מוז אים דער היסטאָ־ריקער באַהאַנדלען. ער האָט זיך באַוויזן אין יודעאַ אין דער

צייט פון טיבעריוס צעזארס הערשאפט. ער איז געווען א נביא. ער האט געפרעדיקט לויטן נוסח פון די פריערדיקע יידישע נביאים. ער איז דאן אלט געווען אן ערך 30 י. און מיר וויסן לחלוטין גארנישט וועגן זיין לעבנס-שטייגער, איידער ער האט אנגעהויבן צו פרעדיקן. אונדזערע אייציקע דירעקטע אינ-פארמאציעס — קוועלן וועגן זיין לעבן און לערע זענען די פיר עוואנגעליומס. אלע פיר גייען זיך צונויף אין דעם, וואס זיי גיבן אונדז א בילד פון א זייער באשטימטער פערזענלעכקייט. מ'מוז זאגן: „דא האבן מיר צו טון מיט א רעאלן מענטש, דאס האט מען נישט געקאנט אויסטראכטן".

אבער פונקט ווי גאאוטאמא בודדאס פערזענלעכקייט איז פארדרייט און פארטונקלט געווארן דורך דער פארשטארטער איינ-געקורטשעטער פיגור, דער גאלדענער געץ פון שפעטערדיקן בודדיזם, אזוי פילט מען, אז די מאגערע און אייפריקע פער-זענלעכקייט פון יעזוסן ווערט שטארק באעולט דורך דער נישט-רעאלקייט און קאנווענציאנאליזם, וואס א בטעותדיקע פארערונג האט אין דער מאדערנער קריסטלעכער קונסט אויפגעצוווּנגען זיין געשטאלט.

יעזוס איז געווען אן ארעמער לערער, וואס האט געוואנ-דערט אין דער שטויביקער און זון-געברענטער יודעא און ער האט געלעבט פון צופעליקע שפייז-נדבות; דאך ווערט ער שטענדיק געשילדערט אלס ציכטיקער, צוגעקעמטער און ווייך-הארציקער, אין אומבאפלעקטע מלבושים, א פשוטער און מיט עפעס אומבאוועגלעכעס אין זיך, גלייך ווי ער וואלט געשוועבט אין דער לופטן. דאס אליין איז גענוג געווען, אז א סך מענטשן זאלן אים האלטן אלס א נישט-רעאלן און אוממעגלעכן, ווייל זיי קענען נישט אפטיילן דאס אינערע פון דער געשיכטע פון די באשלייערטע און נישט-קלוגע הוספות פון די נישט-אינטעליגענטע פארערער. ווען מיר נעמען אוועק די דאזיקע שטערנדיקע הוספות, זעען מיר דאס געשטאלט פון א ווען, א זייער מענטש-

לעך, זייער ערנסט און ליידנשאַפטלעך, פּעאיק אויף אַ שנעלן כּעס, און וואָס לערנט אַ נייע, פּשוטע און טיפע דאָקטרין נעמלעך: די אוניווערסאַלע ליבנדע פּאַטערשאַפט פון גאָט און דעם אָנקום פון מלכות שמים. ס'איז קלאָר, אַז ער איז געווען אַ פּערזאָן — ווען מיר זאָלן באַנוצן אַן אַלגעמיינע פראַזע — פון אַן אינטענסיווער פּערזענלעכער צוציונגס-קראַפט. ער האָט צוגעצויגן אָנהענגער און זיי אָנגעפילט מיט ליבע און מוט. שוואַכע און ליידנדע זענען דערמוטיקט און אויסגעהיילט געוואָרן דורך זיין אָנוועזנהייט. דאָך איז ער פיזיש ווארשיינלעך געווען דעליקאַט, דרינגענדיק פון דער שנעלקייט פון זיין טויט אונטער די ענויים פון דער קרייציקונג. ס'איז פאַראַן אַ טראַדיציע, אַז ער האָט געחלשט, ווען ער האָט אין הסכם מיט דעם אָנגענומענעם מנהג געמוזט טראָגן דעם קרייץ צו דעם עקזעקוציע-אָרט. דריי יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן לאַנד, פאַרשפרייטנדיק זיין לערע, און דאַן איז ער געקומען קיין ירושלים און איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער וויל גרינדן אַן אויסטערלישע מלוכה אין יודעאַ; מ'האָט אים פאַרמשפט אויפן סמך פון דער דאָזיקער באַשולדיקונג און ער איז געקרייציקט געוואָרן צוזאַמען מיט צוויי גנבים. נאָך איידער זיי זענען געווען טויט זענען זיינע ליידן שוין געווען פאַריבער. די דאָקטרין וועגן מלכות שמים, וואָס איז געווען יעזוס' הויפּט-לערע, איז געוויס איינע פון די רעוואָלוציאָנערסטע דאָקטרינען, וואָס האָבן ווען עס איז באַוועגט און געענדערט דעם מענטשלעכן געדאַנק. מ'דאַרף זיך נישט וווּנדערן, וואָס די וועלט פון יענער צייט האָט נישט פאַרשטאַנען איר פולע באַדייטונג און אין שרעק זיך אָפּגעזאָגט אַפילו צו באַגרייפן אַפילו אַ העלפט פון איר שטורעמענדער אויפפאָדערונג קעגן די אָנגענומענע מנהגים און אינסטיטוציעס פון דער מענטשהייט. ווייל די דאָקטרין וועגן מלכות-שמים, ווי יעזוס האָט זי, ווייזט אויס, געפּרעדיקט, איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ דרייסטע און נישט קאָמפּ-

ראָמיסבאַרע אויפפאָדערונג צו אַ פולשטענדיקער ענדערונג און רייניקונג פון דעם לעבן פון אונדזער קעמפענדער מענטשהייט, אַ גרונטלעכע רייניקונג פון אינווייניק און פון אויסווייניק. דער לעזער מוז זיך איצט ווענדן צו די עוואַנגעליעס און זעלכע ס'איז אויפגעהיטן געוואָרן יענע שטויגענדע לערע; דאָ, אויף דעם אָרט, אינטערעסירט אונדז נאָר דער אָפקלאַנג פון דעם צוזאַמענשטויס אויף די איינגעוואָרצלטע אידייען.

די יידן זענען געווען איבערצייגט, אז גאָט, דער איינציקער גאָט פון דער גאנצער וועלט, איז אַ יושרדיקער גאָט, אָבער זיי האָבן אים באַטראַכט אַלס אַ האַנדלס-גאָט, וואָס האָט געשלאָסן אַ האַנדל מיט זייער פאָטער אברהם צוליב זיי, אין אמתן אַ זער גוטער געשעפט פאַר זיי, אַז זיי זאָלן אין סוף פון די צייטן הערשן איבער דער וועלט. מיט שרעק און כעס האָבן זיי געזען ווי יעזוס שאַרט אַוועק זייערע טייערע זיכערקייטן.

גאָט, האָט ער געלערנט, איז נישט קיין הענדלער, אין דעם מלכות-שמים איז נישטאָ קיין אויסדערוויילטע פעלקער און נישט קיין ליבלינגע. גאָט איז דער ליבנדער פאָטער פון אַלע לעבעדיקע, און ער איז נישט פעאיק אַרויסצוווייזן פאַרצוג, פונקט ווי די אוניווערסאַלע זון איז עס נישט און אַלע מענטשן זענען ברודער — סיי זינדיקע, סיי די געליבטע קינדער פון דעם דאָזיקן געטלעכן פאָטער. אין דעם משל וועגן דעם גוטן שומרונער מאַכט ער חוזק פון יענער נאַטירלעכער טענדענץ, וואָס ליגט אין אונדז, צו גלאָריפיצירן אונדזער אייגן פאָלק און צו מינימיזירן דעם ריכטיקן ווערט פון אַנדערע גלויבנס און אַנדערע ראַסעס.

אין דעם משל וועגן די אַרבעטער וואַרפט ער אָפּ די עקשנותדיקע פרעטענזיע פון די יידן, אַז זיי האָבן אַ באַזונדער רעכט צו גאָט. יעדן, וועמען גאָט נעמט אַריין אין זיין מלכות, האָט יעזוס געלערנט, באַהאַנדלט ער גלייך; ס'איז נישט פאַראַן

קיין אונטערשיד אין זיין באהאנדלונג, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין מאָס צו זיין גנאָד.

פון יעדן איינעם, ווי עס זאָגט עדות דער משל וועגן די באַגראָבענע טאַלענטן 1), און ווי עס דרינגט זיך פון דעם אינצידענט מיט דער אַלמנהס פּרוטה, פאָדערט ער דאָס אויסערסטע. ס׳איז נישט פאַראַן קיין פּריווילעגיע, קיין ראַבאַטן און קיין שום אַנטשולדיקונגען אין דעם מלכות־שמים. אָבער נישט בלויז דעם שבטישן פּאַטריאָטיזם פון די יידן האָט יעזוס באַליידיקט. זיי זענען געווען אַ פאָלק מיט אַ שטאַרקער פאַמיליע־צוגעבונדנקייט, און אין דעם גרויסן ים פון ליבע צו גאָט, האָט ער געוואָלט אַפּרוימען די ענגע און באַגרעניצטע פאַמיליען-ליבע. דאָס גאַנצע מלכות־שמים האָט געדאַרפט זיין די פאַמיליע פון זיינע אָנהענגער. עס ווערט דערציילט, אַז „ווען ער האָט אַזוי גערעדט צום פאָלק, נון, זענען זיין מוטער און זיינע ברידער געשטאַנען אין דרויסן, ווילנדיק רעדן מיט אים. דאַן האָט עמעצער געזאָגט צו אים: זע, דיין מאַמע און דיינע ברידער שטייען אין דרויסן, ווילנדיק רעדן מיט דיר. אָבער ער האָט געענטפערט און געזאָגט יענעם, וואָס האָט אים דערציילט: ווער איז מיין מאַמע? און ווער זענען מיינע ברידער? און ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו די תלמידים און געזאָגט: זעט מיינע ברידער און מיין מאַמע! ווייל דער, ווער עס טוט דעם ווילן פון מיין פאָטער, וועלכער איז אין הימל, דער איז מיין ברודער, און מיין שוועסטער, און מיין מאַמע״ (מאַטט. XII 46—50).

און נישט בלויז דעם פּאַטריאָטיזם און די קייטן פון דער פאַמיליע — לאָיאַליטעט האָט יעזוס אָנגעגריפן אין דעם נאָמען פון גאָטס אוניווערסאַלער פאָטערשאַפט און פון דער ברודערשאַפט פון דער גאַנצער מענטשהייט, נאָר עס איז קלאָר, אַז זיין לערע האָט פאַראורטיילט אַלע די מדרגות פון דער עקאָנאָמישער סי־

1) אַ מטבע

סטעם, יעדן פריוואַטן אייגנטום און פערזענלעכן נוצן. אַלע מענטשן געהערן צו דעם דאָזיקן מלכות; זייער גאַנצער באַזיץ געהערט צו דעם מלכות; דאָס גערעכטיקע לעבן פאַר אַלע, נאָר דאָס גערעכטיקע לעבן, הייסט, אַז מ׳איז מקיים גאָטס ווילן מיט אַלץ, וואָס מיר האָבן און מיט דעם, וואָס מיר זענען. ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל איז ער אַרויסגעטרעטן קעגן דעם פּריוואַטן רייכטום און אָנזאַמלונג פונם פּריוואַטן באַזיץ.

„און ווען ער איז ווייטער אַוועקגעגאַנגען אין וועג אַריין: דאָ קומט איינער לויפנדיק, און קניט פאַר אים און פרעגט אים, גוטער מייסטער, וואָס זאָל איך טון, אַז איך זאָל קענען ירשענען ס׳אייביקע לעבן? און יעזוס האָט אים געזאָגט: פאַרוואָס רופסט דו מיך גוטער? ס׳איז נישטאָ קיין שום גוטער, חוץ איינער, דאָס איז גאָט. דו ווייסט די מצוות, זיי נישט קיין נואף, הרגע נישט, גנבע נישט, זאָג נישט פאַלש עדות, פאַלש נישט, זיי מקיים כבוד אב ואם. און ער האָט געענטפערט און צו אים געזאָגט; מייסטער, דאָס אַלץ בין איך מקיים פון מיין יוגנט אָן. דאַן האָט יעזוס אויף אים געקוקט און ליב געקריגן און געזאָגט צו אים. איין זאַך פעלט דיר: גיי דיר דיין וועגס, פאַרקויף וואָס דו האָסט נאָר און גיב אַוועק די אָרעמע און דו וועסט האָבן אוצרות אין הימל, און קום, און נעם דעם קרייץ, און גיי מיר נאָך. און יענער איז טרויעריק געוואָרן ביי די דאָזיקע ווערטער און איז פאַרטרויערט אַוועק: ווייל ער האָט געהאַט גרויסע באַזיצן.

„און יעזוס האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט צו זיינע תלמידים: ווי שווער וועט עס זיין פאַר די, וואָס האָבן רייכטום, אַריינצוקומען אין מלכות שמים! און די תלמידים זענען דערשטוינט געוואָרן פון זיינע ווערטער. אָבער יעזוס האָט ווידער געענטפערט און געזאָגט צו זיי: קינדער, ווי שווער איז עס פאַר די, וואָס געטרויען זייער רייכטום, אַריינצוקומען אין מלכות שמים! ס׳איז לייכטער פאַר אַ קעמל אַדורכצוגיין דורך דעם

לעכל פון אַ נאָדל, ווי דעם רייכן אַריינצוקומען אין גאָטס מלכות" (מאַרק X 1725.)

נאָכמער, אין זיין שטוינענדער נבואה וועגן דעם דאָזיקן מלכות, וועלכעס וועט צוזאַמענגעמען אַלע מענטשן אונטער איין גאָט, האָט יעזוס געהאַט ווינציק געדולד פאַר דער האַנדלדיקער גערעכטיקייט פון דער פאָרמעלער רעליגיע.

אַן אַנדערע גרויסע טייל פון זיינע פאַרשריבענע אויסער־רונגען צילט קעגן דעם פחדנות׳דיקן מקיים זיין פון די דינים דורך דעם פרומען קאַריעריסט. „דאַן האָבן אים די פּאַריזעער (פּרושים) און סופרים געפרעגט; פאַרוואָס פירן זיך נישט דיינע תלמידים אין הסכם מיט די טראַדיציעס פון די זקנים, נאָר עסן ברויט מיט אומגעוואַשענע הענט?

ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי:

גוט האָט ישעיה נביאות געזאָגט אויף אייך צבועקעס, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן:

„דאָס פאָלק ערט מיך מיט זיינע ליפּן אָבער זייער האַרץ איז ווייט פון מיר. דאָך אומזיסט טון זיי מיך ערן, לערנדיק אַלס לערעס די געבאָטן פון מענטשן.

ווייל אָפּשטויסנדיק גאָטס געבאָט, האַלט איר די טראַדי־ציע פון מענטשן, ווי: דאָס וואַשן פון טעפּ און כלים און נאָך אַ סך ענלעכע זאַכן טוט איר. און ער האָט צו זיי גע־זאָגט: ריכטיק, איר וואַרפט אינגאַנצן אָפּ דעם געבאָט פון גאָט, כדי איר זאָלט קענען האַלטן אייער אייגענע טראַדיציע" (מאַרק VII 5–6)

נישט בלויז אַ מאָראַלישע און סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט יעזוס פּראָקלאַמירט; עס איז קלאָר פון אַ סך רמזים, אַז זיין לערע האָט געהאַט אַ פּאָליטישע אויפגאַבע פון דעם געוויינ־לעכסטן סאָרט. אמת, ער האָט געזאָגט, אַז זיין קעניגרייך איז נישט פון דער וועלט, אַז די איז אין די מענטשנס הערצער און נישט אויף אַ טראָן; אָבער עס איז אויך אַלץ איינס קלאָר

אַז ווי נאָר און אין וואַסער עס איז מאָס זיין קעניגרייך וועט
אַריינדרינגען אין די מענטשנס הערצער, וועט די איסערלעכע וועלט
באַנייט און רעוואָלוציאָניזירט ווערן אין דער זעלבער מאָס. וואָ-
סערע אַנדערע זאכן די טויבקייט און בלינדקייט פון זיינע צו-
הערער האָבן געקענט פארהערן אין זיינע אויסערונגען, איז עס
קלאָר, אַז זיי האָבן נישט פאַרהערט זיין אַנטשלוס צו רעוואָלו-
ציאָניזירן די וועלט. דער גאַנצער יסוד פון דער אָפּאָזיציע
קעגן אים און די אומשטענדן פון זיין משפט און די עקזעקו-
ציע ווייזן בולט, אַז זיינע צייט גענאָסן האָט ער, ווייזט אויס,
פאַרגעלייגט אָפן, און זיי פשוט פאַרלייגט צו ענדערן, צוזאַמענ-
גיסן און פארגרעסערן דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן. נעמענ-
דיק און באַטראַכט דאָס, וואָס ער האָט אָפן געזאָגט, צי איז עס
אַ ווונדער, וואָס אַלע די רייכע און פראָספערירנדע האָבן גע-
שפירט אַ פחד פאַר אויסטערלעשע זאַכן, דאָס פאַרשווונדן ווערן
פון זייער וועלט אַ דאַנק זיין לערע? ער האָט אַרויסגעשלעפט
זייער ביסל פריוואַטע זאַפּאַסן, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן
פון דער געזעלשאַפטלעכער דינסט זייערער, אויף דער שיין פון
אַן אוניווערסאַל רעליגעז-לעבן. ער איז עלעך געווען צו טייל
שרעקלעכע מאָראַלישע יעגער, וואָס שלעפן ארויס די מענטשהייט
פון די באַקוועמע לעכער, אין וועלכע זי האָט ביז אַהער גע-
לעבט. אין דעם העלן גרויסן ליכט פון זיין מלכות-שמים האָט
נישט געדאַרפט זיין קיין אייגנטום, קיין פריווילעגיע, קיין שטאָלץ
און קיין פרעצעדענס; ווירקלעך, קיין מאָטיוו, קיין באַלוינונג,
נאָר ליבע. צי איז עס אַ ווונדער, וואָס די מענטשן זענען
פאַרבלענדעט און בלינד געוואָרן און געוואַלטעוועט קעגן אים?
אַפילו זיינע אייגענע תלמידים האָבן געשריגן, ווען ער האָט זיי
געקאַרגט דאָס ליכט. צי איז עס אַ ווונדער, וואָס די כוהנים
האָבן באַגריפן, אַז צווישן זיי און דעם דאָזיקן מענטש איז נישט
דאָ קיין ברירה, אַזער אָדער זיי מוזן אונטערגיין? צי איז עס אַ
ווונדער, וואָס די רוימישע זעלנער, געטראָפן און דערשטוינט

פון עפעס, וואָס איז העכער פאַר זייער פאַרשטאַנד און וואָס באַדראָט זייער דיסציפּלין, האָבן געזוכט שוץ אין ווילדן געלעכ-טער, און אים געקרויצט מיט דערנער און אים אָנגעטון אין פּורפּור און געמאַכט פון אים אַ חוזק-צעזאר? ווייל איבּ אים צו נעמען ערנסט, האָט געהייסן אַריינטרעטן אין אַ פרעמד און אַ שרעקנדיק לעבן, צו פאַרלאָזן געוווינהייטן, צו קאָנטראָלירן די אינסטינקטן און אימפּולסן, צו פאַרזוכן אַן אומגלויבלעך גליק...

קאַפּיטל 2

די אַנטוויקלונג פון דאָקטרינערען קריסטיאַניזם

אין די פיר עוואַנגעליעס האָבן מיר די פּערזענלעכקייט און לערע פון יעזוס, אָבער זייער ווינציק פון די קריסטלעכע דאָגמאַס. עס איז אין די בריוו, אַ סעריע שריפטן פון יעזוס נאָענטע אָנהענגער, ווו עס ווערן אָנגעצייכנט די ברייטע ריכט-ליניען פון קריסטיאַניזם. דער ראש פון די שעפער פון דער קריסטלעכער דאָקטרין איז געווען דער הייליקער פּאַול. ער האָט קיינמאָל נישט געזען יעזוסן און נישט געהערט אים פּרע-דיקן. פּאָול האָט פריער געהייסן שאול, און ער האָט זיך לכתחילה אויסגעצייכנט אַלס אַן אַקטיווער פאַרפאָלגער פון דער קליינער גרופּע תלמידים נאָך דער קרייציקונג. דאַן איז ער אומגעריכט איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום און איבערגעביטן זיין נאָמען אויף פּאָול. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסער אינטעלעקטועלער קראַפט און טיף-ליידנשאַפטלעך פאַראינטערע-סירט אין די רעליגיעזע באַוועגונגען פון זיין צייט. ער איז

געװען גוט באַהאַװנט אין יודאַאיזם, מיטראַאיזם- און אין דער אַלעקסאַנדריער רעליגיע פון יענער צייט. אַ סך פון זייערע אידייען און אויסדרוקס-פאָרמען האָט ער אַריינגעבראַכט אין קריסטיאַניזם. ער האָט זייער װיניציק געטון, כּדי צו פאַרגרעסערן אָדער אַנטװיקלען יעזוסעס אָריגינעלע לערע, די לערע װעגן מלכות-שמים. אָבער ער האָט געלערנט, אַז נישט בלויז דער צוגעזאָגטער משיח איז יעזוס געװען, דער צוגעזאָגטער פירער פון יידן, נאָר אויך, אַז זיין טויט איז געװען אַ קרבן, פונקט װי דער טויט פון די אור-אַלטע קרבנות פון די ערשטע ציװיליזאַציעס, פאַר דער אויסלייזונג פון דער מענטשהייט. װען רעליגיעס בליען איינע נעבן דער אַנדערער, האָבן זיי אַ טענדענץ איבערצונעמען דער צװייטערס צערעמאָניאַלע און אַנדערע אויסערלעכע אייגנאַרטיקייטן. בודדיזם צ. ב. האָט היינט אין כינע די זעלבע מינים טעמפּלען, פּריסטער און מנהגים פון טאַאיזם, װעלכע האַלט פון לאַאָ-טסיס לערע. אָבער די אָריגינעלע לערעס פון בודדיזם און טאַאָיזם זענען געװען כּמעט שטאַרק קעגנזעצלעך. און דער פאַקט, װאָס די קריסטלעכע לערע האָט איבערגענומען נישט בלויז אַזעלכע פאָרמעלע זאַכן, װי געגאָלטע גלחים, די נדרים, אַלטאַרן, ליכט, הייליקע געזאַנגען און בילדער פון דער מיטראַאיסטישער און אַלעקסאַנדריער גלויבן, נאָר אויך אַדאָפּטירט אַפילו זייערע פרומע פראַזן און זייערע טעאָלאָגישע אידייען, שטעלט נישט אין ספק אָדער דיסקרעדירט די עיקרים פון דער קריסטלעכער לערע. די דאָזיקע רעליגיעס האָבן געבליט איינע נעבן דער צװייטער, מיט אַ סך אַנדערע װינציקער-װיכטיקע קולטן. יעדע האָט געזוכט אָנהענגער, און ס'האָט דאַן געמוזט פאָרקומען אַ כּסדרדיקער אַרויסגאַנג און אָנקום פון נעאָפיטן. צייטנװייז איז איינע אָדער אַן אַנדערע פאַװאָריזירט געװאָרן פון דער רעגירונג. אָבער אויף דעם קריסטיאַניזם האָט מען געקוקט מיט מער חשד, װייל פונקט װי די יידן, האָבן אירע אָנהענגער נישט געװאָלט אויספירן די פאַר-

ערונגס-אַקטן צום גאָט-צעזאַר. דאָס האָט פון איר געמאַכט אַן אויפשטענדישע רעליגיע, לחלוטין אָפּגעזונדערט פון דעם רעוואָ־ליציאָנערן גייסט פון יעזוס לערע. דער הל. פּאָול האָט צוגעוווינט זיינע תּלמידים צו דעם געדאַנק, אַז יעזוס, פּונקט ווי אזיריס, איז געווען אַ גאָט, וועלכער איז געשטאָרבן און אויפגעשטאַנען תּחית־המתים, כּדי צו געבן די מענטשן אומשטערבלעכקייט. און באַלד איז דער זיך־צושפּרייטנדער קריסטלעכער קבוץ שטאַרק צעטיילט געוואָרן דורך קאָמפּליצירטע טעאָלאָגישע וכּוחים, וועגן דער קרובשאַפט פון דעם גאָט-יעזוס צו דעם גאָט-פאָטער פון דער מענטשהייט.

די אריאַנער האָבן געלערנט, אַז יעזוס איז געטלעך, אָבער אונטערשיידבאַר פון דעם „פאָטער״ און אויף אַ נידעריקער שטופע פון אים די סיבעלליאַנער האָבן געלערנט, אַז יעזוס איז בלויז אַ געשטאַלט פון דעם פאָטער, און אַז גאָט איז יעזוס און פאָטער, פּונקט ווי א מענטש קען זיין אַ פאָטער און אַ בעל-מלאכה; די טריניטאריאַנער האָבן געלערנט אַ סובטעלערע דאָקטרין, אַז גאָט איז אי איינציק, אי דרייפאַכיק, פאָטער, זון און הייליקער גייסט. אַ צייט האָט זיך געדאַכט, אַז דער אריאַניזם וועט באַזיגן זיינע ריוואַלן, אָבער נאָך דיספּוטן, גוואַלדטאַטן און מלחמות, איז די דריי׳ איינ׳קייט פאָרמולאַ אָנגענומען געוואָרן פון דעם גאַנצן קריסטנטום. איר פולסטער אויסדרוק קען מען געפינען אין דעם אטאנאזיאַנער קרעדאָ. מיר גיבן דאָ נישט קיין שום פּירושים אויף די חילוקי־דעות. זיי איבן נישט אויס אַזאַ איינפלוס אויף דער געשיכטע, ווי יעזוס לערע. יעזוס פּערזענלעכע לערע באַצייכענט ווייזט אויס, אַ נייע פאַזע אין דעם מאָראַלישן און גייסטיקן לעבן פון אונזער ראַסע. אירע עקשנות׳דיקע דערמאַנונג וועגן דער איניווערסאַלער פאָטערשאַפט פון גאָט און די באַדינגונגסלאָזע ברודערשאַפט פון אַלע מענטשן, אירע עקשנותדיקע דערמאַנונג וועגן דער הייליקייט פון יעדער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט אַלס אַ לעבעדיקער טעמפּל

פון גאָט איז באַשערט געווען צו האָבן די טיפסטע ווירקונג אויף דעם גאַנצן נאָכקומענדיקן סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן פון דער מענטשהייט. צוזאַמען מיט דער פאַרשפּרייטונג פון יעזוס' לערע, באַווייזט זיך אין דער וועלט אַ נייער רעספּעקט פאַר דעם מענטש אַלס אַ מענטש. ס'מעג זיין אמת, וואָס די פיינטלעכע קריטיקער פון קריסטיאַניזם האָבן געטענה'ט, אַז דער הל. פּאָול האָט געפּרעדיקט געהאָרזאַמקייט פון קנעכט, אָבער עס איז אויך אמת, אַז דער גאַנצער גייסט פון יעזוס לערע, ווי זי איז אויפגעהיטן אין די עוואַנגעליעס, איז געווען קעגן דער פאַרקנעכטונג פון מענטש דורך אַ מענטש. און נאָך מער בולטער איז דער קריסטיאַניזם געווען קעגן אַזעלכע גוואַלטאַטן אויף דער מענטשלעכער ווירדע, ווי די גלאַדיאַטאָרישע קאַמפן אויף דער אַרענע. דורך די גאַנצע ערשטע 2 י. ה. נ. ק. האָט זיך די קריסטלעכע רעליגיע פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, צוזאַמענבינדענדיק אין אַ נייעם קבוץ פון אידייען און ווילן אַן אַלץ מער וואַקסענדע מענגע נעאַפיטן. די שטעלונג פון די קיסרים איז נעווען פאַרשידן, אָנהייבנדיק פון פיינטלעכקייט און ענדיקנדיק ביי טאָלעראַנץ, סיי אין 2-טן, סיי אין 3-טן י.ה.נ.ק. זענען געווען פאַרזוכן אונטערצוברענגן דעם דאָזיקן נייעם גלויבן, און ענדלעך איז אין 303 און אין די נאָכפאָלגנדיקע יאָרן פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרפאָלגונג אונטער דעם אימפּעראַטאָר דיאָקלעציאַנ'ס אָנפירונג. די באַדייטנד-אָנגעזאַמלטע רייכטימער פון דער קירך זענען פאַרכאַפּט געוואָרן, אַלע ביבלס און רעליגיעזע שריפטן זענען קאָנפיסקירט און פאַרברענט געוואָרן, די קריסטן זענען געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ און אַ סך זענען עקזעקוצירט געוואָרן. די פאַרניכטונג פון די ביכער איז באַזונדערס באַמערקנס-ווערט. דאָס ווייזט, ווי די רעגירונג האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די מאַכט פון דעם געשריבענעם וואָרט צוזאַמענצוהאַלטן דעם נייעם גלויבן. די דאָזיקע „ביכער רעליגיעס" קריסטיאַניזם און יודאַאיזם, זענען געווען רעליגיעס, וועלכע האָבן

געבילדעט. זייער וויטערדיקע עקזיסטענץ האָט זיך הויפּטזעכלעך געווענדט אָן מענטשן, וואָס קענען לייענען און פאַרשטיין זייערע דאָקטרינערע אידייען. די עלטערע רעליגיעס האָבן קיינמאָל נישט אַפּעלירט אויף אַזאַ אופן צו דער פּערזענלעכער אינטע-ליגענץ. אין די צייטן פון באַרבאַרישער צעמישונג, וואָס האָט זיך איצט אָנגערוקט אויף איראָפּע, איז עס געווען די קריסט-לעכע קירך, וועלכע איז געווען דער הויפּט-אינסטרומענט פון דער אויפהיטונג פון דער טראַדיציע פון לערע.

דיאָקלעציאַנס פאַרפאָלגונג איז פולקאָם נישט געלונגען אונ-טערצוברענגען דעם וואַקסנדן קריסטלעכן קבוץ. אין אַ סך פּראָווינצן איז זי געווען נישטווירקזאַם, ווייל די הויפּט-מאַסע פון דער באַפעלקערונג און אַ סך רעגירונגס-באַאַמטע זענען גע-ווען קריסטן. אין 317 האָט דער בשותּפותדיקער אימפּעראַטאָר גאַלעראַס אַרויסגעגעבן אַ טאָלעראַנץ-עדיקט, און אין 324 י. איז קאָנסטאַנטין דער גרויסער, אַ פריינט און אויף זיין שטאַרב-בעט אַ געטויפטער נעאָפיט פון קריסטיאַניזם, געוואָרן דער איינ-ציקער הערשער פון דער גאַנצער רוימישער וועלט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע געטלעכע פּרעטענזיעס און איינגעפירט קריסטלעכע סימבאָלן אויף די פאַנצערס און פענער פון זיינע חילות. אין משך פון עטלעכע יאָר איז דער קריסטיאַניזם פעסט איינגעוואָרצלט געוואָרן אַלס די אָפיציעלע רעליגיע פון דער אימפּעריע. די קאָנקורירנדיקע רעליגיעס זענען פאַרשווונדן אָדער איינגעשלונגען געוואָרן מיט אַן אויסערגעווינלעכער שנעל-קייט און אין יאָר 390 האָט טעאָדאָזיוס דער גרויסער באַפוילן צו פאַרניכטן די גרויסע סטאַטוע פון יופּיטער סעראַפּיס אין אַלעקסאַנדריע.

פון אָנהייב אָן פון 5-טן י. ה. נ. ק. זענען די איינציקע פּריסטער און טעמפּלען געווען קריסטלעכע גלחים און קירכן.

קאפיטל 3

די באַרבאַרן צוטיילן די אימפעריע אויף מזרח און מערב.

דורך דעם גאַנצן 3-טן יאָרהונדערט איז די רוימישע אימ-
פעריע, סאָציאַל צערפאַלן און מאָראַליש צעבראָכן, געשטאַנען
אין קאַמף מיט די באַרבאַרן. די אימפעראַטאָרן פון דעם פער-
יאָד זענען געווען קעמפנדע מיליטערישע אויטאָקראַטן, און די
הויפט-שטאָט פון דער אימפעריע האָט זיך איבערגערוקט צוזאַ-
מען מיט די נויטווענדיקייטן פון זייער מיליטערישער פאָליטיק.
אַמאָל איז די הויפט-קוואַרטיר פונם אימפעראַטאָר געווען אין מיי-
לאַנד, צפון-איטאַליע; אַמאָל, ווו ס'איז דאָס היינטיקע סערביע,
אין ניש אָדער סירמיום; אַמאָל אין ניקאָמעדיא, קליין-אַזיע.
רוים וועלכע איז אין מיטן איטאַליע, איז געווען צו ווייט פונם
צענטער פון די געשעענישן, אַז זי זאָל זיין אַ באַקוועמלעך
זיץ-אָרט פונם אימפעראַטאָר. זי איז געווען אין אַ ירידה-צושטאַנד.
אין גרעסטן טייל פון דער אימפעריע האָט נאָך געהערשט שלום
און מענטשן זענען געגאַנגען אָן וואָפן. די אַרמייען זענען
ווייטער געווען די איינציקע רעזערוון פון דער מאַכט; די אימ-
פעראַטאָרן, אָפּהענגיקע פון זייערע לעגיאָנען, זענען פאַר דער רעשט
טייל פון דער אימפעריע וואָס אַמאָל געוואָרן אויטאָקראַטישער
און זייער פאָזיציע וואָס אַמאָל ענלעכער צו יענער פון די פער-
סישע און אַנדערע אָריענטאַלישע מאָנאַרכן. דיאָקלעציאַן האָט
זיך אָנגעטון אַ קעניגלעכע קרוין און אָריענטאַלישע בגדים. אויף
דער גאַנצער לענג פון דער אימפערישער גרעניץ, וואָס איז גע-
ווען הארט כמעט נעבן ריין און דונאַי, האָבן איצט
אָנגעגריפן שונאים. די פראַנקן און אַנדערע גערמאַנישע
שבטים זענען צוגעקומען צום ריין. אין צפון-אונגאַרן זענען

אין צפון-אונגאַרן זענען געווען די וואַנדאַלן ; ווו ס'איז היינט רומעניע, אַמאָל דאַציע, — די וויזיגאָטן אָדער די מערב-גאָטן. אונטער זיי זענען אין דרום-רוסלאַנד געווען די מזרח-גאָטן אָדער אָסטראָגאָטן, און ווייטער פון זיי אין דער וואָלגא-געגנט — די אַלאַנען. אָבער איצט האָבן מאָנגאָלישע פעלקער זיך אויסגעקעמפט אַ וועג קיין אייראָפּע. די הונען האָבן שוין אַרויסגעצווונגען מס פון די אַלאנען און פון די אסטראגאָטן און זיי געשטויסן צו מערב. אין אַזיע זענען די רוימישע גרעניצן איבערגערוקט געוואָרן אונטער דעם שטויס פון אַן אויפלעבעדיקער פּערסיע. דאָס דאָזיקע נייע פּערסיע, דאָס פּערסיע פון די סאסאַנידן קעניגן, איז געוואָרן אַ שטאַרקער און בכלל דערפאָלגרייכער ריוואַל פון דער רוימישער אימפּעריע אין אַזיע אין די נעכסטע דריי הונדערט יאָר. אַ בליק אויף דער אייראָפּעאישער מאַפּע וועט ווייזן דעם לעזער די באַזונדערס שוואַכע זייטן פון דער אימפּעריע. דער טייך דונאַי דערגייט ביז אַ צוויי הונדערט מייל פון דעם אדריאַטישן ים צו דער געגנט, וואָס איז היינט באָסניע און סערביע. דאָרט מאַכט ער א פּירקאַנטיקן צוריק אריינגייענדיקן ווינקל. די רוימער האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן אין אָרדנונג זייערע ים-קאָמוניקאַציעס, און די דאָזיקע 200 מייל יבשה זענען געווען זייער קאָמוניקאַציע ליניע צווישן דער מערב לאַטיין־רעדנדיקער טייל פון דער אימפּעריע און דער מזרח גריכיש-רעדנדיקער טייל. אויף דעם פּירקאַנטיקן ווינקל פונם דונאַי איז דער באַרבאַרישער שטויס געווען דער שטאַרקסטער. ווען זיי רייסן זיך דאָ אדורך, מוז די אימפּעריע אומפאַרמיידלעך צופאַלן אויף צוויי טיילן.

אַ שטאַרקערע אימפּעריע וואָלט זיך גערוקט פאָרווערטס און אָפּדעראָבערט דאַציע, אָבער דער רוימישער אימפּעריע האָט געפעלט אַזאַ קראַפט. קאָנסטאַנטין דער גרויסער איז זיכער געווען אַ מאָנארך מיט אַ גרויסערר איבערגעגעבנקייט און אינטעליגענץ ער האָט אָפּגעשלאָגן אַן אָנפאַל פון די גאָטן אויף די דאָזיקע וויכ-

טיקע באַלקאַנישע געגנטן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כוח איבערצורוקן די גרעניץ איבער דעם דונאַי. ער איז גע־ווען צופיל פאַרנומען מיט דער אינערלעכער שוואַכקייט פון דער אימפעריע. ער האָט אַריינגעבראַכט די סאָלידאַריטעט און מאָ־ראַלישע קראַפט פון קריסטיאַניזם, כדי אויפצולעבן דעם גייסט פון דער אונטערגייענדיקער מלוכה, און ער האָט זיך דעצידירט צו שאַפן א נייע־פאַרמאַנענטע הויפטשטאָט אין ביצאַנץ אויפן העלעספּאָנט. דער ניי־געשאַפענער ביצאַנץ, וואָס איז לכבוד אים אָנגערופן געוואָרן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט זיך נאָך געבויט נאָך זיין טויט. ביים סוף פון זיין הערשאַפט איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע טראַנזאַקציע. די וואַנדאַלן, ווערנדיק געשטויסן דורך די גאָטן, האָבן געבעטן, אַז די רוימישע אימפעריע זאָל זיי אַריינעמען. מ'האָט זיי געגעבן ערד אין פּאַנאָניע, דער היינטיקער טייל אונגאַרן צו מערב פון דונאַי, און זייערע קעמפנ־דיקע מענער זענען נאָמינעל געוואָרן לעגיאָניסטן. אָבער די דאָ־זיקע נייע לעגיאָנען האָבן געהאַט זייערע אייגענע הויפט־אָנפי־רער. רוים האָט זיי נישט געקענט פאַרדייען. קאָנסטאַנטין איז געשטאָרבן ביי דער אַרבעט, ביים רעאָרגאַניזירן זיין גרויסע אימפעריע. און באַלד האָבן די גרעניצן געפּלאַצט און די וויז־גאָטן זענען צוגעקומען נאָענט צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיי האָבן צעקלאַפּט דעם אימפעראַטאָר וואַלענס ביי אַדריאַנאָפּאָל און געגרינדעט אַ ישוב, דאָרט ווו ס'איז היינט בולגאַריע, אַן ענלעכן צו דעם וואַנדאַלישן אין פּאַנאַניע. נאָמינעל זענען זיי געווען דעם אימפעראַטאָרס פאַקטיש זענען זיי געווען די זיגער. פון 379 ביז 395 נ. ק. האָט גע־הערשט דער אימפעראַטאָר טעאָדאָזיוס דער גרויסער, און בעת ער האָט רעגירט איז די אימפעריע פאָרמעל געבליבן נישט געטיילט. מיט די אַרמייען אין איטאַליע און פּאַ־נאָניע האָט אָנגעפירט סטיליכאָ, אַ וואַנדאַל, און מיט די אַרמייען אויפן באַלקאַנישן האַלב אינזל — אַלאַריק, אַ גאָט.

טעאדאזיוס איז געשטאָרבן אין סוף פון 4-טן י. ה. און איבער-געלאָזט צוויי זין. אַלאַריק האָט אונטערגעשטיצט איינעם פון זיי, ארקאדיוס, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און סטיליכא — דעם אַנ-דערן, האנאריוס, אין איטאַליע. מיט אַנדערע ווערטער: אַלאַריק און סטיליכא האָבן געקעמפּט פאַר דעם באַזיץ פון דער אימ-פּעריע מיט די פּרינצן אַלס מאַנעקינען. אין לויף פון זייער קאַמף האָט אַלאַריק אַריינגעמאַרשירט קיין איטאַליע און נאָך אַ קורצדויערנדיקער באַלאַגערונג גענומען רוים (410 נ. ק.) דער אָנ-הייב פון דעם 5־טן י. ה. האָט געזען די גאַנצע רוימישע אימפּעריע אין אייראָפּע אַלס רויב פון רויבערישע באַרבאַרישע אַרמייען. עס איז שווער צו געבן אַן איבערבליק איבער דעם צושטאַנד פון דער וועלט אין יענער צייט. אין פראַנקרייך, שפּאַניע, איטאַליע און אויף דעם באַלקאַנישן האלב-אינזל זענען די גרויסע שטעט, וועלכע האָבן געבליט אין די צייטן פון דער ערשטער אימפּעריע, פּאַראָרימט געוואָרן, צום טייל געוואָרן אַנטפּעלקערט און זיך געפונען אין אַ ירידה־צושטאַנד. דאָס לעבן האָט דאָרטן גע־מוזט זיין באַגרעניצט, רוי און נישט זיכער.

די לאָקאַלע רעגירונגס-אָרגאַנען האָבן פאָרטגעזעצט זייער ארבעט, בלי ספק, אין נאָמען פון איצט אַ וויַיטן און נישט צו-טריטלעכן קיסר; די קירכן האָבן זיך וויַיטער געהאַלטן, אָבער געוויינלעך זענען די גלחים געווען אומגעבילדעט. מהאָט ווייניק געלייענט און ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט אַ סך פאָרורטיילן. אָבער אומעטום, חוץ ווו די רויבער האָבן זיי פאַרניכטעט, האָט מען נאָך געקענט געפונען ביכער, בילדער, סטאַטועס און ענלעכע אַנדערע קונסט-ווערק. אין דער פּראָווינץ איז ס'לעבן אויך דע-גענערירט געוואָרן. אומעטום איז דאָס דאָזיקע רוימישע לעבן געוואָרן נאָך מער פאַרווילדעט און פאַראומרייניקט, ווי ס'איז געווען פריער. אין טייל געגנטן האָבן מלחמה און מגפה דער-פירט דאָס לאַנד צו אַ מדרגה פון אַ וויסטע. די וועגן און וועלדער זענען פול געווען מיט רויבער. אין די דאָזיקע געגנטן

זענען אָנגעקומען די באַרבאַרן נאָך אַ קלײנעם אָדער גאָר איצגאַנצן אָן אַ ווידערשטאַנד און דאָרט אַרײַנגעזעצט זײערע אָנפירער אַלס הערשער, אָפט מיט אָפיציעלע רוימישע טיטלען. אויב זײ זענען געווען האַלב-ציוויליזירטע באַרבאַרן, האָבן זײ באַהאַנדלט די דעראָבערטע געביטן מיט חסד; זײ האָבן גענומען שטעט, זיך אַסימילירט, זיך משדך געווען און זיך אויסגעלערנט (מיט אַן אַקצענט) לאַטײן; אָבער די יוטן, די אַנגלן און די זאַקסן, וועלכע האָבן פאַרפלײצט די רוימישע פּראָווינץ בריטאַניע, זענען געווען ערד-אַרבעטער און זײ האָבן גײַשט געדאַרפט קײן שטעט; ס'ווײַזט אויס, אַז זײ האָבן אָפּגערוימט דרום-בריטאַניע פון דער ראָמאַניזירטער באַפעלקערונג און די לאַטײנישע שפּראַך איז פאַרטרעטן געוואָרן דורך זײערע אײגענע טעווטאָנישע דיאַלעקטן, פון וועלכע ס'האָט זיך ענדלעך געבילדעט די ענגלישע שפּראַך. עס איז שווער פאַר אונדז אויף דעם אָרט, וואָס מיר האָבן צו אונדזער דיספּאָזיציע, נאָכצוגײן די באַוועגונגען פון אַלע די פאַרשידענע גערמאַנישע און סלאַווישע שבטים, ווי זײ זענען געגאַנגען אַהין און צוריק אין דער דעזאָרגאַניזירטער אימפּעריע, זוכנדיק רויב און אַ באַקוועמע הײם. לאָזן די וואַנדאַלן דינען אַלס בײַשפּיל. זײ באַווײַזן זיך אין דער געשיכטע אין מזרח-דײַטשלאַנד. זײ האָבן זיך באַזעצט, ווי מיר האָבן שוין דערצײלט, אין פּאַנאָניאַ. פון דאָרטן זענען זײ אין אַן ערך 425 ב.ק. דורך די צווישן פּראָווינצן אַרײַן קײן שפּאַניע. דאָרטן האָבן זײ באַגעגנט די וויזיגאָטן פון דרום-רוסלאַנד און נאָך אַנדערע גערמאַנישע שבטים וועלכע האָבן דאָרטן געהאַט פירשטן און קעניגן. פון שפּאַניע זענען די וואַנדאַלן אונטער גענזעריקס אָנפירונג אָפּגעשוווּמען קײן צפון-אַפריקע (429) אײַנגענומען קאַרטאַגע (439) און אויפגעבויט אַ פלאָט. זײ האָבן זיך פאַרזיכערט די מאַכט איבערן ים און אײַנגענומען און פאַרברענט רוים (455), וועלכע איז שוין געהאַט אַביסל געקומען צו זיך נאָך אַלאַריק'ס דעראָבערונג און צורויבונג מיט אַ האַלבן יאָר

הונדערט צוריק. נאָכהער זענען זיי געוואָרן הערשער פון סי־ציליע, קארסיקא און דעם רוב אינזלען פון דעם מערב מיטל־לענדישן ברעג. זיי האָבן פּאַקטיש געשאַפן א ים־מלוכה, וואָס איז געווען זער ענלעך לויטן פאַרנעם צו דער קארטאַגישער ים־מלוכה פון פאַר מער ווי 700 יאָר צוריק. אַן ערך אין 471 יאָר זענען זיי געשטאַנען אויף דעם העכסטן שפּיץ פון זייער מאַכט. אָבער אין נעכסטן יאָרהונדערט איז כמעט זייער גאַנצע טעריטאָריע אָפּדעראָבערט געוואָרן פאַר דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אימפּעריע, בשעת אַ צייטווייליקער ענערגישער טעטיקייט דורך יוס־טיניאַן דעם ערשטן. די געשיכטע וועגן די וואנדאלן איז נאָר איין ביישפּיל פון די פיל ענלעכע געשעענישן. אָבער איצט זענען אין אייראָפּע אָנגעקומען די אַמווייניקסטן קרובשע און די פורכטבאַרסטע פון אַלע די פאַרוויסטערס, די מאָנגאָלישע הונען אָדער טאַטאַרן, אַ געל־פאָלק, אַקטיוו און פעאיק, אַ זעלכעס מיט וועלכן די מערב־וועלט האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט באַ־געגנט.

קאַפּיטל 4

די הונען און דער סוף פון דער מערב־אימפּעריע

דאָס באַווייזן זיך פון אַ דעראָבעריש מאָנגאָליש פאָלק אין אייראָפּע קען באַצייכנט ווערן אַלס אַ נייע פּאַזע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. ביז דעם לעצטן יאָרהונדערט, אָדער אַן ערך אַזוי, פאַר דער קריסטלעכער ערא זענען די מאָנגאָלישע און נאָרדישע פעלקער נישט געקומען אין אַ נאָנטער באַציונג מיט זיך. ווייט אין די פאַרפרוירענע לענדער אונטער די צפון־

װעלדער, האָבן זיך די לאַפּלענדער, אַ מאָנגאָליש פֿאָלק, גערוקט
אין דער מערב־ריכטונג ביז לאַפּלאַנד, זיי האָבן אָבער נישט
געשפּילט קיין שום ראָל אין דעם הויפּט־שטראָם פֿון דער גע-
שיכטע. טויזנטער יאָרן האָט אין דער מערב-װעלט געדויערט
דער דראַמאַטישער צװישן-שפּיל פֿון די אַרישע, סעמיטישע און
די פֿונדאַמענטאַלע ברונעטע פֿעלקער, כמעט אָן דער אַריינמי-
שונג (חוץ אַן עטיאָפּישע אינװאַזיע אין מצרים) פֿון די שװאַרצע
פֿעלקער פֿון דרום, אָדער פֿון דער מאָנגאָלישער װעלט אינם
װייטן מזרח. עס איז װאַרשיינלעך, אַז ס'זענען געװען צװיי
הויפּט-סיבות, װאָס האָבן גורם געװען דעם דאָזיקן נייעם צו-
מערב-שטראָם פֿון די נאָמאַדישע מאָנגאָלן. די ערשטע איז גע-
װען די קאָנסאָלידאַציע פֿון דער גרויסער כינעזישער אימפּעריע,
איר אויסשפּרייטן זיך צו צפֿון און די פֿאַרמערונג פֿון איר באַ-
פֿעלקערונג בעת דעם פּראָספּערירנדיקן פּעריאָד פֿון דער האַן־
דינאַסטיע. די אַנדערע איז געװען דער פּראָצעס פֿון דער קלי-
מאַטישער ענדערונג; אַ פֿאַרמינדערונג פֿון רעגן-פֿאַלן האָט,
מעגלעך, אַ סוף געמאַכט צו די זומפּן און װעלדער, אָדער אַ
גרעסערער רעגן-פֿאַל, װאָס פֿאַרשפּרייט גראָז איבער די װיסטע
סטעפּעס, אָדער גאָר די דאָזיקע ביידע פּראָצעסן זענען פֿאָר-
געקומען אין פֿאַרשידענע געגנטן און האָבן װי־עס־זאָל נישט זיין
פֿאַרלייכטערט אַ צו־מערב עמיגראַציע. אַ דריטע גורמדיקע
סיבה איז געװען די עקאָנאָמישע נויט, אינערלעכע צערפֿאַלונג
און די פֿאַרקלענערונג פֿון דער רוימישער אימפּעריעס באַפֿעלקע-
רונג. די רייכע פֿון דער שפּעטערדיקער רוימישער אימפּעריע
און דאַן די שטייער־אויפֿמאָנער פֿון די מיליטערישע קיסרים
האָבן פֿולשטענדיק אויפֿגעפֿרעסן איר װיטאַליטעט. דאָ האָבן
מיר די פֿאַקטאָרן פֿונם שטויס, די מיטלען און דעם שעת-הכּשר.
פֿון מזרח איז געקומען דער שטויס, בשעת אין מערב איז געװען אַ
פֿאַרפֿוילטקייט און אָפֿענע װעגן. אין 1-טן י. ה. נ. ק. האָבן
די הונען דערגרייכט די מזרח-גרעניצן פֿון אייראָפּעאיש רוסלאַנד,

אָבער ערשט אין 4־טן און אין 5־טן י. ה. נ. ק. האָבן זיך די דאָזיקע רייטער דערהויבן צו אַן אויבערהערשאַפט איבער די סטעפּעס. דאָס 5־טע יאָרהונדערט איז געווען דאָס הונישע י. ה. די ערשטע הונען, וועלכע זענען אַריינגעקומען קיין איטאַליע, זענען געווען געדונגענע באַנדעס אויף וואַנדאַל סטיליכאַ'ס קאָסטן. באַלד האָבן זיי באַזעצט פּאַנאָניע, די ליידיקע נעסט פון די וואַנדאַלן. אין צווייטן פערטל פונם 5־טן י. ה. איז ביי זיי אויפגעשטאַנען אַטילאַ, אַ גרויסער מלחמה־פירער. מיר האָבן נאָר פאַרנעפּלטע און טאַנטאַלישע ידיעות וועגן זיין קראַפט. ער האָט געהערשט נישט בלויז איבער די הונען, נאָר אויך איבער אַ קבוץ פון גערמאַנישע מס־צאָלנדיקע שבטים; זיין אימפּעריע האָט זיך געצויגן פונם ריין ביז איבער די פליינען קיין צענטראַל־אַזיע. ער האָט זיך געביטן מיט אַמבאַסאַדאָרן מיט כינע. זיין הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אינם אונגאַרישן פליין, צו מזרח פונם דונאַי. דאָרטן האָט אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט פּריסקוס, אַ שליח פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ באַשרייבונג פון זיין פירונג. די דאָזיקע מאָנגאָלנס לעבן־שטייגער איז זייער ענלעך געווען צו יענעם פון די פּרימיטיווע אַריער. דאָס פּשוטע פאָלק האָט געלעבט אין ביידלעך און אין געצעלטן; די הויפּטן האָבן געלעבט אין גרויסע אַרומגעצוימטע הילצערנע געביידעס. זיי האָבן געמאַכט בעלער, געשכורט און די באַרדן האָבן געזונגען. האָמערס העלדן און אפילו אַלעקסאַנדערס מאַקעדאָנישע חברים וואָלטן זיך וואַרשיינלעך בעסער געפילט אין אַטילאַ'ס לאַגער־הויפּטשטאָט, איידער אין דעם קולטווירטן און ירידהדיקן הויף פון טעאָדאָזיס II, אַרקאַדיוס'עס זון, וועלכער האָט דאַן געהערשט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַ צייט האָט זיך געדוכטן, אַז די נאָמאַדן אונטער דער אָנפירונג פון די הונען און אַטילאַ וועלן שפּילן די זעלבע ראָל לגבי דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע פון די מיטללענדישע לענדער, ווי די באַרבאַרישע גריכנס ראָל מיט יאָרן צוריק לגבי דער עגע־

אישער ציוויליזאַציע. ס'האָט אויסגעזען גלייך ווי די געשיכטע חזרט זיך איבער אין אַ גרעסערן מאסשטאַב. אָבער די הונען זענען אַ סך שטאַרקער געווען צוגעבונדן צום נאָמאַדישן לעבן, ווי די ערשטע גריכן, וועלכע זענען גיכער געווען עמיגרירנדיקע פיך־פאַרמער איידער אמתע נאָמאדן. די הונען זענען אָנגע־פאַלן, גערויבט, אָבער זיך נישט באַזעצט. אַ צייט האָט אַטילא פאַרטשעפּעט טעאָדאָזיוסן. זיינע אַרמייען האָבן פּאַרוויסט און גערויבט כמעט אונטער די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער מויערן און ווי דזשיבן 1) שרייבט האָט ער אויף דעם באַלקאַנישן האַלב־אינזל חרוב געמאַכט נישט ווייניקער ווי 27 שטעט. טעאָדאָזיוס האָט זיך פון אים אויסגעקויפט, צאָלנדיק מס. ער האָט געוואָלט אינגאַנצן אַראָפּרוימען אטילאַן פון וועג, דינגענדיק מערדער, וואָס זאָלן אים דערהרגענען. אין 451 האָט אטילא געלענקט זיין אויפ־מערקזאַמקייט אויף דער רעשט פון דער לאַטייניש־רעדנדיקער העלפט פון דער אימפּעריע און אקופּירט גאַליע. כמעט יעדע שטאָט אין צפון־גאַליע איז צורויבט געוואָרן. די פראנקן, וויזגאָטן און די אימפּערישע חיילות האָבן זיך פאַרייניקט קעגן אים און ער איז צוקלאַפּט געוואָרן אין אַ גרויסער אומאָרדנונגסלאָזער שלאַכט ביי טראָיעס אין וועלכער ס'זענען, ווי מ'שאַצט פאַרשידן, דערהרגעט געוואָרן פון 150.00 ביז 300.000 מאַן. דאָס האָט אים געהעמעוועט אין גאַליע, אָבער ס'האָט נישט דערשעפּט זיינע גוואַלדיקע מיליטע־רישע קרעפטן. אין נעכסטן יאָר איז ער דורך ווענעציע אריין קיין איטאַליע, פאַרברענט אקילעע, פאַדווא און מיילאַנד. מאַסן היימלאָזע פון די דאָזיקע צפון־איטאַליענישע שטעט, באַ־זונדערס פון פאַדווא, זענען אַנטלאָפן צו די אינזלען אין די לאַ־גונעןביים שפּיץ פון אַדריאַטיק און דאָרט געלייגט דעם פונ־דאַמענט פון דער שטאָט־שטאַט ווענעציע, וועלכע איז געוואָרן

1) אין ענגלישער היסטאָריקער, זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין בוך „די ירידה און מפּלה פון רוים."

אײנער פון די גרעסטע האַנדלס-צענטערס אין דעם מיטל-עלטער. אין 453 איז אטילא, נאָך אַ גרויסן באַל לכבוד זײַן חתונה מיט אַ יונגער פרוי, פּלוצלינג געשטאָרבן. נאָך זײַן טויט איז זיך די דאָזיקע רויבערישע קאָנפעדעראַציע צעפאַלן אויף שטיקלעך. די אמתע הונען פאַרשווונדן פון דער געשיכטע, ווערנדיק אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער, צאָלרײַכערער אריש-רעדנדיקער באַפעלקערונג. אָבער די דאָזיקע גרויסע הונישע אָנפאַלן האָבן פאַקטיש דערפירט צו דעם סוף פון דער לאַטײַן-רעדנדיקער רוימישער אימפעריע. נאָך זײַן טויט האָבן אין רוים אין משך פון 20 יאָר רעגירט 10 פאַרשידענע קיסרים, וועלכע זענען אַרויפגעזעצט געוואָרן דורך די וואַנדאַלן אָדער דורך אַנדערע געדונגענע חיילות.

די וואַנדאַלן פון קאַרטאַגע האָבן אין 455 אײַנגענומען און צורויבט רוים. אין 476 האָט אָדאָאַסער, דער הויפט-אָנפירער פון די באַרבאַרישע חיילות, אונטערגעדריקט דעם אויפשטאַנד פון אַ פּאַנאָניער, וועלכער האָט פיגורירט אַלס קיסר אונטער דעם אײַנרוקספולן נאָמען ראָמולוס אַאוגוסטולוס. ער האָט מודיע געווען דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער הויף, אַז אין מערב איז שוין מער נישטאָ קיין קיסר.

אָט אַזוי רומלאָזן סוף האָט געהאַט די לאַטײַניש-רוימישע אימפעריע. איצט האָבן אין גאַנץ מערב- און צענטראַל-אײראָפּע געהערשט באַרבאַרישע אָנפירער אַלס קעניגן, פירשטן א. ד. ג. פאַקטיש אומאָפּהענגיק, אָבער ס'רוב אנערקענט אַ מין לויזע אונטערטעניקייט צום קיסר. ס'זענען דאַן געווען הונדערטער און אפשר טויזנטער פאַקטיש-אומאָפּהענגיקע רויבערישע הערשער. אין גאַליע, שפּאַניע, איטאַליע און אין דאַציע האָט נאָך געהערשט לאַטײַן אין לאָקאַלע פאַרדרייטע פאָרמען, אָבער אין בריטאַניע און צו מזרח פונעם ריין זענען די שפּראַכן פון די גערמאַנישע גרופּן געוואָרן הערשנד (אין בעמען טשעכיש, אַ סלאַווישע שפּראַך). דער העכערער קלער און אַ קליינע רעשט פון אַנדערע געביל-

דעטע מענטשן האָט געלעזן און געשריבן לאַטיין. אומעטום איז ס'לעבן נישט געווען זיכער און ס'פאַרמעגן האָט געמוזט געשיצט ווערן מיט קראַפט. ס'האָט זיך פאַרמערט די צאָל שלעסער און די וועגן זענען קאַליע געוואָרן. דער אָנהייב פון 6-טן י. ה. איז געווען אַ צייט פון צעטיילונג און גייסטיקער פינצטערניש אין דער גאַנצער מערב-וועלט. ווען נישט די מאָנאַכן און די קריסטלעכע מיסיאָנערן, וואָלט די לאַטייניש לערע אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. פאַרוואָס איז די רוימישע אימפעריע אַזוי אויפגעוואַקסן און פאַרוואָס איז זי אַזוי פולשטענדיק צעפאַלן? זי איז אויפגעוואַקסן, ווייל לכתחילה האָט איר צוזאַמענגעהאַלטן די אידייע פון בירגערשאַפט.

דורך דער גאַנצער צייט פון דער עקספּאַנסיווער רעפּובליק, און אפילו אין די צייטן פון דעם ערשטן קיסרטום, איז געבליבן אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן געהאַט דאָס באַוווסטזיין פון אַ רוימישער בירגערשאַפט, געהאַלטן עס אַלס אַ פּריווילעגיע און אַלס אַ חוב צו זיין אַ רוימישער בירגער, געהאַט צוטרויען צו די רוימישע געזעצן און גערן זיך געאָפּפערט פאַר רוים. רוימס פּרעסטיזש אַלס אַ גערעכטיקעס, גראַנדיעזעס און געזעץ-אָפּהיטנדיקס האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט איבער אירע גרעניצן. אָבער שוין אין די צייטן פון די פּונישע מלחמות איז דער באַגריף וועגן בירגערשאַפט אונטערגעגראָבן געוואָרן דורך דעם וווקס פון רייכטום און קנעכטשאַפט. אמת, די בירגערשאַפט האָט זיך פאַרשפּרייט, אָבער נישט די אידייע פון בירגערשאַפט. סוף כל סוף איז די רוימישע אימפעריע געווען אַ פּרימיטיווע אָרגאַניזאַציע; זי האָט נישט געבילדעט, זי האָט אַליין נישט דערקלערט אירע בירגער וועגן איר באַדייטונג און נישט זיי איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין אירע דעציזיעס. ס'איז נישט געווען קיין נעץ פון שולן, וואָס זאָלן צוגרייטן אַ געמיינזאַם פאַרשטענדניס, און ס'איז נישט געווען קיין איינטיילונג פון נייעס, כדי צו דערהאַלטן די קאָלעקטיווע טעטיקייט. די

אוואַנטוריסטן, וועלכע האָבן פון מאַריוסעס און סולאַס צייטן אָן געקעמפט פאַר דער מאַכט, האָבן נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע מיינונג און זיי איינלאַדן צו דעם אָנטייל אין די רעגירונגס-ענינים. דער בירגערשאַפט-גייסט איז געשטאָרבן פון הונגער און קיינער האָט דאָס נישט באַמערקט. אַלע אימפּעריעס, אַלע שטאַטן און אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זענען סוף כּל סוף זאַכן פון פאַרשטענדנ׳ס און ווילן. אין דער וועלט איז נישט געבליבן קיין ווילן פאַר דער רוימישער אימפּעריע און דעריבער האָט זי געהאַט אַ סוף. אָבער, הגם די לאַטייניש-רוימישע אימפּעריע איז אָפּגעשטאָרבן אין 5-טן י. ה., איז אַן אַנדערע זאַך געבוירן געוואָרן אין איר, וואָס האָט געצויגן אַ גוואַלטיקן נוצן פון איר פּרעסטיזש און טראַדיציע — די לאַטייניש-רעדנדיקע העלפט פון דער קאַטוילישער קירך. זי איז געבליבן לעבן, ווערנד די אימפּעריע איז אונטערגעגאַנגען, ווייל די קירך האָט אַפּעלירט צו די מענטשנס מוחות און צו זייערע ווילנס, ווייל זי האָט געהאַט ביכער און אַ שטאַרק-אַנטוויקלטע אָרגאַניזאַציע פון לערער און מיסיאָנערן, וואָס זאָלן זי האַלטן בייזאַמען — זאַכן, וואָס זענען שטאַרקער ווי געזעצן אדער לעגיאָנען. דורך דעם גאַנצן 4-טן און 5-טן יאָרהונדערט נ. ק., בעת די אימפּעריע איז זיך צעפאַלן, האָט זיך דער קריסטיאַניזם פאַרשפּרייט און באַהערשט גאַנץ אייראָפּע. זי האָט באַזיגט אירע זיגערס, די באַרבאַרן. ווען אַטיללאַן האָט זיך פאַרוואָלט מאַרשירן אויף רוים, האָט דער פּאַטריאַרך פון רוים אים אָפּגעהאַלטן דערפון און געטון דאָס, וואָס קיין שום אַרמיי וואָלט נישט געקאָנט טון, אָפּווענדנדיק אים דערפון מיט דעם בלויזן מאָראַלישן כּוח.

דער פּאַטריאַרך אָדער פּויפּסט פון רוים האָט געהאַלטן, אַז ער איז דער ראש פון דער קריסטלעכער קירך. איצט, ווען ס׳זענען שוין מער נישט געווען קיין קיסרים, האָט ער אָנגעהויבן אָנעקסירן קייסערלעכע טיטלען און תּביעות. ער האָט אָנ־

געגומען דעם טיטל Pontifex maximus ד. ה. דער ראש־קרבנות־ברענגנדיקער כוהן פון דער רוימישער מלוכה, דער עלטסטער פון אַלע טיטלען, וועלכן די קיסרים האָבן באַנוצט.

קאַפּיטל 5

די ביצאַנצישע און סאַססאַנידישע אימפּעריעס.

די גריכיש־רעדנדיקע מזרח־העלפט פון דער רוימישער אימפּעריע האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מער פּאָליטישע שטאַנדהאַפטיקייט, ווי די מערב־העלפט. זי האָט אויסגעהאַלטן די צרות פונם 5־טן י. ה. נ. ק., וועלכער האָט געזען דעם פולשטענדיקן און ענטגילטיקן צוזאַמענברוך פון דער אורשפּרינגלעכער לאַטייניש־רוימישער מאַכט. אַטיללא האָט פאַרשעפּעט דעם קיסר טעאָדאָזיוס II און אָנגעפאַלן און גערויבט כמעט ביז אונטער קאָנסטאַנטינאָפּאָל'ס מויערן, אָבער די שטאָט איז געבליבן אומבאַרירט. די נוביער זענען צוגעקומען צום נילוס און צערויבט דאָס אויבערשטע מצרים, אָבער דאָס אונטערשטע מצרים און אַלעקסאַנדריע זענען נאָך געווען אין אַ פּראָספּערירנדיקן צושטאַנד. דער גרעסטער טייל פון קליין־אַזיע האָט זיך געהאַלטן קעגן די סאַססאַנידישע פּערסער. דער זעקסטער י. ה., וואָס איז געווען אַ פּעריאָד פון פולקאָמער פינצטערניש אין מערב, האָט אין אמתן געזען אַ באַדייטנדן אויפלעב פון דער גריכישער מאַכט. יוסטיניאַן I (527 — 565) איז געווען אַ הערשער מיט אַ גרויסער אַמביציע און ענערגיע. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער קייזערין טעאָדאָראַ, אַ פרוי מיט כמעט די זעלבע פעאיקייטן און וועלכע האָט אָנגעהויבן איר קאַריערע אַלס אַן אַקטריסע.

יוסטיניאַן האָט אָפּדעראָבערט צפון־אַפריקע פון די וואַנ־דאַלן און דעם גרעסטן טייל איטאַליע פון די גאָטן. ער האָט אַפילו אָפּגעווינען דרום־שפּאַניע. ער האָט נישט באַגרעניצט זיין ענערגיע בלויז אויף ים־ און מיליטערישע אונטערנעמונגען. ער האָט געגרינדעט אַן אוניווערזיטעט, אויפגעבויט די גרויסע קירך פון היי־סאָפיאַ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סיסטעמאַטיזירט דעם רוימישן געזעץ־קאָדעקס. אָבער כדי צו פאַרניכטן די קאָנ־קורענץ לגבי זיין אוניווערזיטעט, האָט ער אין אַטען פאַרמאַכט די פילאָזאָפישע שולן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אָן איבעררייס פון פלאַטאָס צייטן אָן, ד. ה. כמעט 1000 יאָר. פון 3־טן י. ה. אָן און ווייטער איז די פּערסישע אימפּעריע געווען דער שטאַנד־האַפטיקסטער ריוואַל פון ביצאַנץ. די דאָזיקעביידע אימפּער־יעס האָבן געהאַלטן קליין־אַזיע, סיריע און מצרים אין אַ צו־שטאַנד פון אייביקן אומרו און פאַרוויסטונג.

אין 1־טן י. ה. נ. ק. זענען די דאָזיקע לענדער נאָך גע־שטאַנען אויף אַ הויכער ציוויליזירטער מדרגה, געווען רייך און גוט באַפעלקערט, אָבער דער כסדרדיקער אָנקום און אַרויסגאַנג פון די אַרמייען, די שחיטות, רויבערייען און מלחמה־קאָנטריבו־ציעס, האָט זיי ביסלעכווייז דערשעפּט ביז ס'זענען נאָר פאַרבליבן פאַר־וואָרלאָזטע און רואינירטע שטעט און דאָס דאָרף — מיט צע־זייטע און צעשפּרייטע פויערים. אין דעם דאָזיקן טרויעריקן פּראָצעס פון פאַראָרעמונג און אומאָרדנונג האָט מצרים, מעגלעך, ווייניקער געליטן, ווי די רעשט וועלט. אַלעקסאַנדריע, פּונקט ווי קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט ווייטער געפירט אַ גוססדיקן האַנדל צווישן דעם מזרח און מערב.

די וויסנשאַפט און די פּאָליטישע פילאָזאָפיע האָבן אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן אין די דאָזיקע ביידע מלחמה־פירנדיקע און צע־פאַלענע מלוכות. ביז זייער אונטערדריקונג האָבן אַטענס לעצטע פילאָזאָפן אויפגעהיטן די טעקסטן פון דער עבֿרדיקער גרויסער ליטעראַטור מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּיעטעט און פאַרשטענ־

דיקונגס־ווילן. אָבער אין דער וועלט איז נישט געבליבן קיין פרייע מענטשן מיט דרייסטע און אומאָפּהענגיקע געדאַנקען־גענג, כדי ווייטער צו שפינען די טראַדיציע פון אַ פרייער באַהויפּטונג און פאָרשונג, וואָס איז פאַרקערפּערט אין די דאָזיקע שריפטן. דער סאָציאַלער און פּאָליטישער כאַאָס איז הויפּטזעכלעך שולדיק אין דעם אונטערגאַנג פון דער דאָזיקער קלאַס, אָבער ס׳איז געווען נאָך אַ סיבה פאַרוואָס די מענטשלעכע אינטעליגענץ איז געווען קרענקלעך און אומפּרודוקטיוו בעת דעם פּעריאָד.

אין ביידע לענדער, סיי אין פּערסיע, סיי אין ביצאַנץ, איז דאָן געווען אַ פּעריאָד פון אומטאָלעראַנץ. ביידע אימפּעריעס זענען געווען רעליגיעזע אויף אַ נייעם אופן, אויף אַן אופן, וואָס האָט שטאַרק געהעמעוועט די פרייע אַקטיוויטעט פון דעם מענטשלעכן גייסט. נאַטירלעך זענען די עלטסטע מלוכות אויף דער וועלט אויך געווען רעליגיעזע, גרופּירנדיק זיך אַרום דער פאַרערונג פון אַ גאָט אָדער אַ גאָט־קעניג. אַלעקסאַנדער איז באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ גאָט, און די צעזאַרס זענען אויף אַזוי פיל געווען געטער, אַז מ׳האָט זיי געווידמעט מזבחות און טעמפּלען און דאָס מקריב זיין ווייריך איז געווען אַ באַווייז פון לאָיאַליטעט לגבי דער רוימישער מלוכה.

אָבער די דאָזיקע עלטערע רעליגיעס זענען דער עיקר געווען רעליגיעס פון טאַט און פאַקט. זיי האָבן נישט אָקופּירט דעם גייסט. אויב אַ מענטש האָט מקריב געווען זיין קרבן און זיך געבוקט צום גאָט, האָט ער געקענט נישט בלויז טראַכטן וואָס ער וויל, נאָר פּאַקטיש זאָגן, וואָס ער האָט געוואָלט וועגן דעם ענין. אָבער די נייע מינים רעליגיעס, וועלכע זענען אויפגעקומען אויף דער וועלט, באַזונדערס דער קריסטיאַניזם, האָבן זיך געענדערט. די נייע גלויבנס האָבן געפאָדערט נישט בלויז אַן הסכמה, נאָר אויך אַ פערשטענדלעכן גלויבן. נאַטירלעך זענען אַנטשטאַנען שטאַרקע חלוקי־דיעות וועגן דער גענויער מיינונג

פון די גלויבנס-דאגמאס. די דאָזיקע נייע רעליגיעס זענען גע-
ווען איבערצייגונגס-רעליגיעס. די וועלט האָט זיך באַגעגנט מיט
אַ ניי וואָרט — אָרטאָדאָקסיע — און מיט אַ שטרענגן אנטשלוס
צו האַלטן ניט בלויז די מעשים, נאָר אויך שפּראַך און פרי-
וואַטן געדאַנק אין דער גרעניץ פון אַ באַשטימטער לערע. ווייל
דאָס האָבן אַ פאַלשע מיינונג, נאָך מער, דאָס איבערגעבן איר אַנ-
דערע מענטשן, איז שוין נישט באַטראַכט געוואָרן אַלס אַן אינ-
טעלעקטועלער דעפעקט, נאָר אַלס א מאָראַלישע שולד, וועלכע
קען פאַרמשפּטן די נשמה צו אַן אייביקער פאַרניכטונג. ביידע,
סיי ארדאשיר I, וואָס האָט געגרינדעט די סאסאנידן-דינאַסטיע
אין 3-טן י. ה., סיי קאָנסטאַנטין דער גרויסער, וואָס האָט רע-
קאָנסטרואירט די רוימישע אימפעריע אין 4-טן, י. ה. האָבן זיך גע-
ווענדעט צו רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס נאָך הילף, ווייל אין די
דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי געזען אַ ניי מיטל אויסצונוצן
און קאָנטראָלירן דעם מענטשנס ווילן. און שוין פאַרן סוף פון
4-טן י. ה. האָבן ביידע אימפעריעס פאַרפאָלגט דאָס פרייע
וואָרט און רעליגיעזע אינאָוואַציעס. אין פערסיע האָט אדאשיר
געפונען אין די אור-אַלטע פערסישע רעליגיע פון זאַראַטוסטראַ
מיט אירע כוהנים, טעמפלען און אינם פייער, וואָס האָט גע-
ברענט אויף אירע מזבחות, אַ גרייטע מלוכה-רעליגיע פאַר
זיינע צוועקן.

פאַרן סוף פון 3-טן י.ה. האָט דער זאראטוסטריאַניזם פאַר-
פאָלגט דעם קריסטיאַניזם און אין 277 איז געקרייציקט געוואָרן
מאני, דער גרינדער פון אַ נייעם גלויבן, דער מאַניקאַניזם. ער
איז געקרייציגט געוואָרן און מהאָט פון אים אַראָפּגעשינדן די
הויט. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז פון איר זייט געווען פאַרנומען
מיטן אויסרו מען די קריסטלעכע הערעזיע (אפיקורסות). מאַני-
קאַנישע אידייען האָבן אָנגעשטעקט דאָס קריסטענטום און זיי
זענען באַקעמפט געוואָרן מיט די גרויזאַמסטע מעטאָדן; דערפאַר
האָבן די אידייען פון קריסטיאַניזם געהאַט אַן איינפלוס און

געשאַדט דער ריינקייט פֿון דער זאַראַטוסטרישער דאָקטרין. אַלע איראַנישע זענען געווען פֿאַרדעכטיק. די וויסנשאַפֿט, וועלכע פֿאַ- דערט פֿריער פֿאַר אַלעם די פֿרייע טעטיקייט פֿון אַדאַגה'לאָזן מוח, איז פֿולשטענדיק פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן בעת דער דאָזיקער אומטאָלעראַנץ-פּעזע. פֿון מלחמה, פֿאַררעסנסטער טעאָלאָגיע און געווינלעכע מענטשלעכע חסרונות איז באַשאַפֿן דאָס ביצאַנ- טישע לעבן פֿון יענע צייטן. עס איז געווען מאָלעריש, עס איז געווען ראָמאַנטיש, ס'האָט אָבער געהאַט ווייניק ליבלעכקייט אָדער ליכט. ווען ביצאַנץ און פּערסיע האָבן נישט געקעמפֿט מיט די באַרבאַרן פֿון צפֿון, האָבן זיי פֿאַרוויסט קליין-אַזיע און סיריע מיט שרעקלעכע פֿאַרניכטנדיקע פֿיינטלעכע טאַטן.

אַפֿילו אין פֿאַל פֿון אַן ענגן בונד וואָלט עס געווען אַ שווערע אויפֿגאַבע פֿאַר די דאָזיקע צוויי אימפּעריעס אָפּצו- שטויסן די באַרבאַרן און אויפֿבויען זייער ווילשטאַנד. די טערקן אָדער טאַטאַרן באַווייזן זיך אין דער געשיכטע צום ערשטן אַלס פֿאַרבונדעטע פֿון איין מאַכט און נאָכהער פֿון אַ צווייטער. אין 6.טן י.ה. זענען די צוויי הויפּט-קעגנער געווען יוסטיניאַן און כאָזראָעס I; אין אָנהויב פֿון 7-טן י.ה. איז דער קיסר הע- ראַקליוס אַרויסגעטרעטן קעגן כאָזראָעס II (580). לכתחילה און ביז נאָכדעם ווי הערצקליוס איז געוואָרן קיסר (610) האָט כאָזראָעס איבערגעוואונדן אַלע שטערונגען. ער האָט גענומען אַנטיאָך, דמשק און ירושלים און זיינע אַרמייען האָבן דערגרייכט כאַלצעדאָן, אין קליין-אַזיע. קעגן איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין 619 האָט ער דעראָבערט מצרים. דאַן האָט הערצקליוס גע- מאַכט אַ קאָנטר-אַטאַקע און צעקלאַפּט אַ פּערסישע אַרמיי ביי נינוה (627). הגם אין יענער צייט זענען נאָך געווען פּערסישע חיילות און כאַלצעדאָן. אין 628 איז כאָזרעאָס II דעטראָניזירט און דערמאָרדעט געוואָרן דורך זיין זון קאָוואַד, און ס'איז גע- שלאָסן געוואָרן אַ נישט פֿולקאָמער שלום צווישן די צוויי דער- שעפּטע מלוכות. ביצאַנץ און פּערסיע האָבן געפֿירט זייער

לעצטע מלחמה. אָבער ווינציק מענטשן האָבן געאָנט דעם שטורם, וואָס האָט זיך שוין דאַן געקליבן אין די וויסטעס, כדי צו מאַכן אַ סוף צו דעם צוועקלאָזן כראָנישן קאַמף. בעת הע־ראַקליוס האָט רעסטאַווירט די אָרדנונג אין סיריע איז אים אָנ־געקומען אַ בשורה. די ידיעה איז אָנגעקומען אין דער קיי־זערלעכער הויפּט־קוואַרטיר אין באָסטראַ, צו דרום פון דמשק; זי איז געווען געשריבן אין אַראַביש, אַן אומבאַקאַנטע סעמיטישע מדבר־שפּראַך, און זי איז פאָרגעלייענט געוואָרן פאַרן קייסר, אויב זי האָט אים בכלל דערגרייכט, דורך אַן איבערזעצער.

זי איז געווען פון איינעם, וואָס האָט זיך אָנגערופן „מאַכ־מעד גאָטס נביא". זי האָט געפאָדערט פונם קייסר אַנערקענען דעם איינציקן אמתן גאָט און דינען צו אים. וואָס דער קייסר האָט דאַרויף געענטפערט, ווערט נישט דערציילט.

אַן ענלעכע בשורה איז אָנגעקומען קיין קטעסיפאָן צו קאַוואַדן. ער איז בייז געוואָרן, צוריסן דעם בריוו און געהייסן דעם שליח זיך אָפּטראָגן.

דער דאָזיקער מאַכמעד, ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן, איז געווען אַ בעדואינישער אָנפירער, וועמנס הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אין דער מיטלמעסיקער קליינער מדבר־שטאָט מעדינאַ. ער האָט געפּרעדיקט אַ נייע רעליגיע וועגן גלויבן אין איין איינציקן אמתן גאָט.

„אויב אַזוי אַ גאָט" — האָט ער געזאָגט — „נעם אַוועק די מלוכה פון קאַוואַד".

קאַפּיטל 6.

די סואי און טאַנג דינאַסטיעס אין כינע.

דורך דעם גאַנצן 5-טן, 6-טן, 7-טן און 8-טן י. ה. איז כסדר געגאַנגען אַ שטראָם פון מאָנגאָלישע פעלקער צו מערב צו. אטילאַ׳ס הונען זענען נאָר געווען די פאָרלויפער פון דעם פאָררוק, וועלכער האָט ענדלעך דערפירט צו דער באַזעצונג פון מאָנגאָלישע פעלקער אין פינלאַנד, עסטאָניע און אונגאַרן, ווו זייערע נאָכקומענדיקע, וואָס רעדן שפּראַכן ענלעכע צו טערקיש, לעבן נאָך היינט. די בולגאַרן זענען אויך אַ טערקיש פאָלק, אָבער זיי האָבן אָנגענומען אַן ארישע שפּראַך. די מאָנגאָלן האָבן לגבי דער פאַראַרישטער אייראָפּעאישער, פּערסישער און אינדישער ציוויליזאַציעס געשפּילט די זעלבע ראָל, וואָס די אריער לגבי דער עגעאישער און סעמיטישער ציוויליזאַציעס מיט אַ סך הונדערטער יאָרן פריער. אין צענטראַל אַזיע האָבן די טערקישע פעלקער זיך איינגעבירגעט דאָרט, ווו ס׳איז היינט מערב-טורקעסטאַן, און פּערסיע האָט שוין באַשעפטיקט אַ סך טערקישע באַאַמטע און געדונגענע זעלנער. די פּאַרטער זענען פאַרשוונדן פון דער געשיכטע, אויסמישנדיק זיך מיט דער אַל-געמיינער פּערסישע באַפעלקערונג. אין דער געשיכטע פון צענטראַל-אזיע זענען שוין מער נישט געווען קיין ארישע נאָמאַדן; מאָנגאָלישע פעלקער האָבן פאַרנומען זייער אָרט. די טערקן זע-נען געוואָרן די באַלבאַטים פון אזיע, פון כינע ביזן קאַספּישן ים. די זעלבע גרויסע מגפה ביים סוף פון 2-טן י. ה. וועלכע האָט דערשיטערט די רוימישע אימפּעריע, האָט אַראָפּגעוואָרפן אין כינע די האַן-דינאַסטיע. דאַן הייבט זיך אָן אַ צעטיילונגס-פּעריאָד און הונישע דעראָבערונגען, פון וועלכע כינע האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַנייטע, שנעלער און פולקאָמער ווי ס׳איז באַ-שערט געווען אייראָפּע. פאַרן סוף פון 6-טן י.ה. איז כינע צוריק

פארייניקט געוואָרן אונטער דער סואי דינאַסטיע און זי האָט אין הערקוליוס צייטן אָפּגעטרעטן איר אָרט דער טאַנג דינאסטיע, וועמענס הערשאַפט באַצייכנט אַ צווייטן גרויסן פּראספּערירנדיקן פּעריאָד פאַר כינע. דורך דעם 7-טן 8-טן און 9-טן י. ה. איז כינע געווען דאָס זיכערסטע און ציוויליזירטסטע לאַנד אין דער וועלט. די האַן דינאַסטיע האָט אויסגעשפּרייט אירע גרעניצן אין צפון; די סואי און טאַנג דינאַסטיעס האָבן איצט פאַרשפּרייט זייער ציוויליזאַציע אין דרום, און כינע האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען די זעלבע פאָרמען, וועלכע זי האָט היינט. אין צענטראַל אַזיע האָט זי אין אמת'ן דערגרייכט אַ סך ווייטער, אויסשפּרייטנדיק זיך צום סוף, דורך טערקישע מס-צאָלנדיקע שבטים, ביז פּערסיע און דעם קאַספּישן ים. דאָס נייע אויפגעשטאַנע כינע איז געווען אַ גאָר אַנדער לאַנד ווי דאָס אַלטע האַן כינע. אַ נייע און אַן ענערגישע ליטעראַרישע שול האָט זיך באַוויזן; ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסער פּאָעטישער אויפלעב; דער בודדיזם האָט רעוואָלוציאָנירט דעם פילאָזאָפישן און רעליגיעזן געדאַנק. ס'זענען געמאַכט געוואָרן גרויסע שריט אין אַרטיסטישע ווערק, אין טעכנישער געניטקייט און אין אַלע לעבנס באַקוועמלעכקייטן. ס'איז צום ערשטן מאָל באַנוצט געוואָרן טיי, ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַפּיר-אויסאַרבעטונג און די דורך הילצערנע קלעצלעך דרוקעריי-קונסט. מיליאָנען מענטשן האָבן דורך די דאָזיקע י. ה. געפירט אין כינע אַן אמת-איינגעאָרדנט, אַנגענעם און פיין לעבן, בעת די שיטערע באַפעלקערונג פון אייראָפּע און מערב-אַזיע האָט געלעבט ענטוועדער אין לעפּיצנקעס, קליינע אַרומגעמויערטע שטעטלעך אָדער אין פינצטערע רויבערישע פעסטונגען. בעת דער מערב-מוח איז געווען פאַרפינצטערט מיט טעאָלאָגישע דבוקים, איז דער כינעזישער געווען פריי, טאָלעראַנט און פאָרשנדיק. איינער פון די ערשטע מאָנאַרכן פון דער טאַנג-דינאַסטיע איז געווען טאַי-טסונג, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו רעגירן אין 627, אין דעם יאָר פון

הערַאקליוסעס נצחון ביי נינוה. ער האָט אויפגענומען אַ מיסיע פון הערַאקליוסן, וועלכער האָט וואַרשיינלעך געזוכט אַ פאַרבונדעטן אין פּערסישן טייל. פון פּערסיע איז אָנגעקומען אַ גרופּע קריסטלעכע מיסיאָנערן (635). מ'האָט זיי דערלויבט צו דערקלערן זייערע דאָגמאַס פאַר טאַי-טסונג און ער האָט איבערגעקוקט אַ כינעזישע איבערזעצונג פון זייערע שריפטן. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די דאָזיקע פרעמדע רעליגיע איז אָננעמבאַר און דערלויבט צו שטעלן אַ קירך און אַ מאָנאַסטיר. צו דעם מאָנאַרך זענען אויך אנגעקומען (620) מאַכמעדס שליחים. זיי זענען אָנגעקומען קיין קאַנטאָן אויף אַ האַנדלס-שיף. זיי זענען אַדורכגעשווימען דעם גאַנצן וועג פון אַראַביע לענג אויס די אינדישע ברעגן. להיפוך צו הערַאקליוסן און קאַוואַדן האָט טאַי-טסונג פריינטלעך אויסגעהערט די שליחים. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זייערע טעאָלאָגישע אידייען און זיי אונטערגעשטיצט ביים בויען אין קאַנטאָן אַמאָשעע, וועלכע, ווי מ'זאָגט עקזיסטירט נאָך היינט, די עלטסטע מאשעע אין דער וועלט.

קאַפּיטל 7.

מאַכמעד און איסלאַם

ווען אַ פאָרויסזעענדיקער ליבהאָבער פון געשיכטע וואָלט איבערגעבליקט די וועלט אין אָנהויב פון 7-טן י.ה., וואָלט ער זייער ריכטיק אויסגעפירט, אַז דער אַרונטערפאַל פון גאַנץ אייראָפּע און אַזיע אונטער דער מאָנגאָלישער מאַכט איז נאָר אַ פראַגע פון אַפּאָר י.ה. ס'זענען נישט געווען קיין סימנים פון אַן אָרדנונג אָדער אַחדות אין מערב-אייראָפּע, און די ביצאַנצישע

און פּערסישע אימפּעריעס זענען קענטיק גענייגט געווען קעגנזייטיק זיך צו פאַרניכטן. אינדיע איז אויך געווען צעברעקלט און פאַרוויסט. דאַקעגן איז כינע געווען אַ כסדר-זיך-אויסשפּרייטנדיקע אימפּעריע, וועלכע האָט מיט איר באַפעלקערונג וואַרשיינלעך איבערגעשטיגן גאַנץ אייראָפּע, און די טערקישע פעלקער, וועלכע זענען אויפגעוואַקסן אַלס אַ מאַכט אין צענטראַלאַזיע, זענען געשטימט געווען צו אַרבעטן אין הסכם מיט כינע. אַזאַ פאָרויסזאָג וואָלט לגמרי נישט געווען אַן אָבערפלעכלעכער. ס'האָט געדאַרפט קומען אַ צייט אין 13-טן י.ה. ווען אַ מאָנגאָלישער איבערהערשער האָט געהערשט פון דונאַי ביזן פּאַסיפיק. און טערקישע דינאַסטיעס איז באַשערט געווען צו רעגירן איבער דער גאַנצער ביצאַנטישער און פּערסישער אימפּעריעס, מצרים און גרעסטן טייל אינדיע. אונדזער פאָרויסזעער וואָלט אַמוואַרשיינלעכסטן אַ טעות געהאַט נאָר אין דער אונטערשעצונג פון דער אָפּנעווינענער קראַפט פון דעם לאַטייניש = אייראָפּעאישן טייל און מיט זיין איגנאָריר די באַהאַלטענע כוחות פון דעם אַראַבישן מדבר. אַראַביע וואָלט זיך אויסגעוויזן אַלס דער מקום-מקלט פון קליינע און זיך אַרומרייסנדיקע נאָמאַדישע שבטים, פּונקט ווי זי איז עס געווען זינט אומדענקבאַרע צייטן.

שוין מער ווי טויזנט יאָר האָט קיין שום סעמיטיש פאָלק נישט געגרינדעט קיין אימפּעריע.

דאַן האָט דער בעדואין פּלוצלונג אויפגעפלאַמט צו אַ קורצדויערנדיקן י.ה. פון פראַכט. זיי האָבן פאַרשפּרייט זייער מאַכט און שפּראַך פון שפּאַניע ביז די כינעזישע גרעניצן. זיי האָבן געגעבן דער וועלט אַ נייע קולטור. זיי האָבן געשאַפן אַ רעליגיע, וועלכע איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג איינע פון די לעבעדיקסטע קרעפטן אין דער וועלט.

מאַכמעד, דער מענטש, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם דאָזיקן אַראַבישן פלאַם, באַווייזט זיך צום ערשטן אין דער געשיכטע אַלס אַ יונגער מאַן פון אַן אַלמנה נאָך אַ רייכן סוחר פון דער שטאָט מעקא. ביזן 40-טן יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. ס'ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך שטאַרק

פאַראינטערעסירט אין רעליגיעזע ויכּוחים. אין יענער צייט איז מעקאַ געווען אַ געצנדינערישע שטאָט, וואָס האָט באַזונדערס געדינט צו אַ שוואַרצן שטיין, די קאַאבאַ, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן שם אין גאַנץ אַראַביע און איז געווען אַ צענטער פון עולי-רגל; אָבער אין לאַנד האָבן געלעבט גרויסע מאַסעס יידן · אין אמתן האָט דער גאַנצער אַראַבישער דרום געהאַלטן דעם יידישן גלויבן — און אין סיריע זענען געווען קריסטלעכע קירכעס.

אין זיין 40-טן י. האָבן זיך ביי מאַכמעדן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די נבואה'שע אייגנשאַפטן, ענלעכע צו יענע פון די העברעאישע נביאים פון פאַר 1200 י. פאַר אים. צום ערשטן האָט ער געגרעדט צו זיין ווייב וועגן דעם איינציקן אמתן גאָט, און וועגן די באַלוינונגען און שטראָפן פון צניעות און רשעות. ס'קען נישט זיין קיין שום ספק, אַז זיינע געדאַנקען זענען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון יידישע און קריסטלעכע אידייען. ער האָט ארום זיך צונויפגעקליבן אַ קליינע גרופּע גלויביקע און אינגיכן אָנגעהויבן פּרעדיקן אין דער שטאָט קעגן דער הערשנ-דער געצנדינעריי. דאָס האָט אים געמאַכט שטאַרק נישט באַ-ליבט ביי זיינע מיטבירגער, ווייל די עולי-רגל צו דער קאַאבאַ זענען געווען דער הויפּט-קוואַל פון דעם ווילשטאַנד, פון וועלכן מעקאַ האָט געגאָסן. ער איז געוואָרן דרייסטער און אַנטשלאָסע-נער אין זיין לערע, [דערקלערנדיק אַז ער איז דער לעצטער פון גאָט אויסדערוויילטער נביא און אַז עס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן די מיסיע צו פאַרפולקאָמען די רעליגיע.

אַברהם — האָט ער דערקלערט — און יעזוס קריסטוס זענען געווען זיינע פאַרלויפער. ער איז אויסדערוויילט געוואָרן צו פאַרפולקאָמען און פאַרפולשטענדיקן די אַנטפּלעקונג פון גאָטס ווילן. ער האָט פאַרפאַסט פסוקים, וועלכע זענען אים, לויט זיינע ווערטער, איבערגעגעבן געוואָרן דורך אַ מלאך און ער האָט געהאַט אַ משונהדיקע וויזיע, בעת וועלכער ער איז אַרויפגענו-

מען געוואָרן אין הימל אַריין צו גאָט און דאָרט געלערנט געוואָרן, וואָס איז נוגע זיין מיסיע. ווען זיין לערע האָט זיך פאַרשטאַרקט, איז אויך שטאַרקער געוואָרן זיינע מיטבירגערס פיינדשאַפט.

ענדלעך איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרשווערונג אויף זיין לעבן, אָבער ער איז אנטלאָפן מיט זיין געטרייען פריינט און תלמיד אַבו בעקר אין דער פריינטלעכער שטאָט מעדינא, וועלכע האָט אָנגענומען זיין דאָקטרין. צווישן מעקאַ און מעדינאַ איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ טראַקטאַט. מעקאַ האָט געדאַרפט אָננעמען דעם גלויבן אינעם איינציקן אמתן גאָט און מאַכמעדן אַלס זיין נביא. גאָר די אָנהענגער פונם נייעם גלויבן דאַרפן נאָך אַלץ עולה־רגל זיין קיין מעקאַ, פונקט ווי זיי האָבן דאָס געטון ביז אַהער, בעת זיי זענען געווען געצנדינער. אָט אַזוי אַרום האָט מאַכמעד באַפעסטיקט דעם איין איינציקן אמתן גאָט אין מעקאַ, נישט שאָדנדיק איר עולה־רגל ענין. אין 629 איז מאַכמעד צוריקגעקומען קיין מעקאַ שוין אַלס איר באַלבאָס, איאר נאָכ'ן אַרויסשיקן זיינע שליחים צו העראַקליוס, טאַיטסונג, קאוואד און די רעשט וועלט־הערשער. נאַכהער האָט ער דורך פיר יאָר צייט, ביז זיין טויט אין 632, פאַרשפרייט זיין מאַכט איבער דער רעשט אַראַביע. אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ סך ווייבער און בכלל איז זיין לעבן לויט די מאָדערנע באַגריפן געווען נישט קיין ביישפּילגעבנדיקס. ווי ס'ווייזט אויס, איז ער געווען אַ געמיש פון אַ זער באַדייטנדער איידלקייט, תאוה, שלויקייט, זעלבט־אָפּנאַרעריי און אַ פולשטענדיק - אויפריכטיקער רעליגיעזער ליידנשאַפט. ער האָט דיקטירט אַ בוך פון מצוות און פירושים, דער קאָראַן, וועלכע זענען, לויט זיינע ווערטער, אים איבערגעגעבן געוואָרן דורך גאָט. באַטראַכטנדיק דעם קאָראַן פון ליטעראַרישן אָדער פילאָזאָפישן שטאַנדפונקט, איז ער זיכער נישט ווערט זיין אָנ־

געגעבענע געטלעכע אויטאָרישקייט. אָבער ווען מ׳קוקט אוועק פון מאַכמעד׳ס בולטע לעבנס-חסרונות און פון די שריפטן, בלייבט אין איסלאַם, דער גלויבן, וועלכן ער האָט אויפגעצווונגען די אַראַבער, אַ סך קראַפט און אינספּיראַציע. קודם כל זיין נישט קאָמפּראָמיסבאַרער מאָנאָטעאיזם; זיין פּשטוער אַנטוזיאַסטישער גלויבן אין גאָטס הערשאַפט און פּאָטערשאַפט און דאָס, וואָס ער איז פריי פון טעאָלאָגישע קאָמפּליקאַציעס. ווייטער — זיין פולשטענדיקער אָפּזאָג פון דעם קרבנות-כוהן און טעמפּל. דער איסלאַם איז אינגאַנצן אַ נבואישע רעליגיע, אַ פּרוב קעגן יעדער מעגליכקייט פון אַ צוריקקער צו די בלוט-קרבנות. אין קאָראַן ווערט באַשטעטיקט דער באַגרעניצטער און צערעמאָניעלער כאַראַקטער פון דעם עולה-רגל זיין קיין מעקאַ, נישט געבנדיק קיין אָרט פאַר חלוקי-דעות. און מאַכמעד האָט אָנגענומען אַלע פאָרזיכטיקסטע מיטלען, כדי נישט דערלאָזן, אַז מ׳זאָל אים פאַרגעטערן נאָך זיין טויט. און נאָך אַ שטאַרקער עלעמענט איז פאַרהאַן אין איסלאַם: זיין כסדר׳דיקע באַהויפּטונג וועגן דער ברודערשאַפט און גלייכהייט פון אַלע גלויביקע פאַר גאָט, אָן אונטערשיד פון זייער קאָליר, אָפּשטאַמונג אָדער שטאַנד. דאָס זענען די עלעמענטן, וועלכע האָבן געמאַכט דעם איסלאַם פאַר אַ קראַפט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מ׳האָט ערגיץ ווו געזאָגט, אַז דער אמתער גרינדער פון דער איסלאַמישער אימפּעריע איז אויף אַזויפיל נישט געווען מאַכמעד, ווי זיין פריינט און אונטערשטיצער אַבו בעקר. אויב מאַכמעד, מיט זיין טוישנדיקן כאַראַקטער איז געווען דער גייסט און אימאַגינאַציע פונם פרימיטיוון איסלאַם, איז אַבו בעקר געווען דאָס באַוווסטזיין און דער ווילן. ווען מאַכמעד האָט ווען-עס איז זיך געוואַקלט, האָט אים אַבו בעקר דערמוטיקט. נאָך מאַכמעד׳ס טויט איז אַבו בעקר געוואָרן קאַליף (נאָכפאָלגער) און מיט דעם גלויבן, וועלכער רירט בערג, האָט ער זיך גענומען אויף אַ פּשוטן און אַ קלוגן אופן אָרגאַניזירן די אונטערוואַרפונג פון

דער גאַנצער וועלט אונטער אַללאַ — מיט קליינע חיילות פון 3-4 טויזנט אַראַבער — אין הסכם מיט די בריוו, וועלכע דער נביא האָט אין 628 געשריבן פון מעדינא צו אַלע מאָנאַרכן פון דער וועלט.

קאַפּיטל 8.

די גראַנדיעזע אַראַבישע צייטן

איצט הייבט זיך אָן די העכסט-איבערראַשנדיקסטע דעראָ-בערונגס-דערציילונג אין דער גאַנצער געשיכטע פון אונדזער ראַסע. אין 634 איז די ביצאַנצישע אַרמיי צעשמעטערט געוואָרן אין דער שלאַכט ביים יאַרמוק (אַן אויספלוס פונם ירדן) און דער קייסר הערַאקליוס, וועמענס ענערגיע איז געהעמעוועט געוואָרן צוליב זיין וואַסער-קרענק און וועמענס מיטלען זענען דערשעפּט געוואָרן דורך דער פּערסישער מלחמה, האָט געזען ווי זיינע נייע דעראָבערונגען אין סיריע, דמשק, פּאַלמיר, ירושלים א.א.וו. פאַלן אַרונטער כמעט אָן חידערשטאַנד אונטער די מוזולמענער. אַ סך עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג זענען איבערגעגאַנגען צום איסלאַם. נאַכהער האָבן זיך די מוזולמענער אויסגעדרייט צום מזרח. די פּערסער האָבן געהאַט אַ פּעאיקן אָנפירער, רוסטאַן און אַ גרויסע אַרמיי מיט העלפאַנטן. דריי טאָג האָבן זיי געקעמפט קעגן די אַראַבער ביי קאַדעססאַ (637) אָבער ענד-לעך זענען זיי זיך צולאָפן אין אַ גרויסער אומאָרדנונג.

גאַנץ פּערסיע איז נאַכהער דעראָבערט געוואָרן און די מוזולמענישע אימפּעריע האָט זיך גערוקט ווייט צו מערב-טור-קעסטאַן און צו מזרח, ביז זי האָט זיך באַגעגנט מיט די כינע-

זעָה. מצרים איז, כמעט אָן ווידערשטאַנד, אַריינגעפאַלן צו די נייע דעראָבערער, וועלכע, פול מיט א פאַנאַטישן גלויבן אין דער געגוואַנסקייט פונם קאראן, האָבן אָפּגעמעקט אַלע שפּורן פון דער ביכער־קאפּירונג אינדוסטריע פון דער אַלעקסאַנדריער ביבליאָטעק. דער דעראָבערונגס־שטראָם האָט זיך געצויגן לענג־אויס דעם אַפ־ריקאַנישן צפון ברעג ביז צום גיבראַלטאַר און שפּאַניע.

אין 710 איז אָקופּירט געוואָרן שפּאַניע און אין 720 זע־נען דערגרייכט געוואָרן די פּירענעאישע בערג. אין 732 האָט דער אַראַבישער פאָררוק דערגרייכט צענטראַל פראַנקרייך, אָבער דאָ איז ער ענדלעך אָפּגעשטעלט געוואָרן אין דער שלאַכט ביי פּואַטיער און אָפּגעשטופּט געוואָרן צוריק צו די פּירענעען. די דעראָבערונג פון מצרים האָט געגעבן די מוזולמענער אַ פלאָט, און אַ צייט האָט זיך געדוכט, אַז זיי וועלן איינגעמען קאָנס־טאַנטינאָפּאָל. צווישן 672 און 718 האָבן זיי געמאַכט איבער־געחזרטע ים־אַטאַקעס, אָבער די גרויסע שטאָט האָט אויסגעהאַלטן. די אַראַבער האָבן געהאַט ווינציק פּאָליטישע פעאיקייטן און קיין שום פּאָליטישע דערפאַרונג, און די דאָזיקע גרויסע אימפּעריע, וואָס איר הויפּט־שטאָט איז איצט געווען דמשק, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פון שפּאַניע ביז כינע, איז באַשערט געווען זייער שנעל צוזאַמענצוברעכן. פון סאַמע אָנהייב האָבן דאָקטרינערע חלוקי־דעות אונטערגעגראָבן איר אחדות. אָבער דאָ אינטערע־סירט אונדז נישט די געשיכטע פון איר פּאָליטישן צערפאַל, נאָר איר ווירקונג אויף דעם מענטשלעכן גייסט און אויף דעם אַלגעמיינעם גורל פון אונדזער ראַסע. די אַראַבישע אינטע־ליגענץ איז אַדורכגעלאָפן איירָאָפּע נאָך שנעלער און דראַמאַ־טישער, ווי די גריכישע פון פאַר 1000 יאָר פריער. די אינ־טעלעקטועלע אָנרעגונג אויף דער גאַנצער וועלט צו מערב פון כינע, דער צוזאַמענבראָך פון די אַלטע אידייען און די אַנט־וויקלונג פון נייע, זענען געווען אויסערגעוויינלעך.

אין פּערסיע איז דער פּרישער ערוואַכנדיקער אַראַבישער גייסט געקומען אין באַריר נישט בלויז מיט מאַניקאַאישע, זאַראַטוסטרישע און קריסטלעכע דאָקטרינען, נאָר אויך מיט דער וויסנשאַפטלעכער גריכישער ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעהיטן געוואָרן נישט בלויז אין גריכיש, נאָר אויך אין סירישע איבערזעצונגען. ער האָט אויך זיך באַגעגנט מיט דער גריכישער וויסנשאַפט אין מצרים. אומעטום, באַזונדערס אין שפּאַניע, האָט ער געטראָפן אן אַקטיווע יידישע טראַדיציע פון חקירה און וויכּוחים. אין צענטראַל־אַזיע האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם בודדיזם און מיט די מאַטעריעלע דערגרייכונגען פון דער כינעזישער ציוויליזאַציע. ער האָט זיך אויסגעלערנט די פּאַפּיר־אויסאַרבעט — וואָס האָט דערמעגלעכט דעם ביכער־דרוק – פון די כינעזער. און ענדלעך איז ער געקומען אין באַריר מיט דער אינדישער מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע. זייער שנעל איז אַוועק די אומטאָלעראַנטע זעלבסט=גענוגנטקייט פון די ערשטע צייטן פון דעם איסלאַם, וואָס האָט געהייסן פאַרשטעלן זיך, אַז דער קאָראַן איז דאָס איינציק־מעגלעכע בוך. אומעטום, ווו די אַראַבישע דעראָבערער האָבן געשטעלט אַ פוס, האָט אַרויסגעשפּראָצט די וויסנשאפט. אין 8־טן י. ה. איז אין דער גאַנצער אַראַביזירטער וועלט געווען אַ בילדונגס=אָרגאַניזאַציע. אין 9־טן יאָרהונדערט האָבן די געלערנטע פון די קאָרדאָווישע שולן אין שפּאַניע זיך קאָרעספּאָנדירט מיט די געלערנטע פון קאַאירא, באַגדאַד, בוכאַרע און סאַמאַרקאַנד. דער יידישער געדאַנק האָט זיך מיט גרויס חשק אַסימילירט מיטן אַראַבישן, און אַ צייט האָבןביידע סעמיטישע פעלקער געאַרבעט בייזאַמען דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אַראַבישער שפּראַך. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם פּאָליטישן צוזאַמענברוך און אָפּשוואַכונג פון די אַראַבער האָט געדויערט די אינטעלעקטועלע געמיינזאַמקייט פון דער אַראַביש־רעדנדיקער וועלט. אירע באַדייטנדע רעזולטאַטן האָט זי געגעבן נאָך אין 13־טן יאָרהונדערט. אָט אַזוי איז עס געשען, אַז דער סיסטע־

מאַטישער אָנזאַמל און קריטיק פון די פאַקטן, ווערנדיק אָנגע־ הויבן לכתחילה דורך די גריכן, איז צוריק אויפגענומען געוואָרן דורך דעם וווּנדערבאַרן רענעסאַנס פון דער סעמיטישער וועלט. אַריסטאָטעלעס׳ און דעם אַלעקסאַנדריער מוזעאומ׳ס זאַמען, וואָס זענען אזוי לאַנג געלעגן אומטעטיק און פאַרנאַכלעסיקט, האָבן איצט אָנגעהויבן צו שפּראָצן און אַרויסצוגעבן פּרוכט. ס׳זענען געמאַכט געוואָרן גרויסע פאָרשריטן אין מאַטעמאַטישע, מעדיצי־ נישע און פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן. די אומגעלומפּערטע רוימישע צי־ פערן זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך די אַראַבישע, וואָס מיר באַ־ נוצן ביזן היינטיקן טאָג און ס׳איז צום ערשטן מאָל באַנוצט גע־ וואָרן דער זערא־צייכן. דער בלויזער נאָמען אַלגעברא איז אַן אַראַבישער. אַזוי אויב ס׳וואָרט כעמיע. די נעמען פון אַזעלכע שטערן, ווי: אַלגאָל, אַלדעבאַראַן און באַעטעס היטן אויף די שפורן פון די אַראַבישע דעראָבערונגען אינם הימל זייער פילאָזאָפיע איז באַשערט געווען אויפצולעבן די מיטלעלטערלעכע פילאָזאָפיע פון פראַנקרייך, איטאַליע און פון דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט. די אַראַבישע עקספּערימענטאַלע כעמיקער האָבן געהייסן אַלכעמיקער, און זיי זענען נאָך געווען גענוג באַר־ באַריש, לויטן גייסט, און אויף וויפיל ס׳איז נאָר מעגלעך האָבן זיי געהאַלטן אין געהיים זייערע מעטאָדן און רעזולטאַטן. זיי האָבן פון סאַמע אָנהויב אָן פאַרשטאַנען, וואָס פאַר געוואַל־ דיקע נוצן זייערע מעגלעכע אַנטדעקונגען קענען זיי געבן, און וואָס פאַר ווייט־גרייכנדיקע קאָנזעקווענצן די דאָזיקע זאַכן קענען האָבן פאַר דעם מענטשלעכן לעבן. זיי זענען דערגאַנ־ גען אַ סך מעטאַלורגישע און טעכנישע פלענער פון דער גרעס־ טער ווערט; צומישונגען און פאַרבערײַ, דיסטילירן, פאַרבן־מי־ שונג, עסענציעס און אָפּטישע גלעזער; אָבער די צוויי הויפּט צילן, וואָס זיי האָבן געזוכט, האָבן זיי נישט דערגרייכט. דער ערשטער איז געווען דער „פילאָזאָפישער שטיין” — אַ מיטל צו בייטן איין מעטאַלישן עלעמענט מיט אַ צווייטן און אַזוי אַרום

האָבן די קאָנטראָל איבער דעם געקינסטלטן גאָלד; דער צוויי־טער איז געווען דער „לעבנס עליקסיר" אַ דערמוטיקונגס־מיטל, וואָס האָט געזאָלט אויפלעבן דעם עלטער און פאַרלענגערן דאָס לעבן ביז צו אומענדלעכקייט. די דאָזיקע קאָמפּליצירטע, געדולדיקע עקספּערימענטן פון די אַראַבישע אַלכימיקער האָבן זיך פאַרשפּרייט אין דער קריסטלעכער וועלט.

די פאַסצינירטקייט פון זייערע פאָרשונגען האָט זיך פאַרשפּרייט. זייער לאַנגזאַם איז די טעטיקייט פון די אַלכימיקער געוואָרן מער סאָציאַלער און מיט־אַרבעטנדיקער. זיי האָבן איינגעפונען דעם נוצן פון בייטן און פאַרגלייכן אידייען. דורך נישט באַמערקבאַרע שטופּעס זענען די לעצטע פון די דאָזיקע אַלכימיקער געוואָרן די ערשטע עקספּערימענטאַלע פילאָזאָפן. די אַלע אַלכימיקער האָבן געזוכט דעם פילאָזאָפישן שטיין, וועלכער האָט געדאַרפט אומוואַנדלען פּשוטע מעטאַלן אין גאָלד, און אַן אומשטערבלעכקייט עליקסיר; זיי האָבן געפונען די מעטאָדן פון דער מאָדערנער עקספּערימענטאַלער וויסנשאַפט, וואָס זאָגט־צו ענדלעך צו געבן דעם מענטש אומבאַגרעניצטע מאַכט איבער דער וועלט און איבער זיין אייגענעם גורל.

קאַפּיטל 9

די אַנטוויקלונג פונם לאַטיינישן (קאַטוילישן) קריסטנטום

איצט איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דער אויסערגעוויינלעכער איינגעשרומפּטער וועלט־טייל, וואָס איז געבליבן אונטער דער אַרישער קאָנטראָל אין 7־ן און 8־ן י. ה. מיט 1000 יאָר

פריער האָבן די אריש-רעדנדיקע פעלקער טריומפירט איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט צו מערב פון כינע. איצט האָבן די מאָנגאָלן זיך צוגערוקט אַזש צו אונגאַרן; אין אַזיע איז גאָרנישט געבליבן פון דער אַרישער הערשאַפט; גאַנץ אַפ־ריקע און כמעט גאַנץ שפּאַניע זענען געווען אנגעווירן. די גרויסע העלענישע וועלט איז איינגעשרומפן געוואָרן צו דער מאס פון עטלעכע באַזיצן אַרום דעם צענטער פון דער האַנדלס-שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דער אַנדענקן פון דער רוימישער וועלט איז אויפגעהיטן געוואָרן דורך דעם לאַטיין פון די מערב קריסטלעכע גלחים. אַלס אַ לעבעדיקער קאָנטראַסט צו דער דאָזיקער ריקגאַנג-דערציילונג, האָט זיך די סעמיטישע טראַדיציע ווידער אויפגעהויבן פון דער אונטערדריקונג און רומלאָזיקייט נאָך אַ טויזנטיעריקער פינצטערניש. דאָך איז די וויטאַליטעט פון די נאָרדישע פעלקער נישט געווען דערשעפּט. איינגעש־לאָסן אין צענטראַל-און אין צפון-מערב אייראָפּע און שרעקלעך פאַרזומפּיקט אין זייערע סאָציאַלע און פּאָליטישע אידייען, האָבן זיי דאָך אויפגעבויט לאַנגזאַם און כסדר אַ נייע סאָציאַלע אָרדנונג און אומבאַוווסטזיניק צוגעגרייט דעם צוריקקער פון אַ מאַכט, וואָס איז אַפילו נאָך מער פאַרשפּרייט ווי די, וואָס זיי האָבן לכתחילה געהאַט. מיר האָבן שוין דערציילט ווי אין מערב אייראָפּע איז ביים אָנהויב פון 6־ן י. ה. נישט געבליבן קיין שום צענטראַלע מאַכט. יעדער טייל איז געווען צעטיילט צווישן אַ סך לאָקאַלע הערשער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ווי עס איז. דאָ איז אָבער געווען אַ צופיל נישט זיכערע לאַגע, אַז זי זאָל זיך לאַנג האַלטן; אין דער דאָזיקער אומאָרדנונג איז אויפגעוואַקסן אַ קאָאָפּעראַציע-און שותפות-סיסטעם, די פעאָדאַלע סיסטעם, וואָס האָט איבערגעלאָזט אירע שפּורן אויפן אייראָפּעאישן לעבן ביזן היינטיקן טאָג. די דאָזיקע פעאָדאַלע סיסטעם איז געווען אַ מין קריסטאַליזירונג פון דער געזעלשאַפט אַרום דער מאַכט. אומעטום האָט זיך דער לוין-אַרבעטער געש־

פירט נישט זיכער און איז גרייט געווען צו פאַרהאַנדלען אַ געוויסן טייל פון זיין פרייהייט פאַר וואַסער עס איז הילף און שוץ. ער האָט געזוכט אַ מעכטיקערן מענטש אלס זיין באַלבאָס און פּראָטעקטאָר, ער האָט אים געגעבן מיליטערישע דינסט און געצאָלט שטייערן און דערפאַר איז אַנערקענט געוואָרן זיין אייגנטום, וואָס ער האָט געהאַט.

זיין באַלבאָס ווידער האָט געזוכט זיכערהייט און אונטערטעניקייט ביי אַ נאָך גרעסערן באַלבאָס. די שטעט האָבן אויך געהאַלטן באַקוועמער פאַר זיך צו האָבן פעאדאלע פּראָטעקטאָרן, און מאָנאַסטיר-און קירכלעכע ערד-באַזיצן האָבן זיך פאַרייניקט מיט אַזעלכע ענלעכע צוזאַמענבונדן. בלי ספק איז די אונטערטעניקייט אין א סך פאַלן געפאָדערט געוואָרן איידער מ׳האָט זי פאַרגעלייגט; די סיסטעם איז געוואַקסן פון אונטן, פונקט ווי פון אויבן. אָט אַזוי ארום איז אויפגעוואַקסן אַ מין פּיראַמידישע סיסטעם, וואָס האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט אין פאַרשידענע ערטער, דערלאָזנדיק לכתחלה אַ באַדייטנדע מאָס פון גוואַלטאַט און פּריוואַטן קאַמף, אָבער לאַנגזאַם געמאַכט אָרדנונג און געשאפן א נייע הערשאַפט פון געזעץ. די פּיראַמידן זענען אויפגעוואַקסן ביז זיי זענען געוואָרן אַנערקענט אַלס קעניגרייך. שוין אין פריען 6-טן י.ה. האָט עקזיסטירט אַ פּראַנקיש קעניגרייך אונטער זיין גרינדער קלאָוויס אין דעם לאַנד, וואָס איז היינט פראַנקרייך און האָלאַנד, און גאָר אין גיכן האָבן עקזיסטירט וויזגאָטישע, לאָמבאַרדישע און גאָטישע קעניגרייכן. די מוזולמענער האָבן, בעת זיי זענען אין 720 אַריבער די פּירענעען, געטראָפן דאָס דאָזיקע פּראַנקישע קעניגרייך אונטער דער פאַקטישער הערשאַפט פון קאַרל מאַרטל, דער „מער פון פאַלאַץ" אַ דעגענערירטער נאָכפאָלגער פון קלאָוויס, און זיי האָבן דורך אים באַקומען אַן אַנטשיידענע מפלה ביי פּואַטיער (732). דער דאָזיקער קאַרל מאַרטל איז פאַקטיש געווען אייראָפּעס איבערהערשער צו צפון פון די אַלפּן, פון די פּירענעען ביז אונגאַרן. ער האָט

געהערשט איבער אַ מענגע אונטערטעניקע הערשער, וואָס האָבן גערעדט פראַנצויזיש-לאַטיינישע און הויך - און נידער - דייטשע שפּראַכן. זיין זון פּעפּין האָט זיך אויסגעצייכנט מער ווי אַלע קלאָוויס׳ נאָכפאָלגער און ער האָט אָנגענומען דעם קעניגלעכן שטאַט און טיטל.

זיין אייניקל שאַרלמאַן1), וועלכער האָט אָנגעהויבן צו הערשן אין 768, איז געווען דער הערשער פון אַזאַ גרויסער מלוכה, אז ער האָט געקענט טראַכטן וועגן אויפלעבן דעם טיטל פון לאַטיינישן קיסר. ער האָט דעראָבערט צפון-איטאַליע און געוואָרן באַלבאָס פון רוים. שילדערנדיק די אייראָפּעאישע געשיכטע, אַזוי ווי מיר טון עס, לויט די ברייטערע האָריזאָנטן פון דער וועלט-געשיכטע, קענען מיר, אַ סך בולטער ווי דער בלויזער נאַציאָנאַליסטישער היסטאָריקער, זען ווי קרעמפּירט און פּאַטאָס׳זענען געווען די טראַדיציעס פון דער לאַטייניש-רוימישער אימפּעריע. אַ קליינלעכער אָנגעשטרענגטער קאַמף פאַר דער דאָזיקער איינגערעדטער אויבערהערשאַפט האָט פאַרשווענדט אייראָפּע׳ס ענערגיע מער ווי 1000 יאָר. דורך דעם דאָזיקן גאַנצן פּעריאָד קען מען זען די שפּורן פון געוויסע נישטאויסגעלאָשענע אַנטאַגאָניזמען; זיי האָבן באַהערשט אייראָפּע׳ס גייסט, פּונקט ווי אַ דבוק אין אַ קראַנקן מוח. די ערשטע טרייב-קראַפט איז געווען די אַמביציע פון די דערפאָלגרייכע הערשער, צ.ב. קאַרל דער גרויסער, צו ווערן אַ צעזאַר. קאַרל׳ס מלוכה איז באַשטאַנען פון פעאָדאַלע דייטשע שטאַטן, וואָס זענען געשטאַנען אויף פאַרשידענע מדרגות פון באַרבאַרישקייט. צו מערב פון ריין האָבן ס׳רוב פון די דייטשע פעלקער זיך אויסגעלערנט רעדן פאַרשידענע לאַטייניזירטע דיאַלעקטן, וואָס האָבן ענדלעך זיך צוזאַמענגעגאָסן און געבילדעט די פראַנצויזישע שפּראַך. צו מזרח פון ריין האָבן די ראַסן-ענלעכע דייטשע פעלקער נישט

---

1) קאַרל דער גרויסער.

פאַרלאָזט זייער דייטשע שפּראַך. אָט צוליב דעם איז שווער געוואָרן די קאָמוניקאַציע צווישן די דאָזיקע ביידע גרופּעס באַר־באַרישע דעראָבערער און ס׳איז לייכט געוואָרן אַ צושפּליטערונג. די דאָזיקע צושפּליטערונג איז נאָך לייכטערער געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס דער פראַנקישער מנהג האָט עס געהאַלטן אַלס נאַ־טירלעך צו צוטיילן קאַרל׳ס מלוכה, נאָך זיין טויט, צווישן זיינע זין.

אָט אַזוי אַרום ווערט די אייראָפּעאישע געשיכטע פון קאַרל דעם גרויסנס צייטן אָן אַ געשיכטע, צום ערשטן, פון דעם דאָ־זיקן מאַנאַרך און זיין משפחה, און נאָכהער פון די קעניגן, פּרינצן, פירשטן, בישאָפס און די אייראָפּעאישע שטעט, וואָס קעמפן פאַר דער צווייפלהאַפטער איבערהערשאַפט, און אין דעם דאָזיקן מיש־מאַש האָט זיך כסדר אַנטוויקלט אַ טיפער אַנטאַגאָ־ניזם צווישן די פראַנצויזיש־ און דייטש־רעדנדיקע פעלקער. פאַר־מעל האָט מען געוויילט יעדן קיסר, און דער העכסטער ציל פון זיין אַמביציע איז געווען צו קעמפן פאַרן באַזיץ פון יענער דערשעפטער, נישט־באַקוועמער הויפּט־שטאָט רוים, און אַז ער זאָל דאָרט געקרוינט ווערן. דער צווייטער פאַקטאָר אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטישער אומאָרדנונג איז געווען דער אַנטשלוס פון דער רוימישער קירך נישט צו נאָמינירן אַ וועלטלעכן הער־שער, נאָר אַז דער רוימישער פּויפּסט זעלבסט זאָל פאַקטיש זיין קיסר. ער איז שוין געווען „פּאָנטיפעקס מאַקסימוס״; צו־ליב פּראַקטישע צילן האָט ער זיך געהאַלטן ביי דער ירידה־דיקער שטאָט; אויב ער האָט נישט געהאַט קיין אַרמייען, האָט ער דערפאַר געהאַט אַ ריזיקע פּראָפּאַגאַנדע־אָרגאַניזאַציע אין דער גאַנצער לאַטיינישער וועלט; אויב ער האָט געהאַט ווינציק מאַכט איבער דעם מענטשנס גוף, האָט ער, לויט זיין אימאַגינאַ־ציע, דערפאַר געהאַלטן די שליסלען צום הימל און גיהינום, און געקאָנט אויסאיבן אַ שטאַרקן איינפלוס אויף זיין נשמה. אָט אַזוי אַרום האָבן די פּויפּסטן מאַנעווורירט, טיילמאָל דרייסט, טיילמאָל

שלוי, טיילמאָל שוואַך — ווייל די פּויפּסטן, זייענדיק עלטערע מענטשן, האָבן דורכשניטלעך געהערשט נישט מער ווי צוויי יאָר — כּדי אונטערצוטעניקן אונטער זיך די פּרינצן אַלס צום אולטימאַטיוון אויבערהערשער פון קריסטנטום, בעת אין דעם גאַנצן מיטלאַלטער האָט איין הערשער מאַנעווירט קעגן צווייטן, צום ערשט פאַר גלייכהייט, נאָכהער פאַר דער איבערוואָג און ענדלעך פאַר דעם העכסטן טיטל. אָבער מיט די דאָזיקע אַנטאַגאַניזמען פון איין הערשער קעגן צווייטן און פון קיסר קעגן פּויפּסט שעפּן זיך לגמרי נישט אויס די פאַקטאָרן פון דעם אייראָפּעאישן מיש-מאַש. ס'איז נאָך געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ גריכיש-רעדנדיקער קיסר און ער האָט געפאָדערט אונטערטעניקייט פון גאַנץ אייראָפּע. ווען קאַרל דער גרויסער האָט געוואָלט אויפלעבן די אימפּעריע, האָט ער אויפגעלעבט בלויז דעם לאַטייניש טייל. ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז ס'זאָל זיך גאָר גיך אַנטוויקלען אַ קאָנקורענץ צווישן דער לאַטיינישער און דער גריכישער אימפּעריע. און נאָך שנעלער האָט זיך אַנטוויקלט די קאָנקורענץ צווישן דעם גריכיש-רעדנדיקן קריסטיאַניזם און דעם נייערן לאַטיין-רעדנדיקן, נוסח. דער רוימישער פּויפּסט האָט פּרעטענדירט צו זיין דעם הייליקן פּאַולס, דער ראש פון די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן, נאָכפאָלגער און אויך פירער פון דער קריסטלעכער געמיינדע אויף דער וועלט. סיי דער קיסר, סיי דער פּאַטריאַרך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן נישט קיין חשק געהאַט צו אָנערקענען די דאָזיקע פּרעטענזיע. ס'איז אויסגעבראָכן אַ פּאָלעמיק וועגן אַ סובטעלן פּונקט אין דער דאָקטרין וועגן דער הייליקער דרייאייניקייט. און נאָך אַ סך אַרומרייסענישן האָט זי זיך פאַרענדיקט אין 1054 מיט אַן ענטגילטיקן ברוך. די לאַטיינישע קירך און די גריכישע זענען פון דאַן אָן געוואָרן און געבליבן צווישן זיך בולטע און אָפענע שונאים.

אויף דער דאָזיקער צוטיילטער קריסטלעכער וועלט האָבן זיך געשיט קלעפּ פון דרייערליי שונאים. אַרום דעם באַלטישן

און צפון-ים זענען געבליבן אַ ריי נאָרדישע שבטים, וואָס האָבן זייער לאַנגזאַם און ווידערווילליק אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, דאָס זענען געווען די נאָרמאַנען. זיי האבן זיך גענומען צום ים און צו פּיראַטעריי און זענען באַפאלן אַלע קריסטלעכע ברעגן ביז שפּאַניע. זיי האָבן זיך גערוקט אַרויף צו די רוסישע טייכן, צו די פּאַרוויסטע צענטראַל-לענדער און אַריינגעפירט זייערע שיפן אין די צו-דרום פליסנדיקע טייכן. אויף דעם קאַספּישן און שוואַרצן ים זענען זיי טעטיק געווען אלס פּיראטן.

רוסלאַנד האָבן זיי געגרינדעט פירשטענטומס. זיי זענען געווען די ערשטע רוסן. די דאָזיקע נאָרמאַנישע רוסן האָבן שוין כמעט געהאַלטן ביים נעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין אָנהייב פון 9-טן י״ה. איז ענגלאנד געווען אַ פּאַרקריסטלעכט נידער-דייטשיש לאַנד און איר קעניג, עגבערט, איז געווען קאַרלס אַפּראָטעזשע און פּופּיל. די נאָרמאנען האָבן אָפּגעריסן אַ העלפט ענגלאַנד פון זיין נאָכפאָלגער, אַלפרעד דער גרויסער, (886) און ענדלעך, אונטער קאַנוטן, (1016) זענען זיי געוואָרן באַלבאַטים פונם גאַנצן לאַנד. אונטער ראלף דעם גענגער׳ס אָנפירונג (912) האָט אַן אַנדערע גרופּע נאָרמאַנער דעראָבערט צפון פראַנקרייך, דאָס היינטיקע נאָרמאַנדיע. קאַנוט האָט געהערשט נישט בלויז איבער ענגלאַנד, נאָר אויך איבער נאָרוועגיע און דענעמאַרק, אָבער זיין קורצדויערנדיקע מלוכה איז זיך נאָך זיין טויט צעפאַלן אויף שטיקלעך צוליב דער פּאָליטישער שוואַכקייט פון די באַרבאַרישע פעלקער: די צוטיילונג פון דער מלוכה צווישן אַ הערשער׳ס זון. ס׳איז אינטערעסאַנט פאָרצושטעלן זיך, וואָס וואָלט געשען, ווען די דאָזיקע צייטווייליקע נאָרמאַנישע אוניע וואָלט זיך וויטער געהאַלטן.

זיי זענען געווען אַ ראַסע פון אַ שטוינענדיקער דרייסטקייט און ענערגיע. זיי זענען געשווימען אַפילו ביז איסלאַנד און גרענלאַנד. זיי וואָלטן געווען די ערשטע איראָפּעער, וואָס וואָלטן זיך אַרויסגעזעצט אויפן אַמעריקאַנער באָדן. שפּעטער

וואָלטן נאָרמאַנישע אוואַנטוריסטן אָפּגענומען סיציליע פון די סאַראַצענער און צוריקגעבן רוים. ס'איז אַ פֿאַסצינירנדע זאַך פֿאָרצושטעלן זיך, וואָס פֿאַר אַ גרויסע ים־מאַכט וואָלט אויסגעוואַקסן פֿון קאַנוטס מלוכה, וואָס וואָלט זיך געצויגן פֿון אַמעריקע ביז רוסלאַנד. צו מזרח פֿון די דייטשן און פֿון די לאַטייניזירטע אייראָפּעער איז געווען אַ געמיש פֿון סלאַווישע שבטים און טערקישע פֿעלקער. די וויכטיקסטע צווישן זיי זענען געווען די מאַדזשאַרן אָדער די אונגאַרן, וואָס זענען געקומען צו־מערב דורך דעם גאַנצן 8־ן און 9־ן י. ה. קאַרל דער גרויסער האָט זיי איצט איינגעהאַלטן, אָבער נאָך זיין טויט האָבן זיי זיך באַזעצט דאָרט, ווו ס'איז היינט אונגאַרן. לויט דעם נוסח פֿון זייערע קרובֿשע פֿאָרגייערס, די הונען, זענען זיי יעדן זומער באַפֿאַלן די באַזעצטע אייראָפּעאישע געביטן. אין 938 זענען זיי דורך דייטשלאַנד אַרײַן קיין פֿראַנקרייך, אַריבער די אַלפּן און אַרײַן קיין צפֿון איטאַליע און אַזוי אַרום געקומען אַהיים, ברענענדיק, רויבנדיק און חרובֿ־מאַכנדיק אַלץ אויף זייער וועג. און איצט האָבן מיר די סאַראַצענער, וואָס זענען געווען אָפּגעשלאָגן פֿון דרום דורך די גרעניצן פֿון דער אַמאָליקער רוימישער מלוכה. זיי זענען ס'רובֿ געווען באַלבאַטים איבערן ים; זייערע איינציקע פֿורכטבאַרע קעגנער זענען געווען די נאָרמאַנען, די רוסישע פֿון שוואַרצן ים און די מערבֿ־נאָרמאַנען. זייענדיק געהעמעוועט דורך די דאָזיקע קרעפֿטיקערע און אַגרעסיווע פֿעלקער, צווישן כּוחות און געפֿאַרן, וועלכע זיי האָבן נישט פֿאַרשטאַנען און נישט אָפּגעשאַצט, האָט קאַרל דער גרויסער און נאָך אים אַנדערע אַמביציעזע גייסטער אויפֿגענומען דעם פּרוכטלאָזן קאַמף צו רעסטאַווּרירן די מערבֿ מלוכה אונטער דעם נאָמען „הייליקע רוימישע מלוכה". פֿון קאַרל'ס צייטן אָן האָט די דאָזיקע אידיי באַהערשט מערבֿ־אייראָפּע'ס פּאָליטיש לעבן, בעת אין מזרח האָט קוים געאָטעמט די גריכישע העלפֿט פֿון דער רוימי־

שער מלוכה, ביז ס'איז צום סוף גאָרנישט געבליבן פון איר. נאָר די קאָרומפּירטע האַנדלס-שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט אַ פּאָר קיל. טעריטאָריע אַרום איר. פּאָליטיש איז דער אייראָפּע-אישער קאָנטינענט פון קאַרל'ס צייטן אָן, אין משך פון 1000 יאָר, געבליבן טראַדיציאָנעל און נישט שעפעריש. קאַרל'ס נאָמען פארנעמט אַ צו-גרויס אָרט אין דער אייראָפּאעישער געשיכטע, אָבער זיין פּערזענלעכקייט זעט זיך נישט-בולט אַרויס. ער האָט נישט געקענט נישט לעזן און נישט שרייבן, אָבער ער האָט געהאַט שטאַרק דרך-ארץ פאַר געלערנטקייט; ער האָט ליב געהאַט, אַז ביי די מאָלצייטן זאָל מען אים עפּעס פאָרלייענען און ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו טעאָלאָגישע וכוחים. אין זיין ווינטער הויפּט-קוואַרטיר אין אַאַכן אָדער אין מיינץ האָט ער גרופּירט אַרום זיך געלערנטע און ער האָט אַ סך געגאַשט פון זייערע שמועסן. זומער-צייט האָט ער געפירט מלחמות, קעגן די שפּאַנישע סאַראַצענער, קעגן די סלאַווען און מאַדזשאַרן, קעגן די זאַקסן און קעגן אַנדערע נאָך אַלץ געצנדינערישע דייטשע שבטים. עס איז אַ ספק, צי דער געדאַנק וועגן ווערן אַ צעזאַר נאָך ראָמולוס אויגוסטולוס איז אים איינגעפאַלן פאַר דעם געווין פון צפון-איטאַליע, אָדער דאָס איז אים מרמז געוואָרן דורך דעם פּויפּסט לעאָ III, וועלכער האָט שטאַרק חשק געהאַט אומאָפּהענגיק צו מאַכן די לאַטיינישע קירך פון קאָנס-טאַנטינאָפּאָל. אין רוים זענען צווישן דעם פּויפּסט און דעם צוקונפטיקן קיסר פאָרגעקומען העכסט אויסטערלעשע מאַנעוורן, צי עס זאָל אויסזען, צי עס זאָל נישט אויסזען, אַז דער פּויפּסט האָט אים געגעבן די קרוין. דער פּויפּסט האָט געזיגט קרוי-נענדיק אומגעריכט זיין גאַסט און זיגער אין הייליקן פּעטער'ס קירך אין ווייגאַכטן 800 נ.ק. ער האָט אַרויסגענומען אַ קרוין, אַרויפגעלייגט אויף קאַרל'ס קאָפּ און אים באַגריסט אַלס צעזאַר און אויגוסטוס. דאָס פּובליקום האָט שטאַרק אַפּלאָדירט. קאַרל איז אָבער בשום אופן נישט געווען צופרידן פון דעם אַרט. ווי-

אַזוי דאָס איז געטון געוואָרן, און אין זיין זכרון איז דאָס שטענדיק פאַרבליבן אַלס אַ מפלה, און ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין זון העכסט זאָרגפעלטיקע אינסטרוקציעס, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן קרוינען פון דעם פויפסט; ער דאַרף נעמען די קרוין מיט זיינע אייגענע הענט און אַליין זי אָנטון אויפן קאָפּ. אָט אַזוי זען מיר שוין ביי דער התחלה פון דעם קייסערטום׳ס אויפלעב דעם לאַנגיעריקן קאָנפליקט צווישן פויפסט און קיסר פאַר דער בכורהשאַפט. אָבער לואי דער פרומער, קאַרל׳ס זון, האָט גרינג געשעצט זיין פאָטער׳ס אינסטרוקציעס און אין אַלע־מען געווען אונטערטעניק דעם פויפסט. נאָך לואי דעם פרוי־מענס טויט איז קאַרל׳ס מלוכה צופאַלן, און ס׳איז נאָך גרעסער געוואָרן די צושפּליטערונג צווישן די פראַנצויזיש־רעדנדיקע און די דייטש־רעדנדיקע פראַנקן.

דער נעכסטער קיסר איז געווען דער זאַקס אָטטאָ, דער זון פון אַ געוויסן הענרי „דער פאוילער״, 1) וועלכער איז דורך אַ פאַרזאַמלונג פון דייטשע פרינצן און פרעלאַטן אין 919 אויס־געוויילט געוואָרן אַלס דייטשער קעניג. אָטטאָ איז געגאַנגען קיין רוים און דאָרטן געקרוינט געוואָרן אַלס קיסר אין י׳ 962. די דאָזיקע זאַקסישע דינאַסטיע האָט זיך אויסגעלאָזט אין אָנהייב פון 11־טן י.ה. און אָפּגעטרעטן איר אָרט אַנדערע דייטשע הערשער. די פעאָדאַלע הערשער און אַדל צו מערב־זייט, וואָס האָבן גערעדט פאַרשידענע פראַנצויזישע דיאַלעקטן, זענען נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון די דאָזיקע דייטשע קיסרים, נאָך דעם ווי די קאַרלישע דינאַסטיע האָט זיך אויס־געלאָזט, און קיין שום ענגליש געביט איז קיינמאָל נישט געווען אונטער דער הערשאַפט פון דער הייליקער רוימישער מלוכה.

דער פירשט פון נאָרמאַנדיע, דער פראַנצויזישער קעניג און נאָך אַנדערע קלענערע פעאָדאַלע הערשער זענען געבליבן

1) איינגער פון געווילד.

פון דרויסן. אין 987 איז דאָס פראַנצויזישע קעניגרייך אריבער פון דער קאַרלישער דינאַסטיע צו הוגאָ קאַפּע, וועמנס נאָכקומער האָבן נאָך געהערשט אין 18-טן י.ה. אין קאַפּע'ס צייטן האָט דער פראַנצויזישער קעניג געהערשט איבער אַ פאַרהעלטניסמעסיק קלײנער טעריטאָריע אַרום פּאַריז. אין 1066 איז ענגלאַנד אײנצײטיק אַטאַקירט געוואָרן פון די נאָרוועגישע נאָרמאַנען אונטער דער אָנפירונג פון דעם קעניג האַראָלד האַדראַדאַ און פון די לאַטיניזירטע נאָרמענער אונטער דעם נאָרמאַנישן פירשט. דער ענגלישער קעניג האַראָלד האָט די ערשטע צוקלאַפּט אין דער שלאַכט ביי סטעמפאָרד ברידזש, און ער האָט אָבער באַקומען אַ מפּלה דורך די לעצטע ביי הייסטינגס. ענגלאַנד איז דעראָבערט געוואָרן דורך די דאָזיקע נאָרמאַנען און אַזוי אַרום אָפּגעשניטן געוואָרן פון די סקאַנדינאַווישע, טעווטאָנישע און רוסישע געשעענישן און אַריין אין די אינטימסטע באַציונגען און קאָנפליקטן מיט די פראַנצויזן. אין די נעכסטע 400 יאָר זענען די ענגלענדער געווען פאַרוויקלט אין קאָנפליקטן מיט די פראַנצויזישע פעאָדאַלע פירשטן און האָבן פאַרשווענדט זייערע כוחות אויף די פראַנצויזישע שלאַכט-פעלדער.

קאַפּיטל 10.

די קרייצצוגן און דער פּעריאָד פון פּויפּסטלעכער הערשאַפט

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז קאַרל דער גרויסער האָט זיך קאָרעספּאָנדירט מיטן קאַליף האַרון-אַל-ראַשיד, דער זעלבער פון די „אַראַבישע 1001 נעכט”. עס איז פאַרשריבן,

אַז האַרון־אַל־ראַשיד האָט געשיקט אַמבאַסאַדאָרן פון באַגדאַד — וועלכע האָט איצט פאַרנומען דמשק אָרט אַלס מוזולמענישע הויפּט-שטאָט — און זיי האָבן געבּרענגט אַ פּרעכטיק געצעלט, אַ וואַסער-זייגער, אַ העלפאַנט און די שליסלען פונם הייליקן קבר. די לעצטע מתּנה איז געשיקט געוואָרן מיט אַ ווונדער-באַרער אויסגערעכנטקייט, כּדי אַרויסצורופן אַ מחלוקה צווישן דער ביצאַנצישער מלוכה און דער דאָזיקער נייער רוימישער הייליקער מלוכה בנוגע דעם, ווער ס׳איז דער ריכטיקער באַ-שיצער פון די קריסטן אין ירושלים. די דאָזיקע מתּנות דער-מאָנען אונדז, אַז בעת אין אייראָפּע פון 9-טן י. ה. האָט נאָך אַלץ געהערשט אַ צומישנדיקע אומאָרדנונג, האָט אין מצרים און אין מעסאָפּאָטאַמיע געבּליט אַ גרויסע אַראַבּישע מלוכה און זי איז געווען ציוויליזירטער ווי גאַנץ אייראָפּע.

דאָ האָבן נאָך געלעבּט ליטעראַטור און וויסנשאַפט, ס׳האָבן געבּליט די קונסטן און דער מענטשלעכער געדאַנק האָט זיך גע-טראַכט אָן שרעק אָדער אַבערגלויבן. און אַפילו אין שפּאַניע און אין צפון-אַפריקע ווו די סאַראַצענישע געביטן זענען אַרײַנגעפאַלן איז אַ פּאָליטישן מישמאַש, האָט געבּרויזט אַ מעכטיק אינטע-לעקטועל לעבן. אין די דאָזיקע יאָרהונדערטער פון אייראָפּע-אישער פינצטערניש איז אַריסטאָטעלעס געלייענט און דיסקוסירט געוואָרן דורך די יידן און אַראַבּער. זיי האָבן געהיטן די פאַרנאַכלעסיקטע זאָמען פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע. צו צפון-מזרח פונם קאַליפס געביטן האָבן געלעבּט טערקישע שבטים. זיי זענען אַריבּער צום איסלאַם און זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי דעם דאָזיקן גלויבן פּשוטער און פאַנאַטישער, ווי די גייסטיק-טעטיקע אַראַבּער און פּערסער פון דרום. אין 10-טן י. ה. זע-נען די טערקן געוואָרן שטאַרק און ענערגיש, בעת די אַראַ-בּישע מאַכט איז געווען צוטיילט און ירידהדיק. די טערקנס באַציונגען צו דעם קאַליפאַט זענען געוואָרן זייער ענלעך צו די מדיערס באַציונגען צו דער לעצטער בבלישער מלוכה

מיט 1400 י. צוריק. אין 11־טן י. ה׳ האָט אַ גרופּע טערקי־שע שבטים, די סעלדזשוק־טערקן דערגרייכט מעסאָפּאָטאַמיע און דער קאַליף איז נאָמינעל געוואָרן זייער הערשער, אָבער פּאַקטיש זייער געפאַנגענער און ווערק־צייג. זיי האָבן דעראָבערט אַר־מעניע נאָכהער האָבן זיי אָנגעגריפן אויף די רעשטלעך פון דער ביצאַנטישער מאַכט אין קליין־אַזיע. אין 1070 איז די ביצאַנטישע אַרמיי פולקאָם צושמעטערט געוואָרן אין דער שלאַכט ביי מעלאַס־גירד און די טערקן האָבן זיך גערוקט פאָרוועַרטס, ביז ס׳איז נישט געבליבן קיין זכר פון דער ביצאַנטישער הערשאַפט אין אַזיע. זיי האָבן איינגענומען די פעסטונג ניקעאַ קעגן איבער קאָנס־טאַנטינאָפּאָל און זיך געגרייט צו נעמען די דאָזיקע שטאָט. דער ביצאַנטישער קיסר, מיכאַל VII, איז געווען אויסער זיך פאַר שרעק. ער איז שוין דאַן געווען פאַרוויקלט אין אַ שווערער מלחמה מיט אַ באַנדע נאָרמאַנישע אַוואַנטוריסטן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דו־ראַצאַ, און מיט אַ פורכטבאַר טערקיש פאָלק, די פּעטשענעגן, וועלכע זענען אָנגעפאַלן ביז איבערן דונאַי. בשעת דער דאָזי־קער נויט האָט ער געזוכט שטיצע ווו ער האָט נאָר געקענט, און עס איז באַמערקנסווערט, אַז ער האָט נישט אַפּעלירט צום מערב־קיסר, נאָר צום רוימישן פּויפּסט אַלס צום הויפּט פון דעם לאַטיינישן קריסטנטום. ער האָט געשריבן צום פּויפּסט גרעגאָר VII, און זיין נאָכפאָלגער אַלעקסיוס קאָממענוס האָט נאָך דרינגענדער געשריבן צו אורבאַן II. דאָס איז איינ־גאַנצן געווען 25 יאָר זינט דעם ברוך צווישן דער לאַטיינישער און גריכישער קירכן. יענער קאָנפליקט איז נאָך געווען שטאַרק אין זכרון ביי די מענטשן, און דאָס אומגליק פון דער ביצאַנ־צישער מלוכה האָט געמוזט זיין אַ גוט געלעגנהייט פאַר דעם פּויפּסט צו פאַרזיכערן די הערשאַפט פון דער לאַטיינישער קירך איבער די אַפּיקורסישע גריכן. נאָך מער, די דאָזיקע געלעגנהייט האָט געגעבן דעם פּויפּסט אַ שאַנס צו פאַרנעמען זיך מיט צוויי אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס האָבן שטאַרק געפּיי־

ניקט דאָס מערב־קריסטנטום. די ערשטע איז געווען דער מנהג פון „פּריוואַטער מלחמה", וועלכע האָט דעזאָרגאַניזירט דאָס סאָציאַלע לעבן, די צווייטע — די איבערפּליסיקע קאַמפּס־ענערגיע פון די נידער־דייטשן און די פאַרקריסטלעכטע נאָרמע־נער, באַזונדערס פון די פראַנקן און נאָרמאַנען. מ'האָט אָנגע־הויבן צו פּרעדיקן אַ רעליגיעזע מלחמה, אַ קרייצצוג, קעגן די טערקישע באַלבאַטים פון ירושלים, און פאַר אַ וואָפנשטיל־שטאַנד פון אַלע מלחמות צווישן די קריסטן (1095). ס'איז דערקלערט געוואָרן, אַז דער ציל פון דער דאָזיקער מלחמה איז דער אָפּנעם פון דעם הייליקן קבר פון די נישטגלויביקע. אַ מענטש מיטן נאָמען פּעטר דער מאָנאַך האָט געפירט אַ פּאָפּו־לערע פּראָפּאַגאַנדע אין גאַנץ פראַנקרייך און דייטשלאַנד אויף ברייטע דעמאָקראַטישע יסודות. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ גראָב מלבוש, געריטן באָרוויס אויף אַן אייזל, געטראָגן אַ ריזיקן צלם און גערעדט פאַרן עולם אויף דער גאַס אָדער מאַרק, אָדער אין קירך. ער האָט דערציילט וועגן די אכזריותן, וואָס די טערקן באַגיין איבער די קריסטלעכע עולי־רגל, און די חרפּה פון דעם הייליקן קבר, וועלכער איז נישט אין די קריסטלעכע הענט. אין דעם ענטפער אויף דעם האָט מען בולט געזען די פּרוכטן פון הונדערטער יאָרן קריסט־לעכער לערע. דורך דער מערב־וועלט איז אַדורך אַ גרויסע ענ־טוזיאַסטישע כוואַליע און דאָס פּאָפּולערע קריסטנטום האָט זיך אַליין געפונען. אַזאַ ברייט־פאַרצווייגטער אויפשטאַנד פונם פּשוטן פאָלק אין באַצוג צו אַן איינציקער אידיי, ווי ס'איז איצט געשען, איז געווען אַ נייעס אין אונדזער ראַסעס שיכטע. ס'איז נישט פאַראַן קיין ענלעכער פּאַראַלעל אין דער אַלטער געשיכטע פון דער רוימישער אימפּעריע, אָדער פון כינע, אָדער פון אינדיע; דאָך זענען ביים יידישן פאָלק, נאָך זיין באַפרייונג פון גלות־בבל, געווען ענלעכע באַוועגונגען אין אַ קלענערן מאַסשטאַב, און שפּעטער האָט דער איסלאַם אַרויס־

געוויזן אַן ענלעכע פילבאַרקייט פאַר אַ קאָלעקטיוון געפיל. אַזעלכע באַוועגונגען זענען געוועס געוויס פאַראייניקט מיט דעם נייעם גייסט, וועלכער האָט זיך באַוויזן אינם לעבן צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון די מיסיאָנערישע באַלערנדיקע רעליגיעס. די העבּרעאישע נביאים, יעזוס און זיינע תּלמידים, מאני, מאַכמעד זענען אַלע געוועזן די אויסדרוקן פון די מענטשנס אינדיווידועלע נשמות. זיי האָבן געבּרענגט דעם פּערזענלעכן באַוווּסטזיין פּנים אל פּנים מיט גאָט. פריער פאַר יענער צייט איז די רעליגיע מער געוועזן אַפּעטיש, פּסיידאָ-וויסנשאַפט איידער באַוווּסטזיין. די אַלטע רעליגיע האָט זיך געדרייט אַרום אַ טעמפּל, געהיימניספולע כּוהנים און מיסטישע קרבּנות און זי האָט באַהערשט דעם פּשוטן מענטש ווי אַ קנעכט, מיט דער הילף פון מורא. דער נייער מין רעליגיע האָט פון אים געמאַכט אַ מענטש. דאָס פּרעדיקן פון דעם ערשטן קרייצצוג איז געוועזן דער ערשטער ריר פון דעם פּשוטן פאָלק אין איי-ראָפּעס געשיכטע. ס'וועט זיין צו שטאַרק, אַז מ'זאָל דאָס אָנרופן „די געבּורט פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע", אָבער ס'איז זיכער, אַז אין יענער צייט האָט זיך גערירט אַ מאָדערנע דעמאָקראַטיע. באַלד וועלן מיר זען, אַז זי רירט זיך ווידער און זי דערוועקט די העכסט-באַאומרויקסטע סאָציאַלע און רעליגיעזע פּראָבּלעמען. געוויס, די דאָזיקע ערשטע באַוועגונג פון דער דעמאָקראַטיע האָט זיך פאַרענדיקט זייער נעבּעכדיק און קלאָגעדיק. גרויסע מאַסן פון פּשוטן פאָלק, גיכער באַנדעס ווי אַרמייען, זענען פון פראַנקרייך ריינלאַנד און צענטראַל-אייראָפּע אַרויס אין דער מזרח-ריכטונג, נישט וואַרטנדיק אויף אָנפירער אָדער אַנטשפּרעכנדער פאַרזאָרגונג, כּדי צו ראַטעווען דעם הייליקן קבר. דאָס איז געוועזן דער „פאָלקס-קרייצצוג". צוויי גרויסע מאַסעס פון פעבל האָבן פאַרבלאָנדזשעט קיין אונגאַרן, בטעות אָנגענומען די ערשט נישט-לאַנג-פאַרקריסטלטע מאַדזשאַרן אַלס געצנדינער, באַגאַנגען שוידערלעכע אכזריותן

און זענען אַליין געוואָרן אויסגעשחטן. אַ דריטע מענגע מיט ענלעכע צומישטע געדאַנקען האָבן, נאָך אַ גרויסן פּאָגראָם אויף די ריינלענדישע יידן, מאַרשירט צו מזרח-צו און איז אויך פאַרניכטעט געוואָרן אין אונגאַרן. צוויי אַנדערע ריזיקע מאַסעס, אונטער דער פּערזענלעכער אָנפירערשאַפט פון פּעטער דעם מאָנאַך, זענען אַריבער דעם באָספאָר און זענען גיכער אויסגעשחטן געוואָרן ווי צושלאָגן געוואָרן דורך די סעלדזשוק-טערקן. אַט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרענדיקט די דאָזיקע ערשטע באַוועגונג פון דער אייראָפּעאישער מאַסע אַלס מאַסע. אין צווייטן יאָר (1097) זענען אמתע מיליטערישע כוחות אַריבער דעם באָספאָר. דאָס זענען דער עיקר געווען נאָרמאַנער לויטן גייסט און לויט דער אָנפירונג. זיי האָבן געשטורעמט ניקעאַ, און אַריינמאַרשירט דורך דעם זעלבן וועג, דורך וועלכן ס'איז געגאַנגען אַלעקסאַנדער דער גרויסער מיט 1400 י. צוריק, קיין אַנטיאָך. די באַלאַגערונג האָט זיי אויפגעהאַלטן אַ יאָר צייט און אין יוני 1099 האָבן זיי אַרומגערינגלט ירושלים. זי איז געשטורעמט געוואָרן נאָך אַ מאָנאַטלעכער באַלאַגערונג. ס'איז פאָרגעקומען אַ שוידערלעכע שחיטה. מענטשן, וואָס האָבן געריטן אויף פערד, זענען באַשפּריצט געוואָרן מיטן בלוט. צו-נאַכט־צו פון 15-טן יולי האָבן זיך די קרייצצוגער אויסגעקעמפט אַ וועג צו דער קירך פונם הייליקן קבר און בייגעקומען דעם ווידערשטאַנד; פאַרבלוטיקטע, מידע און „וויינענדיק פון איבער-פלוס פון פרייד" האָבן זיי אַנידערגעקניט און תפלה געטון. באַלד האָט אויפסניי אויסגעבראָכן די גריכיש-לאַטייניש שנאה. די קרייצצוגער זענען געווען די דינער פון דער לאַטיינישער קירך און דער גריכישער פּאַטריאַרך פון ירושלים האָט זיך געפונען אין אַן ערגערער לאַגע אונטער די טריומפירנדיקע לאַ-טייניערס הערשאַפט ווי אונטער די טערקנס. די קרייצצוגער זענען איצטער געווען צווישן צוויי פייערן: צווישן ביצאַנץ און די טערקן. ביצאַנץ האָט אָפּגעווינען אַ גרויסן טייל פון

קליין-אזיע און די לאטיינישע פירשטן זענען געבליבן אלס בו-פער-שטאט צווישן די טערקן און די גריכן, מיט ירושלים און א פאר קליינע געביטן אין סיריע, צווישן וועלכע עדעסא איז געווען איינס פון די הויפט. אבער זייער הערשאפט אפילו אי-בער די דאזיקע געביטן איז נישט געווען קיין זיכערע און אין 1144 איז עדעסא אריינגעפאלן צו די מוזולמענער. דאס האט גורם געווען א צווייטן דערפאלגלאזן קרייצצוג, וועלכן ס'איז נישט געלונגען אפצונעמען עדעסא, נאר האט אבער אפ-גערעדעט אנטיאך פון אן ענלעכן גורל.

אין 1169 האבן זיך די מוזולמענישע כוחות גרופירט ארום א קורדישן אוואנטוריסט, סאלאדין, וועלכער איז געווארן דער באל-באס פון מצרים. ער האט געפרעדיקט א הייליקן קריג קעגן די קריסטן, צוריקגענומען ירושלים (אין 1187) און אזוי ארום פראוואצירט דעם דריטן קרייצצוג. ס'איז אים אבער נישט גע-לונגען צוריקצונעמען ירושלים. אין 4-טן קרייצצוג (4 – 1202) האט זיך די לאטיינישע קירך אפן געווארפן אויף דער גריכישער מלוכה און ס'איז אפילו נישט געווען קיין אנשטעל וועגן קעמפן מיט די טערקן. ער איז ארויס פון ווענעציע אין אין 1204 איז קאנסטאנטינאפאל געשטורמט געווארן. מיט דער דאזיקער אונ-טערנעמונג האט אנגעפירט די אויפגעקומענע האנדלס-שטאט ווע-נעציע און זי האט אנעקסירט דעם גרעסטן טייל אינזלען און ברעגן פון דער ביצאנצישער מלוכה. א „לאטיינישער" קייסר (באלדוואין פון פלאנדריע) איז אריינגעזעצט געווארן אין קאנס-טאנטינאפאל און ס'איז דערקלערט געווארן, אז די לאטיינישע און די גריכישע קירך זענען צוריק פאראייניקט. דער לאטייני-שער קייסר האט געהערשט אין קאנסטאנטינאפאל פון 61 – 1204, ווען די גריכישע וועלט האט זיך ווידער באפרייט פון דער רוי-מישער אויבערהערשאפט. דער 12-ער י.ה. און דער אנהייב פונם 13-טן איז אלזא א פעריאד פון פויפסטלעכער אויבערהער-שאפט, פונקט ווי דער 11-ער איז געווען דער אויבערהערשאפטס-

פּעריאָד פון די סעלדזשוק-טערקן און דער 10-ער פון די נאָרמאַנען.
ס'האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז ס'זאָל זײַן אַ פאַראייניקט קריסטנטום
אונטער דער פּויפּסטלעכער הערשאַפט, וואָס דאָס איז נישט גע-
ווען נישט פריער און נישט נאָך יענער צײַט. אין יענע יאָר-
הונדערטער איז איבער גרויסע אייראָפּעאישע געביטן געווען
פאַרשפּרייט דאָס פּשוטע קריסטלעכע גלויבן, רוים אַליין איז
אַדורכגעגאַנגען געוויסע פינצטערע און דיסקרעדיטירנדיקע פאַזעס.
ס'וועלן זיך געפינען ווייניק שרײַבער, וועלכע זאָלן קע-
נען פאַרענטפערן דעם לעבנס-שטייגער פון די פּויפּסטן דזשאָן
XI און XII אין 10-טן י.ה.: זיי זענען געווען אומווירדיקע
בריאות; אָבער סהאַרץ און גוף פונם לאַטײַנישן קריסטנטום איז
געבליבן ערנסט און אײַנפאַך. דער רוב פון די פּשוטע גלחים,
מאָנאַכן און מנישקעס האָבן געפירט אַ בײַשפּילגעבנדיק און
אָרנטלעך לעבן. אויפן צוטרוי, וואָס אַזעלכע לעבנס-פירונגען
האָבן געשאַפן, האָט זיך געשטיצט די מאַכט פון דער קירך.
צווישן די גרויסע פּויפּסטן פונם עבר זענען געווען: גרעגאָר דער
גרויסער, גרעגאָר I — (590-604) און לעאָ III (795-816), וועלכער
האָט אײַנגעלאַדן קאַרל דעם גרויסן, אַז ער זאָל ווערן קיסר און
אים געקרוינט קעגן זײַן, קאַרל'ס, אייגענעם ווילן. בײַם סוף פון
11-טן י.ה. איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסער קירכלעכער פּאָליטיקער,
הילדעבראַנד, וועלכער איז געשטאָרבן אַלס פּויפּסט גרעגאָר VII
(1073-85) דער 2-ער נאָך אים איז געווען אורבאַן II (1087-99)
דער פּויפּסט פונם ערשטן קרייצצוג. די דאָזיקע בײדע פּויפּסטן
זענען געווען די גרינדער פון דעם פּויפּסטלעכן הערשאַפטס-
פּעריאָד, בעת וועלכן די פּויפּסטן האָבן געהערשט איבער די
קיסרים. פון בולגאַריע ביז אירלאַנד און פון נאָרוועגיע ביז
סיציליע און ירושלים איז דער פּויפּסט געווען דער אויבערהער-
שער. גרעגאָר III האָט געצוווּנגען דעם קיסר הענרי IV צו
קומען צו אים קיין קאַנאָסע אַלס בעל-תשובה און דאָרט גע-
מוזט וואַרטן אויף מחילה פאַר זײַנע עבֿרות דרײַ טאָג און דרײַ

געכט אויפן הויף פון שלאָס, זייענדיק אָנגעטון אין אַ זאַק און שטייענדיק באָרוויס אין שניי. אין 1167 האָט דער קיסר פריד-ריך 1) (פרידריך באַרבאַראָסאַ) אין ווענעציע געקניט צום פויפסט אַלעקסאַנדער III און אים געשווירן טרייהייט. די גרויסע מאַכט פון דער קירך אין אָנהייב פון 11-ן י. ה. האָט געהאַט איר שטיצע אין דעם ווילן און אינם באַוווסטזיין פון די מענ-טשן, ס'איז אָבער נישט געלונגען צו דערהאַלטן דעם מאָראַ-לישן פרעסטיזש, אויף וועלכן די דאָזיקע מאַכט האָט זיך געש-טיצט. אין די ערשטע צענער יאָרן פון דעם 14־ן י. ה. האָט מען דערזען אַז די מאַכט פון די פויפסטן איז פאַרשווונדן גע-וואָרן. וואָס איז דאָס געווען, וואָס ס'האָט פאַרניכטעט דעם נאַיוון צוטרוי פון דעם פשוטן פאָלק פון קריסטנטום צו דער קירך, און זיי האָבן זיך שוין מער נישט געזאַמעלט אַרום אי-רע אויפרופן און נישט געדינט אירע צילן? די ערשטע צרה איז געוויס געווען דאָס אָנגעזאַמלטע רייכטום פון דער קירך. די קירך איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן און ביי די קינדער-לאָזע מענטשן איז אָפט געווען אַ שטאַרקע נטיה איבערצולאָזן זייערע גיטער דער קירך. בעלי-תשובות האָט מען אָנגעזאָגט דאָס צו טון. אין הסכם מיט דעם דאָזיקן צושטאַנד איז אין אַ סך אייראָפּעאישע לענדער אַ 1/4 פונם ערד-באַזיץ געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער קירך. דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. שוין אין 13-ן י. ה. האָט מען אומעטום גערעדט, אַז די גלחים זע-נען נישט קיין גוטע מענטשן, אַז זיי יאָגן זיך שטענדיק נאָך געלט און לעגאַטן. די קעניגן און די פירשטן איז זייער נישט געפעלן דער דאָזיקער איבערגאַנג פון דעם ערד-באַזיץ. אַנ-שטאָט די פעאָדאַלע הערשער, וועלכע האָבן געקענט געבן מי-ליטערישע שטיצע, האָבן זיי דערזען, אַז זייער לאַנד האַלט אויס קלויסטערס, מאָנאַכן און מנישקעס. און די דאָזיקע לענ-

---

1) אַ דייטשער קיסר.

דער זעכען פאַקטיש געווע אונטער א פרעמדער הערשאַפט. שוין פאַר גרעגאר VII צייטן איז פאָרגעקומען א שטרייט צווישן די פירשטן און דעם פויפסטום צוליב דעם אינוועסטיטור פראַגע, די פראַגע ווער ס׳זאָל נאָמינירן די ביסקופן. אויב דער פויפסט וועט באזיצן דאָס דאָזיקע רעכט, דאַן פארלירט דער קעניג די קאָנטראָל נישט בלויז איבער זיינע אונטערטאַנערס געוויסן, נאָר אויך א באַדייטנדן טייל פון זיין הערשאַפטס-געביט: ווייל דער קלער האָט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל אים באפרייען פון שטייערן. זיי האָבן געצאָלט זייערע שטייערן רוים. און נישט נאָר דאָס, די קירך האָט נאָך געפאָדערט דאָס רעכט ארויפצולייגן אמעשר אויף דעם אייגנטום פון דעם וועלטלעכן מענטש, חוץ די שטייערן, וואָס ער האָט געצאָלט זיין פירשט. די געשיכטע פון כמעט יעדן לאַנד אין דעם לאַטיינישן קריסטנטום דערציילט וועגן דער זעלבער פאַזע אין דעם 11-ן י. ה., א קאַמף־פאזע צווישן דעם מאָנארך און פויפסט וועגן דער „אינוועסטיטור” און ס׳רוב דערציילט זי פון דעם פויפסט׳ס נצחון. ער האָט פרעטענדירט, אַז ער איז אימשטאַנד צו לייגן אין חרם אריין דעם הערשער, צו באַפרייען זיינע אונטערטאַנער פון זייער שבועה צו אים און צו באַשטימען א נאָכפאָלגער. ער האָט פרעטענדירט, אז ער קען לייגן אין חרם אריין א גאַנץ פאָלק, און דאַן האָבן אויפגעהערט אַלע גלחישע פונקציעס, חוץ דאָס טויפן די קינדער, קאָנפירמאַציע און ווידוי; די גלחים האָבן נישט געטאָרט אָפּהאַלטן זייערע געוויינלעכע גאָטעסדינסטן, נישט געבן חופה וקידושין און נישט באַגראָבן די מתים. מיט די דאָזיקע צוויי וואָפן איז עס געווען מעגלעך פאַר די פויפסטן פון 12-ן י. ה. צו האַלטן אין צוים די אָפּאָזיציאָנעלסטע הערשער און אָפּצושרעקן די הארטנעקיקסטע פעלקער. דאָס זענען געווען אויסערגעוויינלעכע מאַכטן, אָבער אויסערגעוויינלעכע מאכטן, קען מען נאָר באַנוצן אין אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייטן. די פויפסטן האָבן זיי ענדלעך באנוצט מיט אַזא אפט-

קייט, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט זייער ווירקונג.

דרייסיק יאָר פאַרן סוף פון 12־ן י. ה. זענען שאָט־לאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד, לויט דער ריי, געלעגן אין חרם. חוץ דעם האָבן די פּויפּסטן נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און געפּרעדיקט קרייצצוגן קעגן די ווידערשפּעניקע הערשער — ביז דער קרייצצוגס־גייסט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. ס'איז מעגלעך, אַז ווען די רוימישע קירך וואָלט געקעמפּט נאָר קעגן די הערשער און וואָלט געזאָרגט ווענן איינהאַלטן איר מאכט איבער דעם מענטשלעכן גייסט, וואָלט זי דערגרייכט א פּערמאַ־נענטע הערשאַפט איבער דעם גאַנצן קריסטנטום. אָבער די הויכע פּרעטענזיעס פון די פּויפּסטן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער חוצפּהדיקער אויפפירונג פון דעם קלער. פאַרן 12־טן י. ה. האָבן די רוימישע גלחים געמעגט חתונה האָבן; זיי זענען געווען ענג צונויפגעבונדן מיט דער באַפעלקערונג, צווישן וועל־כער זיי האָבן געלעבט; זיי זענען פאַקטיש געווען א פאָלקס־טייל. גרעגאָר VII האָט זיי אָנגעוואָרפן דעם צעליבאַט; ער האָט זיי אָפּגעשניטן פון א צו־גרויסער אינטימקייט מיט די וועלטלעכע מענטשן, כדי זיי ענגער צוצובינדן צו רוים, אָבער אין אמתן האָט ער געשאַפן א חלל צווישן דער קירך און דעם פּשוטן פאָלק. די קירך האָט געהאַט אירע אייגענע גע־ריכטן.

די ענינים, אין וועלכע ס'זענען געווען פאַרמישט נישט בלויז גלחים, נאָר מאָנאַכן, געלערנטע, קרייצצוגער, אַלמנות, יתומים און הילפלאָזע, זענען רעזערווירט געוואָרן פאַר די קירכ־לעכע געריכטן. דאָס זעלבע איז געווען דער פאַל מיט אַלע ענינים, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צו צוואות, חתונות און שבועות און אַלץ וואָס איז געווען נוגע כּשופמאַכעריי, אַפּיקורסות און גאָטלעסטעריי. ווען א וועלטלעכער מענטש האָט געהאַט א סכסוך מיט דעם גלח, האָט ער געמוזט גיין אין א קירכלעכן געריכט אַריין.

פּליכטן פֿון שלום- און מלחמה-צײַט זענען געלעגן אויף זײַנע פּלײצעס און דער גלח איז פֿון זײ געװען פֿרײ. עס איז דעריבער נישט קײן װוּנדער, װאָס עס האָט זיך פֿאַרגרעסערט די שנאה-קנאה צו די גלחים אין דער קריסטלעכער װעלט.

רוים האָט קײנמאָל נישט באַגריפֿן, אַז איר קראַפֿט איז אין דעם באַװוּסטזײַן פֿון די פּשוטע מענטשן. זי האָט געקעמפֿט קעגן רעליגיעזן ענטוזיאַזם, װעלכער האָט געדאַרפֿט זײַן איר פֿאַרבינדעטער, און זי האָט אָנגעװאָרפֿן די דאָקטרינערע אָרטאָדאָקסישקײט אויף דעם אויפֿריכטיקן צװײפֿל און אָפּװײכנדיקן געדאַנק. װען די קירך האָט אינטערװעניִרט אין ענינים, װאָס זענען שײך צו דער מאָראַל, האָט דער פּשוטער מענטש געהאַלטן מיט איר, אָבער נישט דאַן, װען זי האָט זיך אַרײַנגעמישט אין דאָקטרין ענינים. װען אין דרום-פֿראַנקרײַך האָט װאַלדאָ געלערנט, אַז מ'דאַרף צוריקקערן צו יעזוסעס פּשוטקײט און אין לעבן, האָט אינאָצענט III געפּרעדיקט אַ קרײַצצוג קעגן זײַנע אָנהענגער. די װאַלדאַיאַנער, און דערלױבט, אַמ'זאָל זײ אונטערדריקן מיט פֿײַער, שװערד, תּפֿיסות און העכסטן שענדלעכע אכזריותן. װען װידער דער הל. פֿראַנציסקאַ פֿון אַסיזי (1881—1226) האָט געלערנט, אַז מ'דאַרף נאָכטון יעזוסאון פֿירן אַן אָרים לעבן, זענען זײַנע אָנהענגער, די פֿראַנצישקאַנער, פֿאַרפֿאָלגט געװאָרן, געשמיסן, אײַנגעזעצט געװאָרן אין תּפֿיסות און צעטריבן געװאָרן. אין 1181 האָט מען 4 פֿון זײַנע אָנהענגער פֿאַרברענט לעבעדיקערהײט אין מאַרסעל. דאַקעגן איז דער פֿאַנאַטיש אָרטאָדאָקסישער דאָמיניקאַנער אָרדן, געגרינדעט דורכן הל. דאָמיניק (1170—1221) שטאַרק אונטערגעשטיצט געװאָרן פֿון אינאַצענט III, און מיט זײַן שטיצע איז געגרינדעט געװאָרן אַן אָרגאַניזאַציע, די אינקװיזיציע, צו פֿאַרפֿאָלגן די אַפּיקורסות און צו פֿײַניקן דעם פֿרײַען געדאַנק. אַזױ איז עס געװען, װאָס די קירך האָט אַ דאַנק אירע אויסערגעװײנט-

לעכע פּרעטענזיעס נישט יושרדיקע פּריווילעגיעס און נישט ראַציאָנעלע אומטאָלעראַנץ פֿאַרניכטעט יענעם פֿרייען גלויבן פֿון דעם פּשוטן מענטש, וועלכער איז געווען די ענדגילטיקע קוועלע פֿון איר גאַנצע מאַכט.

די געשיכטע פֿון איר ירידה דערציילט נישט וועגן צבֿט-שפּרעכנדיקע שונאים פֿון אויסן, נאָר שטענדיק וועגן דער אינערלעכע, ירידה.

קאַפּיטל 11.

די אָפּאָזיציאָנעלע הערשער און דער גרויסער סכיזם

אַ זייער גרויסע שוואַכקייט פֿון דער רוימישער קירך אין איר קאַמף פֿאַר דער פֿאַרזיכערונג פֿון דער אויבערהערשאַפֿט איבער דעם גאַנצן קריסטנטום, איז געווען דער אופֿן, אין וועלכן דער פּויפּסט איז געוויילט געוואָרן.

אויב דאָס פּויפּסטום האָט ווירקלעך געוואָלט דערגרייכן איר בולטע אַמביציע און איינאָרדנען הערשאַפֿט און שלום אין דעם גאַנצן קריסטנטום. דאַן האָט עס נייטיק געדאַרפֿט האָבן אַ שטאַרקע, כסדרדיקע און שטאַנדהאַפֿטיקע ריכטונג.

אין יענע גרויסע צייטן פֿון זיין שעת-הכשר האָט עס קודם-כל געדאַרפֿט האָבן פּויפּסטן, וואָס זאָלן אין דער צייט ווען זיי נעמען איבער די פֿירונג זיין פֿעאיקע מענטשן, אין די בליענדע יאָרן, אז יעדער זאָל האָבן זיין נאָמינירטן נאָכפֿאָלגער מיט וועלכן ער זאָל קענען אדורכרעדן און דיסקוסירן וועגן דער פּאָליטיק פֿון דער קירך, און אַז די פֿאָרמען און גאַנג פֿון די וואַלן זאָלן זיין קלאָר, באַשטימט, אומפֿאַרענדערלעך און נישט-

אטאקירבאר. אומגליקלעכערווייז איז קיין שום פונקט פון די אלע נישט דערגרייכט געוואָרן.

ס'איז אפילו נישט קלאָר געווען, ווער עס מעג שטימען אין די וואַלן פון א פויפּסט נישט צי דער ביצאַנץ אָדער דער הייליקער רוימישער קיסר האָט אַ שטימע אין דער פראַגע. יענער גרויסער פויפּסטלעכער מלוכה-מאַן הילדעבראַנד (פויפּסט גרעגאָר VII (1073-85) האָט אַ סך אויפגעטון כדי צו רעגולירן די וואַלן. ער האָט באַגרעניצט דאָס וואַל-רעכט און נאָר די רוימישע קאַרדינאַלן האָבן געמעגט שטימען און ער האָט רע-דוצירט דעם קיסר'ס אַנטייל צו אַ הסכמה-פאָרמולע, וועלכע די קירך האָט פאַר אים אַנערקענט. אָבער ער האָט נישט געזאָרגט וועגן אַ נאָמינירטן נאָכפאָלגער און ער האָט דערמעגלעכט די חלוקי-דעות פון די קאַרדינאַלן, צו האַלטן די פויפּסטלעכע שטול וואַקאַנט — ווי עס איז געווען אין אַ טייל פאַלן — איאר אָדער מער. די קאָנזעקווענצן פון דעם חסרון פון אַ פעסטער דעפיניציע קען מען זען אין דער גאַנצער געשיכטע פונם פויפּסטום ביז צום 16-טן י.ה. שוין פון די עלטערע צייטן אָן זענען געווען וואַלן מיט חלוקי-דעות און צוויי אָדער מער מענטשן האָבן פּרעטענ-דירט צו ווערן פויפּסט. די קירך איז דאַן אונטערגעוואָרפן געווען דער חרפה צו גיין צו אַ קיסר אָדער אַנדערן אויסער-לעכן בורר, אַז יענער זאָל אויסגלייכן די חלוקי-דעות. און די קאַריערע פון די גרויסע פויפּסטן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פּראַגע-צייכן. נאָך זיין טויט איז די קירך געבליבן אָן אַ קאָפּ און אַזוי ווירקלאָז ווי אַן אַנטהויפּטעטער קערפּער, אָדער ער איז פאַרטרעטן געוואָרן דורך אַן אַלטן קאָנקורענט זיינעם, וועלכער האָט נאָר געהאַט חשק צו דיסקרעדיטירן און פאַרניכטן זיין ווערק. אָדער אַן אָפּגעשוואַכטער אַלטער מאַן, וואָס איז גע-שטאַנען ביים ראַנד פון קבר, איז געוואָרן זיין נאָכפאָלגער.

עס איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך, אַז די דאָזיקע ספּעציעלע שוואַכקייט פון דער פויפּסטלעכער אָרגאַניזאַציע זאָל נישט גורם

זיין די אינטערווענץ פון די פאַרשידענע גערמאַנישע פירשטן,
דעם פראַנצויזישן קעניג, און דעם נאָרמאַניש-פראַנצויזישן קעניג,
וועלכער האָט געהערשט אין ענגלאַנד ; אַז זיי אַלע זאָלן פרוון
באיינפלוסן די וואַלן און אין זייערע אייגענע אינטערעסן אריינ-
זעצן אַ פויפסט אין דעם לאַטעראַן פּאַלאַץ אין רוים. און
וואָס מעכטיקער און וויכטיקער דער פויפסט איז געוואָרן אין
די איראָפּעאישע ענינים, דעסטא מער גרינגנדיקער זענען גע-
ווען די דאָזיקע אינטערווענצן. מ׳דאַרף זיך נישט דעריבער
שטאַרק וואונדערן, וואָס אין אַזעלכע אומשטענדן זענען די פויפסטן
געווען שוואַך און פרוכטלאָזי. ס׳איז גיכער צו שטוינען, וואָס
אַ סך פון זיי זענען געווען פעאיקע און מוטיקע מענטשן. איי-
נער פון די ענערגישסטע און אינטערעסאַנטסטע פויפסטן
פון דעם דאָזיקן גרויסן פעריאָד איז געווען איננאצענט III
(1216־1198), וועלכער איז געווען אַזוי מזלדיק, אַז ער איז גע-
וואָרן פויפסט, ווען ער איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע
38 יאָר. ער און זיינע נאָכפאָלגער האָבן געפירט א קאַמף
מיט אַ פיל מער אינטערעסאַנטער פערזענלעכקייט, מיט דעם
קיסר פרידריך II. ער האָט געהייסן Stupor mundi דאָס
וואונדער פון דער וועלט. דעם דאָזיקן קיסר׳ס קאַמף קעגן רוים
איז אַווענדע־פונקט אין דער געשיכטע. צום סוף האָט רוים
אים צושלאָגן און פארניכטעט זיין דינאַסטיע, אָבער ער האָט
אַזוי שטאַרק שאָדן געבערענגט דעם פרעסטיזש פון פויפסט און
פון דער קירך, אַז די וווּנדן זענען נישט פארהיילט געוואָרן
און דערפירט צו זייער ירידה. פרידריך איז געווען הענרי
VI זון און זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון ראדזשער
I דער נאָרמאַנישער קעניג פון סיציליע. ער האָט גע־ירשנט
זיין קעניגרייך, ווען ער איז געווען אַ פיריעריק קינד. איננ-
נאצענט III איז באַשטימט געוואָרן אלס זיין אפוטרופוס אין
יענע צייטן איז סיציליע נאָר וואָס דעראָבערט געוואָרן דורך
די נאָרמאַנען ; דער הויף איז געווען אַ האַלב אָריענטאַלישער

און פול געווען מיט הויך-געבילדעטע אראבער; א טייל פון זיי האבן זיך פארנומען מיט דער דערציונג פון דעם יונגן קעניג. ס'איז נישט קיין ספק, אז זיי האבן זיך באמיט אים צו דערקלערן זייערע אנשויונגען. ער האט באקומען מוזולמענישע אנשויונגען וועגן קריסטיאניזם און קריסטלעכע אנשויונגען וועגן איסלאם, און דער אומגליקלעכער רעזולטאט פון דער טאפעלטער דערציונגס-סיסטעם איז געווען זיין אנשויונג, אן אויסנאם אין יענע צייטן פון גלויבן, אז אלע רעליגיעס זענען אפנארעריי. ער האט אפן גערעדט וועגן דעם; זיינע אפיקורסות און גאט-לעסטערונגען זענען פארשריבן. ווען דער יונגער מאן איז אויפגעוואקסן, איז אויסגעבראכן א קאנפליקט צווישן אים און זיין אפטרופוס. אינאצענט III האט בכלל צו פיל-געפאדערט פון זיין פופיל. ווען ס'איז געקומען די צייט, אז פרידריך זאל ווערן קיסר, האט דער פויפסט געשטעלט באדינגונגען. פרידריך האט געמוזט צוזאגן, אז ער וועט אונטערברענגען די אפיקורסות אין דייטשלאנד מיט א שטארקער האנט. נאכמער, ער האט געמוזט אפזאגן זיך פון זיין קרוין אין סיציליע און דרום-איטאליע, ווייל אנדערש וואלט ער געווען צו שטארק פאר דעם פויפסט. דער דייטשער קלער דארף באפרייט ווערן פון שטייערן. פרידריך איז באשטאנען — אבער אן שום כונה צו האלטן ווארט. דער פויפסט האט שוין אמאל געהאט אנגערעדט דעם פראנצויזישן קיסר, אז ער זאל מלחמה האלטן מיט זיינע אייגענע אונטערטאנען אין פראנקרייך: דער בלוטיקער און גרויזאמער קרייצצוג קעגן וואלדא'ס אנהענגער; ער האט געוואלט, אז פרידריך זאל דאס זעלבע טון אין דייטשלאנד.

אבער פרידריך, וואס איז געווען א גרעסערער אפיקורס ווי א סך פון יענע פשוטע פרומע, וועלכע האבן אויף זיך ארויסגערופן דעם פויפסט'ס כעס, האט נישט געהאט דעם קרייצצוגישן אימפולס. און ווען אינאצענט האט אים נישט אפגעלאזט, אז ער זאל גיין אויף א קרייצצוג קעגן די מוזולמענער, איז ער

געווען גרייט צו צוזאָגן און שלאַבעריק דאָס אויסצופירן. זייענדיק פאַרזיכערט מיט דער קייזערלעכער קרוין, איז פרידריך פאַרבליבן אין סיציליע, וועלכעס ער האָט באַפאָרצוגט אַלס רעזידענץ איידער דייטשלאַנד, און ער האָט גאָרנישט גישט געטון כדי מקיים צו זיין זיינע הבטחות צו אינאָצענטן דעם III, וועלכער איז געשטאָרבן אַן אָפגענאַרטער אין 1216. האנאריוס III, אינאָצענט'ס נאָכפאָלגער, האָט אויך גאָרנישט געקענט מאַכן מיט אים און גרעגאָר IX (1227) איז אַרויף אויף דער פויפסטלעכער שטול, קענטיק אַנטשלאָסן פאַר יעדן פרייז, אָפצורעכענען זיך מיט דעם דאָזיקן יונגן מאַן. ער האָט אים געלייגט אין חרם אריין, מ'האָט אים צוגענומען יעדע רעליגעזע טרייסט. אין דעם האַלבאַראַבישן הויף אין סיציליע האָט דאָס אַרויסגערופן אויסערגעווינלעך ווינציק עגמת-נפש. דער פויפסט האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אָפענעם בריוו צו דעם קיסר, אויסרעכנדיק זיינע חטאים, (וועלכע זענען געווען אויסער יעדן ספק) זיין אַפיקורסות און זיין בכלל שלעכטע אויפפירונג. אויף דעם האָט פרידריך געענטפערט אין אַ שריפט מיט אַ טייוולאָנישער פעאיקייט. זי איז אַדרעסירט געווען צו אלע אייראָפעאישע הערשער און זי האָט געגעבן די ערשטע קלאָרע שילדערונג וועגן דעם אויסגאַנגקאַמף צווישן דעם פויפסט און די הערשער. ער האָט געמאַכט אַ צושמעטערנדיקן אַטאַק אויף דער בולטער אמביציע פון פויפסט צו ווערן דער אַבסאָליוטער הערשער פון גאַנץ אייראָפע. ער האָט מרמז געווען וועגן אַן אוניע פון די הערשער קעגן דער דאָזיקער אוזורפאַציע.

ער האָט אויך געלענקט זייער אויפמערקזאַמקייט ספעציעל אויף דעם רייכטום פון דער קירך. נאָכן אויסשיסן די דאָזיקע שטערבלעכע קוילן, האָט פרידריך באַשלאָסן מקיים צו זיין זיין צוועלפיעריקע הבטחה און גיין אויף אַ קרייצצוג. דאָס איז געווען דער זעקסטער (1228). ער האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרס. פרידריך II איז געגאַנגען קיין מצרים, זיך באַגעגנט מיטן סול-

טאן און דיסקוסירט מיט אים וועגן די אַלע ענינים. די דאָזיקע ביידע הערן, ביידע סקעפּטישע גייסטער, האָבן געפירט אַ מיינונג-אויסטויש, געשלאָסן אַ האַנדלס-קאָנווענץ פאַר זייער ביידעס קעגנזייטיקער טובה און ס׳איז געבליבן במוסכם, אַז ירושלים גייט איבער צו פרידריכן. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ נייער מין קרייצצוג, אַ קרייצצוג דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ פּריוואַטן טראַקטאַט. דאָ איז נישט געווען קיין בלוט, וואָס זאָל באַשפּריצן דעם זיגער, קיין „וויינען פאַר גרויס שמחה״. אַזוי ווי דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער קרייצציגער איז געלעגן אין חרם, האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ פּשוטער וועלטלעכער קרוינונג אַלס קעניג פון ירושלים, אַראָפּנעמנדיק די קרוין פון דעם מזבח מיט די אייגענע הענט — ווייל דער גאַנצער קלער האָט אים געמוזט מיידן. נאָכהער איז ער צוריקגעגאַנגען קיין איטאַליע, אַרויסגעטריבן די פּויפּסטלעכע אַרמייען, וועלכע האָבן געהאַט פאַרנומען זיינע געביטן, און געצווונגען דעם פּויפּסט אַראָפּצונעמען פון אים דעם חרם. אָט אַזוי האָט אַ הערשער געקענט באַהאַנדלען דעם פּויפּסט אין 13-טן י.ה. און ס׳איז נישט געווען צו באַמערקן קיין שום פאַלקס-כעס, וואָס זאָל געמען נקמה. יענע צייטן זענען שוין געווען פאַרביי. אין 1223 האָט גרעגאָר אויפגענומען זיין קאַמף מיט פרידריכן, ווידער אים געלייגט אין חרם אַריין און באַנייט יענע קאַמפּס-פירונג פון עפנטלעכער באַליידיקונג, פון וועלכער דאָס פּויפּסטום האָט שוין געהאַט שטאַרק געליטן.

נאָך גרעגאָר IX טויט איז דער קאָנפליקט אויפגעלעבט געוואָרן דורך דעם פּויפּסט איננאָצענט IV און ווידער האָט פרידריך אָנגעשריבן קעגן דער קירך אַ צושמעטערנדיקן בריוו, וועלכן מענטשן האָבן געמוזט געדענקן. ער האָט דערציילט וועגן דער אייטלקייט און נישטרעליגיעזיטעט פון דעם קלער, און אַלע קאָרופּציעס פון דער צייט האָט ער פאַרשריבן אויף דעם רעכנונג פון זייער שטאָלץ און רייכטום. ער האָט פאָרגעלייגט

זיינע חברים-הערשער צו קאָנפיסקירן דאָס קירך-אייגנטום — פאַר דער קירכ׳ס טובה וועגן. דאָס איז געווען א רמז, וואָס האָט קיינמאָל נישט אָבגעלאָזט די הערשער׳ס געדאַנקן. וועגן זיינע לעצטע יאָרן וועלן מיר נישט דערציילן. די באַזונדערע געשעענישן פון זיין לעבן זענען אַ סך ווינציקער־ באַדייטנדיק, ווי זיין הויפּט-אַטמאָספערע. ס׳איז מעגלעך צונויפצושטעלן אַ בילד פון זיין הויף-לעבן אין סיציליע. ער האָט געפירט אַ לוקסוס-לעבן און ליב געהאַט שיינע זאַכן. מ׳האָט אים באַש-ריבן אַלס אַ צולאָזענעם מענטש,- אָבער ס׳איז קלאָר, אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ זייער ווירקזאַמער נייגעריקייט און נאָכפאָרשונגס-גייסט. אַרום זיין הויף האָבן זיך גרופּירט יידישע, מוזולמענישע און אויך קריסטלעכע פילאָזאָפן און ער האָט אַ סך אויפגעטון, באַאיינפלוסנדיק דעם איטאַליענישן גע-דאַנק מיט די סעראַצענישע אידייען. דורך אים זענען די קריסטלעכע געלערנטע באַקאַנט געוואָרן מיט די אַראַבישע צי-פערן און אלגעברא, און צווישן אַנדערע פילאָזאָפן איז אין זיין הויף געווען מיכאַל סקאָט, וועלכער האָט איבערגעזעצט פראַגמענטן פון אַריסטאָטעלעס און די דאַרויף פּירושים פון דעם גרויסן אַראַבישן פילאָזאָף אווראָעס (פון קארדאווא). אין 1224 האָט ער געגרינדעט די אוניווערזיטעט אין נעאפּאָל און ער האָט פאַרגרעסערט און באַרייכערט די גרויסע מעדיצינישע שול ביי דער אוניווערזיטעט אין סאַלערנאָ. ער האָט אויך געג-רינדעט אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ בוך וועגן סאָקאָל, וואָס ווייזט, אַז ער איז געווען אַ שאַרפער באַ-אָבאַכטער פון דעם דאָזיקן פויגלס געוווינהייטן, און ער איז געווען איינער פון די ערשטע איטאַליענער, וואָס האָבן געשריבן אי-טאַליענישע לידער. די איטאַליענישע פאָעזיע איז ווירקלעך געבאָרן געוואָרן אויף זיין הויף. אַ טאַלענטפולער שרייבער האָט אים אָנגערופן „דער ערשטער פון די מאָדערנע“ און די דאָזיקע פראַזע איז צוגעפּאַסט אויסצודרוקן דעם פאָרורטיילאָזן

אויפבינד פון זיין אינטעלעקטועלער זייט. אַ נאָך מער שטאַר-
קערן באַגריף וועגן דער ירידה פון דער לעבנס-קראַפט און
פון די אינטערהאַלטנדיקע כוחות פון פויפסטום האָט זיך באַקומען,
ווען באַלד נאָך דעם זענען די פויפסטן פאַרוויקלט געוואָרן
אין אַ קאָנפליקט מיט דער וואַקסנדער מאַכט פון דעם פראַנ-
צווישן קעניג. אין פרידריך II צייטן איז דייטשלאַנד אריינ-
געפאַלן אין אַ סעפעראַציע-צושטאַנד און דער פראַנצויזישער
קעניג האָט אָנגעהויבן שפּילן די זעלבע ראָל פון אַן אָפּיעקון,
אונטערשטיצער און ריוואַל פון רוים, וואָס די קיסרים פון
דער האָהענשטאופער דינאַסטיע האָבן געשפּילט. אַ רייע פויפסטן
האָבן געפירט א פּאָליטיק פון אונטערשטיצן די פראַנצויזישע
קעניגן. פראַנצויזישע פירשטן זענען אריינגעזעצט געוואָרן אין
דעם קעניגרייך פון סיציליע און נעאפּאָל מיט דער אונטער-
שטיצונג און הסכמה פון רוים, און די פראַנצויזישע קעניגן
האָבן דערזען פאַר זיך די מעגלעכקייט צו רעסטאַורירן און
צו באַהערשן קאַרל דעם גרויסנ׳ס אימפּעריע. דאָך, ווען ס׳האָט
זיך פאַרענדיקט דער דייטשער „אינטעררעגנום״, 1) וואָס האָט זיך
אָנגעהויבן נאָכן טויט פון פרידריך II, דער לעצטער פון די
האָהענשטאופנס, און רודאָלף פון האבסבורג איז אויסדערוויילט
געוואָרן אַלס דער ערשטער האבסבורגער קיסר (1273) האָט די
רוימישע פּאָליטיק אָנגעהויבן צו וואַקלען זיך צווישן פראַנקרייך
און דייטשלאַנד, טוישנדיק איר ריכטונג לויט די סימפּאַטיעס
פון יעדן נאָכפאָלגנדיקן פויפּסט.

אין מזרח האָבן די גריכן אין 1261 צוריק דעראָבערט
קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון די לאַטיינישע קיסרים און דער גרינדער
פון די נייער גריכישער דינאַסטיע, מיכאַל פּאַלעאָלאָג, מיכאַל VIII,
האָט, נאָך עטלעכע נישט אויפריכטיקע פּרוּוון איבערצובעטן
זיך מיט רוים, לגמרי זיך אָפּגעריסן פון דער רוימישער קאָ-

1) די צייט ווען איין קיסר איז געשטאָרבן און ס׳איז נאָך נישטאַ קיין נאָכפאָלגער.

מוניע, און מיט דעם סוף פון דעם לאַטייניש קעניגרייך אין אַזיע, איז געקומען אַ סוף צו דער מזרח אויבערהערשאַפט פון די פּויפּסטן.

אין 1294 איז באָניפאַץ VIII געוואָרן פּויפּסט. ער איז געווען אַן איטאַליענער, אַ שונא פון פראַנצויזן, און פול מיט די גרויסע טראַדיציעס און מיסיעס פון רוים. אַ צייט האָט ער געהערשט מיט אַ שטאַרקער האַנט. אין 1300 האָט ער געפּייערט אַ יובילײ און אַ ריזיקע מאַסע עולי-רגל האָבן זיך פאַרזאַמלט אין רוים.

„דער צופלוס פון געלט אין פּויפּסטלעכן אוצר איז געווען אַזוי גרויס, אַז צוויי אַסיסטענטן זענען געווען באַשעפטיקט מיטן האַלטן די רידלעס, וואָס האָבן געקליבן די נדבות, וואָס זענען געלייגט געוואָרן אויפן הל. פּעטער'ס קבר". אָבער דער יום-טוב איז געווען אַן אילוזארישער טריומף. אין 1302 איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן דעם פּויפּסט און דעם פראַנצויזישן קעניג און אין 1303, ווען ער האָט געוואָלט לייגן אין חרם אַריין דעם דאָזיקן מאָנאַרך, איז ער געוואָרן סיורפּריזירט און איז אַרעסטירט געוואָרן אין זיין אייגענעם ירושה פּלאַץ, אין אַנאַני, דורך וויליאם דענאָגארע. דער דאָזיקער שליח פונם פראַנצויזישן קעניג האָט זיך מיט געוואָלט אַריינגעריסן אין פּאַלאַץ אַריין אין שלאָפצימער פונם איבערגעשראָקענעם פּויפּסט — ער איז געלעגן אין בעט מיט אַ קרייץ אין דער האַנט — און אויף אים געשיט דראָונגען און באַליידיקונגען. אין אַ פּאָר טאָג אַרום איז דער פּויפּסט באַפרייט געוואָרן דורך די שטאָטמענטשן און ער איז אַוועק קיין רוים.

אָבער דאָרטן האָט אים געכאַפּט און אַרעסטירט די אָרסיני פאַמיליע און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז דער צובראָכענער און אַנטוישטער אַלטער מאַן געשטאָרבן אַלס זייער געפאַנגענער. די אַנאַניער איינוווינער האָבן נקמה גענומען פאַר דעם ערשטן געוואַלדטאַט און זיך אַנטקעגנגעשטעלט נאָגאַרע

כדי צו באַפרייען באַניפאַצן, אָבער דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל אנאַני איז געווען דעם פויפּסט'ס געבורטס-שטאָט.

דאָס וויכטיקסטע, וואָס דאַרף באַצייכנט ווערן, איז, אַז דער פראַנצויזישער קעניג האָט אין זיין דאַזיקער גראָבער באַהאַנדלונג פון דעם ראש פון קריסטנטום געהאַט די פולע איינשטימונג פון זיין פאָלק; ער האָט צוזאַמענגערופן אַ ראָט פון די דריי שטאַנדן פון פראַנקרייך (פירשטן, קירך און פשוטן פאָלק) און געקריגן זייער הסכמה אויף די דאָזיקע שאַרפע מיטלען. נישט אין איטאַליע, נישט אין דייטשלאַנד אָדער אין ענגלאַנד איז נישט געווען צו באַמערקן דעם לייכטסטן אויסדרוק אַפילו פון נישט-הסכמה צו דער דאָזיקער ווילקירלעכער באַהאַנדלונג פון דעם הויפּט פאַנטיף. די אידיי פון הערשאַפט איבערן קריסטנטום איז געווען אין אַ ירידה־צושטאַנד און איר מאַכט איבער דעם מענטשנס געדאַנק איז פאַרביי.

דורך דעם גאַנצן 14-ן י. ה. האָט דאָס פויפּסטום גאָרנישט געטון, אַז ס'זאָל צוריק באַקומען זיין מאָראַלישע מאַכט. דער נעענסטער אויסדערוויילטער פויפּסט, קלעמענס V, איז געווען אַ פראַנצויז, די וואל פון קעניג פיליפּ פון פראַנקרייך, ער איז קיינמאָל נישט געווען אין רוים. ער האָט געפירט זיין הויף אין אַוויניאָן, וועלכע האָט דאַן נישט געהערט צו פראַנקרייך, נאָר צום פויפּסטלעכן שטול, הגם זי איז געווען אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע, און דאָרטן זענען זיינע נאָכפאָלגער געבליבן ביז 1377, ווען דער פויפּסט גרעגאָר XI איז צוריק אַוועק אין וואַטיקאַנישן פּאַלאַץ אין רוים. אָבער גרעגאר XI האָט נישט געהאַט די סימפּאַטיע פון דער גאַנצער קירך. אַ סך קאַרדינאַלן זענען געווען פון פראַנצויזישער אָפּשטאַמונג.

און זייערע מנהגים און אסאציאציעס האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט אין אוויניאָן. ווען גרעגאר XI איז געשטאָרבן אין 1378 און ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן איטאַליענער

אורבאַן VI, האָבן די דאָזיקע קריגערישע קאַרדינאַלן דערקלערט, אַז די וואַל איז נישט גילטיק און געוויילט אַן אַנדערן פּויפּסט, אַנטי-פּויפּסט, קלעמענס VII. די דאָזיקע צושפּליטערונג הייסט דער גרויסער סכיזם. די פּויפּסטן זענען געבליבן אין רוים און אַלע די אַנטי-פראַנצויזישע מאַכטן, דער קיסר, דער ענג־לישער קעניג, אונגאַרן, פּוילן און צפון־אייראָפּע זענען געווען לאָיאַל צו זיי. דאַקעגן די אַנטי-פּויפּסטן זענען זיך ווייטער געזעסן אין אַוויניאָן און זענען אונטערגעשטיצט געוואָרן פונם פראַנ־צויזישן קעניג, זיין פאַרבונדעטן, דעם שאָטלענדישן קעניג, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און פאַרשידענע דייטשע פירשטן. יעדער פּויפּסט האָט געלייגט אין חרם אַריין און פאַרשאָלטן די אָנ־הענגער פון זיין ריוואַל. (1367—1418) צי איז עס אַ וווּנדער, וואָס גאָר אין גיכן האָבן די אייראָפּעאישע פעלקער אָנגעהויבן טראַכטן זעלבסשטענדיק אין רעליגיע-ענינים?

דער אָנהייב פון די פראַנציסקאַנער און דאָמיניקאַנער, וועלכע מיר האָבן שוין געשילדערט אין די פריערדיקע קאַפּיט־לען, זענען נאָר צוויי פון צווישן אַ סך פון די נייע כּוחות, וואָס זענען אויפגעשטאַנען אינם קריסטנטום, ענטוועדער צו שטיצן אָדער אונטערצוגראָבן די קירך, לויט ווי יעדערנס איי־גענער שכל האָט אים געזאָגט. יענע צוויי אָרדנס האָט די קירך אַסימילירט און אויסגענוצט, הגם מיט אַ ביסל געוואַלדטאַט בנוגע דעם ערשטן. אָבער אַנדערע כּוחות זענען איצט גע־וואָרן אָפן אונגעהאָרכזאַם און קריטיקירנדיק. אין אַנדערהאַלבן י. ה. שפּעטער איז אויפגעשטאַנען אוּאיקליף (1320-1384). ער איז געווען אַ געלערנטער דאָקטאָר אין אָקספאָרד.

ערשט אויף דער עלטער האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסצודרוקן אויסגעשפּראָכן קריטיש וועגן דער קאָרופּציע פון קלער און נאַרישקייט פון דער קירך. ער האָט אָרגאַניזירט אָרימע גלחים, אוּאיקליפיסטן, וואָס זאָלן פאַרשפּרייטן זיינע אי־דייען אין גאַנץ ענגלאַנד, און כּדי דאָס פאָלק זאָל קענען אור־

טיילן וועגן דער קירך און וועגן זיך אַליין, האָט ער איבערגעזעצט די ביבל אויף ענגליש. ער איז געווען געלערנטער און פּע־איקער ווי דער הל. פראַנציסק און הל. דאָמיניק. ער האָט געהאַט אונטערשטיצער אין די הויכע ספערן און אַ סך אָנהענ־גער ביים פאָלק, און הגם רוים האָט זיך געכעסט קעגן אים, איז ער געשטאָרבן אַלס אַ פרייער מענטש. אָבער דער שוואַר־צער און אוראַלטער גייסט, וואָס האָט דערפירט די קאַטוילישע קירך צום אונטערגאַנג, האָט נישט געלאָזט רוען זיינע ביינער אין קבר. לויט אַ דעקרעט פונם קאָנסטאַנצער קאָנציל אין 1415 איז באַפוילן געוואָרן אויסצוגראָבן זיינע ביינער און זיי פאַרברענען, די פאַראָרדנונג איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן פויפּסט׳ס באַפעל (מאַרטין V) דורכן בישאָף פלעמינג אין 1428. די דאָזיקע שאַנדטאַט איז נישט געווען קיין אַקט פון עפּעס אַ פאַרייצעלטן פאַנאַטיקער, דאָס איז געווען אַן אָפיציעלער אַקט פון דער קירך.

קאַפּיטל 12.

די מאָנגאָלישע דעראָבערונגען

אָבער בעת אין 13־טן י.ה. איז אין איירָאָפּע פאָרגעקומען דער משונה׳דיקער און ענדלעך נישט געלונגענער קאַמף צו פאַ־רייניקן דאָס קריסטנטום אונטער דער הערשאַפט פונם פויפּסט, איז די גרעסערע סצענע פון אַזיע געשטאַנען פאַרן שוועל פון אַ סך מער וויכטיקערע געשעענישן.

אַ טערקיש פאָלק פון דעם לאַנד צו צפון פון כינע האָט זיך אומגעריכט דערהויבן צו אַ באַדייטונג אין די וועלט געשעענישן

און דערגרייכט אַ רייע דעראָבערונגען, וואָס האָבן נישט צו זיך קיין שום גלייכן אין דער געשיכטע. דאָס זענען געווען די מאָנגאָלן. אין אָנהייב פונם 13-טן י.ה. זענען זיי געווען אַ האָרדע נאָמאַדישע רייטער, געלעבט זער ענלעך צו זייערע פאָרגייער, די הונען, שפּייזנדיק זיך הויפּטזעכלעך מיט פלייש און פערד'ס מילך און געווינט אין פעלענע געצעלטן. זיי האָבן זיך באַפרייט פון דער כינעזישער הערשאַפט און צוזאמענגעברענגט נאָך אַנדערע טערקישע שבטים און געשלאָסן אַ מיליטערישע קאָנפעדעראַציע.

זייער הויפט לאַגער איז געווען אין קאראקאָרום אין מאָנגאָליע. אין יענער צייט האָט זיך כינע געפונען אין אַ צוברעקלטן צושטאַנד. אַרום דעם 10-טן י.ה. איז אונטערגעגאַנגען די גרויסע טאַנג-דינאַסטיע, און נאָך אַ צוטיילונגס-פּאַזע פון איינעם מיט דעם אַנדערן קעמפנדע שטאטן זענען געבליבן דריי הויפּט מלוכות. אין צפון מיט איר הויפּטשטאָט פּעקין די קין-מלוכה, די סונג אין דרום מיט נאנקין אלס הויפּטשטאָט און השיא אין צענטער. אין 1214 האָט דזשינגיס כאַן, דער אָנפירער פון די מאָנגאָלישע קאנפעדעראטן, מלחמה געהאַלטן מיט דער קין-מלוכה און איינגענומען פּעקין (1214) ער האָט זיך דאַן אויסגעדרייט צו מערב און דעראָבערט מערב-טורקעסטאַן, פּערסיע, אַרמעניע, אינדיע ביז לאַהאָר און דרום רוסלאַנד ביז קיעוו. ער איז געשטאָרבן אַלס הערשער פון אַ ריזיקער מלוכה, וואָס האָט זיך געצויגן פונם פּאסיפיק ביזן דניעפּר.

זיין נאָכפאָלגער, אָגדאַי כאַן, האָט פאָרטגעזעצט די דאָזיקע שטוינענדע קאַריערע פון דעראָבערונג. זיינע אַרמייען זענען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון אויסשולונג און צוגעגרייטקייט; זיי האָבן געהאַט אַ נייע כינעזישע דערפינדונג, פּולווער, וועלכן זיי האָבן באַנוצט אין קליינע פעלד-האַרמאַטן. ער האָט פאַרפולקאָמט די דעראָבערונג פון דער קין-מלוכה און דאַן זיך שנעל גערוקט מיט זיין אַרמיי איבער אַזיע קיין רוסלאַנד

(1235) בכלל אַ שטאַרק איבעראַשנדיקער מאַרש. קיעוו איז צע־שטערט געוואָרן אין 1240 און כמעט גאַנץ רוסלאַנד איז גע־וואָרן אַ וואַסאַל פון די מאָנגאָלן. פוילן איז צערויבט געוואָרן און אַ געמישטע דייטש־פוילישע אַרמיי איז צעשמעטערט גע־וואָרן אין דער שלאַכט ביי ליגניץ אין נידער-שלעזיען אין 1241. דער קיסר פרידריך II האָט, ווייזט אויס, נישט גע־מאַכט קיין גרויסע אָנשטרענגונג, אַז ער זאָל אָפּשטעלן דעם פאָראָויסרוקנדן שטראָם.

„ס'איז ערשט גאָר נישט לאַנג — שרייבט בערי אין זיינע באַמערקונגען צו דזשיבנס „ירידה און פאַל פון דער רוימישער אימפעריע" — ווי די אייראָפּעישע געשיכטע האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די דערפאָלגן פון דער מאָנגאָלישער אַרמיי, וועלכע האָט פאַרפלייצט פוילן און אָקופּירט אונגאַרן אין פרי־לינג 1241, זענען דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק אַ פאַרפולקאָמ־טער סטראַטעגיע און נישט צוליב זייער איבערוויגנדער צאָל. אָבער דער דאָזיקער פאַקט איז נאָך נישט געוואָרן אַ זאַך פון דעם אַלגעמיינעם פאַרשטאַנד; ס'הערשט נאָך אַלץ די וווּלגאַרע מיינונג, וועלכע שטעלט פאָר די טאַטאַרן אַלס אַ ווילדע האָרדע, וואָס רוימט אַלץ אַראָפּ פון זייער וועג נאָר מיט זייער בלויזער מענגע, גאַלאָפּירנדיק דורך מזרח-אייראָפּע אָן אַ שום סטראַ־טעגישן פּלאַן, לויפנדיק אויף אַלע מניעות און בייקומענדיק זיי מיט זייער בלויזער געוויכט.

ס'איז געווען וווּנדערבאַר ווי פּינקטליך און ווירקזאַם ס'זענען אויסגעפירט געוואָרן אַלע פאַראָרדנונגען און די אָפּע־ראַציעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער נידריקער ווייסל־לויף ביז טראַנסילוואַניע. אַזאַ קאָמפּאַניע איז בכלל געווען איבער די כוחות פאַר אַ־סטרער עס איז אייראָפּעאישער אַרמיי, און ס'איז געווען ווייטער פאַר דעם בליק פון אַ וואסער עס איז אייראָפּעאישן קאָמאַנדיר. ס'איז נישט געווען קיין שום גענעראַל אין אייראָפּע פון פרידריך II צייטן אָן, וואָס האָט זיך גע־

זאָלט פאַרגלייכן אין סטראַטעגיק מיט סובוטאַי. עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז די מאָנגאָלן האָבן אָנגעהויבן זייער אונטערנעמונג מיט דער פולער באַקאַנטשאַפט פון דער פּאָליטישער סיטואַציע אין אונגאַרן און די באַדינגונגען אין פּוילן — זיי האָבן זיך באַזאָרגט מיט אינפאָרמאַציעס דורך אַ גוט־אָרגאַניזירטער שפּיאָנאַזש־סיסטעם; דאַקעגן די אונגארן און אַנדערע קריסטלעכע מלוכות, פּונקט ווי קינדישע באַרבאַרן, האָבן גאָרנישט געוווּסט וועגן זייערע שונאים". אָבער הגם די מאָנגאָלן זענען געבליבן די זיגער ביי ליגניץ, האָבן זיי נישט פאָרטגעזעצט זייער שטראָם צו מערב־צו. זיי זענען אַריינגעקומען אין וואַלדיקע און אין בערגיקע לענדער, וואָס האָבן נישט געטויגט פאַר זייער טאַקטיק; און אַזוי אַרום האָבן זיי זיך אויסגעדרייט צו דרום־צו און געגרייט צו באַזעצן זיך אין אונגאַרן, אויסשטענדיק אָדער אַסימילירנדיק די קרובשע מאַדזשאַרן, פּונקט ווי יעדע האָבן אויסגעשחטן אָדער אַסימילירט די געמישטע סקיטן אַוואַרן און הונען. פון דעם אונגאַרישן פליין וואָלטן זיי וואַרשיינלעך געמאַכט אָנפאַלן אויף מערב און דרום, אַזוי ווי די אונגארן האָבן דאָס געטון אין 9־טן י. ה. און די אוואַרן אין 7־טן און די הונען אין 5־טן. נאָר אגדאי איז פלוצלונג געשטאָרבן און אין 1242 זענען געוועזן גרויסע דאגות וועגן דער נאָכפאָלגערשאַפט און ווערנדיק צוריקגערופן צוליב די דאָזיקע סיבות, האָבן די נישט צושלאָגענע אַרמייען פון די מאָנגאָלן אָנגעהויבן צוריק צו שטראָמען איבער אונגאַרן און רומעניע צו מזרח־צו. נאָכהער האָבן זיי געלענקט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף זייערע אַזיאַטישע דעראָבערונגען. אין מיטן 13־ן י. ה. האָבן זיי דעראָבערט די סונג מלוכה. מאנגו כאַן האָט פאַרנומען אגדאי כאנס אָרט אַלס גרויסער כאַן אין 1251 און זיין ברודער קובלאַי כאַן האָט ער געמאַכט פאַר גובערנאַטאָר פון כינע. אין 1280 איז קובלאַי כאַן פאָרמעל אַנערקענט געוואָרן אַלס קיסר פון כינע און אַזוי אַרום געגרינדעט די יואַן דינאַסטיע, וועלכע האָט געדויערט ביז 1368. ווען

די לעצטע רעשטלעך פֿון דער סונג הערשאַפֿט זענען פֿאַרשוווּנדן אין כינע, האָט אַן אַנדערער ברודער פֿון מאַנגו, הולאַגו, דעראָבערט פּערסיע און סיריע. אין יענער צײַט האָבן די מאָנגאָלן אַרויסגעוויזן אַ פֿאַרביסענע שנאה צום איסלאַם, און נישט בלויז אויסגעשאָכטן די באַפֿעלקערונג פֿון באַגדאַד, ווען די שטאָט איז גענומען געוואָרן, נאָר זיך גענומען צו פֿאַרניכטן די אוראַלטע באַוואַסערונג סיסטעם, וואָס האָט אָנאויפֿהערלעך גורם געווען דעם וווּילשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג זינט די אַלטע סומערישע צײַטן. זינט דאַן איז מעסאָפּאָטאַמיע נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אַ וויסטע פֿון רויִנען, אויסהאַלטנדיק אַ זער קנאַפּע באַפֿעלקערונג. קיין מצרים זענען די מאָנגאָלען קיינמאָל נישט אַרײַנגעדרונגען; דער מצרישער סולטאַן האָט פֿולשטענדיק צוקלאַפּט הולאַגוס אַן אַרמיי אין פּאַלעסטינע אין 1260. נאָך דער מפּלה, איז דער שטראָם פֿון מאָנגאָלישן נצחון מערש קלענער געוואָרן. די געביטן פֿון דעם גרויסן כאַן זענען זיך צעפֿאַלן אויף אַ סך סעפּאַראַטע שטאַטן. די מזרח-מאָנגאָלן זענען, פּונקט ווי די כינעזער, געוואָרן בודדיסטן; די מערב זענען געוואָרן מוזולמענער. אין 1361 האָבן די כינעזער אַראָפּגעוואָרפֿן די יואַן דינאַסטיע און אַרויפֿגעזעצט אַן אייגענע מינג-דינאַסטיע, וואָס האָט געבליט ביז 1644. די רוסן זענען געבליבן וואַסאַלן פֿון די מאָנגאָלן ביז 1480, ווען דער גרויספֿירשט פֿון מאָסקווע האָט אַראָפּגעוואָרפֿן זײַן אונטערטעניקייט און געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿונם מאָדערנעם רוסלאַנד. אין 14-טן י.ה. איז געווען אַ קורצדויערנדיקער אויפֿלעב פֿון דער מאָנגאָלישער קראַפֿט אונטער טימורלען, אַ נאָכקומער פֿון דזשינגיס כאַן. ער האָט זיך באַזעצט אין מערב טורקעסטאַן, אָנגענומען דעם טיטל פֿון גרויסן כאַן (1369) און דעראָבערט די געביטן פֿון פּערסיע ביז דעלהי (אינדיע) ער איז געווען דער באַרבאַרישסטער און מער משחית ווי אַלע מאָנגאָלישע דעראָבערער. ער האָט געגרינדעט אַ מלוכה פֿון פֿאַרוויסטונג, וועלכע האָט נישט איבערגעלעבט זײַן טויט. אָבער אין 1585 האָט אַן אוואַנ-

טוריסט באַבער, אַ נאָכקומער פֿון דעם דאָזיקן טימור, צונויפֿגעקליבן אַן אַרמיי און אַריין אין די אינדישע פֿליינען. זיין אייניקל אַקבאַר (1556-1605) האָט פֿאַרפֿולקאָמט זיינע דעראָבערונגען און די דאָזיקע מאָנגאָלישע (אָדער „מאָגול" ווי די אַראַבער רופֿן זיי אָן) דינאַסטיע האָט געהערשט אין דעלהי, איבער דער גרעסערער טייל פֿון אינדיע ביזן 18-טן י.ה.

איינע פֿון די קאָנזעקווענצן פֿון דעם ערשטן גרויסן שטראָם פֿון די מאָנגאָלישע דעראָבערונגען אין 13-י.ה. איז געווען דער אַרויסטרייב פֿון אַ געוויסן טערקישן שבט, די אָטאָמאַנישע טערקן, פֿון טורקעסטאַן קיין קליין אַזיע. זיי האָבן פֿאַרשפּרייט און קאָנסאָלידירט זייער מאַכט אין קליין אַזיע, אַריבער די דאַרדאַנעלן און דעראָבערט מאַקעדאָניע, סערביע, בולגאַריע, ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז ענדלעך געבליבן ווי אַן אינזל צווישן די אָטאָמאַנישע געביטן. אין 1453 האָט דער אָטאָמאַנישער סולטאַן מאַכמעד II גענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַטאַקירנדיק זי פֿון דער אייראָפּעאישער זייט מיט אַ גרויסער צאָל האַרמאַטן. די דאָזיקע געשעעניש האָט גורם געווען אַ שטאַרקע אויפֿרעגונג אין אייראָפּע און מ'האָט געשמועסט וועגן אַ קרייצצוג, אָבער די צייטן פֿון די קרייצצוגען זענען שוין געווען פֿאַריבער. אין משך פֿון 16-טן י.ה. האָבן די אָטאָמאַנישע סולטאַנען דעראָבערט באַגדאַד, אונגאַרן, מצרים און דעם גרעסטן טייל פֿון צפֿון-אַפֿריקע און זייער פֿלאָט האָט זיי געמאַכט אַלס באַלבאַטים פֿון מיטללענדישן ים. זיי האָבן שיער גענומען ווין און זיי האָבן אַרויסגעריסן אַ גרויסן מס פֿון קיסר. ס'זענען נאָר געווען צוויי זאַכן, וואָס האָבן קעגנגעווירקט דער אַלגעמיינער ירידה פֿון דער קריסטלעכער הערשאַפֿט אין 15-טן י.ה.

דאָס ערשטע איז געווען די רעסטאַווראַציע פֿון דער אומאָפּהענגיקייט פֿון מאָסקווע (1486), דאָס צווייטע איז געווען די לאַנגזאַמע אָפּדעראָבערונג פֿון שפּאַניע דורך די קריסטן. אין 1492 איז גראַנאַדע, דער לעצטער מוזולמענישער שטאַט אויף דער

האַלב אינזל, אַריינגעפאַלן צום קעניג פערדינאַנד פון אראַגאָן און זיין קעניגין איזאבעלא פון קאַסטיליע.

אָבער ערשט אין 1571 האָט די ים־שלאַכט פון לעפּאַנטא געבראָכן דעם שטאָלץ פון די אָטאָמאַנער און אָפּגעגעבן די מיטללענדישע וואַסערן דער קריסטלעכער הערשאַפט.

קאַפּיטל 13

דער אינטעלעקטועלער אויפלעב פון די אייראָפּעער

דורך דעם גאַנצן 12־ן י. ה. זענען געווען צו באַמערקן אַ סך סימנים, אַז די אייראָפּעאישע אינטעליגענץ געווינט אָפּ איר מוט און פרייהייט און גרייט זיך ווידער אויפצונעמען די אינטעלעקטועלע אונטערנעמונגען פון די ערשטע גריכישע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און אַזעלכע ספּעקולאַציעס, ווי דעם איטאַליענער לוקרעציוס. די סיבות פון דעם דאָזיקן אויפלעב זענען געווען פאַרשידענע און קאָמפּליצירטע. דער אונטערדרוק פון דער פּריוואַטער מלחמה, די העכערע מדרגות פון באַקוועמלעכקייט און זיכערקייט נאָך די קרייצצוגן און די אָנרעגונגען אויף די מענטשלעכע געדאַנקען, אַ דאַנק די דערפאַרונגען פון די דאָזיקע עקספּעדיציעס זענען בלי ספק געווען נויטווענדיקע פּרעלימינאַרע באַדינגונגען. דער האַנדל האָט אויפגעלעבט; די שטעט האָבן אָפּגעזאָמט פרייער און זיכערער; אין דער קירך האָט זיך געהויבן די דערציונגס־מדרגה וואָס האָט זיך אויך פאַרשפּרייט צווישן די וועלטלעכע מענטשן. דער 13־ער און 14־ער י. ה. זענען געווען אַ פּעריאָד פון וואַקסנדע, אומאָפּהענגיקע אָדער כמעט אומאָפּהענגיקע שטעט ווי צ. ב. ווענעציע, פלאָרענץ,

גענוא, ליסאַבאָן, פּאַריז, ברוגעס, לאָנדאָן, אַנטווערפּן, האַמבורג-נירענבערג, נאָווגראָד, וויזבי און בערגן. דאָס זענען געווען האַנדלס-שטעט, וואָס האָבן געהאַט אַ סך אַנגעפּאָרענע מענטשן און וווּ מענטשן האַנדלען און וואַנדלען, דאָרטן שמועסן זיי און דענקען. די וויכוחים פון די פּויפּסטן און הערשער, די גרויסע באַרבאַרישקייט און רשעות ביים פאַרפאָלגן די אַפּיקורסים האָבן אָנגערעגט צו צווייפלען אין דער קירכ'ס אויטאָריטעט און דערוועקט שאלות און דיסקוסיעס וועגן פונדאַמענטאַלע ענינים. מיר האָבן שוין געזען ווי אַריסטאָטעלעס איז דורך דער אַראַבישער פאַרמיטלונג צוריקגעווינען געוואָרן פאַר אייראָפּע, און ווי אַזוי אַזאַ הערשער ווי פרידריך II האָט געווירקט ווי אַ קאַנאַל, דורך וועלכן די אַראַבישע פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט האָט געשפּילט אַ ראָל אין דעם אויפלעב פון דעם אייראָפּעאישן געדאַנק. נאָך מער איינפלוסרייכער אין דעם דערוואַכן פון די מענטשלעכע אידייען זענען געווען די יידן. זייער בלויזע עקזיסטענץ איז געווען אַ פראַגע צייכן אויף דער קירכ'ס פּרעטענזיעס. און ענדלעך האָבן די געהיימע, פאַסצינירנדע פאָרשונגען פון די אַלכימיקער זיך פאַרשפּרייט ווייט און ברייט און באַוויגן די מענטשן צו דער קליינטשיקער, באַהאַלטענער און דאָך פרוכטבאַרער באַנייונג פון דער עקספּערימענטאַלער וויסנשאַפט. אָבער די באַוועגונג פונם מענטשלעכן גייסט האָט זיך בשום אופן נישט באַגרעניצט נאָר אויף די אומאָפּהענגיקע און הויך-געבילדעטע מענטשן. דער גייסט פון איינפאַכן מענטש האָט דערוואַכט, ווי קיינמאָל נישט פריער אין דער מענטשלעכער געשיכטע. טראָץ די גלחים און פאַרפאָלגונגען האָט דער קריטיציזם, ווייזט אויס, אומעטום ווו ס'האָט דערגרייכט זיין לערע, אַריינגעבראַכט אַ גייסטיקן פערמענט. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ דירעקטע באַציונג צווישן דעם באַוווסטזיין פון דעם אינדיווידועלן מענטש און דעם יושר-גאָט, אַזוי אויב ס'איז איצט אַנטשטאַנען אַ נויטווענדיקייט, האָט ער געהאַט דעם מוט

צו האָבן זיינע אורטיילן אורטייל בנוגע הערשער, פּרעלאַט
אָדער דאָגמא. שוין גאָר פרי, אין 11-ן י. ה. האָבן זיך אין
אייראָפּע ווידער אָנגעהויבן פילאָזאָפישע דיסקוסיעס און אין
אַנדערע צענטערס זענען געווען גרויסע און וואַקסנדע אוניווער-
זיטעטן. דאָרט האָבן די מיטלעלטערלעכע „שול מענער" (לע-
רער) ווידער אויפגענומען און אויסגערייניקט אַ רייע פּראָבלע-
מען וועגן דעם ווערט און באַטייט פון ווערטער; דאָס איז
געווען אַ נויטווענדיקע פּרעלימינאַרע אַרבעט פאַר דעם קלאָרן
דענקן און דעם וויסנשאַפטלעכן פעריאָד, וואָס איז אָנגעקומען.
אַ דאַנק זיין בולטער געניאַליטעט שטייט אין אַ זייט ראָדזשער בע-
קאָן (1210—1293) אַ פראַנציסקאַנער פון אָקספאָרד, דער פאָטער
פון דער מאָדערנער עקספּערימענטאַלער וויסנשאַפט. זיין נאָמען
פאַרדינט צו פאַרנעמען אין דער געשיכטע דאָס צווייטע אָרט
נאָך אַריסטאָטעלעסן. זיינע שריפטן זענען אַ לאַנגע טיראַדע
קעגן דער אומוויסנהייט. ער האָט געזאָגט זיינע מיט-מענטשן,
אַז זיי זענען עמי-ארצים — אַן אומגלויבלעך-דרייסטע זאַך אין יענע צייטן.
היינט קען אַ מענטש אָן גרויסער ריזישער סכנה פאַר זיך זאָגן
דער וועלט, אַז זי איז אַזוי נאַריש ווי זי איז ערנסט אַז אַלע
אירע מעטאָדן זענען קינדישע און אומגעלומפּערטע און אירע
דאָגמאַס זענען קינדישע סברות; אָבער יענע מענטשן פון דעם
מיטלעלטער, וועלכע זענען נישט אויסגעשאָכטן געוואָרן, אויס-
געשטאָרבן פאַר הונגער אָדער מגפה, זענען ליידנשאַפטלעך גע-
ווען איבערצייגט אין דער חכמה, פולקאָמקייט און ענדגילטיקייט
פון זייערע גלויבנס און געגייגט געווען ביטער זיך נוקם צו זיין
פאַר יעדער רעפלעקסיע וועגן זיי. ראָדזשער בעקאָנ'ס שריפטן
זענען געווען פונקט ווי אַ ליכט פלאַם אין אַ טיפער פינצטער-
ניש. זיינע אַטאַקן אויף דער אומוויסנהייט פון זיין צייט האָט
ער פאַררייניקט מיט אַ סך רמזים וועגן דער פאַרמערונג פון
וויסן. אין זיין ליידנשאַפטלעכן דערמאָנען וועגן דער נויטיקייט

פון עקספערימענטן און דער אָנזאַמלונג פון וויסן. האָט אין אים אויפגעלעבט אַריסטאָטעלעס גייסט.

אָבער צו אַריסאָטעלעסן האָט ער זיך שלעכט באַצויגן. ער האָט זיך צו אים שלעכט באַצוגן, ווייל דאַן זענען די מענטשן, אנשטאַט צו קוקן דרייסט אויף די פאַקטן, געזעסן אין שטובן אין געשוויצט איבער די שלעכטע לאַטיינישע איבערזעצונגען, וואָס זענען דענצמאָל געווען צו באַקומען. פון דעם מייסטער 1). „אויב כ׳וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט" שרייבט ער אין זיין גאָר נישט איינגעהאַלטענעם נוסח, „וואָלט איך פאַרברענט אַלע זיינע ביכער, ווייל דאָס שטודירן זיי קען נאָר הייסן פאַרלירן די צייט, האָבן טעותים און פאַרגרעסערן די אומוויסנהייט". דאָס זעלבע, וואָס אַריסטאָטעלעס וואָלט וואַרשיינלעך נאָכגעזאָגט, ווען ער וואָלט צוריקגעקומען אין אַ וועלט אַרײַן, אין וועלכער זיינע ווערק זענען נישט קיין סך געלייענט און פאַרערט געוואָרן — און דאָס, ווי ראַדזשער בעקאָן האָט געזען, אין העכסט פאַרגרייזטע איבערזעצונגען. דורך אַלע זיינע ביכער, אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, כדי ס׳זאָל זיין אין הסכם מיט דער אָרטאָדאָקסישקייט, צוליב דער מורא פאַר תפיסה אָדער נאָך ערגערס, גייט דורך ראַדזשער בעקאָנס געשריי צו דער מענטשהייט „הער אויף צו לאָזן זיך באַהערשן פון דאָגמאַס און אויטאָריטעטן; קוק אויף דער וועלט". ער האָט דערקלערט 4 הויפּט-קוועלעס פון אומוויסנהייט: 1) דרך ארץ פאַרן אויטאָריטעט 2) געוווינהייט 3) די מיינונג פון דעם אומוויסנדן המון און 4) דער אייטלער שטאָלץ פון אונדזערע נייגונגען זיך נישט צו לאָזן לערנען. בייקומענדיק דאָס אַלץ, וועט זיך פאַרן מענטש עפענען אַ וועלט פון מאַכט: „מאַשינען צום שווימען זענען מעגלעך אָן רודערס, אַזוי אַז גרויסע שיפן, צוגעפּאַסט צו דעם ים אָדער טייך, אָנגעפירט דורך איין מענטש, וואָלטן געקענט פאָרן מיט

1) אַריסטאָטעלעס.

אַ גרעסערער שנעלקייט, אַפילו ווען זיי וואָלטן געווען פֿול מיט מענטשן. דעסגלייכן קען מען מאַכן וועגן, וואָס זאָלן אָן אַ שלעפּ-בהמה קענען באַוועגן זיך (1Cum impetu inoestimabile אַזוי ווי מיר שטעלן זיך פֿאָר די קאָסע-אַרטיקע רייטוועגן, אין וועלכע מ'האָט מלחמה געהאַלטן אין די אַלטע צייטן. און פֿליענדיקע מאַשינען זענען מעגלעך, אַזוי אַז אַ מענטש זאָל זיך קענען זיצן אין מיטן, דרייענדיק אַ געוויסע מאַשינעריי, דורך וועלכער קינסטלעכע פֿליגלען וועלן קלאַפּן אין דער לופֿט, פּונקט ווי א פֿליענדער פֿויגל".

אָט אַזוי האָט ראַדזשער געשריבן, אָבער ס'האָבן געדאַרפֿט אַוועק נאָך דריי הונדערט י. איידער מענטשן האָבן אָנגעהויבן סיסטעמאַטישע פּרוּוון אויסצופֿאָרשן די באַהאַלטענע זאַפֿאַסן פֿון קרעפֿטן און נוצן, וואָס ער האָט קלאָר באַגריפֿן, וואָס עקזיסטירן אונטער דער טעמפּער אָבערפֿלאַך פֿון די מענטשלעכע ענינים. אָבער די סאַראַצענישע וועלט האָט געגעבן דעם קריסטנטום נישט בלויז די אַנרעגונגען פֿון אירע פֿילאָזאָפֿן און אַלכימיקער, נאָר אויך פּאַפּיר.

עס וועט קוים זיין צו פֿיל געזאָגט, אַז פּאַפּיר האָט דערמעגלעכט דעם אינטעלעקטועלן אויפֿלעב פֿון אייראָפּע. פּאַפּיר שטאַמט פֿון כינע, ווו מ'האָט עס וואַרשיינלעך אָנגעהויבן באַנוצן אין 2-טן י.ה.פּ.ק. אין 751 האָבן די כינעזער אַטאַקירט די אַראַבישע מוזולמענער אין סאַמאַרקאַנד; זיי זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן און צווישן די געפֿאַנגענע זענען געווען געניטע פּאַפּיר-[illegible]אַרבעטער, פֿון וועלכע די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעלערנט די דאָזיקע קונסט. ס'עקזיסטירן אַראַבישע פּאַפּיר-מאַנוסקריפּטן פֿון 9-טן י.ה. אָן. די פּאַפּיר-אויסאַרבעט איז אַריינגעדרונגען אין דער קריסטלעכער וועלט, ענטוועדער דורך גריכנלאַנד אָדער דורכן פֿאַרנעמען די מוירישע פּאַפּיר-מילן, בעת דער קריסטלע-

1) מיט אַן אומשאַצבאַרן אימפּעט.

ער אָפּדעראָבערונג פון שפּאַניע. אָבער אונטער די קריסטלעכער שפּאַניער איז די פּראָדוקציע-קוואַליטעט שרעקלעך געפאַלן.

גוט פּאַפּיר האָט מען אין קריסטלעכן איראָפּע אויסגעאַרבעט ערשט ביים סוף פונם 13-טן י. ה. און איטאַליע האָט פאַרנומען דאָס הויפּט-אָרט. ערשט אין 14־טן י. ה. האָט מען עס אָנגעהויבן אויסאַרבעטן אין דייטשלאַנד, און ערשט ביים סוף פון יענעם יאָרהונדערט איז עס געווען בשפע און גענוג ביליק, אַז דאָס דרוקן ביכער איז געוואָרן אַ פּראָפיט-ברענגענדיק געשעפט. באַלד האָט נאַטירלעך און נויטווענדיקערווייז געפאָלגט די דרוקקונסט, ווייל דאָס דרוקן איז די קענטיקסטע פון אַלע דערפינדונגען, און דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון דער וועלט איז אַריינגעטרעטן אין אַ נייער און אַ מער ענערגישער פּאַזע.

עס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קליין שטרעמעלע פון איין מוח צום צווייטן; עס איז געוואָרן אַ ברייטער טייך, אין וועלכן טויזנטער, און גאָר אינגיכן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער, מוחות האָבן אַנטייל גענומען. דער ערשטער באַלטיקער רעזולטאַט פון דער דרוק-קונסט איז געווען די דערשיינונג פון אַ גרויסער צאָל ביבלס אויף דער וועלט. דער צווייטער איז געווען די פאַרביליקונג פון די שול-ביכער. דאָס לייענען האָט ... פאַרשפּרייט. ס'האט זיך נישט נאָר פאַרגרעסערט די צאָל בי... מ'איז געוואָרן איינפאַכער דאָס לזען און אַזוי אַרום לייכטער ... ייסטיין.

ווענן זיין באַטייט, האָבן די לייענער געקענס רענקען אומגעשטערט בעת דעם לייענען. מיט דער דאָזיקער גרעסערע לייכטערונג פונם לייענען, איז גרעסער געוואָרן די לייענער-מאַסע. דאָס בוך האָט אויפגעהערט צו זיין אַ דעקאָראַטיוו שפּילעכל אָדער אַ געלערנטנס געהיימניס. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן ביכער, כדי פּשוטע מענטשן זאָל זיי לייענען. זיי האָבן געשריבן אין אַ פּשוטער שפּראַך, נישט לאַטיין

אין 14־ן י. ה. הייבט זיך אָן דיווירקלעכע געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. ביז אַהער האָבן מיר זיך באַשעפטיקט מיט דעם סעראַצענישן אַנטייל אין דעם אייראָ־פּעאישן אויפלעב. איצט וועלן מיר שענקען אויפמערקזאַמקייט דעם איינפלוס פון די מאָנגאָלישע דעראָבערונגען. זיי האָבן גוואַלדיק אָנגערעגט די געאָגראַפישע אימאַגינאַציע פון אייראָפּע. אַ צייט לאַנג, אונטער דעם גרויסן כאַן, האָט גאַנץ אַזיע און מערב־טורקעסטאַן געגאָסן פון פרייע באַציונגען; אַלע וועגן זענען צייטווייליק געווען אָפן און די פאָרשטייער פון אַלע פעלקער זענען געקומען קיין קאַראַקאָרום אין הויף אַריין. ס׳זע־נען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן די באַריערעס, וואָס זענען אויפגעשע־טעלט געוואָרן צווישן אייראָפּע און אַזיע דורך דער רעליגעזער שנאה פון קריסטיאַניזם און איסלאַם. די פויפּסטן האָבן געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דעם איבערגאַנג פון די מאָנגאָלן צום קריסטנטום. זייער רעליגיע איז דאַן געווען שומאַניזם, אַ מין פרימיטיווע געצנדינערײ. שליחים פון פויפּסט, בודדיסטישע גלחים פון אינדיע, פּאַריזער איטאַליענישע און כינעזישע האַנט־ווערקער, ביצאַנצישע און ארמענישע סוחרים, — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט מיט די אַראַבישע אָפיציעלע באַאַמטע און מיט די פערסישע און אינדישע אסטראָנאָמען און מאַטעמאַטיקער פון דעם מאָנגאָלישן הויף. אין דער געשיכטע הערן מיר צופיל פון די מאָנגאָלישע קאַמפּאַניעס און שחיטות, און גאָר ווינציק וועגן זייער נייגעריקייט און חשק צום לערנען.

אפשר נישט ווי אַן אָריגינעל פאָלק, נאָר אַלס איבער־ברענגער פון וויסנשאַפטן און מעטאָדן איז גרויס געווען זייער איינפלוס אויף דער וועלט־געשיכטע.

און דאָס, וואָס מ׳קען געוויר ווערן פון דער נישט קלאָ־רער ראָמאַנטישער פּערזענלעכקייט פון דזשינגיסכאַן אָדער קאַב־לאַי צווינגט צו באַשטעטיקן דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע זע־נען לכל הפחות געווען אַזעלכע קלוגע און שעפערישע מאָנאַרכן,

ווי יענע גלענצנדיקע אָבער עגאָאיסטישע געשטאַלט פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסען, אָדער ווי יענער אויפוועקער פון פּאָליטישע געשפּענסטער, יענער ענערגישער אָבער עם־האָרצדיקער טעאָלאָג קאַרל דער גרויסער. איינער פון די אינטערעסאַנטסטע באַזוכער פון דעם מאָנגאָלישן הויף איז געווען אַ געוויסער ווענעציאַנער, מאַרקאָ פּאָלאָ, וועלכער האָט דערנאָך באַשריבן זיין געשיכטע אין אַ בוך. אַרום 1272 איז ער געפאָרן קיין כינע מיט זיין פאָטער און פעטער, וועלכע האָבן שוין איינמאָל געהאַט געמאַכט די רייזע. אויפן גרויסן כאַן האָבן די עלטערע פּאָלאָס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם; זיי זענען געווען די ערשטע מענטשן פון די „לאַטייניש“ פעלקער, וועלכע ער האָט געזען; ער האָט זיי צוריקגעשיקט נאָך לערער און געלערנטע מענער, וואָס זאָלן אים קענען דערקלערן דעם קריסטיאַניזם, און נאָך אַנדערע פאַרשידענע אייראָפּעאישע זאַכן, וואָס האָבן דערוועקט זיין נייגעריקייט. זייער וויזיט צוזאַמען מיט מאַרקאָן איז געווען דער צווייטער. די דריי פּאָלאָס זענען אַרויסגעפאָרן דורך פּאַלעסטינע, נישט דורך קרים ווי ביים פריערדיקן מאָל זיי האָבן ביי זיך געהאַט א גאָלדן טאָוועלע און אַנדערע סימנים פונם גרויסן כאַן און דאָס האָט זער פאַרלייכטערט זייער רייזע. דער גרויסער כאַן האָט געבעטן אַ ביסל אייל פון דעם לאָמפּ, וואָס ברענט אין דעם הייליקן קבר אין ירושלים, און דערום זענען זיי געפאָרן דורך דאָרטן און דאַן דורך סיליסיא קיין אַרמעניע. זיי זענען אַזוי אַרום געפאָרן וייט צו צפון, ווייל דער מצרישער סולטאַן איז דאַן באַפאַלן די מאָנגאָלישע געביטן. פון דאָרטן זענען זיי דורך מעסאָפּאָטאמיע אָנגעקומען קיין ארמוז ביים פּערסישן גאלף, גלייך ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים מאַכן אַ ים־רייזע. אין ארמוז האָבן זיי זיך געטראָפן מיט אינדישע סוחרים.

צוליב געוויסע סיבות זענען זיי נישט געפאָרן מיט אַ שיף, נאָר זיך אויסגעדרייט צו צפון דורך די פּערסישע וויסטעס, און אַזוי אַרום דורך באַלק איבער דעם פּאמער ביז קאשגאר און

דורך קאַטאַן און דעם לאָב נאָר אַריין אין דעם הוואַנג-הא-טאָל און ווייטער ביז פּעקין. אין פּעקין איז געווען דער גרויסער כאַן און זיי זענען פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן. קובּלאַי איז באַזונדערס געפעלן מאַרקאָ; ער איז געווען יונג און קלוג און ס'איז קלאָר, אַז ער האָט גרונטלעך באַהערשט די טאַטערישע שפּראַך. ער האָט באַקומען אַן אָפיציעלן פּאָסטן און ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט עטלעכע מיסיעס, הויפּטזעכלעך קיין דרום-מערב-כינע. זיין דערציילונג וועגן ריזיקע שטרעקעס, שיינענדיקע און פּראָספּערירנדע לענדער „אויפן גאַנצן וועג אויסגעצייכנטע גאַסטהייזער פאַר רייזנדע" און „פיינע וויינגערטנער, פעלדער און גערטנער", וועגן „אַ סך קלויסטערס" פון בודדיסטישע מאָנאַכן, וועגן פאַבריקן פון „זיידענע סחורות, גאָלד און אַ סך פיינע זיידענע שטאָפן", אַ „כּסדרדיקע רייע שטעט און שטעטלעך" א. א. וו. האָט אין אָנהויב דערוועקט אומגלויבן און נאָכהער אָנגעצונדן די אימאַגינאַציע פון גאַנץ אייראָפּע. ער האָט דערציילט וועגן בורמא און אירע גרויסע אַרמייען פון 100 העלפאַנטן און ווי אַזוי די דאָזיקע חיות האָבן געליטן אַ מפּלה פון די מאָנגאָלישע שיסער, און אויך וועגן דער מאָנגאָלישער דעראָבערונג פון פּעגו. ער האָט דערציילט וועגן יאַפּאַן און שטאַרק מגזם געווען וועגן דעם סכום גאָלד פון יענעם לאַנד. דריי יאָר איז מאַרקאָ געווען גובערנאַטאָר פון דער שטאָט יאַנגטשאַו און וואַרשיינלעך האָבן די כינעזער באַקומען פון אים אַן איינדרוק, אַז ער איז אַ סך ווינציקער פרעמד, ווי אַן אַנדערער טאָטער. ס'איז מעגלעך, אַז ער איז אויך געשיקט געוואָרן מיט אַ מיסיע קיין אינדיע. כינעזישע באַריכטן דערמאָנען אַ געוויסן פּאָלאָ, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד אין קייזערלעכן ראַט אין 1274; דאָס איז זייער א ווערטפולע באַשטעטיקונג וועגן דעם אמת פון פּאָלאָ'ס דערציילונג. די פאַרעפנטלעכונג פון מאַרקאָ פּאָלאָ'ס רייזעס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער אייראָפּעישער אימאַגינאַציע. די אייראָפּעישע ליטע-

ראַטור, באַזונדערס דער אייראָפּעישער ראָמאַן פון 15־טן י. ה. איז פול מיט נעמען פון מארקא פּאָלאָ׳ס דערציילונג, מיט קאַטאַי (צפון־כינע) און קאמבולאק (פּעקין) א. ד. ג. מיט צוויי יאָרהונדערטער שפּעטער איז צווישן די לעזערס פון מארקא פּאָלאָס „רייזעס״ געווען אַ געוויסער גענועזער מאַטראָז, קריסטאַפאר קאָלומבוס, וועלכן ס׳איז איינגעפאַלן די גלענצנדע אידיי צו פאָרן אין דער מערב־ריכטונג אַרום דער וועלט קיין כינע. אין סעווילי״ע איז אויפגעהיטן אַן עקזעמפּלאַר פון די „רייזעס״ מיט קאָלומבוסעס באַמערקונגען ביי די ראַנדן. ס׳איז געווען אַ סך סיבות פאַרוואָס דער געדאַנק פון אַ גענועזער זאָל זיך ווענדן אין דער דאָזיקער ריכטונג. ביזן איינעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך די טערקן אין 1453, איז זי געווען אַ פרייער האַנדלס־פּלאַץ צווישן דער מערב־ און דער מזרח וועלט און די גענועזער האָבן דאָרטן פריי געהאַנדלט. אָבער די לאַטייניש־ווענעציאַנער, די פאַרביסענע קאָנקורענטן פון די גענועזער, זענען געווען די פאַרבונדעטע און אונטערשטיצער פון די טערקן קעגן די גריכן, און מיטן אָנקום פון די טערקן האָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל נישט פריינטלעך געקוקט אויפן גענועזישן האַנדל. די לאַנג־פאַרגעסענע אַנטדעקונג וועגן דער קיילעכדיקייט פון דער וועלט האָט ווידער אָנגעהויבן צוריק צו באַהערשן דעם מענטשלעכן געדאַנק. די אידיי צו פאָרן אין דער מערב־ריכטונג קיין כינע איז דעריבער געווען אַ גאַנץ קלאָרע. זי איז דערמוטיקט געוואָרן דורך צוויי זאַכן: 1) ס׳איז דערפונדן געוואָרן דער קאָמפּאַס און די מענטשן זענען שוין נישט געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פון אַ ליכטיקער נאַכט און די שטערן, כדי צו באַשטימען די ריכטונג, אין וועלכער זיי דאַרפן פאָרן, און 2) די נאָרמאַנער, קאַטאַלאָניער, גענועזער און פּאָרטוגיזן האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעלאָזט אויפן אַטלאַנטיק אַזש ביז די קאַנאַרן־אינזלען, מאַדעירא און די אַזאָרן. אָבער קאָלומבוס האָט באַגעגנט אַ סך שוועריקייטן ביים באַקומען שיפן, כדי צו פאַרווירקלעכן

ויין אידיי. ער איז געגאַנגען פון איין אייראָפּעישן הויף צום
צווייטן. ענדלעך האָט ער זיך אין גראַנאַדאַ, נאָך וואָס אָפּגעווי-
נען פון די מאורן, פאַרזיכערט די אונטערשטיצונג פון פערדי-
נאַנד און איזאַבעלאַ און איז אומשטאַנד געווען אַרויסצופאָרן
אויף דריי קליינע שיפלעך אין דעם אומבאַקאַנטן אָקעאַן אַריין.
נאָך אַ רייזע פון 2 חדשים און 8 טעג, האָט ער דערגרייכט
אַ לאַנד, וועלכעס, ווי ער האָט געגלויבט, איז אינדיע, אבער
אין אמתן איז דאָס געווען אַ נייער קאָנטינענט, וועגן וועמענס עק-
זיסטענץ די אַלטע וועלט האָט לגמרי זיך נישט משער געווען. ער
איז צוריקגעקומען קיין שפּאַניע מיט גאָלד, בייוואָל, מאָדנע
חיות און פייגל און צוויי ווילד-אויגיקע געמאָלטע אינדיאַנער,
כדי זיי צו טויפן; מ'האָט זיי גערופן אינדיאַנער, ווייל ביז אין
טויט אַריין האָט ער געגלייבט, אַז דאָס אַנטדעקטע לאַנד איז
אינדיע. ערשט אין אַ סך יאָרן שפּעטער האָבן די מענטשן אָנ-
געהויבן באַגרייפן, אַז צו דעם פאַרמעגן פון דער אַלטער וועלט
איז צוגעקומען אַ נייער קאָנטינענט.

קאָלומבוסעס דערפאָלג האָט געוואַלדיק אָנגערעגט די מעבר-
לים אונטערנעמונגען. אין 1497 זענען די פּארטוגיזן אַריינגעשווימען
קיין אינדיע דורך אַפריקאַ. און אין 1515 האָט מען אין יאַוואַ שוין גע-
זען פּארטוגיזישע שיפן. אין 1519 איז מאַגעלאַן, אַ פּאָרטוגי-
זישער מאַטראָז אין שפּאַנישער דינסט, אַרויסגעשווימען פון סע-
ווילע אין דער מערב-ריכטונג מיט 5 שיפן, פון וועלכע איינע,
וויקטאָריאַ, איז צוריקגעקומען מיטן אויבערשטן טייך-שטראָם
קיין סעווילע אין 1522, די ערשטע שיף, וועלכע האָט ווען עס
איז אַרומגערייזט אויפן ים אַרום דער וועלט. אויפן דעק זע-
נען געווען 31 מענטשן, וועלכע זענען איבערגעבליבן פון 22,
וואָס זענען אַרויסגעפאָרן. מאַגעלאַן זעלבסט איז דערהרגעט גע-
וואָרן אויף די פיליפּינען אינזלען. געדרוקטע פּאַפּירענע ביכער,
אַ נייע רעאַליזאַציע פון דער קיילעכדיקער וועלט אַלס אַ פול-
שטענדיק דערגרייכבאַרע זאַך, אַ נייע וויזיע פון פרעמדע לענ-

דער, פרעמדע חיות און צמחים, פרעמדע מנהגים און געוווינ־הייטן, אַנטדעקונגען מעבר־לים אין די הימלען און אין די אופנים און מאַטעריאַלן פונם לעבן — דאָס אַלץ האָט זיך גע־שיט אויף דעם אייראָפּעאישן געדאַנק. די גריכישע קלאַסיקער, אזוי לאַנג פאַרגעסן און באַגראָבן, זענען שנעל איבערגעדרוקט און שטודירט געוואָרן און אנגעפילט דעם מענטשנס געדאַנק מיט פלאַטאָס טרוימען און מיט די טראַדיציעס פון דער צייט פון רעפּובליקאַנישער פרייהייט און ערע. די רוימישע הער־שאַפט האָט צום ערשטן מאָל געבראָכן און אָרדנונג קיין מערב־אייראָפּע, און די לאַטייניש קירך האָט דאָס אפּגע־בויט; אָבער, סיי אין געצנדינערישן, סיי אין קאַטוילישן רוים, זענען די נייגעריקייט און איננאָוואַציע געווען אונטערגע־וואָרפן און באַגרענעצט דורך אָרגאַניזאַציע. די הערשאַפט פון לאַטיינישן געדאַנק האָט געהאַלטן ביים סוף. צווישן 13־ן און 16־ן י. ה. האָבן די אייראָפּעאישע אריער, א דאַנק דעם אָנרע־גנדן איינפלוס פון די סעמיטן און די מאָנגאָלן און דעם אָפּגע־ווין פון די גריכישע קלאַסיקער, אָפּגעריסן זיך פון דער לאַטיינישער טראַדיציע און ווידער זיך דערהויבן צו דער אינטעלעקטועלער און מאַטעריעלער אָנפירערשאַפט פון דער מענטשהייט.

קאַפּיטל 14

די רעפאָרמאַציע פון דער לאַטיינישער קירך

די לאַטיינישע קירך זעלבסט איז אויסערגעוויינלעך באַאיינ־פלוסט געוואָרן פון דעם דאַזיקן גייסטיקן ווידערגעבורט. זי

איז געווען צובראָקלט, און אַפילו די טייל, וואָס איז געבליבן לעבן, איז שטאַרק באַנייט געוואָרן.

מיר האָבן שוין דערציילט, ווי די קירך איז כמעט שוין געווען די אויטאָקראַטישע אָנפירערשאַפט פון גאַנצן קריסטנטום אין 11־ן און 12־ן י. ה., און ווי אַזוי איר מאַכט איבער די מענטשנס געדאַנקען און ענינים איז געפאַלן אין 14־ן און 15־ן י. ה. מיר האָבן שוין באַשריבן, ווי דער פאָפולערער רעליגיעזער ענטוזיאַזם, וועלכער איז אין פריערדיקע צייטן געווען איר שטיצע און מאַכט, האָט זיך געווענדעט קעגן איר, אַ דאַנק איר שטאָלץ, פאַרפאָלגונג און צענטראַליזאַציע. און ווי אַזוי דער שלייכנדער סקעפּטיציזם פון פרידריך II האָט אַרויסגעגעבן פרוכטן אין דער וואַקסנדער נישט געהאָרזאַמקייט פון די הערשער. דער גרויסער סכיזם האָט רעדוצירט איר רעליגיעזן און פאָליטישן פּרעסטיזש אויף אַ נישטיקער פּראָפּאָרציע. די קרעפטן פון בונט האָבן זי איצט געשלאָגן פון ביידע זייטן. דעם ענגלענדער אוּאיקליפ׳ס לערע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע. אין 1398 האָט אַ געלערנטער טשעך, יאַן הוס, געליענט אויף דער פּראַגער אוניווערזיטעט אַ רייע לעקציעס וועגן אוּאיקליפ׳ס לערע. די דאָזיקע לערע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט ווייטער פון די ספערן פון די רייכע קלאַסן און דערוועקט אַ גרויסן פּאָפּולערן ענטוזיאַזם. אין 1414 האָט אַ קאָנציל פון דער גאַנצער קירך זיך פאַרזאַמלט אין קאָנסטאַנץ, כדי צו דערליידיקן דעם ענין פון דעם גרויסן סכיזם. הוס איז אונטער דעם צוזאָג פון קיסר׳ס שוץ, איינגעלאַדן געוואָרן אויף דעם קאָנציל, אַרעסטירט געוואָרן, געמשפּט געוואָרן פאַר אַפּיקורסות און פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט (1415).

דאָס האָט נישט באַרואיקט דאָס בעמישע פאָלק, נאָר גורם געווען אַן אויפשטאַנד פון די הוסיטן אין יענעם לאַנד, די ערשטע פון אַסעריע מלחמות, וואָס האָבן אָנגעהויבן דעם צוזאַמענברוך פון דעם לאַטיינישן קריסטנטום. קעגן דעם דאָזיקן אויפ־

שטאַנד האָט דער פויפסט מאַרטין V, דער פויפסט, וועלכער איז ספּעציעל געוויילט געוואָרן אין קאָנסטאַנץ אַלס ראש פון אַ צו־ריק פאַרייניקט קריסטנטום, געפּרעדיקט אַ קרייצצוג. גאַנצע פינף קרייצצוגן זענען אָנגעשיקט געוואָרן אויף דעם קרעפּטיקן קליינעם פאָלק און אַלע זענען אַדורכגעפאַלן. אַלע אַרבעטלאָזע געמיינע יונגען פון אייראָפּע זענען אָנגערייצט געוואָרן און געוואָרפן געוואָרן אויף די בעמער אין 15־טן י. ה. פונקט ווי אין 13־טן זענען זיי געוואָרפן געוואָרן אויף די וואַלדאָיאַנער, אָבער די בעמישע טשעכן, נישט אַזוי ווי די וואַלדאָיאַנער, האָבן געגלויבט אין אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. דער בעמישער קרייצצוג האָט זיך אויפגעלעזט און אַנטלאָפן פון שלאַכט־פעלד ביים קול פון די הוסיטישע וועגעלעך און דעם ווייטן רעלי־געזן געזאַנג פון זייערע חיילות; ס'איז אַפילו נישט געקומען צו אַ שלאַכט (שלאַכט ביי דאָמאַזליצע 1431). אין 1436 איז מיט די הוסיטן געשלאָסן געוואָרן אַ מין אָפּמאַך, דורך דעם בייעם קאָנציל פון דער קירך אין באַזל, אין וועלכן ס'איז אָנער־קענט געוואָרן א סך ספּעציעלע טענות צו די לאַטיינישע מנהגים אין 15־טן י.ה. האָט אַ גרויסע מגפה גורם געווען אַ שטאַרקע סאָציאַלע דעזאָרגאַניזאַציע אין אייראָפּע. ביים פּשוטן פאָלק האָט געהערשט אַן אויסערסטע נויט און אומצופרידנהייט און ס'זענען פאָרגעקומען פויערים אויפשטאַנדן קעגן די ערד־באַזי־צער און רייכע אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. נאָך די הוסי־טישע מלחמות האָט זיך פאַרשטאַרקט די ערנסטקייט פון די דאָ־זיקע פויערים־אויפשטאַנדן. אין דייטשלאַנד און אָנגענומען אַ רע־ליגעזן כאַראַקטער.

די דרוק־קונסט האָט אויך געהאַט אַן איינפלוס אויף דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. אין מיטן 15־טן י.ה. האָבן אין האָלאַנד און אין ריינלאַנד שוין געאַרבעט דרוק־אַרבעטער מיט באַוועג־לעכע אותיות. די קונסט האָט זיך פאַרשפּרייט אין איטאַליע און ענגלאַנד, וווּ קעקסטאָן האָט געדרוקט אין וועסטמינסטער אין

1477. די באַלטיקע קאָנזעקווענץ איז געווען אַ שטאַרקע פאַרמערונג און צוטיילונג פון ביבלס און דאָס האָט שטאַרק פאַרגרעסערט די לייכטיקייט פאַר ווייט פאַרשפרייטע פּאָפּולערע וויכוחים. די אייראָפּעאישע וועלט איז געוואָרן א לייענער וועלט, אין אַ פאַרנעם, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פאַרגלייך מיט קיין שום קבוץ אין עבר. און די דאָזיקע פלוצלינגע באַפרוכטבאַרונג פון דעם אַלגעמיינעם געדאַנק מיט קלאָרע אידייען און מער צוגענגלעכע אינפאָרמאַציעס איז געשען פונקט אין אַזאַ צייט, ווען די קירך איז געווען צומישט און צוטיילט און איז נישט געווען אין דער לאַגע זיך ווירקזאַם צו פאַרטיידיקן. און אַ סך פירשטן האָבן געזוכט מיטלען אָפּצושוואַכן איר מאַכט איבער דעם ריזיקן רייכטום אין זייערע געביטן, צו וועלכן זי האָט פרעטענדירט. אין דייטשלאַנד האָט זיך די אַטאַקע אויף דער קירך גרופּירט אַרום דער פערזענלעכקייט פון אַן עקס־מאָנאַך, מאַרטין לוטער (1483=1546), וועלכער האָט זיך באַוויזן אין ווירטעמבערג אין 1517, פאַרלייגנדיק וויכוחים וועגן פאַרשידענע אָרטאָדאָקסישע דאָקטרינען און מנהגים. לכתחילה האָט ער דיסקוסירט אין לאַטיין, לויט דער מאָדע פון די „שולמענער". נאָכהער האָט ער זיך באַנוצט מיטן נייעם וואָפן פון געדרוקטן וואָרט און פאַרשפרייט זיינע אַנשויונגען איבער גאַנץ דייטשלאַנד, ווענדנדיק זיך צום איינפאַכן עולם. ס'איז געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן אים אומשעדלעך צו מאַכן, אַזוי ווי הוסן, אָבער די דרוק - פרעס האָט געענדערט די באַציונגען, און ער האָט געהאַט צופיל אָפענע און געהיימע פריינט צווישן די הערשער, אַז ער זאָל טיילן הוס' גורל, ווייל איצט, אין דעם פעריאָד פון זיך מערנדע אידייען און אָפּגעשוואַכטן גלויבן, זענען געווען אויך הערשער, וואָס האָבן דערזען אַ נוצן אין דעם צורייסן די קייטן צווישן זייער פאָלק און רוים. זיי האָבן אַליין געוואָלט פערזענלעך ווערן די הויפּטן פון אַ מער נאַציאָנאַליזירטער רעליגיע. ענגלאַנד, שאָטלאַנד, שוועדן, נאָרוועגן, דענ-

מאַרק, צפון-דייטשלאַנד און בעמען, איינע נאָך דער אַנדערער, האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער רוימישער קאָמוניע. זיי זענען זינט דאַן אָפּגעטיילט. די פאַרשידענע פּראָטעסטאַנטישע הער-שער האָבן זער ווייניק געזאָרגט פאַר דער מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער פרייהייט פון זייערע אונטערטאַנער. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט די רעליגיעזע ספקות און אויפשטאַנדן פון זייערע פעלקער, כדי זיך צו באַפעסטיקן קעגן רוים, אָבער זיי האָבן זיך באַמיט אַרויפצולייגן זייער האַנט אויף דער פּאָפּולע-רער באַוועגונג, קוים איז דערגרייכט געוואָרן יענער ברוך און ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע קירך אונטער דער קאָנטראָל פון דער קרוין. אָבער ס'איז שטענדיק געוועז אַ באַ-זונדערע לעבעדיקייט אין יעזוס לערע, אַ דירעקטער אַפּעל צו יושר און צו דעם מענטשס זעלבסטרעספּעקט איבער יעדער לאָיאַליטעט און יעדער אונטערוואַרפונג, סיי וועלטלעכער, סיי קירכערלעכער. קיין שום פון די דאָזיקע הערשנדע קירכן האָט זיך נישט אָפּגעריסן, נישט אָפּרייסנדיק אויך אַ גרופּע פאַרשי-דענע סעקטעס. די זעלבע האָבן נישט געהאַלט דערלאָזן קיין שום אינטערווענץ, סיי דעם הערשער'ס, סיי דעם פּויפּסט'ס, צווישן מענטש און גאָט.

אין ענגלאַנד און שאָטלאַנד צ. ב. זענען געווען אַ סך סעקטעס, וואָס האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי דער ביבל, אַלס זייער איינציקער וועג-ווייזער אין לעבן און גלויבן. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן דער דיסציפּלין פון אַ מלוכהשער קירך. אין ענגלאַנד זענען די דאָזיקע אַנדערש-גלויביקע (דיסי-דענטן) געווען נאָן-קאָנפאָרמיסטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ זייער גרויסע ראָל אין פּאָליטישן לעבן פון יענעם לאַנד אין 17-טן און 18-טן י. ה. אין ענגלאַנד האָבן זיי דערפירט זייער קעג-נערשאַפט צו אַ פירשטלעכן ראש פון דער קירך אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געקעפּט דעם קעניג טשאַרלז (קאַראָל) I (1649), און דורך עלף פּראָספּערירנדע יאָרן איז ענגלאַנד געווען

אַ רעפּובליק אונטער דער נאָן־קאָנפאָרמיסטישער הערשאפט. דאָס אָפּרייסן זיך פון דעם גרויסן טייל פון צפון־אייראָפּע פון לאַטייניש קריסטנטום ווערט אָנגערופן די רעפאָרמאַציע. דער טרייסל און קראַפט פון די דאָזיקע פאַרלוסטן האָט גורם געווען אַזעלכע שנויים, אפשר אַזעלכע שטאַרקע, ווי אין דער קירך זעלבסט.

די קירך איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן און ס'איז אין איר אַריינגעבלאָזן געוואָרן אַ נייער גייסט. איינע פון די הערשנדיקע פיגורן אין דעם אויפלעב איז געווען אַ יונגער שפּאַנישער זעלנער, איניגאָ לאָפּעז דע רעקאַלדע, בעסער באַקאַנט אויף דער וועלט אַלס דער הל. איגנאַציוס פון לאָיאָלאַ. נאָך געוויסע ראָמאַנטישע אָנהייבן איז ער געוואָרן אַ גלח (1538) און עס איז אים דערלויבט געוואָרן צו גרינדן „די געזעלשאפט פון יעזוס״, אַ דירעקטער פאַרזוך אַריינצוברענגען די גרויסמוטיקע און ריטערלעכע טראַדיציעס פון מיליטערישער דיסציפּלין אין דער דינסט פון דער רעליגיע. די דאָזיקע געזעלשאפט פון יעזוס, די יעזואיטן, איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע באַלערנדע און מיסיאָנערישע געזעלשאַפטן, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען. זי האָט אַריינגעברענגט דעם קריסטיאַניזם קיין אינדיע, כינע און אַמעריקע. זי האָט אָפּגעשטעלט די שנעלע צעפּאַלונג פון דער רוימישער קירך. זי האָט אויפגעהויבן דעם דערציונגס־ניוואָ אין דער גאַנצער קאַטוילישער וועלט; זי האָט אויפגעהויבן דעם ניוואָ פון דער קאַטוילישער אינטעליגענץ און דערמוטיקט אומעטום דעם קאַטוילישן באַוווסטזיין. זי האָט אָנגערעגט דאָס פּראָטעסטאַנטישע אייראָפּע פאַר קאָנקורירנדיקע דערציונגס־אָנשטרענגונגען. די ענערגישע און אגרעסיווע רוימיש־קאַטוילישע קירך, וועלכע מיר קענען היינט איז הויפּטזעכלעך דער פּראָדוקט פון דעם דאָזיקן יעזואיטישן אויפלעב.

קאפיטל 15

קיסר קאַרל V

די הייליקע רוימישע אימפעריע האָט דערגרייכט אַ מין קולמינאַציע־פּונקט אין דער הערשאַפט פון קיסר קאַרל V. ער איז געווען איינער פון די אויסערגעוויינלעכסטע מאָנאַרכן, וואָס איירָאָפּע האָט ווען עס איז געזען. אַ צייט האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז דער גרעסטער מאָנאַרך זינט קאַרל דעם גרויסן. זיין גרויסקייט האָט ער אָבער נישט אַליין דערוואָרבן. זי איז געווען הויפּטזעכלעך דער באַשאַף פון זיין זיידע, קיסר מאַקסימיליאַן I (1459—1511). טייל פאַמיליעס האָבן זיך אויסגעקעמפט זייער וועג צו דער מאַכט איבער דער דער וועלט, אַנדערע ווידער האָבן דאָס דערגרייכט מיט אינטריגעס. די האַבסבורגער האָבן דאָס דערגרייכט מיט חתונות. מאַקסימיליאַן האָט אָנגהויבן זיין קאַריערע מיט עסטרייך, שטייערמאַרק, אַ טייל פון עלזאַס און אַנדערע געביטן, די אורשפּרינגלעכע האַבסבורגער ירושה; ער האָט חתונה געהאַט — דער מאַדאַמ׳ס נאָמען גייט אונדז וויִנציק אָן — מיט נידערלאַנד און בורגונדיע.

נאָך זיין ערשטער פרוי׳ס טויט, האָט זיך דער גרעסטער טייל בורגונדיע אָפּגעריסן, אָבער ער איז געבליבן ביי נידערלאַנד. דאַן האָט ער דערפאָלגלאָז זיך באַמיט חתונה צו האָבן מיט ברעטאַן. נאָך זיין פאָטער, פרידריך III, איז ער אין 1439 געוואָרן קיסר און חתונה געהאַט מיטן מיילענדישן פירשטנטום. צום סוף האָט ער חתונה געמאַכט זיין זון פאַר דער שוואַכזיניקער טאָכטער פון פערדינאַנד און איזאַבעלא, (די זעלבע, וואָס האָבן פּראַטעזשירט קאָלומבוסן), וועלכע האָבן נישט בלויז געהערשט איבער אַ נאַר־וואָס פאַראייניקט שפּאַניע, סאַרדיניע און דעם קעניגרייך פון די ביידע סיציליעס, נאָר אויך איבער

אַמעריקע צו מערב פון בראַזיליען. אָט אַזוי אַרום איז עס געווען, וואָס דער דאָזיקער קאַרל V, זיין אייניקל, האָט געירשנט דעם גרעסטן טייל פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט און צווישן אַ דריטל און אַ העלפט פון דעם, וואָס די טערקן האָבן איבערגעלאָזט פון אייראָפּע. אין 1506 האָט ער באַקומען נידערלאַנד. ווען זיין זיידע פערדינאַנד איז געשטאָרבן אין 1516, איז ער פאַקטיש געוואָרן קעניג פון די שפּאַנישע געביטן, ווייל זיין מוטער איז געווען אן אידיאָטקע, און נאָך זיין זיידע מאַקסימיליאַנ׳ס טויט אין 1519, איז ער אין 1520 געווילט געוואָרן אַלס קיסר, זייענדיק דאַן אין דעם פאַרהעלטניסמעסיק צאַרטן עלטער פון 20 יאָר. ער איז געווען אַ שיינער יונגער מאַן מיט אַ נישט זייער אינטעליגענט פּנים, אַ דיקער אויבערשטער ליפּ און אַ לאַנגער אומגעלומפּערטער גאָמבע. ער האָט זיך געפינען אין אַ וועלט פון יונגע און ענערגישע פּערזענלעכקייטן. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון גלענצנדיקע יונגע מאָנאַרכן. אין 1515 איז פראַנסיס I אַרויף אויפן פראַנצויזישן טראָן, זייענדיק אַלט 21 יאָר; אין 1509 איז הענרי VIII געוואָרן ענגלישער קעניג, זייענדיק אַלט 18 יאָר.

דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון באַבער אין אינדיע (1526—30) און סולימאַן דעם פּראַכטפולן אין טערקיי (1520), ביידע אויסנאַמלעכע פעאיקע מאָנאַרכן, און דער פּויפּסט לעאָ X, (1513) וועלכער איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער פּויפּסט. דער פּויפּסט און פראַנסיס I האָבן געוואָלט שטערן די וואַל פון קאַרלן אַלס קיסר, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער קאָנצענטראַציע פון אַזוי פיל מאַכט אין די הענט פון איין מענטש. ביידע, פראַנסיס I און הענריך VIII, האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע קאַנדידאַטורן. אָבער ס׳איז שוין געווען אַ לאַנג־איינגעוואָרצלטע טראַדיציע פון אַ האַבסבורגער קיסר (זינט 1273) און אויך אַ ביסל ענערגישע אונטערקויפונג האָט פאַרזיכערט די וואַל פון קאַרלן. לכתחילה איז דער יונגער מאַן

געווען אַ מאָנעקין ביי זיינע מיניסטאָרן. נאכהער האָט ער ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן צו באַפעסטיקן און קאָנטראָלירן. ער האָט אָנגעהויבן צו באַקומען אַ שטיקל באַגריף פון די דראַנגדיקע קאָמפּליצירטקייטן פון זיין הויכער פּאָזיציע. דאָס איז געווען אַ פּאָזיציע אויף אזוי פיל נישט קיין זיכערע, אויף וויפיל זי איז געווען אַ פּראַכטפולע. פון סאַמע אָנהייב פון זיין הערשאַפט איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דייטשלאַנד צוליב לוטערס אַגיטאַציע. צוליב דער אָפּאָזיציע פון פּויפּסט צו זיין וואַל, האָט דער קיסר געהאַט איין סיבה צו שטעלן זיך אויף די רעפאָרמאַטאָרנ׳ס זייט. אָבער ער איז דערצויגן געוואָרן אין שפּאַניע, דאָס קאַטוילישסטע לאַנד, און ער האָט זיך אַנטשלאָסן קעגן לוטערן. אזוי ערום איז ער פארוויקלט געוואָרן אין אַ קאָנפליקט מיט די פּראָטעסטאַנטישער הערשער, באַזונדערס מיט דעם זאַקסישן עלעקטאָר. ער איז געשטאַנען פאַר אַן אָפענעם שפּאַלט, וואָס האָט געדאַרפט צושפּליטערן די צעפאַלענע געביידע פון קריסטנטום אויף צוויי קעמפנדיקע מחנות. זיינע פּרווון צו פאַרמאַכן דעם דאָזיקן שפּאַלט זענען געווען ענערגישע, אויפריכטיקע און דערפאָלגלאָזע. אין דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער פּויערים־אויפשטאַנד, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער און רעליגיעזער אומאָרדנונג.

די דאָזיקע אינערלעכע צרות זענען פאַרקאָמפּליצירט געוואָרן דורך די שטאַפּלען אויף דער מלוכה, אי פון מזרח, אי פון מערב. צו מערב האָט קאַרל געהאַט צו טון מיט זיין דרייסטן ריוואַל, פראַנציס I, צו מזרח — די וואָס אַמאָל מער זיך פאָררוקנדיקע טערקן, וואָס זענען איצט געווען אין אונגאַרן, אין אַליאַנס מיט פראַנציס, און זיי האָבן געפאָדערט געוויסע פאַרלאַנגענע אָפּצאָלונגען פון די עסטרייכישע געביטן. קאַרל האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע דאָס געלט און אַרמיי פון שפּאַניע, אָבער ס׳איז געווען אויסערגעוויינלעך שווער צו באַקומען אַ ווירקזאַמע געלט

שטיצע פון דייטשלאַנד. זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע דאגות זענען פאַרקאָמפּליצירט געוואָרן דורך פינאַנציעלע צרות. ער איז געצוווּנגען געוואָרן צו באָרגן זיך געלט אויף רואינירנדיקע פּראָצענטער.

בכלל איז קאַרל, מיט הענרי VIII אַלס פאַרבונדעטער, געווען דערפאָלגרייך קעגן די טערקן און פראַנסיס I. זייער הויפּטשלאַכט-פעלד איז געווען צפון-איטאַליע; די אָנפירערשאַפט איז שוואַך געווען בייביידע צדדים; זייער פאָרווערטס גיין אָדער ריקטריט האָט זיך הויפּטזעכלעך געווענדט אָן דעם אָנקום פון פאַרשטאַרקונגען. די דייטשע אַרמיי האָט אָקופּירט פראַנקרייך, נישט געקענט נעמען מאַרסייל, צוריק אַריין קיין איטאַליע, פאַרלוירן מיילאַנד און איז באַלאַגערט געוואָרן אין פּאַוויאַ. פראַנסיס I האָט אַ לאַנגע צייט און דערפאָלגלאָז באַלאַגערט די דאָזיקע שטאָט, איז אָנגעגריפן געוואָרן פון פרישע דייטשע כוחות, געליטן אַ מפּלה, פאַרווּנדעט געוואָרן און גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

אָבער דאָ האָבן דער פּויפּסט און הענרי VIII, נאָך אַלץ איבערגעשראָקן פאַר זיין דערגרייכטער איבערגעוויינלעכער מאַכט, זיך אויסגעדרייט צו קאַרלן. די דייטשע חיילות אין מיילאַנד, אונטער דער אָנפירונג פונם קאָנסטאַבל פון בורבאָן, וועלכע מ'האָט נישט באַצאָלט קיין שכירות, האָבן גיכער געצוווּנגען ווי באַגעגאַנגען זייער קאָמאַנדיר צו באַפאַלן רוים. זיי האָבן געשטורמט די שטאָט און זי פאַרברענט (1527). בשעת דער שחיטה און פּאָגראָם, האָט דער פּויפּסט זיך באַהאַלטן אין שלאָס פון הל. אַנדזשעלאָ. ענדלעך האָט ער זיך אויסגעקויפט פון די דייטשע חיילות, באַצאָלנדיק 400 טויזנט דוקאַטן. צען יאָר פון אַזעלכע צומישנדיקע קאַמפן האָבן פאַראָרעמט אייראָפּע. ענדלעך איז דער קיסר געבליבן זיגער אין איטאַליע. אין 1530 איז ער געקרוינט געוואָרן דורכן פּויפּסט — ער איז געווען דער לעצטער דייטשער קיסר, וואָס איז אַזוי אַרום געקרוינט געוואָרן—

אין באַלאַניאַ.

דערווייל האָבן די טערקן געמאַכט גרויסע פאָרשריט אין אונגאַרן. זיי האָבן צעקלאַפּט און דערהרג׳עט דעם אונגאַרישן קעניג אין 1526, זיי האָבן איינגענומען בודאַפּעשט און אין 1529 האָט סוליימאַן דער פּרעכטיקער שיער גענומען ווין. דער קיסר האָט געהאַט גרויס עגמת נפש פון די דאָזיקע פאָרשריטן און ער האָט געטון דאָס אויסערסטע, כּדי אָפּצושטויסן די טערקן, אָבער ער האָט זיך באַגעגנט מיט גרויסע שוועריקייטן ביים פאַראייניקן די דייטשע הערשער, אפילו בעת דער פורכטבאַרער שונא איז געשטאַנען ביי זייערע אייגענע גרענעצן. פראַנסיס I האָט אַ צייט זיך נישט געוואָלט איבערבעטן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פראַנצויזישע מלחמה. אָבער אין 1538 האָט קאַרל, נאָכן פאַרוויסטן צפון־פראַנקרייך, געוווּנען אויף זיין זייט דעם קאָנקורענט און אים באַוויגן צו אַ פריינטלעכער שטעלונג.

זיי האָבן דאַן געשלאָסן אַ בונד קעגן די טערקן. אָבער די פּראָטעסטאַנטישע הערשער, די דייטשע פירשטן, וואָס זענען אַנטשלאָסן געווען אָפּצורייסן זיך פון רוים, האָבן געגרינדעט אַ ליגע, די שמאַלקאַלדישע ליגע, קעגן דעם קיסר, און אנשטאט אַ גרויסער קאַמפּאַניע פאַרן אָפּנעם פון אונגאַרן פאַרן קריסטנ־טום, האָט ער געמוזט לענקן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם זיך־אָנזאַמלענדיקן אינערלעכן שטרייט אין דייטשלאַנד. ער האָט נאָר געזען דעם אָנהייב פון יענעם שטרייט. דאָס איז געווען אַ קאַמף, אַ בלוטיק נישט-ראַציאָנעל אַרומרייסן זיך פון פירשטן פאַר דער אויבערהערשאַפט, אויפפלאַמענדיק אין אַמלחמה און פאַרניכטונג, אָדער זיך אַראָפּגעלאָזט צו אינטריגעס און דיפּלאָ־מאַטישע קונצן; דאָס איז געווען אַ שלאַנגען־טאַרבע פון פירשטלעכער פּאָליטיק, וואָס האָט געדויערט, דרייענדיק זיך אומהיילבאַר, ביזן 19־טן יאָרהונדערט און פאַרוויסט און פאַרניכ־טעט צענטראַל־אייראָפּע ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל. דער קיסר האָט, דוכט זיך, קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען די אמתע

כוחות־פאַרהעלטנישן אין די דאָזיקע זיך-אָנזאַמלענדיקע צרות· לויט זיין צייט און לאַגע איז ער געווען אַן אויסנאַמלעכער ווירדיקער מענטש, און ס'ווייזט אויס, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז די רעליגיעזע קאַמפן, וואָס האָבן צוריסן אייראָפּע אויף קעמפנ- דיקע טיילן, זענען אָריגינעלע טעאָלאָגישע חלוקי-דיעות. ער האָט צונויפגערופן רייכסטאגן און ראַטן מיט דעם פּרוכטלאָזן פּרווו זיי איבערצובעטן. פאָרמולאַס און דאָגמאַס זענען אונ- טערגעזוכט געוואָרן. דער פאָרשער פון דער דייטשער געשיכטע מוז זיך אַן עצה געבן מיט די פרטים פון דעם רעליגיעזן שלום פון נירנבערג, די באַשלוסן פון רייכסטאָג פון ראַטיסבאָן, דער אויגוסבורגער אינטעריִם 1) א. ד. ג. דאָ דערמאָנען מיר זיי בלויז אַלס פּרטים אין דעם מידמאכנדיקן לעבן פון דעם קול- מינאַציע-קיסר, ס'איז אַ פאַקט, אַז קיינער פון די צאָלרייכע פירשטן און הערשער אין אייראָפּע האָט, דוכט זיך, נישט גע- האַנדלט אויפריכטיק. די ווייט פאַרשפּרייטע רעליגעזע דאגות פון דער וועלט, דער ווונטש פון דעם פּשוטן פאָלק נאָך אמת און סאָציאַלן יושר, די פאַרשפּרייטע וויסנשאַפט פון דער צייט, די אַלע דאָזיקע זאַכן זענען בלויז געווען האַנדלס-פאָזיציעס אין די אימאגינאַציעס פון דער פירשטלעכער פּאָליטיק. דער ענגלישער קעניג הענרי VIII, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט אַ בוך וועגן אַפּיקורסות, און וועלכער איז באַ- שאָנקען געוואָרן פון פויפּסט מיטן טיטל „באשיצער פונם גלויבן", וויל ד'ק שטאַרק געטן זיין פּרוי צוליב אַ יונגער ליידי מיטן נאָמען אַננא באַלעין, און ווילנדיק אויך באַרויבן דאָס גרויסע רייכטום פון דער קירך אין ענגלאַנד, האָט זיך פאַראייניקט מיט די פּראָטעסטאַנטישע פירשטן אין 1530. שוועדן, דענמארק

1) ווערטלעך: צווישן-צייט. אין דער געשיכטע פון דער רעפאָרמאַציע, ווען דער דייטשער קיסר האָט אַרויסגעגעבן עדיקטן וועגן רעליגעזע ענינים ביז מ'האָט וועגן זיי דעצידירט אויף אַ קאָנציל.

און נאָרוועגן זענען שוין געהאַט איבערגעגאַנגען אויף דער פּראָטעסטאַנטישער זייט. די דייטשע רעליגעזע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אין 1546, אַ פּאָר חדשים נאָך לוטער׳ס טויט. עס דאַרפן אונדז נישט אינטערעסירן די איינצלהייטן פון דער דאָזיקער קאַמפּאַניע. ביי לאָכאו איז די פּראָטעסטאַנטישע זאַקסישע ארמיי שטאַרק צושלאָגן געוואָרן. דורך עפּעס, וואָס איז זייער ענלעך צו א פּאַראַט, איז דעם קיסר׳ס הויפּט איבער-געבליבענער קעגנער, פיליפּ פון העסן, געפאנגען און איינגעזעצט געוואָרן אין אַ תפיסה און פון די טערקן האָט מען זיך אויס-געקויפט מיט דער הבטחה וועגן א יערלעכן מס. אין 1547 איז פראַנסיס I, צום קיסר׳ס גרויסער שמחה, געשטאָרבן. אַזוי אַרום האָט קאַרל אין 1547 דערגרייכט אַ מין איינגעאָרדנטע לאַגע און געמאַכט זיינע לעצטע אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן שלום, ווו ס׳איז נישט געווען קיין שלום.

אין 1522 איז גאַנץ דייטשלאַנד ווידער געווען אין קריגס-צושטאַנד, און נאָר אַ דאַנק זיין שנעל אַנטלויפן פון אינסברוק האָט ער זיך געראַטעוועט פון געפאַנגענשאַפט, און אין 1522 איז, דורך דעם טראַקטאַט פון פּאַסאַו, דערגרייכט געוואָרן אַ צווייטע נישט סטאַבילע גלייכגעוויכט... דאָס זענען בקיצור די הויפּט-שטריכן פון דעם קיסר׳ס פּאָליטיק פאַר די 32 יאָר. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי פולשטענדיק דער אייראָפּעאַ שער געדאַנק האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם שטרייט וועגן דער אייראָפּעאישער אויבערהערשאַפט. נישט די טערקן, פראַנצויזן, ענגלענדער אָדער דייטשן האָבן נאָך נישט געהאַט קיין פּאָליטישן אינטערעס אין דעם גרויסן אַמעריקאַ-נער קאָנטינענט און נישט געוווסט די באַדייטונג פון די ניי-ע ים-וועגן קיין אַזיע. אין אַמעריקאַ זענען פאָרגעקומען גרויסע געשעענישן. קאָרטעז האָט מיט אַ קליין הייפל מענטשן דע-ראָבערט די גרויסע נעאָליטישע מלוכה פון מעקסיקא לטובת שפּאַניע, פּיזאַראָ איז אַריבער דעם פּאַנאַמאַ-האַלדז (1530) און

אונטערגעיאָכט אַן אַנדער וווּנדערלאַנד, פּערו. אָבער דערווייל האָבן די געשעעניש נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג פֿאַר אייראָפּע, נאָר בלויז דאָס, וואָס דער שפּאַנישער מלוכה-אוצר איז באַרייכערט געוואָרן מיט דעם נוצלעכן זילבער.

נאָך דעם פּאַססאַוער טראַקטאַט האָט קאַרל אָנגעהויבן אַרויסצווייזן די בולטע אָריגינעלקייט פֿון זיין געדאַנק. ער איז איצט פֿוילשטענדיק געווען צוריקצט און אַנטוישט פֿון זיין קיסרשער גרויסקייט. ער האָט אָנגעהויבן צו באַגרייפֿן די אומדערטרעגלעכע פּרוכטלאָזיקייט פֿון דער אייראָפּעאישער ריוואַליזאַציע. ער איז קיינמאָל נישט געווען איבריק געזונט, פֿון דער נאַטור איז ער געווען אַ פֿוילער און שטאַרק געליטן פֿון פּאָדאַגרא. ער האָט אַבדיקירט. זיינע אַלע סוווערענע רעכט אין דייטשלאַנד האָט ער איבערגעגעבן זיין ברודער פֿערדינאַנד, און פֿון שפּאַניע און נידערלאַנד האָט ער רעזיגנירט לטובת זיין זון פֿיליפּ. דאַן איז ער מיט אַ מין גרויסקייט-כעס אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר אין יוסטע, צווישן דעמבע- און קאשטאן וועלדער, אויף די בערג צו צפֿון פֿון דעם טאַגוסטאָל. דאָרט איז ער געשטאָרבן אין 1558

ס'איז א סך געשריבן געוואָרן, אין אַ סענטימענטאַלן אופֿן, וועגן זיין אָפּזונדערונג פֿון דער וועלט, דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון דער וועלט פֿון דעם דאָזיקן מידן מאַיעסטעטישן טיטאַן, מיד פֿון דער וועלט, זוכנדיק אין א שטרענגער איינזאַמקייט שלום מיט גאָט. אָבער זיין ריקטריט איז נישט געווען נישט איינזאַם, נישט שטרענג; ער האָט מיט זיך געהאַט 150 משרתים, זיין פּאַלאַץ האָט געהאַט דעם גאַנצן פּראַכט און די פֿאַרגעניגנס פֿון אַ הויף, אָבער אָן זיינע דאגות. און פֿיליפּ II איז געווען אַ געהאָרכזאַמער זון און זיין פֿאָטער'ס עצות זענען פֿאַר אים געווען אַ באַפֿעל. און אויב ער האָט זיך אויפֿגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער אַדמיניסטראַציע פֿון די אייראָפּעאישע ענינים, זענען געווען אנדערע מאָטיוון פֿון אַ מער נאָענטן סאָרט, וואָס זאָלן אים דערצו באַוועגן. זאָגט פּרעסקאָט:

אין דער כמעט טעגלעכער קאָרעספּאָנדענץ צווישן קיקסאַדע אָדער גאַזטעלו און דעם שטאַט-סעקרעטאַר אין וואַללאַדאָליד, איז קוים פאַראַן אַ בריוו, וואָס זאָל נישט, מער אָדער וועניקער, רעדן וועגן קיסר'ס עסן אָדער קרענק. איינס האָט, ווייזט אויס, נאַטירלעך נאָכגעפאָלגט ווי אַ פּרוש צום אַנדערן. ס'איז זעלטן, אַז אַזעלכע טעמעס זאָלן זיין דער יסוד פון קאָמוניקאַציע מיט אַ שטאַטס-דערפּאַטאַמענט. ס'איז מסתם נישט לייכט געווען פאַרן סעקרעטאַר צו בלייבן ערנסט, לעזנדיק די דאָזיקע בריוו, אין וועלכע פּאָליטיק און גאַסטראָנאָמיע זענען געווען אַזוי משונה-דיק אויסגעמישט. דעם קוריער פון וואַללאַדאָליד קיין ליסאַבאָן האָט מען געהייסן מאַכן אַן אומוועג, כדי ער זאָל אָפּטרעטן אין יאַראַנדיללאַ און ברענגען שפּייז פאַרן קעניגלעכן טיש. דאָנערשטיק האָט ער געדאַרפט ברענגען פיש פאַר דעם „מאָגערן טאָג", וואָס קומט אָן1).

דער פּאָרעל פון דער אומגעגנט איז פאַר קאַרלן געווען צו-קליין, און מ'האָט אים געמוזט שיקן גרעסערע מינים פון וואַללאַדאָליד. ער האָט ליב געהאַט אַלע מינים פיש, אין אמתן אַלץ, וואָס איז לויטן כאַראַקטער אָדער געוויינהייט געווען נאָענט צו פיש; אַאַלפיש, זשאַבעס און אויסטערס האָבן פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דעם קייזערלעכן מענו. מאַרינירטע פיש, באַזונדערס שעליאַוועס, האָבן ביי אים אויסגענומען, און ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט געבערענגט אַ בעסערן זאַפּאַס פון די דאָזיקע מינים פון די „נידריקע לענדער". באַזונדערס איז ער פאַרליבט געווען אין אַ פּאַשטעט פון אַאַלפיש (פּרעסקאָט, הוספה צו ראָבערטסאָנ'ס געשיכטע פון קאַרל V).

אין 1554 האָט ער געקריגן אַ בולא פון פּויפּסט יוליוס III, וואָס האָט אים באַפרייט פון תענית און אים דערלויבט צו

1) פאַסט. (פּרייטיק)

עסן באַלד אינדערפרי, אפילו ווען ער האָט געדאַרפט נעמען דעם סאַקראַמענט.

עסן און דאָקטירן זיך! דאָס איז געווען אַ צוריקגאַנג צו עלעמענטאַרע זאַכן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעווינט צום לייענען, נאָר מ׳האָט פאַר אים פאָרגעלייענט בעת די מאָל־צייטן, לויט קאַרל דעם גרויסנס נוסח, און ער האָט צוגעגעבן, ווי איין דערציילער באשרייבט עס „זיסע און געטלעכע פירושים". ער האָט זיך אויך געוויילט מיט מעכאַנישע שפּילערייען, הערנ־דיק מוזיק אָדער דרשות, און אינטערעסירנדיק זיך מיט די מלוכהשע ענינים, וואָס זענען נאָך אָנגעקומען צו אים. דער טויט פון דער קייזערין, צו וועלכער ער איז שטאַרק געווען צוגעבונדן, האָט געלענקט זיין געדאַנק אויף דער רעליגיע, וועלכע האָט אין דעם פאַל אָנגענומען אַ פעדאַנטישע און צע־רעמאָניעלע פאָרם. יעדן פרייטאָג, בעת דעם „פאַסט", האָט ער זיך געלאָזט שמייסן צוגלייך מיט דער רעשט מאָנאַכן, מיט אַזאַ אייפער, אַז ס׳האָט גערונען בלוט. די דאָזיקע איבונגען און די פאָדאַגראַ האָבן אין אים פריי געלאָזט דעם פאַנאַטיזם, וואָס איז ביז איצט, מיט ריקזיכט אויף דער פּאָליטיק, געווען באַ־גרעניצט. דאָס באַווייזן זיך פון דער פּראָטעסטאַנטישער לערע נאָנט פון אים, אין וואַללאַדאָליד, האָט אין אים דערוועקט אַ משוגענעם כּעס.

„זאָגט דעם גרויס־אינקוויזיטאָר און זיין ראַט אין מיין נאָמען, אַז זיי זאָלן שטיין אויף דער וואַך און אויסרוימען דאָס שלעכטס מיטן וואָרצל, איידער עס פאַרשפּרייט זיך ווייטער". ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין ספק, צי עס וואָלט נישט ריכטיק געווען אין אַזאַ ערנסטער לאַגע אָפּזאָגן זיך פון געוויינלעכן גאַנגן פון דער גערעכטיקייט און נישט צו ווייזן קיין שום רחמנות; „כּדי דער פאַרברעכער, אויב מ׳וועט אים שענקען, זאָל נישט האָבן די געלעגנהייט נאָכאַמאָל איבערצוחזרן די עבירה". אַלס ביי־שפּיל האָט ער רעקאָמענדירט זיין אייגענע האַנדלונג אין ני־

דערלאַנד „ווי אַלע, וואָס זענען געבליבן איינגעזעקשנט אין זיי-
ערע טעותים, זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, און
יענע, וואָס האָבן תשובה געטון, זענען געקעפּט געוואָרן". און
כמעט סימבאָליש אַלס זיין פּלאַץ און ראָל אין דער געשיכטע,
איז געווען זיין איבערבאַשעפטיקונג מיט לויות. ס'ווייזט אויס,
אַז ער האָט געהאַט אַן אינטואיציע, אַז עפּעס גרויסעס איז גע-
שטאָרבן אין אייראָפּע און מ'דאַרף עס נויטיק צו באַגראָבן, אַז
מ'דאַרף שרייבן פיניס (סוף), פאַרביי.

ער האָט נישט בלויז בייגעווינט יעדע אַקטועלע לויה. וואָס
איז פאָרגעקומען אין יוסטע, נאָר ער האָט אויך אָפּגעהאַלטן
גאָטעס-דינסטן פאַר די אָפּוועזנדע מתים. ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ
לויהשע גאָטעסדינסט אין אָנדענקען פאַר זיין פרוי אין איר יאָר-
צייט טאָג. און צום סוף האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַ לויה.

„די קירך איז געווען פאַרהאָנגען אין שוואַרצן און די
שיין פון הונדערטער וואַקסענע ליכט איז קוים געגוג געווען
צו פאַרטרייבן די פינצטערניש. די „ברידער" אין זייערע מאָ-
נאַכישע בגדים און דעם קיסרס הויזגעזינד, אָנגעטון אין שוואַרצע
טרויער-בגדים, האָבן זיך גרופּירט אַרום אַ ריזיקן קאַטאַפאַלק,
וואָס איז אויך געווען איינגעהילט אין שוואַרצן, וועלכער איז
געשטאַנען אין מיטן דער קירך.

דאַן איז אָפּגעריכט געוואָרן תפלה פאַר דעם מקבר זיין
דעם מת; און אינמיטן דעם טרויעריקן געוויין פון די מאָנאַכן
זענען געזאָגט געוואָרן תפלות פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם גייסט,
אַז ער זאָל אויפגענומען ווערן אין דעם זיץ-אָרט פון די פרומע.
די טרויעריקע אָנוועזנדע זענען צוגעגאַנגען אין טרערן, גלייך
ווי דאָס בילד פון זייער באַלעבאָס טויט שטעלט זיך זיי פאַר
אין געדאַנק, אָדער אפשר זענען זיי גערירט געוואָרן פון
רחמנות דורך דעם באַדויערנסווערטן באַוויז פון שוואַכקייט.
קאַרל, איינגעהילט אינגאַנצן אין א שוואַרצן מאַנטל, טראָגנדיק
אַן אָנגעצונדן ליכט אין דער האַנט, האָט זיך אויסגעמישט מיט

זיין הויז־געזינד, אַ צושויער פון זיין אייגענער לויה; און די דאָזיקע טרויעריקע צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט מיט זיין אַריינלייגן דעם ליכט אין דעם גלח'ס האנט אַריין אַלס צייכן, אַז ער גיט אָפּ זיין נשמה דעם אַלמעכטיקן. צוויי חדשים נאָך דעם מאַסקאַראַד איז ער געשטאָרבן. און די קורצדויערנדיקע גרויסקייט פון דער הייליקער רוימישער מלוכה איז מיט אים אָפּגעשטאָרבן. זיין מלוכה איז שוין געווען צוטיילט צווישן זיין ברודער און זיין זון. די הייליקע רוימישע אימפּעריע האָט אין דער ווירקלעכקייט געקעמפּט ביז נאַפּאָלעאָן דעם ערשטנס צייטן, אָבער שוין אַלס אינוואַליד און גוסס. נאָך היינט פאַרסמט איר נישט באַגראָבענע טראַדיציע די פּאָליטישע אַטמאָספערע.

קאַפּיטל 16.

דער פּעריאָד פון פּאָליטישע עקספּערימענטן. גרויסע מאָנאַרכיעס, פּאַרלאַמענטן און רעפּובליקאַניזם אין אייראָפּע.

די לאַטיינישע קירך איז געווען צובראָכן, די הייליקע רוימישע מלוכה איז געווען אין אַן אויסערסטער ירידה; די געשיכטע פון אייראָפּע פון דעם אָנהייב פון 16-ן י. ה. און ווייטער, איז אַ געשיכטע פון פעלקער, וואָס טאַפּן אין דער פינצטער אַ וועג צו נייע רעגירונגס-מעטאָדן, וואָס זאָלן זיין בעסטער צוגעפּאַסט צו די ניי-אַנטשטאַנענע באַדינגונגען. אין דער אַלטער וועלט, במשך פון לאַנגע פּעריאָדן, זענען געווען דינאַסטיע-שנויים און אַפילו ענדערונגען פון דער הערשנדיקער ראַסע, פון שפּראַך, אָבער די רעגירונגס-פאָרם, דורך דער

פאַרמיטלונג פון מאָנאַרך און טעמפּל, זענען געבליבן סטאַביל און נאָך סטאַבילער איז געבליבן דער לעבנס־שטייגער.

אין דעם מאָדערנעם אייראָפּע זענען די דינאַסטישע שנויים זינט דעם 16־ן י. ה. נישט וויכטיק, און דער אינטערעס פון דער געשיכטע ליגט אין די פאַרצווייגטע און זייער מערנדיקע פאַרשיידענע עקספּערימענטן אין פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס.

די פּאָליטישע געשיכטע פון דער וועלט זינט דעם 16־ן י. ה. איז געווען, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אַן אָנשטרענגונג, הויפּטזעכלעך אַן אומבאַוווסטזיניקע אָנשטרענגונג פון דער מענטשהייט צו צופּאַסן אירע פּאָליטישע און סאָציאַלע מעטאָדן צו געוויסע נייע באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך איצט געשאַפן. די אָנשטרענגונג צוצופּאַסן זיך איז קאָמפּליצירט געווען אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס די באַדינגונגען אַליין האָבן זיך געענדערט מיט אַ כסדר וואַקסנדיקער שנעלקייט.

די דאָזיקע צופּאַסונג, ס׳רוב אומבאַוווסטזיניק און כמעט שטענדיק אָן חשק (ווייל דער מענטש האָט אין אַלגעמיין פיינט פּרייוויליקע ענדערונגען) איז וואָס אַמאָל מער הינטערשטעליק געוואָרן לגבי די ענדערונגען פון די באַדינגונגען. פון 16־ן י. ה. אָן איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט די געשיכטע פון פּאָליטישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס ווערן וואָס אַ מאָל מער בולטע מיספּאַסונגען, וועניקער באַקוועם און מער אויפרייצנדיקער. און זי איז אַ געשיכטע פון דער פּאַמעלעכער ווידערוויליקער פאַרווירקלעכונג פון דער נויטווענדיקייט פאַר אַ באַוווסטזיניקער און אויסגערעכנטער רעקאָנסטרוקציע פון דער סכעמע פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן לגבי די נויטן און מעגלעכקייטן, וואָס זענען געווען ניי פאַר אַלע פריערדיקע לעבנס־דערפאַרונגען.

וואָסערע ענדערונגען זענען דאָס פאָרגעקומען אין די באַדינגונגען פונם מענטשלעכן לעבן, וואָס האָבן דעזאָרגאַניזירט יענעם גלייכגעוויכט פון מלוכה, גלח, פּויער און סוחר, מיט

פּעריאָדישע דערפרישונגען פון באַרבאַרישע דעראָבערונגען, וואָס האָבן געהאַלטן די מענטשלעכע ענינים אין דער אַלטער וועלט אין אַ מין אַרבעטס-ריטם מער ווי 10,000 יאָר?

דאָס זענען געווען פּילפּאַכיקע און פאַרשידענע, ווייל די מענטשלעכע ענינים זענען פּילפּאַכיק קאָמפּליצירט, אָבער די הויפּט ענדערונגען האָבן, ווייזט אויס, זיך געדרייט אַרום איין סיבה, נעמלעך דער וווּקס און פאַרצווייגונג פון דער וויסנשאַפט וועגן דער נאַטור פון די זאַכן, אָנהייבנדיק זיך קודם כל ביי קליינע גרופּעס אינטעליגענטע מענטשן און זיך פאַרשפּרייטנדיק לכתחילה פּאַמעלעך, און אין די לעצטע 500 יאָר שנעלער צווישן וואָס אַמאָל גרעסערע פּראָפּאָרציעס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אָבער ס'איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין די מענטשלעכע באַדינגונגען, אַ דאנק דער ענדערונג אין דעם נוסח פון מענטשלעכן לעבן. די ענדערונג איז פאַרגעקומען איינצייטיק מיט דער פאַרגרעסערונג און פאַרצווייגונג פון דער וויסנשאַפט און איז זער סובטעל פאַרבונדן מיט דעם. ס'איז געווען אַ וואַקסנדיקע נייגונג צו האַלטן, אַז דאָס לעבן, וואָס שטיצט זיך אויף די פּשוטע און גאָר-עלעמענטאַרע ווונטשן און באַפרידיקונגען, איז אַ נישט צופרידנשטעלנדיק, און צו באַמיען זיך צו האָבן באַציונגען און אַנטייל נעמען אין אַ העכער לעבן.

דאָס איז די געמיינזאַמע כאַראַקטעריסטיק פון די אַלע גרויסע רעליגיעס, סיי בודדיזם, סיי קריסטיאַניזם און איסלאַם, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט אין די לעצטע 20,000 י. זיי האָבן געהאַט צו טון מיט דעם מענטשלעכן גייסט אין אַזאַ מאָס וואָס קיין שום עלטערע רעליגיע האַט דאָס נישט געהאַט. זיי זענען כוחות, וואָס זענען גאָר פאַרשידן, לויט זייער כאַראַקטער און ווירקונג, פון די אַלטע פעטישע בלוט-קרבנותדיקע רעליגיעס פון כוהן און טעמפּל, וועלכע זיי האָבן טיילווייז מאָדיפיצירט און טיילווייז פאַרטריבן.

זיי האבן שטופנווייז אנטוויקלט אַ זעלבסטשטענדיקע בײַ דעם יחיד און אַ באַגריף וועגן אנטייל און פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין די געמיינזאַמע אינטערעסן פון דער מענטשהייט, וועלכע האָבן נישט עקזיסטירט בײַ די פעלקער פון די עלטערע ציוויליזאַציעס. די ערשטע באַדייטנדע ענדערונג אין די באַדינגונגען פונעם פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן איז געווען די פאַרײַנפאַכונג און דער פאַרשפּרייטערטער געברויך פון דער שריפט אין די אַנטיקע ציוויליזאַציעס, וואָס האָט געמאַכט גרעסערע מלוכות און ברייטערע פּאָליטישע פאַרשטענדיקונגען פּראַקטישער און אומפאַרמיידלעך. דער שריט פאָרווערטס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אַרײַנפיר פונעם פערד, און שפּעטער פונעם קעמל, אַלס אַ טראַנספּאָרטמיטל, דאָס באַנוצן רעדערדיקע וועגן, דאָס פאַרגרעסערן זיך פון די שאַסייען און די פאַרגרעסערטע מיליטערישע ווירקונג, אַ דאַנק דער אַנטדעקונג פונעם ערד-אײַזן. דאַן זענען געקומען די גרויסע עקאָנאָמישע אומרוען, אַ דאַנק דעם געמינצטן געלט און אין דער ענדערונג פון כאַראַקטער פונעם חוב, אייגנטום-רעכט און האַנדל, אַ דאַנק דער דאָזיקער באַקוועמער, אָבער געפערלעכער הסכמה. די מלוכות זענען געוואַקסן אין פאַרנעם און אין ספערע, און די מענטשנס אידייען זענען אויך מיטגעוואַקסן, אַנטשפּרעכנד לגבי די דאָזיקע זאַכן. ס'זענען דאַן פאַרשוווּנדן געוואָרן די לאָקאַלע געטער, דער פעריאָד פון טעאָקראַטיע, און ס'איז געקומען די לערע פון די גרויסע וועלט רעליגיעס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטוויקלונג פון דער פאַרשטענדנישפולער געשיכטע און געאָגראַפיע, די ערשטע רעאַליזאַציע פונעם מענטש וועגן זײַן טיפער אומוויסנהייט, און דער ערשטער סיסטעמאַטישער זוך נאָך וויסנשאַפט.

אַ צייט איז דער דאָזיקער פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אַזוי גלענצנד אָנגעהויבן אין גריכנלאַנד און אַלעקסאַנדריע, איבערגעריסן געוואָרן. די אָנפאַלן פון די טעווטאָנישע באַרבאַרן, דער צו-מערב דראַנג פון די מאָנגאָלישע פעלקער, אַ צוטרייסלענ-

דיקע רעליגיעזע רעקאָנסטרוקציע און גרויסע מגפות האָבן גוואַלדיק געהעמעוועט די פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרדנונג. ווען די ציוויליזאַציע האָט זיך ווידער אויפגעהויבן פון דער דאָזיקער פּאַזע פון קאָנפליקטן און מושמאַש, איז די שקלאַפעריי שוין נישט געווען דער יסוד פונם עקאָנאָמישן לעבן; און די ערשטע פּאַפּיר-מיטלען האָבן צוגעגרייט אַ ניי מיטל פון קאָלעקטיווער אינפאָרמאַציע און מיטאַרבעט. שטופנווייז איז, אַביסל אייף דעם און אַביסל אויף יענעם געביט, אויפגענומען געוואָרן דער זוך נאָך וויסנשאַפט, דער סיסטעמאַטישער וויסנשאַפטלעכער פּראָצעס. און דאַן פון 16-טן י.ה. אָן האָט זיך, אַלס אומפּאַרמיידלעכע נעבן פּראָדוקטן פונם סיסטעמאַטישן געדאַנק, באַוויזן אַ כסדרדיקע פּאַרגרעסערטע סעריע פון דערפינדונגען און פּלענער, וואָס האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף די צווישן-באַציונגען און צווישן-אַקציעס פון די מענטשן. זיי אַלע האָבן געצילט צו אַ ברייטערער טעטיקייט-ספערע, גרעסערע קעגנזייטיקע פּראָפּיטן אָדער היזקות, פּאַרגרעסערט די מיטאַרבעט, און זענען געקומען וואָס אַמאָל שנעלער. די מענטשנס געדאַנקן זענען גאָרנישט געווען צוגעגרייט צו דעם, און ערשט ביז די גרויסע קאַטאַסטראָפעס ביי דעם אָנהויב פונם 20-טן י.ה. וואָס האָבן דערוועקט דעם מענטשנ'ס געדאַנקען, קומט אויס דעם היסטאָריקער ווינציק צו דערציילן וועגן וואָסער'ס איז אינטעליגענטע געפּלאַנטע פּאַרזוכן אַנטקעגנצוקומען די נייע באַדינגונגען, וואָס דער וואַקסנדיקער שטראָם פון דערפינדונגען האָט געשאַפן.

די געשיכטע פון דער מענטשהייט בעת די לעצטע 400 י. איז גיכער ענלעך צו אַן אין-אַ-תפיסה שלאָפנדן, וואָס באַוועגט זיך אומרואיק, בעת ס'ברענט די תפיסה, וואָס באַגרעניצט און שיצט אים, ער וואַכט נישט אויף, נאָר פּאַרייניקט דאָס קנאַקן און היץ פון פייער מיט אַלטע זינלאָזע חלומות, נישט ווי אַ מענטש, וואָס כאַפּט זיך באַוווסטזיניק אויף פאַר דער געפאַר און געלעגנהייט צו אַנטלויפן קוים, איז די געשיכטע

אַ דערציילונג נישט וועגן לעבן פון יחידים, נאָר פון קבוצים, איז עס אומפאַרמיידלעך, אַז די דערפינדונגען, וואָס פיגורירן ס׳רוב אין די היסטאָרישע באַריכטן, זאָלן נישט ווירקן אויף די קבוצים. אין 16-טן י. ה. זענען די הויפּט נייע זאַכן, וועלכע מיר דאַרפן דאָ פאַרצייכענען, די דערשיינונג פון דרוק-פּאַפּיר, און די ים-טויגלעכע, ים-פאָרנדיקע זעגל שיפן, וואָס באַנוצן דעם נייעם מיטל פון דעם מאַטראָזן-קאָמפּאַס. די ערשטע האָט פאַרביליגט, פאַרשפרייט און רעוואָלוציאָניזירט די באַלערונג, עפנטלעכע אינפאָרמאַציע און וויכוחים, און די פונדאַמענטאַלע אָפּעראַציעס פון דער פּאָליטישער טעטיקייט. די לעצטע האָט געמאַכט פון דער וועלט איין זאַך. אָבער כמעט גלייך וויכטיק איז געווען דער פאַרגרעסערטער געברויך און פאַרבעסערונג פון האַרמאַטן און פולווער, וועלכע די מאָנגאָלן האָבן די ערשטע געבערענגט קיין מערב אין 13-טן י. ה. דאָס האָט פאַרניכטעט די פּאַקטישע אומבאַרירלעכקייט פון די באַראָנען אין זייערע שלעסער און פון די אַרומגעמויערטע שטעט. די האַרמאַטן האָבן אָפּגערוימט דעם פעאָדאַליזם. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געפאַלן אונטער די האַרמאַטן; מעקסיקע און פּערו זענען געפאַלן פאַר דער שרעק פון די שפּאַנישע האַרמאַטן.

דער 17-טער יאָרהונדערט האָט געזען די אַנטוויקלונג פון סיסטעמאַטישע וויסנשאַפטלעכע פאַרעפנטלעכונגען, א ווינציקער וויכטיקע, נאָר אולטימאַטיוו מער פּירות-ברענגדיקע אינאוואציע. דער וויכטיקסטער צווישן די אָנפירער פון דעם גרויסן שריט פאָרווערטס איז געווען סער פרענסיס בעקאָן (1561=1626)' שפּעטערדיקער לאָרד ווערולעם, דער לאָרד קאַנצלער פון ענגלאַנד. ער איז געווען דער תלמיד און אפשר פאַרמיטלער פון אַן אַנדערן ענגלענדער, ד״ר. דזשילבערט, דער עקספּערימענטאַלער פילאָזאָף פון קאָלטשעסטער (1540—16031). דער דאָזיקער צווייטער בעקאָן האָט, פונקט ווי דער ערשטער, געפּרעדיקט אָבסערוואַציע און עקספּערימענטן און ער האָט זיך באַ-

נוצט מיט דער אינספּירירנדיקער און פֿרוכטבאַרער פֿאָרם פֿון אַן אוטאָפּישער דערציילונג „די נייע אַטלאַנטיקס״, כּדי אויסצודרוקן זיין טרוים וועגן דער גרויסער דינסט פֿון וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען. גאָר אין גיכן האָט זיך אין לאָנדאָן געגרינדעט די „קעניגלעכע געזעלשאַפֿט״, די פֿלאָרענטינע געזעלשאַפֿט און שפּעטער אַנדערע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפֿטן פֿאַר דער דערמוטיקונג פֿון פֿאָרשונג און פֿאַר דער פֿאַרעפֿנטלעכונג און אויסטויש פֿון ידיעות. די דאָזיקע אייראָפּעאישע וויסנשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿטן זענען געוואָרן פֿאָנטאַנען נישט בלויז פֿון אומצייליקע דערפֿינדונגען, נאָר אויך פֿון פֿאַרניכטענדער קריטיק פֿון דער גראָטעסקער טעאָלאָגישער געשיכטע פֿון דער וועלט, וואָס האָט ביז אַהער באַהערשט און פֿאַרקריפּלט דעם מענטשלעכן געדאַנק אַ סך י. ה. סיי דער 17-ער, סיי דער 18־ער י. ה. האָבן נישט בייגעוווינט אַזעלכע אינאָוואַציעס, וואָס זאָלן באַלד רעוואָלוציאָנירן די מענטשלעכע באַדינגונגען, ווי דאָס געדרוקטע פּאַפּיר און די ים-פֿאָרנדע שיפֿן, נאָר ס׳איז פֿאָרגעקומען אַ כּסדר׳דיקע אָנזאַמלונג פֿון וויסן און וויסנשאַפֿטלעכער ענערגיע, וואָס האָט געבערנגט אירע פֿולע פּרוכטן אין 19־ן י. ה.

די אַרבעט אויסצופֿאָרשן און אויסצומאַפּירן די וועלט איז זיך ווייטער געגאַנגען.

טאַסמאַניע, אויסטראַליע, ניי-זעלאַנד זענען דערשינען אויף דער מאַפּע. אין ענגלאַנד האָט מען אין 18־ן י. ה. אָנגעהויבן באַנוצן קאָקס צו מעטאַלורגישע צוועקן, פֿאַרבליקנדיק אין אַ גרויסער מאָס דאָס אייזן און דערמעגלעכט צו גיסן עס און געברויכן אין אַ סך גרעסערע שטיקער, ווי ס׳איז מעגלעך געווען פֿריער, ווען ס׳איז געשמאָלצן געוואָרן מיט הילצערנע קוילן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טאָגן פֿון דער מאָדערנער מאַשינעריע. פּונקט ווי די ביימער פֿון דער הימלישער שטאָט, האָט די וויסנשאַפֿט געבליט, אַרויסגעבנדיק אין דער זעלבער צייט און כּסדר בלומען און פּרוכטן. מיט דעם אָנקום פֿון 19-ן

י. ה. האָט זיך אָנגעהויבן — און עס דאַרף ווירקלעך קיינמאָל נישט אויפהערן — די אמתע אויסנוצונג פון דער וויסנשאַפט.

צום ערשטן — דאַמף און שטאָל, די אייזנבאַן, די גרויסע „ליינערס" 1), די מעגלעכקייט פון אַ מילדער באַפרידיקונג פון כמעט יעדן מאַטעריעלן געברויך פונם מענטש, ריזיקע בריקן און געביידעס, מאַשינערײַ פון אַ כמעט אומבאַגרעניצטער מאַכט, און דאַן, נאָך ווונדערבאַרער, זענען פאַר די מענטשען אַויפגעעפנט געוואָרן די באַהאַלטענע אוצרות פון דער עלעקטרישע, וויסנשאַפט... מיר האָבן פאַרגלייכט דאַס פּאָליטישע און סאָציאַלע לעבן פונם מענטש 16-טן י״ה. אָן און ווייטער צו אַ שלאָפנדיקן אַרעסטאַנט, וואָס ליגט און חלום׳ט, בעת זיין תּפיסה ברענט. אין 19-טן י.ה. האָט זיך דער אייראָפּעאישער געדאַנק אַלץ באַשעפטיקייט מיט זיין לאַטייניש אימפּעראַליסטישן חלום, דער חלום וועגן אַ הייליקער רוימישער אימפּעריע, פאַרייניקט אונטער אַ קאַטוילישער קירך. אָבער פונקט ווי געוויסע אומקאָנטראָלירבאַרע עלעמענטן אין אונדז וועלן טיילמאָל עקשנות׳דיק צוגעבן צו אונדזערע חלומות די העכסט אַבסורדסטע און שעדלעכע פּירושים, אַזוי האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם דאָזיקן חלום דאָס פאַרשלאָפענע פּנים און דער תּאוהודיקער מאָגן פון דעם קיסר קאַרל V, בעת הענרי VIII פון ענגלאַנד און לוטער האָבן צעריסן אויף פּיצלעך די אחדות פונם קאַטאָליציזם. אין 17-טן און אין 18-טן י. ה. האָט זיך דער חלום געדרייט אַרום דער פערזענלעכער מאָנאַרכיע. די געשיכטע פון כמעט גאַנץ אייראָפּע פון דעם גאַנצן פּעריאָד דערציילט מיט וואַריאַנטן די דערציילונג וועגן אַ פּאַרזוך צו קאָנסאָלידירן אַ מאָנאַרכיע, צו מאַכן זי אַלס אַבסאָליוטע און צו פאַרשפּרייטן איר מאַכט איבער שוואַכע שכנות׳דיקע געביטן, און וועגן דעם כּסדר׳דיקן ווידערשטאַנד,

1) שיפן, וואָס קורסירן אין אַ באַשטימטער ליניע

לכתחילה פון די ערד באַזיצער און דאַן, מיט דעם וווּקס פון דעם אויסלענדישן האַנדל און דער היימישער אינדוסטריע, פון דער וואַקסנדער האַנדלס- און געלט-באַזיצנדער קלאַס, קעגן דעם ווילקיר און אַריינמישונג פון דער קרוין. קיינער פון דיביידע האָט נישט געהאַט קיין פולשטענדיקן נצחון; אויף איין אָרט מאַט דער קעניג די איבערוואָג, בעת ערגיץ אַנדערש שלאָגט דער באַזיצנדיקער מענטש דעם קעניג. אויף איין אָרט זען מיר, ווי דער קעניג ווערט א זון און צענטער פון זיין נאַציאַנאַלער וועלט, 1) בעת גאָר נאָנט, נעבן זיינע גרעניצן, פירט אַן ענער-גישע האנדלס-קלאַס אָן מיט אַ רעפּובליק. 2) אזא גרויסער קרייז פון וואַריאַנטן ווייזט ווי פולשטענדיק עקספּערימענטאַל, וואָס פאַר אַ לאָקאַלע צופאַלן, ס'זענען געווען די אַלע פאַרשידענע רעגי-רונגען פון דעם דאָזיקן פּעריאָד. אַ זייער אָפּטער פיגור איז אין די דאָזיקע נאַציאָנאַלע דראַמעס דעם קעניג'ס מיניסטער, אין די נאָך אַלץ קאַטוילישע לענדער אָפט אַ פּרעלאַט, וועלכער שטייט אונטערן קעניג, דינט און באַהערשט אים, אַ דאַנק זיין דינסט, אָן וועלכער דער קעניג קען זיך נישט באַגיין. דאָ, אויף אונדזער באַגרעניצטן אָרט, איז עס פאַר אונדז אוממעג-לעך צו דערציילן אויספירלעך וועגן די דאָזיקע פאַרשידענע נאַצאָנאַלע דראַמעס.

דאָס האָלענדישע האַנדלס-פאָלק איז געוואָרן רעפּובּלי-קאַניש און פּראָטעסטאַנטיש, אראָפּוואַרפנדיק די הערשאַפט פון פיליפּ II, דעם קיסר קאַרל דעם V זון. אין ענגלאַנד האָבן הענרי VIII אין זיין מיניסטער וואָלסי, די קעניגין עליזאַבעט און איר מיניסטער בערלי, צוגעגרייט די יסודות פון אַן אַבסאָ-ליוטיזם, וועלכער איז צוקלאַפּט געוואָרן אַ דאַנק דער נאַריש-פון דזשעמס I און קאַרל I.

1) דער מחבר מיינט דאָ פראַנקרייך

2) די רעפּובּליק אין ענגלאַנד, אין עייטן קראָמוועלס

קאַרל I איז געקעפּט געוואָרן, ווייל ער האָט פאַרראַטן זיין פאָלק (1649) — אַ נייער ווענד־פּונקט אין דעם פּאָליטישן געדאַנק פון אייראָפּע. צוועלף יאָר (ביז 1660) איז ענגלאַנד געווען אַ רעפּובליק, נאָכהער איז די קרוין געווען נישט קיין סטאַבילע מאַכט, וואָס איז זייער באַגרעניצט געוואָרן דורכן פּאַר־לאַמענט, ביז דזשאָרדזש III (1760-1820) האָט געמאַכט אַן ענער־גישע און טיילווייז דערפאָלגרייכע אָנשטרענגונג צו רעסטאַווירירן איר אויבערהערשאַפט.

דאַקעגן דער פראַנצויזישער קעניג איז געווען דער דער־פאָלגרייכסטער פון אַלע אייראָפּעאישע קעניגן אינם פאַרפולקאָ־מען די מאָנאַרכיע. צוויי גרויסע מיניסטאָרן, רישעליע (1642-1585) און מאַזאַרין (1602-1661), האָבן אויפגעשטעלט די מאַכט פון דער קרוין אין יענעם לאַנד, און דער דאָזיקער פּראָצעס איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דער לאַנגער הערשאַפט און גאָר באַדייטנדיקע פעאיקייטן פונם קעניג לואי XIV, „דער גרוי־סער מאָנאַרך" (1648-1715) לואי XIV איז ווירקלעך געווען דער ביישפּיל־געבנדיקער קעניג פון אייראָפּע. ער איז, מיט זיינע באַגרענצונגען, געווען אַן אויסנאַמלעך־פעאיקער קעניג, זיין אַמביציע איז געווען שטאַרקער ווי זיינע נידעריקע ליידנשאַפטן און ער האָט דערפירט זיין לאַנד צו באַנקראָט צוליב די קאָמפּ־ליקאַציעס פון זיין דרייסטער אויסערן־פּאָליטיק און זיין פּראַכט־פולער פירונג, וואָס רופט נאָך היינט אַרויס אונדזער באַוווּנ־דערונג.

זיין דירעקטער ווונטש איז געווען צו קאָנסאָלידירן און פאַרברייטערן פראַנקרייך ביזן ריין און די פירענעען און איינ־צושלינגען דאָס שפּאַנישע האָלאַנד. זיין ווייטער בליק האָט גע־זען די פראַנצויזישע קעניגן אַלס די מעגלעכע יורשים פון קאַרל דעם גרויסן אין אַן איבערגעציצעוועטער הייליקער רוימישער אימ־פּעריע. דאָס אונטערקויפן איז ביי אים געוואָרן אַ מלוכה — סיסטעם, אַ מער וויכטיקערע ווי דאָס מלחמה פירן. דער ענג־

לישער קעניג קאַרל II איז געווען אויף זיין געהאַלט, דאָס זעלבע איז געווען דער פאַל מיטן רוב פון דעם פוילישן אַדל וועגן וועלכן מיר וועלן באַלד דערציילן. זיין געלד, גיכער ס'געלד פון זיינע שטייער-צאָלער, איז געגאַנגען אומעטום.

אָבער זיין הויפּט-באַשעפטיקונג איז געווען דער גלאַנץ. זיין גרויסער פּאַלאַץ אין ווערסאַל מיט זיינע סאַלאָנען, קאָרי-דאָרן, שפּיגלען, טעראַסעס און פאָנטאַנען, פּאַרקן און אויסזיכטן זענען געווען דער אָביעקט פון קנאה און באַוווּנדערונג פון דער וועלט. ער האָט גורם געווען אַן אוניווערסאַלע נאָכאַמונג. יעדער קעניג און פירשטל אין אייראָפּע האָט זיך געבויט זיין אייגן ווערסאַל, אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, ווי ס'האָבן דער-לויבט זיינע און זיינע אונטערטאַנערס מיטלען. אומעטום האָט דער אַדל פאַרגרעסערט זיינע פּאַלאַצן לויט דעם נייעם שניט. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע אינדוסטריע פון שיינע און פאַרפוילקאָמטע אויסאַרבעטונגען און מעבל. די לוקסוס-קונסטן האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט אומעטום. סקולפּטור און אַלאַבאַס-טער, פאַיאַנס, באַגילדעטע האָלץ-אויסאַרבעטונגען, מעטאַל-ווערק, געשטעמפּלטע לעדער, אַ סך מוזיק, פּרעכטיקע בילדער, שיינע געדרוקטע זאַכן און איינבינדעריי, שיינע געפעס, פיינע ווייַנען, און צווישן די שפּיגלען און שיינע מעבל האָט אַרומגעשפּאַ-צירט אַ משונהדיקע ראַסע פון „דזשענטלמענען" אין הויך-אָנגע-פּודערטע שייטלען, זיידנס און שפּיצן, שטייענדיק אויף הויכע, רויטע קניאַפּלעס און אָנלענענדיק זיך אויף משונהדיקע שטעקנס; און נאָך מער וווּנדערבאַרע „מאַדאַמען", אונטער טורעמען פון אָנגע-פּודערטע האָר און טראָגנדיק ריזיקע זיידענע און סאַטינענע שלעפּעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויף דראָט. דורך זיי האָט זיך שטאָלץ מאַרשירט דער גרויסער לואי, די זון פון זיין וועלט, נישט ווייַנדיק וועגן די מאָגערע, אָנגעכמורעטע און ביטערע פּנימער, וואָס האָבן אויף אים אַרויסגעקוקט פון יענע

נידריקע און פֿינצטערע ערטער, ווו זיין זון־שיין איז נישט אַריינגעדרונגען.

דורך דער גאַנצער צייט פֿון די מאָנאַרכיעס און עקספּערימענטאַלע רעגירונגען איז דייטשלאַנד פּאָליטיש געבליבן צוטיילט און אַ גרויסע צאָל פֿירשטלעכע און קעניגלעכע הויפֿן האָבן נאָכגעמאַלפּעוועט די פּראַכט פֿון ווערסאַל אין אַ פֿאַרשידענעם מאַסשטאַב. דער 30־יעריקער קריג (1618–48), אַ פֿאַרוויסטנדיקער קאַמף צווישן די דייטשן, שוועדן און בעמער פֿאַר שוואַנקנדיקע פּאָליטישע פּראָפֿיטן, האָט אונטערגעגראָבן די דייטשע ענערגיע אויף 100 יאָר. אַ מאַפּע פֿון יענער צייט וועט ווייזן דאָס שוואַכגעבויטע לאַטע־ווערק, מיט וועלכן ס'האָט זיך פֿאַרענדיקט דער דאָזיקער קאַמף; אַ מאַפּע פֿון אייראָפּע לויט דעם וועסטפֿאַלער שלום (1684). דאָ זעט מען אַ פּלאָנטער פֿון פֿירשטנטומס מלוכהלעך, פֿרייע שטאָטן א. ד. גל., טייל אין, און טייל אַרויס פֿון דער אימפּעריע. די שוועדישע מאַכט, ווי דער לייענער זעט, איז געווען אַ שטיק אין דייטשלאַנד; און פֿראַנקרייך, חוץ אַ פּאָר אינזלען אין די אימפּערישע גרענעצן, איז נאָך אַלץ ווייט געווען פֿונעם ריין. אין מיטן פֿון דעם לאַטע־ווערק איז דאָס פּרייסישע קעניגרייך — אַ קעניגרייך איז עס געוואָרן אין 1701 — כּסדר דערגאַנגען צו אַן איבערהערשאַפֿט און אויסגעהאַלטן אַ רייע דערפֿאָלגרייכע מלחמות. פֿרידריך דער גרויסער פֿון פּרייסן (1740—86) האָט געהאַט זיין ווערסאַל אין פּאָטסדאַם, ווו דער הויף האָט גערעדט פֿראַנצויזיש, געלייענט די פֿראַנצויזישע ליטעראַטור און ריוואַליזירט מיט דער קולטור פֿונעם פֿראַנצויזישן קעניג. אין 1714 איז דער האַנאָווער עלעקטאָר געוואָרן ענגלישער קעניג, און מיט אים איז צוגעקומען נאָך איינער צו דער ליסטע פֿון די מאָנאַרכיעס, וואָס זענען מיט איין פֿוס אינווייניק און מיט איינער אויסווייניק אין דער אימפּעריע. דער עסטרייכישער צווייג פֿון קאַרל V נאָכקומער זענען געבליבן ביים טיטל קיסר; דער שפּאַנישער צווייג איז

געבליבן ביי שפּאַניע. אָבער אין מזרח איז איצט ווידער גע־ווען אַ קיסר.

נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל׳ס פאַלן (1453) האָט דער גרויספירשט פון מאָסקווע, איוואַן דער גרויסער, (1462—1502), פּרעטענדירט צו זיין דער יורש פונם ביצאַנצישן טראָן און אָנגענומען דעם ביצאַנצישן צוויי־קעפּיקן אָדלער. זיין אייניקל, איוואַן IV, דער גרויזאַמער, (1533—1584) האָט אָנגענומען דעם קייזערלעכן טיטל צעזאַר (צאַר). אָבער ערשט אין דער לעצטער העלפט פון 17־ן י. ה. האָט רוסלאַנד אויפגעהערט צו דוכטן זיך אַלס ווייט און אַזיאַטיש פאַר דעם אייראָפּעאישן געדאַנק. דער צאַר פּיאָטר דער גרויסער (1682—1725) האָט אַרויסגעפירט רוסלאַנד אויף דער אַרענע פון די מערב־ענינים. אויף דעם טייך נעווא האָט ער געבויט אַ נייע הויפּטשטאָט פאַר זיין מלוכה, פּעטערבורג, און אין פּעטערהאָף, עטלעכע צוואַנציק קלמ׳ פון פּעטערבורג, האָט ער אויפגעשטעלט טעראַסן, פאָנטאַנען, וואַסערפאַלן, בילדער־גאַלעריע, פּאַרק און אַלע די אָנגענומענע אַטריבוטן פון אַ גרויסער מאָנאַרכיע.

פראַנצויזיש איז, פּונקט ווי אין פּרייסן, געוואָרן די הויף־שפּראַך אין רוסלאַנד. אין אַן אומגליקלעכער פּאָזיציע צווישן עסטרייך, פּרייסן און רוסלאַנד איז געווען דאָס פּוילישע קעניג־רייך, אַ שלעכט אָרגאַניזירטער שטאַט פון גרויסע ערד באַזיצער, וואָס זענען געווען צו־איבערזיכטיק אויף זייער אייגענער אינ־דיווידועלער גרויסקייט, אַז זיי זאָלן דערלויבן מער ווי אַ נאָ־מינעלן קעניג־טיטל דעם מאָנאַרך, וואָס זיי האָבן געוויילט. איר גורל איז געווען די צוטיילונג צווישן די דאָזיקע דריי שכנים, טראָץ דער אָנשטרענגונג פון פראַנקרייך איר צו דער־האַלטן אַלס אַן אומאָפּהענגיקן פאַרבונדעטן.

די שווייץ איז אין יענער צייט באַשטאַנען פון גרויסע רעפּובליקאַנישע קאַנטאָנען; ווענעציע איז געווען אַ רעפּוב־ליק; איטאַליע איז, פּונקט ווי דייטשלאַנד, געווען צוטיילט

צווישן קלענערע פירשטן און הערשער. דער פויפסט האָט רעגירט ווי אַ הערשער אין די פויפסטלעכע שטאטן, שטארק מורא האָבנדיק כדי ער זאָל נישט פאַרלירן די אונטערטעניקייט פון די איבערגעבליבענע קאַטוילישע הערשער, אַריינצומישן זיך צווישן זיי און זייערע אונטערטאַנען אָדער צו דערמאָנען דער וועלט וועגן דעם אַלגעמיינעם וויל פון קריסטנטום. אין אייראָפּע איז דאַן ווירקלעך נישט געבליבן קיין געמיינזאַמע פּאָליטישע אידיי; אייראָפּע האָט זיך אָנגעגעבן מיט צוטיילונג און מיינונגס־פאַרשידנהייטן. אַלע סווערענע הערשער און רעפּובליקן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסקייט־פּלענער איינער קעגן דעם אנדערן. יעדער איינער האט געפירט אן אגרעסיווע „אויסערן־פּאָליטיק" קעגן זיינע שכנים און געשלאָסן אַגרעסיווע אָפּמאכן. נאָך היינט לעבן מיר, אייראָפּעער, אין דער לעצטער פאַזע פון דעם דאָזיקן פעריאָד פון כלערליי סווערענע מלוכות, און מיר ליידן נאָך פון די שנאות, פיינטלעכע טעטיקייטן און פאַרדאַכטן, וואָס דער דאָזיקער צושטאנד ברענגט מיט מיט זיך. די געשיכטע פון דער דאָזיקער צייט ווערט וואָס אַמאָל מער און מער בולט „פּלוידעריי", מער און מער זינלאָז און דערמידערט דעם מאָדערנעם אינטעליגענט. מ'דערציילט אויך, ווי אַזוי די מלחמה איז אנטשטאנען צוליב דעם קעניג'ס קעפּסווייב, און ווי אַזוי די אייפערזוכט פון איין מיניסטער אויפן צווייטן האט זי אַרויסגערופן. א גערעדעריי פון אונטעררקויפן און ריוואַליזאציע, וואָס עקלט דעם אינטעליגענטן פארשער.

דער מער באַצייכנונגסווערטער פאקט איז, וואָס טראָץ דער שטערונג פון צענדליקער גרעניצן, האָבן זיך דאָס לייענען און געדאנקען־אויסטויש פאַרשפּרייט און פאַרגרעסערט און ס'האָבן זיך פאַרמערט די דערפינדונגען. דער 18־ער י. ה. האָט געזען די דערשיינונג פון אַ ליטעראַטור, אַ טיף־סקעפּטישע און קריטישע, וועגן די הויפן און פּאָליטיק פון יענער צייט. אין אַזא בוך ווי וואָלטער'ס „קאַנדיד" געפונען מיר דעם אויסדרוק

פון דער אומענדליכער מידקייט פון דער פלאנלאזער צעטישונג פון דער אייראפעאישער וועלט.

קאפיטל 17.

די נייע מלוכות פון די אייראפעער אין אזיע און מעבר-לים

בעת צענטראל אייראפע איז געבליבן אזוי צעטיילט און צעריסן, האבן די מערב-אייראפעער, באזונדערס די האלענדער, סקאנדינאוויער, שפאניער, פארטוגיזן, פראנצויזן און ענגלענדער איבערגעטראגן זייערע קאמפן איבער די ימים פון דער גאנצער וועלט.

די געדרוקטע פרעסע האט גורם געווען צו א ריזיקן און לכתחילה אומבאשטימטן פערמענט פון די פאליטישע אידייען פון אייראפע, אבער יענע צווייטע גרויסע אינאוואציע, די ים-פארנדיקע זעגל שיף האט אפהאלטלאז פארגרעסערט די ספע-רע פון דער אייראפעאישער דערפארונג אויף די ווייטסטע גרע-ניצן פונם געזאלצענעם וואסער.

די ערשטע מעבר-לים ישובים פון די האלענדער און די צפון-אטלאנטישע אייראפעער זענען נישט געווען קאלאניזאטארי-שער נאר האנדלס- און גרובן-ישובים. די שפאניער זענען גע-ווען די ערשטע אויפן פלאץ; זיי האבן פרעטענדירט אויף דער הערשאפט פון דער דאזיקער נייער וועלט, אמעריקא. אבער גאר אין גיכן האבן די פארטוגיזן געפאדערט א חלק. דער פויפסט — דאס איז געווען איינער פון די לעצטע אקטן פון רוים אלס הערשער פון דער וועלט — האט צעטיילט דעם דא-

זיקן נייעם קאָנטינענט צווישן די דאָזיקע צוויי ערשטע אָנקו־מערס, געבנדיק פּאָרטוגאַל בראַזיליען און די רעשט געביטן אין מזרח פון 370 ים־מייל צו מערב פון די קאַפּ ווערדע אינזלען, און די איבעריקע געגעבן שפּאַניע (1494).

אין דער זעלבער צייט האָבן די פּאָרטוגיזן אונטערגענומען מעבר־לים רייזעס צו דרום און צו דער מזרח־ריכטונג. אין 1497 איז וואסקאָ דא גאַמאַ אָפּגעשווימען פון ליסאַבאָן דורך דעם קאַפּ קיין זאנזיבאר און דאן קיין קאלקוטא אין אינדיע.

אין 1575 האָבן זיך אין יאווא און די מאלוקא אינזלען שוין געפונען פּאָרטוגיזישע שיפן, און די פּאָרטוגיזן האָבן אויפגעשטעלט און באַפעסטיקט האַנדלס־סטאַציעס ארום און נעבן די ברעגן פון דעם אינדישן אָקעאַן. מאָזאַמביק, גאָא און צוויי קלענערע באַזיצן אין איגה מאקאָאָ אין כינע און אַ טייל טימאָר געהערן נאָך היינט צו פּאָרטוגאַל.

אָבער די נאַציעס, וועלכע זענען דורך דעם פּויפּסט'ס אויסגלייך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אַמעריקאַ, האָבן ווינציק אַכט געלייגט אויף די רעכט פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

די ענגלענדער, דענער און שוועדער, און גאָר אין גיכן די האָלענדער, האָבן באַלד אַרויסגעשטעלט פּרעטענזיעס אין צפון־אַמעריקא און אין די מערב־אינדיעס, און זיין העכסט־קאַטוילישע מאַיעסטעט פון פראַנקרייך האָט אַזוי ווינציק געלייגט אַכט אויף דעם פּויפּסט'ס אויסגלייך, ווי די פּראָטעסטאַנטן. די מלחמות פון אייראָפּע האָבן זיך פאַרשפּרייט אויף די דאָזיקע פּרעטענזיעס און באַזיצן. אין דעם דאָזיקן געיעג נאָך די מעבר־לים באַזיצן איז ענגלאַנד געווען די דערפאָלגרייכסטע.

די דענער און שוועדער זענען געווען צו־טיף פאַרפּלאָנטערט אין די קאָמפּליצירטע דייטשע געשעענישן, אַז זיי זאָלן האָבן געקענט אויסהאַלטן ווירקזאַמע עקספּעדיציעס קיין אויסלאַנד.

שוועדן האָט פֿאַרשוועכט אירע כּוחות אויף די דײַטשע שלאַכט-פֿעלדער איבער אַ ראָמאַנטישן קעניג גוסטאַוו אַדאָלף, דער פּראָטעסטאַנטישער „צפֿון-לייב".

די האָלענדער זענען געוואָרן די יורשים פֿון די קליינע באַזיצן, וואָס די שוועדער האָבן געהאַט אין אַמעריקאַ, און זיי זענען געוועזן צו גאַנט צו די פֿראַנצויזישע אַגרעסיעס, אַז זיי זאָלן זיך האָבן געקענט האַלטן קעגן די ענגלענדער. אין ווייטן מזרח זענען די הויפּט-ריוואַלן געוועזן ענגלענדער, האָלענדער און פֿראַנצויזן, און אין אַמעריקע ווידער די ענגלענדער, פֿראַנצויזן און שפּאַניער. די ענגלענדער האָבן געהאַט אַ שטאַרקע איבער-וואָג פֿון וואַסער-גרעניצן, דער „זילבערנער שטראָם" פֿון דעם ענגלישן קאַנאַל, איבער אייראָפּע.

די טראַדיציע פֿון דער לאַטיינישער אימפּעריע האָט זיי צום ווינציקסטן אָנגערירט. פֿראַנקרייך האָט זיך שטענדיק צו פֿיל פֿאַרנומען מיט די אייראָפּעאישע ענינים. דורך דעם גאַנצן 18-טן י. ה. האָט זי פֿאַרשפּילט די געלעגנהייט צו אַן עקס-פּאַנסיע סיי אין מזרח, סיי אין מערב, כּדי צו באַהערשן שפּאַניע, איטאַליע און דעם דײַטשן מיש-מאַש. די רעליגיעזע און פּאָליטישע קאָנפֿליקטן אין ענגלאַנד אין 17-טן יאָרהונדערט האָבן געצוווּנגען אַ סך ענגלענדער אויסצוזוכן זיך אַ נײַע היים אין אַמעריקאַ. זיי האָבן זיך דאָרט איינגעוואָרצלט, פֿאַרגרעסערט און פֿאַרמערט זיך, געבנדיק ענגלאַנד אַזוי אַרום אַ גרויסע איבער-וואָג אין דעם אַמעריקאַנישן קאַמף.

אין 1756 און 1760 האָט פֿראַנקרייך פֿאַרלוירן קאַנאַדע און אירע אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן לטובֿת ענגלאַנד און אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז די „בריטישע האַנדלס-קאָמפּאַניע" געוועזן דער פֿולקאָמער באַלעבאָס פֿון די פֿראַנצויזישע, האָלענדישע און פּאָר-טוגיזישע ישובֿים אויף דעם אינדישן האַלבאינזל. די גרויסע מאָנגאָלישע מלוכה פֿון באַבער, אַקבאַר און זייערע נאָכפֿאָלגער איז איצט געוועזן אין אַ ירידה-צושטאַנד, און די געשיכטע

פון איר פּאַקטישער פאַרכאַפּונג דורך אַ לאַנדאָנער האַנדלס־קאָמפּאַניע, די בריטישע מזרח־אינדישע קאָמפּאַניע, איז איינער פון די העכסט־אויסערגעוויינלעכע עפּיזאָדן אין דער גאַנצער געשיכטע פון דעראָבערונגען.

די דאָזיקע מזרח־אינדישע קאָמפּאַניע איז לכתחילה, אין דער צייט פון איר גרינדונג אונטער דער קעניגין עליזאַבעט, געווען נישט מער ווי אַ קאָמפּאַניע פון ים־אַוואַנטוריסטן. ביסלעכווייז זענען זיי געצוווּנגען געווען אויפצושטעלן אַן אַרמיי און באַוואָפענען זייערע שיפן. און אַט די דאָזיקע קאָמפּאַניע מיט איר טראַדיציע פון פּראָפיט האָט איצט געהאַנדלט נישט בלויז מיט בשמים, פאַרבן, טיי און צירונג, נאָר אויך מיט די הכנסות און טעריטאָריעס פון הערשער און מיט דעם גורל פון אינדיע. זי איז אַהינגעקומען קויפן און פאַרקויפן, און זי האָט דערגרייכט אַן איבעררעשנדע פּיראַטעריי. ס'איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל פאָדערן אַ דין־וחשבון פון אירע מעשים. צי דאַרף מען זיך וווּנדערן, וואָס אירע קאַפּיטאַנען, קאָמאַנדירן און אָפיציעלע אָנפירער, ניין, אַפילו אירע אָנגעשטעלטע און פּשוטע זעלנער, זענען צוריקגעקומען קיין ענגלאַנד אָנגעלאָדן מיט זאַק־רויב?

מענטשן אין אַזעלכע אומשטענדן, מיט אַ גרויס און רייך לאַנד אויף זייער חסד, האָבן נישט געקענט באַשטימען, וואָס זיי מעגן און וואָס זיי טאָרן נישט; ס'איז פאַר זיי געווען אַ פרעמד לאַנד מיט אַ פרעמדער זון־שיין; איר ברוין פאָלק, האָט זיך זיי געדוכט, איז אַן אַנדערע ראַסע, מחוץ זייער סימפּאַטיע ספערע; אירע געהיימניספולע טעמפלען האָבן געשטאַרקט די פאַנטאַסטישע באַגריפן וועגן לעבנס־שטייגער. די ענגלענדער אין דעם היים־לאַנד זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ רעטעניש, ווען גאָר איינגיכן זענען די דאָזיקע גענעראַלן און אָפיציאַליסטן צוריקגעקומען און איינער קעגן צווייטן אַרויסגעשטעלט די שרעקלעכסטע באַשולדיקונגען וועגן אויספרעסונגען און גרויזאַמקייטן. קעגן דעם אַדמיני־

סטראַטאָר קלייוו האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומען אַ פּאָרוורף־רעזאָלוציע. ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין 1774. אין 1788 איז וואָרן האַסטינגס, אַן אַנדערער גוויסער אינדישער אַדמיניסטראַטאָר, צוגעצויגן געוואָרן צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און דימיסיאָנירט געוואָרן (1792). דאָס איז געווען אַ משונהדיקע און קיינמאָל נישט געוועזענע סיטואַציע אין דער וועלט־געשיכטע: דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט געהערשט איבער אַ לאָנדאָנער האַנדלס־קאָמפּאַניע, וועלכע האָט פֿון איר זייט באַהערשט אַ מלוכה, וואָס איז אַ סך גרעסער און באַפֿעלקערטער, ווי אַלע געביטן פֿון דער ענגלישער קרוין. פֿאַר דעם רוב פֿונם ענגלישן פֿאָלק איז אינדיע געווען אַ ווייט, פֿאַנטאַסטיש, כמעט נישט־צוטריטלעך לאַנד, וווּהין ס'האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַוואַנטוריסטישע אָרעמע יונגע־לייט, וואָס זענען צוריקגעקומען נאָך אַ סך יאָרן אַלס זייער רייכע און זייער גליקע אַלטע דזשענטלמענען. די ענגלענדער האָבן נישט געקענט באַגרייפֿן, וואָס פֿאַר אַ לעבן ס'פֿירן די דאָזיקע אומצייליקע ברוינע מיליאָנען מענטשן אונטער דער מזרחדיקער זון־שיין. זייערע פֿאָרשטעלונגען האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער אויפֿגאַבע. אינדיע איז געבליבן ראָמאַנטיש נישט־רעאַל. עס איז דעריבער אוממעגלעך געווען פֿאַר די ענגלענדער אויסצופֿירן אַ פּראַקטישע קאָנטראָל און השגחה איבער דער דאָזיקער קאָמפּאַניעס מעשים.

און בעת די מערב־אייראָפּעישע מלוכות האָבן געקעמפֿט פֿאַר די דאָזיקע פֿאַנטאַסטישע מעבר־לים אימפּעריעס כמעט אויף יעדן אָקעאַן אין דער וועלט, זענען אין אַזיע פֿאָרגעקומען צוויי גרויסע לענדער־דעראָבערונגען. אין 1360 האָט כינע אָראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם מאָנגאָלישן יאָך און געבליט אונטער דער גרויסער היימישער מינג־דינאַסטיע ביז 1644. דאַן האָבן די מאַנדזשורן, אַן אַנדער מאָנגאָליש פֿאָלק, אָפּדעראָבערט כינע און דאָרט געבליבן באַלעבאַטים ביז 1912. דערווייל האָט זיך רוסלאַנד געריקט צו מזרח און איז אויסגעוואַקסן אַלס אַ גרויס

מאכט אין אייראָפּע. דער אויפקום פון דער דאָזיקער צענט־ראַלער מאַכט אין דער אַלטער וועלט, וועלכע איז נישט אינגאַנצן מזרח און נישט מערב, איז פון דער העכסטער וויכטיקייט פאַר אונדזער מענטשלעכן גורל. איר עקספּאַנסיע האָט זי אין אַ גרויסן טייל צו פאַרדאַנקען דער דערשייַנונג פון אַ קריסטלעך סטעפּן פאָלק, די קאָזאַקן, וועלכע זענען געווען די באַריערע צווישן דער פעאָדאַלער ערד־אַרבעטנדיקער מלוכה פון פּוילן און אונגאַרן צו מערב און די טאָטערן פון מזרח.

די קאָזאַקן זענען געווען דער ווילדער מזרח פון אייראָפּע, און אין אַ סך הינזיכטן ענלעך צו דעם ווילדן מערב פון די פאַרייניקטע שטאַטן אין מיטן 18־טן י. ה. אַלע, וועלכע ס'איז געווען צו־געפערלעך צו זיין אין רוסלאַנד, קרימינעלע פאַרברעכער ווי אויך אומשולדיק פאַרפאָלגטע, צעבונטעוועטע לייב־קנעכט, רעליגיעזע סעקטאַנטן, גנבים, שלעפער, רוצחים האָבן געזוכט אַ מקום־מקלט אין די דרום־סטעפּעס און דאָרטן געמאַכט אַ פרישע התחלה און געקעמפט פאַרן לעבן און פרייהייט סיי קעגן פּאָליאַק, סיי קעגן רוס און טאָטער. ס'איז נישט קיין ספק, אַז אַנטלאָפענע פון די טאָטערן צו מזרח־צו האָבן אויך בייגעשטייערט צו דעם דאָזיקן קאָזאַקישן מישמאש. ביסלעכווייז איז דאָס דאָזיקע גרעניץ פאָלק איינגעגלידערט געוואָרן אין דער רוסישער אימפּערישער דינסט, פּונקט ווי די הײלענדער שבטים פון שאָטלאַנד זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די רעגימענטן דורך דער בריטישער רעגירונג. מ'האָט זיי געשאָנקען נייע לענדער אין אַזיע. זיי זענען געוואָרן אַ געווער קעגן דער וועלקנדער מאַכט פון די מאָנגאָלישע נאָמאַדן, לכתחילה אין טורקעסטאַן און נאָכהער איבער סיביר אַזש ביזן אַמור.

די ירידה פון דער מאָנגאָלישער ענערגיע אין 17־טן און 18־טן י. ה. איז זער שווער צו דערקלערן. אין משך פון 300 — 2 יאָר זינט די צייטן פון דזשינגיס און טאַמערלאַן איז צענטראַל־אַזיע אַראָפּגעפאַלן פון אַ פּעריאָד פון וועלט־איבערהערשאַפט צו אַן

עקסטער פּאָליטישער אימפּאָטענץ. קלימאַט-ענדערונגען, אומבאַקאַנטע מגפות, אָנשטעקיקעגונגען פון אַ מאַלאַרישן מין האָבן געמוזט שפּילן אַ ראָל אין דעם דאָזיקן צוריקגאַנג — וועלכער, געמאָסטן לויט דעם מאַסשטאַב פון אוניווערסאַלער געשיכטע, איז מעגלעך נאָר אַ צייטווייליקער ריקגאַנג — פון די צענטראַל אזיאַטישע פעלקער. אַ טייל אויטאָריטעטן האַלטן, אַז דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון דער בודדיסטישער לערע פון כינע אַרויס האָט אויך געהאַט אַ פאַציפירנדן איינפלוס אויף זיי. ווי ס'זאָל נישט זיין האָבן די מאָנגאָלישע טאָטערן און די טערקישע פעלקער זיך מער נישט גערוקט אין 16-טן י.ה., נאָר זיי זענען אָקופּירט געוואָרן, אונטערגעיאָכט געוואָרן און צוריקגעשטופּט געוואָרן אי דורך דעם קריסטלעכן רוסלאַנד אין מערב, אי דורך כינע אין מזרח.

דורכן גאַנצן 12-טן י.ה. האָבן זיך די קאָזאַקן פאַרשפּרייט צו מזרח פון אייראָפּעאיש רוסלאַנד, און זיך באַזעצט דאָרט, ווו ס'זענען געווען אגריקולטורישע באַדינגונגען. קאָרדאָנען פון פאָרטן און סטאַציעס האָבן געבילדעט אַ באַוועגלעכע גרעניץ צו די דאָזיקע ישובים צו דרום, ווו די טורקאמאנען זענען נאָך געווען שטאַרק און אַקטיוו. אָבער אין צפון-מזרח האָט רוסלאַנד נישט געהאַט קיין גרעניץ ביז זי האָט דערגרייכט דעם פּאַסיפיק...

קאַפּיטל 18.

די אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט-מלחמה

דער דריטער קוואַרטל פון 18-טן י.ה. האָט אַזוי ארום געזען דעם מערקווירדיקן און נישט - סטאַבילן ספּעקטאַקל פון

אַן אייראָפּע, צוטיילט קעגן זיך זעלבסט, און אָן אַ פאַריייניקונגס אידייע, סיי פּאָליטיש, סיי רעליגעז, אָבער דאָך, אַ דאַנק דער גוואַלטיקער אָנרעגונג פון מענטשנ׳ס אימאַגינאַציעס, אַ דאַנק די געדרוקטע ביכער, געדרוקטע מאַפּעס און דער געלעגנהייט פון די נייע ים-פאָרנדיקע שיפן, איז זי אומשטאַנד געווען אויף אַ דעזאָרגאַניזירטן און אַרומרייסנדיקן אופן צו באַהערשן אַלע ברעגן פון דער וועלט.

דאָס איז געווען אַ פלאַנלאָזער, צוזאַמענהאנגלאָזער אויפברויז פון אַן אונטערנעמונגס-גייסט, אַ דאַנק דער צייטווייליקער און כמעט צופעליקער איבערוואָג איבער דער איבריקער מענטשהייט. מיט דער הילף פון דער דאָזיקער איבערוואָג איז דער נייער און סרוב נאָך ליידיקער קאנטינענט פון אַמעריקאַ באַפעלקערט געוואָרן הויפּטזעכלעך פון מערב-אייראָפּעאישע קרעפטן, און דרום-אַפריקאַ, אויסטראַליע און ניי-זעלאַנד זענען אָנגעמערקט געוואָרן אַלס באַפאָרשטייענדיקע היימען פאַר אַן אייראָפּעאישער באַפעלקערונג.

דער מאָטיוו, וואָס האָט געשיקט קאָלומבוסן קיין אַמעריקא און וואסקאַ-דאַ-גאַמאַ קיין אינדיע, איז שטענדיק געווען דער ערשטער מאָטיוו פון אַלע מאַטראָזן זינט די עלטסטע צייטן — האַנדל.

אָבער בעת אין דעם שוין באַפעלקערטן און פּראָדוקטיוון מזרח איז דער האנדלס-מאָטיוו געבליבן דער הערשנדער, און די אייראָפּעאישע קאָלאָניעס זענען געבליבן האַנדלס-ישובים, פון וועלכע די אייראָפּעאישע באַוווינער האָבן געהאָפט אַ היים צו פאָרן, כדי אויסצונוצן דאָרט זייער געלד, האָבן די אייראָפּעער אין אַמעריקע, האָבנדיק צו טון מיט קבוצים פון אַ סך נידעריקער מדרגה פון פּראָדוקטיווער טעטיקייט, געפונען אַ נייע סיבה פאַרן אויפהאַלטן זיך אין דעם זוך נאָך גאָלד און זילבער. באַזונדערס זענען די גרובנס אין שפּאַניש-אַמעריקאַ רייך געווען אין זילבער. די אייראָפּעער האָבן געדאַרפט גיין קיין אַמע-

דיקא נישט בלויז אַלס באַוואָפנטע סוחרים, נאָר אויך אַלס מי־נעראַל־פאָרשער, גרובן אַרבעטער, זוכער פון נאַטור־פּראָדוקטן, און אין גיכן אַלס פּלאַנטאַטאָרן. אין צפון האָבן זיי געזוכט פוטער. די גרובנס און פּלאַנטאַציעס האָבן אַרויסגערופן די נויטווענדיקייט פון ישובים. זיי האָבן געצוווּנגען מענטשן צו גרונדן פּערמאַנענטע מעבר־לים היימען. ענדלעך, אין געוויסע פאַלן, צ.ב. ווען די ענגלישע פּוריטאַנער זענען אַוועק קיין ניי־ענגלאַנד אין אָנהייב פון 17־טן י.ה. כדי אויסצומיידן רעליגיעזע רדיפות, ווען אין 18־טן י.ה. האָט אָגלטאָרפּ אַרויסגעשיקט מענטשן פון די ענגלישע בעלי־חובות־תפיסות קיין דזשאָרדזשיא, און ווען אין סוף 18־טן י.ה. האָבן די האָלענדער אַרויסגעשיקט יתומים אויפן קאַפּ פון גוטער האָפנונג, זענען די אייראָפּעער בכוונה אַריבערגעפאָרן די ים'ען, כדי אויף שטענדיק צו געפינען דאָרט נייע היימען.

אין 19־טן י.ה. און באַזונדערס נאָך דעם אויפקום פון דער דאַמפשיף האָט זיך דער שטראָם פון דער אייראָפּעאישער עמיג־ראַציע אין די דאָזיקע לייִדיקע לענדער פון אַמעריקאַ און אויס־טראַליע דערהויבן אין עטלעכע דעקאַדעס צו אַ גרויסן מאַס־שטאַב.

אָט אַזוי אַרום זענען אויפגעוואַקסן פּערמאַנענטע מעבר־לים באַפעלקערונגען פון אייראָפּעער, און די אייראָפּעאישע קול־טור איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן אין אַ סך גרעסערע געביטן ווי יענע, אין וועלכע זי האָט זיך אַנטוויקלט. די דאָזיקע נייע קיבוצים, ברענגענדיק־מיט מיט זיך אין די נייע לענדער אַריין אַ גרייטע ציוויליזאַציע, זענען אויפגעוואַקסן פּלאַנלאָז און אומ־באַמערקט; די רעגירונגס־קונסט פון אייראָפּע האָט זיי נישט פאָרויסגעזען און איז נישט צוגעגרייט געווען מיט קיין שום אידייען וועגן זייער באַהאַנדלונג.

די אייראָפּעאישע פּאָליטיקער און מיניסטאָרן האָבן זיי כסדר באַטראַכט אַלס בעיקר עקספּעדיציאָנעלע ישובים,

הכנסות-קוועלעס, „באַזיצן” און „אָפּהענגיקע”, אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי ביי זייערע פעלקער האָבן זיך שוין געהאַט אַנטוויקלט אַ שטאַרקער באַגריף וועגן זייער אָפּגעזונדערט סאָציאַל לעבן. זיי האָבן זיי באַהאַנדלט אַלס הילפלאָזע אונטערטאַנען פון דעם מוטער-לאַנד, שוין לאַנג נאָכדעם, ווי די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרשפּרייט אין יענעם לאַנד, ווייט פון יעדער ווירקזאַמער שטראָף עקספּעדיציע פון מעבר-לים. ווייל ביז אַ שטיק אין 19-טן י. ה., דאָס דאַרף מען געדענקן, איז די פּאַרייניקונגס-רינג פון אַלע די מעבר-לים מלוכות געווען די ים-פּאָרנדיקע זעגל-שיף. אויף דער יבשה איז דאָס שנעלסטע טראַנספּאָרט מיטל נאָך אַלץ געווען דאָס פערד, און דער צוזאַמענהאַנג און אייניקייט פון פּאָליטישע סיסטעמען איז נאָך געווען באַגרעניצט דורך דער פערד-קאָמוניקאַציע.

איצט ביים סוף פון 3-טן קוואַרטל פון 18-טן י. ה. זעען די צפון צוויי-דריטלען פון צפון אַמעריקע געווען אונטער דער בריטישער קרוין. פראַנקרייך האָט פאַרלאָזט אַמעריקע.

חוץ בראַזיליע, וועלכע האָט געהערט צו די פּאָרטוגיזן, און איין אָדער צוויי קליינע אינזלען און געגנטן אין פראַנצויזישע, ענגלישע, דענישע, און האָלענדישע הענט, זענען פלאָרידאַ, לואיזיאַנאַ, קאַליפאָרניאַ און גאַנץ אַמעריקע פון דרום געווען שפּאַניש. די ענגלישע קאָלאָניעס צו דרום פון מעין און אַנטאַריאָ זענען די ערשטע געווען די נישט גענוגנטקייט פון דער זעגלשיף צוזאַמענהאַלטן מעבר-לים באַפעלקערונג אין איין פּאָליטישער סיסטעם.

די דאָזיקע ענגלישע קאָלאָניעס זענען געווען זייער געמישט לויט דער אָפּשטאַמונג און כאַראַקטער. ס'זענען געווען פראַנצויזישע, שוועדישע און האָלענדישע ישובים, ווי אויך ענגלישע; ס'זענען געווען ענגלישע קאַטאָליקן אין מערילאַנד און ענגלישע אולטראַפּראָטעסטאַנטן אין ניי-ענגלאַנד, און בעת די ניי-ענגלענדער האָבן באַאַרבעט זייער אייגענע ערד און בריס-

געטרעטן קעגן שקלאַפעריי, זענען די ענגלענדער אין ווירדזשיניע און אין דרום געווען פּלאַנטאַטאָרן, באַנוצנדיק זיך מיט אַ זיך־שטאַרקנדיקע כוואַליע פון אימפּאָרטירטע נעגער־שקלאַפן. אין אַזעלכע שטאַטן איז נישט געווען קיין געמיינזאַמע נאַטירלעכע איינהייטלעכקייט. אַריבערצופאָרן פון איין שטאַט אין צווייטן, האָט באַטייט אַ ברעגן־רייזע קוים ווייניקער לאַנגווײַליק, ווי דאָס אַריבערפאָרן דעם אַטלאַנטיק. אָבער די אחדות פון די ענגלישע אַמעריקאַנער וואָס איז זיי נישט באַשערט געווען צוליב דער פאַרשידנאַרטיקער אָפּשטאַמונג און נאַטור־באַדינגונגען, איז זיי אויפגעצוווּנגען געוואָרן אַ דאַנק דעם עגאָיזם און נאַרישקייט פון דער בריטישער רעגירונג אין לאָנדאָן. מ'האָט זיי באַשטייערט, נישט געבנדיק זיי קיין שטימע אין דער פראַגע וועגן אויסגעבן די שטייערן.

זייער האַנדל איז מקריב געוואָרן צוליב די בריטישע אינטערעסן; דער שטאַרק רוחים־ברענגנדיקער שקלאַפן־האַנדל איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פון דער בריטישער רעגירונג טראָץ דער אָפּאָזיציע פון די ווירדזשיניער, וועלכע — הגם זיי האָבן חשק געהאט צו האַלטן און באַנוצן שקלאַפן — האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אָפּגעשוועכט ווערן דורך אַ שטענדיק וואַקסנדיקער באַרבאַרישער שוואַרצער באַפעלקערונג. ענגלאַנד איז אין יענער צייט צוריקגעפאַלן צו אַן אינטענסיווער פאָרם פון אַ מאַנאַרכיע, און די עקשנות'דיקע פערזענלעכקייט פון דזשארדזש III (1760—1820) האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אויפצוצווינגען אַ קאַמף צווישן דער היים און די קאָלאָניאַלע רעגירונגען. דער קאָנפליקט איז צוגעאיילט געוואָרן דורך דער געזעצגעבונג, וועלכע האָט פאַוואָריזירט די לאָנדאָנער מזרח־אינדישע קאָמפּאַניע אויפ'ן קאָסט פון דעם אַמעריקאַנער שיפאייגנטימער. דריי טיי־טראַנספּאָרטן, וואָס זענען אימפּאָרטירט געוואָרן אויף די נייע באַדינגונגען, זענען אין באָסטאָנער האַפן אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַסער אַריין דורך אַ גרופּע מענטשן, פאַרשטעלטע אַלס אינדיאַ-

נער (1773). דער קאַמף האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין 1775, ווען די ענגלישע רעגירונג האָט געפּרוווט אַרעסטירן צוויי פון די אַמעריקאַנער אָנפירער אין לעקסינגטאָן ביי באָסטאָן. די ער־שטע שאָסן האָבן געגעבן די ענגלענדער אין לעקסינגטאָן; דער ערשטער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן אין קאָנקאָרד. אָט אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה, הגם מער ווי אַ יאָר צייט האָבן די קאָלאָניסטן שטאַרק נישט חשק געהאַט צו צורייסן דעם צוזאַמענבונד מיט דעם מו־טער־לאַנד. ערשט אין מיטן פון יאָר 1776 האָט דער קאָנגרעס פון די אויפ־שטענדישע שטאַטן אַרויסגעגעבן „די אומאָפּהענגיקייט דעקלאַראַציע.” דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וועלכער האָט, פונקט ווי אַ סך פון די אָנפירנדיקע קאָלאָניסטן פון יענער צייט, געקריגן זיין מיליטערישע אויסבילדונג אין די מלחמות קעגן די פראַנצויזן, איז געוואָרן הויפּט קאָמאַנדיר. אין 1777 האָט אַן ענגלישער גענעראַל, גענעראַל בורגאָין, אין אַ פּאַרזוך צו צוקומען צו ניו־יאָרק פון קאַנאַדע אַרויס, געליטן אַ מפּלה ביי פרימאַנס פאַרם און געצווונגען געווען זיך אונטערצוגעבן אין סאַראַטאָגאַ.

אין זעלבן יאָר האָבן פראַנקרייך און שפּאַניע דערקלערט ענגלאַנד מלחמה, שטערנדיק דעריבער איר ים־קאָמוניקאַציע. אַ צווייטע ענגלישע אַרמיי אונטער גענעראַל קאָרנוואַליס איז אַרומ־גענומען געוואָרן אין יאָרקטאַון האַלבאינזל אין ווירדזשיניאַ און איז געצווונגען געווען צו קאַפּיטולירן אין 1781. אין 1783 איז אין פּאַריז געשלאָסן געוואָרן שלום און די 13 קאָלאָניעס פון מעין ביז דזשאָרדזשיאַ זענען געוואָרן אַן אוניע פון אומאָפּהענגיקע סוווערענע שטאַטן. אָט אַזוי אַרום האָבן אָנגעהויבן צו עקזיס־טירן די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. קאַנאַדע איז גע־בליבן לאָיאַל צו דער ענגלישער פאָן. פיר יאָר צייט האָבן די דאָזיקע שטאַטן געהאַט אַ זייער שוואַכע צענטראַלע רעגי־רונג לויט געוויסע „קאָנפעדעראַציע אַרטיקלען”, און ס'האָט זיך

אויסגעדריקט, אַז ס'איז זיי באַשערט צו צוטיילן זיך אויף סע־פּעראַטע אומאָפּהענגיקע קבוצים.

זייער באַלטיקע סעפּעראַציע איז פאַרשלעפּט געוואָרן דורך דער פיינטלעכקייט פון די ענגלענדער און אַ אַגרעסי־ווייטעט פון דער פראַנצויזישער זייט, וואָס האָט זיי דערמאָנט אין דער באַלטיקער סכנה פון צוטיילונג. ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנסטיטוציע, וועלכע איז ראַטיפיצירט געוואָרן אין 1788, איינשטעלנדיק אַ מערווירקזאַמערע פעדעראַציע־רעגירונג מיט אַ פּרעזידענט, וואָס האָט אַ באַדייטנדע מאַכט, און דער שוואַכער באַגריף פון נאַציאָנאַלער אחדות איז פאַרשטאַרקט גע־וואָרן דורך אַ צווייטער מלחמה מיט ענגלאַנד אין 1812. אָבער, נישט קוקנדיק דערויף, צוליב דעם, וואָס דער שטח פון די שטאַטן איז געווען א גרויסער און זייערע אינטערעסן אין יענע צייטן זענען געווען אַזוי קעגנזעצלעך, אַז — האָבנדיק נאָר די דאַמאָלסדיקע קאָמוניקאַציע־מיטלען — די צוטיילונג פון דער אוניע אויף סעפּאַראַטע שטאַטן לויטן אייראָפּעאישן מאַסשטאַב איז געווען בלויז אַ פראַגע פון צייט. די אָנוועזנהייט אין וואַשינג־טאָן האָט פאַר די סענאַטאָרן און קאָנגרעס־מענער פון די ווייטע קרייזן באַטייט אַ לאַנגע, לאַנגווייליקע און נישט זיכערע רייזע, און די מעכאַנישע שטערונגען פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אַ גע־מיינזאַמער דערציונג, געמיינזאַמער ליטעראַטור און אינטעליגענץ זענען פאַקטיש געווען אומבאַזיגבאַר.

אָבער אין דער וועלט האָבן שוין געאַרבעט קרעפטן, וואָס האָבן לגמרי אָפּגעהאַלטן דעם דיפערענצירונגס־פּראָצעס. אינגיכן איז געקומען דאָס טייך־דאַמפשיפל, און נאָכהער די אייזנבאַן און טעלעגראַף, כדי צו ראַטעווען די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַ צוברעקלטקייט און צוזאַמענוועבן איר צוואָרפענע באַפעלקע־רונג אַלס די ערשטע פון די גרויסע מאָדערנע נאַציעס.

23 יאָר שפּעטער האָבן די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין אַמע־ריקע נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון דער אוניע און איבערגעריסן

דעם בונד מיט איירָאפּע. אָבער זייענדיק מער צוּוואָרפן איבערן קאָנטינענט און אָפּגעזונדערט דורך גרויסע בערג-קייטן, וויסטעס און וועלדער, און דורך דער פּאָרטוגיזישער מלוכה אין בראַזיליע, האָבן זיי נישט דערגרייכט קיין אוניע צווישן זיך.

זיי זענען געוואָרן אַ קאָנסטעלאַציע פון רעפּובליקאַנישע שטאַטן, וואָס זענען לכתחילה זייער להוט געווען מלחמה צו האַלטן איינער מיטן צווייטן און צו מאַכן רעוואָלוציעס. בראַזיליע איז געגאַנגען אין אַן אַנדערער ליניע צו דער אומפּאַרטיידלעכער סעפּאַראַציע. אין 1807 האָט די פראַנצויזישע אַרמיי פאַרנומען איר מוטערלאַנד פּאָרטוגאַל און די מאָנאַרכיע איז אַנטלאָפן קיין בראַזיליע. פון יענער צייט אָן, ביז זיי האָבן זיך סעפּאַרירט, איז גיכער פּאַרטוגאַל געווען אָפּהענגיק פון בראַזיליע, ווי בראַזיליע פון פּאָרטוגאַל.

אין 1822 האָט בראַזיליע זיך דערקלערט אַלס אַ באַזונדערע מלוכה אונטער פּעדרא I, אַ זון פון פּאָרטוגיזישן קעניג. אָבער די נייע וועלט איז קיינמאָל נישט געווען גינסטיק געשטימט צו אַ מאָנאַרכיע. אין 1889 איז דער בראַזילישער קיסר רויק זיך אָפּגעשווימען קיין איירָאפּע און די פאַראייניקטע שטאַטן פון בראַזיליע האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי מיט דער איבעריקער רעפּובליקאַנישער אַמעריקע.

קאַפּיטל 19.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די רעסטאַוראַציע פון דער מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך.

ענגלאַנד האָט קוים געהאַט פאַרשפּילט די 13 שטאַטן אין אַמעריקע און שוין האָט אַ טיפע סאָציאַלע און פּאָליטישע דערשיי־

טערונג אין סאמע הארץ פון דער „גרויסער מאָנאַרכיע” דער-
מאָנט אייראָפּע נאָך מער אַנשוילעכער וועגן דעם עיקרשט צייט-
ווייליקן כאראַקטער פון די פּאָליטישע איינאָרדנונגען אין דער
וועלט. מיר האָבן דערציילט, אַז די פראַנצויזישע מאָנאַרכיע איז
געווען די דערפאָלגרייכסטע פערזענלעכע מאָנאַרכיע אין אייראָפּע.
זי איז געווען דער ביישפּיל און קנאה פון אַ סך ריוואַליזירנ-
דיקע און קלענערע הויפן. אָבער זי האָט געבליט אויף אַ יסוד
פון אומגערעכטקייט, וואָס האָט דערפירט צו איר דראַמאַטישן
צוזאַמענבררך. זי איז געווען א גלענצנדע און אַגרעסיווע, אָבער
זי האָט פאַרשווענדעט דאָס לעבן און פאַרמעגן פון איר איינ-
פאַכן פאָלק. דער קלער און דער אַדל זענען געשיצט געוואָרן
פון באַשטייערונג דורך אַ באַפרייונגס־סיסטעם, וואָס האָט אַרויפ-
געלייגט דעם גאַנצן עול אויסצוהאלטן די מלוכה אויף די מי-
טעלע און נידעריקע קלאַסן. די פּויערים זענען דערדריקט גע-
וואָרן אונטער דער שטייער-לאַסט; די מיטעלע קלאַסן זענען
באַהערשט און דערנידריקט געוואָרן פון דעם אדל. אין 1787
איז די פראַנצויזישע מאָנאַרכיע געווען באַנקראָט און געצוווּנגען
געווען צונויפצורופן פאָרשטייער פון פאַרשידענע קלאַסן פון דער
מלוכה, כדי צו באַראטן זיך וועגן די דאגות פון דעפעקטיווע
הכנסות און איבערמעסיקע הוצאות. אין 1789 זענען אין ווער-
סאַל צונויפגערופן געוואָרן די גענעראַל שטאַטן אַ פאַרזאַמלונג
פון אַדל, קלער און פשוטן פאָלק, א רויער עקוויוואַלענט פון
דער ערשטער פאָרם פון דעם ענגלישן פאַרלאַמענט. זיי האָבן
זיך שוין נישט געהאַט פארזאַמלט זינט 1610. דורך דער גאַנ-
צער צייט איז פראַנקרייך געווען אַן אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע.
איצט האָט דאָס פאָלק געהאַט די געלעגנהייט אויסצודריקן זיין
לאַנג-ברויזנדע אומצופרידנהייט. ס'זענען באַלד אויסגעבראָכן
חלוקי דעות צווישן די דריי קלאַסן, א דאַנק דעם אנטשלוס
פון דעם דריטן שטאַנד, דאָס פאָלק, צו קאָנטראָלירן די פאַר-
זאַמלונג. דאָס פאָלק האָט געזיגט אין די וויכּוחים און די גע-

בערגל-שטאַטן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפן אַנטשלאָסן געווען צו האַלטן די קרוין אין דער צוים, פונקט ווי דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האַלט אין צוים די ענגלישע קרוין.

דער קעניג לואי XVI האָט זיך צוגעגרייט צו אַ קאַמף און אָראָפּגעבערענגט חיילות פון די פּראָווינצן. דערויף האָבן פּאַריז און פראַנקרייך געענטפערט מיט אַ רעוואָלוציע. דער צוזאַמענבראָך פון דער אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע איז פאָרגעקומען זער שנעל.

די פינצטער אויסזעענדיקע באַסטיליע-תּפיסה איז געשטור=מעט געוואָרן פון די פּאַריזער איינוואוינער, און דער אויפשטאַנד האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין גאַנץ פראַנקרייך.

אין די מזרח - און צפון-מערב פּראָווינצן זענען דורך די פּויערים פאַרברענט געוואָרן אַ סך שלעסער, האָט האָבן געהערט צו דעם אדל, זיינע פּריווילעגיע-דאָקומענטן זענען זאָרגפעלטיק פאַרניכטעט געוואָרן און די אייגנטימערס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אָדער פאַרטריבן געוואָרן. צייט אַ חודש איז די אַלטע און פאַרפוילטע סיסטעם פון דער אַריסטאָקראַטישער אָרדנונג צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן. אַ סך פון די אָנפירנדיקע פרינצן און הויפּטלייט פון דער קעניגינ׳ס פּאַרטיי זענען אַנטלאָפן קיין אויס-לאַנד.

אין פּאַריז איז געגרינדעט געוואָרן א פּראָוויזאָרישע שטאָט-מאַכט, ווי אויך אינם גרעסטן טייל פון די אַנדערע גרויסע שטעט, און אַ נייע באַוואָפנטע מאכט, די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, אַ מאַכט, וואָס איז לכתחילה און אָפן באַשטימט געוואָרן אַנטקעגנשטעלן זיך די קרעפטן פון דער קרוין, איז געשאַפן געוואָרן דורך די דאָזיקע מוניציפּאַלע קערפּערשאַפטן. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט געפילט, אַז זי איז באַרופן צו שאַפן אַ נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע סיסטעם פאַר אַ נייער צייט.

דאָס איז געווען אַן אויפגאַבע, וואָס האָט דערמידעט ביז
צום אויסערסטן די כּוחות פון יענער פאַרזאַמלונג. זי האָט
אַראָפּגערוימט די הויפּט אומגערעכטיקייטן פון דעם אַבסאָליוטן
רעזשים; זי האָט אָפּגעשאַפט די שטייערן אויסשליסונג, לייב-
קנעכטשאַפט, אַריסטאָקראַטישע טיטלען און פּריווילעגיעס און זיך
באַמיט צו גרינדן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע אין פּאַריז.
דער קעניג האָט פאַרלאָזן ווערסאַל און זיינע פּראַכטן און גע-
האלטן אַ פאַרקלענערטן שטאַט אין דעם טיולערן פּאַלאַץ אין
פּאַריז. צוויי יאָר צייט האָט זיך געדויכטן, אַז די נאַציאָנאַלע
פאַרזאַמלונג וועט אויסקעמפן אַ ווירקזאַמע מאָדערניזירטע רע-
גירונגס-סיסטעם. אַ גרויסע טייל פון איר אַרבעט איז געווען
אַ געזונטע און איז נאָך היינט דויערהאַפטיק, אַ סך איז אויך
געווען עקספּערימענטאַל און מ׳האָט עס געמוזט אָפּשאַפן. אַ סך
איז נישט געווען ווירקזאַם. מ׳האָט געבּרענגט אין אָרדנונג דעם
שטראָף-קאָדעקס, טארטורן, ווילקירלעכע תּפיסה און פאַרפאָלגונ-
גען פאַר אַפּיקורסות זענען סקאַסירט געוואָרן. די אַלטע פּראָ-
ווינצן פון פראַנקרייך, נארמאַנדיע, בורגונדיע און אַנדערע, האָבן
אָפּגעטרעטן זייער אָרט פאר 80 דעפּאַרטאמענטן. דאָס אַוואַנסירן
צו די העכסטע ראַנגעס אין דער ארמיי איז געוואָרן פריי פאַר
אַלע קלאַסן. ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן אויסגעצייכנטע
און פּשוטע סיסטעם פון געריכטן, אָבער איר ווערט איז אָפּגע-
שוואַכט געוואָרן צוליב דער נאָמינירונג פון ריכטער דורך פאָלקס-
וואַלן אויף אַ קורצן פּעריאָד. דאָס האָט גורם געווען, אַז דער
המון זאָל ווערן א מין ענדגילטיקער אַפּעלאַציע-געריכט, און די
ריכטער, פּונקט ווי די מיטגלידער פון דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג,
זענען געצוווּנגען געווען צו צובאַסעווען דער גאַלעריע.

דאָס גאַנצע ריזיקע אייגנטום פון דער קירך איז קאָנ-
פיסקירט געוואָרן און פאַרוואַלטעט געוואָרן פון דער מלוכה;
רעליגיעזע אנשטאלטן, וואָס זענען נישט פארנומען מיט דער-
ציונג אָדער פילאנטראָפּיע, זענען צולאָזן געוואָרן, און די פּענ-

פּיעס פֿון דעם קלער זענען געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער חוב. דאָס איז אַן פֿאַר זיך נישט געווען קיין שלעכט עסק פֿאַר דעם ני־דעריקן קלער אין פֿראַנקרייך, וועלכער איז אָפֿט שלעכט באַ־לוינט געוואָרן אין פֿאַרגלייך מיט די רייכערע גרויסע לייט. און דערצו איז באַשטימט געוואָרן, אַז די גלחים און בּיסקופּן דאַרפֿן געוויילט ווערן, וואָס דאָס האָט אָנגעגריפֿן אין סאַמע וואָרצל פֿון דער רוימישער קירך, וועלכע האָט זיך אין אַלץ גרופּירט אַרום דעם פּויפּסט און אין וועלכער דער אויטאָריטעט איז גע־ווען פֿון אויבן אַראָפּ ביז אונטן. פֿאַקטיש האָט די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג מיט איין קלאַפּ געוואָלט מאַכן אַ פּראָטעסטאַנטישע קירך אין פֿראַנקרייך, אויב נישט לויט דער דאָקטרין איז לויט דער אָרגאַניזאַציע. אומעטום זענען פֿאָרגעקומען קאָנפֿליקטן און חלוקי־דעות צווישן די מלוכה'שע גלחים, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג און די אָפּאָזיציאָ־נעלע (נישט אָפּגעבנדיק קיין שבועה) גלחים, וואָס זענען גע־ווען לאיאַל צו רוים. אין 1791 האָט דער פֿאַרזוך פֿון אַ קאָנ־סטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע אין פֿראַנקרייך געהאַט אַן אומגעריכטן סוף, צוליב דער אַקציע פֿון קעניג און דער קעניגין, וואָס האָבן געאַרבעט אין הסכּם מיט זייערע אַריסטאָקראַטישע און מאָנאַר־כיסטישע פֿריינט אין אויסלאַנד. אויסלענדישע אַרמייען האָבן זיך געזאַמלט ביי דער מזרח גרענעץ און איין יוני־נאַכט האָבן זיך דער קעניג, די קעניגין און זייערע קינדער אַרויסגעגאַרט פֿון די טױלערן און אַנטלאָפֿן, כּדי זיך צו פֿאַראייניקן מיט די אויסלענדער און די פֿאַרטריבענע אַריסטאָקראַטן. זיי זענען פֿאַרהאַלטן געוואָרן אין וואַרען און צוריקגעפֿירט געוואָרן קיין פּאַריז, און גאַנץ פֿראַנקרייך האָט אויפֿגעפֿלאַמט אין אַ ליידנ־שאַפֿט פֿון פּאַטריאָטישן רעפּובליקאַניזם. ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפּובליק. ס'האָט געפֿאָלגט אַן אָפֿענע מלחמה מיט עסטרייך און פּרייסן, דער קעניג איז געמשפּט און עקזע־קוצירט געוואָרן (יאַנואַר 1793), לויט דעם ביישפּיל, וואָס ענג־

לאַנד האָט שוין געהאַט געגעבן, פאַר פאָלקס-פאַרראַט. און
איצט האָט געפאָלגט אַ וווּנדערלעכע פּאַזע אין דער געשיכטע
פונם פראַנצויזישן פאָלק. ס'האָט אויפגעפלאַמט אַ גרויסע ענ-
טוזיאַסטישע באַגייסטערונג פאַר פראַנקרייך און פאַר דער רע-
פּובליק. מ'האָט געמוזט מאַכן אַ סוף צו קאָמפּראָמיסן אי אין
לאַנד, אי אין אויסלאַנד; אין לאַנד האָט מען געדאַרפט אויס-
וואָרצלען די ראָיאַליסטן און יעדע פאָרם פון דיסלאָיאַליטעט;
אין אויסלאַנד האָט פראַנקרייך געדאַרפט ווערן דער פּראָטעקטאָר
און אונטערשטיצער פון אַלע רעוואָלוציאָנערן. גאַנץ אייראָפּע,
די גאַנצע וועלט, האָט געדאַרפט ווערן רעפּובליקאַניש. די
פראַנצויזישע יוגנט האָט געשטראָמט אין די רעפּובליקאַנישע
אַרמייען; איבערן לאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ נײַ און וווּנ-
דערבאַר ליד, די מאַרסעליעזע, אַ ליד, וואָס וואַרעמט נאָך היינט
דאָס בלוט ווי וויין. פאַר יענעם געזאַנג און די שפּרינגדיקע
קאָלומנעס פון פראַנצויזישע ביקסן און זייערע ענטוזיאַסטיש-
באַדינטע האַרמאַטן זענען אָפּגעטרעטן די אויסלענדישע אַר-
מייען; פאַרן סוף 1792 זענען די פראַנצויזישע אַרמייען דער-
גאַנגען אַ סך ווייטער ווי די אויסערסטע דערגרייכונגען פון
לודוויק XV. אומעטום זענען זיי געשטאַנען אויפן פרעמדן באָדן.
זיי זענען געווען אין בריסל, זיי האָבן פאַרפלייצט סאַוואָי, זיי
זענען דערגאַנגען ביז מיינץ, זיי האָבן צוגענומען די שעלדע
פון האָלאַנד. אָבער דאַן איז די פראַנצויזישע רעגירונג באַ-
גאַנגען אַ נישט קלוגן טאַט: זייענדיק אויפגערעגט פון דעם
אַרויסטרייב פון איר פאָרשטייער פון ענגלאַנד, איבער לואי'ס
עקזעקוציע, האָט זי דערקלערט קריג ענגלאַנד. דאָס איז גע-
ווען אַ נישט-קלוגע זאַך, ווייל די רעוואָלוציע, וואָס האָט גע-
געבן פראַנקרייך אַ נײַע ענטוזיאַסטישע אינפאַנטעריע און אַ
גלענצנדע אַרטילעריע, באַפרייט פון אירע אַריסטאָקראַטישע
אָפיצערן און אַ סך קרעמפּירנדיקע באַדינגונגען, האָט פאַרניכטעט
די דיסציפּלין פון דעם פלאָט, און די ענגלענדער האָבן געהאַט

די איבערוואָג אויפן ים, די דאָזיקע פּראוואָקאַציע האָט פאַריי-
ניקט גאַנץ ענגלאַנד קעגן פראַנקרייך, הגם אין ענגלאַנד איז
אין אָנהייב געווען אַ זער באַדייטנדע ליבעראַלע באַוועגונג,
וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציע. וועגן דעם קאַמף,
וואָס פראַנקרייך האָט געפירט אין די נעכסטע פאָר יאָר קעגן
אַן אייראָפּעאישער קאָאַליציע קענען מיר נישט דערציילן באַריכות.
זי האָט אויף אייביק אַרויסגעטריבן די עסטרייכער פון בעלגיע,
און געמאַכט פון האָלאַנד אַ רעפּובליק. דער האָלענדישער
פלאָט, פאַרפרוירן אין טעקסל, האָט זיך אונטערגעגעבן אָן אַן
איינציקן האַרמאַטן-שאָס אַ הייפעל קאַוואַלעריע. אויף אַ געווי-
סער צייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער פראַנצויזישער פאָררוק
קיין איטאַליע, און ערשט אין 1796 האָט איינער אַ גענעראַל, נאַ-
פּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, מיט טריומף געפירט די אָפּגעריסענע און
הונגעריקע רעפּובליקאַנישע ארמייען איבערן פיעמאָנט קיין מאַנ-
טואַ אין וועראנאַ. שרייבט אטקינזאָן (אין זיין אַרטיקל „די
פראַנצויזישע רעוואָליוציאָנערע מלחמות" אין דער „ענציקלאָפּעדיע
בריטאַניקא") „מער פון אַלץ האָט די קאָאַליציע געשטוינט אויף
דער צאָל און באַוועגלעכקייט פון די רעפּובליקאַנער. די דאָ-
זיקע אימפּראָוויזירטע אַרמייען האָבן פאַקטיש גאָרנישט געהאַט,
וואָס זאָל זיי פאַרהאַלטן. געצעלטן האָט מען נישט געקענט קריגן
צוליב מאַנגל אין געלט, נישט געקענט טראַנספּאָרטירן צוליב
דער אויסערגעוויינלעכער צאָל וועגנס, וואָס זיי וואָלטן געפאָ-
דערט, און זיי זענען אויך געווען נישט נויטיק, ווייל די אומ-
באַקוועמלעכקייטן, וואָס וואָלטן גורם געווען אַ מאַסן-דעזערציע
און פראָפעסיאָנעלע אַרמייען, זענען געדולדיק איבערגעטראָגן
געוואָרן דורך די זעלנער פון 1793—94. זאַפּאַסן פאַר די אַר-
מייען פון דאָן אַן אומדערהערטער גרויס האָט מען נישט גע-
קענט פירן מיט אַ קאָנוואי, און די פראַנצויזן האָבן זיך שנעל
צוגעוווינט צו „לעבן אויפן לאַנד" אַזוי אַרום האָט דער יאָר
1793 געזען דעם געבורט פון דער מאָדערנער מלחמה־סיסטעם

שנעלקייט פון באוועגונג, פולע אנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלער קראַפט, ביוואַקן, רעקוויזיציעס און צוואַנג, אין קעגנזאַץ צו דעם פאָרזיכטיקן מאַנעווורירן, קליינע פראָפעסיאָנעלע אַרמייען, געצעלטן און פולע פאָרציעס און שיקאַנען. די ערשטע האָט רעפּרעזענטירט דעם צו אנטשייד געצוווּנגענעם גייסט, די צווייטע דעם גייסט צו ריזיקירן אַ ביסל און געווינען אַ ביסל!"

אָבער בעת די דאָזיקע אָפּגעריסענע חיילות פון אנטוזיאַסטן האָבן געזונגען די מארסעליעזע און געקעמפט פאַר לא פראַנס, קענטיק קיינמאָל נישט האָבנדיק קיין קלאָרן באַגריף, צי זיי רויבן אָדער באפרייען דאָס לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן אַריינגעשטראָמט, האָט דער רעפּובליקאַנישער אַנטוזיאזם אין פּאַריז זיך פארשוועכדעט אויף אַ סך רומלאָזערן אופן. די רעוואָלוציע איז איצט געווען אונטער דער מאַכט פון אַ פאַנאַטישן אָנפירער, ראָבעספּיער. ס'איז שווער צו אורטיילן דעם מענטש; ער איז געווען פיזיש אַ שוואַכער, פון דער נאַטור אַן איבערגעשראָקענער און אַ חוצפה'ניק, אָבער ער האָט געהאַט יענע נויטווענדיקע באַגאַבונג צו מאַכט: גלויבן.

ער האָט זיך גענומען ראַטעווען די רעפּובליק, לויט ווי ער האָט פאַרשטאַנען, און ער האָט זיך איינגערעדט, אַז זי קען נישט געראַטעוועט ווערן דורך קיינעם, נאָר דורך אים אַליין ד.ה. אַז ער וועט האַלטן די מאַכט, איז די רעפּובליק געראַטעוועט. דער לעבעדיקער גייסט פון דער רעפּובליק, האָט זיך געדוכט, האָט אַרויסגעשפּראָצט פון א שחיטה פון די ראָיאַליסטן און פון דער עקזעקוציע פונם קעניג. ס'זענען אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן; איינער אין מערב, אין דער פּראָווינץ לא וואנדע, ווו דאָס פאָלק האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט דעם פּאָבאָר און קעגן דער אנטייגנונג פון דעם אָרטאָדאָקסישן קלער, אָנגעפירט פון אדל און גלחים; אַ צווייטער איז פאָרגעקומען אין דרום, ווו ליאָן און מארסייל האָבן זיך אויפגעהויבן און די ראיאַליסטן פון טולאָן האָבן אַריינגעלאָזט ענגלישע און שפּאַנישע גאַרניזאָנען.

אויף דעם, האָט זיך געדוכט, איז נישטאָ קיין אַנדערער ווירקזאַמערער ענטפער ווי אויסצוהרגענען די ראיאַליסטן. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ כסדר'דיקע שחיטה. די דערפינדונג פון דער גילאָטינע איז געווען צוגעפּאַסט צו דער דאָזיקער שטימונג. די קעניגין איז גילאָטינירט געוואָרן, און ס'ריב קעגנער פון ראָבעספּיערן; אַטעאיסטן, וואָס האָבן געטענה'ט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין העכסט וועזן, זענען גילאָטינירט געוואָרן; טאָג איין, טאָג אויס, וואָך איין, וואָך אויס, האָט די נייע טייוואָלישע מאַשין געהאַקט קעפּ, וואָס מער קעפּ און וואָס מער. ראָבעספּיער'ס הערשאַפט, האָט זיך געדוכט, לעבט מיט בלוט; זי האָט געדאַרפן וואָס אַמאָל מער און מער, פּונקט ווי אַן אָפּיום-איינעמער דאַרף אַלע מאָל וואָס מער אָפּיום. ענדלעך, אין זומער 1794, איז ראָבעספּיער אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן און גילאָטינירט געוואָרן. ס'האָט נאָך אים געפאָלגט אַ דירעקטאָריאַט פון פינף מענטשן, וואָס האָבן ווייטער געפירט די פאַרטיידיקונגס-מלחמה אין אויסלאַנד און געהאַלטן פראַנקרייך צוזאַמען אין לאַנד דורך 5 יאָר צייט. זייער הערשאַפט איז געווען אַ טשעקאַווע אינטערלויד אין דער דאָזיקער געשיכטע פון געוואַלטזאַמע ענדערונגען. זיי האָבן גענומען די זאַכן, אַזוי ווי זיי האָבן זיי געטראָפן.

דער פּראָפּאַגאַנדע אייפער פון דער רעוואָלוציע האָט געטראָגן די פראַנצויזישע אַרמייען קיין האָלאַנד, בעלגיע, שווייץ, דרום-דייטשלאַנד און צפון-איטאַליע. אומעטום זענען פאַרטריבן געוואָרן די קעניגין און ס'זענען געגרינדעט געוואָרן רעפּובליקן. אָבער דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע אייפער, וואָס האָט באַגייסטערט דעם דירעקטאָריאַט, האָט נישט געשטערט צו רויבן די אוצרות פון די באַפרייטע פעלקער, כדי צו פאַרגרינגערן די פינאַנציעלע דאגות פון דער פראַנצויזישער רעגירונג. זייערע מלחמות זענען געוואָרן וואָס אַמאָל ווייניקער די הייליקע מלחמות פאַר פריי-

הייס און וואָס אַמאָל מער עגלעך צו די אַגרעסיווע מלחמות פון דעם אַלטן רעזשים. דאָס לעצטע, וואָס פראַנקרייך איז געווינט געווען אָפּצוזאָגן זיך פון די אייגנשאַפטן פון דער „גרויסער מאָנאַרכיע", איז געווען איר אויסערן־פּאָליטיק. מ'זעט, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק ווערט אַזוי ענערגיש דורכגעפירט דורך דעם די־רעקטאָריאַט, גלייך ווי ס'וואָלט גאָר נישט געווען קיין רעוואָלוציע. צום אומגליק פון פראַנקרייך און פון דער גאַנצער וועלט האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, וועלכער האָט אין דער שטאַרקסטער פאָרם פאַרקערפּערט אין זיך דעם נאַציאָנאַלן פראַנצויזישן עגאָאיזם. ער האָט געגעבן דעם לאַנד צען רומפולע יאָרן און די דערנידערונג פון אַן ענטגילטיקער מפּלה. דאָס איז געווען דער זעלבער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וועלכער האָט געפירט די אַרמייען פון דירעקטאָריאַט אויף נצחונות קיין איטאַליע. דורך די גאַנצע פינף יאָר פונם דירעקטאָריאַט האָט ער געפּלאַנעוועט און געאַרבעט פאַר זיין אויפשטייג.

שטופנווייז האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט צו דער העכסטער מאַכט. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרק באַגרעניצטן שכל, אָבער מיט אַן אומברחמנותדיקער אוממיטלבאַרקייט און גרויסער ענערגיע. זיין קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אַלס עקסטרעמיסט פון ראָבעספּיערס שול; זיין ערשטן פאָרשריט האָט ער געמאַכט אַ דאַנק איר; ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין רעאַלן באַגריף וועגן די נייע כּוחות־פאַרהעלטנישן אין אייראָפּע. זיין אויסערסטע פּאָליטישע אימאַגינאַציע האָט אים דערפירט צו אַ פאַרשפּעטיקטן און געשמאַקלאָזן פאַרזוך צו רעסטאַווירן די מערב־אימפּעריע. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרניכטן די אַלטע הייליקע רוימישע אימפּעריע, מיט דער כּוונה זי צו פאַרטרעטן דורך אַ נייע, וואָס וועט זיך גרופּירן אַרום פּאַריז. דער קיסר אין ווין האָט אויפגעהערט צו הייסן „הייליקער רוימישער קיסר" און געוואָרן פּשוט קיסר פון עסטרייך. נאַפּאָלעאָן האָט

גע׳גט זיין פראַנצויזיש ווייב, כדי חתונה צו האָבן מיט אַן עסטרייכישער פרינצעסין.

אַלס ערשטער קאָנסול אין 1799 איז ער פאַקטיש געוואָרן פראַנצויזישער קיסר, און אין 1804 האָט ער זיך אַליין געמאַכט קיסר, נאָכאַמענדיק אין אַ דירעקטן אופן קאַרל דעם גרויסן. ער איז געקרוינט געוואָרן דורכן פויפסט אין פאַריז, נעמענדיק די קרוין פון פויפסט און אַרויפלייגנדיק זי אויפן קאָפּ, לויט קאַרלס אָנווייזונגען. דער זון זיינער איז געקרוינט געוואָרן אַלס רוימישער קעניג. עטלעכע יאָר איז נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט געוועזן אַ קאַריערע פון נצחונות. ער האָט דעראָבערט דעם גרעסטן טייל איטאַליע און שפּאַניע, צוקלאַפּט פרייסן און עסטרייך און באַהערשט גאַנץ אייראָפּע צו מערב פון רוסלאַנד. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעריסן פון די ענגלענדער די מאַכט איבערן ים און זיינע פלאָטן האָבן געליטן ענטגילטיקע מפּלות דורך דעם ענגלישן אַדמיראַל נילסאָן ביי טראַפּאַלגאַר (1805). אין 1808 איז שפּאַניע אויפגעשטאַנען קעגן אים און אַן ענגלישע אַרמיי מיט וועלינגטאָנען בראש האָט פּאַמעלעך אַרויסגעטריבן די פראַנצויזישע אַרמייען צו צפון פון דעם דאָזיקן האַלבאינזל. אין 1811 האָט זיך נאַפּעלעאָן פאַרוויקלט אין אַ קאָנפליקט מיט רוסלאַנד (צאַר אַלעקסאַנדער I), און אין 1812 אָקופּירט רוסלאַנד מיט א גרויסער צונויפגעשטוקעוועטער אַרמיי פון 600000 מאַן, וואָס איז צוקלאַפּט און פאַרניכטעט געוואָרן דורך די רוסן און דעם רוסישן ווינטער. דייטשלאַנד איז אַרויס קעגן אים, שוועדן האָט זיך אויסגעדרייט קעגן אים, די פראַנצויזישע אַרמייען זענען צוריקגעשלאָגן געוואָרן און אין פאָנטענבלאָ האָט נאַפּאָלעאָן אַבדיקירט (1814). ער איז פאַרטריבן געוואָרן אויף דער אינזל עלבאַ, אין 1815 איז ער צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך מאַכן אַ לעצטע אָנשטרענגונג און האָט געליטן א מפּלה דורך די פאַרבונדעטע ענגלענדער, בעלגיער און פרייסן ביי וואַטערלאָאָ. אין 1821 איז ער גע-

שטאָרבן אויף דער הל. העלענא אַלס אַן ענגלישער געפאַנגענער. די קרעפטן, וואָס זענען פריי געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זענען פאַרשוווּנדעט און דערשעפּט געוואָרן. אין ווין האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ קאָנגרעס פון די זיגרייכע פאַרבונדעטע, כדי צו רעסטאווּרירן אויף ווי ווייט מעגלעך דאָס, וואָס דער גרויסער שטורם האָט פאַרניכטעט. כמעט 40 יאָר האָט זיך אין אייראָפּע געהאַלטן אַ מין שלום, אַ שלום פון דערשעפּטע אָנשטרענגונגען.

קאַפּיטל 20

דער אומרואיקער שלום אין אייראָפּע נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה

צוויי הויפּט-סיבות האָבן געשטערט, אַז אין דעם דאָזיקן פּעריאָד זאָל הערשן אַ פולשטענדיקער סאָציאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער שלום, און זיי האָבן צוגעגרייט אַ נייע רייע מלחמות צווישן 1854 און 1871. די ערשטע איז געווען די טענדענץ פון די פאַראינטערעסירטע קעניגלעכע הויפן צו רעסטאַווּרירן די אומבאַרעכטיקטע פּריווילעגיעס און אַריינצומישן זיך אין דער פרייהייט פונם געדאַנק, שריפט און לערע. די צווייטע איז געווען די אוממעגלעכע סיסטעם פון גרעניצן, וואָס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן דורך די ווינער דיפּלאָמאַטן. די איינגעבוירענע נטיה פון דער מאָנאַרכיע צוריקצוגיין צו די אַלטע באַדינגונגען איז צום ערשטן און באַזונדערס קלאָר געווען בולט אין שפּאַניע. דאָ איז אַפילו רעסטאווּרירט געוואָרן די אינקוויזיציע. פון יענער זייט אַטלאַנטיק האָבן די שפּאַנישע קאָלאָניעס נאָכגעטון דעם

ביישפּיל פון די פאַראייניקטע שטאַטן און זיך צעבונטעוועט קעגן
דער אייראָפּעאישער גרויס־מאַכט-סיסטעם, בעת נאַפּאָלעאָן האָט
אין 1810 אַרויפגעזעצט זיין ברודער יוזעף אויפן שפּאַנישן טראָן.
דער דרום-אַמעריקאַנער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז געווען גענע-
ראַל באָליוואַר. שפּאַניע איז נישט אימשטאַנד געווען אונטער-
צודריקן די דאָזיקע רעוואָלוציע, און זי האָט זיך פאַרשלעפּט,
פּונקט ווי די אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה, און ענד-
לעך האָט עסטרייך מרמז געווען, אין הסכם מיט דעם גייסט
פון דעם „הייליקן בונד", אז די אייראָפּעאישע מאָנאַרכן זאָלן
צוהעלפן שפּאַניע אין איר קאַמף. דאָס איז געשטערט געוואָרן
דורך ענגלאַנד אין אייראָפּע, אָבער עס איז געווען די שנעלע
אַקציע פון פּרעזידענט מאָנראָ פון די פאַראייניקטע שטאַטן
אין 1812, וואָס האָט ענטגילטיק צו-נישט געמאכט די פּראָיעק־
טירטע מאָנאַרכיסטישע רעסטאַווראַציע. ער האָט דערקלערט, אַז
די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן יעדע אָנווענדונג פון דער אייראָ-
פּעאישער סיסטעם אין דער מערב האַלב-קויל באַטראַכטן אַלס
אַ פיינטלעכן אַקט. אָט אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די מאָנראָ-
דאָקטרין, די דאָקטרין, אַז אין אַמעריקע טאָר זיך נישט פאַר-
שפּרייטן קיין שום אויסער-אַמעריקאַנער רעגירונג; זי האָט גע-
האַלטן די גרויס-מאַכט סיסטעם ווייט פון אַמעריקע כמעט אַ
100 יאָר אין דערמעגלעכט די נייע שטאַטן פון שפּאַניש-אמע-
ריקא אויסצואַרבעטן זייער אייגענעם גורל לויט זייערע אייגענע
ריכט-ליניעס. אָבער ווען דער שפּאַנישער מאָנאַרכיזם האָט פאַר-
לאָרן זיינע קאָלאָניעס אין אַמעריקע, האָט ער לכל-הפּחות, אונ-
טער דער שוץ פונם „אייראָפּעאישן קאָנצערט", געקענט טון,
וואָס ער האָט געוואָלט אין אייראָפּע. אַ פאָלקס-אויפשטאַנד אין
שפּאַניע איז אין 1823 אונטערגעדרוקט געוואָרן דורך אַ פראַנ=
צויזישער אַרמיי, האָבנדיק אַ מאַנדאַט פון אן אייראָפּעאישן
קאָנגרעס, און גלייכצייטיק האָט עסטרייך אונטערגעדרוקט אַ רע-

וואָלוציע אין נעאַפּאָל. אין 1824 איז געשטאָרבן לואי XVIII און זיין אָרט האָט פאַרנומען קאַרל X.

קאַרל האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרניכטן די פרייהייט פון דער פּרעסע און די אוניווערזיטעטן און צו רעסטאַווּרירן די אבסאָליוטע הערשאַפט; דער פּאַרליאַמענט האָט געשטימט פאַר דעם פּראָיעקט צו אַסיגנירן אַ ביליאָן פראַנק אַלס קאָמפּענ־סאַציע דעם אדל פאַר די שרפות פון די פּאַלאַצן און פאַרן סעקוועסטער אין 1798. אין 1830 איז פּאַריז אויפגעשטאַנען קעגן דער דאָזיקער פאַרקערפערונג פון דעם אַלטן רעזשים און אויף זיין אָרט אַרויפגעזעצט לואי פיליפּ, דער זון פון יענעם פיליפּ, פירשט פון אָרלעאַן, וואָס איז עקזעקוצירט געוואָרן בעת דעם טעראָר. די אַנדערע קאָנטינענטאַלע מאָנאַרכיעס, זעענדיק אַז ענגלאַנד האָט אָפן מסכים געווען צו דער דאָזיקער רעוואָ־לוציע, און זעענדיק דעם שטאַרקן ליבעראַלן פערמענט אין דייטש־לאַנד און אין עסטרייך, האָבן דאָ נישט אינטערווענירט. סוף כל סוף איז פראַנקרייך דאָך געווען אַ מאָנאַרכיע. דער דאָ־זיקער לואי פיליפּ (1830—48) איז געבליבן דער קאָנסטיטוציאָנע־לער קעניג פון פראַנקרייך אין משך פון 18 יאָר.

אָט דאָס זענען געווען די אומרויקע וואַקלענישן פון דעם שלום פון ווינער קאָנגרעס, וועלכע זענען פּראָוואָצירט געוואָרן דורך די רעאַקציאָנערע מעשים פון די מאָנאַרכיסטן. די כוחות, וואָס זענען אַנטשטאַנען צוליב די נישט וויסנשאַפטלעכע גרעניצן, וואָס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן דורך דער ווינער פאַרזאַמלונג, האָבן וואָס אַמאָל מער זיך געזאַמלט און צוגעקריגן אַ באַדיי־טונג, אָבער זיי זענען געוואָרן נאָך מער געפערלעכער פאַר דעם שלום פון דער מענטשהייט.

עס איז אויסערגעוויינלעך שווער צו פאַרוואַלטן מיט די ענינים פון פעלקער, וואָס רעדן פאַרשידענע שפּראַכן, לעזן פאַרשידענע ליטעראַטורן און האָבן פאַרשידענע הויפּט־אידייען, באַזונדערס ווען די דאָזיקע אונטערשידן ווערן נאָך פאַרשאַרפט

דורך רעליגעזע חלוקי־דעות. נאָר געוויסע שטאַרק־קעגנזייטיקע אינטערעסן, ווי די געמיינזאַמע פּאַרטיידיקונגס־נויטווענדיקייטן פון די שווייצאַרישע בערג־איינוווינער, קענען באַרעכטיקן אַן ענגן צוזאַמענבונד פון פעלקער, וואָס האָבן נישט ענלעכע שפּראַכן און גלויבנס; אָבער אַפילו אין דער שווייץ איז דאָ אַן אויסערסטע לאָקאַלע אויטאָנאָמיע. ווען, ווי אין מאַקעדאָניע, באַפעלקערונגען זענען אויסגעמישט אין אַ געלאַטעטע ווערק פון שטעטלעך און קרייזן, איז די קאַנטאָנאַלע סיסטעם אומבאַדינגט נויטווענדיק.

אָבער ווען דער לעזער וועט אַ קוק געבן אויף דער אייראָפּעאישער מאַפּע, ווי דער ווינער קאָנגרעס האָט זי אנגעצייכנט, וועט ער זען, אַז, ווי ס'ווייזט אויס, די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט געפּלאַנט דעם מאַקסימום פון לאָקאַלע פאַרשאַרפטע באַציונגען. זי האָט פאַרניכטעט, פולשטענדיק צוועקלאָז, די האָלענדישע רעפּובליק, זי האָט צונויפגעשטוקעוועט די פּראָטעסטאַנטישע האָלענדער מיט די פראַנצויזיש־רעדנדיקע קאַטאָליקן פון דעם אַלטן שפּאַנישן (עסטרייכיש) נידערלאַנד און אויפגעשטעלט אַ האָלענדיש קעניגרייך.

זי האָט איבערגעגעבן נישט בלויז די אַלטע ווענעציאַנער רעפּובליק, נאָר אויך גאַנץ צפון־איטאַליע ביז מיילאַנד צו די דייטש־רעדנדיקע עסטרייכער. די פראַנצויזיש־רעדנדיקע סאַוואָי האָט זי צוזאַמענגעבונדן מיט שטיקלעך פון איטאַליע, כדי צו רעסטאַווירן דאָס סאַרדינישע קעניגרייך. עסטרייך און אונגאַרן, שוין פון לאַנג אַ געניג עקספּלאָדירנדיק געמיש פון נישט האַרמאָנישע פעלקער, דייטשן, אונגאַרן, טשעכאָ־סלאָוואַקן, יוגאָ־סלאַוון, רומעניער און איצט איטאַליענער, זענען איצט געוואָרן אַ נאָך מער אוממעגלעכע זאַך, צוליב דער באַשטעטיקונג פון עסטרייכ'ס פּוילישע דערווערבונגען פון 1772 און 1795.

די קאַטוילישע און רעפּובליקאַניש־געשטימטע פּוילישע באַפעלקערונג איז הויפּטזעכלעך איבערגעגעבן געוואָרן צו דער

מאַכט פון דעם וויניקער ציוויליזירטער רעגירונג פון דעם גרי־כיש־אָרטאָדאָקסישן צאַר, אָבער באַדייטנדיקע קרייזן זענען אַרי־בער צו דעם פּראָטעסטאַנטישן פּרייסן.

ס׳איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן דעם צאַר׳ס דערווערבונג פון די גאַנץ־פרעמדע פינלענדער. די גאָר נישט גלייכע פעל־קער פון נאָרוועגיע און שוועדן זענען צוזאַמענגעבונדן געוואָרן אונטער איין קעניג. דייטשלאַנד, דער לעזער ווייסט עס שוין, איז געבליבן אין אַ באַזונדערס געפערלעכער לאַגע. פּרייסן און עסטרייך זענען ביידע געווען האַלב אין, האַלב אַרויס, אין אַ דייטשער קאָנפעדעראַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מענגע קלענערע שטאַטן.

דער דענישער קעניג איז געווען אין דער דייטשער קאָנ־פעדעראַציע, צוליב געוויסע דייטש־רעדנדיקע געביטן אין האָל־שטיין. לוקסעמבורג איז געווען איינגעשלאָסן אין דער דאָזיקער קאָנפעדעראַציע, הגם איר הערשער איז אויך געווען דער האָ־לענדישער קעניג, און הגם אַ גרויסע טייל באַפעלקערונג האָט גערעדט פראַנצויזיש. דאָ איז פולשטענדיק איגנאָרירט געוואָרן דער פאַקט, אַז דאָס פאָלק, וואָס רעדט דייטש און שטיצט זיינע אידייען אויף דער דייטשער ליטעראַטור, און דאָס פאָלק, וואָס רעדט איטאַליעניש און שטיצט זיינע אידייען אויף דער איטאַליענישער ליטעראַטור, און דאָס פאָלק, וואָס רעדט פּויליש און שטיצט זיינע אידייען אויף דער פּוילישער ליטעראַטור, וועט זיך געפינען אין אַ בעסערן צושטאַנד, זיך בעסער אַן עצה געבן און זיין וויניקער אָפּהענגנדיק קעגן דער רעשט מענטשהייט, אויב זיי וועלן פירן זייערע אייגענע ענינים אין זייער אייגע־נעם אידיאָם, און די גרעניצן פון זייער אייגענער שפּראַך. צי איז עס אַ וווּנדער, וואָס איינס פון די פּאָפּולערסטע לידער אין דייטשלאַנד פון דעם דאָזיקן פעריאָד האָט געזונגען, אַז וווּ מ׳רעדט נאָר דייטש, דאָרט איז דאָס דייטשע פאָטערלאַנד!

אין 1830 האָט דאָס פראַנצויזיש־רעדנדיקע בעלגיע, באַ־

ווינן פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם אין פראַנקרייך, געמאַכט אַ רעוואָלוציע קעגן איר האָלענדישן צוזאַמענבונד אין דעם נידערלענדישן קעניגרייך.

די מלוכות, מורא האָבנדיק פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ רעפּובליק אָדער אַן אַנעקסיע פון פראַנקרייכס זייט, האָבן זיך צוגעאיילט צו פאַציפירן די סיטואַציע און געגעבן די בעלגיער אַ קעניג לעאָפּאָלד I פון זאַקסן-קאָבורג־גאָטא. אין 1830 זענען אויך אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע אויסגעבראָכן נישט-געלונגענע רעוואָלוציעס, און אַ סך ערנסטערע אין רוסיש-פּוילן. אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט אויסגעהאַלטן אין וואַרשע אַ יאָר צייט קעגן ניקאָלאַי I (וועלכער האָט פאַרנומען אַלעקסאַנדערס אָרט אין 1825) און זי איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן מיט שטאַרקע גוואַלדטאַטן און גרויזאַמקייטן. די פּוילישע שפּראַך איז פאַרטריבן געוואָרן, און די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירך האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער רוימיש־קאַטוילישער אַלס מלוכה־רעליגיע...

אין 1821 זענען די גריכן אויפגעשטאַנען קעגן די טערקן. זעקס יאָר האָט געדויערט זייער פאַרצווייפלטער קאַמף, בעת די אייראָפּעאישע רעגירונגען האָבן זיך צוגעקוקט.

די ליבעראַלע געזעלשאַפטלעכע מיינונג האָט פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער נישט-אַקטיוויטעט; פרייוויליקע פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער האָבן זיך פאַראייניקט מיט די אויפשטענדיקע און ענדלעך האָבן ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד אונטערגענומען אַן איינהייטלעכע אַקציע. אין דער שלאַכט ביי נאַווארינאָ (1827) איז דער טערקישער פלאָט פאַרניכטעט געוואָרן דורך די פראַנצויזן און ענגלענדער און דער צאַר האָט אָקופּירט טערקיי. דורך דעם אַדריאַנאָפּאָלער טראַקטאַט (1829) איז גריכנלאַנד געוואָרן פריי, אָבער מ'האָט איר נישט דערלויבט אויפצונעמען אירע רעפּובליקאַנישע טראַדיציעס. מ'האָט פאַר

גריכנלאַנד אויסגעזוכט אַ דייטשן קעניג, איינעם אַ פירשט אָטאָ פון בייערן; אין די דונאַי־פּראָווינצן און אין סערביע (הײַנט רו. מעניע) זענען אַריינגעזעצט געוואָרן קריסטלעכע גובערנאַטאָרן. אָבער ס׳האָט נאָך געדאַרפט פאַרגאָסן ווערן אַ סך בלוט, איידער די טערקן זענען אינגאַנצן פאַרטריבן געוואָרן פון די דאָזיקע לענדער.

קאַפּיטל 21

די אַנטוויקלונג פון דער מאַטעריעלער וויסנשאַפט.

דורך דעם 17־טן, 18־טן און די ערשטע יאָרן פונם 19=טן יאָרהונדערט, בעת אין אייראָפּע זענען פאָרגעקומען די דאָזיקע קאָנפליקטן פון די מלוכות און הערשער, און דאָס געלאַטעטע ווערק פון וועסטפאַלער שלום (1648) האָט זיך קאַליידאָסקאָפּיש געענדערט אַלס דאָס לאַטע ווערק פון ווינער טראַקטאַט (1815), און בעת די זעגל־שיף האָט פאַרשפּרייט דעם אייראָפּעאישן איינפלוס אויף דער גאַנצער וועלט, איז אין דער אייראָפּעאישער און אין דער אייראָפּעאיזירטער וועלט פאָרגעקומען אַ כסדר׳דיי־קער וווקס פון וויסנשאַפט און אַלגעמיינע אויפקלערונג פון די מענטשנס אידייען וועגן דער וועלט, אין וועלכער זיי לעבן. דער דאָזיקער וווקס איז זיך פאָרגעקומען אָפּגעזונדערט פונם פּאָליטישן לעבן, און דורך דעם 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט נישט אַרויסגערופן קיין שוםווירקזאַמע באַלדיקע רעזולטאַטן אינם פּאָליטישן לעבן. ער האָט אויך נישט שטאַרק באַאיינפלוסט דעם פּאָפּולערן געדאַנק. די דאָזיקע ווירקונגען האָבן געדאַרפט קומען שפּעטער און אין זייער פולער קראַפט אין דער לעצטער

העלפט פונם 19-טן י. ה. דער דאָזיקער וווּקס איז זיך הויפּט־זעכלעך פאָרגעקומען אין אַ קלײנער װעלט פון פּראָספּערירנ־דיקע און אומאָפּהענגיק־געשטימטע מענטשן. אָן דעם, וואָס דער ענגלענדער רופט עס אָן „פּריוואַטער דזשענטלמען", האָט זיך דער וויסנשאַפטלעכער פּראָצעס אין גריכנלאַנד נישט געקענט אָנהייבן און נישט געקענט באַנייט ווערן אין אייראָפּע. די אוניווערזיטעטן האָבן געשפּילט אַ ראָל, אָבער נישט קײן פירנדיקע, אין דעם פילאָזאָפישן און אין דעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק פון יענעם פּעריאָד. סובסידירטע לערע איז נוטה צו זײן איבערגעשראָקן און קאָנסערוואַטיוו, ס׳פעלט איר איניציאַטיוו און זי איז אָפּהענגנ־דיק קעגן אינאָוואַציע, ביז זי קריגט די אָנרעגונג פון אַ קאָנ־טאַקט מיט אומאָפּהענגיקע גײסטער.

מיר האָבן שוין געשריבן וועגן דער גרינדונג פון דער קעניגלעכער לאָנדאָנער געזעלשאַפט אין 1662 און וועגן איר ווערק צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון בעקאָנ׳ס „נײע אַטלאַנ־טיקס". דורך דעם גאַנצן 18-ן י. ה. איז פאָרגעקומען אַ גרוי־סע אויפקלערונגס אַרבעט. פון די אַלגעמײנע אידײען וועגן מאַטעריע און באַוועגונג, אַ גרויסער מאַטעמאַטישער פּאָרשריט, אַ סיסטעמאַטישע אַנטוויקלונג אין דעם באַנוצן אָפּטישע גלע־זער, אין מיקראָסקאָפּ און אין טעלעסקאָפּ, אַ באַנײטע ענערגיע אין דער קלאַסיפיצירנדיקער נאַטור־וויסנשאַפט, אַ גרויסער אויפ־לעב פון דער אַנאַטאָמישער וויסנשאַפט. די געאָלאָגישע וויסנ־שאַפט — אנגעדײטעט פון אַריסטאָטעלעס און פאַרויסגעזען פון לעאָנאַרדאָ-דאַ-ווינטשי (1452—1519) — האָט אָנגעהויבן איר גרוי־סע אויפגאַבע צו דערקלערן דעם פעלזן-חשבון. דער פּראָצעס פון דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט האָט געווירקט אויף דער מע־טאַלורגיע. פאַרבעסערטע מעטאַלורגיע, דערמעגלעכונג פון אַ גרעסערער און דרײסטער באַהאַנדלונג פון מעטאַלישע און אַנ־דערע מאַסעס, האָט געווירקט אויף די פּראַקטישע דערפינדונגען.

ס'איז זיך בעם מאשינעריע אין א נייעם מאסשטאב און אין א נייער שפע, כדי צו רעוואָליוציאָניזירן די אינדוסטריע.

אין 1804 האָט טרעוויטהיק צוגעפּאַסט וואַטס מאַשין צום טראַנספּאָרט און געמאַכט דעם ערשטן לאָקאָמאָטיוו. אין 1825 איז געעפנט געוואָרן פאַרן פּאַרקער די ערשטע אייזנבאַן צווישן סטאָקטאָן און דאַרלינגטאָן, און סטעפענזאָנ'ס „ראָקעט" מיט אַ 13־טאָניקן צוג האָט דערגרייכט א שנעלקייט פון 70 קלמ. אַ שעה. פון 1830 אָן פאַרמערן זיך די אייזנבאַנען. אין מיטן פון דעם דאָזיקן י. ה. איז אין גאַנץ אייראָפּע געוועז פאַרשפּרייט אַ נעץ פון אייזנבאַנען.

דאָ איז פאָרגעקומען אן אומגעריכטע ענדערונג אין דעם, וואָס איז זיבט יאָרן געווען אַ באַשטימטע באַדינגונג פון מענשלעכן לעבן — דער מאַקסימום פון יבשה־טראַנספּאָרט. נאָך דעם רוסישן אומגליק איז נאַפּאָלעאָן געפאָרן פון ווילנא קיין פּאַריז 312 שעה. דאָס איז אַ רייזע פון אַ 2240 קילמ. ער איז געפאָרן מיט אַ באַקוועמלעכקייט, וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן, פאָרנדיק 8 קילמ. אַ שעה. אַ פּשוטער רייזנדער וואָלט נישט געקענט אַדורכמאַכן די שטרעקע אפילו אין אַ טאָפּלטער צייט. דאָס איז געווען דער זעלבער מאַקסימום, וואָס האָט זיך געהאַלטן צווישן רוים און גאַליע אין דעם 1־ן י. ה. נ. ק. דאַן איז אומגעריכט געקומען די איבעראַשנדיקע ענדערונג.

די אייזנבאַן האָט רעדוצירט די דאָזיקע רייזע פאַר יעדן פּשוטן רייזנדער אויף ווינציקער ווי 48 שעה. דאָס איז אַזוי צו זאָגן, אַז די אייזנבאַן האָט רעדוצירט די הויפּט אייראָפּעאישע שטרעקע, אויף כמעט אַ צענטל, ווי זיי זענען געווען פריער. זיי האָבן דערמעגלעכט אויסצופירן אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט אין געביטן, וואָס זענען צען מאָל אַזוי גרויס, ווי יענע, וואָס זענען ביז דאַן געווען אונטער איין אַדמיניסטראַטיווע סיסטעם. די פולע באַדייטונג פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט אין אייראָפּע דאַרף ערשט פאַרשטאַנען ווערן. אייראָפּע האָט נאָך

אַלץ אַ נעץ פון גרעניצן, וואָס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן אין דער ערא פון פערד און שאָסיי (קאַפּיט) אין אַמעריקא זענען די ווירקונגען געווען באַלטיקע.

פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָבן זיך אויסגעשפרייט צו מערב-צו, האָט דאָס באַטייט אַ מעגלעכקייט פון אַ שטענדיקן צוטריט צו וואַשינגטאָן, ווי ווייט ס'זאָלן זיך נישט צוציען די גרעניצן פונם לאַנד. דאָס האָט באַטייט אחדות, געשטיצט אויף אַ מאַסשטאַב, וואָס וואַלט אַנדערשפאַלס געווען אוממעגלעך. דאָס דאמפשיפל איז געווען, אויב עפעס, אַ קליין ביסל פאָרויס פאַר דער דאמפ-מאַשין אין אירע ערשטע פאַזעס.

אויפן פירט אָוו קלייד קאַנאַל האָט אין 1802 קורסירט אַ דאַמפשיפל „טשאַרלאָט דונדאס", און אין 1807 האָט אַן אַמעריקאַנער מיטן נאָמען פולטאָן אַרויסגעלאָזט אויפן הודסאָן טייך העכער פון ניו-יאָרק, אַ דאַמפער, „קלערמאָנט", מיט ענגליש-געבויטע מאַשינען. די ערשטע דאַמפשיף, וואָס איז אַרויס אויפן ים, איז אויך געווען אַן אַמעריקאַנישע, דער „פעניקס„ וואָס בעגאַנגען פון ניו-יאָרק קיין פילאדעלפיע. אַזוי איז אויך געווען די ערשטע שיף „סאַוואַננאַ", וואָס האָט באַנוצט דאַמף (זי האָט אויך געהאַט זעגלען), וואָס איז אַדורכגעפאָרן דעם אַטלאַנטיק. די אַלע זענען געווען רודער-רעדערדיקע שיפלעך, און אַזעלכע שיפן טויגן נישט צום באַנוצן אין די שטורמישע ימען. די רודערס ווערן צו-לייכט צובראָכן און דאָס שיפל ווערט דאַן אומפעאיק. דער שרויף-דאַמפשיף איז אָנגעקומען לאַנגזאַם. מ'האָט געמוזט איבערווינדן אַ סך שוועריקייטן, איידער די שרויף איז געוואָרן אַ פראַקטישע זאַך.

ביזן מיטן יאָרהונדערט האָט דער טאָנאַזש פון דער דאַמפשיף נישט איבערגעשטיגן דעם פונם זעגל-שיף. נאָך דער צייט איז די עוואָלוציע אין ים-טראַנספּאָרט געגאַנגען שנעל. צום ערשטן מאָל האָבן די מענטשן אָנגעהויבן אַריבערפאָרן די ימען

און אָקעגאַנען מיט אַ געוויסער זיכערקייט וועגן דער אָנקום־דאַטע. די טראַנסאַטלאַנטישע נסיעה, וואָס איז געווען אַ נישט־זיכערע אונטערנעמונג אויף אַ פּאָר וואָכן — וואָס האָבן זיך געקאָנט פֿאַרציִען אויף חדשים — איז פֿאַרשנעלערט געוואָרן. ביז אין 1910 איז זי דערגרייכט געוואָרן, ביי די שנעל־שיפֿן, צו פֿינף טעג, מיט אַ פּאַקטיש־באַצייכנטער אָנקום־שעה.

גלייכצייטיק מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דאַמפּטראַנספּאָרט אויף דער יבשה און ים איז אַנטשטאַנען אַ ניי־ און שטאַרק־באַדייטנדיק צוגאָב צו די פֿאַרלייכטערונגען פֿון מענטשלעכן פֿאַרקער, אַ דאַנק די פֿאָרשונגען פֿון וואָלטאַ, גאַלוואַני און פֿאַראַדאַי וועגן פֿאַרשידענע עלעקטרישע דערשיינונגען. דער עלעקטרישער טעלעגראַף עקזיסטירט זינט 1835. די ערשטע אונטערים׳ישע קאַבעלן זענען געלייגט געוואָרן אין 1851 צווישן פֿראַנקרייך און ענגלאַנד. אין אַ פּאָר יאָר צייט האָט זיך די טעלעגראַף־סיסטעם פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. און נייעסן, וועלכע זענען ביז אַהער דערגאַנגען פּאַמעלעך פֿון איין אָרט צום צווייטן, זענען פּאַקטיש באַוווסט געוואָרן איינצייטיק אויף דער גאַנצער וועלט.

די דאָזיקע זאַכן, די דאַמפּאייזנבאַן און דער עלעקטרישער טעלעגראַף, זענען פֿאַר דער פּאָפּולערער אימאַגינאַציע פֿונעם מיטן 19־טן י. ה. געווען די העכסט־אויפֿפֿאַלנדסטע און רעוואָלוציאָנערסטע פֿון אַלע דערפֿינדונגען, אָבער זיי זענען נאָר געווען די אָנזיכטיקסטע און אומגעלומפּערטע ערשטע פֿרוכטן פֿון אַ פֿיל מער גרעסערן פּראָצעס. די טעכנישע וויסנשאַפֿט און געניטקייט האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט און אויסערגעוויינלעכן פֿאַרנעם, מעסטנדיק לויט דעם פֿאָרשריט פֿון די פֿריערדיקע צייטן. אַ סך ווינציקער אָנזעעוודיקער אין אָנהויב אין אַלטעגלעכן לעבן, אָבער צום סוף אַ סך מער וויכטיקער, איז געווען די פֿאַרשפּרייטונג פֿונם מענטשנס מאַכט איבער פֿאַרשידענע סטרוקטור־מאַטעריאַלן. פֿאַרן מיטן

18-טן י. ה. איז ס'אייזן אַרויסגענומען געוואָרן פונם אַרץ מיט דער הילף פון הילצערנער קוילן, צוהאַקט געוואָרן אויף קליינע שטיקלעך, געקלאַפּט געוואָרן און אויסגעאַרבעט געוואָרן געשטאַל-טיק. דאָס איז געווען מאַטעריאַל פאַר אַ פאַכמאַן. די קוואַ-ליטעט און באַהאַנדלונג זענען געוואַלדיק אָפּהענגיק געווען פון דער דערפאַרונג און פאַרשטאַנד פון דעם אינדיווידועלן אייזן־אַרבעטער. די גרעסטע מאַסעס אייזן, וועלכע מ'האָט געקענט באַאַרבעטן אין די דאָזיקע באַדינגונגען, האָבן געהאַלטן העכסטנס (אין 16-טן י. ה.) צוויי אָדער דריי טאָן (ס'איז דעריבער געווען אַ זייער באַגרעניצטע מאָס צו דער גרויס פון האַרמאַטן). דער שאַכט=אויוון איז פאַרגרעסערט געוואָרן און זיך אַנטוויקלט אין 18־טן י. ה. צוזאַמען מיטן באַנוצן פון קאָקס.

ערשט אין 18־טן י. ה. (1728) באַגעגנען מיר דאָס גע-װאַלצעװעטע בלעך-אייזן און געוואַלצעוועטע פרענטן און שטאַ־בעס (1783). נאַסמיט'ס דאמפהאַמער איז ערשט געקומען אַזוי שפּעט ווי אין 1838.

די אַלטע וועלט האָט, צוליב איר הינטערשטעליקייט אין מעטאַלורגיע, נישט געקענט באַנוצן קיין דאַמף. די דאַמפשיפן, אַפילו די פרימיטיווע פלומפּמאַשין, האָט זיך נישט געקאָנט אַנט־וויקלען, איידער מ'האָט געקענט קריגן בלעך-אייזן. די עלטסטע מאַשינען ווייזן זיך אויס פאַר דער מאָדערנעם אויג אַלס זייער נעבעכדיקע און אומגעלומפּערטע שטיקלעך שמעלץ, אָבער זיי זענען געווען דאָס אויסערסטע, וואָס די מעטאַלורגישע וויסנשאַפט פון יענער צייט האָט געקענט שאַפן. אַזש אַזוי שפּעט ווי אין 1856 האָט זיך אָנגעהויבן דער בעסעמער פּראָצעס 1), און באַלד (1864) דער אָפּענער אויוון פּראָצעס, אין וועלכן שטאָל און יע-דער מין אייזן קענען צושמאָלצן ווערן, גערייניקט און געגאָסן

---

1) נאָכן נאָמען פונם דערפינדער, סיר ה. בעסעמער, דער פּראָצעס אויס-צואַרבעטן שינעס, רייפן א. א. וו.

מערן אויף אַן אומדערדערהערטן ביז דאַן אופן און מאַסשטאַב. היינט צו־טאָג קען מען זען אין אַן עלעקטרישן אויוון טאָנען אָנגעגליטן שטאָל, וואָס לויפט ווי קאָכעדיק מילך אין אַ פענדל. קיין שום זאַך אין די פריערדיקע פּראַקטישע פאָר־שריטן פון דער מענטשהייט קען זיך נישט פאַרגלייכן, לויט די קאָנזעקווענצן, צו דער פולקאָמער באַהערשונג איבער ריזיקע מאַסעס שטאָל און אייזן, איבער זייער אויסאַרבעטונג און קוואַליטעט, וועלכע דער מענטש האָט איצט דערגרייכט. די אייזנבאַן און די עלטסטע מאַשינען פון כלערליי מינים זענען נאָר געווען די ערשטע טריומפן פון די נייע מעטאַלורגישע מעטאָדן. באַלד האָבן זיך באַוויזן שיפן פון אייזן און שטאָל, ריזיקע בריקן, און אַ נייער אופן צו בויען מיט שטאָל אויף אַ ריזיקן מאסשטאב. די מענטשן האָבן צו שפּעט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז זייער ערשטע אייזנבאַן האָבן זיי געפּלאַנט לויט אַ צו איי־בערגעשראָקענעם קאַליבער, אַז זיי האָבן געקענט אָרגאַניזירן דאָס פאָרן מיט אַ סך גרעסערער שטאַנדהאַפטיקייט און באַקוועמלעכקייט און אויף אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב.

פאַרן 19־טן יאָרהונדערט זענען אין דער וועלט נישט געווען קיין שיפן, וואָס זאָלן האַלטן מער ווי 2000 טאָן; היינט וווּנדערט מען זיך נישט, ווען מען רעדט וועגן אַ 50000 טאָניקן „ליינער".

ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס חוזקן אויס דעם דאָזיקן פּראָגרעס, זאָגנדיק, אַז דאָס איז נאָר אַ פּראָגרעס אין „בלויזער גרויס", אָבער דאָס דאָזיקע חוזקן ווייזט נאָר אויף די אינטעלעקטועלע באַגרענצונגען פון יענע, וואָס דערלויבן זיך דאָס.

די גרויסע שיף אָדער די אין שטאָל איינגעפאַסטע געביידע איז נישט, ווי זיי שטעלן זיך פאָר, אַ פאַרגרעסערטער נוסח פונם קלענערן שיפל אָדער געביידע פון עבר; דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז גאָר פאַרשידן לויטן כאַראַקטער, לייכטער און שטאַרקער געבויט, פון שענערע און שטאַרקערע מאַטעריאַלן; אַנשטאַט צו זיין אַ פּרעצעדענס און אַ פשוטע אויסרעכנונג, איז עס אַ זאַך פון אַ סובטעלער און פאַרפּלאָנטערטער אויסרעכנונג. אין דעם אַלטן הויז אָדער שיף — האָט מען געמוזט זיך רע־

בענען מיט דעם מאַטעריאַל און זיינע נויטווענדיקייטן; אין דעם בייעם איז ער געפֿאַנגען געוואָרן, פֿאַרענדערט און געצוימט געוואָרן.

גיט אַ טראַכט וועגן די קוילן, אייזן און זאַמד, וואָס מ'שלעפּט אַרויס פֿון די בערגן און גריבער, און ס'ווערט געבויגן, צושמאָלצן און צוגאָסן, כּדי ענדלעך צו וואַרפֿן עס, אַ געשטאַלטיק בלאַנקענדיקער טורם פֿון שטאָל און גלאָז, זעקס הונדערט פֿוס איבער דער באַפֿעלקערטער שטאָט.

מיר האָבן שוין אילוסטרירט די דאָזיקע פּרטים פֿון דעם פֿאַרשריט אין דעם מענטשנ'ס וויסנשאַפֿט וועגן מעטאַלורגיע פֿון שטאָל און אירע רעזולטאַטן.

אַ פֿאַראַלעלע געשיכטע קען דערציילט ווערן וועגן דער מעטאַלורגיע פֿון קופּער און צין, און פֿון אַ מענגע מעטאַלן, אָנצורופֿן בלויז צוויי: ניקל און אַלומיניום, וואָס זענען נישט באַקאַנט געווען פֿאַרן אָנהייב פֿון 19־ן י. ה. אין דער גרויסער און וואַקסנדער מאַכט איבער די דאָזיקע זאַכן, איבער פֿאַרשידענע מינים גלאָז, איבער פֿעלזן, שיכטן א. ד. ג. איבער קאָלירן און געוועבן, באַשטייען די הויפּט-נצחונות פֿון דער מעכאַנישע רעוואָלוציע.

אָבער מיר זענען נאָך אין דעם געביט אין דעם סטאַדיום פֿון די ערשטע פּרות. מיר האָבן די מאַכט, אָבער מיר דאַרפֿן זיך ערשט אויסלערנען זי באַנוצן.

אַ סך פֿון די ערשטע אָנווענדונגען פֿון די דאָזיקע וויסנשאַפֿטלעכע מתּנות זענען געווען ווולגאַר, געשמאַקלאָז, נאַריש און העסלעך. דער קינסטלער און צופּאַסער האָבן ערשט קוים אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט די אומענדלעכע וואַריאַציעס פֿון די זאַכן, וואָס שטייען איצט צו זייער דיספּאָזיציע.

פֿאַראַלעל מיט דער פֿאַרברייטערונג פֿון די מעכאַנישע מעגלעכקייטן איז אויפֿגעוואַקסן די נייע וויסנשאַפֿט פֿון עלעקטריע. ערשט אין די 80-ער יאָרן פֿונעם 19-ן י. ה. האָט די דאָזיקע פֿאַר-

שונג אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן רעזולטאַטן, וואָס האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אויפן וואולגאַרן שכל.

דאַן איז אומגעריכט אָנגעקומען דאָס עלעקטרישע ליכט און עלעקטרישע קראַפט, די פאַרענדערונג פון די קרעפטן, די מעגלעכקייט אַרויסצושיקן קראַפט, וואָס קען פאַרוואַנדלט ווערן אין מעכאַנישע באַוועגונג, אָדער ליכט, אָדער באַהייצונג, ווי איינער וויל, דורך אַ קופּערנעם דראָט, פונקט ווי וואַסער ווערט אַרויסגעשיקט דורך אַ רער, און זענען אַריין אין די געדאַנקן פונם פּראָסטן פאָלק...

די ענגלענדער און די פראַנצויזן זענען געווען צום ערשטן די אָנפירנדיקע פעלקער אין דער דאָזיקער גרויסער באַפרוכט-באַרונג פון דער וויסנשאַפט; אָבער באַלט האָבן די דייטשן, וועלכע האָבן זיך בשעת נאַפּאָלעאָנען אויסגעלערנט צו זיין איני-טערטעניק, געוויזן אַזאַ איניפער און אויסדויער אין וויסנשאַפט-לעכע פאָרשונגען, אַז זיי האָבן דעריאָגט די דאָזיקע פעלקער. די ענגלישע וויסנשאַפט איז ס'רויב געווען דער באַשאַף פון ענגלענדער און שאָטלענדער, וואָס האָבן געאַרבעט מחוץ די געוויינלעכע בילדונגס-צענטערס.

די ענגלישע אוניווערזיטעטן זענען אין יענער צייט גע-ווען אין אַ צושטאַנד פון אַ ריקגאַנג אויפן דערציִונגס-געביט, ס'רוב זיך אָפּגעגעבן מיטן פעדאַנטישן שטודיום פון די לאַטיי-נישע און גריכישע קלאַסיקער. אויך די פראַנצויזי ע דערציִונג איז געווען באַהערשט פון דער קלאַסישער טראַדיציע פון די יעזואיטישע שולן, און שליסלעך איז עס נישט געווען שווער פאַר די דייטשן צו אָרגאַניזירן אַ קערפּערשאַפט פון אויספאָר-שער, אמת, קליין אין באַצוג צו די מעגלעכקייטן אין דעם פאַל, אָבער גרעסער, לויט דער פּראָפּאָרציע, פון דער קליינער גרופּע ענגלישע און פראַנצויזישע דערפינדער און עקספּערימענטאַ-ליסטן. און הגם די דאָזיקע אַרבעט פון פאָרשן און עקספּערי-מענטן האָט געמאַכט פון ענגלאַנד און פראַנקרייך די רייכסטע

און מעכטיקסטע לענדער אין דער וועלט, האָט ער נישט רייך געמאַכט און נישט באַפעסטיקט די וויסנשאַפטלעכע און דערפינדערישע מענטשן.

אין אַן אויפריכטיק־וויסנשאַפטלעכן מענטש מוז זיין אַ נישט־וועלטלעכקייט; ער איז צופיל פאַרנומען מיט זיינע פאָרשונגען, אַז ער זאָל פּלאַנעווען און פּראָיעקטירן, ווי אזוי צו מאַכן דערפון געלט. די עקאָנאָמישע עקספּלאָאטאציע פון זיינע אַנטדעקונגען פאַלט דעריבער, נאַטירלעך, זער לייכט אריין אין די הענט פון אַ מער גיריקן טיפּ; און אַזוי זען מיר, אַז דאָס גערעטעניש אין רייכע לייט, וואָס יעדע נייע פאַזע פון וויסנשאַפטלעכן און טעכנישן פּראָגרעס האָט אַרויסגערופן אין ענגלאַנד — הגם זיי, די רייכע, האָבן נישט אַרויסגעוויזן דעם זעלבן ליידנשאַפטלעכן חשק צו באַליידיקן און דערהרגענען די גאַנדז, וואָס האָט געלייגט די נאַציאָנאַלע גאָלדענע אייער, אַזוי ווי ס'איז געווען דער פאַל אין די סכאָלאַסטישע און קלעריקאַלע פּראָפּעסיעס — זענען געווען גאַנץ צופרידן צו לאָזן יענעם רווחים־ברענגנדיקן וועזן צו שטאַרבן פאַר הונגער. דערפינדער און אַנטדעקער, האָבן זיי זיך געטראַכט, עקזיסטירן, נאַטירלעך, כדי קלוגערע מענטשן זאָלן האָבן רווחים.

אין דער הינזיכט זענען די דייטשן געווען אַ ביסל קלוגער. די דייטשע „געלערנטע” האָבן נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ גוואַלדיקע שנאה צו די נייע וויסנשאַפטן. זיי האָבן דערלויבט זייער אַנטוויקלונג. דער דייטשער געשעפטסמאַן און פאַבריקאַנט האָבן נישט אַזוי פאַראכטעט דעם געלערנטן, ווי דאָס האָט געטון זיין ענגלישער קאָנקורענט. די וויסנשאַפט, האָבן די דייטשן געגלויבט, קען אין אַן אַנטשפּרעכנדיקער מאָס זיין אַ קולטיווירטער שניט פאַר די באַפרוכטבערער.

זיי האָבן דעריבער באַוויליקט אַ געוויסן סכום פון דער דאָזיקער געלעגנהייט דעם וויסנשאַפטסמאַן; זייערע עפנטלעכע אויסגאַבן אויף וויסנשאַפטלעכע ווערק זענען פאַרהעלטניסמעסיק

געווען גרעסער און די דאָזיקע אויסגאַבן זענען רייך באַלוינט געוואָרן. אין דער לעצטער העלפט פונם 19-ן י. ה. האָבן די דייטשע וויסנשאַפטסמענער געמאַכט פון דער דייטשער שפּראַך א נויטווענדיקע שפּראַך פאַר יעדן וויסנשאַפטס-פאָרשער, וועל-כער וויל זיין אין קאָנטאַקט מיט די נייעסטע ווערק פון זיין געביט, און אין געוויסע בראַנזשעס, באַזונדערס אין דער כעמיע, האָט דייטשלאַנד דערגרייכט א זער גרויסע איבערוואג איבער אירע מערב-שכנים. די וויסנשאַפטלעכע אָנשטרענגונגען פון די 60-ער און 70-ער יאָרן אין דייטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאַלקולירן נאָך די 80-ער און די דייטשן האָבן בסדר אי-בערגעיאָגט דעם טעכנישן און אינדוסטריעלן וווילשטאַנד פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

א נייע פאַזע אין דער געשיכטע פון דערפינדונגען האָט זיך אָנגעהויבן, ווען מ'האָט אין די 80-ער י. אָנגעהויבן באַנוצן א נייעם מין מאַשין, א מאַשין, אין וועלכער די עקספּאַנסיווע קראַפט פון אן עקספּלאָדירנדיקן געמיש איז פאַרטרעטן געוואָרן דורך דער עקספּאַנסיווער קראַפט פון דאַמף. די לייכטע שטאַרק ווירקזאַמע מאַשינען, וואָס זענען אַזוי אַרום געוואָרן מעגלעך, זענען צוגעפּאַסט געוואָרן צו אויטאָמאָבילן, און ענדלעך זיך אַנטוויקלט און דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון לייכטקייט און ווירק-זאַמקייט, אַז זיי זאָלן מאַכן דאָס פליען — שוין לאַנג באַקאַנט אַלס א מעגלעכע זאַך — אַלס א פּאַקטישע דערגרייכונג. א דערפּאָלגרייכע פלימאַשין — אָבער נישט גענוג גרויס, אַז זי זאָל קענען אין זיך אַריינעמען א מענטש — איז אויסגעאַר-בעט געוואָרן דורך פּראָפעסער לאַנגלי פון דעם סמיטישן אינ-סטיטוט אין וואַשינגטאָן אין 1897 י. אין 1909 איז דער אעראָפּלאַן שוין געשטאַנען אין דער דינסט פאַר דער מענטש-לעכן לאָקאמאציע.

מיט דער פאַרפולקאמונג פון אייזנבאַנען און אויטאָמאָבי-האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז אַריינגעטרעטן אַן הפסקה אין דער

פאַרגרעסערונג פון דער מענטשלעכער שנעלקייט, אָבער מיט דער פּלימאַשין זענען דערגרייכט געוואָרן פרישע רעדוקציעס אין די שטרעקעס צווישן איין פּונקט פון דער ערד און דעם צווייטן.

אין 18-ן י. ה. איז מען פון לאָנדאָן קיין עדינבורג געפאָרן 8 טאָג; אין 1918 האָט די בריטישע ציווילע לופט-טראַנספּאָרט קאָמיסיע געשריבן אין איר ראַפּאָרט, אַז די רייזע פון לאָנדאָן קיין מעלבורן, העלפט-וועג פון דער ערד, וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום וואַרשיינלעך געדויערן אַזאַ צייט (8 טאָג).

מ'דאַרף נישט לייגן קיין צו-גרויס געוויכט אויף די דאָזיקע אויפפאַלנדיקע רעדוקציעס אין די צייט-דיסטאַנצן פון איין אָרט צום צווייטן.

זיי זענען נאָר איין בילד פון דער טיפערער און מער וויכטיקערער פאַרגרעסערונג פון דער מענטשלעכער מעגלעכקייט.

די וויסנשאַפט פון אגריקולטור און אגריקולטור-כעמיע צ. ב. האָט געמאַכט כמעט פּאַראַלעלע פאָרשריטן במשך פונם 19-ן י. ה. מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט אַזוי צו באַפרוכטבאַרן דעם באָדן, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן פיר מאָל און פינף מאָל מער גערעטעניש ווי מ'האָט באַקומען פון דעם זעלבן באָדן אין 17-ן י. ה.

אויך די מעדיצינישע וויסנשאַפט האָט געמאַכט נאָך מער אויסערגעוויינלעכע פאָרשריטן; די דורכשניטלעכע דויער פונם לעבן האָט זיך פאַרגרעסערט, די אַלטעגלעכע פּראָדוקטיווע קראַפט האָט זיך פאַרגרעסערט, דאָס פאַרשווענדן פונ'ם לעבן צוליב קראַנקהייטן האָט זיך פאַרקלענערט. דאָ האָבן מיר איצט אַזאַ ענדערונג אין דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס באַדייט אַ נייע פאַזע אין דער געשיכטע.

אין עפּעס מער ווי אַ 100 יאָר איז פאָרגעקומען די-

דאָזיקע מעכאַנישע רעוואָליוציע. אין דער דאָזיקער צייט האָט דער מענטש געמאַכט אַ ריזיקן שריט פאָרווערטס אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון זיין לעבן, מער ווי ער האָט געמאַכט דורך דער לאַנגער צווישנצייט, וואָס איז צווישן דער פאַלעאָליטישער פאזע און דעם פעריאָד פון קולטיווירונג, אָדער צווישן די צייטן פון פעפי אין מצרים און דזשאָרדזש III 1) אַ ניי גיגאַנטיש מאַטעריעל פאַרברייטונג-ווערק פאַר מענטשלעכע ענינים האָט זיך באַוויזן. ס'איז קלאָר, אַז דאָס פאָדערט אַ גרויסע רעאָרגאַניזאַציע פון אונזערע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פאָליטישע מעטאָדן. אָבער די דאָזיקע רעאָרגאַניזאַציע האָט געמוזט וואַרטן אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מעכאַנישער רעוואָלוציע און זי איז נאָך היינט ערשט אין איר אָנפאַנג-סטאַדיום.

קאַפּיטל 22

די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע

אין אַ סך היסטאָריע-ביכער איז פאַראַן אַ טענדענץ צוזוּמפּצומישן דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגערופן מעכאַנישע רעוואָלוציע, וועלכע איז אַ פולשטענדיק נייע דערשיינונג אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג, אַנטשטייענדיק פון דער אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזירטער וויסנשאַפט, צ. ב. אַ נייער טריט, ווי די דערפינדונג פון אַגריקולטור אָדער די אַנטדעקונג פון מעטאַלן, מיט גאָר אַן אַנדערער זאַך, גאַנץ פאַרשידן לויט דער אָפּשטאַמונג, אַזעלכעס, וואָס האָט שוין געהאַט אַ היסטאָרישן

1) ענגלישער קעניג 1820—1760.

פּרעצעדענס: די סאָציאַלע און פינאַנציעלע אַנטוויקלונג, וועלכע
הייסט אינדוסטריעלע רעוואָלוציע. די דאָזיקע
פּראָצעסן זענען פאָרגעקומען אינאיינעם, זיי האָבן שטענדיק גע-
ווירקט איינער אויפן צווייטן, אָבער לויטן שורש און מהות זע-
נען זיי געווען פאַרשידן. ס'וואָלט געשען אַן אינדוסטריעלע
רעוואָלוציע פון קלאַסן, אויב ס'וואָלט נישט געווען קיין קוילן,
דאַמף אָדער מאַשינעריע; אָבער אין יענעם פאַל וואָלט זי וואר-
שיינלעך געגאַנגען אַ סך נענטער אין די ריכטליניען פון דער
סאָציאַל־פינאַנציעלער אַנטוויקלונג פון די שפּעטערע יאָרן אין
דער רוימישער אימפּעריע. ס'וואָלט זיך איבערגעחזרט די גע-
שיכטע פון אַנטייגנטע פרייע ערד־אַרבעטער, גרופּן-אַרבעטער,
גרויסע ערד-באַזיצן, גרויסע פינאַנציעלע רייכטימער און אַ סאָ-
ציאַל-דעסטרוקטיווער פינאַנציעלער פּראָצעס. אַפילו די פאַבריקס-
מעטאָד איז געווען פריער פאַר דער קראַפט און מאַשינעריע.

די פאַבריקן זענען נישט געווען אַ פּראָדוקט פון מאַשי-
נעריע, נאָר פון דער „אַרבעט איינטיילונג", געאיבטע און שוויצנ-
דיקע אַרבעטער האָבן אויסגעאַרבעט אַזעלכע זאַכן, ווי טעקטור-
פּודלעס צו הוטן און מעבל, קאָלירטע מאַפּעס, אילוסטרירטע
ביכער א. א. וו., נאָך איידער מ'האָט באַנוצט וואַסער-רעדער צו
אינדוסטריעלע צוועקן. אין אויגוסטוסעס צייטן זענען אין רוים
שוין געווען פאַבריקן. נייע ביכער צ. ב. זענען דיקטירט גע-
וואָרן פאַר אַ רייע קאָפּירער אין די פאַבריקן פון די בוכהענד-
לער. דער אויפמערקזאַמער פאָרשער פון דעפאָ 1) און פילדינגס
פּאָליטישע פּאַמפלעטן וועט באַגרייפן, אַז די אידיי צונויפצוטרייבן
אָרעמע מענטשן אין פאַבריקן, כדי צו אַרבעטן קאָלעקטיוו אויף
זייער פּרנסה, איז אין ענגלאַנד שוין געווען אַן אַלגעמיין-פאַר-
שפּרייטע זאַך נאָך פאַרן סוף פונם 17-טן י. ה. ס'זענען וועגן דעם
שוין דאָ רמזים אַפילו אין מאָרס „אוטאָפּיע" (1516) דאָס איז

1] באַרימט אַלס מחבר פון „ראָבינזאָן קרוזאָע".

געווען אַ סאָציאַלע און נישט אַ מעכאַנישע אַנטוויקלונג. ביז נאָך דעם מיטן 18-טן יאָרהונדערט איז די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע געשיכטע פון מערב-אייראָפּע פּאַקטיש צוריקגעגאַנגען אין דעם וועג. אין וועלכן ס'איז געגאַנגען די רוימישע מלוכה אין די לעצטע 300 י. ה. פּ. ק. אָבער די פּאָליטישע נישט-אחדות פון אייראָפּע, די פּאָליטישע דערשיטערונגען קעגן דער מאָנאַרכיע, די אָפּאָזיציע פונם פּשוטן פאָלק, און אפשר אויך די גרעסערע צוגענגלעכקייט פון דער מערב-אייראָפּעאישער אינטעליגענץ צו די מעכאַנישע אידייען און דערפינדונגען, האָבן געטריבן דעם פּראָצעס אין גאָר נייע ריכטונגען. די אידייען וועגן דער מענטשלעכער סאָלידאַריטעט זענען, אַ דאַנק דעם קריסטיאַניזם, געווען אַ סך מער פאַרשפּרייט אין דער נייערער אייראָפּעאישער וועלט; די פּאָליטישע מאַכט איז נישט געווען אַזוי קאָנצענטרירט, און דער ענערגישער מענטש, וואָס האָט געוואָלט רייך ווערן, האָט דעריבער מיט חשק זיך געווענדעט פון די אידייעס וועגן שקלאַפן און גרופּן-אַרבעט צו דער אידיי פון מעכאַנישער קראַפט און מאַשין. די מעכאַנישע רעוואָליוציע, דער פּראָצעס פון מעכאַנישער דערפינדונג און אַנטדעקונג איז געווען אַ נייעס אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג און איז זיך געגאַנגען איר וועג, נישט קוקנדיק אויף די סאָציאַלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע קאָנזעקווענצן וואָס זי וועט אַרויסרופן. די אינדוסטריעלע רעוואָליוציע דאַקעגן, פונקט ווי ס'רוב אַנדערע מענטשלעכע ענינים, איז געווען און איז וואָס אַמאָל מער טיף פאַרענדערלעך און אָפּווייכנדיק צוליב דער שטענדיקער ענדערונג אין די מענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס אַנטשטייען אַ דאַנק דער מעכאַנישער רעוואָליוציע. און דער עיקר אונטערשיד צווישן דער אָנזאַמלונג פון רייכטום, דעם אונטערגאַנג פון די קליינער פאַרמעס און קליינע געשעפטס-מענטשן, און צווישן דער פאַזע פון גרויסע פינאַנצן אין די לעצטע י. ה. פון דער רוימישער אימפּעריע פון איין זייט, און

די זער ענלעכע קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל אין 18־ן און 19-ן י. ה. פון דער צווייטער זייט, ליגט אין דעם טיפן אונ־טערשיד, אין דעם כאַראַקטער פון אַרבעט, וואָס די מעכאַנישע רעוואָליוציע האָט גורם געווען.

די קראַפט פון דער אַלטער וועלט איז געווען אַ מענטש־לעכע; אַלץ האָט אולטימאַטיוו זיך געווענדעט אן דער טרייב־קראַפט פון די מענטשלעכע מוסקולן, די מוסקולן פון די אומ־וויסנדיקע און פאַרשקלאַפטע מענטשן. ס'האָבן דערצו בייגעשטייערט אַ ביסל חיות-מוסקולן, דורך די שלעפ-אָקסן, משא-פערד א. ד. ג. ווו מ'האָט געדאַרפט אויפהייבן אַ משא, האָבן דאָס מענטשן געטון; ווו מ'האָט געדאַרפט צוצוהאַקן אַ פעלז, האָבן דאָס געטון מענטשן; ווו מ'האָט געדאַרפט אַקערן אַ פעלד, האָט דאָס געטון דער מענטש און אָקס; דער רוימישער עקווי־וואַלענט פון דער דאַמפשיף איז געווען די גאַלערע מיט אירע בענק מיט שוויצנדעקע רודערער. אַ ריזיקע פּראָפּאָרציע פון דער מענטשהייט אין די אַלטע ציוויליזאַציעס איז באַשעפטיקט געווען מיט פשוטער מעכאַנישער שלעפ-אַרבעט. אין אָנהייב האָט זיך נישט אויסגעוויזן, אַז די דורך קראַפט-געטריבענע מא־שינעריע זאָל צוזאָגן אַ באַפרייונג פון אַזעלכער נישט אינטע־ליגענטער אַרבעט. גרויסע גרופּעס מענטשן זענען באַשעפטיקט געווען אין גראָבן קאַנאַלן, אויסהאַקן וועגן פאַר די באַנען און דאַמבעס קעגן וואַסער א. ד. ג. די צאָל פון די גרובן־אַרבעטער האָט זיך אויסערגעוויינלעך פאַרגרעסערט. אָבער דאָס פאַרשפרייטן זיך פון די פאַרלייכטערונגען און די פּראָ־דוקציע פון די סחורות האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט.

און ווען דער 19-ער י. ה. איז זיך געגאַנגען ווייטער, האָט זיך די פשוטע לאָגיק פון דער נייער סיטואַציע נאָך קלאָרער באַשטעטיקט.

די מענטשן זענען נישט מער געברויכט געוואָרן אַלס אַ קוועלע פון בלויזער נישט אונטערשיידנדיקער זיך אַרבעט. וואָס

ס'האָט געקענט געטון ווערן מעכאַניש דורך אַ מענטש, האָט געקענט געטון ווערן שנעלער און בעסער דורך אַ מאַשין. דער מענטש איז נויטיק געוואָרן דאָרט, ווו מ'האָט געדאַרפט אינטע־ליגענץ און אויסוואַל. די מענטשן זענען נאָר געברויכט גע־וואָרן אַלס מענטשן.

די שלעפּ־חיה, אויף וועלכער ס'האָבן זיך געשטיצט אַלע פריערדיקע ציוויליזאַציעס, די חיה, וואָס האָט נאָר בלויז געדאַרפט זיין געהאָרכזאַם, דער מענטש, וועמענס געהירן איז געוואָרן איבריק, איז געווארן נוצלאָז פאַר דעם וויל פון דער מענטשהייט. דאָס איז געווען אַזוי ריכטיק אין אַזעלכע אַלטע אינדוסטריעס, ווי אַגריקולטור און גרובן, ווי אין די נייעסטע מעטאַלורגישע פּראָצעסן.

צו אַקערן, זייען און שניידן, זענען אויפגעקומען שנעלע מאַשינען, וואָס טוען די אַרבעט פון צענדליקער מענטשן. די רוימישע ציוויליזאַציע איז געבויט געווען אויף ביליקע און דע־דעגראַדירטע מענטשלעכע וועזנס, די מאָדערנע ציוויליזאציע ווערט אויפגעבויט אויף ביליקער מעכאַנישער קראַפט. מיט הונ־דערט יאָר צוריק איז קראַפט געוואָרן ביליקער און אַרבעט טייערער. אויב אין משך פון אַ דור אָדער עפּעס מער, האָט די מאַשינעריע געוואַרט אויף איר רייע אין די גרובן, איז דאָס געווען פשוט דערפאַר, ווייל אַ צייט זענען מענטשן געווען בי־ליקער ווי די מאַשין. דאָ האָבן מיר אַן איבערענדערונג פון אַן ערשט־קלאַסיקער באַדייטונג אין די מענטשלעכע ענינים. די הויפּט־דאגה פון די רייכע און פון די הערשער אין די אלטע ציוויליזאַציעס איז געווען צו האַלטן אַ רעזערוו פון שלעפּ־אַרבעטער.

ווען דער 19־טער י. ה. איז זיך ווייטער געגאַנגען, איז עס וואָס אַמאָל קלאָרער געוואָרן פאַר די אינטעליגענטע אָנ־פירנדיקע מענטשן, אַז דער פשוטער מענטש דאַרף איצט זיין עפּעס בעסער ווי אַ שלעפּ־חיה. מ'האָט אים געמוזט בילדן,

אויב נאָר כדי צו פאַרזיכערן די „אינדוסטריעלע פּראָדוקטיוויטעט". ער דאַרף פאַרשטיין, וואָס ער גייט טון. זינט די צייטן פון דער ערשטער קריסטלעכער פּראָפּאַגאַנדע האָט אין אייראָפּע געטליעט די פאָלקס-בילדונג, פונקט ווי זי האָט געטליעט אין אַזיע, ווו נאָר דער איסלאַם האָט געשטעלט אַ פוס, צוליב דער נויטווענדיקייט פון געבן דעם גלויביקן צו פאַרשטיין אַביסל פון דעם גלויבן, וואָס דערלייזט אים און דערמעגלעכט אים אַביסל צו לייענען די הייליקע ביכער, פון וועלכע ער קריגט אַ באַגריף וועגן זיין גלויבן. די קריסטלעכע וויכוחים, מיט זייער יאָגן זיך נאָך אָנהענגער, האָט פאַראָקערט דעם באָדן פאַר דעם שניט פון פּאָפּולערער בילדונג. אין ענגלאַנד צ. ב. האָבן די דיספּוטן פון די סעקטעס און די נויטווענדיקייט צו פאַנגען יונגע אָנהענגער אין די 30-ער און 40-ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, אַרויסגערופן אַ רייע קאָנקורירנדיקע בילדונגס־אַנשטאַלטן פאַר קינדער: די קירכלעכע „נאַציאָנאַלע" שולן, די דיסידענטישע ענגלישע שולן, און אפילו רוימיש-קאַטוילישע עלעמענטאַרע שולן. די צווייטע העלפט פונם 19־טן יאָרהונדערט איז געווען אַ פּעריאָד פון שנעלן פּראָגרעס אין פּאָפּולערער בילדונג אין דער גאַנצער פאַרמערב'טער וועלט. ביי די העכערע קלאַסן איז אויף דעם בילדונגס־געביט נישט געווען קיין פּאַראַלעלער פּראָגרעס — בלי ספק אַ געוויסער פּאָרשריט, אָבער גאָרנישט, וואָס זאָל זיין אַנטשפּרעכנד לגבי דער ערשטער — און אַזוי אַרום איז יענער תהום, וואָס האָט ביז אַהער צוטיילט יענע וועלט אויף לייענערס און נישט-לייענערס, געוואָרן עפּעס מער ווי אַ לייכט-אַנזעעוודיקער אונטערשיד אין דער בילדונגס-מדרגה.

הינטער די פּליצעס פונם דאָזיקן פּראָצעס איז געשטאַנען די מעכאַנישע רעוואָלוציע, קענטיק נישט רעכנענדיק זיך מיט די סאָציאַלע באַדינגונגען, אָבער אין אמתן אומרחמנותדיק געמאָנט די פולשטענדיקע אָפּשאַפונג פון אַ פּולקאָם נישט געבילדעטער קלאַס אין דער גאַנצער וועלט.

די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע פון דער רוימישער רעפובליק איז קיינמאָל נישט קלאָר פאַרשטאַנען געוואָרן פון דעם פשוטן רוימישן פאָלק. דער געוויינלעכער רוימישער בירגער האָט קיינמאָל נישט געזען די ענדערונגען, אין וועלכע ער לעבט, אזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך ווי מיר זעען זיי; אָבער די אינ־דוסטריעלע רעוואָלוציע, ווען זי איז דערגאַנגען צום סוף פון 19־טן י. ה. איז וואָס אַמאָל מער געזען געוואָרן בולט אַלס איין פּראָצעס דורך דעם פשוטן פאָלק, אויף וועלכן זי האָט גע־האַט אַ ווירקונג, ווייל עס האָטגעקענט לעזן, דיסקוסירן און איבערגעבן ידיעות, ווייל עס איז געגאַנגען פאָרווערטס און געזען זאַכן, ווי קיין שום אַנדער פשוטע פאָלק פאַר אים.

קאפיטל 23

די אנטוויקלונג פון די מאָדערנע פּאָליטישע און סאָציאַלע אידייען

די אינסטיטוציעס, מנהגים און פּאָליטישע אידייען פון די אַלטע ציוויליזאַציעס זענען געוואַקסן פאַמעלעך, פּעריאָד נאָך פּעריאָד, און קיין שום מענטש האָט זיי נישט אָנגעצייכנט און נישט פאָרויסגעזען. ערשט אין יענעם גרויסן יאָרהונדערט פון דער מענטשלעכער בחורשאַפט, דער 6־טער י. ה. פ. ק. האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו דענקען קלאָר וועגן זייערע באַציונגען צו אַנדערע מענטשן, צום ערשטן מאָל פרעגן און פּראָפּאָנירן צו בייטן און רעאָרגאַניזירן די איינגעפונדעוועטע גלויבנס, גע־זעצן און מעטאָדן פון דער מענטשלעכער רעגירונג. מיר האָבן דערציילט וועגן דעם רומפולן אינטעלעקטועלן טאָגן פון גריכנ־

לאַנד און אלעקסאַנדריע, און ווי אַזוי דער צוזאַמענברוך פון די שקלאַפן־האַלטנדיקע ציוויליזאַציעס און די כמאַרעס פון רעליגיעזער נישט-טאָלעראַנץ און אַבסאָלוטער רעגירונג האָבן פאַרפינצטערט דעם צוזאָג פון יענעם אָנהייב. דאָס ליכט פון אומדערשראָקענעם דענקען האָט נישט דורכגעבראָכן די אייראָפּעאישע פינצטערניש אויף אַ ווירקזאַמען אופן ביז דעם 15־טן און 16-טן יאָרהונדערט י. ה.

מיר האָבן זיך באַמיט צו ווייזן עפּעס פון דעם אַנטייל פון די גרויסע ווינטן פון דער אַראַבישער נייגעריקייט און דער מאָנגאָלישער דעראָבערונג אין דער בהדרגהדיקער אויסלייטערונג פון די גייסטיקע אייראָפּעאישע הימלען. לכתחילה איז עס געווען די מאַטעריעלע וויסנשאַפט וואָס האָט זיך פאַרגרעסערט. די ערשטע פירות פון דער צוזיך געקומענער מענלעכקייט פון דער מענטשהייט זענען געווען מאַטעריעלע דערגרייכונגען און מאַטעריעלע קראַפט. די וויסנשאַפטן וועגן דער מענטשלעכער קרובהשאַפט, וועגן דער אינדיווידועלער און סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, וועגן דערציונג און עקאָנאָמיע זענען נישט בלויז סובטעל און פאַרוויקלט אַן פאַר זיך, נאָר אויך נישט־אויפצוויקלען פאַרבונדן מיט אַ סך עמאָציאָנעלע יסודות. דער פאָרשריט, וואָס איז אין זיי געמאַכט געוואָרן, איז געווען אַ פּאַמעלעכער און האָט געהאַט אויסצושטיין אַ גרעסערע קעגנערשאַפט. מענטשן וועלן רויק אויסהערן די העכסט-פאַרשידענע רמזים וועגן שטערן אָדער די מאָלעקולן, אָבער די אידייען וועגן אונזער לעבנס־שטייגער רירן אָן און שלאָגן זיך אָן אין יעדן איינעם פון אונדז.

און פונקט ווי אין גריכנלאַנד זענען די דרייסטע ספּעקולאַטיווע פאָרשונגען פון פּלאַטאָ געקומען פאַר אַריסטאָטעלע'ס שווערע נאָכזוכן נאָך פאַקטן, אַזוי זענען אויך אין אייראָפּע די ערשטע פּאָליטישע פאָרשונגען פון דער נייער פּאַזע איינגעפּאַסט געוואָרן אין דער פאָרם פון „אוטאָפּישע" דערציילונגען, דירעקט

נאָכגעאַמטע פון פּלאַטאָ׳ס „רעפּובליק" און זיינע „געזעצן". סיר טאָמאַס מאָר׳ס „אוטאָפּיע„1) איז אַ מערקווירדיקע נאכאמונג פון פּלאַטאָ און די האָט געגעבן פּרות אין אַ ניי ענגליש „אָרים־געזעץ". דעם נעאפּאלער קאַמפּאַנעלי׳ס „שטאָט פון דער זון" איז געווען פאַנטאַסטישער און ווינציקער פּרוכטבאַר. ביים סוף פון 17-ן י. ה. זען מיר, אז ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ באַדייטנדיקע און וואַקסנדיקע ליטעראַטור וועגן פּאָליטישע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן.

צווישן די פּיאָנערן אין דער דאָזיקער דיסקוסיע איז געווען דזשאָן לאָק, אַ זון פון אַן ענגלישן רעפּובליקאַנער, אַן אָקספאָרדער „שולמאַן" וועלכער האָט זיך צום ערשטן באַשעפטיקט מיט דער כימיע און מעדיצין.

זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן רעגירונג, טאָלעראַנץ און דערציונג ווייזן אַ מוח, וואָס איז פולקאָם באַוווסטזיניק וועגן דער מעגלעכקייט פון סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע. פּאַראַלעל מיט און אַ ביסל שפּעטער ווי דזשאָן לאָק אין ענגלאַנד, האָט מאָנטעסקיע (1689—1755) אין פראַנקרייך אונטערגענומען די סאָציאַלע, פּאָליטישע און רעליגעזע אינסטיטוציעס אונטער אַן אויספאָרשנדיקן און פונדאַמענטאַלן אַנאַליז. ער האָט אָראָפּגעריסן דעם מאַגישן פּרעסטיזש פון דער אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך. צוזאַמען מיט לאָק׳ן געהערט אים דאָס פאַרדינסט פון אָפּרוימען פון וועג אַ סך פון די פאַלשע אידייען, וואָס האָבן ביז אַהער געשטערט באַטראַכטע און באַוווסטזיניקע פאַרזוכן צו רעקאָנסטרואירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט.

דער נאָכקומענדיקער נאָך אים דור אין די מיטעלע און שפּעטערדיקע דעקאַדעס פון 18-ן י. ה. האָט דרייסט געפאָרשט די מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע אויפקלערונגען, וואָס ער האָט געמאַכט. אַ גרופּע גלענצנדע שרייבער, די „ענציקלאָפּעדיסטן", פרוב רעוואָלוציאָנערע גייסטער פון די אויסגעצייכנטע יעזואיטישע שולן, האָבן זיך גענומען צו פּראָיעקטירן אַ נייע וועלט

---

1) ארויס אין 1516

(1766). האָט ביי האָט מיט די ענציקלאָפּעדיסטן זענען גע-גאַנגען די עקאָנאָמיסטן אָדער פיזיאָקראַטן, וועלכע האָבן גע-מאכט דרייסטע און נישט-פאַרענדיקטע פאָרשונגען וועגן דער פּראָדוקציע און דער צוטיילונג פון שפּייז און סחורות. מאָ-רעלי, דער מחבר פון „דער קאָדעקס פון דער נאַטור" איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער אינסטיטוציע פון פּריוואַט אייגנטום און פּראָפּאַגירט אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעל-שאַפט. ער איז געווען דער פאָרלויפער פון יענער גרויסער און פאַרשידנאַרטיקער שול פון די קאָלעקטיוויסטישע דענקער אין דעם 19-ן י. ה. וועלכע זענען, אין גאַנצן גענומען, סאָצ-יאַליסטן. וואָס איז סאָציאַליזם? ס'זענען פאַראַן א 100 דע-פיניציעס פון סאָציאַליזם אין 1000 סעקטעס פון סאָציאַליסטן. בעיקר איז דער סאָציאַליזם נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ קריטיק פון דער אייגנטום-אידיי אין דעם ליכט פון דעם אַלגעמיינעם וויל. מיר וועלן בקצור איבערבליקן די געשיכטע פון דער דאָזיקער אידיי אין משך פון אַלע צייטן.

די דאָזיקע אידיי און די פון אונטערנאַציאָנאַליזם זענען די צוויי קאַרדינאַלע אידייען, אַרום וועלכע ס'דרייט זיך מייסטנס אונדזער פּאָליטיש לעבן. די אידיי פון אייגנטום אַנטשטייט פון די קעמפנדעקע אינסטינקטן ביי די מינים. נאָך לאַנג איי-דער די מענטשן זענען געווען מענטשן, איז דער פּאַרפעקט לעכער אפע געווען אַן אייגנטימער. פּרימיטיוו אייגנטום איז דאָס, וואָס א חיה קעמפט דערפאַר. דער ביין ביים הונט, די נאָרע ביי דער טיגריסין. די סטאַדע ביים ברומענדיקן הירש—זענען פּראָקלאַמירטע אייגנטום-רעכט. די סאָציאָלאָגיע ווייסט נישט פון קיין מער זינלאָזן אויסדרוק ווי „פּרימיטיווער קאָמוניזם". דער זקן פון דעם משפּחה-שבט פון די ערשטע פּאַלעאָליטישע צייטן האָט געמאַנט זיין אייגנטום רעכט צו זיינע ווייבער און טעכטער, צו זיין געצייג, אין קרייז פון זיין זעעוודיקער וועלט.

אויב אַן אַנדערער מענטש איז אַריינגעקומען אין זיין זעעוודיקער וועלט, האָט ער מיט אים געקעמפט, און אויב ער האָט געקענט, האָט ער אים דערהרגעט. דער שבט איז ענט־שטאַנען אין משך פון פעריאָדן (ווי אַנטקינזאָן האָט עס איבער־צייגנדיק באַוויזן אין זיין „אור־געזעץ״), אַ דאַנק דער בהדרגה־דיקער טאָלעראַנץ פון זקן צו דער עקזיסטענץ פון די יונגע מענטשן, און צו זייער אייגנטום־רעכט צו די געפאַנגענע דורך זיי ווייבער מחוץ דעם שבטס געביט, און צו דער געצייג און אָרנאַמענטן, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט און דאָס געווילד, וואָס זיי האָבן דערהרגעט. די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז אַנטשטאַנען דורך אַ קאָמפּראָמיס צווישן *דעמ׳ס* אייגנטום און *יענעמס*. דאָס איז געווען אַ פשרה מיטן אינסטינקט און איז אויפגעצוווּנגען געוואָרן די מענטשן דורך דער נויטווענדי־קייט צו פאַרטרייבן אַן אַנדערן שבט פונם קרייז פון זיין זעעוו־דיקער וועלט. אויב די בערג, וועלדער און שטראָמען זענען נישט *דיין* לאַנד אָדער *מיין*, איז עס דערפאַר, ווייל ס׳האָט געמוזט זיין *אונדזער* לאַנד. יעדער פון אונדז וואָלט גע־וואָלט, אז ס׳זאָל זיין *מיין* לאַנד, אָבער דאָס וואָלט נישט געטויגט. אין דעם פאַל וואָלטן די אַנדערע מיט־מענטשן אונדז פאַר־ניכטעט. געזעלשאַפט איז דעריבער פון סאַמע אָנהייב אָן אַ מילדערונג פון *רעכט צו אייגנס*. דאָס רעכט צו אייגנס איז ביי דער חיה און ביי דעם פרימיטיוון ווילדן געווען אַ סך מער אינטענסיווע זאַך, ווי ס׳איז היינט אין דער ציוויליזירטער וועלט. ס׳איז מער איינגעוואָרצלט אין אונדזערע אינסטינקטן ווי אין אונדזער פאַרשטאַנד. ביי דעם נאַטור־ווילדן און ביי די היינטיקע נישט געבילדעטע מענטשן איז נישט פאַראַן קיין גרעניץ צו דער ספערע פון זייער רעכט צו אייגנס. די זאַך פאַר וועלכער דו קאָנסט קעמפן, קען געהערן צו דיר; ווייבער, לעבן געבליבענע געפאַנגענע, געפאַנגענע חיות, די אָפענע וואַלד געביטן, שטיין־גרובן און וואָס נישט. ווען דער

קבוץ איז אויסגעוואַקסן, איז אַנטשטאַנען אַ מין געזעץ צו באַ־גרעניצן דעם עגאָנזייטיקן, פאַרניכטנדן קאַמף, און ס'האָבן זיך אַנטוויקלט ביי מענטשן רויע און פּראָמפּטע מעטאָדן צו דער־ליידיקן דאָס אייגנטום־רעכט. מענטשן האָבן געקענט האָבן אַלס אייגנס דאָס, וואָס זיי האָבן די ערשטע געמאַכט, געפאַנגען אָדער געפאָדערט. ס'האָט זיך אויסגעוויזן גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ בעל־חוב, וועלכער קען נישט באַצאָלן, זאָל ווערן ס'אייגנטום פון זיין קרעדיטאָר.

ס'איז אויך געווען נאַטירלעך, אַז נאָך דעם פּרעטענדירן צו א שטיקל באָדן, האָט אַ מענטש גענומען אָפּצאָל פון דעם מענטש, וואָס האָט געוואָלט דאָס שטיקל באָדן באַנוצן. ערשט בהדרגה, ווען די מעגלעכקייט פון אַן אָרגאַניזירט לעבן האָט אָנגעהויבן צו טאָגן פאַר די מענטשן, איז דאָס דאָזיקע אומבאַגרעניצטע אייגנטום־רעכט אין כמעט יעדער זאַך אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ שעדלעכע זאַך.

מענטשן האָבן דערזען, אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן אין אַ וועלט, ווו אַלץ האָט אייגנטימער און פּרעטענדענטן, ניין! זיי האָבן דערזען, אַז זיי אַליין זענען עמיצנס אייגנס און פּרע־טענזיעס.

ס'איז איצט שווער נאָכצופאָרשן די סאָציאַלע קאַמפן פון די ערשטע ציוויליזאַציעס, אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן דערציילט וועגן דער רוימישער אימפּעריע, ווייזט אַ קבוץ, וועלכער וועט רייף פאַר דער אידיי, אַז חובות קענען ווערן אַ געזעלשאַפטלעך אומבאַקוועמלעכקייט און זיי מוזן דאַן אָפּגעוואָרפן ווערן, און אַז דאָס אומבאַגרעניצטע אייגנטום־רעכט צו דער ערד איז אויך אַן אומבאַקוועמלעכקייט. מיר געפינען, אַז דאָס שפּעטערדיקע בבל האָט שטרענג באַגרעניצט דאָס רעכט פון אייגנס צו א שקלאַף. ענדלעך געפינען מיר אין דער לערע פון יענעם גרויסן רעוואָ־לוציאָנער, יעזוס פון נצרת, אַזאַ אַטאַק אויפן אייגנטום־רעכט, ווי קיינמאָל נישט פריער. ס'איז גרינגער — האָט ער געזאָגט —

דעם קעמל אַדורכצוגיין דורך דעם נאָדל-לעכל, איידער דעם אייגנטימער פֿון אַ גרויסן באַזיץ אַריינצוקומען אין מלכות-שמים. אַ כּסדרדיקע שטאַנדהאַפֿטיקע קריטיק וועגן דער דערלויבבאַרער מאָס פֿון אייגנטום האָט, ווייזט אויס, אָנגעהאַלטן אין דער וועלט אין די לעצטע 30—25 י. ה.

1900 יאָר נאָך יעזוסן געפֿינען מיר, אַז די גאַנצע וועלט, וואָס האָט אָנגענומען די קריסטלעכע לערע, איז איבערצייגט, אַז ס'קאָן נישט זיין קיין אייגנטום-רעכט צו א מענטשלעך וועזן. און אויך די אידיי, אַז „אַ מענטש קען טון, וואָס ער וויל מיט זיין אייגנס" איז אַ סך אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין באַצוג צו אַנדערע מינים פֿון אייגנטום-רעכט. אָבער די דאָזיקע וועלט פֿון דעם סוף פֿון 18-טן י. ה. האָט זיך ערשט געפֿונען אין דעם צווייפֿל-סטאַדיום אין דער דאָזיקער פֿראַגע. זי האָט נאָך נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף, אַ סך ווינציקער דערליידיקט, אַז זי זאָל עפּעס קענען טון. דאָס ערשטע פֿון אירע אימפּולסן איז געווען צו באַשיצן דאָס אייגנטום-רעכט קעגן דער גיריקייט און פֿאַרשווענדונג פֿון קעניגן און די עקספּלאָאַטאַציע פֿון די נאָבעלע אַוואַנטוריסטן.

די פֿראַנצויזישע רעוואָליוציע האָט זיך אָנגעהויבן, הויפּטזעכלעך, כּדי צו באַשיצן דאָס פּריוואַטע אייגנטום פֿון באַשטייערונג. אָבער די גלייכהייט פֿאָרמולע פֿון דער רעוואָליוציע[1] האָט זי דערפֿירט צו אַ קריטיק פֿון דעם זעלבן אייגנטום-רעכט, פֿאַר וועלכן זי האָט זיך אויפֿגעהויבן, כּדי עס צו באַשיצן. ווי אַזוי קענען מענטשן זיין פֿריי און גלייכבאַרעכטיקט, ווען אַ סך פֿון זיי האָבן נישט קיין באָדן, אויף וואָס צו שטעלן זיך און גאָרנישט צו עסן, און די באַלבאַטים וועלן זיי נישט געבן צו עסן און נישט קיין דירה, כּל זמן זיי וועלן נישט אַרבעטן? דאָס איז געוואַלדטאַט — האָבן די אָרעמע זיך געקלאָגט.

---

[1] „גלייכהייט, ברודערשאַפֿט, פֿרייהייט"

אויף דעם רעטעניש האָט איין וויכטיקע פּאָליטישע גרופּע געענטפערט, אַז מ'דאַרף זיך נעמען „צו צוטיילן". זיי האָבן געוואָלט צו אינטענסיווירן און אוניווערסאַליזירן דאָס אייגנטום. געשטרעבט צום זעלבן ציל דורך אַנדערע וועגן, האָבן די פּרימיטיווע סאָציאַליסטן אָדער, כּדי צו זיין גענויער, קאָמוניסטן, וועלכע האָבן לגמרי געוואָלט „אָפּשאַפן" דאָס פּריוואַטע אייגנטום. די מלוכה (ס'פאַרשטייט זיך אַ דעמאָקראַטישע) האָט געדאַרפט צו פאַראייגנען דאָס גאַנצע פּריוואַט-אייגנטום. ס'קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, וואָס פאַרשידענע מענטשן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו די זעלבע צילן פון פרייהייט און גליק, זאָלן פון איין זייט פאַרלייגן צו מאַכן דאָס אייגנטום אַבסאָלוט ווי ווייט מעגלעך, און פון דער צווייטער זייט אינגאַנצן מאַכן אַ סוף דערמיט. דעם שליסל צו דעם דאָזיקן פּאַראַדאָקס קען מען געפינען אין דעם פאַקט, וואָס אייגנטום רעכט איז נישט איין זאַך, נאָר אַ מענגע פון פאַרשידענע זאַכן. ערשט אין 19-ן י. ה. האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז אייגנטום-רעכט איז נישט איין פּשוטע זאַך, נאָר אַ גרויסער קאָמפּלעקס פון אייגנטום-רעכט פון פאַרשידענעם ווערט און קאָנזעקווענצן, אַז אַ סך זאַכן (צ. ב. דעם מענטשנ'ס קערפּער, דעם קינסטלער'ס מכשירים, קליידונג, ציין-בערשטלעך) זענען אין אַ זער שטאַרקער און אומבאַדינגטער מאָס דאָס אייגנטום-רעכט פון דעם יחיד, און אַז ס'איז פאַראַן אַ זער גרויסער קרייז פון זאַכן, ווי: באַנען, מאַשינעריע פון פאַרשידענע מינים, היימען, קולטיווירטע גערטנער, פאַרגניגנס-שיפלעך, וועלכע מ'דאַרף זער זאָרגפעלטיק באַטראַכטן, כּדי צו באַשטימען אויף ווי ווייט און אונטער וואָסערע באַגרענצונגען זיי קענען געהערן צום אייגנטום-רעכט און אויף ווי ווייט זיי פאַלן אַרונטער דער עפנטלעכער הערשאַפט און קענען פאַרוואַלטעט ווערן און פאַרדינגען ווערן דורך דער מלוכה אין דעם אינטערעס פונם קאָלעקטיוו. פון דער פּראַקטישער זייט זענען די דאָזיקע פּראָבלעמען אריבער אין דער.

פּאָליטיק, ווי אויך די פּראָבלעם ווי אַזוי צו מאַכן, אַז די מלוכה אַדמיניסטראַציע זאָל זיין ווירקזאַם און דויערנדיק. מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען ווערט געעפנט אַ וועג פאַר די אויספירן פון דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע און אַזוי אַרום באַקומען זיי אַן איינפלוס אויף די פאָרשונגען פון דער דערציונגס-וויסנשאַפט. די קריטיק פונם אייגנטום רעכט איז נאָך אַלץ אַ שטאַרקער און ליידנשאַפטלעכער פערמענט, איידער אַ וויסנשאַפט. פון איין זייט די אינדיווידואַליסטן, וועלכע ווילן באַשיצן און פאַרגרע-סערן אונדזערע איצטיקע פרייהייטן מיט אַלץ, וואָס מיר באַזיצן, און פון דער צווייטער זייט די סאָציאַליסטן, וועלכע ווילן אין אַ סך הינזיכטן אַ קאָלעקטיווע פאַרוואַלטונג פון אונדזער אייגנס און באַגרעניצן אונדזערע מעשים אַלס אַן אייגנטום-רעכט. אין דער פּראַקטיק זען מיר יעדן אונטערשיד צווישן די עקסטרע-מע אינדיווידואַליסטן, וועלכע ווילן קוים טאָלערירן וואַסער-עס-איז שטייער לטובת דער מלוכה, און די קאָמוניסטן, וועלכע פאַרלייקענען לחלוטין יעדן באַזיץ. דער געוויינלעכער היינטי-קער סאָציאַליסט איז, ווי מ'רופט עס אָן, אַ קאָלעקטיוויסט; ער דערלויבט אַ באַדייטנדן סכום פון פּריוואַט-אייגנטום, אָבער אַזעלכע זאַכן, ווי: דערציונג, טראַנספּאָרט, גרובן, ערד-איי-גנטום, ס'רוב פּראָדוקציע פון לעבנסמיטל און ענלעכע, וויל ער איבערגעבן אין די הענט פון אַ הויך-אָרגאַניזירטער מלוכה. היינטיקע צייטן, דוכט זיך, ווערט ביי פאַרשטענדיקע מענטשן ביסלעכווייז אַנטוויקלט אַן איינשטימונג אין דער ריכטונג צו אַ געמעסיקטן סאָציאַליזם, וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט און געפּ-לאַנעוועט. עס ווערט וואָס אַמאָל קלאָרער פאַרשטאַנען, אַז דער אומגעבילדעטער מענטש אַרבעט נישט מיט אַזוי לייכט און דערפאָלגרייך אין אונטערנעמונגען, און אַז יעדער שריט צו אַ קאָמפּליצירטן שטאַט און יעדע פונקציע, וואָס דער שטאַט נעמט איבער פון דער פּריוואַטער אונטערנעמונג, באַנויטוועדיקן אַן אַנטשפּרעכנדן דערציונג-פאָרשריט און אַן אָרגאַניזאַציע פון

אַ ריכטיקער קאָנטראָל און קריטיק. סיי די פּאָליטישע מעטאָדן פון דער היינטיקער מלוכה זענען נאָך אין אַ צו־רויען צושטאַנד, אַז מ׳זאָל פאַרגרעסערן דעם פאַרנעם פון קאָלעקטיווע טעטיקייטן.

אָבער אַ צייט האָבן די סכסוכים צווישן די אַרבעט־געבער און אַרבעטער, באַזונדערס צווישן עגאָאיסטישע אַרבעט־געבער און אַנטקעגנשטעלנדיקע זיך אַרבעטער, דערפירט צו אַ וועלט פאַרשפּרייטונג פון דער זער שטרענגער און עלעמענטאַרער פאָרם פון קאָמוניזם, וועלכע איז פאַרבונדן מיט קאַרל מאַרקס נאָמען. מאַרקס האָט זיך געשטיצט אין זיינע טעאָריעס אויף דער מיינונג, אַז די מענטשנ׳ס געדאַנקן זענען באַגרעניצט צוליב זייערע עקאָנאָמישע נויטווענדיקייטן, און אַז אין אונדזערער היינטיקער ציוויליזאַציע מוז פאָרקומען אַ קאָנפליקט צווישן די אינטערעסן פון די פּראָספּערירנדיקע און אַרבעט־געבנדיקע קלאַסן און דער אַרבעטער מאַסע.

מיט דעם פאָרשריט אין בילדונג, וואָס ווערט אַ מוז, אַ דאַנק דער מעכאַנישער רעוואָלוציע, וועט די גרויסע, אַרבעטנדיקע מערהייט ווערן וואָס אַמאָל מער קלאַסן־באַוווסטזיניק און וואָס אַמאָל מער שטאַנדהאַפטיקער אין דעם אַנטאַגאָניזם צו דער (קלאַסן־באַוווסטזיניקער) הערשנדער מינדערהייט. אויף אַ געווויסן אופן, האָט ער נביאות געזאָגט, וועלן די קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטער פאַרכאַפּן די מאַכט און איינפירן אַ נייע סאָציאַלע מלוכה־אָרדנונג. דער אַנטאַגאָניזם, דער אויפשטאַנד, די מעגלעכע רעוואָלוציע זענען געוויס פאַרשטענדלעכע זאַכן, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז אַ נייע סאָציאַלע מלוכה אָדער עפּעס אַנדערש, חוץ אַ סאָציאַל־דעסטרוקטיווער פּראָצעס, זאָל זיין דער פועל־יוצא. ווערנדיק איינגעפירט אין דער פּראַקטיק אין רוסלאַנד, האָט זיך דער מאַרקסיזם, ווי מיר וועלן עס שפּעטער דערציילן, אַרויסגעוויזן אַלס באַזונדערס נישט שעפעריש. מאַרקס האָט געוואָלט פאַרטרעטן דעם נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם; דער מאַרקסיזם האָט

אַרויסגערופן לויט דער רייע אָן ערשטן, צווייטן און דריטן אַר-
בעטער־אינט״רנאַציאָנאַל. אָבער פון דעם הויפּט־שטאַנדפּונקט פון
דעם מאָדערנעם אינדיווידואַליסטישן געדאַנק איז אויך מעגלעך
צו דערגרייכן אינטערנאַציאָנאַלע אידייען. זינט די צייטן פון
דעם גרויסן ענגלישן עקאָנאָמיסט, אַדאַם סמיט, האָט זיך פאַר-
שטאַרקט די איבערצייגונג, אַז כּדי ס׳זאָל זיין אַן אַלוועלטליכער
וווילשטאַנד איז נויטיק אַ פרייער און אומגעשטערטער האַנדל אויף
דער גאַנצער וועלט. דער אינדיווידואַליסט מיט זיין פיינטלעכ-
קייט צו דער מלוכה, איז אויך פיינטלעך צו די טאַריפן, גרע-
ניצן, און צו אַלע באַגרענצונגען פון פרייען טאַט און באַווע-
גונג, וועלכע די נאַציאָנאַלע גרעניצן שיינען צו באַרעכטיקן.
עס איז אינטערעסאַנט צו זען צוויי געדאַנקען-ליניעס, אַזוי פאַר-
שידן לויטן גייסט און מהות, ווי ס׳איז דער דאָזיקער קלאַסן-
קאַמף-סאָציאַליזם פון די מאַרקסיסטן און די אינדיווידואַליסטישע
פרייער-האַנדל-פילאָזאָפיע פון דעם ענגלישן געשעפטס-מענטש פון
דעם וויקטאָריאַ־פעריאָד 1) קומען צום סוף צום אויספיר, טראָץ
די דאָזיקע אורשפּרינגלעכע אונטערשיידן, פון אַ נייע אַלוועלט-
לעכער באַהאַנדלונג פון די מענטשלעכע ענינים אויסער די גרע-
ניצן און באַגרעניצונגען פון וואָסערע עס איז עקזיסטירנדיקער
מלוכה. די לאָגיק פון דער ווירקלעכקייט טריומפירט איבער דער
לאָגיק פון דער טעאָריע. מיר הייבן אָן צו באַגרייפן, אַז די-
פון וויט זיך פאַנאַנדערגייענדיקע הויפּט־שטאַנדפּונקטן, אינ-
דיווידואַליסטישע און סאָציאַליסטישע טעאָריעס, זענען אַ טייל
פון אַ געמיינזאַמען זוך, א זוך נאָך מער גרוימיקע, סאָציאַלע
און פאָליטישע אידייען און אינטרעפעטאַציעס, איבער וועלכע
מענטשן דאַרפן זיך באַמיען צוזאַמענאַרבעטן, אַ זוך, וואָס האָט
זיך ווידער אָנגעהויבן אין איראָפּע און זיך אינטענסיווירט, ווען
די מענטשנס צוטרוי צו דער אידיי פון דער הייליקער רוימי-

---

1 קעניגין וויקטאריא אין ענגלאַנד 1901—1837

שער אימפעריע און צום קריסטנטום איז אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און ווען דער פּעריאָד פון אַנטדעקונגען האָט פאַרברייטערט זייערע האָריזאָנטן פון דער וועלט פונם מיטללענדישן ים צו דער גאָרער ברייטער יועלט.

צו באַשרייבן די פאַרפולקאָמונג און אַנטוויקלונג פון די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אידייען ביז צו די דיסקוסיעס פון היינטיקער צייט, וואָלט געהייסן אַרייַנברענגען אין אונדזער בוך פּראָבלעמען, וועלכע זענען צו קעגנזעצלעך פאַרן צוועק און כונות פון דעם בוך. אָבער באַטראַכטנדיק די דאָזיקע זאַכן פון ברייטערע פּערספּעקטיוון פון אַ פאָרשער פון דער וועלט-געשיכטע, ווי מיר טוען דאָס אין אונזער בוך, זענען מיר מחויב פעסטצושטעלן, אַז די דאָזיקע רעקאָנסטרוקציע פון די אָנפירנדיקע אידייען אין דעם מענטשלעכן געדאַנק, איז נאָך אַ נישט-פאַרענדיקטע אויפגאַבע. — מיר קענען נישט אפילו אָפּשאַצן, ווי נישט פאַרענדיקט די דאָזיקע אויפגאַבע קען זיין.

געוויסע געמיינזאַמע גלויבנס שווימען, דוכט זיך, אויף און זייער איינפלוס איז זייער אָנזעעוודיק אויף די פּאָליטישע געשעענישן און עפנטלעכע אקטן פון אונזער צייט; אָבער איצט זענען זיי נאָך נישט גענוג קלאָר און גענוג איבערצייגנדיק, אַז זאָלן צווינגען די מענטשן אַ טשלאָסן און סיסטעמאַטיש זיי צו פאַרווירקלעכן. די מענטשנס מעשים וואַקלען זיך צווישן דער טראַדיציע און דעם נייעם, און בכלל ציט זיי גיכער צו דער טראַדיציע.

אָבער דאָך, אין פאַרגלייך מיט דעם געדאַנק פון אַפילו אַ קורצער צייט צוריק, דוכט זיך, אַז ס'געשטאַלטיקט זיך אַ ריכטליניע פון אַ נייער אָרדנונג אין די מענטשלעכע ענינים. דאָס איז א שקיצן-ליניע, וועלכע פאַרשווינדט אין פאַרנעפּלטקייט אויף דעם פונקט אָדער אַנדערן, און וועלכע שוואַנקט אין פּרט און פאָרמולע, דאָך ווערט זי כסדר קלאָרער און אירע הויפּט-ליניעס ענדערן זיך וואָס אַמאָל ווייניקער. וואָס אַמאָל

ווערט קלאָרער, אַז אין אַ סך הינזיכטן און אין אַ פּאַרגרעסער־
טער ספּערע פון ענינים, ווערט די מענטשהייט איין קבוץ, און
עס איז וואָס אַמאָל נויטיקער, אַז אין די דאָזיקע ענינים דאַרף
זיין אַ געמיינזאַמע אַלוועלטלעכע קאָנטראָל. צ. ב. עס ווערט
ווערט כסדר ריכטיקער, אַז אונדזער גאַנצער פּלאַנעט איז איצט
איין עקאָנאָמישער קבוץ און אַז די אייגנטלעכע עקספּלאָאטאַציע
פון די נאַטור־רייכט מער פאָדערט איין פאַרשטענדיקע אָנפירונג,
און אַז די גרעסערע מאַכט און ספּערע, וואָס די אַנטדעקונגען
האָבן געגעבן דער מענטשלעכער אָנשטרענגונג, מאַכט די היינ־
טיקע צעבראָקלטע און אָרומרייסנדיקע אַדמיניסטראַציע פון
אַזעלכע ענינים וואָס אַמאָל מער פאַרוויסטנדיקער און געפערלע־
כער. די פינאַנציעלע און מאָנעטאַרע מיטלען ווערן אויך אַל־
וועלטלעכע ענינים, וועלכע מ׳קאָן באַהאַנדלען דערפאָלגרייך נאָר
לויט אַלוועלטלעכע ריכטליניעס. אָנשטעקנדע קראַנקהייטן און
די פאַרגרעסערונג און די עמיגראַציע פון דער באַפעלקערונג
ווערן אויך איצט קלאָר געזען אַלס אַלוועלטלעכע ענינים. די
גרעסערע מאַכט און ספּערע פון דער מענטשלעכער אַקטיוויטעט
האָט אויך געמאַכט די מלחמה נישט פּראָפּאָרציאָנעל פאַרניכטנ־
דיק און דעזאָרגאַניזירנדיק, און אַפילו נישט ווירקזאַם אַלס אַן
אומגעלומפּערטער אופן צו דערליידיקן קאָנפליקטן צווישן איין
רעגירונג און אַ צווייטער, צווישן איין פאָלק און צווייטן. אַלע די
דאָזיקע זאַכן פאָדערן קאָנטראָלן און אָרגאַנען פון אַ גרעסערן
פאַרנעם און גרעסערער פאַרשטענדיש, ווי אַלע רעגירונגען,
וועלכע האָבן ביז היינט עקזיסטירט. אָבער עס דרינגט נישט
פון דעם, אַז די לייזונג פון די דאָזיקע פּראָבלעמען הענגט
אָפּ פון אַ געוויסער איבער־רעגירונג פון דער גאַנצער וועלט,
אַ דאַנק אַ דעראָבערונג אָדער אַ פאַרייניקונג פון אַלע עק־
זיסטירנדיקע רעגירונגען. אַלס אַנאַלאָגיע מיט די עקזיסטירנדיקע
אינסטיטוציעס האָבן מענטשן געטראַכט וועגן אַ וועלט־קאָנגרעס,
וועגן אַ פּרעזידענט אָדער קיסר פון דער וועלט. אונדזער

ערשטע נאַטירלעכע רעאַקציע איז קעגן אַזעלכע אויספירן, אָבער די דיסקוסיעס און דערפאַרונגען פון אַ האַלבן־יאָרהונדערט פון סברות און פאַרזוכן האָבן בכלל אַנטמוטיקט דעם גלויבן אין יענער ערשטער באַשיינפּערלעכער אידיי. לענג אויס יענער ליניע צו אַ וועלט־אחדות איז דער ווידערשטאַנד צו גרויס. דער געדאַנקען־גאַנג גייט איצט, ווייזט אויס, אין דער ריכטונג פון אַ געוויסער צאָל ספּעציעלע קאָמיטעטן אָדער אָרגאַניזאַציעס, מיט אַלוועלטלעכע פולמאַכטן, ווו ס'וועלן דעלעגירט ווערן דורך די עקזיסטירנדיקע מלוכות קערפּערשאַפטן, וואָס וועלן זיין פאַראינטערעסירט אין דער עקספּלאָטאַציע און אַנטוויקלונג פון די נאַטור־רייכטימער, אין דער אויסגלייכונג פון די אַרבעט־באַדינגונגען, וועלט־שלום, וואַליוטע, באַפעלקערונג און געזונט א. א. וו. די וועלט וועט איינזען, אַז אַלע אירע געמיינזאַמע אינטערעסן ווערן אָנגעפירט גלייך ווי איין קאָנצערן, בעת זי קען נאָך נישט באַגרייפן, אַז עס עקזיסטירט אַ וועלט רעגירונג. אָבער אַפילו איידער עס וועט דערגרייכט ווערן אַ מענטשלעכע אחדות, איידער אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע איינאָרדנונגען וועלן איינגעשטעלט ווערן, העכער איבער די פּאַטריאָטישע חשדים און אייפערזוכט, איז עס נויטיק, אַז דער געמיינזאַמער געדאַנק פון דער מענטשהייט זאָל אָנגעזאַפּט ווערן מיט דער אידיי פון מענטשלעכער אחדות, און אַז די אידיי וועגן דער מענטשהייט אַלס איין משפחה זאָל ווערן אַן אוניווערסאַלע באַלערונג און פאַרשטענדיש. צענדליקער י. ה. אָדער עפּעס מער האָט דער גייסט פון די גרויסע אוניווערסאַלע רעליגיעס געקעמפט פאַר דער איינהאַלטונג און פאַרשפּרייטונג פון דער אידיי וועגן אוניווערסאַלער מענטשלעכער ברודערשאַפט, אָבער ביז היינט שטערן דערצו די טראַציקייט. כעס און אומצוטרוי פון שבטישער, נאַציאָנאַלער און ראַסישער רייבונג, און שטערן דערפאַלגרייך דער אַנטוויקלונג פון ברייטערע אַנשויאונגען און גרויסמוטיקע אימפּולסן, וואָס וואָלטן געמאַכט פון יעדן מענטש אַ דינער פון

דער גאַנצער מענטשהייט. די אידיי וועגן דער מענטשלעכער ברודערשאַפט קעמפט איצט פאַרן באַזיץ פון דער מענטשלעכער נשמה, פונקט ווי די אידיי פון קריסטנטום האָט געקעמפט פאַרן באַזיץ פון דער אייראָפּעאישער נשמה אין דעם מישמאַש און אומאָרדנונג פון 6-ן און 7-ן י. ה. פון דער קריסטלעכער ערא די פאַרשפרייטונג און נצחון פון אַזעלכע אידייען מוז ווערן. דאָס ווערק פון אַ מענגע איבערגעגעבענע און באַשיידענע מיס-יאָנערן, און קיין שום היינטצייטיקער שרייבער קען זיך נישט משער זיין, וואָס פאַר אַ פאָרשריט דאָס ווערק האָט געמאַכט אָדער וואָס פאַר אַ שניט ס'וועט צוגרייטן.

סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען זענען, ווייזט אויס, אומטיילבאַר אויסגעמישט מיט אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. די לייזונג ליגט אין יעדן פאַל אין אַן אַפּעל צו דעם זעלבן גייסט פון דינסט, וועלכע קען אַריין און אינספּירירן דאָס מענטשלעכע האַרץ. דער אומצוטרוי, נישט גאַסט-פריינטלעכקייט און עגאָ-איזם פון די נאַציעס שפּיגלען אָפּ און ווערן אָנגעשפּיגלט אין דעם אומצוטרוי, נישט גאַסטפריינטלעכקייט און עגאָאיזם פון דעם אינדיווידועלן אייגנטימער און אַרבעטער אין באַצוג צום אַלגעמיינעם וווּל. די איבערמאָס פון באַזיץ ביי דעם יחיד זענען פּאַראַלעל און אַ טייל פון דער פאַרכאַפּערישער גיריקייט פון נאַציעס און קיסרים. זיי זענען פּראָדוקטן פון די זעלבע אינ-סטינקטיווע טענדענצן און פון די זעלבע אומוויסנהייטן און טראַדיציעס. אינטערנאַציאָנאַליזם איז דער סאָציאַליזם פון די נאַציעס. יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט צו טון מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען, פילט, אַז ס'איז נאָך נישט דאָ אַגענוגנטע טיפקייט און קראַפט אין דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט און אַגענוגנט פּלאַנמעסיקע דערציִונגס-מעטאָד און אָרגאַניזאַציע פאַר אַ ווירקלעכער און ענדגילטיקער לייזונג פון די דאָזיקע רעטענישן פונעם מענטשלעכן פאַרקער און מיטאַרבעט. מיר זענען היינט אַזוי נישט אומשטאַנד צו פּלאַנעווען אַ ווירקלעכע ווירקזאַמע שלום-

אָרגאַניזאַציע פון דער וועלט, פונקט ווי די מענטשן פון 1820 האָבן נישט געקענט פּלאַנעווען אַן עלעקטרישע באַן-סיסטעם, אָבער פון דעם אַלעמען, וואָס מיר ווייסן, איז די זאַך אויספירבאַר און ס'איז מעגלעך, אַז מיר האַלטן שוין נישט ווייט דערפון.

קיין שום מענטש קען נישט גיין ווייטער ווי זיין אייגן וויסן, קיין שום געדאַנק קען נישט גיין ווייטער ווי דער היינטצייטיקער געדאַנק, און ס'איז אוממעגלעך פאַר אונדז זיך משער צו זיין אָדער פאָרויסזאָגן, וויפל דורות פון דער מענטשהייט וועלן נאָך דאַרפן לעבן אין מלחמות, פאַרוויסטעניש, נישט-זיכערהייט און נויט, איידער ס'וועט אָנהייבן טאָגן דער גרויסער שלום, צו וועלכן, דאַכט זיך, די גאַנצע געשיכטע שטרעבט, שלום אין האַרץ און שלום אין דער וועלט, און פאַרענדיקן אונזער נאַכט פון פאַרוויסטנדיקן און ציללאָזן לעבן. אונדזערע פּראָפּאָגירטע לייזונגען זענען נאָך פאַרנעפּלט און רויע. זיי זענען אַרומגערינגלט מיט ליידנשאַפט און חשד. ס'קומט פאַר אַ גרויסע אַרבעט פון אינטעלעקטועלער רעקאָנסטרוקציע, זי איז נאָך נישט פולקאָם, און אונדזערע קאָנצעפּציעס ווערן קלאָרער. און גענויער — צי פּאַמעלעך, צי שנעל, איז שווער צו זאָגן, אָבער ווען זיי וועלן קלאָרער ווערן, וועלן זיי אָנזאַמלען מאַכט איבער די געדאַנקען און אימאַגינאַציעס פון די מענטשן. זייער איצטיקער מאַנגל אין באַגריף איז צוליב זייער מאַנגל אין איבערצייגונג און גענויער ריכטיקייט. זיי ווערן מיספאַרשטאַנען, ווייל זיי ווערן פאַרשידן און אויסגעמישט פאָרגעשטעלט, אָבער מיט דער פּרעציזקייט און זיכערקייט וועט די נייע וויזיע פון דער וועלט געווינען אומבאַדינגטע מאַכט. מעגלעך, אַז זי וועט איינגיכן שנעל געווינען מאַכט. און אַ גרויס ווערק פון דערציערישער רעקאָנסטרוקציע וועט לאָגיש און נויטווענדיק קומען נאָך יענער קלאָרער פאַרשטענדיש.

קאַפּיטל 24

די עקספּאַנסיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן

דער געגנט פון דער וועלט, וואָס האָט געהאַט אָנצווייזן די באַלדיקסטע און אויפפאַלנדסטע רעזולטאַטן פון די נייע דערפינדונגען אין טראַנספּאָרט, איז געווען צפון-אַמעריקע. פּאָליטיש האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרקערפּערט אין זיך, און איר קאָנסטיטוציע האָט קריסטאַליזירט, די ליבעראַלע אידייען פון דעם מיטן 18-טן י. ה. זיי באַגייען זיך אָן אַ מלוכה-קירך אָדער קרוין, נישט געוואָלט האָבן קיין שום טיטלען, אייפערזיכטיק געשיצט פּריוואַט-אייגנטום אַלס אַ מעטאָד פון פרייהייט. און — די געוויע פּראַקטיק, וואָס האָט זיך צום ערשט אונטערגעשיידט אין פאַרשידענע מלוכות — געגעבן כמעט יעדן דערוואַקסענעם מאַנספּערזאָן וואַל-רעכט. די וואַל-מעטאָדן זענען געווען באַרבאַריש רוי, און אַלס פּועל-יוצא איז דאָס פּאָליטישע לעבן באַלד אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קאָנטראָל פון הויך-אָרגאַניזירטע פּאַרטיי-מאַשינען, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט דער נאָר וואָס עמאַנציפּירטער באַפעלקערונג צו אַנטוויקלען אַן ענערגישע אונטערנעמונגס- און עפנטלעכן-גייסט, וואָס האָבן אַ סך איבערגעשטיגן אַנדערע היינטצייטיקע עלקער. דאַן איז געקומען יענע פאַרשנעלערונג פון דער לאָקאָמאָציע, אויף וועלכער מיר האָבן שוין אויפמערקזאַם געמאַכט. עס איז אַן אינטערעסאַנטע זאַך, אַז אַמעריקע, וועלכע האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דער דאָזיקער פאַרגרעסערונג פון לאָקאָמאָציע, האָט דאָס געשפּירט אַמווייניקסטן די פאַר-שט. האָבן גענומען די אייזנבאַן, דאָס דאַמפשיפל, דעם טעלעגראַף א. א. וו, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אַ נאַטירלעכע טייל פון זייער וווקס. זיי זענען אָבער דאָס נישט געווען. די דאָזיקע זאַכן זענען אָנגעקומען פונקט צו דער צייט, כדי צו ראַטעווען די אַמעריקאַנער אחדות, די פאַר. שט. פון היינט

זענען געשאַפן געוואָרן צום ערשט דורך דעם דאַמפשיפל און נאָכהער דורך דער באַן. אָן די דאָזיקע זאַכן וואָלטן די היינטיקע פאַר־שט., די דאָזיקע ריזיקע קאָנטינענטאַלע נאַציע, לגמרי נישט געווען אַ מעגלעכע זאַך. דער צו־מערב צופלוס פון באַפעלקערונג וואָלט געווען אַ סך שלאַבעריקער. ער וואָלט אפשר קיינמאָל נישט אַריבער די גרויסע צענטראַלע פליינען. ס'האָט געדויערט כמעט 200 יאָר פון אַ ווירקזאַמען ישוב, כדי צו דערגרייכן פוגם ברעג ביז מיסורי, אַביסל ווינציקער ווי האַלב־וועג פון דעם קאָנטינענט. דער ערשטער שטאַט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ביים טייך, איז געווען דער דאַמפשיפל-שטאַט מיסורי אין 1821. אָבער די רעשט שטרעקע ביזן פּאַסיפיק איז אַדורכגעמאַכט געוואָרן אין אַ פּאָר דעקאַדעס. אויב מיר וואָלטן געהאַט צו הילף דעם קינאָ, וואָלט עס אינטערעסאַנט געווען צו ווייזן אַ מאַפּע פון צפון-אַמעריקע, יאָר ביי יאָר, פון 1600 יאָר אָן, מיט קליינע פּינטעלעך, וואָס באַצייכענען הונדערטער מענטשן, יעדעס פּינטעלע אַ 100 מאַן, און שטערן, וואָס באַצייכענען שטעט פון אַ 100 טויזנט איינוווינער. אין משך פון 200 יאָר וועט דער לעזער זען, אַז די פּינטעלעך באַוועגן זיך פּאַמעלעך לענג-אויס די ברעגן-געגנטן און נאַוויגאַציע-וואַסערן, פאַרשפּרייטנדיק זיך נאָך פּאַמעלעכער צו אינדיאַנאַ, קענטוקי א. אַ. וו.

דאַן, אַן ערך אין 1810, וועט קומען אשנוי. ס'וועט אָנהייבן צו ווערן לעבעדיקער לענג אויס די טייכן. די פּינטעלעך וועלען זיך פאַרמערן, פאַרשפּרייטן. דאָס וועט זיין דאָס דאַמפשיפל.

די פּיאָנערן-פּינטעלעך וועלן זיך באַלט פאַרשפּרייטן איבער קענזאַס און נעבראַסקאַ פון אַ צאָל אַרויסגעשפּרונגענע ערטער אויס די גרויסע טייכן, דאַן, פון 1830 אָן, וועלן זיך באַווייזן די שוואַרצע ליניעס פון די אייזנבאַנען, און נאָכהער וועלן די קליינע שוואַרצע פּינטעלעך נישט קריכן, נאָר לויפן. זיי וועלן זיך איצט באַווייזן אַזוי שנעל, גלייך ווי מ'וואָלט זיי אַריינגעזעצט אין אַ שפּריץ-מאַשין. און פּלוצלינג וועלן זיך דאָ און

דאָרט באוויזן די ערשטע שטערן, אָנווייזנדיק די ערשטע גרויסע שטעט פון א 100 טויזנט איינוווינער צום ערשטן איינע אָדער צוויי, און דאן אמענגע שטעט — יעדע. פונקט ווי א קניפ אין דער וואקסנדיקער נעץ פון אייזנבאנען. דער וווּקס פון די פאַר-שט. איז א פראצעס, וועלכער האט נישט צו זיך קיין פרעצע.דענס אין דער וועלט-געשיכטע; דאָס איז א נייע דערשיינונג אַזאַ קבוץ וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירן פריער, און אויב יאָ, וואָלט ער אָן אייזנבאַנען זיכער אין גיכן צופאַלן אויף שטיקלעך. אָן אייזנבאנען אָדער טעלעגראַף וואָלט עס לייכטער געווען צו פאַרוואַלטן מיט קאַליפארניע פון פעקין איידער פון וואשינגטאָן. אָבער די דאָזיקע גרויסע באַפעלקערונג איז אויסגעוואקסען נישט בלויז אויסערגעוויינלעך, נאָך אויך זיך געהאַלטן איינס. נאָך מער, זי איז געוואָרן מער איינהייטלעך. דער איינוווינער פון סאַן-פראנציסקאָ איז מער ענלעכער צום היינטיקען נוי-יאָרקער, ווי דער איינוווינער פון ווירדזשיניא איז ענלעך געווען צו דעם איינוווינער פון ניי-ענגלאנד מיט 100 י. צוריק. און דער אַסימיליאציע פראָצעס גייט זיך אָפּהאַלטלאז. די פאַר-שט. ווערן פאַרבונדן דורך דער אייזנבאַן, טעלעגראַף, וואָס אַמאָל מער אלס איין ריזיקע איינהייט, וואס רעדט, דענקט און ארבעט האַרמאָניש מיט זיך. באַלט וועט אַוויאַציע מיטהעלפן דערצו. דער דאָזיקער גרויסער קבוץ פון די פאַר-שט. איז אַ פולשטענדיק נייע זאַך אין דער געשיכטע. ס'זענען פריער אויך געווען מלוכות, וואָס האָבן געהאַט מער ווי 100 מיליאָן איינוווינער, אָבער דאָס זענען געווען קבוצים פון קעגנזעצלעכע פעלקער; פריער איז נישט געווען איין איינציק פאָלק אין אַזאַ מאַסשטאַב. ס'פעלט אונדז אַ נייער טערמין פאַר דער דאָזיקער זאַך. מיר רופן אָן די פאַרייניקטע שטאַטן „לאַנד", ווי מיר רופן אַזוי אַן פראַנקרייך אָדער האָלאַנד. אָבער די דאָזיקע צוויי זאַכן זענען אַזוי פאַרשידן, ווי אַן אויטאָמאָביל און אַ וועגעלע מיט איין פערד. זיי זענען די ווערק פון פאַר-

שידענע באדינגונגען; זיי ארבעטן לויט א גאנץ פארשידענעם אופן און פארנעם. די פאר-שט. זענען לויטן מאסשטאב און מעגלעכקייט דער האלב-וועג צווישן אן אייראפעאישן שטאט און א פאראייניקטע שטאטן פון דער גאנצער וועלט. אבער אויפן וועג צו דער היינטיקער גרויסקייט און זיכערקייט איז דאס אמעריקאנער פאלק אדורכגעגאנגען א פאזע פון א טרויעריקן קאנפליקט.

דאס דאמפשיפל, די אייזנבאנען, דער טעלעגראף און אנדערע מיט זיי פארבונדענע פארלייכטערונגען זענען נישט געקומען גענוג שנעל, כדי אויסצומיידן א טיפן אידייען- און אינטערעסן-קאנפליקט צווישן די דרום- און צפון- שטאטן פון דער אוניע. די ערשטע זענען געווען שקלאפן-האלטנדיקע שטאטן, און די לעצטע — שטאטן, אין וועלכע אלע מענטשן זענען געווען פריי. די אייזנבאנען און צום ערשט די דאמפשיפלעך האבן ארויסגערופן א שארפערן קאנפליקט פון דעם שוין געוועזענעם אונטערשיד צווישן די צוויי גרופעס פון די פאראייניקטע שטאטן. די פארגרעסערטע אוניפיקאציע, א דאנק די נייע טראנספארט-מיטלען, האט גורם געווען, אז די פראגע, צי דער דרום- אדער צפון- גייסט זאל הערשן, איז געווארן וואס א מאל דרינגנדיקער. ס׳איז געווען א קליינע מעגלעכקייט פון א קאמפראמיס. דער צפון-גייסט איז געווען פריי און אינדיווידואליסטיש; דער דרום — פון גרויסע ערד-באזיצן און באוווסטזיניקן אדל, וואס האט געהערשט איבער א פינצטערער אונטערגעיאכטער מאסע. יעדע נייע טעריטאריע, וואס איז ארגאניזירט געווארן אלס א שטאט, ווען די באפעלקערונג האט געשטראמט צו מערב, יעדע נייע איינגלידערונג אין דער שנעלער וואקסנדיקער אמעריקאנער סיסטעם, איז געווארן א קאמפס-פלאץ צווישן די צוויי אידייען, צי דאס זאל זיין א שטאט פון פרייע בירגער, אדער צי ס׳זאל דארט הערשן דער ערד-באזיץ און שקלאפן-סיסטעם. פון 1833 יאר אן האט

אַן אַמעריקאַנער אַנטי־שקלאַפן געזעלשאַפט נישט בלויז זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער פאַרברייטערונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, נאָר אויך אַגיטירט אין גאַנצן לאַנד פאַר דער פולשטענדיקער אָפּשאַפונג פון דער שקלאַפעריי.

ענדלעך איז אויסגעבראָכן אַן אָפענער קאָנפליקט צוליב דער פראַגע וועגן דעם אַריינגעמען פון טעקסאַס אין דער וניע. אורשפרינגלעך איז טעקסאַס געווען אַ טייל פון דער מעקסיקאַנער רעפובליק, אָבער זי איז הויפטזעכלעך געווען קאָלאָניזירט דורך אמעריקאַנער פון די שקלאַפן־האַלטנדיקע שטאַטן. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון מעקסיקאַ, און אין 1835 דערקלערט איר אומאָפּהענגיקייט און איז אַנעקסירט געוואָרן דורך די פאַרייניקטע שטאַטן אין 1844. לויטן מעקסיקאַנער געזעץ איז די שקלאַפעריי געווען פאַרבאָטן אין טעקסאַס, אָבער איצט האָט דער דרום געפאָדערט טעקסאַס פאַר ישקלאַפעריי. און ער האָט אויסגעפירט. דערווייל האָט די אַנטוויקלונג פון אָקעאַן נאַוויגאַציע געברענגט פון אייראָפּע אַ וואַקסנדיקן שטראָם עמיגראַנטן, וועלכע האָט פאַרשטאַרקט די פאַרשפרייטונג פון די באַפעלקערונג פון די צפון־שטאַטן, און דאָס דערהויבן זיך פון יאָאוא, וואיסקאנסין, מינעסאטא און אָרעגאָן, אַלע צפון פאַרמלענדער, צו אַ שטאַט־מדרגה, האָט געגעבן דעם אַנטי־שקלאַפן צפון די מעגלעכקייט פון אַן איבערוואָג סיי אין סענאַט, סיי „הויז פון פאָרשטעער". דער בייוואַל פראָדוצירנדיקע דרום, צורייצט דורך דער וואַקסנדיקער דראונג פון דער אַבאָליציאָניסטישער1) באַוועגונג, און מורא האָבנדיק פאַר דער דאָזיקער איבערוואָג אין קאָנגרעס, האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ אָפּרייסן זיך פון דער וניע.

די דרומער האָבן אָנגעהויבן צו טרוימען וועגן אַנעקסיעס צו דרום פון זיי אין מעקסיקא און אין די מעַר־אינדיעס. און

---

1) אָפּשאַפן עפּעס ספּעציעל שקלאַפעריי,

וועגן אַ גרויסן שקלאַפֿן-שטאַט, אָפּגעריסן פֿון צפֿון, וואָס זאָל
דערגרייכן ביז פּאַנאַמאַ. די ווידעראויסוויילונג פֿון אייבערעם
לינגקאָן (לינקאָלן) אַלס אַן אַנטי-פּאַרשפּרייטונג פּרעזידענט אין
1860 האָט דעצידירט דעם דרום צו צושפּליטערן די אוניע.
דרום קאַראָלינע האָט אַדורכגעפֿירט אַ געזעץ, דאָס „סעצעסיע
געזעץ" און זיך געגרייט צו מלחמה.

מיסיסיפּי, פֿלאָרידאַ, אַלאַבאַמא, דזשאָרדזשיאַ, לואיזיאַנאַ
און טעקסאַס זענען צוגעשטאַנען צו איר, און אויף דער „קאָנ-
ווענ״שן". (פֿאַרזאַמלונג, צוזאַמענפֿאַר) אין מאָנטגאָמערי און אַלאַבאַ-
מאַ איז אויסגעוויילט געוואָרן דזשעפֿערסאָן דייוויס אַלס פּרעזי-
דענט פֿון די „קאָנפֿעדעראַטיווע שטאַטן" פֿון אַמעריקאַ. און
ס'איז אָנגענומען געוואָרן א קאָנסטיטוציע, וואָס האָט באַזונדערס
אויפֿגעהאַלטן „די אינסטיטוציע פֿון נעגער-שקלאַפֿעריי". אייבערעם
לינגקאָן איז צופֿעליק געווען אַ טיפּישער מענטש פֿון דעם ניי-
עם פֿאָלק, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן נאָך דער אומאָפּהענגיקייט
מלחמה. זיינע ערשטע יאָרן האָט ער פֿאַרבראַכט אין דעם
אַלגעמיינעם מערב-ריכטונג-שטראָם פֿון דער באַפֿעלקערונג. ער
איז געבוירן געוואָרן אין קענטוקי (1809‚ אַלס יינגל אַוועק
מיט די עלטערן קיין אינדיאַנאַ. און שפּעטער אַ ביסל קיין
אילינאָיס. דאָס לעבן איז געווען גראָב אין יענער צייט אין
די הינטערוועלדער פֿון אינדיאַנאַ; אַ הויז איז געווען אַ היל-
צערן ביידל אין דער וויסטעניש;

זיין בילדונג איז געווען אַ שוואַכע און אַ צופֿעליקע,
אָבער זיין מוטער האָט אים פֿרי אייסגעלערנט לייענען און ער
איז געוואָרן „אַ ביכער-וואָרם". צו 17 יאָר איז ער געווען
אַ ריזיקער אַטלעטישער יונג, א גרויסער אטלעטישער קעמפֿער
און אַ לויפֿער. אַ צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ געוועלב
אַלס אַ משרת, געעפֿנט בשותּפֿות מיט אַ שכורן שותּף אַ גע-
וועלב און אָנגעמאַכט חובֿות, וועלכע ער האָט נישט באַצאָלט

אין משך פון 15 יאָר. אין 1834, ווען ער איז אַלט געווען נישט מער ווי 25 יאָר, איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד (דעפּוטאַט) פון דעם „הויז פון רעפּרעזענטאַנטן"1) פון דעם שטאַט אילינאָיס. אין אילינאָיס האָט זיך באַזונדערס צופּלאַקערט דער קאַמף וועגן שקלאַפעריי, ווייל דער גרויסער אָנפירער פון דער פּאַרטיי פון דער שקלאַפעריי פאַרברייטערונג איז אין דעם נאַציאָנאַלן קאָנגרעס געווען סענאַטאָר דוגלאַס פון אילינאָיס. דוגלאַס איז געווען אַ מענטש מיט גרויסע פּעאַיקייטן און פּרעסטיזש, און עטלעכע יאָר האָט לינקאָלן געקעמפט קעגן אים מיט ריידעס און פּאַמפלעטן, דערהויבנדיק זיך כסדר צו דער פּאָזיציע פון זיין העכסט-פאָרכבאַרסטן און ענדלעך זיגרייכן אַנטאַגאָניסט. זייער קולמינאַציע קאַמף איז געווען די פּרעזידענטן-קאַמפּאַניע פון 1860, און אין 4 מערץ 1861 איז פאָרגעקומען די אינאַגוראַציע פון לינקאָלן אַלס פּרעזידענט, בעת די דרום-שטאַטן האָבן זיך שוין אַקטיוו געהאַט אָפּגעריסן פון דער הערשאַפט פון דער פעדעראַלער רעגירונג אין וואַשינגטאָן און שוין אָנגעהויבן מלחמה-טעטיקייטן.

דער דאָזיקער בירגער-קריג אין אַמעריקע איז געפירט געוואָרן פון אימפּראָוויזירטע אַרמייען, וואָס זענען כסדר אויפגעוואַקסן פון עטלעכע צענדליק טויזנט צו הונדערטער טויזנטער — ביז צום סוף האָבן די פעדעראַלע כוחות איבערגעשטיגן די צאָל פון אַ מיליאָן; דער קאַמף איז פאָרגעקומען איבער אַ ריזיקן שטח, צווישן ניי-מעקסיקע און דעם מזרח-ים; די הויפּט-אָביעקטן זענען געווען וואַשינגטאָן און ריטשמאָנד.

מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט דאָ צו דערציילן וועגן דער אויפשטייגנדיקער ענערגיע פון יענעם עפּישן קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן הין און צוריק, איבער די בערג און וועלדער

1) אַמעריקאַנער סיים, אָדער (קאָנגרעס-הויז)

פון טענעסי און ווירדזשיניאַ און אַראָפּ צום מיסיסיפּי. ס'איז
פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע פּאַרוויסטעניש און דערמאָרדונג פון
מענטשן. נאָך אַן אָנגריף האָט געפאָלגט אַ קאָנטער=אָנגריף;
האָפענונג האָט אָפּגעטרעטן איר אָרט דער פאַרצווייפלונג, ווי־
דער צוריקגעקומען און ווידער אַנטוישט געוואָרן. צייטנווייז האָט
זיך געדוכט, אַז וואַשינגטאָן איז שוין ביי די קאָנפעדעראַטן;
אַמאָל ווידער האָבן די פעדעראַלע אַרמייען געשטראָמט צו ריטש־
מאָנד. די קאָנפעדעראַטן, וועלכע זענען געווען אַ סך ווינציקער
אין צאָל און אָרעמער אין מיטלען, האָבן געקעמפט אונטער
דער אָנפירונג פון אַ העכסט־פעיקן גענעראַל לי; דער גענע־
ראַל־שטאַב פון דער אוניע איז געווען אַ סך הינטערשטעליקער.
גענעראַלן האָבן געקריגן דימיסיע. נייע זענען נאָמינירט גע־
וואָרן. ענדלעך, אונטער דער אָנפירונג פון שערמאַן און גראַנט,
איז דערגרייכט געוואָרן דער נצחון איבער דעם דערשעפטן און
דעקאָמפּלעטירטן דרום.

אין אָקטאָבער 1864 האָט אַ פעדעראַלע אַרמיי אונטער
שערמאַנען דורכגעבראָכן דעם קאָנפעדעראַטיוון לינקן פליגל און
מאַרשירט פון טענעסי דורך דזשאָרדזשיאַ צו דעם ים־ברעג,
רעכטס, קעגנאיבער דעם קאָנפעדעראַטיוון לאַנד, און דאַן גע־
גאַנגען אַרויף דורך די קאַראָלינאס און אָנגעפאַלן אויפן רוקן
פון די קאָנפעדעראַטיווע אַרמייען. דערווייל האָט גראַנט גע־
האַלטן לי ביי ריטשמאָנד ביז שערמאַן האָט אים אַרומגערינגלט.
אין 9־טן אַפּריל 1865 האָט זיך לי און זיין אַרמיי אונטערגע־
געבן אין אַפּאָמאַטאָקס קאָורט האוז און צייט אַ חודש האָבן די
רעשט סעציאָניסטישע אַרמייען אַוועקגעלייגט דאָס געווער און
ס'איז געקומען אַ סוף צו דער קאָנפעדעראַציע. דער דאָזיקער
4־יעריקער קאַמף איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פיזישע און
מאָראַלישע אָנשטרענגונג פאַר דעם פאָלק פון די פאַר־שט. דער
פּרינציפּ פון שטאַט־אויטאָנאָמיע איז געווען זייער טייער ביי אַ
סך מענטשן און פּאַקטיש האָט עס אויסגעזען, אַז דער צפון

צווינגט אויף דעם דרום אַבאָליציע. אין די גרעניץ־שטאַטן האָבן זיך ברידער און קוזינען, אפילו טאַטעס און זין, גע־האַלטן ביי קעגנזעצלעכע מיינונגען און זיך געפינען אין קעג־נערישע אַרמייען. דער צפון האָט געפילט, אַז זיין זאַך איז אַ גערעכטע, אָבער ביי אַ גרויסער צאָל מענטשן איז דאָס נישט געווען אַ פולשטענדיק־פאַרקערפּערטע און נישט־אַרויספאָדערנ־דיקע גערעכטיקייט. אָבער לינקאָלן האָט נישט געהאַט קיין שום ספקות. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ קלאָרן מוח אין מיטן פון דעם גרויסן מיש־מאַש. ער איז געשטאַנען פאַר דער אוניע; ער איז געשטאַנען פאַרן גאַנצן שלום אין אַמעריקאַ. ער איז געווען קעגן שקלאַפערײַ, אָבער שקלאַפערײַ, האָט ער געהאַלטן, שטייט אויפן צווייטן אָרט; זיין ערשטער ציל איז געווען, אַז די פאַר־שט. זאָלן נישט צוריסן ווערן אויף צוויי קעגנזעצלעכע און אַרומרייסנדיקע טיילן. ווען דער קאָנגרעס און די פעדעראַלע גענעראַלן האָבן אין דעם ערשטן סטאַדיום פון דער מלחמה געפאָדערט אַ האַסטיקע עמאַנציפּאַציע, האָט לינקאָלן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און געמילדערט זייער ענטוזיאַזם. ער האָט געהאַלטן פון אַ הדרגהדיקער עמאַנציפּאַציע און קאָמ־פּענסאַציע. ערשט אין יאַנואַר 1865, ווען די סיטואַציע איז רייף געוואָרן צו דעם, האָט דער קאָנגרעס געקענט פאָרלייגן אָפּצושאַפן די שקלאַפערײַ אויף שטענדיק, דורך אַ קאָנסטיטו־ציאָנעל צוגאָב־געזעץ, און די מלחמה איז שוין געהאַט געווען פאַרביי, איידער די שטאַטן האָבן עס ראַטיפיצירט. ווען די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן אַריין אין 1862 און 1863 י. זענען פאַרשוווּנדן די ערשטע ליידנשאַפטן און ענטוזיאַזם און אין אמעריקע איז מען געוואָרן געוואָרן, וואָס עס הייסט מלחמה־מידקייט און מלחמה־עקל.

דער פּרעזידענט איז געווען אַרומגערינגלט מיט צושלאָגענע גענעראַלן, פאַררעטער, דימיסיאָנירטע גענעראַלן שווינדלערישע פּאַרטיי־פּאָליטיקער, און אַ צווייפלדיק און מיד פאָלק הינטער זיך

און מוטלאָזע גענעראַלן און אומטיקע חיילות פאַר זיך; זיין הויפּט טרייסט האָט געמוזט זיין, אַז דזשעפערסאָן דייוויס איז אין ריטשמאַנד געפינט זיך נישט אין קיין בעסערער לאַגע. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך שלעכט אויפגעפירט און דערלויבט די קאָנפעדעראַטיווע אַגענטן אין ענגלאַנד אַרויסצולאָזן אויפן וואַסער און באַוואָפענען דריי פּריוואַטע שיפן — די אַלאַבאַמאַ איז די באַרימטסטע פון זיי — וועלכע האָבן אוועקגעיאָגט די שיפן פון די פאַר-שט. פון די ימען. די פראַנצויזישע אַרמיי אין מעקסיקאַ האָט געטרעטן מיט די פיס די מאָנראָ-דאָקטרין. קומען אָן שלעכטע פּראָפּאָזיציעס פון ריטשמאַנד אויפצוהערן מלחמה צו האַלטן, איבערלאָזן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה פאַר אַנאַכקומענדיקער דיסקוסיע און אויסדרייען זיך, פעדעראַלן און קאָנפעדעראַטן אין אַ בונד, קעגן די פראַנצויזן אין מעקסיקאַ. אָבער לינקאָלן האָט נישט געוואָלט הערן פון אַזעלכע פּראָפּאָזיציעס, כּל-זמן ס׳וועט נישט דערגרייכט ווערן די אויבער הערשאַפט פון דער אוניע. די אַמעריקאַנער קענען דאָס טון אַלס איין פאָלק, אָבער נישט אַלס צוויי. ער האָט געהאַלטן צוזאַמען די פאַר-שט. דורך לאַנגע מידע חדשים פון ענדערונגען פון מזל און נישט ווירקזאַמע אָנשטרענגונגען, דורך פינצטערע פּאַזעס פון צוטיילונג אין געפאַלענעם מוט; און ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום ידיעה, אַז ער האָט געזאָלט ווען-עס-איז וואַקלען זיך אין זיין ציל. ס׳זענען געווען צייטן, ווען מ׳האָט גאָרנישט געקענט טון. ווען ער איז געזעסן אין ווייסן הויז שטיל, באַוועגונגסלאָז, אַ טרויעריק בילד פון אומשלאָסנהייט. ס׳זענען געווען צייטן, ווען ער האָט צושטרייעט זיין געדאַנק מיט שפּאַסן און פריילעכע וויצן. ער האָט געזען ווי די אוניע טריומפירט. ער איז אַריין קיין ריטשמאָנד אַ טאָג נאָך איר אונטערגעבן זיך און געהערט פון לי׳ס קאַפּיטולאַציע.

ער איז צוריק קיין וואַשינגטאָן און אין 11-טן אַפּריל געמאַכט זיין לעצטן עפנטלעכן אַרויסטריט. זיין טעמע איז

געהעריגן איבערבעטונג און די רעקאָנסטרוקציע פון א לאיאלער רעגירונג אין די געשלאָגענע שטאטן. אין 14-טן אין אווגוסט איז ער געגאנגען אין טעאטער אריין און ווען ער איז אזוי געזעסן, קוקנדיק אויף דער סצענע, איז ער געשאָסן געוואָרן אין הינ- טערשטן טייל פון קאָפּ און באלד געפאלן א טויטער. דער מערדער׳ אן אקטיאָר מיטן נאָמען בוט, וועלכער האָט געהאָט געוויסע פּרעטענזיעס צו אים, איז אריין אין דער לאָזשע אומ- באמערקט. אָבער לינקאָלנס ווערק איז געווען פארענדיקט; די וניע איז געראטעוועט געוואָרן.

אין אָנהייב מלחמה איז נישט געווען קיין באן צו די פּאסיפיק-ברעגן; נאכהער האָבן די באנען זיך פארשפרייט, פונקט ווי א שנעל וואקסנדיק געוויקס׳ ביז זיי האָבן איצט ארומגעגוי- מען און געהאלטן און פארבונדן די גאנצע ריזיקע טעריטאָריע פון די פאר-שט. אלס איין נישט אויפצובונדן גייסטיק און מאטעריעל אחדות — דער גרעסטער רעאלער קבוץ — ביז דאס פּשוטע פאלק פון כינע וועט זיך אויסלערנען לייענען — אין דער גאנצער וועלט.

קאפיטל 25

דייטשלאנד שטייט אויף צו באהערשן אייראָפּע

מיר האָבן דערציילט ווי נאָך דער דערשיטערונג פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע און די נאפּאָלעאָנישע אוואנטורעס האָט אייראָפּע דערגרייכט אויף א געוויסער צייט אן אומזיכערן שלום און א מין מאָדערניזירטן אויפלעב פון די פּאָליטישע באדינגונגען פון פאר 50 יאָר פריער. ביזן מיטן יאָרהונדערט

האָבן די נייע פאַרלייכטערונגען אין דער באַהאַנדלונג פון שטאָל, אייזנבאַן און דאַמפּשיף נישט גורם געווען קיין באַדייטנדע פּאָליטישע קאָנזעקווענצן.

אָבער אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון דעם שטאַטישן אינדוסטריאַליזם, איז די סאָציאַלע געשפּאַנטקייט שטאַרקער געוואָרן. פראַנקרייך איז ווייטער געבליבן אַ באַזונדערס שטאַרק־אומרויִק לאַנד.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1830 איז געקומען אַ צווייטע אין 1848. דאַן איז נאַפּאָלעאָן III, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט׳ס אַ פּלימעניק, צום ערשט געווען פּרעזידענט און נאָכהער (אין 1852) קיסר. ער האָט זיך גענומען אַפּצובויען פּאַריז, און פון דער מאַלערישער נישט סאַניטאַרער שטאָט פון 17־ן י. ה. האָט ער געמאַכט אַ גרויסע לאַטייניזירטע מאַרמאָר שטאָט, אַזאַ ווי זי איז היינט. ער האָט זיך אויך גענומען אָפּבויען פראַנקרייך און פון איר געמאַכט אַ גלענצנד אויסזעענדיקן מאָדערניזירטן אימפּעריאַליזם. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג אויפצולעבן יענע ריוואַליזאַציע פון די „גרויסע מאַכטן", וואָס האָט פאַרפּלאָנטערט איירָאָפּע אין פּרוכטלאָזע מלחמות אין דעם 17־ן און 18־ן י. ה.

דער רוסישער צאַר ניקאָליי I (1822—56) איז אויך געוואָרן אַגרעסיוו און זיך גערוקט צו דרום אויף דער טערקישער מלוכה, מיט גיריקע אויגן אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אין מיטן 19־ן י. ה. איז אין איירָאָפּע ווידער אויסגעבראָכן אַ פרישער ציקל מלחמות. זיי זענען געווען הויפּטזעכלעך „גלייכגעוויכט פון מאַכט"־און העגעמאָניע־מלחמות. ענגלאַנד, פראַנקרייך און סאַרדיניע זענען אין דער קרימער מלחמה באַפאַלן רוסלאַנד, כּדי צו שיצן טערקיי; פּרייסן (מיט איטאַליע אלס פאַרבונדעטער) און עסטרייך האָבן געקעמפט פאַר דער אָנפירערשאַפט אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך האָט באַפרייט צפון־איטאַליע פון עסטרייך מיטן פּרייז פון סאַוואָי, און איטאַליע

איז ביסלעכווייז אוניפיצירט געוואָרן אַלס איין קעניגרייך. דאַן האָט מען נאַפּאָלעאָנען III געגעבן אַ שלעכטע עצה, אַז ער זאָל פּרובן ס׳מזל אין מעקסיקא (בשעת דעם אַמעריקאַנער בירגער קריג); ער האָט דאָרט אַהין אַריינגעזעצט אַ קיסר, מאַקסימיליאַן, און שנעל אים איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראַט — די מעקסיקאַנער האָבן אים דערשאָסן, ווען די זיגרייכע פעדעראַלע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו דראָען. אין 1870 איז אויסגעבראָכן דער־שוין־פון לאַנג דערוואַרטעטער קאַמף פאַר דער העגעמאָניע אין אייראָפּע צווישן פּרייסן און פראַנקרייך. פּרייסן האָט שוין פון לאַנג פאָרויסגעזען און זיך צוגעגרייט צום דאָזיקן קאַמף, אָבער פראַנקרייך איז געווען פאַרפוילט פון דער פינאַנציעלער קאָרופּציע. איר מפּלה איז געווען אַ שנעלע און דראַמאַטישע. אין אויגוסט האָבן די דייטשן אָקופּירט פראַנקרייך, אַ גרויסע פראַנצויזישע אַרמיי מיטן קיסר בראש האָט אין סעפּטעמבער קאַפּיטולירט אין סעדאַן, אַ צווייטע האָט זיך אונטערגעגעבן אין אָקטאָבער אין מעץ, און אין יאַנואַר 1871 איז פּאַריז, נאָך אַ בעלאַגערונג און באָמבאַרדירונג, אַריינגעפאַלן צו די דייטשן אין די הענט. דער שלום איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין פראַנקפורט און די פּראָווינץ עלזאַס־לאָטרינגען איז אַריבער צו די דייטשן. דייטשלאַנד, אויסשליסנדיק עסטרייך, איז אוניפיצירט געוואָרן, אַלס אַ קייזערטום און צו דער גאַלעריע פון די אייראָפּעאישע מלוכות איז צוגעקומען דער פּרייסישער קעניג אַלס דייטשער קיסר. דורך די נעכסטע 43 יאָר איז דייטשלאַנד געווען די אָנפירנדיקע מאַכט אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. אין 1877–78 איז פאָרגעקומען אַ רוסיש־טערקישע מלחמה. אָבער נאָכהער, חוץ געוויסע איבערגרופּירונגען אויף דעם באַלקאַן, זענען די אייראָפּעאישע גרעניצן אין משך פון 30 יאָר געבליבן סטאַביליזירט אויף אַן אומרואיקן אופן.

קאפיטל 26

די נייע מעבר־לים אימפעריעס פון דאמפשיף און אייזנבאן

דער סוף פון 18־טן י. ה. איז געווען א פעריאד פון צו־טיילטע מלוכות און אנטוישטע עקספאנסיוויסטן. די לאנגע און לאנגווייליקע רייזע צווישן ענגלאנד און שפאניע און זייערע קאלאניעס אין אמעריקע האט געשטערט יעדןווירקלעכן פרייען אריינפאר און ארויספאר צווישן דעם היים־לאנד און די טעכטער־לענדער, און אזוי ארום האבן די קאלאניעס זיך סעפארירט אלס נייע און בולטע קבוצים, מיט בולטע אידייען און אינטערעסן און אפילו נוסח אין דער שפראך. ווען זיי זענען אויפגעוואקסן, האבן זיי זיך וואס אמאל מער אויפגעבונדן פון דעם שוואכן און נישט־זיכערן צוזאמענבונד פון דער שיפע־ריי, וואס האט זיי פאראייניקט. שוואכע האנדלס־פאסטן אין דער ווייטע צ. ב. ווי יענע פון פראנקרייך אין קאנאדע, אדער האנדלס־ישובים אין גרויסע פרעמדע קבוצים, ווי די ענגלענדער אין אינדיע, קלאמערן זיך צוליב בלויזער עקזיסטענץ אין דער נאציע, וואס גיט זיי אונטערשטיצונג און א גרונט פאר זייער עקזיסטענץ. אויף אזוי פיל, האט זיך געדוכט א סך דענקער אין די ערשטע צייטן פון 19־טן י. ה., איז באגרעניצט די הערשאפט מעבר־לים. אין 1820 זענען די אנגעשקיצירטע גרויסע אייראפעאישע „אימפעריעס" אויסער די אייראפעאישע גרעניצן, וואס האבן אזוי העלדיש פיגורירט אין די מאפעס פון מיטן 18־טן י. ה. איינגעשרומפן געווארן אין זייער קליינע ראמען. נאר איין רוסלאנד האט, ווי שטענדיק, זיך אויסגעשפרייט איבער אזיע. די בריטישע אימפעריע פון 1815 איז באשטאנען: 1) פון די שיטער באפעלקערטע טייך־ און אזערע־ברעגן־געביטן פון קאנאדע; 2) א גרויס וויסט הינטערלאנד, אין וועלכן די

איינציקע ישובים זענען נאָך אַלץ געווען די פּוטער-האַנדלס-סטאַציעס פון דער „הודסאָן בײַ קאָמפּאַניע" ; אַ דריטל פון דעם אינדישן האַלב-אינדזל אונטער דער הערשאַפט פון דער מזרח-אינדישער קאָמפּאַניע ; 4) די ברעגן-געגנטן פון קאַפּ פון גוטער האָפענונג, באַווױנט פון שוואַרצע און רעוואָלוציאָנעריש-געשטימ-טע האָלענדישע קאָלאָניסטן ; 5) עטלעכע האַנדלס-סטאַציעס אויפן מערב-אַפריקאַנישן ברעג ; 6) דער פעלז גיבראַלטאַר ; 7) דער אינדזל מאַלטאַ ; 8) דזשאַמאַיקאַ ; 9) אַ ביסל קלע־נערע שקלאַפן-אַרבעטנדיקע געביטן אין די מערב-אינדיעס ; 10) בריטיש גוואַניאַ און דרום-אַמעריקע ; 11) און אויף דעם צווייטן עק וועלט צווי סטאַציעס פאַר פאַרברעכער אין באָטאַני-בײַ אין אויסטראַליען און אין טאַסמאַניע. שפּאַניע איז גע־בליבן בײַ קובאַ און בײַ אַ פּאָר ישובים אויף די פיליפּינישע אינדזלען. אין אפריקע האָט פּאָרטוגאַל געהאַט עטלעכע גע-ביטן.

האָלאַנד האָט געהאַט פאַרשידענע אינדזלען און ישובים אין די מזרח-אינדיעס און האָלענדיש גוויאַנאַ, און דענעמאַרק האָט געהאַט איין אינדזל אָדער עפּעס מער אין די מערב-אינדיעס. פראַנקרייך האָט געהאַט איין אָדער צוויי פון די מערב-אינדישע-אינדזלען און פראַנצויזישע גוויאַנאַ. דאָס איז, ווייזט אויס, גע-ווען אַלץ, וואָס די אייראָפּעאישע מלוכות האָבן געדאַרפט, אָדער געוואָלט דערווערבן פון דער רעשט וועלט.

נאָר איין מזרח-אינדישע קאָמפּאַניע האָט אַרויסגעוויזן אַ ביסל עקספּאַנסיע. בעת אייראָפּע איז געווען פאַרנומען מיט די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, האָט די מזרח-אינדישע קאָמפּאַניע אונטער אַ רייע נאָכפאָלגנדיקע גענעראַל-גובערנאַטאָרן געשפּילט די זעלבע ראָל אין אינדיע, ווי פריער די טורקאָמאַניַזן און ענלעכע אָקופּאַנטן פון צפון. נאָכן ווינער שלום איז עס ווײַ-טער אַזוי געווען ; זי האָט איינגעצויגן אירע שטײַערן, געפירט מלחמות, געשיקט אַמבאַסאַדאָרן אין די אַזיאַטישע מלוכות,

אַ כמעט-אומאָפּהענגיקער שטאַט, דאָך אַ שטאַט מיט אַ באַשטימ־טער נטיה צו שיקן דאָס רייכטום קיין מערב. מיר קענען דאָ נישט דערציילן באריכות, ווי אַזוי די בריטישע קאָמפּאַניע האָט זיך אויסגעטרעטן אַ וועג צו דער איבערהערשאַפט, טיילמאָל אַלס פאַרבינדעטער פון דער מלוכה, טיילמאָל פון יענער, און ענדלעך באַזיגט אַלע.

איר מאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט ביז אַססאַם, סינד, אָא״וו. די אינדישע מאַפּע האָט אָנגעהויבן צו האָבן די ריכט-ליניען, וואָס זענען באַקאַנט דעם היינטיקן ענגלישן שול-ייִנגל, לאַטע-ווערק פון היימישע שטאַטן, אַרומגענומען און פעסטגעהאַלטן פון די גרויסע פּראָווינצן אונטער דער דירעקטער ענגלישער הערשאַפט... אין 1859, נאָך אַן ערנסטן בונט פון די היימישע זעלנער אין אינדיע, איז די דאָזיקע מלוכה פון דער מזרח-אינדישער קאָמפּאַניע אַנעקסירט געוואָרן דורך דער בריטישער קרוין. דורך אַ געזעץ אונטערן נאָמען „געזעץ פאַר אַ בעסערער רעגירונג אין אינדיע״ איז דער גענעראַל-גובערנאַטאָר געוואָרן וויצע-קעניג, רעפּרע־זענטירנדיק דעם קעניג, און דאָס אָרט פון דער קאָמפּאַניע האָט פאַרנומען אַ שטאַט־סעקרעטאַר פאַר אינדיע, וואָס איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט. אין 1877 האָט לאָרד ביקאָנספילד, כדי צו פאַרענדיקן דאָס ווערק, געצוווּנגען די קעניגין וויקטאָריאַ צו פּראָקלאַמירן זיך אַלס קייזערין פון אינדיע. אויף דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן אופן זענען היינט פאַראיי־ניקט ענגלאַנד און אינדיע.

אינדיע איז נאָך אַלץ די מלוכה פון גרויסן מאָגול, אָבער דער „גרויסער מאָגול״ איז פאַרטרעטן געוואָרן דורך דער „גע־קרוינטער רעפּובליק״ פון גרויס-בריטאַניע. אינדיע איז אַן אוי־טאָקראַטיע אָן אַן אויטאָקראַט. איר רעגירונג איז אַ געמיש פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע און דער אומפּערזענלעכקייט און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעמאָקראַטישן באַאַמטנטום. אויב דער אינדיער האָט אַן אָנקלאַגע, האָט ער נישט קיין זעעוודיקן

מאָנאַרך, צו וועמען ער זאָל זיך ווענדן; זיין קיסר איז אַ גאָל-
דענער סימבאָל; ער מוז פאַרשפּרייטן פּאַמפלעטן אין ענגלאַנד
אָדער אינספּירירן אַ פראַגע אין דעם ענגלישן „הויז פון גע-
מיינדעס" (פּאַרלאַמענט). וואָס מער דער פּאַרלאַמענט איז באַ-
שעפטיקט מיט ענגלישע ענינים, דעסטאָ ווינציקער אויפמערקזאַמ-
קייט שענקט מען אינדיע, און אַלץ מער וועט זי זיין אָנגעוויזן
אויפן חסד פון איר קליינער גרופּע פון העכערע באַאַמטע.
ווייטער פון אינדיע האָט קיין שום אייראָפּעאישע מלוכה נישט
אַרויסגעוויזן קיין עקספּאַנסיע, ביז ס'האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן
די אייזנבאַנען און די דאַמפשיפן. אַ באַדייטנדע שול פון פּאָ-
ליטישע דענקער אין ענגלאַנד איז געווען גענייגט צו דער מיי-
נונג, אַז מעבר-לים ישובים זענען דער שוואַכער פונקט פון דעם
קעניגרייך. די אויסטראַלישע ישובים האָבן זיך אַנטוויקלט פּאַ-
מעלעך, ערשט די אַנטדעקונגען פון ווערטפולע קופּער-גרובן
אין 1841, און אין 1851 די גאָלד-גרובן, האָבן צוגעגעבן אַ גרע-
סערע באַדייטונג די דאָזיקע ישובים. די פאַרבעסערונגען אין
טראַנספּאָרט האָבן אויך גורם געווען, אַז דער אויסטראַלישער
וואָל זאָל וואָס אַמאָל מער ווערן אַ מאַרק-אַרטיקל אין אייראָפּע.
קאַנאַדע איז אויך נישט געגאַנגען באַמערקנסווערט פאָרווערטס
ביז 1849; זי האָט געהאַט צו טון מיט קאָנפליקטן צווישן אירע
ענגלישע און פראַנצויזישע איינוווינער; ס'זענען פאָרגעקומען
עטלעכע ערנסטע אויפשטאַנדן, און ערשט אין 1867 האָט אַ נייע
קאָנסטיטוציע געשאַפן אַ פעדעראַלע דאָמיניאָן פון קאַנאַדע און
די אינערלעכע קאָנפליקטן האָבן נאָכגעלאָזט. די אייזנבאַן האָט
פאַרענדערט דאָס אויסזען פון קאַנאַדע. זי האָט דערמעגלעכט
קאַנאַדע, פּונקט ווי די פאַר-שט. זיך אויסצושפּרייטן צו מערב,
אַרויסצושיקן איר תבואה און אַנדערע פּראָדוקטן קיין אייראָפּע
און טראָץ איר שנעלן און פאַרברייטערטן וווּקס צו בלייבן, לויט
דער שפּראַך, סימפּאַטיעס און אינטערעסן, איין קיבוץ. די באַן,
דאַמפשיף און טעלעגראַף האָבן ווירקלעך געענדערט אַלע באַ-

דינגונגען פון דער קאָלאָניאַלער אַנטוויקלונג. נאָך פּאַר 1840 האָבן אין ניי-זעלאַנד זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען ענגלישע ישובים, און ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ ניי-זעלאַנד לאַנד-קאָמפּאַניע, וואָס זאָל עקספּלאָאַטירן די מעגלעכקייטן פון דעם דאָזיקן אינדזל.

אין 1840 איז ניי-זעלאַנד פאַרייניקט געוואָרן צו דעם קאָלאָניאַלן באַזיץ פון דער בריטישער קרוין.

קאַנאַדע, ווי מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, איז געווען די ערשטע פון די בריטישע באַזיצן, וואָס האָט זיך שטאַרק צוגעפּאַסט צו די נייע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וועלכע די נייע טראַנספּאָרט-מעטאָדן האָבן געעפנט. גאָר אינגיכן האָבן די דרום אַמעריקאַנער רעפּובליקן, באַזונדערס אַרגענטינע, אָנגעהויבן צו פּילן אין זייער פיך- און קאָווע-האַנדל די פאַרגרעסערטע נאָענטקייט פון אייראָפּעאישן מאַרק. ביז דאַן זענען די הויפּט-פּראָדוקטן, וואָס האָבן געצויגן די אייראָפּעאישע מלוכות צו די אומבאַזעצטע און ווילדע געגנטן, געווען גאָלד אָדער אַנדערע מעטאַלן, בשמים, העלפאַנטביין, אָדער שקלאַפן. אָבער אין לעצטן פערטל פון 19-טן יאָרהונדערט האָט דאָס פאַרגרעסערן זיך פון זייערע באַפעלקערונגען געצוווּנגען די רעגירונגען צו זוכן אין אויסלאַנד לעבנסמיטל-פּראָדוקטן; דער וווּקס פון וויסנשאַפטלעכן אינדוסטריאַליזם האָט אַרויסגערופן אַ פאָדערונג נאָך נייע רוי-מאַטעריאַלן, פעטס און שמאַלץ פון פאַרשידענע סאָרטן, גומע און אַנדערע ביז דאַן גרינגגעשעצטע מאַטעריאַלן. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז ענגלאַנד, האָלאַנד און פּאָרטוגאַל האָבן גרויסע און וואַקסנדיקע רווחים פון זייער באַדייטנדער קאָנטראָל איבער די טראָפּישע און אונטער-טראָפּישע פּראָדוקטן. נאָך 1871 האָט דייטשלאַנד, און גאָר אינגיכן פראַנקרייך און שפּעטער איטאַליע, אָנגעהויבן זוכן נאָך נישט-אַנעקסירטע רוי-מאַטעריאַלן געביטן, אָדער אָריענטאַלישע לענדער, וואָס מ'קאָן זיי מאָדערניזירן אויף אַ רווחימדיקן אופן. אָט אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ

פריש אַרומרייסעניש אויף דער וועלט, חוץ אין אַמעריקע, וווּ די מאנראָ־דאָקטרין האָט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר אַזעלכע אַוואַנטורעס אין די פּאָליטיש נישט־געשיצטע לענדער. נאָנט פון אייראָפּע איז געווען דער אַפריקאַנישער קאָנטינענט, פול מיט קוים־באַקאַנטע מעגלעכקייטן. אין 1850 איז אַפריקע געווען אַ פינצטערע מיסטעריע; נאָר מצרים און די ברעגן זענען געווען באַקאַנט. מיר האָבן נישט קיין אָרט דאָ צו דערציילן די ווונ־דערבאַרע געשיכטע פון אויספאָרשער און אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן די ערשטע אַדורכגעדרונגען די אַפריקאַנישע פינצטערניש, פון די פּאָליטישע אַגענטן, פּאַרוואַלטער, הענדלער, קאָלאָניסטן און געלערנטע, וואָס זענען געגאַנגען אין זייערע טריט. ס׳זענען אַנטפּלעקט געוואָרן וווּנדערלעכע ראַסעס פון מענטשן, ווי די קאַרליקן, משונהדיקע חיות, ווי אָקאַפּי 1), ווונדערבאַרע פּרות, בלומען און אינזעקן, שוידערלעכע חולאתן, שטוינענדיקע לאַנד־שאַפטן פון וועלדער און בערג, ריזיקע אינלענדישע ימים און גוואַלטיקע טייכן און וואַסערפאַלן; אַ גאַנץ נייע וועלט. ס׳זענען אַפילו אויפגעדעקט געוואָרן רעשטלעך פון אומבאַקאַנטע און אונ־טערגעגאַנגענע ציוויליזאַציעס (אין זימבאַבואַי), אַ דרום־אונטער־נעמונג פון אַן אור־פאָלק. אין דער דאָזיקער נייער וועלט זענען אַריינגעקומען די אייראָפּעער און שוין געפונען דעם ביקס אין די הענט פון די אַראַבישע שקלאַפן־הענדלער און אַן אָרדנונג־לאָז נעגריש לעבן. אין 1900, אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, איז גאַנץ אַפריקע געווען אויסגעמאָפּירט, אויסגעפאָרשט, אָפּגע־שאַצט און צוטיילט צווישן די אייראָפּעאישע מלוכות.

אין דעם דאָזיקן אַרומרייסעניש האָט מען ווייניק אַכט געלייגט אויף דעם חויל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אין דער ווירקלעכקייט איז דער אַראַבישער שקלאַפן־הענדלער נישט פאַר־טריבן געוואָרן, נאָר אַביסל געצוימט געוואָרן, אָבער די גי־

1) ענלעך צו אַ זשיראַף

קייט צו גומע, וואָס איז געווען אַ ווילדער פּראָדוקט, וועלכער איז צונויפגעקליבן געוואָרן אונטער צוואַנג דורך די איינגעבאָרענע אין דעם בעלגישן קאָנגאָ, אַ גיריקייט, וואָס איז פאַרשאַרפט געוואָרן צוליב די צוזאַמענשטויסן צווישן די אומדערפאַרענע אייראָפּעאישע אַדמיניסטראַטאָרן מיט דער היימישער באַפעלקערונג, האָט דערפירט צו שוידערלעכע אכזריות. קיין שום אייראָפּעאישע מאַכט האָט נישט קיין ריינע הענט אין דעם ענין.

מיר קענען נישט דאָ דערציילן אין קיין שום פּרט, ווי אַזוי ענגלאַנד האָט גענומען אין באַזיץ מצרים אין 1883 י. און דאָרט געבליבן טראָץ דעם פאַקט, וואָס מצרים איז טעכניש געווען אַ טייל פון דער טערקישער מלוכה, און ווי אַזוי דאָס אַרומרייסעניש האָט שיר נישט געבראַכט צו אַ מלחמה צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך אין 1898, ווען אַ געוויסער קאָלאָנעל מאַרשאַן האָט, אַריבערגייענדיק צענטראַל אַפריקאַ פון דעם מערב ברעג ביי פאַשאָדאַ, געוואָלט פאַרכאַפּן דעם אויבערשטן נילוס. מיר קענען אויך נישט דערציילן ווי אַזוי די ענגלישע רעגירונג האָט לכתחילה דערלויבט די בורן, ד. ה. די האָלענדישע קאָלאָניסטן פון דער געגנט פון אָראַנדזש טייך און טראַנסוואַל, צו גרינדן אומאָפּהענגיקע רעפּובליקן אין די אינערלעכע טיילן פון דרום-אַפריקאַ, און נאָכהער חרטה באַקומען און אין 1877 אַנעקסירט די טראַנסוואַלישע רעפּובליק; אויך קענען מיר נישט דערציילן ווי אַזוי די טראַנסוואַאַלישע בורן האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט און זי געווינען נאָך דער שלאַכט ביי מאַדזשובאַ הילל (1881). מאַדזשובאַ הילל איז געבליבן אַן אייטערדיקע וווּנד אין דעם זכרון פון דעם ענגלישן פאָלק צוליב אַן אומ-אויפהערלעכער פּרעסע-קאַמפּאַניע. אין 1899 איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה מיט די ביידע רעפּובליקן, אַ דריי יעריקע מלחמה, וואָס האָט אויסערגעוויינלעך געקאָסט דעם ענגלישן פאָלק, און זיך פאַרענדיקט מיט דער קאַפּיטולאַציע פון די צוויי רעפּובליקן. זייער אונטעריאָכונגס-פּעריאָד איז געווען אַ קורצדויערנדיקער.

אין 1907, נאך דער מפלה פון דער אימפעריאַליסטישער רעגי־רונג, וועלכע האָט זיי באַזיגט, האבן די ליבעראַלן זיך גענומען צו דער דרום־אַפריקאַנער פּראָבלעם. און די פריערדיקע רעפּו־בליקן זענען געוואָרן פריי און פרייוויליק זיך פאַרייניקט מיט קאַפּ קאָלאָניע און נאַטאַל אין אַ קאָנפעדעראַציע פון אַלע שטאַטן פון דרום־אַפריקע אַלס איין זיך זעלבסט — רעגירנדיקער רעפּו־בליק אונטער דער בריטישער קרוין. אין אַ פירטל י. ה. איז פאַרענדיקט געוואָרן די צוטיילונג פון אַפריקע. ס'זענען געבליבן נישט אנעקסירט דריי פאַרהעלטנישמעסיק קליינע לענדער: ליבעריאַ, א ישוב פון באַפרייטע נעגער־שקלאַפן אויפן מערב ברעג; מאַ־ראָקאָ אונטער אַ מוזולמענישן סולטאַן, און אַביסיניע, אַ באַרבאַ־ריש לאַנד, מיט אַן אַלטער און אייגנאַרטיקער פאָרם פון קריסטיאַניזם, וואָס האָט דערפאָלגרייך דערהאַלטן איר אומאָפּ־הענגיקייט קעגן איטאַליע אין דער שלאַכט ביי אַדאָוואַ אין 1896 י.

קאַפּיטל 27

די איירָאָפּעאישע אַגרעסיע אין אַזיע און יאַפּאַנ'ס אויפוואַך.

ס'איז שווער צו גלויבן, אַז אַ גרויסע טייל פון די פעלקער האָט אין אמתן אַקצעפּטירט די דאָזיקע אומגעריכטע קאָלירטע מאַפּע פון אַפריקא אין איירָאָפּעאישע פאַרבן אַלס אַ פערמאַ־נענטע נייע דערליידיקונג פון די וועלט־ענינים, אָבער ס'איז דער חוב פונם היסטאָריקער צו פאַרצייכנען, אַז אַזוי איז זי אַק־צעפּטירט געוואָרן. דער איירָאָפּעאישער געדאַנק פון 19־ן י. ה.

האָט געהאַט אַ פלאַכן היסטאָרישן הינטערגרונט און נישט געווינט געווען צו אַדורכדרינגענדיקער קריטיק. די בלויזע צייטווייליקע איבערוואַג, וואָס די מעכאַנישע רעוואָליוציע אין מערב האָט געגעבן די אייראָפּעער איבער דער רעשט וועלט, איז באַטראַכט געוואָרן פון די מענטשן, פולקאָם אומוויסנד בנוגע אַזעלכע געשעענישן ווי די גרויסע מאָנגאָלישע דעראָבערונגען, אַלס עדות פון אַ פּערמאַנענטער און פאַרזיכערטער אייראָפּעאישער אָנפירעשאַפט פון דער מענטשהייט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום באַגריף פון דער איבערטראָגונגס־פעאיקייט פון דער וויסנשאַפט און אירע פרוכטן. זיי האָבן נישט באַגריפן, אַז כינעזער און אינדיער קענען אַזוי פעאיק זיין ווייטער צו פירן די פאָרשונגען, פונקט ווי די פראַנצויזן אדער ענגלענדער.

זיי האָבן געגלויבט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ געוויסער איינגעבוירענער אינטעלעקטועלער דראַנג אין מערב, און אַ געוויסע איינגעבוירענע אומפעאיקייט און קאָנסערוואַטיזם אין מזרח, און דאָס האָט פאַרזיכערט די אייראָפּעער די וועלט־הערשאַפט אויף אייביק. די קאָנזעקווענץ פון דער דאָזיקער פאַרבלענדונג איז געווען, וואָס פאַרשידענע אייראָפּעאישע אויסערן־מיניסטעריומס האָבן זיך גענומען אַרומרייסן נישט בלויז מיט די ענגלענדער פאַר די ווילדע און נישט אַנטוויקלטע געגנטן פון דער ערד־אויבערפלאַך, נאָר אויך צו צושניידן די באַפעלקערטע און ציוויליזירטע לענדער פון אַזיע, גלייך ווי די דאָזיקע פעלקער וואָלטן געווען רוי־מאַטעריאַל פאַר עקספּלאָטאַציע. דער אינערלעך נישט־זיכערער, אָבער אויסערלעך גלענצנדער אימפּעריאַליזם פון דער הערשנדער ענגלישער קלאַס אין אינדיע, און די גרויסע און רווחים־ברענגענדיקע באַזיצן פון די האָלענדער אין די מזרח־אינדיעס, האָבן אָנגעפילט די ריוואַליזירנדיקע גרויס־מאַכטן מיט חלומות פון ענלעכן רום און פערסיע, אין דער צוטיילטער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, אין וויייטן אינדיע, כינע און אין יאפּאַן. אין 1898 האָט דייטשלאַנד פאַרכאַפּט קיאו טשאו

אין כינע. ענגלאַנד האָט דאַרויף געענטפערט מיטן פאַרכאַפּן וועי־האַי־וועי, און אין נעכסטן יאָר האָבן די רוסן צוגענומען פּאָרט אַרטור. אין כינע האָט זיך צופלאַקערט אַ גרויסע שנאה צו די אייראָפּעער. מ'האָט אויסגעשאָכטן אייראָפּעער און קריסטלעכע געאָפּיטן, און אין 1900 זענען אַטאַקירט און באַלאַגערט געוואָרן די אייראָפּעאישע לעגאַציעס אין פּעקין.

אַ פאַראייניקטע אייראָפּעאישע אַרמיי האָט אונטערגענומען אַ שטראָף־עקספּעדיציע אויף פּעקין, באַפרייט די לעגאַציעס און צוגעגנבעט אַ ריזיקן סכום ווערטפולע זאַכן. די רוסן האָבן דעמאָלס פאַרכאַפּט מאַנדזשוריאַ און אין 1904 האָבן די ענגלענדער אָקופּירט טיבעט...

אָבער איצט האָט זיך אין דעם קאַמף פון די גרויסע מאַכטן באַוויזן אַ נייע מאַכט, יאַפּאַן. ביז אַהער האָט יאַפּאַן געשפּילט אַ זער קליינע ראָל אין אונדזער געשיכטע; איר אָפּגעשלאָסענע ציוויליזאַציע האָט נישט קיין סך בייגעטראָגן צו דער הויפּט־געשטאַלטונג פון מענטשלעכן גורל; זי האָט געקריגן אַ סך, אָבער געגעבן ווייניק. די אייגנטלעכע יאַפּאַנער שטאַמען פון אַ מאָנגאָלישער ראַסע. זייער ציוויליזאַציע, שריפט, ליטעראַרישע־ און קונסט־ טראַדיציעס זענען גענומען פון די כינעזער. זיי האָבן אַן אינטערעסאַנטע און ראָמאַנטישע געשיכטע. אין די ערשטע י. ה. פון דער קריסטלעכער ערא האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט אַ פעאָדאַלע און ריטערלעכע סיסטעם; זייערע אַטאַקעס אויף קאָרעע און כינע זענען אַ מזרח עקוויוואַלענט פון די ענגלישע מלחמות אין פראַנקרייך. אין 16־ן י. ה. איז יאַפּאַן צום ערשטן מאָל געקומען אין באַריר מיט אייראָפּע; אין 1542 זענען אויף אַ כינעזיש שיף אָנגעקומען עטלעכע פּאָרטוגיזן און אין 1544 האָט אַ יעזואיטישער מיסיאָנער, פראַנסיס קסאַוויע, אָנגעהויבן דאָרטן צו פּרעדיקן. אַ צייט האָבן די יאַפּאַנער אונטערגעהאַלטן אַ פריינטלעכן

פאַרקער מיט די אייראָפּעער און די קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן געווינען אַ גרויסע צאָל נעאָפיטן. אַ געוויסער וויליאַם אדאמס איז געווען דער פארטרויונגסמאַן און ראַטגעבער פון די יאַפּאַ-נער און זיי אויסגעלערנט בויען גרויסע שיפן. ס׳זענען פאָרגעקומען נסיעות אין יאַפּאַניש-געבויטע שיפן קיין אינדיע און פערו. אָבער אין גיכן זענען אויסגעבראָכן קאָמפּליצירטע מחלוקת׳ן צווישן די שפּאַנישע דאָמיניקאַנער, פּאָרטוגיזישע יעזואיטן און די ענגלישע און האָלענדישע פּראָטעסטאַנטן און יעדער איינער האָט געוואָרנט די יאַפּאַנער פאַר די פּאָליטישע צילן פון דעם אַנדערן. אין אַ פּאַזע פון איבערהערשאַפט האָבן די יעזואיטן באַליידיקט און מיט גרויס פאַרביסנקייט פאַרפאָלגט די בודדיסטן.

ענדלעך זענען די יאַפּאַנער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אייראָפּעער זענען אַן אומדערטרעגלעכע פּגע און אַז דאָס קאַטוילישע קריסטנטום איז פּשוט אַ מאַנטל פאַר די פּאָליטישע חלומות פון דעם פּויפּסט און דער שפּאַנישער מאָ-נאַרכיע, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט אין איר באַזיץ די פילי-פּינישע אינזלען. מ׳האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן די קריסטן און אין 1638 איז יאַפּאַן פולשטענדיק אָפּגעשלאָסן גע-וואָרן פאַר אייראָפּעער און אַזוי געבליבן פאַרמאַכט איבער 200 יאָר. דורך די 200 יאָר זענען די יאַפּאַנער געווען פולשטענ-דיק אָפּגעשניטן פון דער רעשט וועלט, גלייך ווי זיי וואָלטן געלעבט אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט. ס׳איז פאַרבאָטן געוואָרן צו בויען גרעסערע שיפן ווי אַ ברעגן-שיפל. קיין שום יאַפּאַנער האָט נישט געטאָרט פאָרן קיין אויסלאַנד און קיין שום אייראָ-פּעער האָט נישט געקענט אריינקומען אין לאַנד אריין.

צוויי הונדערט יאָר איז יאַפּאַן געבליבן אויסער דעם הויפּט שטראָם פון דער געשיכטע. זי האָט געלעבט אין אַ

צושטאַנד פון אַ מאַלערישן פעאָדאַליזם, אין וועלכן 5% פון דער באַפעלקערונג, די סאַמוריי אָדער קעמפנדיקע מענער, דער אדל און זייערע פאַמיליעס האָבן טיראַניזירט אָן שום באַגרענצונג די רעשט באַפעלקערונג. דערווייל איז זיך די גרויסע אויסערלעכע וועלט געגאַנגען צו ברייטערע וויזיעס און נייע כוחות. וואָס אַמאָל מער זענען דורך די יאַפּאַנישע ים-פּאַסן אַדורכגעגאַנגען פרעמדע שיפן; טיילמאָל האָבן שיפן געליטן שיפברוך און די מאַטראָזן זענען אַראָפּגענומען געוואָרן אויף דער יבשה; דורך דעם האָלענדישן ישוב אויף דער אינדזל דעשימאַ, זייער איינציקער פאַרייניקונגס-פּונקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז יאַפּאַן קען זיך נישט פאַרגלייכן צו דער מאַכט פון דער מערב-וועלט. אין 1837 איז אַריינגעשווימען אַ שיף קיין יעדאָ-ביי מיט אַ פאָן פון פאַסקעלעך און שטערנדלעך[1] און געבראַכט יאַפּאַני-שע מאַטראָזן, וואָס זי האָט אויפגענומען ווייט אין דעם פּאַסי-פיק. מ'האָט זי פאַרטריבן מיט האַרמאַטן-שאָסן. דער דאָזיקער פאָן האָט זיך באַלט באַוויזן אויף אַנדערע שיפן. אין 1849 איז געקומען אַ שיף און געפאָדערט צו באַפרייען 18 אַמערי-קאַנער שיפברוך-געליטענע מאַטראָזן. נאָכהער זענען אין 1853 געקומען 4 אַמעריקאַנער קריגסשיפן מיט קאָמאַנדאָר פּיררי בראש און זיך נישט געלאָזט אָוועקיאָגן. ער האָט פאַרוואָרפן אנקער אין די פאַרבאָטענע וואַסערן און געשיקט שליחים צו די צוויי הערשער, וואָס האָבן דאַן זיך געטיילט מיט דער קאָנטראָל איבער יאַפּאַן. אין 1854 איז ער צוריקגעקומען מיט צען שיפן, וואונדערבאַרע שיפן, געטריבן מיט דער הילף פון דאַמף און באַוואָפנט מיט גרויסע האַרמאַטן, און ער האָט פאָרגעלייגט האַנדלס באַציונגען און די יאַפּאַנער האָבן נישט געהאַט קיין מאַכט צושטעלן אַ ווידערשטאַנד. ער איז אַרויף אויף דער

1) די אַמעריקאַנער פאָן.

יבשה מיט אַ וואָך פֿון 500 מאַן צו צייכנען דעם טראַקטאַט. אומגלויבלעכע מאַסן מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם וויזיט פֿון דער אויסערלעכער וועלט, ווען זיי האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן. רוסלאַנד, האָלאַנד און ענגלאַנד האָבן נאָכגעטאָן אַמעריקאַ׳ס ביישפּיל. אַ גרויסער פּריץ, וועמענס באַזיץ האָט באַהערשט די ים-פּאַסן שימאָנאָסעקי האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו פֿאַרברענען אויסלענדישע שיפֿן; אַ פֿלאָט פֿון ענגלישע, פֿראַנצויזישע, האָלענדישע און אַמעריקאַנער קריגסשיפֿן האָט פֿאַרניכטעט זיינע באַטעריעס און צעטריבן זיינע זעלנער. ענדלעך (1865) האָט אַ פֿאַרבונדעטע עסקאַדרע פֿאַרוואָרפֿן אַנקער נישט ווייט פֿון קיאָטאָ, אויפֿגעצוווּנגען די ראַטיפֿיקאַציע פֿון די טראַקטאַטן, וועלכע האָבן געעפֿנט יאַפּאַן פֿאַר דער וועלט. די דערנידעריקונג פֿון די יאַפּאַנער צוליב די דאָזיקע געשעענישן איז געווען זער שטאַרק. מיט אַן איבעראַשנדיקער ענערגיע און אינטעליגענץ האָבן זיי זיך גענומען צו דערפֿירן זייער קולטור און אָרגאַניזאַציע צו דער מדרגה פֿון די אייראָפּעאישע מלוכות. קיינמאָל נישט אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט האָט אַ פֿאָלק געמאַכט אַזאַ שפּרייז ווי די יאַפּאַנער. אין 1866 זענען זיי געווען אַ מיטלעלטערלעך פֿאָלק, אַ פֿאַנטאַסטישע קאַריקאַטור אויף דעם עקסטרעמסטן ראָמאַנטישן פֿעאָדאַליזם; אין 1899 איז דאָס געווען אַ פֿולקאָם פֿאַרמערב׳ט פֿאָלק, אויף איין מדרגה מיט די העכסט פֿאָרגעשריטנסטע אייראָפּעאישע מלוכות. יאַפּאַן האָט פֿולשטענדיק אויסגעוואָרצלט די איבערצייגונג, אַז אַזיע איז אויף אַן אומהיילבאַרן אופֿן האָפֿנונגסלאָז הינטערשטעליק לגבי אייראָפּע. אין פֿאַרגלייך מיט איר פּראָגרעס זעט דער גאַנצער אייראָפּעאישער פּראָגרעס אויס, ווי ער וואָלט געגאַנגען מיט פֿאַרשלאָפֿענע טריט.

מיר קענען דאָ נישט דערציילן באריכות וועגן יאַפּאַנס מלחמה מיט כינע אין 1894—95. זי האָט דעמאָנסטרירט דעם פֿאַרנעם פֿון איר פֿאַרמערב׳ונג. זי האָט געהאַט אַ ווירקזאַמע

פארמערב'טע ארמיי און א קליינעם, אבער שטארקן פלאט. אבער דער באטייט פון איר רענעסאנס, הגם ער איז אפגעשאצט געווארן פון ענגלאנד און די פאראייניקטע שטאטן, וועלכע האבן מיט איר פארהאנדלט גלייך ווי זי וואלט געווען אן אייראפעאישע מלוכה, איז נישט פארשטאנען געווארן פון אנדערע גרויסע מאכטן, וואס זענען געווען פארנומען אין געיעג נאך נייע אינטערעס אין אזיע. רוסלאנד האט זיך געשטופט דורך מאנדזשוריע צו קארעא. פראנקרייך האט זיך שוין געהאט איינגעארדנט ווייט צו דרום אין טאנקין און אננאם און דייטשלאנד האט הונגעריק געגנישטערט נאך עפעס א ישוב. די דאזיקע דריי מאכטן האבן זיך פאראייניקט און נישט דערלאזט יאפאן צו גענישן עפעס פון דער כינעזישער מלחמה. זי איז געווען דערשעפט פון קאמף, און יענע האבן איר געדראט מיט מלחמה.

יאפאן האט זיך דערוויל אונטערגעגעבן און געזאמלט כוחות. צייט 10 יאר איז זי שוין געווען צוגעגרייט צו א קאמף מיט רוסלאנד, וועלכער באטייט אן עפאכע אין דער געשיכטע פון אזיע. דער סוף פונם פעריאד פון דער אייראפעישער העזה און חוצפה. דאס רוסישע פאלק איז, נאטירלעך, געווען אומשולדיק און נישט געוווסט פון דער צרה, וואס גייט אויף אים, און די קליגערע רוסישע מלוכה-מענער זענען געווען קעגן די דאזיקע נארישע פארויסרוקונגען, אבער דער צאר איז געווען ארומגערינגלט מיט א באנדע פינאנציעלע אוואנטוריסטן, איינשליסלעך די גרויספירשטן. זיי האבן שטארק שפעקולירט אויף דעם צוקונפטיקן זאקרויב אין מאנדזשוריע און כינע און זיי האבן נישט דערלאזט קיין שום צוריקטריט.

אזוי ארום האט זיך אנגעהויבן די טראנספארטירונג פון גרויסע יאפאנישע ארמייען איבערן ים צו פארט-ארטור און קארעא, און דאס ארויסשיקן פון אומענדליכע וואגאנען מיט רוסישע פויערים, לענג אויס דער סיבירער באן, כדי צו שטארבן אויף די ווייטע שלאכט-פעלדער. די רוסן, האבן שלעכט געפירט און

נישט ווי געהעריק אפראוויזירט, זענען געשלאָגן געוואָרן אי אויפן ים, אי אויף דער יבשה. דער רוסישער באַלטישער פלאָט איז אַרומגעשווימען אַפריקע און איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן אין די ים-פּאַסן ביי טשוסימאַ. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ביי דעם פּשוטן רוסישן פאָלק צוליב דער ווייטער און צוועקלאָזער שחיטה, און דער צאַר איז געצוווּנגען געווען צו פאַרענדיקן די מלחמה (1905). ער האָט אָפּגעגעבן די דרום-העלפט פון סאכאלין, וואָס רוסלאַנד האָט פאַרכאַפּט אין 1875, עוואַקואירט מאַנדזשוריע און זיך אָפּגעזאָגט פון קאָרעאַ לטובת יאַפּאַן.

די אייראָפּעאישע אינוואַזיע האָט זיך פאַרענדיקט און האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקגאַנג פון אייראָפּעאישן אַריינדרינגען.

קאַפּיטל 28

די בריטישע אימפּעריע אין 1914.

איצט מעגן מיר שילדערן בקיצור דעם פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער פון די באַשטאַנד-טיילן פון דער בריטישער אימפּעריע אין 1914, וועלכע די דאַמפשיף און באַן האָבן צונויפגעבונדן. זי איז געווען און איז אַ פולשטענדיק איין און איינציקע פּאָליטישע קאָמבינאַציע. קיין ענלעכעס האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

1) צום ערשטן — און דער צענטער פון דער גאַנצער סיסטעם — גייט די „געקרוינטע רעפּובליק" פון דעם פאַראייניקטן בריטישן קעניגרייך, איינשליסלעך (קעגן דעם ווילן פון אַ באַ-

דײַטנדן טײל פֿון אירלענדישן פֿאָלק) אירלאַנד. די מערהײט פֿון בריטישן פּאַרלאַמענט, װאָס באַשטײט פֿון די דרײַ פּאַראײניקטע פּאַרלאַמענטן פֿון ענגלאַנד און װעלס, שאָטלאַנד און אירלאַנד, נאָמינירט די אָנפֿירערשאַפֿט, באַשטימט די קװאַליטעט און פּאָליטיק פֿון די מיניסטעריומס, באַשטימענדיק הױפּטזעכלעך פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער בריטישער הײמישער פּאָליטיק. דער מיניסטאָרן־ראַט איז די פּאַקטישע העכסטע רעגירונג, מיט פֿולמאַכטן װעגן מלחמה און שלום, איבער דער גאַנצער רעשט מלוכה.

2) די נעכסטע אין סדר, לױט דער פּאָליטישער באַדײַטונג פֿון די בריטישע שטאַטן, זענען געװען „די געקרױנטע רעפּובליקן" פֿון אױסטראַליע, קאַנאַדע, ניופֿאונדלענד (דער עלטסטער בריטישער באַזיץ — 1583), נײַ זעלאַנד און דרום־אפֿריקע, אַלע פּאַקטיש זעלבסטשטענדיקע און זיך זעלבסט רעגירנדיקע שטאַטן אין אַן אַליאַנס מיט גרױס בריטאַניע, אָבער יעדע האָט בײַ דער קרױן אַ פֿאַרשטײער, װעלכער װערט נאָמינירט דורך דער רעגירונג, װעלכע איז בײַ דער מאַכט.

3) נאָך דעם גײט די אינדישע אימפּעריע, אַ פֿאַרבריטערונג פֿון דער אימפּעריע פֿון דעם גרױסן מאָגול, מיט אירע אָפּהענגיקע און „פּראָטעקטאָראַט"־שטאַטן, װאָס ציען זיך פֿון בעלודזשיסטאַן ביז בורמאַ און אײַנשליסנדיק אַ ד ן, אין אַלע די דאָזיקע שטאַטן האָבן די בריטישע קרױן און דאָס אינדישע מיניסטעריום (אונטער אַ פּאַרלאַמענטאַרישער קאָנטראָל) געשפּילט די ראָל פֿון דער אָריגינעלער טורקאָמאַנישער דינאַסטיע.

5) איצט װידער דער צװײדײַטיקער באַזיץ פֿון מצרים, נאָמינעל נאָך אַלץ אַ טײל פֿון דער טערקישער מלוכה און בלײַבנדיק נאָך אַלץ בײַ איר אײגענעם מאָנאַרך, דער קעדיװ, אָבער אונטער כמעט דעספּאָטישער בריטישער אָפֿיציעלער הערשאַפֿט.

5) נאָכהער די נאָך מער צווייד״טיקע „אַנגלאָ־עגיפּטישע־סודאַן־פּראָווינץ, אָקופּירט און פֿאַרוואַלטעט בשותּפֿות דורך דער בריטישער און דורך דער (אונטער בריטישער קאָנטראָל) עגיפּטישער רעגירונג.

6) ווייטער אַ צאָל פֿון טיילווייז זיך זעלבסט־רעגירנדיקע קבוצים, אַ טייל בריטישע לויט דער אָפּשטאַמונג און אַ טייל געמישט, מיט געוויילטע געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן און אַ נאָמינירטער עקזעקוטיוו, אַזעלכע ווי מאַלטאַ, דזשאַמייקאַ, די באַהאַמאַס און בערמודאַ.

7) דאַן די קרוין־קאָלאָניעס, אין וועלכע די הערשאַפֿט פֿון דער בריטישער היים־רעגירונג (דורך דעם קאָלאָניאַל־מיניסטעריום) שטיצט זיך אויף אַן אויטאָקראַטיע, ווי אין ציילאָן, טרינידאַד און פֿידזשי (וווּ ס'איז דאָ אַ נאָמינירטער ראַט) און גיבראַלטאַר און הל. העלענאַ (וווּ ס'איז דאָ אַ גובערנאַטאָר).

8) דאַן גרויסע געביטן פֿון (הויפּטזעכלעך) טראָפּישע לענדער, רוי־פּראָדוקטן געביטן, מיט פּאָליטיש־שוואַכע און האַלב־ציוויליזירטע קבוצים פֿון די איינגעבוירענע, נאָמינעל־פּראָטעקטאָראַטן און פֿאַרוואַלטעט ענטוועדער דורך אַ הויכן קאָמיסאַר, וואָס איז באַשטימט געוואָרן איבער די היימישע הויפּטן (ווי אין באַסוטאָלאַנד) אָדער איבער אַ טשאַרטער־קאָמפּאַניע (אין ראָדעזיאַ). אין טייל פֿאַלן זענען פֿאַראינטערעסירט געווען דאָס אויסערן־מיניסטעריום, און אין טייל דאָס אינדישע מיניסטעריום, צו דערוועכן דעם באַזיץ פֿון דער לעצטער און אַמווינציקסטער דעפֿיניטיווער קלאַס פֿון די אַלע באַזיצן, אָבער אין גרעסטן טייל איז איצט פֿאַר זיי פֿאַראַנטוואָרטלעך דאָס קאָלאָניאַל מיניסטעריום.

עס וועט דעריבער קלאָר זיין, אַז קיין שום איינצל מיניסטעריום און קיין שום איינצלער געהירן האָט קיינמאָל נישט געקענט באַגרייפֿן די בריטישע אימפּעריע אַלס גאַנצעס. זי איז געווען אַ געמיש פֿון וווּקסן און אַנהויבונגען איינגאַנצן פֿאַר־

שידן פון דעם, וואָס האָט אַמאָל געהייסן אימפּעריע. זי האָט גאַראַנטירט אַ ברייטן שלום און זיכערהייט, אָט דערפאַר איז זי געדולדעט געוואָרן און אונטערגעשיצט געוואָרן פון אַ סך מענטשן פון די אונטערטאַנישע ראַסעס — טראָץ דער אָפּ־ציעלער טיראַניע און נישט פעיקייט און אַ סך פאַרנאַכלעסיקייט פון דער „היים" געזעלשאַפט.

פונקט ווי די אַטענישע אימפּעריע, איז זי אויך אַ מעבר־לים־אימפּעריע: אירע וועגן זענען די ים־וועגן און איר געמיינזאַמער פאַראייניקונגס־פונקט איז געווען דער בריטישער פלאָט. פונקט ווי אַלע אימפּעריעס, הענגט איר פאַראייניקטקייט אָפּ פון די קאָמוניקאַציע מעטאָדן; די אַנטוויקלונג פון דער שיף־פירונג, שיף־בוי און דאַמפשיף צווישן דעם 16־טן און 19־טן י. ה. האָבן געמאַכט אַלס אַ מעגלעכן און באַקוועמען שלום דעם „Pax Brittanica" (בריטישער שלום) און די נייע אַנטוויקלונג פון לופט אָ־ער שנעלער יבשהט־ראַנספּאָרט קען אים צו יעדער צייט מאַכן אומבאַקוועם.

קאַפּיטל 29

דער באַוואָפנונגס־פּעריאָד אין אייראָפּע אוי די גרויסע מלחמה פון 18—1914

דער פּראָגרעס אין דער מאַטעריעלער וויסנשאַפט, וואָס האָט געשאַפן די ריזיקע דאַמפשיף־ און אייזנבאַן־מלוכה פון אַמעריקא און פאַרשפּרייט די נישט זיכערע בריטישע דאַמפשיף־מלוכה איבער דער וועלט, האָט געהאַט גאָר אַנדערע ווירקונגען אויף די איבערפעלקערטע נאַציעס פון דעם אייראָפּעאישן

קאָנטינענט. זיי האָבן זיך געפֿונען אײנגעשלאָסן אין גרעניצן, וואָס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן בעת דעם פערד-און-וועגלע פעריאָד פון דעם מענטשלעכן לעבן, און זייער עקספאַנסיע מעבר לים איז גרעסטנטיילס פאָרויס פאַרכאַפּט געוואָרן דורך גרויס בריטאַניע. נאָר איין רוסלאַנד האָט זיך פריי געקענט פאַרשפרייטן צו מזרח און זי האָט אויפגעבויט אַ גרויסע באַן איבער סיביר און זיך פאַרוויקלט אין אַ קאָנפליקט מיט יאַפּאַן, און זיך גערוקט צו דרום-מזרח צו די גרעניצן פון פערסיע און אינדיע, צו דער באַאומרואיקונג פון ענגלאַנד.

די רעשט פון די אייראָפּעאישע מלוכות זענען געווען אין אַ צושטאַנד פון אַן אינטענסיווער איבערפולונג. כדי צו רעאַליזירן די פולע מעגלעכקייטן פון די נייע אַפּאַראַטן פון מענטשלעכן לעבן, האָבן זיי געדאַרפט רעאָרגאַניזירן זייערע ענינים אויף ברייטערע יסודות, ענטוועדער דורך אַ פרייווייליקער אוניע אָדער דורך אַן אוניע, וואָס וועט זיי אויפגעצווונגען ווערן דורך אַן איבערהערשאַפט-מאַכט. די טענדענץ פון דעם מאָדערנעם געדאַנק איז געווען פאַר דער ערשטער אַלטערנאַטיווע אָבער אַלע כוחות פון דער פּאָליטישער טראַדיציע האָבן געטריבן אייראָפּע צו דער לעצטער.

די מפּלה פון נאַפּאָלעאָן III „אימפּעריע״, די גרינדונג פון דער נייער דייטשער מלוכה, האָבן פאַרשטאַרקט די מענטשנס האָפנונגען און מורא פאַר דעם געדאַנק פון אַן אייראָפּע, אַ קאָנסאָלידירטע אונטער דער דייטשער השגחה. אין משך פון 36 יאָר פון אומרואיקן שלום האָט זיך די אייראָפּעאישע פּאָליטיק געדרייט אַרום די דאָזיקע מעגלעכקייטן. פראַנקרייך, דער שטענדהאַפטיקער ריוואַל פון דייטשלאַנד פאַר דער אייראָפּעאישער הערשאַפט זינט דער צוטיילונג פון קאַרל דעם גרויסנס אימפּעריע, האָט זיך באַמיט צו פאַרשטאַרקן איר אייגענע שוואַכע פּאָזיציע דורך אַן ענגן בונד מיט רוסלאַנד, און דייטשלאַנד האָט זיך ענג פאַרבונדן מיט דער עסטרייכישער אימפּעריע

(זינט נאַפּאָלעאָן I צייטן האָט זי אויפגעהערט צו זיין די הייליקע רוימישע מלוכה) און ווינציקער דערפאָלגרייך מיט דעם איטאַליענישן קעניגרייך. לכתחילה איז גרויס בריטאַניע, ווי געווינלעך, געשטאַנען מיט איין פוס אַרויס און איין פוס אַריין אין די קאָנטינענטאַלע ענינים. אָבער שטופּנווייז איז זי געצוווּנגען געוועָן צו פאַרבונדן זיך מיט דער פראַנצויזיש-רוסישער גרופּע, אַ דאַנק דער אַגרעסיווער אַנטוויקלונג פון אַ גרויסער דייטשער ים-קראַפט.

די גרויסקייט-איינרעדעניש פון קייסר ווילהעלם II (1888—1918) האָט געשטופּט דייטשלאַנד אין פּריצייטיקע מערב-לים אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן צום סוף אַריינגעבּרענגט נישט בלויז ענגלאַנד, נאָר אויך יאַפּאַן און די פאַרייניקטע שטאַטן אין קרייז פון אירע שונאים. אַלע די דאָזיקע נאַציעס האָבן זיך באַוואָפנט. יאָר ביי יאָר איז פאַרגרעסערט געוואָרן די פּראָפּאָרציע פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע, וואָס איז געווידמעט געוואָרן דער אויסאַרבעט פון האַרמאַטן, אויסריכטונג, קריגסשיפן א. ד. ג. יאָר ביי יאָר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גלייכגעוויכט פון די ענינים ציטערט פאַר אַ מלחמה און דאַן וואָלט די מלחמה אויסגעמיטן געוואָרן. אָבער ענדלעך איז זי געקומען. די דייטשע אַרמייען האָבן מאַרשירט דורך בעלגיע, ענגלאַנד האָט זיך באַלד געשטעלט אויף בעלגיעס צד און מיט זיך מיטגעבּרענגט איר פאַרבונדעטן יאַפּאַן, און באַלד איז טערקיי אַריבער צו די דייטשן. איטאַליע איז אַריין אין דער מלחמה קעגן עסטרייך אין 1915, און בולגאַריע האָט זיך פאַראייניקט מיט די צענטראַל-מלוכות אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר.

אין 1916 איז רומעניע און אין 1917 די פאַראייניקטע שטאַטן און כינע געצווּנגען געוואָרן אַריינצוטרעטן אין דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד. עס איז נישט די אויפגאַבע פון אונדזער בוך צו באַשטימען די גענויע שולד פון דער דאָזיקער ריזיקער קאַטאַסטראָפע. די מער אינטערעסאַנטערע פראַגע

איז ; נישט פֿאַרוואָס די דאָזיקע גרויסע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, נאָר פֿאַרוואָס מ'איז נישט פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און געשטערט איר אויסברוך. פֿאַר דער מענטשהייט איז וויכטיקער דער פֿאַקט, וואָס צענטליקע מיליאָנען מענטשן זענען געווען צו „פּאַטריאָטיש" נאַריש אָדער אַפּאַטיש צו שטערן דאָס דאָזיקע אומגליק דורך אַ באַוועגונג פֿאַר אַן אייראָפּעאישער אחדות אויף אָפֿנהערציקע און גרויסמוטיקע ריכטליניען, איידער דאָס, וואָס א קליינע צאָל מענטשן האָבן געקענט זיין אַזוי אַקטיוו און דערפֿירט צו דעם דאָזיקן אומגליק. ס'איז אוממעגלעך אויף דעם אָרט, וואָס ס'איז צו אונדזער דיספּאָזיציע, נאָכצוגיין די פֿאַרפֿלאָנטערטע פּרטים פֿון דער מלחמה. נאָך אַ פּאָר מאָנאַטן איז געוואָרן באַשיינפּערלעך, אַז דער פּראָגרעס פֿון דער מאָדערנער טעכנישער וויסנשאַפֿט האָט זער טיף געענדערט דעם כאַראַקטער פֿון דער מלחמה־פֿירונג. פֿיזיקאַלישע וויסנשאַפֿט גיט מאַכט, מאַכט איבער שטאָל, שטאַרקע און קראַנקהייט ; די דאָזיקע מאַכט ווערט באַנוצט גוט אָדער שלעכט, ווענדט זיך אין דער מאָראַלישער און פּאָליטישער אינטעליגענץ פֿון דער וועלט. די אייראָפּעאישע רעגירונגען, אינספּירירט פֿון אַלטערטימלעכער פּאָליטיק פֿון האַס און פֿאַרדאַכט, האָבן געהאַט אין זייערע הענט ביישפּיללאָזע קרעפֿטן פֿון פֿאַרניכטונג און ווידערשטאַנד.

די מלחמה איז געוואָרן אַ פֿייער, וואָס פֿרעסט אויף אַלץ נעבן און אַרום דער וועלט, גורם געווען פֿאַרלוסטן סיי די זיגער, סיי די באַזיגטע, נישט אין אַן ערך גרעסערע פּראָפּאָרציע, לויט דעם אויסגאַנג. די ערשטע פֿאַזע פֿון דער מלחמה איז געווען אַן איבערראַשנדער דראַנג פֿון די דייטשן אויף פּאַריז און אַ רוסישע אינוואַזיע אין מזרח־פּרייסן. ביידע אַטאַקעס זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן. דאַן האָט זיך אַנטוויקלט דער פֿאַרטיידיקונגס־קריג ; זער שנעל האָט זיך אַנטוויקלט דער טראַנשייען קריג און אַ צייט זענען די קעגנערישע אַר-

מייען געליגן אין די טראַנשייען אין לאַנגע רייען כמעט איבער גאַנץ אייראָפּע, נישט זייענדיק אומשטאַנד צו טון אַ טריט פֿאָרויערטס אָן אויסערגעוויינלעכע פֿאַרלוסטן. דאָס זענען געווען מיליאָניקע אַרמייען און אונטער זיי זענען אָרגאַניזירט געוואָרן גאַנצע פֿעלקער, וואָס האָבן צוגעגרייט שפּייז און אַמוניציע פֿאַרן פֿראָנט. ס׳האָט אויפֿגעהערט כמעט יעדע פּראָדוקטיווע טעטיקייט, חוץ דער וואָס איז געווען געווידמעט מיליטערישע אָפּעראַציעס. אַלע געווער-פֿעאיקע מענטשן פֿון אייראָפּע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די אַרמייען אָדער ים-קרעפֿטן, אָדער אימפּראָוויזירטע פֿאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט פֿאַר זיי. אין דער אינדוסטריע איז געווען אַ געוואַלדיקע פֿאַרטרעטונג פֿון מענער דורך פֿרויען.

וואַרשיינלעך, אַז מער ווי אַ העלפֿט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין די באַלאַגערטע לענדער פֿון אייראָפּע האָבן געביטן זייער באַשעפֿטיקונג, בעת דעם דאָזיקן ווונדערבאַרן קאַמף. זיי זענען סאָציאַל אויסגעוואָרצלט געוואָרן און איבערגעפֿלאַנצט געוואָרן. דערציִונג און נאָרמאַלע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט איז באַגרעניצט געוואָרן אָדער פֿאַרווענדעט געוואָרן אויף באַלדיקע מיליטערישע צילן, און די צעטיילונג פֿון נייעס איז געווען פֿאַרקריפּלט און קאָרומפּירט דורך דער מיליטערישער קאָנטראָל און „פּראָפּאַגאַנדע” טעטיקייט.

די פֿאַזע פֿון מיליטערישן שטילשטאַנד איז ביסלעכווייז אַריבער אין אַן אַגרעסיווע אויף די קעמפֿנדע באַפֿעלקערונג הינטער די פֿראָנטן, דורך דעם צושטערן פֿון שפּייז-זאַפּאַסן און דורך לופֿט-אַטאַקעס. דערצו האָט זיך כסדר פֿאַרגרעסערט די גרויס און פֿאַרנעם פֿון די אָנגעווענדעטע האַרמאַטן און אַזעלכע אָריגינעלע מיטלען, ווי גיפֿטיקער גאַז און די קליינע באַוועגלעכע פֿאָרטן, באַקאַנט אונטערן נאָמען טאַנקס, כּדי צו צוברעכן דעם ווידערשטאַנד פֿון די טראַנשייען-אַרמייען. די לופֿט-אָפֿענסיווע איז געווען די רעוואָלוציאָנערסטע פֿון די אַלע נייע מעטאָדן. זי־

האָט אַרויסגעטראָגן דעם קאַמף פון צוויי גרעניצן און אים אַריינ־געבּרענגט אין אַ דריטער.

ביז אהער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז איז די מלחמה פאָרגעקומען דאָרט, ווו די אַרמייען האָבּן מאַרשירט און זיך געטראָפן. איצט איז זי פאָרגעקומען אומעטום. צום ערשטן די צעפּעלינען, און נאָכהער די באָמבּעס־וואַרפנדיקע אַעראָפּלאַנען, האָבּן אַריבּערגע־בּרענגט די מלחמה איבּערן און הינטערן פראָנט צו וואָס אַמאָל מער גרעסערן געבּיט פון ציווילער טעטיקייט.

דער אַלטער אונטערשיד, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אין דער ציוויליזירטער קריגספירונג צווישן ציווילער און קעמפנדער בּאַפעלקערונג, איז פאַרשוואונדן. יעדער איינער, וואָס האָט פאַר־זייעט תבואה, יעדער איינער, וואָס האָט גענייט אַ מלבּוש, יע־דער איינער, וואָס האָט געהאַקט אַ בּוים אָדער פאַרראָכטן אַ הויז, יעדע בּאַן־סטאַציע און יעדער סחורות-סקלאַד איז געווען אַ גרויסער ציל-פּונקט פאַר דער פאַרניכטונג. מיט יעדן מאָ־נאַט האָט זיך פאַרגרעסערט די ספּערע און טעראָר פון דער לופט=אָפּענסיווע. צום סוף זענען גרויסע געבּיטן פון אייראָפּע געווען אין אַ בּאַלאַגערונגס-צושטאַנד און אונטערגעוואָרפן גע־ווען נאַכט-אָנפאַלן. אַזעלכע אָפענע שטעט, ווי לאָנדאָן און פאַריז האָבּן כּסדר פאַרבּרענגט שלאָפלאָזע נעכט. בּעת די בּאָמבּעס האָבּן געפּלאַצט, די אַנטי-לופט האַרמאַטן האָבּן געעפנט אַן אומדערטרעגלעך קלאַפּעריי און די געווער־מאַשינען און די אַמבּולאַנסן האָבּן אומגעריכט געראַשט אין די פינצטערע און פאַרלאָזענע גאַסן. די ווירקונג אויף די מוחות און געזונט-צו־שטאַנד פון אַלטע לייט און קינדער איז בּאַזונדערס געווען אַ טרויעריקע און צושטערנדיקע. מגפה, יענער אַלטער נאָכפאָלגער פון מלחמה, איז ערשט געקומען צום סוף פון קאַמף, אין 1918. פיר יאָר צייט האָט די מעדיצינישע וויסנשאַפט נישט דערלאָזט צו אַן אַלגעמיינער עפּידעמיע; דאַן האָט אויסגעבּראָכן אויף

דער וועלט די אינפלוענציע, וועלכע האָט אומגעברענגט מיליאָנען מענטשן. דער הונגער איז אויך אויפגעהאַלטן געוואָרן אַ צייט. אין אָנהייב 1918 איז גאַנץ אייראָפּע געווען אין אַ צושטאַנד פון א געמילדערטן און רעגולירטן הונגער. די פּראָדוקציע פון שפּייז איז שטאַרק געפאַלן אויף דער גאַנצער וועלט, איבער דעם איינבאַרוף פון דער פויערים-באַפעלקערונג אין די אַרמייען, און די צוטיילונג פון דער שפּייז, וואָס איז יאָ פּראָדוצירט געוואָרן, איז געשטערט געוואָרן דורך דעם חורבן, וואָס די אונטער-וואַסער-שיפלעך האָבן אָנגעמאַכט, און דורך דער דעזאָרגאַניזאַציע פון דעם טראַנספּאָרט-וועזן אין דער גאַנצער וועלט. די פאַר-שידענע רעגירונגען האָבן גענומען אין זייערע הענט אַריין די איינגעשרומפּענע שפּייז-זאַפּאַסן און, מיט מער אָדער ווינציקער דערפאָלג, צוטיילט צווישן זייערע פעלקער. אין 4-טן מלחמה-יאָר האָט די גאַנצע וועלט געליטן פון אַ מאַנגל אין מלבושים, וווינונגען און אין די נאָרמאַלסטע לעבנס-מאַטע-ריאַלן, ווי אויך אין שפּייז-פּראָדוקטן. די געשעפטן און דאָס עקאָנאָמישע לעבן זענען געווען שטאַרק דעזאָרגאַניזירט, יעדער איינער איז געווען פאַרמאַטערט און ס'רוב מענטשן האָבן גע-פירט אַ לעבן פון נישט-געוווינטע אומבאַקוועמלעכקייטן. דער פאַקטישער מלחמה-צושטאַנד האָט זיך געענדיקט אין 11-טן נאָ-וועמבער 1918. נאָך אַ העכסטער אָנשטרענגונג אין פרילינג 1918, וואָס האָט געברענגט די דייטשן כמעט צו פאַריז, זענען די צענטראַל-מלוכות צוזאַמענגעבראָכן. זיי זענען שוין געווען ביים סוף פון זייער מוט און כוחות.

קאפיטל 30

די רעוואָלוציע און הונגער אין רוסלאַנד

אָבער מיט עפּעס אַ יאָר פריער פאַרן צוזאַמענברוך פון די צענטראַל-מלוכות איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן די האַלב-אָריענטאַלישע רוסישע מאָנאַרכיע, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז זי איז דער המשך פון דער ביצאַנטישער אימפּעריע.

דאָס צאַרנטום האָט שוין אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה אַרויסגעוויזן סימנים פון שטאַרקער פאַרפוילטקייט דער הויף איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון אַ פאַנטאַסטיש רעליגעזן שווינדלער, ראַספּוטין, און די עפּענטלעכע אַדמיניסטראַציע, אי ציווילע, אי מיליטערישע, איז געווען אין אַ צושטאַנד פון עקסטער נישט צוגעגרייטקייט און קאָרופּציע. אין אָנהייב מלחמה איז אין רוסלאַנד געווען אַ שטאַרקער פּאַטריאָטישער ענטוזיאַזם. ס׳איז איינבאַרופן געוואָרן אַ ריזיקע אַרמיי, פאַר וועלכער ס׳איז אָבער נישט געווען קיין גענוגנטע מיליטערישע אויסריכטונג און נישט קיין אייגנטלעכער קאָנטינגענט פון קאָמפּעטענטע אָפיצערן, און די דאָזיקע גרויסע אַרמיי, שלעכט פאַרזאָרגט און נאָך ערגער באַהאַנדלט, איז געוואָרפן געוואָרן אויף דעם דייטשישן און עסטרייכישן פראָנט. ס׳קען נישט זיין קיין שום ספק, אַז דאָס פריע באַווייזן זיך פון די רוסישע אַרמייען אין מזרח פּרייסן אין סעפּטעמבער 1914 האָט אָפּגעווענדט די ענערגיע און אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן פון זייער ערשטן זיגרייכן דראַנג אויף פּאַריז. די ליידן און מיתות פון צענטליקער טויזנטער שלעכט-געפירטע רוסישע זעלנער האָבן געראַטעוועט פראַנקרייך פון אַ פולקאָמער מפּלה אין יענער היסטאָרישער ערשטער קאַמפּאַניע און געמאַכט גאַנץ מערב-אייראָפּע פאַרן בעל-חוב פון יענעם גרויסן און טראַגישן (רוסישן) פאָלק. אָבער די אָנשטרענגונג פון דער מלחמה אויף דער דאָזיקער צושפּרייטער, שלעכט-

אָרגאַניזירטער אימפּעריע איז געווען צופּיל איבער אירע כּוחות. די רוסישע פּשוטע זעלנער זענען געשיקט געוואָרן אין שלאַכט אַריין אָן האַרמאַטן, וואָס זאָלן זיי אונטערשטיצן און אַפילו אָן ביקסן־אַמוניציע; זיי זענען פאַרשוועכט געוואָרן דורך זייערע גענעראַלן און אָפיצערן אין אַ וואַנזין פון מיליטאַריסטישן אַנטוזיאַזם. אַ צייט האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ליידן שטום, אַזוי ווי די בהמות ליידן, אָבער ס׳איז פאַראַן אַ גרענעץ אַפילו צו דער אויסהאַלטעוודיקייט פון די העכסט אומוויסנדסטע. אַ טיפער עקל צום צאַרנטום האָט אַרומגענומען די דאָזיקע אַרמייען פון פאַרשוועכטע און פאַרראַטענע מענטשן. פון סוף 1915 אָן איז רוסלאַנד געווען אַ קוואַל פון טיפער באַאומרואיקונג פאַר אירע מערב פאַרבונדעטע. דורך דעם גאַנצן 1916 איז זי ס׳רוב געבליבן אין אַ דעפענסיווע־צושטאַנד און ס׳זענען געגאַנגען קלאַנגען וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד.

דעם 29־ן דעצעמבער 1916 איז ביי אַ מיטאָג־געזעלשאַפט דערמאָרדעט געוואָרן דער מאָנאַך ראַספּוטין, און ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרשפּעטיקטער פאַרזוך צו ברענגען דאָס צאַרנטום אין אָרדנונג. אין מערץ זענען די געשעענישן געגאַנגען האַסטיק; הונגער־אומרוען אין פּעטראָגראַד האָבן זיך אַנטוויקלט צו אַ מדרגה פון אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד; ס׳איז געווען אַ פאַרזוך אונטערצודריקן די דומאַ, דער רוסישער פּאַרלאַמענט, מ׳האָט געפּרוּווט צו אַרעסטירן די ליבעראַלע אָנפירער, ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ צייטווייליקע רעגירונג מיטן פירשט לוואָוו בראש, און דער צאַר האָט אַבדיקירט (15־ן מערץ). אַ צייט האָט אויסגעזען, אַז אַ מיטלמעסיקע און קאָנטראָלירטע רעוואָלוציע קען מעגלעך זיין — אפשר מיט אַ נייעם צאַר. אָבער באַלד איז געוואָרן קלאָר, אַז דער צוטרוי צו דעם צאַרנטום איז צו שטאַרק געפאַלן, אַז עס זאָל באַרעכטיקט זיין אַזאַ מעגלעכקייט. דעם רוסישן פאָלק איז געקראָכן פון האַלדז די אַלטע אָרדנונג פון אייראָפּע, צאַרן, מלחמות און גרויסע מלוכות;

עס האָט געוואָלט אַ וואָס שנעלערע דערלייזונג פון אומדער־טרעגלעכע ליידן. די פאַרבונדעטע האָבן נישט געהאַט קיין פאַרשטענדיש פאַר דער רוסישערווירקלעכקייט; זייערע דיפּלאָמאַטן, פּריצים, האָבן נישט געקענט קיין רוסיש, זייער אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדעט אויפן רוסישן הויף, נישט אויף רוסלאַנד, און זיי האָבן כּסדר געבלאָנדזשעט אין דער נייער סיטואַציע. ס'איז געווען ווייניק גוטער ווילן ביי די דאָזיקע דיפּלאָמאַטן פאַר דעם רעפּובליקאַניזם און אַ בולטע נטיה צו שטערן דער נייער רעגירונג אויף וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך געווען.

בראש פון דער רוסישער רעפּובליקאַנישער רעגירונג איז געשטאַנען א באַרעדעוודיקער, מאַלערישער אָנפירער, קערענסקי, וועלכער איז אין לאַנד אַטאַקירט געוואָרן פון די קרעפטן וואָס האָבן אויסגעשטראָמט פון אַ טיפערער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג „די סאָציאַלע רעוואָליוציע", און איז קאַלט געשטיצט געוואָרן פון די פאַרבונדעטע רעגירונגען אין אויסלאַנד. זיינע פאַרבונדעטע האָבן אים נישט געלאָזט געבן די רוסישע פּויערים די ערד, צו וועלכער זיי האָבן געשטרעבט און נישט דעם שלום ביי זייערע גרעניצן.

די ענגלישע און פראנצויזישע פּרעסע האָבן געהעצט זייער דערשעפּטן פאַרבונדעטן צו אַ פרישער אָפענסיווע, אָבער ווען די דייטשן האָבן גאָר אין גיכן געמאַכט אַ שטאַרקן אָנגריף אויף ריגע פון דער יבשה און פון ים, האָט די ענגלישע אַדמיראַליטעט מורא געהאַט צו שיקן צו־הילף אַ באַלטישע עקספּעדיציע. די נייע רוסישע רעפּובליק האָט געמוזט קעמפן אָן שטיצע.

טראָץ דער ים־איבערהערשאַפט און די ביטערע פּראָטעסטן פון גרויסן ענגלישן אַדמיראַל, לאָרד פישער (1820—1841) דאַרף מען פאַרצייכנען, אַז די ענגלענדער און זייערע פאַרבונדעטע האָבן, חוץ עטלעכע אונטער־וואַסער אַטאַקעס, געלאָזט די דייטשן

פּאָלקאָם באַהערשן דעם באַלטיק דורך דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה. אָבער די רוסישע מאַסן זענען אַנטשלאָסן געווען צו פאַרענדיקן די מלחמה. פאַר יעדן פּרייז. אין פּעטראָגראַד האָט זיך געגרינדעט אַ קערפּערשאַפט, די סאָוויעטן, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די אַרבעטער און פּשוטע זעלנער און זי האָט געפאָדערט צונויפצורופן אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם. אין יענער צייט זענען פאָרגעקומען הונגער-אומרוען אין בערלין, די מלחמה־מידקייט אין דייטשלאַנד און עסטרייך האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן, און ס'קען נישט זיין קיין ספק, אין ליכט פון די נאכקומענדיקע געשעענישן, אַז אַזאַ קאָנפערענץ וואָלט אויסגעטרעטן אַ וועג פאַר אַ פאַרשטענדיקונגס-שלום אויף דעמאָקראַטישע ריכט־ליניעס אין 1917 און פאַר אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. קערענסקי האָט זיך געבעטן רחמים ביי די מערב־פאַרבונדעטע, אַז זיי זאָלן דערלויבן דעם צוזאַמענפאָר פון דער קאָנפערענץ, אָבער זיי האָבן אָפגעזאָגט, טראָץ דעם גינסטיקן ענטפער פון אַ קליינער מערהייט פון דער ענגלישער אַרבעטער-פּאַרטיי (לייבאָר-פּאַרטיי), מורא האָבנדיק פאַר אַ וועלט־אויסברוך פון סאָציאַליזם און רעפּובליקאַניזם.

אָן מאָראַלישער אָדער פיזישער הילף האָט די אומגליקלעכע „מעסיקע" רוסישע רעפּובליק ווייטער געקעמפט און געמאַכט א לעצטע פאַרצווייפלטע אָפענסיווע-אָנשטרענגונג אין יולי. נאָך עטלעכע אָנפאַנגלעכע דערפאָלגן איז זי דורכגעפאַלן און ווידער זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן מאַסן רוסן. די רוסישע געדולד האָט געפּלאַצט. ס'זענען אויסגעבראָכן בונטן אין דער רוסישער אַרמיי, באַזונדערס אויפן צפון־פראָנט, און אין 7-טן נאָוועמבער איז קערענסקיס רעגירונג אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן און די מאכט איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די סאָוויעטן, וואָס זענען באַהערשט געווען פון די ־־לשעוויקעס מיט זייער אָנפירער לענין, און זיי האָבן צוגעזאָגט צו שליסן שלום, נישט רעכנענדיק זיך מיט

די מערב-מלוכות. אין 2־טן מערץ 1918 איז אין בריסק אונ־
טערגעשריבן געוואָרן דער סעפּעראַטער שלום צווישן דייטשלאַנד
און רוסלאַנד. ס'איז גאָר שנעל געוואָרן קלאָר, אַז די דאָזיקע
באָלשעוויקעס זענען מענטשן פון אַ גאָר פאַרשידענער קוואַליטעט
ווי די רעטאָרישע קאָנסטיטוציאָנאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן פון
דער קערענסקי-פּאַזע. זיי זענען געווען פאַנאַטישע מאַרקסיסטישע
קאָמוניסטן. זיי האָבן געגלויבט, אַז זייער אַרויפגאַנג צו דער
מאַכט אין רוסלאַנד איז נאָר דער אָנהייב פון אַן אַלוועלטלע-
כער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און מיט דער גרונטלעכקייט פון אַ
פולקאָמען גלויבן און אַבסאָליוטער נישט-דערפאַרונג האָבן זיי
זיך גענומען צו ענדערן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אָרדנונג.
די מערב-אייראָפּעאישע און די אַמעריקאַנער רעגירונגען זענען
געווען צו-שלעכט אינפאָרמירט און נישט פעיק צו העלפן אָדער
אָנפירן מיט דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן עקספּערימענט. און
די פּרעסע האָט זיך גענומען דיסקרעדיטירן און די הערשנדיקע
קלאַסן צו פאַרצוואַרפן די אוזורפּאַטאָרן מיט אַלע מיטלען און
פאַר יעדן פּרייז, סיי פאַר זיך, סיי פאַר רוסלאַנד. אין דער
וועלט-פּרעסע איז אומגעהעמוועט געגאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע פון
די העסלעכסטע און נידערטרעכטיקסטע אויסגעטראַכטע מעשיות;
די באָלשעוויסטישע אָנפירער זענען געשילדערט געוואָרן אַלס
אומגלויבלעכע אומגעהויערן, אָנגעזאַפּטע מיט בלוט און רויב,
פירנדיק אַ זינלעך לעבן, קעגן וועלכן דיווירקלעכקייט פון
צאַרישן הויף בעת דעם ראַספּוטין-רעזשים זעט אויס שניי-ווייס.
מ'האָט געשיקט עקספּעדיציעס אויפן דערשעפּטן לאַנד, מ'האָט
צוגעגעבן חשק בונטאָוושטשיקעס און אָנפאַלער, זיי באַוואָפנט
און סובסידירט, און קיין שום מיטל איז נישט געווען צו-גע-
מיין אָדער צו-נידערטרעכטיק פאַר די איבערגעשראָקענע שונאים
פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים. אין 1919 האָבן די באָל-
שעוויקעס, רעגירנדיק איבער אַ לאַנד שוין דערשעפּט און דע-
זאָרגאַניזירט דורך אַ פינף יעריקער אינטענסיווער מלחמה, גע-

קעמפט 1) קעגן אַ בריטישער עקספּעדיציע אין אַרכאַנגעלסק 2) מיט יאַפּאַנישע אָקופּאַנטן אין מזרח-סיביר 3) מיט רומענישע, פראַנצויזישע און גריכישע קאָנטינגענטן אין דרום 4) מיטן רוסישן אַדמיראַל קאָלטשאַק אין סיביר 5) און מיט גענעראַל דעניקין, געשטיצט פון פראַנצויזישן פלאָט, אין קרים. אין יולי פון יענעם יאָר איז אַן עסטאָנישע אַרמיי מיט גענעראַל יודעניטש צוגעקומען כמעט צו פּעטערבורג. אין 1920 האָבן די פּאָלאַקן, געשטיצט פון די פראַנצויזן, געפירט מלחמה מיט רוסלאַנד, און אַ נייער רעאַקציאָנערער אָנפאַלער, גענעראַל וורַאנגעל, האָט איבערגענומען גענעראַל דעניקינ׳ס אויפגאַבע צו אָקופּירן און פאַרוויסטן זיין אייגן לאַנד.

אין מערץ 1921 האָבן זיך צעבונטעוועט די מאַטראָזן אין קראָנשטאַט. די רוסישע רעגירונג מיט איר פּרעזידענט לענין האָט איבערגעלעבט די דאָזיקע פאַרשידענע אַטאַקעס. זי האָט געוויזן אַן איבערראַשנדיקע אויסהאַלטעוודיקייט און דאָס פּשוטע רוסישע פאָלק האָט איר אונטערגעשטיצט אָן וואַקלענישן אין באַדינגונגען פון עקסטער נויט. ביים סוף 1921 האָבן ענגלאַנד און איטאַליע אָנערקענט די קאָמוניסטישע רעגירונג. אָבער אויב די באָלשעוויסטישע רעגירונג איז געווען דערפאָלגרייך אין איר קאַמף קעגן אויסלענדישע אינטערווענצן און אינערלעכע אויפשטאַנדן, איז זי אַ סך ווינציקער גליקלעך געווען מיט אירע פאַרזוכן אויפצושטעלן אַ נייע סאָציאַלע אָרדנונג אין רוסלאַנד, געשטיצט אויף קאָמוניסטישע יסודות. דער רוסישער פּויער איז אַ קליינער ערד-הונגעריקער ערד-באַזיצער און איז לויט זיינע געדאַנקן און מעטאָדן אַזוי ווייט פון קאָמוניזם, ווי אַ וואַלפיש פון פליען; די רעוואָלוציע האָט אים געגעבן די ערד פון די גרויסע גוט-באַזיצער, אָבער אים נישט געקאָנט צווינגען צו פאַרזייען תבואה פאַר עפּעס אַנדערש, חוץ פאַר אומגאַנג-געלט, און צווישן אַנדערע זאַכן האָט די רעוואָלוציע פּראַקטיש פאַרניכטעט דעם ווערט פון געלט. די אַגריקולטור-

פראָדוקציע, וואָס איז שוין געווען שטאַרק דעזאָרגאַניזירט דורך דעם צוזאַמענברוך פון די באַנען צוליב דער מלחמה־אָנשטרענגונג, איז איינגעשרומפּן געוואָרן און איז פּראָדוצירט געוואָרן דורך די פּויערים נאָר פאַר זייער אייגענעם געברויך. די שטעט זענען אויסגעהונגערט געוואָרן. איבערגעאיילטע און שלעכט־געפּלאַנטע פאַרזוכן איבערצומאַכן די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אין הסכם מיט די קאָמוניסטישע אידייען זענען דעסגלייכן געווען דערפאָלגלאָז. אין 1920 האָט רוסלאַנד מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ נישט פריער געזען בילד פון אַ מאָדערנער ציוויליזאַציע אין אַ פולקאָמען צוזאמענברוך.

די באַנען זענען פאַרזשאַווערט געוואָרן און אַרויס פון געברויך, די שטעט זענען רואינירט געוואָרן און אומעטום האָט געהערשט אַ גרויסע שטערבלעכקייט. אָבער דאָך האָט דאָס לאַנד נאָך אַלץ געקעמפט מיט אירע שונאים ביי זיינע טויערן. אין 1921 איז געווען אַן אומגערעטעניש און אַ גרויסער הונגער צווישן די פּויערים־ערדאַרבעטער אין די דורך־דער־מלחמה פאַרוויסטע דרום־מזרח פּראָווינצן. מיליאָנען מענטשן זענען אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. אָבער די פּראָבלעם פון די אומגליקן און מעגלעכן ווידעראויפלעב פון רוסלאַנד ברענגען אונדז צו־נאָנט צו די לויפנדע חילוקי־דעות, אַז מ׳זאָל וועגן זיי דאָ קענען דיסקוסירן.

קאפיטל 31

די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעקאָנסטרוקציע פון דער וועלט.

דער פאַרנעם און מאַסשטאַב, לויט וועלכע אונדזער בוך איז צוזאַמענגעשטעלט, דערלויבן אונדז נישט זיך אריינצולאָזן אין דער קאָמפּליצירטער און שאַרפער פּאָלעמיק, וואָס דרייט זיך אַרום די טראַקטאַטן, באַזונדערס, אַרום דעם ווערסאַלער טראַקטאַט, מיט וועלכן ס'האָט זיך פאַרענדיקט די גרויסע מלחמה. מיר הייבן איצט אָן צו באַגרייפן, אַז יענער קאָנפליקט, ווי שרעקלעך און אויסערגעוויינלעך ער איז נישט געווען, האָט גאָרנישט פאַרענדיקט, גאָרנישט אָנגעהויבן און גאָרנישט דער-ליידיקט. ער האָט דערהרגעט מיליאָנען מענטשן; ער האָט פאַרוויסט און פאַראָרימט די וועלט.

אין בעסטן פאַל איז ער געווען אַ שאַרפער און שרעק-לעכער דערמענונג, פון אונדזער נאַריש און מיש-מאַש זיכש אין אַ געפערלעכער און נישט-סימפּאַטישער וועלט. ער האָט פולקאָם צושמעטערט רוסלאַנד. דער רויער אָרגאַניזירטער עגאָאיזם און די ליידנשאַפטן פון נאַציאָנאַלער און אימפּעריאַליס-טישער גיריקייט, וואָס האָבן געטריבן די מענטשהייט צו יענער טראַגעדיע, זענען אויפגעשווימען פון דעם קאָנפליקט געגוג נישט אָפּגעשוואַכט, כדי העכסט וואַרשיינלעך צו דערמעגלעכן אַן ענלעך אומגליק, אַזוי ווי נאָר די וועלט וועט צו-זיך אַ ביסל קומען פון איר מלחמה-דערשעפונג און מידיקייט. מלחמות און רעוואָלוציעס טון גאָרנישט אויף; זייער העכסטע דינסט פאַר דער מענטשהייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי פאַרניכטן, אויף אַ זייער רויען און פיינלעכן אופן, פאַרעלטערטע און שטערנ-דיקע זאַכן. די גרויסע מלחמה האָט אַוועקגענומען פון אייראָפּע די סכנה פון דייטשן אימפּעריאַליזם און דערשיטערט דעם רו-

סישן. זי האָט געמאַכט אַ וועג פאַר אַ רייע מאָנאַרכיעס, אָבער אין אייראָפּע פלאַטערן נאָך אַ מענגע פענער, די גרעניצן זענען נאָך פּראוואצירנד, גרויסע אַרמייען קלויבן פרישע אויסריכטונג־זאַפּאַסן. די ווערסאַלער שלום־קאָנפערענץ איז געווען אַ פאַרזאַמלונג וואָס איז געווען זייער שלעכט צוגעפּאַסט, אַז זי זאָל קענען עפּעס מער אויפטון, ווי דערפירן די קאָנפליקטן און מפּלות פון דער מלחמה צו זייערע לאָגישע פּועל־יוצא'ס. מ'האָט נישט דערלויבט די דייטשן, עסטרייכער, טערקן און בולגאַרן אַנטייל צו נעמען אין די פאַרהאַנדלונגען; זיי האָבן געמוזט אָננעמען די דיקטירטע באַדינגונגען. פון שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן וווילשטאַנד איז דאָס אויסקלויבן דאָס אָרט פון דער קאָנפערענץ געווען באַזונדערס נישט מזלדיק. אין ווערסאַל איז עס געווען אין 1871, ווען די נייע דייטשע אימפּעריע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן מיט טריומף. ס'האָט געזיגט דער געדאַנק וועגן אַ מעלאָדראַמאַטישן קעגנזאַץ צו יענער סצענע. אין דעם זעלבן שפּיגל־זאַל. אויב אין אָנהייב מלחמה זענען געווען וואָסערע עס איז גרויסמוטיקע געדאַנקען, זענען זיי שוין לאַנג פאַרשוווּנדן געוואָרן.

די פעלקער פון די זיגרייכע לענדער האָבן זייער גוט געקענט זייערע אייגענע פאַרלוסטן און ליידן און פולקאָם זיך נישט גערעכנט מיטן פאַקט, אַז די געשלאָגענע זענען באַצאָלט געוואָרן מיטן זעלבן. די מלחמה איז אַנטשטאַנען אַלס אַ נאַטירלעכע און אומפאַרמיידלעכע קאָנזעקווענץ פון די ריוואַליזירנדיקע נאַציאָנאַליזמען פון אייראָפּע און דעם מאַנגל פון אַ פעדעראַלער אָרגאַניזירונג פון די דאָזיקע קאָנקורירנדיקע קרעפטן;

מלחמה איז דער נויטווענדיקער לאָגישער ענד-ציל פון די אומאָפּהענגיקע סווערענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס לעבן אין אַ צו־קליינעם געביט מיט אַ צו־שטאַרקער באַוואָפנונג; און אויב די גרויסע מלחמה וואָלט נישט געקומען אין דער פאָרם ווי זי איז געקומען, וואָלט זי געקומען אין אַן אַנדערער ענלעכער פאָרם,

פונקט ווי די וועט זיכער זיך איבערחזרן אין אַ נאָך מער אומגליקלעכערן מאַסשטאַב אין 20 אָדער 30 יאָר, אויב קיין שום פּאָליטישע אוניפיקאַציע וועט ניט פאַרלויפן דעם וועג און שטערן. שטאַטן, וואָס זענען אָרגאַניזירט צו מלחמה, וועלן פירן מלחמות, פּונקט ווי ס׳איז זיכער, אַז הינער וועלן לייגן אייער. אָבער די געפילן פון די אומגליקלעכע און דערשעפּטע לענדער האָבן גרינגעשעצט דעם דאָזיקן פאַקט, און די אַלע באַזיגטע פעלקער זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַן אופן, גלייך ווי זיי וואָלטן מאָראַליש און מאַטעריעל פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר אַלע שאָדנס, און יענע וואָלטן, בלי ספק, אַזוי באַהאַנדלט די איצטיקע זיגרייכע פעלקער, אויב דער אויסגאַנג פון דער מלחמה וואָלט געווען אַן אַנדערער.

די פראַנצויזן און ענגלענדער האָבן געהאַלטן, אַז די דייטשן זענען שולדיק, די דייטשן, אַז די רוסן, פראַנצויזן און ענגלענדער זענען שולדיק, און נאָר אַן אינטעליגענטע מינדערהייט האָט געהאַלטן, אַז אין אַלץ איז שולדיק דער צובראָקלטער פּאָליטישער צושטאַנד פון אייראָפּע. דער צוועק פון ווערסאַלער טראַקטאַט איז געווען, אַז ער זאָל זיין אַ ביישפּילגעבנדער און נקמה־נעמענדיקער; ער האָט אַרויפגעלייגט שטויגענדע שטראָפן אויף די באַזיגטע; ער האָט זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען שאָדן־ערזאַץ פאַר די פאַרוונדעטע און ליידנדע זיגער, אויפצווינגנדיק ריזיקע חובות אויף סיי־ווי־סיי שוין באַנקראָטירטע נאַציעס, און זיינע פאַרזוכן צו רעקאָנסטרויִרן די אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען, דורך דער גרינדונג פון אַ פעלקערליגע קעגן מלחמה, זענען באַשיינפּערלעך געווען ניט־אויפריכטיק און ניט־גענוגענט. אויף וויפל ס׳גייט וועגן אייראָפּע, איז עס אַ ספק צי עס וואָלט געווען אפילו אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן די אונטערנאַציאָנאַלע באַציונגען פאַר אַ פערמאַנעטן שלום. דער פּראָיעקט פון אַ פעלקער ליגע איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער פּראַקטישער פּאָליטיק דורך פּרעזידענט ווילסאָן,

פרעזידענט פון די פאַריייניקטע שטאַטן. ער איז דער עיקרשט געשטיצט געוואָרן אין אַמעריקאַ. וואָס אנבאַלאַנגט די פאַריי- ניקטע שטאַטן, די דאָזיקע נייע מאָדערנע מלוכה, האָבן זיי נישט אַנטוויקלט קיין שום קלאָרע אידייען וועגן די אונטערנאַציאָ- נאַלע באַציונגען, חוץ דער מאנרא-דאָקטרין, וואָס האָט געשיצט אַמעריקאַ פון אַן אייראָפּעאישער אינטערווענץ. און דאָ זענען זיי פּלוצלונג אויפגעפאָדערט געוואָרן גייסטיק בייצושטייערן צו די ריזיקע פּראָבלעמען פון דער צייט. זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו געבן. די נאַטירלעכע נטיה פון אַמעריקאַנער פאָלק איז געווען אין דער ריכטונג צו אַ פּערמאַנענטן וועלט-שלום. אָבער מיט דעם איז אויך געווען פאַרבונדן אַ שטאַרק טראַ- דיציאָנעלער אומצוטרוי צו דער אַלטער וועלט'ס פּאָליטיק און אַ געוווינהייט צו איזאָלירן זיך פון דער אַלטער וועלט'ס פאַר- פּלאָנטערגישן. די אַמעריקאַנער האָבן קיים געהאַט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַן אַמעריקאַנער לייזונג פון די וועלט פּראָב- לעמען. און דאָ זענען זיי, צוליב דער דייטשער אונטערוואַסער קאַמפּאַניע, אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער מלחמה אויף דעם אַנטי-דייטשן צד. פּרעזידענט ווילסאָנ'ס פּראָיעקט פון אַ פעל- קער-ליגע איז נאָר געווען אַ פאַרזוך, אין קורצע שטריכן, צו שאַפן אַ בולטן אַמעריקאַנער וועלט פּראָיעקט. ער איז געווען אַ שקיצנאַרטיקער, נישט גענוג אויסגעאַרבעטער און געפערלע- כער פּראָיעקט. אָבער אין אייראָפּע איז ער גענומען געוואָרן אַלס אַרייפער אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט. דער רוב פון דער מענטשהייט אין 1918—19 איז שטאַרק מיד געווען פון מלחמה און גרייט געווען פאַר יעדן פּרייז אויפצושטעלן באַריערס קעגן איר ווידערקום, אָבער ס'איז נישט געווען קיין אייך רע- גירונג אין דער אַלטער וועלט, וואָס זאָל וועלן נאָכלאָזן אַ פּינטעלע פון אירע סוּווערענע רעכט כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. פּרעזידענט ווילסאָנ'ס אויפרופונגען וועגן דעם פּראָ- יעקט פון אַ פעלקער-ליגע אַ צייט האָט זיך געדוכט, אַז

אפעלירן איבער די קעפּ פון די רעגירונגען צו די פעל־קער פון דער וועלט; מ׳האָט זיי אָנגענומען אַלס אויסדרוק פון אמעריקא׳ס רייפע כונות, און דער ענטפער דארויף איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. צום אומגליק האָט פּר. ווילסאָן געהאַט צו טון מיט די רעגירונגען, נישט מיט די פעלקער; ער איז געווען אַ מענטש, פעאיק אויף איבערראַשנדע וויזיע־שטימונגען, און דאָך, ווען ס׳איז געקומען צו דער פּראַקטיק, עגאאיסטיש און באַגרעניצט, און די גרויסע כוואַליע פון אַנטוזיאזם, וואָס ער האָט אַרויסגערופן, איז אַוועק און פאַרשוועכדעט געוואָרן.

זאָגט ד״ר דילאָן אין זיין בוך „די שלום קאָנפערענץ״.

„איירָאָפּע, ווען דער פּרעזידענט האָט דערגרייכט אירע ברעגן, איז געווען ווי ליים, וואָס איז צוגעגרייט פאַר דעם שעפערישן טעפּער. ווי קײנמאָל נישט פריער, זענען די פעלקער אַזוי דורשטיק געווען נאָכצוגיין נאָך אַ נייעם משה, וועלכער זאָל זיי נעמען אין דעם שוין־פון־לאַנג־צוגעזאָגטן לאַנד, וווּ מלחמות זענען פאַרבאָטן און מ׳ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אזוינס בלאָקאַדע. לויט זייער דענקען איז ער געווען דער גרויסער פירער. אין פראַנקרײך האָבן מענטשן זיך געבוקט צו אים מיט יראת הכבוד און ליבע. אַרבעטער־אָנפירער אין פּאַריז האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן געוויינט פאַר פרייד אין זיין אָנוועזנהייט און אַז זייערע חברים וועלן גיין אין פייער און אין וואסער, כדי צו העלפן אים צו רעאליזירן זיינע נאָבעלע פּראָ־יעקטן. פאַר דער אַרבעטער־קלאַס אין איטאַליע איז זיין נאָ־מען געווען ווי אַ הימלישער שופר, אויף וועמענס רוף די ערד וועט זיך באַנײען. די דייטשן האָבן אים און זיין דאָקטרין באַ־טראַכט אַלס זייער רעטונגס־גאַרטל. דער אומדערשראָקענער הער מילאָן האָט געזאָגט: „אויב דער פּרעזידענט ווילסאָן וואָלט זיך געווענדעט צו די דייטשן און אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן פּסק אויף זיי, וואָלטן זיי אים אַקצעפּטירט מיט רעזיגנאַציע און

אָן א מורמל און באַלט זיך גענומען צו דער אַרבעט". אין דייטש-עסטרייך האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ דערלייזער און דאָס בלויזע דערמאָנען זיין נאָמען איז געווען ווי באַלזאַם פאַר די ליידנדיקע און ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען דעם צער פון די געפייניקטע".

אט אַזעלכע זענען געווען די איבערגעטריבענע האָפענונגען, וואָס פרעזידענט ווילסאָן האָט אויפגעוועקט. ווי גרונטלעך ער האָט זיי אַנטוישט און ווי שוואַך און פרוכטלאָז ס'איז די פעלקער-ליגע, וואָס ער האָט געשאַפן, איז אַ צו־לאַנגע און אַ צו-טרויריקע היסטאָריע, אַז מ'זאָל זי דאָ דערציילן. אין זיין פערזאָן האָט ער פארקערפּערט אין א גוזמאדיקער מאָס אוּדזער געמיינזאַמע מענטשלעכע טראַגעדיע. ער איז געווען אַזוי גרויס אין זיינע פאַנטאַזיעס און אַזוי נישט פעאיק זיין, צו פאַרווירקלעכן. אַמעריקא האָט נישט מסכּם געווען מיט די מעשים פון איר פרעזידענט און נישט געוואָלט פאַרייניקן זיך מיט דער ליגע, וואָס אייראָפּע האָט פון אים אָנגענומען. ביסלעכווייז האָט דאָס אַמעריקאנער פאָלק אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז זיי זענען אריין אין אַזוינס, צו וועלכן זיי זענען פולקאָם נישט געווען צוגעגרייט. אין אייראָפּע האָט מען אנטשפּרעכנד צו דעם פארשטאנען, אַז אַמעריקא האָט גאָרנישט קיין גרייטע זאַך צו געבן דער אַלטער וועלט אין איר נויט. פריצייטיק געבוירן און אַ פאַרקריפּעלטע ביים געבורט, איז די ליגע מיט איר אויסגעאַרבעטע און נישט פּראַקטישער קאָנסטיטוציע און איר בולטע מאַכט-באַגרענעצונג אין אמתן געוואָרן אַן ערנסטע שטערונג אויף דעם וועג צו אַ ווירקזאַמער רעאָרגאַניזאַציע פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען.

די פּראָבלעם וואָלט געווען אַ סך קלאָרער, ווען די ליגע וואָלט נאָך נישט עקזיסטירט. אָבער יענץ פייער פון אנטוזיאַזם, וואָס האָט לכתּחילה באַגריסט דעם פּראָיעקט פון אַ וועלט-קאָנטראָל פון מלחמה, יענע גרייטקייט פון די מענטשן פון דער

גאַרער וועלט, פֿון מענטשן אין אונטערשיד צו די רעגירונגען, איז אַ זאַך, וואָס דאַרף שטאַרק באַטאָנט ווערן אין יעדן געשיכטע־בוך. אונטער די קורצזיכטיקע רעגירונגען, וואָס צוטיילן און מיספֿירן די מענטשלעכע ענינים, עקזיסטירט און וואַקסט אַ רעאַלע קראַפֿט פֿאַר וועלט־אחדות און וועלט־אָרדנונג.

פֿון 1918 אָן איז די וועלט אַריין אין אַ פּעריאָד פֿון קאָנפֿערענצן. פֿון זיי אַלע איז די דערפֿאָלגרייכסטע און אָנרעגנדסטע געווען די וואַשינגטאָנער קאָנפֿערענץ, וואָס איז צוזאַמענגערופֿן געוואָרן דורך פּרעזידענט האַרדינג (1921). צו באַצייכענען דאַרף מען אויך די גענועער קאָנפֿערענץ (1922) צוליב דעם אָנטייל פֿון דייטשע און רוסישע דעלעגאַטן אין די אונטערהאַנדלונגען. מיר ווילן דאָ נישט אויספֿירלעך דיסקוטירן וועגן דער דאָזיקער רייע קאָנפֿערענצן און עקספּערימענטן. עס ווערט וואָס אַמאָל בולט קלאָר, אַז די מענטשהייט דאַרף אָנהייבן אַ ריזיק קאָנסטרוקציע ווערק, אויב מ'וויל אויסמיידן אַזעלכע דערשיטערונגען און וועלט־שחיטות, ווי די גרויסע מלחמה. קיין שום איבעראײַלטע אימפּראָוויזאַציעס, ווי די פֿעלקער־ליגע, קיין שום געלאַטעטע סיסטעמען פֿון קאָנפֿערענצן צווישן דער אָדער יענער גרופּע פֿון מלוכות, וועלכע פֿאַרענדערן גאָרנישט און מאַכן אַן אָנשטעל, גלײַך ווי זיי וואָלטן אַלץ דערליידיקט, וועלן נישט אַנטקעגנקומען די קאָמפּליצירטע פּאָליטישע נויטווענדיקייטן פֿון דער נײַער אָנקומענדיקער צײַט. ס'איז נויטיק אַ סיסטעמאַטישע אַנטוויקלונג און אַ סיסטעמאַטישע אָנווענדונג פֿון די וויסנשאַפֿטן פֿון דער מענטשלעכער קרובה'שאַפֿט, פֿון פּערסאָנאַלע און גרופּן־פּסיכאָלאָגיע, פֿון פֿינאַנציעלע און עקאָנאָמישע וויסנשאַפֿטן און דערציונג, וויסנשאַפֿטן, וואָס ליגן נאָך אין די וויקעלעך. דאָס אָרט פֿון פֿאַרעלטערטע און ענגהאַרציקע, טויטע און גוזמדיקע מאָראַלישע און פּאָליטישע אידייען דאַרף פֿאַרנעמען אַ קלאָרערע און פּשוטערע קאָנצעפּציע פֿון דער געמיינזאַמער אָפּשטאַמונג און גורל פֿון אונדזער מענטשלעכן מין.

אָבער איבער די סכנות, מישמאַשן און אומגליקן, וואָס רינגלען אַרום דעם מענטש פון די היינטיקע צייטן, זענען אויסערגאָרוויינלעכע, ווי די דערפאַרונגען פון עבר, איז עס דערפאַר, ווייל די וויסנשאַפט האָט אים געגעבן אַזאַ מאַכט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט.

און די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע מעטאָד פון אונערשראָקענעם געדאַנק, אויסשעפנדע דורכזיכטיק-קלאָרע פעסטשטעלונגען, אויסשעפנדיקע קריטיקירטע פלענער, וועלכע האָבן אים געגעבן די דאָזיקע און נישט-קאָנטראָלירטע כוחות, גיט אים אויך די האָפענונג צו קאָנטראָלירן זיי. דער מענטש איז נאָך אַלץ אין זיין בחור'שאַפט. זיינע דאגות זענען נישט די דאגות פון אַלטקייט און דערשעפונג, נאָר פון נאָך מער פאַרגרעסערטע און נישט דיסציפלינירטע כוחות.

ווען מיר קוקן אויף דער גאַנצער געשיכטע ווי אויף איין פּראָצעס, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געטון אין אונדזער בוך, ווען מיר זען דעם כסדר'דיקן אַרויפגאַנג פון לעבנס-קאַמף אין דער ריכטונג צו קאָנטראָל און וויזיע, דאַן זען מיר אין זייערע אמת'ע פּראָפּאָרציעס די האָפנונגען און געפאַרן פון דער היינטיקער צייט. מיר זענען ערשט קוים ביי דעם פריסטן טאָג, פון דער מענטשלעכער גרויסקייט.

אָבער אין דער שיינקייט פון אַ בלום און זונאונטערגאַנג, אין דער גליקלעכער און פּרעכטיקער באַוועגונג פון יונגע חיות און אין דער פּרעכטיקייט פון צענער טויזנטער פאַרשידענע לאַנדשאַפטן, האָבן מיר געוויסע רמזים, וואָס דאָס לעבן קען זיין פאַר אונדז, און אין געוויסע ווערק פון דער פּלאַסטישער און מאַלעריי-קונסט, אין טייל גרויסע מוזיקאַלישע ווערק, אין אַ פּאָר פיינע גלענצנדיקע געביידעס און גוט-איינגעאָרדנטע גערטנער, האָבן מיר אָנדייטונגען, וואָס דער מענטשלעכער ווילן קען אויפטון מיט מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. מיר האָבן פאַנטאַזיעס; מיר האָבן היינט אַ וואָס-אַ מאָל מער זיך פאַר-

גרעסערנדיקע נישט-דיסציפלינירטע מאכט. צי קענען מיר צוויפלען, אז אין גיכן וועט אונדזער ראסע מער ווי באגרייפן די דרייסטסטע אימאגינאציעס, אז זי וועט דערגרייכן אחדות און שלום, אז זי וועט לעבן, די קינדער פון אונדזער פלייש און בלוט וועלן לעבן, אין א וועלט, א פרעכטיקערע און שע- נערע, ווי די אונדז היינט באקאנטע פאלאצן און גערטנער, גייענדיק פאָרווערטס פון מאכט צו מאכט אין א שטענדיק-זיך פארגרעסערטער ספערע פון אונטערנעמונג און דערגרייכונג. דאָס, וואָס דער מענטש האָט אויפגעטון, די קליינע טראמפן פון זיין יעצטיקן צושטאנד, און די גאנצע געשיכטע, וואָס מיר האָבן דערציילט, איז נאָר א פרעליוד צו די ווערק, וואָס דער מענטש דארף נאָך שאפן.

ס ו ף